STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05901

OREM GLIK

Iosef Okrutny

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יוסף אַקרוטני

אָרעם גליק

Copyright by
I. OKRUTNY
Buenos Aires

Hecho el depósito que marca la ley

INDUSTRIA ARGENTINA

שער־בלאַט: לעאָן פּאַז
וויניעטעס: רפאל מאַנדעלצווייג ע״ה

Este libro se terminó de imprimir el 20 de setiembre de 1966 en los Talleres Gráficos "Zlotopioro Hnos." S. R. L., San Luis 3149, Buenos Aires.

יוסף אָקרוטני

אָרעם גליק

בוך - קאָמיטעט
און יידישער פּענקלוב אין ניו-יאָרק
בוענאָס-איירעס, תשכ״ז, 1966

יוסף אָקרוטני / אָרעם גליק /

אַ הויז אויף אַלטשטאָט /

ראָמאַנען

בוענאָס־איירעס, אַרגענטינע

I. OKRUTNY

DICHA HUMILDE

(OREM GLIK)

BUENOS AIRES, 1966

דאָס דאָזיקע בוך דערשיינט צו די דרייסיק יאָר זינט עס האָט זיך באַוויזן יוסף אָקרוטנים ערשטע בוך „אונדזער אָרעם ברויט" (וואַרשע, 1936) און עס פֿאַלט גראָד אויס דאָס זעכציקסטע געבוירניאָר פֿונעם מחבר.

דאָס זענען צוויי פֿונדאַמענטאַלע דאַטעס אין לעבן פֿון אַ שרייבער: דער ערשטער אַרויספֿאָר אין דער ליטעראַטור מיט אַ שאַפֿונג וואָס דאַרף פֿאָרשטעלן דעם יונגן מחבר און — דאָס באַווייזן זיך פֿון אַ ווערק, אין וועלכן דער שרייבער קומט שוין מיט זיין אויסגעפֿורעמטן קלסתר-פּנים. און נאָך אַ פּרט: י. אָקרוטני געהערט צו דער שארית-השחיטה פֿון אומגעבראַכטן ייִדישן פֿאָלק וואָס האָט ביז די אומפֿאַרגעסלעכע שוואַרצע יאָרן געלעבט אין אייראָפּע.

אין דעם שטח וואָס צווישן זיין ערשטלינג-ווערק און דער שפּעטסטער שאַפֿונג הויערט נישט בלויז דער חשבון פֿון דרייסיק יאָר ליטעראַרישע מי, נייערט אויך יענע גורלדיקע ענדערונגען וואָס די געשיכטע האָט אַזוי העפּטיק אַריינגעפֿירט אינעם לעבן פֿון אַ פֿאָלק, דהיינו, דעם חורבן און דעם אין גרונט איבערגעביטענעם שטייגער פֿון ייִדישן ז ע ן א ו ן פ י ל ן. און דאָס איז אַנזעעוודיק אין אָקרוטנים שאַפֿן. פֿאַרן שרייבער האָט די טראַגיק זיך אויסגעווירקט אין שאַרפֿע בילדער פֿון ייִדישער פֿאַרוויסטונג וואָס רירן מיט זייער שטילער טאָנירונג. די קינסטלערישע עדותשאַפֿט פֿון אָטדער גאָלגאָטע האָט אָקרוטני געגעבן אין אַ ריי ווערק, אָבער ער האָט אויך שוין שאַפֿונגען, וואָס טעמאַטיש געהערן זיי צום תחום פֿון דעם אַרגענטינער מאָטיוו.

ביי אַנדערטהאַלבן יאָרצענדלינג איז אָקרוטני אַ תושב פֿון בוענאָס-איירעס, ווו ער האָט באַשיימפּערלעך צוריק געוווּנען דעם שעפֿערישן גלייכגעוויכט. דאָ זענען אַרויס אַ צאָל פֿון זיינע ביכער. און אָט דערשיינט דער דאָזיקער באַנד וואָס נעמט אַריין צוויי ווערק: דעם ראָמאַן „אָרעם גליק", אָנגעשריבן אין בוענאָס-איירעס אין יאָר 1965 און דער ראָמאַן „אַ הויז אויף אַלטשטאָט", וואָס איז געשאַפֿן אין לאָדזש אין 1937. דער צווייטער ראָמאַן באַווייזט זיך איצט אין אַ ניי-באַאַרבעטער ווערסיע, ווייל דאָס בוך (אַרויס אין וואַרשע 1938) האָט בשעתו נישט באַקומען די געהעריקע פֿאַרשפּרייטונג מחמת די בהלה-שטימונגען וואָס האָבן שוין דעמאָלט געהערשט אין דעם פּוילישן ייִדן-צענטער. אין פּערספּעקטיוו פֿון אַזוי פֿיל צייט זעט איין דער מחבר די נייטיקייט פֿון שינויים, וועלכע ער האָט

אַריינגעבראַכט אין דעם ווערק. פּאַראַן אַגב אויך אינעווייניקדיקע באַרירפּונקטן אין די ביידע שאַפונגען: דער טיפער אויפטרייסל פון די שפּעטע דרייסיקער יאָרן, ווען עס האָט שוין געוווירן דער אַנטי־יידישער פּאָגראָם אין פּוילנס שטעט און שטעטלעך. ערשט זעט זיך ווי פאַרשיידן עס איז די אַטמאָספער, ווערדליק עס וויקלט זי פונאַנדער דער בעלעטריסט אין שפּעטערדיקע בילדער. פּוילן, די וואָלגע־סטעפּעס, סיביר, מיטלאַזיע, איטאַליע און לסוף אַרגענטינע זענען די פּלאַכן פון זיין נייעם לאַנדשאַפטלעכן און פּסיכאָלאָגישן געמעל.

און לסוף: אויף דער שטרעקע וואָס צווישן דעם ערשטן בוך און דעם נייסטן ווערק צאַפּלט זיך אויך דער גורל פון אָקרוטנים גאַנצן שרייבערישן אויפטו: אַ טייל פון זיינע כתב־ידן זענען פאַרלוירן געוואָרן אין שטורעם פון די גרויליקע געשעענישן און גלותן איבער קאָנטינענטן. עס איז, פאַרשטייט זיך, נישט שכיח צו רעסטאַווירן יענע שאַפונגען וואָס זענען אַנטשטאַנען אין האַסטיק־פּערענדערטע שטימונגען אונטער פאַרשיידענע קלימאַטן און רעזשימען. פון די פאַרלוירן־געגאַנגענע ווערק איז אַרויסצוהייבן לפּחות דעם ראָמאַן „טריבער פרילינג", וואָס דער וואַרשעווער יידישער פּענקלוב (פּאָרזיצער נח פּרילוצקי הי"ד) האָט שוין געהאַט אָפּגעגעבן צום דרוק אין 1939 ווי אַן אויסגאַבע פון דער רעפּרעזענטאַטיווער שרייבער־פאַראייניקונג. דאָס ווערק איז געפאַלן אויפן חורבן־באַרג פון יידישן לעבן.

עס איז דעריבער אַ גענוגטואונג פון יוסף אָקרוטנים פריינד וואָס זיי קענען איצט אים אונטערטראָגן ווי אַ באַשיידענע מתנה זיינס אַ ניי בוך. ביי דעם אָנשטרענג האָט די גרופּע געהאַט די סאַטיספאַקציע וואָס דער יידישער פּענקלוב אין ניו־יאָרק האָט מיטגעווירקט צום רעאַליזירן די דאָזיקע אויפגאַבע.

בוך־קאָמיטעט

שמואל גלאַזערמאַן, פּאָרזיצער
מאַטעס קרישטאַלקאַ,
משה ב. לעדערמאַן,
יעקב קרייצער,
נחום לינדמאַן,
ד"ר יוסף קאַמינקער,
ישראל מאַרמורעק,
נפתלי זאָממער,
מאיר פּרענגלער,
יוסף אַלטמאַן.

בוענאָס־איירעס, אויגוסט 1966

ארעם גליק

קאַפּיטל איינס

ווי אַ טשאַד איז ביטערניש שטענדיק געשטאַנען אין שטוב. פון אַלע זייטן האָבן אויף דער דאָזיקער שטוב זיך אַראָפּגעלאָזן דאגות, קרעגקענישן. ס׳איז געווען ווי אַ להכעיס־שפּיל פונעם שלים־שלימזל, וואָס האָט זיך געוואָרפן אויף דעם הויזגעזינד. די צרות האָבן געריסן־געפּייפט ווי אַ צוגווינט. מ׳קען לא־עלינו משוגע ווערן! אַז קיין איין טאָג איז נישט באַשערט אַ ביסל מנוחה! — האָט זיך געקרימט שיינדל. דער מוח ווערט צעשפּאַרט — פלעגט קלאָגן דער מאַן.

דער אמת איז, אַז אַלע מאָל האָבן אויפן הויז אָנגערוקט נייע זאָרגן און דער דלות האָט זיך געלייגט אויף די שטוביקע ווי אַ שווערער שטויב. אָט אַ מעשה מיט אַן אונטערגעוואַקסן קינד וואָס ברענגט אַהיים אַ ווייטיק פון דער פּאַרריסענער גאַס און אָט אַ צרה מיטן טעגלעכן ברויט. דער סוחר לייזט נישט, איז דער באַלמעלאָכע דאָס ערשטע כפּרה־הינדל: ווידער לאָזט זיך אַראָפּ אַ ליקוי חמה. מ׳וועט ווידער מוזן איינצ:יען די קישקעס!

האָרכסט, שיינדל? שוין לאַנג נישט געווען קיין אָנזאָג פון אַ קריזיס. מיין העפּטעריי הימלט שוין באָכאַשעם!

לאָז געמאַך, איטשע! דער ניגון איז אַ נגידישער. ר׳האָט זיך מיר שוין איינגעגעסן אין די ביינער. זיי האָבן עס ליב צו צעקייען, די פּאַבריקאַנטלעך, די הורטאָווניקעס. מיינסט, זיי איז טאַקע אַן אָכעניש? זיי האָבן נאָר גרויסע אויגן אויף די מאַגנאַטן פון דער בראַנזשע, די וואָס האָבן אָנגעזשויבט גרעסערע אוצרות. אַלץ איז זיי ווינציק. משטיינס געזאָגט, צו וואָס די זינדיקע יאָגן זיך! ס׳עט זיי דען העלפן? ס׳עט קומען דער טאָג, וועלן זיי אויכעט זיך מוזן אָפּטראָגן. אַ נעבעך איז נאָר אויף די קליינע מענטשעלעך. זיי וועלן דערוויל מוזן שלינגען שפּייעכץ.

אָבער איטשע האָט שוין שווער געשוויגן, מיטן בליק ממש אָנגעטאָפּט די כמאַרע פון נויט, וואָס זעצט זיך אָפּ אין די ווינקלען פון דער שטוב.

— כ׳זאָל נישט זינדיקן מיט די רייד, אַ פּרנסה! אונדזערע שונאים געזאָגט נישט קאַ׳ בעסערע — האָט די יידענע פלוצלינג זיך צעתחינהט און אָפּגעקערט פונעם מאַן דאָס פּנים כדי צו לאָזן איר מעסטל טרערן, וואָס האָט אַ דריק געטאָן. — תמיד איז ס׳ביסל חיונה ביי זיי אויפן משקולת! אַנדערע גיבן זיך יאַקאָש אַן עצה. מסתמא איז מען נישט ווערט קאַ׳ בעסערס!

גאָר אָפּט האָט די יידענע אַזוי זיך צעקרעכצט. זי ווייסט שוין: די גרויסע שטאָט פאַלט שטענדיק אויפן פלאַקערנדיקן שייטער פון סעזאָן און דער אויסגעמאַרכטער גוף האָט נישט קאַ׳ כוח אָנצויאָגן אַזאַ אימפּעט. זי פּרירט איין ביי אַ ליאַדע־וואָס, ס׳בייזע באַשריגעניש. מיט אַ מאָל קומט דער גליוועך וואָס זיי רופן סטאַגנאַציע, די שטאָטישע.

קלאָר, אַלע אומוועטערס פאַלן ווי אַ פלאָג אויף די פּשוטע, די געמיינע לייט. האָסט דען אַנדערש געקלערט, וואַב מאַנס? מ׳באַדאַרף קענען פאַר ליב נעמען.

ביטערע תרעומות פלעגן אויפשרייען פון מאַן און ווייב. אויך אין זייער שווייגנדיקן איבערקוקן זיך איז געווען צער וואָס דער גורל טיילט זיי אויס.

אין הויז פון די האָפּמאַנס, וואָס איז בטבע אַ שטילס, אַ צוריקגע־צויגנס, מחמת מטושטעשער מורא פאַרן ליאַרעמדיקן דרויסן, איז פון מאָל צו מאָל דאָך אויסגעבראָכן אַ שטורעם פון אומרו. אָפּט האָט עס זיך צע־טליִעט אין אַ געקרעכץ, אַן אַנדערש מאָל האָבן אויפגעפלאַצט רויע גע־שרייען ווי פון אומגעריכטע בראַנדן וואָס פאַלן אויפן לייב. דאָס האָבן די קינדער, אויסגעצערטע, צערייצטע, זיך אַליין אָפּגעטאָן צולהכעיסן (איינער האָט בגנבה אָנגעטאָן דעם ברודערס פאַלטן, זיך אַרויסגעשאַרט פון שטוב און געלאָזן דעם אַנדערן אין קלעם; אַ צווייטער האָט זיך „געבאָרגט״ יענעמס פאָר שיך און אַוועק תמעוואַטע גראָד דעמאָלט ווען דער ברודער האָט געהאַט געבייטיק אַוועקצוגיין), אָדער זיי האָבן אַהיים געבראַכט שניידיקן טרויער: נישטאָ קיין אַרבעט! די פירמע איז באַנקראָט. די פאַבריק האָט אָפּגעברענט. איטלעך מאָל האָט אַנדערש אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ דער חוזק איבערן אָרעמאַן און די שטוב האָט געליטן. אָבער דאָס גרויסע דויערנ־דיקע געשריי אין הויז האָט גורם געווען שלמה, דער עלטסטער פון איטשע

האָפּמאַנס ייִנגלעך. פּלוצלינג האָט דאָס געזינדל פון אים געכאַפּט אַ לאָך אין קאָפּ, ווי ס׳האָט געהייסן ביי שיינדלען דער מאַמען. גלייך אַ שטיין האָט דאָס אָנגעיאָגט מיט אַ סווישטש און אַ זענק געטאָן איבערן שיידל, אָפּגעגאָסן דאָס פּנים מיט אַ פלאַם ווי פון רינענדיקן הייסן בלוט.

עס זאָגט זיך נאָר אַזוי — אַ לאָך אין קאָפּ. יעדע צרה קומט צוערשט מיט צעשפּאַרטע, ברייִעדיקע אויגן. איטלעך מאָל האָט דאָס אומגליק זיך געוויזן מיט אַן אַנדער פּרצוף. קודם איז די שטוב געווען געשלאָגן פון אומפאַרענדערלעכן דוחק. דאָס איז געווען אַ קרענק, צו וועלכער ס׳האָט זיך נישט געזען קיין רפואה. ווו זיך געקערט, האָט דער דלות זיך אַרויסגעהויבן מיט זיין שויבער. כידוע גלעקלען קיין מאָל נישט צו קיין גדולות דעם דלפון. ווייל ווו ס׳איז שוואַך — האָט די מאַמע ווי באַלערנט און געוואָרנט אירע קינדער מיט אַ וויסט קול — דאָרט רייסט זיך. „צ׳האָט נישט געקענט ליבערשט אַראָאַנפאַלן אין אַ שענערן פאַלעי, נאַראָנים?״ — פלעגן אין מיטן דערינען אויפליכטן אין אַ בלישטשל דער ייִדענעס טרערן. און תמיד איז געווען אַזוי: האָט דער טאַטע געדליביעט ביי זיין מלאכה, זענען די ייִנגלעך געבליבן „אויף דער גאַס״. כאָטש צערייס זיך, — האָט שיינדל זיך צעקלאָגט דערויף — צינדט מע שוין אָן אַ לעכטל, וואַרפט זיך אויף דעם דערווינט. ס׳איז געווען דער מוטערס ראַיה אויפן שכל פון איר טענה קעגן דער פינצטערער מערכה. וואָרן אַ ייִנגל באַדאַרף דען נאָר ס׳ביסל עסן? — האָט זיך מער צעגרינט איר פּנים — אַן אונטערגעוואַקסן ייִנגל מוז קומען צווישן מענטשן, ר׳באַדאַרף אַ שיך, אַ קראַגן און אַז די הויזן „פאַלן אַראָפּ״ פון אים, ווערט טאַקע הימלגעשריי. דאָס קען דאָך נישט איינזיצן!

ס׳איז געווען אמתדיק דער ייִדענעס טענה: ס׳האָט נישט געהאַט קאַ׳ זיצפלייש איר חברה. אפשר, האָט זי געזוכט זיי צו פאַרענטפערן, ווייל ס׳קעוועלעניש איז לא עלינו גרויס. זומער, ווען סיי די פעלדער, סיי די סעדער האָבן זיך געפּוישט אונטער זוניקע ווינטלעך, איז אין דעם הויז געווען אַ גדולה מיט אַ גרינער אוגערקע און מיט אַ פּאַסנע שטשאַווּבאָרשט. דעם שבת האָט מען באַשיינט מיט צוויי אָרעמע ליכטלעך, זיך געקוויקט מיט אַ פאַלשער פיש־יויך. ברויט לדי און קאַרטאָפל אַ פולער טאָפּ איז געווען אַ סימן זאַטקייט נאָר אין איינציקע היימען. געקומען ווינטער, דער הימל האָט זיך אָנגעקליידט אין וואָלקן־שמאַטעס, האָט דער

דלות ברייט זיך באַזעצט ביי איטשע האָפּמאַנען. מילא, פון סמעטענע האָט
מע קיין מאָל נישט געחלומט אין דער שטוב וואָס האָט זיך געשפּיגלט אין
די העפּטערייען אויף אויסשטייערס, מיט וועלכע עס גרייטן זיך באַלע־
באַטישע הייזער וואָס האָבן קינדער אויסצוגעבן; דאָ איז דאָס פּאַרעווע
געקעכטס אָנגעקומען מיט גרינע ווערעם. עס איז געווען אַזוי ווי דער
משפּחה וואָלט געוואָרן אָנגעשריבן פון זיין ליבן נאָמען: ביי וועמען ס׳וועט
זיך רייכערן פון קוימען, ביי דיר זאָלן גיין פלאַמען פון דאַך. נישט־פּאָר־
גינערס האָבן אַפילו אויף דעם אונטערגעוווּנקען: „די האָפּמאַנס? זיי פּעלט
תמיד אַ קנעפּל צום לעכל. עפּעס האָבן זיי נישט דערשלאָפן אין דער
מאַמעס בויך!" אָפּענע שטעכיקע אָנצוהערענישן. דערצו איז נאָך צוגעקומען
ס׳גוטע מזל צום לאַנד, ווו זיידעס און עלטער־זיידעס האָבן זיך באַגרונט־
פעסטיקט, אויפגעשטעלט זייערע היימען באַגלייך מיט בתי־מדרשים און
וואַרשטאַטן און קלייטלעך. דאָס שלים־שלימזל איז נאָכגעגאַנגען די קינדער
פונעם געביר פון די האָפּמאַנס: ווו געשטעלט זיך, האָט מע זיי געשלאָגן
פאַר דער אומפאַרגעבלעכסטער זינד: „האַ, אַ ייִד? די פאַרשאָלטענע דער־
וועגן זיך נאָך צו קריכן אין די אויגן אַריין די איידעלע קריסטן. ווי גע־
שפּענסטער פּלאָנטערן זיי זיך אויף ליאַכישער ערד! די זשידעס זייגן אויס
דאָס בלוט פון ערלעכע פּאָליאַקן. מוישע איז רייך, האָט פּולע קראָמען
מיט געוואַנט און לעדער, פאַבריקעס רייכערן זיך רק פאַר זיינעטוועגן, דער
אַנטיכריסט הערשט איבערן פאָלק פון דעם ווייסל־לאַנד, מאַכט זיינע קינדער
פאַר דינסטן און סטרוזשעס". די ווילגעבוירענע צווישן די אָנגעבלאָזענע
שכנים זענען געווען כלומרשט ווינציקער גראָב: „אַן אַלטגלייביקער? באָזשע
טי מאָי. ממש נישט צו גלייבן! ס׳אויסזען איז גאָר נישט אַזוי. אי איר זענט
בלויאויגיק ווי די כאַברעס פון פוילישן קאָרנפעלד אי די צונג לאָזט אַן
עכט מאַזאָוויעצקער אויסקלאַנג. אַזעלכענע פון אייך קען מע ליב האָבן
פון דער גאַנצער נשמה. קאָכאַימי שיען, פּאַניע! לאָמיר אויסטרינקען פאַרן
געזונט. נו, נו, האָב נישט מורא! ס׳איז היימישער בראַנדוויין. פּראַוודאַ,
פּראַוודאַ. איך וואָלט געשווירן ביי דער מאַטקאַ באָסקאַ דער טשענסטאָ־
כאָווסקער אַז דו ביסט אַן אונדזעריקער, בראַטשישקו!" — — ייִדן־דורות
האָבן זיך אָבער געשראָקן: ביי דער זייט פון די דאָזיקע קען אַרויס דער
אַלטער אייטערדיקער געשוויר אויף פון די סאַמע בעסטע צווישן „זיי". ביי

די האָפמאַנס איז דער גרויסער ווייטיק דאָס מאָל געקומען פון אייגענעם הויז, נישט פון די געמיינע שכנים.

דאָס רעכטע צוקומעניש פאַר האָפמאַנס הויזגעזינד האָט זיך געוויזן טאַקע פון אינעווייניק. פיר זין האָט זיין ליבער נאָמען באַשערט דער משפחה, שווער איז אָנגעקומען זייער כאַוואַניע, ערשט זענען זיי נאָך נישט געווען אונטערגעוואַקסן, אָבער דער עלטסטער האָט זיך צייטלעך באַוויזן דער „בעסערער“. מיט פלוצלינגקייט, מיט העזה האָט ער אין איינעם אַ טאָג זיך געשטעלט טאַטע־מאַמען פאָפערעק אין סאַמע גאָרגל:

— ...אויך איך בין אַ מענטש. יאָ, יאָ, שוין אַרויס פון די קורצע הייזלעך. נישקשה, צ׳באַדאַרפט מיך מער נישט פירן ביים הענטל! — דער בלייכסטער צווישן אַלע, דער שוואַכסטער, דאָך האָט ער זיך צערעדט מיט אמתער חוצפה: — נישט דערוואַרט אַזוינס? זענט איר, זייט מוחל... און געדרייט מיט דער פאַרשוויצטער נאָז. — רעכנט זיך, ס׳איז געקומען די צייט אַז איך, איך זאָל אייך אַריינשרייען אין די אויערן אויף צו וויסן: אייער זון, אייער שלמה (און זיך געררייטלט, זיך געקרעקט)... כ׳בין שוין גענוג גרויס צו האָבן אַ, אַ, צו גיין מיט אַ מיידל — — אַזוי? זיך פירן ווי עך האָט זיך געפירט! צ׳האָט אַלץ געהאָרכט וואָס די גוטע און פרומע האָבן באַ־גערט? האָט׳ס נישט פאַראיבל, אויב איך וועל נישט גלייבן. ס׳איז וואָס עך הערט — שלמה־יונה האָפמאַן האָט שוין אַ כלה. וואָ׳דען, אַליין אויסגע־פונען. וואַרטן ביז מ׳וועט מיך פאַרשדכענען? מילא. יחוס, נדן? כ׳וואַרט נישט דערויף. ווער פרעגט אויף אַזוינס! די אַלטפרענקישע פירעכצער ליגן שוין אין שימל. זעכער, אַזעלכע ווי זי איז, מוז זי אייך אָנשטיין. גענוג אַז איך האָב זי ליב. קיין שום אַנדערע חשבונות גייען מיר נישט אָן. איך פאַרלאַנג גאָרנישט פון ענק און כ׳האָב נישט בדעה קיינעם צו פאַלן צו די פיס. מאַמע, צו וואָס דיינע טרערן, אַז זיי וועלן אין ערגעץ נישט פירן! דו דאַרפסט נאָר וועלן פאַרשטיין אַז עמעץ קען אַנדערש באַנעמען אַזעלכע זאַכן, אַזוי אויך דער טאַטע. נישט אמת, איך וויל נישט ענק אָנטאָן קאַ׳ עגמת נפש, אָבער קיינער האָט נישט געגעבן קיין רעכט נישט קיין מאַמען און נישט קיין טאַטן צו צאַפּן ס׳בלוט פון זייערע קינדער. און אַוודאי האָט קיינער נישט דאָס רשות צו באַליידיקן צי פאַרשטויסן יענעמס אַ קינד בלויז דערפאַר, ווייל עס האָט נאָר אַזאַ שייכות צו זייער בלוט און ס׳לייש ווי עס האָט מיין מיידל צו מיר.

— „מײַן מײדלו!“ נאָך נישט אָפּגעווישט זיך די נאָז און שוין קומט עס אַהײם מיט פֿאַרריסנקײט. ווער מיר טאַטע, וואָס מיר מאַמע? ביי עים איז עס גלאַך ווי ער וואָלט זיי שוין געהאַט אין דר׳ערד!

די מוטער האָט זיך באַגאַסן מיט טרערן און אין פֿאַרשווייגן אַראָפּגעשלונגען די נייע פֿאַרציע ביטערניש. האַרט אָפּגעשוויגן אַזוי אַ פּאָר טעג, האָט זי שפּעטער הויך אויפֿן קול באַיאָמערט נאָר זיך, זיך גופא:

— ווי איז צום הויז וואָס ס׳ברענט פֿון אינעווייניק! גיי שריי חי וקיים, אַז אַליין ביסטו בכבודיק דערדריקט. און אַז אַ קינד הייבט אָן אַהיימצוברענגען צושטייער אַ גילדן צו דער חיונה, טוט עס שוין אָן דער מאַמען אַ מענטליק! און פֿאַרן טאַטן האָט עס נישט קאַ׳ דרך ארץ! ס׳ווערט משה־גרויס, לאָזט זיך נישט זאָגן אַז עס טוט אַ קרומע זאַך; ס׳נאָך אַ גראָז־קאַלב, אָבער עס האַלט זיך שוין פֿאַר אַ מעלקעדיקע קו — — אוי, וואָס צערייס איך זיך דעם יאַשטשיק! ס׳אי׳ דען נאָר מאַמע אָט די פֿאַרשטונקענע וועלט? זאָל זי גיין אין דר׳ערד אַראָן, ווי זי וויל. איך וועל זיך נישט מישן. אויב דעם טאַטן איז עס ליב, איז מיר ניחא. גיט׳ס אַ קוק ווי דאָס טאַטעליו זיצט זיך אָן אָנגעמלאָכהטער! וואָס, אַ גיטער טאַטע ווילסטו זיין און מיר זאָלן אַלע אַראָפּרייסן ס׳שייטל? מאַך אויף ס׳מויל, איטשע טאַטע. זאָל ער הערן, דאַאַן בנאָק, אַז אויך די׳ער האָט באַטראַפֿלט אַ גרויס גליק מיט דער כּלה, וואָס ער האָט זיך אָפּגעזוכט. געפֿינען אַ מציאָצע, דאַאַן שלמה־יונה, טאַטע־בהמה!

איטשע דער טאַטע האָט אָבער נישט געקענט פּועלן ביי זיך אַז באותו הרגע זאָל פֿון אים אַרויסגיין דאָס וואָרט וואָס האָט זיך גראָד צעגליט אין זיין רעיון: „קינדער געברענגט אויף דער וועלט, אָבער כ׳בין, לא עליכם, נישט ראוי אַז זיי זאָלן מיך ליב האָבן מיט דער ליבשאַפֿט פֿון די אומפּאַר־שטאַנדיקסטע באַשעפֿענישן וואָס מעסטן אַלץ לפי דעם האָב און גאָב, וואָס איטלעכס קריגט פֿון זיינע געבוירערס. וואָס, מישטיינס געזאָגט, האָב איך געקענט געבונגן־טאָן מיינע זין? אָן אַרעמאַן דאַרף נישט געבוירן ווערן“.

אַנטקעגן דעם אָנגעכמורעטן ווייב איז איטשע האַפּמאַן געזעסן ווי אַ שטיין. ס׳איז פֿינצטער אים זיין לעבן! אין יענער האַלבער שעה איז דעם טאַטנס באָרד מער גראָ געוואָרן, די אויגן האָבן אים געדריקט מיט דער הייסער צעפּלאָסנקייט, וואָס האָט געשלאָגן פֿון זיינע שלייפֿן און זיי האָבן נישט אויפֿגעהערט צו פּויקן.

— או, או, ווי וואַט! אַ צרה קען גרייכן — האָט די ייִדענע בשעת מעשה נישט אויפגעהערט צו רייסן פון זיך די הויט, און זי האָט נישט פאַרפעלט צו יאַדען דעם מאַן: — גיט טאַטעליו, דו ביסט דער גיטער, העי? נאָר די מאַמע איז ווערט אַ זריק אין דר׳ערד! — זי האָט זיך פלוצלינג אויפגעשטעלט, פאַרקרימט ס׳מויל און אַזוי־אָ פאַרביסן זיך דערנענטערט צום מאַן: — לאַכטיקער טאַטע וואָס דו ביסט! דאָס וועט זיך נאָך שמדן און נאָכגיין די ווילדע קעפּ פון זיינע זין! זעסט, ער שווייגט און מיר פליקט ער אויס שטיקער האַרץ — האָבן אירע אויגן געשפּריצט פונקען פייער. — עס געפעלט עים דען? אסור צי עס שמעקט עים דאָס פירעכץ פון די זינד־לעך, דאָך וויל ער בלאַאַבן דער גיטער טאַטע. ער זאָל זיך אָנרופן כאָטש מיט אַ וואָרט! די מאַמע? די מאַמע איז אַ שמאַטע. די כלבטע מעג פאַרלייגן מיטן קאָפּ, ס׳וואָר, איטשע חכם? אַבי ער איז אַ מלאך, אַ ווייכע מירל, אָן אַ בראָק גאַל, אמת, איטשעלע? אויסגעריסן זאָלסטו ווערן! — זי האָט זיך צעשטשירעט און געפּרווווט נאָך אָנבויקערן דעם מאַן די פלייצע מיט בוכטשעס פון אירע פאַרקראַמפּטע פויסטן. ער אָבער דרייט זיך אַוועק פון איר, וויל אַפילו שמייכלען: „האָסט שוין אָנגעהויבן, שיינדל?!“

— קוק עים נאָר אָן — האָט זי זיך צעשריגן אויף אַ ניי גרילציק קול: — אַזוי איז דאָס שטום. גע־דעעע־ענק, וואָס דו טוסט! ריסעס וועלן זיך אָפּטאָן אין שטוב, אַלץ איבער דיין גוטסקייט. דערלאָזט דעם יונג זיין ווידל. וואָס קוקסטו מיר אָן! מיינסט, כ׳בין שוין אין גאַנצן פאַרדרייט? משוגע מאַכסטו מיך, דו מיט דיין זון. ס׳טוט אים גאָר הנאה צו האָבן אַ געשוויר אונטערן אָרעם, רב איטשע האָפּמאַנען, דעם פיינעם באַלעבאָס. נאָר ער וויל מיר פאַרמאַכן ס׳מויל. איך וועל נישט שווייגן. אַ כלה באַדאַרף ער שוין פאַרן סמאַרקעוואַטן זון, אַ שווער וויל דאָס זיין, אַ גוטער שווער, העע? עכברוש דו איינער, אַ גר־וווטער ווילסטו בלאַאַבן און די מאַמע, די שוויגער קען זאַן די כפּרה, הע, איטשעלע? די באָרד וועל איך דיר אויסראַאַסן, הע־עעערסט!

איר מויל האָט זיך ווידער צעשטשירעט, די אויגן האָבן געגליט פון אויפרעגונג. לסוף האָט זי זיך געביסן די קנאָכיקע פויסט: — איטשע־לעע, אַ בראָך האָב איך נאָך דיר מיט דאַאַן גרויסן שכל! אַ טאַטע האָט דאָס באַדאַרפט זאַאַן? אַזאַ דר׳ערדליגער דאָס איז! — האָט זי אַ בייז פאַר־

געקשנטע נישט אויפגעהערט צו קוויטשען און די באַקן זענען איר געוואָרן פּיטש נאָס פון טרערן.

אַנטקעגן דעם ווייבס פלאַקערן האָט ער, דער מאַן, געמאַכט דעם אָנשטרענג צו באַוויזן זיך מיט אַ בלית ברירהדיק שמייכעלע אויפן באָרדיקן פּנים. דערפון איז אויסגעקומען, אַז נאָר זיין קאָפּ האָט נערוועז דין צוגע־שאָקלט צום ווייבס געליאַרעם.

די קינדער וואָס האָבן בייגעווינט די קלאַמפּערשט פרידלעכע קריגע־רייען, פלעגן אַרויס מיט מבולבלע קולות, צו מאָל מיט חוזק אַקעגן דער מוטער:

— מאַמע, וואָס אַרט דיך אַז ס'עט זאַאַן היימלעך? לאָמיר אויך אַ מאָל האָבן אַן אייגענע חתונה! ס'איז אַזוי סמוטנע.

— ווער אַ שוויגער, מאַמע, וועל איך זאַאַן אַ שוואָגער און ס'עט זאַן פריילעכער. דער טאַטע איז גערעכט. ער ווייסט וואָס ר'טוט.

— אפשר ווילסטו אויך שוין אַ כלה, שטינקוואַס? גיי־יי, זוך דיר אויס אַ מוידטשיסקע. ביי מיר וועט עץ אַלע אויסגעמעקט ווערן. מיטן טאַטע־רע וועט עץ זיך אַרומכאַפּן. צ'וועט ווערן שוואָגערס, פעטערס; די מאַמע וועט עץ באַגראָבן! — איז שוים איר אַרויס אויף די ליפּן.

— כ'האָלט נישט פון קאָ' טרויעריקע געשעפטן, מאַמע. זעסטו, פעטערס ווילן מיר ווערן, אמת, זיינוועלע, מענדעלע? — האָט אַ זונדל לאַכעדיק זיך גערייצט מיט דער מאַמען.

רוגזה און געלעכטער האָבן זיך אויסגעמישט אין דעם געליאַרעם. טעג און וואָכן האָט עס געזאָטן איבער דער צרה מיטן זונס כלה. און ווי אויף צו להכעיס איז די שטוב פול געוואָרן מיט כלה. כלה היינט, כלה נעכטן. ווי באַלד אַ וואָרט, איז די מוטער אַרויס מיט — כלה. האָט דער קלענערער זיינוול, געקלאָגט אַז די שיך זענען אים צעלאַכצט געוואָרן, די מאַמע זאָל זיי אָוועקטראָגן צום שוסטער, האָט שיינדל אים „געבענטשט": דריי דיר אַליין אויס די פיס. צו דעם דאַרפט עץ די מאַמע! קוים ס'שטעלט זיך אויף די קרומע פיס, זוכט עס זיך אויס אַ ליאַרווע — — און דו, ראובן, — זעצט די מאַמע זיך אָן באַלד אויפן גרעסערן — ווילסט אויך שוין האָבן די היים אין דר'ערד, אמת? געזען, ס'אַזאַ שלעכטע מאַמע, דאַרפט עץ זי באַגראָבן! געיכער, אַאַלט'ס ענק צו! — האָט די יידענע צעשפריצט איר געשריי אין באָסט. — אַבי מ'זאָל ענק נישט שטערן. וואָ'דען, ביי אַזאַ

נגידישן טאַטן קען מע זיך אַלץ איינרעדן, אַפילו צו פאַרטוישן די מאַמע. און איז אונטערגעקומען מענדעלע דער יינגסטער, האָט די מוטער אויסגע־לאָזן אויך צו אים דאָס שווערע געמיט: — ווייסט אויך דאַרפן די מאַמע פאַר אַן אָפּלייזערן, ס'וואַר, זונעשי? — מיט אַ מאָל איז זי געוואָרן צודרינג־לעך צום קלענסטן, גלייך די וואָלט געהאַט פאַר זיך אַ מענטש וואָס פאַר־שטייט אַז ס'האַרץ צעגייט איר. — אפשר האָסטו אויך זיך שוין אָפּגעקליבן אַ כלה? ס'איז מאַרקאָטנע אין שטיב, באַדאַרפט עץ מאַכן פריילעך! — אי־רע אויגן האָבן זיך צעליאַרעמט מיט אומרויִקע פייערלעך, געגאָסן טרערן. בינו לבינו איז זי זיך ממש צעגאַנגען אין דעם פלייץ פון רייד וואָס האָבן געשטראָמט פון איר: — אַ כלה צו מאַמן קאָפּ! נישטאָ שוין קאַ' צאַאַט! מאַאַנע זין זענען פאַרזעסן. ווי, — האָט זי אין מיטן דערינען זיך צע־דעכעט און באַלד אַריבער אין אַ נייעם געקלאָג:

— אַלץ איז שוין אויסגעזאָרגט אין איטשע האָפּמאַנס הויזגעזינד. די פרנסה קימט צוצושווימען און צוצורינען. נאָר חתונות, אַ פריילעך צושפּילעכץ פעלט זיי צום שוואוילטאָג.

אין די אויפדערנאַכטן, ווען „דער יונג" איז אַוועק אין „דער העל אַראַן", האָט ביי טאַטע־מאַמען (אַצינד שוין בייביידן) זיך אָפּגעזעצט די שווערקייט פון מעלאַנכאָלישן נאַכטראַכטן:

— ס'מאַכט זיך טאַקע אַ גרויסער תכלית! אַזוי גייט אַ וואָך נאָך אַ וואָך. אַ זומער רוקט זיך ווידער אָפּ. ביי לייטן ווער זיך ווייזן יום־טוב — ביי מיר שיינען די גליקן אין קוימען. דער יונג ווערט עלטער, די מויד וואָס שאַרט זיך צו אים, געוווינט אים צו צו זיך, מענטשן זעען עס און — — פרעג שוין גאָרנישט. ס'וואַזשע דער תכלית! כאָטש עפן זיך אַליין אַ קבר. אָרע־מע עלטערן שטייען פאַר אַ מוראדיקער ברירה, אוך, אוך! צו וואָס קענען זיי זיך דערטראַכטן? דערפאַר איז אַזוי גוואַלטאָוונע די דעה זייערע ביי די יורשים.

סיי ער, סיי זי זענען געזעסן אין כליאַפּ פון געזיפץ וואָס האָט זיך אַרויסגעבראָכן פון זיי און פון מאָל צו מאָל האָבן זיי זיך לעסטיק איבער־געקוקט. ביידע האָבן מורא געהאַט פאַרן טרויעריקן וואָרט וואָס האָט איט־לעכן דורכגעעקבערט.

— אָ, אָ, דערוואַרט זיך! — האָט אומווילִיק זיך אַרויסגעכאַפּט ביי

שלמה־יונהס טאַטן! — מ׳קריכט אַראָן אין בלאָטע, איז נישט גרינג אַרויס־צוקריגן זיך. אַזוי, אין זינד גערעדט, איז די אביונישקייט.

די מאַמע שיינדל האָט אָבער שפּאָטיש צוגעוויגט מיטן קאָפּ אויפן מאַנס רייד. זי וועט׳ן נישט ענטפערן. אַ טאַטע אַזאַ לאַמאַגע! —

רק זי האָט זיך דערנאָך געגריזשעט אין איר שוויגן, די מאַמע שיינדל.

קאַפּיטל צוויי

מילא, צו קוועלענישן איז מען געווען געוווינט אין דעם הויז. ווי באַלד עס האָט זיך געוויזן דער ווינטער, האָט אַהער זיך אַריינגעקליבן דאָס דחקות. הונגער און קעלט האָבן אָנגעכמאַרעט די טעג. אַלע יאָרן אַזוי. דאָס אָרעמאַנסקע מעמד איז פאַרעקשנט, עס לאָזט זיך נישט פאַרטרייבן. ס׳האַלט זיך מיט ציין און נעגל, טרעט נישט אָפּ אַפילו פון דער טיר, וואָס איז זינט נאָך סוכות אַרומגעקלאַפּט מיט שטיקער זאַק. ס׳איז קעגן דעם קרירהדיקן ווינט, אַז ער זאָל נישט האָבן קיין דריסת הרגל דורך די שפּאַ־רעס. דאָך ווערן די פענצטער פאַרקאָוועט מיט שניי־אוזאָרן באַלד ביים אָנקום פון די ערשטע קעלטן און די טיר קריגט אַ זילבערדיקע באָרד. די קרירה שטעלט זיך אין חלל פון שטוב מיט אַ בלאָלעכן נעפּל. לייגט מען אָן אַ פייער אין הרובע, הייבט זיך אונטערן סופיט אַ ווייסע פאַרע, וויל נישט וואָרעמקייט שפּרייט זיך פון די פּאָר שטיקלעך אָפּגעצערקלטע קוילן, נייערט פייכטקייט פון צעשלאָגענער פראָסט. „גיי דערוואָרעם דעם דרויסן, — זיפצט שיינדל — אַז מ׳האָט די גרויסע נגידים אַריינגעזעצט אין מאַ־ראַנצן־קעסטלעך! פון דינע, שוואַך געשאַליעוועטע ברעטער זענען אויפ־געבויט די הייזער פאַר די אָרעמע לייט. ס׳דען שכיח צו דערוואָרעמען אַ הינטישע בודע?״ הייבן זיך אָן די קעלטן, צעוואַליעט זיך נאָך די בויט אַז אַ מייזל אונטער דער פאָדלאָגע צעפּישטשעט זיך אין לעכצעניש נאָך אַ קרישקעלע. אין די שטובן פערלען זיך די ווענט פון פראָסט־טרערן. טריב־קייט קוקט אַריין אין די פענצטער; זי דערציילט פון וואַנדראָוניקעס, וואָס האָבן נישט ווו דעם קאָפּ אָנצושפּאַרן. דער ווינטער איז גאָטס אַ שטראָף פאַר די קבצנים. כחול הים זענען זיי פול אומעטום אין רע־פוילן. דערפון טריפן אויס די טעג זייער טונקלקייט; טייל מאָל טראָגן זיי זיך נאָך אַדורך

מיט געוואָי, די טעג, זאָגן עדות אַז די אייזערנע פּליטע פון אָרעמאַנס קעכל איז טרויעריק און פינצטער. וואָכן לאַנג האַלט אָן דער תענית אויך ביי די העפּטערס. אַ דויערנדיק פאַסטן האָט אויסגעקלעמט די געדערעם פון די האָפּמאַנס און אַ שטעכעדיקע קראַנקע קעלט האָט געהויזט ביי זיי. איטשע האָפּמאַנס שטוב אויף לאַגעווניקער גאַס וואָלט מען, אמת, נישט אַרויסגעזען אין יענע קרירהדיקע וואָכן, ווען נישט די גוואַלדענעס וואָס האָבן אויפגעריסן איר הילצערנע פאַרשפאַרטקייט. איטלעך מאָל האָט די מאַמע זיך געוועקט מיט איר ביטערניש: „אַ כלה צו מאַאַן קאָפּ! נעם און באַגראָב די היים, לאַכטיקער זון! וועסט האָבן די מאַמע אין דר׳ערד, וועט דיר שוין גיט זאַן!“ שכנים האָבן אויסגענייגט דאָס געהער צו די געשרייען און זיך אָפּגעקערט פון דער אומהיימלעכקייט.

— אַבי לייט טענהן אַז ס׳איז שלעכט. ס׳הייבט זיך נישט אָן. אונדזער סגאַל פעלט גאָר נישט. מ׳באַדאַרף זיך, כלעבן, נאָר לאָזן באַטראַכטן פון אַ גוטן דאָקטער. ער׳ט געיכער וויסן וואָס אונדז פעלט, אַ חוץ נאָך אַ קערץ קאַרטאָפל און עפּעס צוצוואַרפן אין אויוון אַראַן.

אין שטילן געסל ווערן די פּנימער פון די מענטשן אויסגעצויגן אינעם נאָכהערן דער שיינדלס פּלוצלינגע אויפגעשרייען און אַ מאָל לייכטן זיי אויף פון אַ וואַסערדיקער בלייכקייט ווי פאַפּירענע קינדער־לאַמטערנעס אין ביינאַכטיקן דרויסן. ביי נאַכט ליגט אַ שווערע חושכניש איבער דער גאַנצער געגנט אַראָפּ שטאָט. ביי טאָג הויערט איבער אַלץ אַ גענעצדיקע שלעפעריקייט. די הילצערנע הייזקעס מיט די פאַציאַטקעס אונטער די שיפּע דעכער גליווערן בלינד אין די קויטיקע טראַנטעס פון דערעסנדיקן אומעט. אין די שויבן שטייט די צעדריוולטע נעפּלדיקייט פון אַן אויסגערונענער זון איבערן שניי. אַ מאַטע שפּרייט זי זיך איבער די אָנגעגולמטע קוימענס, וואָס קאָפּטשען פון אונטערגעצונדענעם פייכטן האָלץ, פון שטייניקע קוילן, וואָס אָטעמען מיט זויערקייט; די קוימענדלעך פליוכען אויס אַ וואָליקע גראָקייט איבער די דערדריקטע היימען, שמוכן און שפּרייטן קנוילן רויך, רעגענען מיט סאַזשע.

אין די וואָכן פון אומאויפהעריקן פאַר נאַכט מוז מע לעבן אין די בידנע געסלעך מיט נעבעכדיקע האָפענונגען. זאָל נאָר אויפלייכטן די וואַרעמקייט וואָס שווימט אָן פון די סודותדיקע ווייטן, וועט זי צעטייען אויך די פאַרעקשנטע נויט. ס׳אי׳ דאָך קיין מאָל נישט אַנדערש! אין די קרירות

איז תמיד נישטאָ קיין ברויט פּאַר געמיינע לייט. אַפילו רייכע קלייטן זע־נען פאַרשטאַרט אין די חדשים טבת און שבט וואָס שלעפּן זיך שווערפּי־סיק. דעמאָלט וואַרעמט נאָר דאָס תהילימל און עס זעטיקט אַ פּרק עין יעקב; אונדזער אומגליק הייבט זיך אָן נאָך אין כסלו. — קלערן אויף אַ קול די מאַרק־הענדלערס. ווי לאַנג די פּויערן זענען פאַרקאָפּעט אין די שניי־פאַרשאָטענע דערפער, איז אַ בראָך צום אָרעמאַן! איטלעכן איז זויער אין פּיסק, אָבער דעם דלפון איז דעמאָלט ביטער גאַל.

שווער גייט די צייט פון איבערהאַרן די אָנסופיקע פאַרלוירנקייט.

אַלץ וואָס פאַרגרייט פאַרן ווינטער (אַ זאַק קאַרטאָפל אין קאַמער אונ־טערן משופּעדיקן פּולאָפּ, אַ טונדל געזייערט קרויט אין אַ ווינקל שטוב, אָבער ס׳ביסל קוילן מוז מע יעדעס מאָל שלעפּן אויף דער פּלייצע, אויב מ׳קען נאָר צאָלן אַ געזאָלצענעם מקח), ווערט עס פאַרפלאַמט נאָך איידער עס שטייען אָן די גרימעדיקע פרעסט. איז נישטאָ צו טאָן פון וועגן פּרנסה, טוט מען נאָר פּאַר אכילה. רק מ׳קוקט אין טאָפּ אַריין. מ׳עסט די קאַרטאָפל פאַרעדיקע, בלויז באַשאָטן מיט אַ שטויבעלע זאַלץ אָדער פאַרשמאַלצן מיט געריישטן גאַאַצן־פעטס. לרוב כאַפּן די קרירות שוין פּאַר ניטל און באַל־מעלאָכעס האָבן נישט נאָך וואָס אַרויסצוגיין אין שטאָט אַריין. אַ צונויפגע־האָרבעטע פאַרהאַקט זיך די שטאָט פון אַלע זייטן. זיצט מען און מען איז עוסק אין עסן, מ׳שלינגט ערדעפּל, מ׳צינדט שפּענדלעך און וואַרפן שטיינ־קוילן אויפן צעזשאַרעטן פייער איז דאָס איינציקע טועכץ. דערנאָך, אַלץ איז אויפגעגעסן, פאַרברענט, דערשפּירט מען דעם רעכטן טעם פון ווינ־טער: ערשט צעלייגט ער זיך איבער די פינצטערלעכע קורצע טעג מיט די טומאַנע, דאָקוטשנדיקע קעלטן וואָס פאַרשפּאַרן אַלץ אין אַן אייזפּאַנצער. מ׳מוז קלערן נאָר פון הייצן, אַנישט שפּרינגען אָפּ די הענט, זיי ווערן גע־שוואָלן פון קעלט, די פיס זענען פאַרהילציקט. דאָס גאַנצע דאָבּרע מזל לייגט מען אויפן פייער. דאָס געזינדל זיצט אין קרענצל, מ׳וואַרעמט זיך ביי די צעגליטע קוילן און צוקוקנדיקערהייט נעמט ווידער בורטשען אין די געדערעם. דעמאָלט האָט מען פאַראיבל הלמאי די קאַרטאָפל האָבן זיך שוין אויסגעלאָזן, כאָטש מיט זיי איז אויך נישט גוט געווען. מ׳עסט און מ׳קרימט זיך אויף זיי. קאַרטאָפל בלאָזן אָן. „גבירים זיצן נישט אַזוי אין די קאַר־טאָפל — טראַכטן אַריין דערין די אביונים. — רייכע לייט ווייסן וואָס צו עסן. אונדז פּוישט מען זיך נאָר אָן די בייכער! אָט־אָ זיך אָנגעלייגט אַ

פולן מאָגן און באַלד ווערט ער ליידיק. אַ שטיקל פלייש איז זעטיודיק, לאָקשן מיט יויך זענען אויך נישט שלעכט. אַוודאי, אָן ברויט איז זיך נישט צו באַגיין. ברויט איז אַפילוכע אַ הייליקע זאַך. מ׳מאַכט אַ ברכה דערויף, און נאָך אַ באַוויז: ברויט ווערט קיין מאָל נישט פאַרמיאוסט״. — אייל זיך נישט. פאַראַן קעקערע פאַר אַ גוטן ביסן. — האָט מיט אָפּגרילצנדיקן געקרעכץ זיך אָנגערופן די מאַמע שיינדל. — ווער ווייס דען נישט וויפל ס׳קען זיך איינרעדן אַזאַלכער וואָס מלאכהט פאַר יענע־מען! דו לייג זיך אָן די באַדניע (בויך) נאָר מיט קאַרטאָפל וואָס זענען בלויז וואַסער. ערשט ביסטו באַכאַשעם שוין פריי פון די קאַרטאָפל. אַראָפּ אַן עול פון קאָפּ! אמת, ס׳איז שוין בעסער, איטשעלע האָפּמאַנס מיז־ראַפּן? אַצינד וועט עץ דער מאַמען אָפּגריזשען די דאַרע ביינער, — פאַלט זי פלוצלינג אָן אויף די זינדלעך און אירע שפיציקע קינען קרימען זיך ווי פון אַ ברזעדיקן שלוק.

אָדער זי שרייט, די מאַמע, אָדער זי ווערט אַנטשוויגן מיט אַ וויי־טיקלעך שווייגן פון וואָס ס׳דרייען זיך אַוועק די אויגן פון די שטוביקע: „מי יודע פון וואָס די מאַמע וועט ווידער אויססישן״. ער, דער אַלטער, קיי־עט אַ ליפּ.

— אין אַזאַ צאַאַט ווערט דער מענטש אַ בהמה, — איז שיינדל אַנומלט זיך פאַרגאַנגען אין טרויעריקן ערנסט. — רק די קישקעס הערט ער. דאָס נישט טוען איז די אַרגסטע האַרעוואַניע. אַז מ׳דאַרף קוקן אויף די פונקען אין קעכל, רייצט שוין אַ געבראָטענע קאַרטאָפל, ס׳נעמט דער חשק צו אַ שטיקל הערינג. „מיט וואָס דערוואַרעמט מען זיך די קיש־קעס?״ — שטענדיק טראַכט מען וועגן איבעררייבן זיך די ציין. „אַבי נישט געזעסן ליידיק״, — חכמען זיך די יונגען, וואָס האָבן זיך נישט ווו אַהינצוטאָן אין אומרו, וואָס טאָרעט זיי.

אין די טעג פון אָנהאַלטנדיקן בין־השמשות האָט מען אין שטוב גיך פאַרברענט אַלץ: ווו נאָר אָן אַלט בענקל, אַ פאַרוואַלגערט שטיקל האָלץ; פון אַ גאַסיקן פלויט אַריינגעבערענגט אַ פרוכנע ברעטל, וואָס איז דורכגעווייקט פון לאַנגע האַרבסטן און עס אויך אויסגעקאָפּטשעט אין אייוועלע. אָבער דער פראָסט טרעט אַלץ נישט אָפּ און די נויט צופּט שטי־קער. נישט ווו, נישט ווען דערטראָגט זיך נאָך פון גאַס אַ פאַרדעכטיקע

יללה און אַ געשריי פֿון די אייגענע צעסקריפּעטע שטיגן: — וואָלף איינבינ־דער איז אַוועקגעפֿאַלן. געקומען דער סוף צו די תּעניגים ביי אים. אַ באַ־האַרצטער מענטש דער דאָקטער קאָרנבליט. ער האָט׳ן צוריקגערופן. אַן איינשפּריצונג אין די אָדערן אַריין האָט דעם פֿאַרפֿינצטערטן אויפֿגעוועקט פֿון שמאַך. אָבער ווער ׳עט אַצינד צוזען דעם מסוכנעם? ווינד און ווייאיז אַן אַלמן! אויפֿן רעצעפּט האָט דער דאָקטער געלאָזט געלט פֿון איי־גענער קעשענע. אַ גאָלדן האַרץ האָט דער לאַנגער דאָקטער. קאָרנבליט? צדיק באַדאַרף מען אים רופֿן! די מעדיצין איז אָבער נאָך נישט די גאַנצע רפֿואה. אַ פֿריש שטיקל פּוטער יעדן טאָג, אַ פּיצל עוף, וועט זיין די רעכ־טע הילף, — האָט אָנגעזאָגט דער דאָקטער קאָרנבליט. גייטס, שכנים, — האָט זיין קול אומעטיק אויסגעזונגען אין טונקעלן קאָרידאָר — אויס־וואַרעמען די שטוב פֿון קראַנקן. ער האָט ליבלעך אָנגעשריגן אויף די מענטשן, וואָס האָבן זיך געשפּאַרט אַרום דער טיר פֿון אַוועקגעפֿאַלענעם. „גייטס אין גמינע אַריין נאָך הילעף פֿאַרן שלאָפֿן. שוויגטס נישט. ס׳אַ מיצווה צו ראַטעווען אַ מענטש!“ און גיך האָט זיך דורכגעריסן אַ בייער געיאָמער: ריווע דעם שוסטערס איז אויסגעגאַנגען. נעבעך, נעבעך. אַלע יאָרן זיך געפּייניקט, ערשט האָבן זיך אויסגעלאָזן אַלע אירע יסורים. זי באַ־דאַרף שוין גאָאָר נישט, גאָאָר נישט, די אומגליקלעכע ריווע. אויס, אויס! — אויגן האָבן געגאָסן טרערן, געשוואָלענע ווי:עס האָבן זיך גע־קוועטשט אין ווייטיק.

צוקוקנדיקערהייט וואַקסט דער ציבור פֿון צעבראָכענע הערצער, אויך דער צער פֿון יתומשאַפֿט צווישן קליינוואַרג, וואָס בלייבט אָן דער מאַמעס גלעט און אָן דעם כּסדרדיקן רחמנות אויף זייער הונגער. דער ווינטער איז אומדערבאַרעמלעך. אויב מ׳פֿאַלט נישט צו בעט פֿון הויכן פֿיבער, פֿון טרוקענעם הוסט, וואָס צערייסט די לונגען, מוז מע זיך אָפּט הויכן אין די פֿאַרהילציקטע הענט אַריין, צערודערן די פּיס און אָן אויפֿהער זיך מינטערן מיטן געקלער: „ווו נעמט מען עפּעס צו דערכאַפּן די נשמה?“ אַ שלונג צו טאָן עפּעס דערקוויקנדיקס איז דער שטאַרקער חשק וואָס נאָגט אין די ביינער. עלטערע לייט לאָזן זיך עפּטערס אין „שטיבל“ אַריין מפּייס זיין דעם אייבערשטן הלמאַי ער צערנט אויף זיינע ווידערשפּעני־קע קינדער. אגב, אין „שטיבל“ איז וואַרעם נישט אַזוי פֿון איינגעהייצטן

אייזערנעם קאַנאָנדל ווי פון דעם עולם דאַוועגערס וואָס איינער טוליעט זיך צום צווייטן; אויך דער הויך פון די תפילות מאַכט פאַרגעסן אין דער בייזער קעלט וואָס דרינגט פון דעם חושכן נעפּל.

יאָר איין, יאָר אויס אַזוי. שוין צוגעוווינט דערצו און מ׳איז עס מקבל באהבה. צו מאָל האָט מע דעם דלות אויפגענומען מיט אַ שניידיקן שמייכל:

— פּיינקוכנס האָט זיך דיר פאַרגלוסט? ניין, קענסט זיך נאָך פאַרדאַרבן. איכ׳ל דיר נישט נאָכגעבן. צו אַזאַ עברה לייגט זיך נישט מיין האַנט! אסור דיר אַפילו ווייס ברויט! ס׳אַ סך אָרנטלעכער די אביוניש־קייט. מע ווערט נישט אַזוי צעלאָזן ביי איר. דער דלות איז שטרענג, דערפאַר אַ גוטער רבי.

אין אמתן איז געווען צוקערזיס אַ שיסעלע הייסער הערינג־פאַר־בראָקטער קנאָבל־באָרשט מיט אַ שטיקל ראַזעווקע. דו ווייסט עס נישט? ראַזעווקע איז געזינטער, כאָטש וועלוועלער פון געבייטלטן ברויט, וואָס איז דער ביסן פון געשמדטע העלדזער.

יאָ, צו אַלץ דאַרף מען זיין צוגעוווינט. אָבער די צרה מיטן זון ביי די האָפּמאַנס איז געווען אַן אומגעריכטע; די נייעס האָט טרויעריק גע־טראָפן דאָס גאַנצע הויזגעזינד, און דווקא אין סאַמע ווינטער, ווען ס׳איז געווען צו פיל צייט זיך צוצוזען צו זיין פירעכץ, ממש שפּירן ווי „ס׳האַרץ האָט זיך איבערגעדרייט ביים יונג״.

כאָטש ביז אַהער נאָך נישט געטראַכט דערפון (אַן אַכצניאָריקער גע־ווען ערשט דאָס יינגל), האָט זיך ביי טאַטע־מאַמען פון דעסטוועגן שוין געוועבט אַ חלום וועגן זייער עלטסטן: אַליין מאַטערט מען זיך, זאָל כאָטש ס׳ערשטע קינד אַריינקומען אין גוטע הענט; זאָל זייער שלמהלען נישט טרעפן דער דלות, בפרט אַז ער איז אַ געראָטענער. דער גמרא־מלמד האָט אים געלויבט פאַרן גוטן קעפּל, אין שול האָט מען אים ליב געהאַט פאַרן פליס צו די לעקציעס. און אַזעלכענע גוטע „צענזורעס״ אַהיים געבראַכט!

— אַזאַ ראַך־נאַזע! ר׳עט נישט וואַרטן מ׳זאָל אים פאַרשדכענען! — האָט די מוטער זיך גענומען בייסן די ליפּן. דער פאָטער האָט אַ פינצ־טערער אַריינגעשוויגן אין זיך:

— אַ ייִנגלשער קאָפּ. ר׳האָט זיך צעברענט אַז ס׳איז אים נישט איינ־צולעשן. ווער ווערט אַזוינעם קענען אַ דעה זאָגן? און ר׳וועט האַרכן? איך זע שוין ווי די זאַך האָט זיך. איכ׳ל נישט אָנהייבן. איי־איי, טוט זיך דאָס אַראַן! נישט געפרעגט זיך ביי קיינעם, קיין אַנצוהערעניש נישט געלאָזט פאַלן. ר׳איז שוין פאַרטיק, שלמה האָפּמאַן. אַ מענטש צום טיש! ווי באַל־צער פון דער היץ קאַפּויער געקומען מיט אַ זיווג.

מיט אַ מאָל זענען איינגעזונקען געוואָרן טאַטע־מאַמעס פאַרהוילנסטע טרוימען: מ׳עט׳ס דערלעבן, ס׳עט קומען די ריכטיקע צייט, וועט מע זיך אַרומקוקן. ס׳אי׳ נישט קאַ׳ כאַפּעלעך. זייער זון וועט זיך התנען מיט חשי־בות ווי ס׳שטייט אָן לייטן. נו, אויך זייער גורל און די מערכה פון די אַנ־דערע קינדער וועט אם ירצה השם אַוועק אויף אַן אַנדערן דרך. וואָס זשע אַצינד? זיך מקדים געווען, דער יונג. געקומען אַריינצופּאַטשן מיט זיין אייגענער דעה. טאַטע־מאַמע ברויך ער? אַזאַ חוצפה! קרויגעדיקע, ווו לערנט זיך אַזוינס!

טאָג און נאַכט איז דאָס געקראַכן אין קאָפּ, די צרה מיטן יונג.

— נ׳אַוודאי, — האָט די מוטער ווידער זיך אָפּגעריסן אויפן מאַן — ס׳האָט דען געקענט זאַן אַנדערש? אַז אַ טאַטע האָט נישאַ קאַ׳ צאַאַט זיך אַרומ־צוזען אויף אַ קינד, לאָזט זיי דעם ווידל. האָט ער נישט צו דליביען ביי דער מלאכה, זיצט דאָס אין דער חברה, באַטשקעט מיט ליידיקגייערס, געוויינט זיך צו פּיפּקען פּאַפּיראָסן, אַבי מ׳דערלאַנגט אים, דעם אַלטן שוטה: „זאָט זעך מהנה, רעב איטשע‟. ס׳איז אַזוי, אויפטוער מאַנער? ווערסט נאַך דערמאָנען וואָס איך זאָג דיר, איטשע: זיי ׳עלן דיר נאָך געבן די אויגן אין דער האַנט אַראַן, דאַאַנע קינדער, — איז די ייִדענע שוין אַרויס מיט אַ יעלה וואָס האָט אָפּגעגעבן מיט געכליפּ. שלמה־יונה האָט אַלץ צוגעהערט און ביטער געשוויגן; ער האָט נאָך געמאַכט אַ מינע פון אַ פאַרפאַלענעם: „האַקט׳ס אַראַן אין מיר ווי אין אַ קרויט. איך האָב שוין נישט קאַ׳ אַנדערע עצה‟.

צו אַ שאַרפן גערייד צווישן מאַן און ווייב איז געקומען, ווען דער פּריש־געבאַקענער חתן־בחור איז גראָד נישט געווען אין דער היים:

— דו, גוט טאַטעליו, ביסט עס שולדיק. האָסט צעלאָזן דעם יונג! — איז זי אַרויס אויף אים, און ער האָט געטענהט שטיל, געלאַסן:

— זיי דו אַ שלעכטע מאַמע, וועט דיר זיין וווילער.

— ניין, מ׳דאַרף דיר נאָך געבן אַ קנייפּ אין בעקל אַראָן.

— אוי־אוי, ס׳נישטאָ צו לייגן אין מויל אַראָן, איז צו דער באַאַל נאָך צוגעקומען אַ געשוויר, — האָט דער אַלטער שוין געגעבן געדעכט דער יידענע, אָבער זי האָט נישט אויפגעהערט. און איז דער יונג שפּע־טער געקומען, האָט די מאַמע פּלוצטאַלבן „זיך געוואָשן" צו אים:

— הער נאָר, זינטיק מאַנער, צי מיינסטו טאַקע אַז די אַלטע לייט זענען שוין אין גאַנצן אין בלאָטע אַריינצוואַרפן? מ׳גייט און מ׳טוט אָפּ וואָס ס׳גלוסט זיך נאָר! קלערסט אַז אַלץ קען גלאַטיק אָפּגיין? פאַרדינט אַ יינגל אַ פּאָר זלאָטעס איז ער שוין סאַם סאַפּאָזשניק, ר׳קען גיין פאַר־זיך, אַליין זיך אָנפרעסן אָדער ס׳געלט אָוועקגעבן אַ מויד? ווו איז דאָס געהערט גע־וואָרן. ס׳עט זאָן מאַאַן טויט אָדער ענקער טויט, דיך מיט איר צונעזאַ־מעט, — האָט די מאַמע זיך דערצונדן. — פאַר מאַאַנע אויגן זאָלסטו זיך נישט וואַאַזן מיט איער! — — זע נאָר, — איז די יידענע אַ צעפּלאָשע־טע שוין געגאַנגען אויפן זונדל מיט די קנאַכיק־פאַרקרימטע פינגער און ס׳מויל האָט איר געציטערט ווי אין קאָנוווּלסיע — אַ מענטש געוואָרן אין מיטן־דערינען. ווען נישט די מאַמע וואָס האָט עים אַרויסגעצויגן פון די ווינדלען, ווען דער טאַטע האָרעוועט נישט אויף עים, לאָזט עים לער־נען, ווען מע קרענקט נישט פאַר אַזוינס, וואָלט דאָס שוין קליינוויז גע־ווען אויף יענער זייט פאַרטקע. אָך! כאַ־כאָ! וואָס מ׳איז זיך אויסגעשטאַנען פון דעם! אַצינד האָסטו דיר דעם שיינעם דאַנק. אין ערגסטן קלעם לאָזט דאָס איבער טאַטע־מאַמע, ס׳אַרט עים נישט די יינגערע ברידערלעך, ר׳זעט נישט דאָס דחקות פון דער היים — נאָר אַ כלה ליגט עים אין זי־נען. ווו, כ׳בעט דיך, — ווערט זי אויף אַ רגע נאָכגיביקער — האָסטו צוגעזען אַזאַ טאַטערישקייט! ווער׳ט דיך געלערנט פאַרשוואַרצן ס׳פּנים פון טאַטע־מאַמען? ניין, ביזן לעצטן שויפל, — האָט זי זיך מיט אַ מאָל צעשריגן — וואָס מ׳וועט שיטן אויף דיין מאַמען, וועט זי עס דיר נישט שענקען, שלמה־יונה!

און האָט שלמה־יונה, אַ געשטרויכלטער פאַר שרעק, פאַר חרפּה, עפּעס געזאָגט, האָט די מאַמע זיך שוין צעקוויטשעט, אַז דער מאַן האָט

פֿאַרשעמט אָנגעווונקען אויף דער טיר: „מענטשן, שיינדל, האָבן אויערן. ס'איז מיר אַ חרפּה פֿאַר די פיר ווענט, שיינדל".

— ער רעדט נאָך אַקעגן, — האָט זי נאָך העכער געשריגן — און דער, ס'טאַטעלע, אים אַרט גאָר נישט. אַזאַ צעלאָזענער יונג! פֿון וואַנען נעמט זיך אַזוינס אין מיין משפּחה? געוואַלד, דאָס רייסט אויס די אויגן די מאַמע, ר'שעמט זיך נישט פֿאַר די קלענערע ברידער. לאַ־בו־וז, אַאַאַאַ־אררררדרוי־ויויוי־ססס פֿון מאַאַן שטי־יב!

מיט נייער אומגעריכטקייט האָט די פּרוי זיך צעליאַרעמט, גלייך די וועלט וואָלט אויף אַן אמת אונטערגעגאַנגען פֿון איר שלמה־יונהס חוצפּה־דיקער אייגנוויליקייט צו טאָן קעגן טאַטע־מאַמעס רצון דאָס, וואָס ער טוט. אויסגעשריגן איר לעצט ביסל כּוח איז זי געבליבן זיצן אַ פֿאַרצאָג־טע און געכליפּעט, לאַנג אַריינגעוויינט אין דער צעשראָקענער שטוב וואָס האָט זיך אָט־אָ אָנגעהאָרבעט:

— וואַזשנע דערלעבט! אַ נחת זיך דערוואַרט פֿון דעם ערשטן זון, — האָט זי רגעוויז אויפגעפּלאַמט, דערנאָך געסאָפּעט, אויסגעקרעכצט די רייד און אין אָנמאַכט פֿאַרשלאָסן די אויגן. — ווײַ מיר, — האָט זי זיך צוגעזונ־גען — אין עלטסטן האָבן אַ לערנונג די ייִנגערע, וואָס קענען קלענערע זיך אויסלערנען ביי אַזאַ אויסוואַרפֿלינג! דאָס האָט נישט חס אויפֿן איי־גענעם טאַטן וואָס גייט איין פֿון האַרצווייטיק; אַ יונג קוקט זיך צו ווי די מאַמע מאַרדעוועט זיך מיטן טויט און ער, אסור עס אַרט עים. אוך, אוי־אוי־וווו —! — עס האָבן געגומען לאַנגע רגעס פֿון איר פֿינצטער לעסטיקן שטומען און באַלד דערויף האָט זי אויפגעצאַפּלט מיט פֿאַרביסנקייט: — אַזוינס טאָר מע נישט דערלאָזן. דרך־ארץ דאַרף האָבן אַ קינד, אויב נישט, איז נישטאָ צו וואָס צו לעבן. זי וועט'ס נישט פֿאַרשווייגן. זי'ט דעם יונג פֿאַרשוואַרצן ס'פּנים צווישן די לייט וואָס נעמען אים אַריין, זי'ט אָפּדורסן די פישערן! וואָס האָט אַזאַ נאַקעטער הינטן זיך אָנגעזועצט אויפֿן נאַרישן יונג! אַן אָרעמער יונג מיט אַ הוילער מויד גייען זיך צו־נויף איז אַ וואָרער אומגליק אויפֿן גאַנצן לעבן אַרויס. זי ווייס שוין וואָס צו טאָן, — האָט באַסט באַוועגט דער ייִדענעס אויסגעקוואַרטן גוף און נאָך מער פֿאַרגרינט איר פּנים.

דער פֿאָטער איז געוואָרן מבולבל פֿון די געשרייען און אַ פֿאַרלוירע־

ניר האָט ער זיך אַרויסגעשאַרט פון שטוב. — אַזעלכע קרירות, ס׳אַזאַ דחקות, האָט דערצו נאָך געפעלט דער קלאַפּ. נאָך נישט פון דער ערד אויפגעוואקסן און שוין חתנט עס זיך. שיין דערלעבט, אין זינד גערעדט. אים מאַכט דאָס סכנות ענג אויף דער נשמה. ווו וועט ער זיך ערשט אַהינטאָן? ס׳איז אים אַ בושה, איטשע האָפּמאַנען, פאַר די אייגענע אויערן; רק מ׳הערט: די כלה, די כלה. שוין צו פיל כלהט זיך דאָ!

יעדער געשריי דער יידענעס האָט דעם מענטש אָנגעפינצטערט ס׳געמיט.

איטשען זענען די טעג געוואָרן איבעריק. זומערצייט, אַז „זי״ הייבט אויף ס׳קול, געפינט ער אַ גערזעמל מענטשן ביי דער שוועל, מ׳צעשמועסט זיך, אָבער היינט? די קעלט צעשניידט דאָס לייב און ס׳איז נישטאָ ווו זיך אויסצובאַהאַלטן. ערשט איז ער אין גאַנצן אַראָפּ פון די כוחות. ר׳האָט נאָך געקראָגן אַ קורצן אָטעם. אַ נייע מתנה פון זיין ליבן נאָמען. איז צוגעפאַלן דער אָוונט, האָט אים געשלאָגן די פּיין צו מוזן זיך צוריק אַריינוויזן אין שטוב: ווידער געוואַלדענעס, נייע טענות און דאָס פעלן פון דער זלאָטי גייט צוגלייך מיטן פראָסט אויף זיינע קנאַפּע כוחות. אין אמתן קען ער דעם ווייב נישט קוקן אין פּנים אַריין. זי איז געראַכט, אָבער ער קען זיך נישט העלפן. אַהיים געקומען, איז ער בלית ברירה באַלד געקראָכן אויפן געלעגער אַרויף, אָבער די נעכט האָבן ווי אַ נאַיענדיקער געשוויר זיך אויסגעגאָסן אויף זיין לייב און געצויגן און גענאָגט. נישט געקענט אַן אויג צוטאָן. זיין דרייען זיך אויפן שעניק האָט געהערט ס׳גאַנצע הויז. אויך די קלענערע יינגלעך האָבן זיך שוין אויסגעלערנט הערן דאָס לשון פון דער נבזההדיקער נויט. דאָס דחקות לערנט אַפילו דריבנע קינדער, לייגט זיי שכל אויף דער צונג אַרויף.

— דער טאַטע וועט קראַנק ווערן — האָבן די יינגלעך זיך צעוויינט פּנים אל פּנים מיט דער מהומה וואָס איז מיט נייער אומגעריכטקייט אויפגעקומען אין שטוב: נאָך דאָס פעלט! דער טאַטע קאָן קראַנק ווערן! צערודערטע פון אומפאַרשטיין דער מוטערס באַנומענע געשרייען למאי שלמה־יונה איז פלוצלינג געוואָרן שלעכט, האָבן זיי זיך געבעטן: „מאַמע, זיי דויק. מיר זאָגן דען אַז ס׳הונגערט אונדז? וועט ווערן שטאַרק קאַלט, ׳עט מען אַרונטערקריכן אונטערן איבערבעט״. אַן אַנדערש מאָל האָבן די

יִינגלעך זיך גאָר צעלאַכט פון דער מוטערס געוואַלדענעס, למאי דער טאַטע פאַרשווייגט דאָס וואָס זי וויל נישט אַז ער זאָל פאַרשווייגן:

— איטשעלע, זי געפעלט דיר, די כלה? דו באַשטייסט אויף איר, באַטעמטער טאַטע?

כלה, כלה, זאָגט זי — אַז זיי זעען נישט קיין כלה אויף די אויגן און זיי פאַרשטייען נישט פאַר וואָס אַ כלה איז אַזוי סכנותדיק — האָבן שלמהס ברידערלעך זיך איבערגעקוקט.

אָווע־טאָווע, די גראַטשקע האָט נישט אויפגעהערט. די מאַמע האָט געקלאָגט און איטלעך וואָרט אירס איז געווען דורכגעטרערט מיט באַשיימ־פערלעכן ווייטיק.

— מיר איז אַלץ איינס — האָט זי געטענהט — צי ס׳איז דאָ בעסערס אָדער ערגערס צו לייגן אין טאָפּ אַריין — גאָר נישט איז פאַר מיינעטוועגן. מאַאַן „זינטיק״ האָט געמאַכט דעם ראַכטיקן פּאַטשאָנטעק. אויב דערוואַרטן זיך נאָר אַזוינס, איז קראַנטער גאָר נישט צו דערלעבן — און אירע רויט־פאַרלאָפענע אויגן האָבן אַרויסגעקוועטשט אַ נייעם באַך געוויין. — מיכל איילשלעגערס אייניקל זאָל זיך דערוועגן אַזוינס? יונגערהייט דעם טאַטן צו טרייבן אין דר׳ערד אַראַן, די מאַמע צו שפּייען אין פּנים: „איך האָב אָפּגע־טוען מאַאַנס. עץ הענגטס זעך!״

טאָג און נאַכט האָט געשטאַלפּערט דאָס גערעדעכץ וועגן דעם וואָס דער יונג האָט אָפּגעטאָן. די יִידענע האָט איינגעלייגט וועלטן: זי וועט׳ס נישט איבערהאַלטן. דער יונג וועט רייסן פון זיך די פעל. פאַר די צרות וואָס ער טוט אָן, וועט ער נאָך ליגן און „אָפּרופן״ — די מאַמע האָט זיך נישט געשטערט צו צעמאַלן די גראַטשקע, צו מישן זי מיט איר געטרער. זי האָט דעם יונגס שם נאָך צעשמירט איבער אירע באַקן, ווען אַ שכן האָט זיך אַריינגעוויזן, ווען עמעץ פון די שטוביקע האָט אין מידקייט געטאַמלט ס׳זאָל שוין ווערן שטיל.

די פּרוי האָט אַזוי לאַנג געעקבערט אין די געהירן פון דעם בחור, אַזש ער איז אַרויס פון די כלים. ער האָט געדולדיק געלאָזט וואַרפן אויף זיך בייסיקן מוסר, אַראָפּגעשלונגען קללות ווי אַ שכר פאַר דער מאַמעס צערונענע האָפענונגען; שלמה האָט געהאַט אויף איר רחמנות, אָבער מער האָט ער נישט געקענט פאַרשווייגן די געוואַלדענעס. מיטן קאָפּ און מיטן האַרץ איז ער געווען פאַרמשכונט צו שרהלען, וואָס האָט אין פאַרבאָרגנ־

קייט ערגעץ אין אַ פּיצל שטיבל געפּלאַטערט פאַר אים. שלמהלע, מיין שלמהלע, האָט ער געלייענט פון אירע בריוולעך צו אים און דערפון בסוד געטראַכט: זי בענקט, זי ליידט אויך ביי איר מאַמען. די מאַמעס געדענקען נאָר אין זיך! רק זיי ציטערן פאַר אַן עוולה וואָס ס׳קען פאַלן אויף זיי פון זייער קינדס מערכה. אָך, אָך, די מאַמעס די געטרייע! זיין שרהלע איז ווי אַ פייגעלע וואָס שרעקט זיך רק פאַר פריסקנדיקע רעגנס, בייזע געוויטערס. שרהלען איז טרויעריק און אים איז וויסט. אים טרייבט מען מיט האַרטע רייד, מיט שנאה, זי ווערט געשלאָגן פון פאַרצווייפלונג: וואָס קען ווערן פון אַן אָרעם מיידל ביי אַן אומגליקלעכער מאַמע? איר מאַמע איז דער בעסטער שפּיגל פאַרן גורל פון אַזעלכענער. קענטיק פאַר דעם באַווייַנט די מאַמע איר דעם קאָפּ אַלע מאָל, ווען זי זעצט זיך אַוועק אַקעגן איר: „אַ טאָכטער וואַקסט ביי מיר אָנעהאָרע און ס׳וואַקסט מיין צער! קען מיין האַרץ נישט צעשפּרונגען ווערן?“ די ייִדענע קען נישט פאַרגעסן אַז אָרנטלעכע יונגע לייט האָבן צו איר שוין אונטערגעשיקט שדכנים און אייגענע גוטע פריינד. זאָל דאָס פיינע מיידל באַוויליקן צו טרעפן זיך מיט זיי. אויף בעשוי כאָטש, האָבן זיי זיך געבעטן. זאָל די ווילע שרהלע פּרוּוון רעדן מיט זיי. מ׳עט חלילה נישט אָפּבייסן פון איר. זיי וועלן זי באַקליידן און באַשיכן. אַן אמתדיק גליק האַרט אויף איר ביי דער אָרעמער שוועל. אויך רייכע אַלמנס האָבן געררייצט דעם חשק פון דער אָרעמאַנטע. די מאַמע האָט נישט געקענטביישטיין דעם נסיון פון נאַרישן האַרץ און געלאָזן פאַלן אַ וואָרט פאַר דער טאָכטער:

— שרהניו, ווייסט כאָטש ווער ס׳האָט זיך געפרעגט אויף דיר?

— כ׳ווייס שוין, מאַמעלע. ברענג מיר נישט קאַ׳ טייערע גריסן. מוחל.

ס׳מיידל האָט אַלץ און אַלעמען אָפּגעשטויסן. זי וויל נישט גליקלעך ווערן, האָט זי געטענהט. די שרהלע האָט צו מאָל דרך־ארצדיק זיך אַ וואָרף געטאָן פון שאַרפן פאַראיבל: „כ׳בין דיר איבעריק, מאַמע? דאָס בית החיים איז נישט אַזוי ווייט אויך פאַר אַ כלה אָן נדן. מ׳נעמט צו מיט אַ בילע אויסשטייער“.

די מוטער האָט זיך דעמאָלט באַוואַשן מיט ביטערע טרערן. „נאָך ווינציק שלעק האָט מיך געטראָפן, טאָכטער!?“ — —

מ׳בייסט זי און מ׳צופּט זי מיט סאַמע האַרציקן גוטס, שרהלען, אָבער די פיינטשאַפט פון די זייניקע צו איר געליבטן איז ברענענדיקער ווי די

זאָרג פון איר געטרייער מאַמען. און „דער יונג" האָט טרויעריק זיך פאַר־טראַכט דערויף: שוין זשע איז ער נישט מער ווי אַ וואָרעם, וואָרן ר'איז נישט ביד צו האָבן אַ דעה איבער זיך אַליין? טאַטע־מאַמעס ליבשאַפט צעקוועטשט אים, אַזש זיין נפש האָט זיך דערפון צעיאָמערט אויף אַ טיפן, ווייטן קול וואָס האָט צענומען זיין גאַנצן געביין:

— אַן אייגענע מאַמע און זי זאָל אַזוי ברענען און בראָטן! ווי לאַנג וועט ער דאָס סובל זיין?

ענדלעך האָט דער יונג זיך צעיאַכמערט איבער דער צערודערטער היים: — אַ סוף זאָל עס נעמען! נאָר זיי טוען טובהס! — האָט ער זיך צעשריגן. די מוטער האָט דערויף צעעפנט די אויגן, דער פאָטער האָט זיך דערשראָקן.

— גענוג! כ'וויל מער נישט הערן קיין מוסר — האָט שלמה־יונה נישט אויפגעהערט ליאַרעמען — איך וועל טאָן מיט זיך ווי מיר געפעלט, און שטיל זאָל ווערן! נישט צו אַ חתונה וועל איך ענק פאַרבעטן. מיין לוויה וועט עץ האָבן. צ'ווילט, וועט עץ דאָס דערלעבן. גענוג זיך געוואָרפן מיט מיר — —

צעוואָיעט זיך דער יונג און ווי אַן אָפּגעבריטער אַנטלאָפן פון דער היים. אַוועק, אַוועק, וואָס ווייטער פונעם לייבנגרוב — האָט עס געטומלט, געטרערט פון אים און זיין קול האָט אַ שרעקיקס לאַנג זיך געדריוולט אין דעם דערשלאָגענעם הויז.

*

גאָר טרויעריקע מעת־לעתן זענען אָנגעשטאַנען אויפן הויז פון איטשע העפטער. די אַלטע דחקות האָט איבעראַנייס פאַרבויגן דעם קאָפּ און שווער זיך אַראָפּגעזעצט אין דער שיין פונעם טאָג ווי פון דער קלעפּיקער חשכות פון דער הודזשנדיקער נאַכט. צו להכעיסדיק האָבן די נעכט זיך געשלעפּט מיט געוואָי, מיט הודזשעניש פון פראָסט וואָס איז אַ שווערע דראָונג פאַרן אָרעמאַן. טעמפּ האָט זיך גענומען ציִען די צייט און דער געדאַנק, אַן איינגעגליווערטער, האָט יאַקבי געוואַכט איבער טאַטע־מאַמען מיט פאַר־גלייזטע אויגן ווי ביי אַ גוסס: „שלמה־יונה, אַ נאַרישער מוח דאָס איז! ער ווייסט נישט וועך ס'איז אים אויף אַן אמת געטריי. דעם טאַטן מיט דער מאַמען וויל ער דווקא דערפירן צום קבר. אַלע רייד פון די אייגענע זענען

איבעריק פאַר אים!" און אין איין וועגס האָט זיך פּחדימדיק צעפּאָכעט אויף דעם זונס יאוש, אָט־אָ אַ צעשריגענער פון זיין אַנומלטיקער מהומה אַרויס: — ווער פרעגט ענק עצות? כ'על טאָן ווי מיר געפעלט, און פאַרטיק! איך בין באַלעבאָס איבער זיך און נישט קיינער; קיינעם גייט נישט אָן מיין קאָפּווייטיק, גע־העערט! — — דערצונדענע לויפן אַרום זיינע משוגענע אויגן, זיי טרענקען זיך אין חלל, צאַפּלען און פויקן הילכיק, כעסדיק ווי מיט פויסטן איבער די אַנטהוילענע ברעטער פון טיש, פון דער טיר:

— צו אַ חתונה 'על איך ענק בעטן? שוין לויף איך עס טאָן פאַר מיינע בעסטע פריינד, די טייערסטע פריינד, ס'וואָר?! — קערן זיך אַרויס זיינע אויגן פון אונטערן שטערן ווי צעגליטע ווייסע שטיינדלעך — מיין לוויה וועט עץ האָבן! לוויות טראָגט עץ אויס אין ענקערע נשמות פאַר די קינדערס וועגן, פאַר די געליבטע קינדער. צ'ווילט, וועט עץ גיך און געשווינד דאָס דערלעבן!

מיט אַנגסטלעכקייט גיט אָפּ דאָס צעהוידעטע קול און זיי זעען בפירוש ווי ער וואַלגערט זיך ערשט אין קויטיקן פראָסט, דער יונג. ווי אַ לעצטער שלעפער ווערט דאָס פאַרפאַלן. נעלם געוואָרן ווער ווייסט וווהין — האָט עס געזעצט איבער טאַטע־מאַמעס שאַרבנס.

— גאָט ווייס וואָס ס'געשעט מיטן קינד! אפשר וועסטו גיין פרעגן, איטשע — האָט אין דער מוטער באַלד אָנגעקלאַפּט אַ פּלוצלינגע חרטה.

— ווו קען ער זיך געפינען, דער יונג? מי־יודע צי ער האָט פאַר וואָס צו קויפן זיך אַ ביסן אין מויל אַריין — האָט זי געיאָמערט.

— צווישן מענטשן איז דאָס אָמביטנע, פאַר יענעמען שעמען זיך מיינע זין. כ'וואָלט געשווירן אַז ער הונגערט, דער נאַר — האָט דער פאָטער שוין געטראַכט אין ענטפער אויפן ווייבס קלאָג, באַשר ער בייטלט זיך דאָך אויס ביז אַ פּרוטה פאַר דער מויד. זי האָט אים אָפּגעטאָן אַ כישוף.

— אַלץ פאַר דער כלהטשיסקע, וואָס וויקלט זיך ווי אַ שלאַנג אַרום זיין האַלדז, — האָט דער מאַמען שוין נישט געסטייעט קיין ניכטערקייט פאַרן רעיון צו גיין לויפן אויפזוכן דעם אַנטרינענעם זון. און זי האָט פון ס'ניי זיך צעוויינט מיט אַ געבראָכענעם ניגון. ביי איר האָבן נישט אויס־געטריקנט די טרערן פון וויינען, דעם טאַטן האָט געצוקט ס'מויל אין ווייטיקלעכן שווייגן, אָבער דעם אַרומבלאָנקנדיקן בחור האָבן געוואַרעמט אַ פּאָר ליכטיקע אויגן און אַ מאַמעדיק נשמהלע פון זיין מיידל. יאָ,

עס זינגען אים אירע געטאָקטע היפטן. זי האָט געפירט זיין געדאַנק, לאָקנ־דיק צעשמאָלצן דאָס געפיל וואָס האָט אים צוגעבונדן צו דער היים. דער מאַן וואָס האָט מיט אומגעריכטקייט אויפגעשפּראָצט אין שלמהלע האָפמאַן, האָט בשום אופן נישט געפונען אין זיך קיין כוח איבערצורייסן מיט דעם צאַרטן באַשעפעניש וואָס האָט פאַרכאַפּט זיין האַרץ, כאָטש דער קאַלטער שכל האָט אַ מאָל אים אויך אַ שניט געטאָן ווי אַ חלף: „די מאַמע איז דאָך דיר נישט קיין שונא. און דעם טאַטנס נישט מוסרן דיך איז דען נישט מער ווי געפּאַטשט איבערן פּנים? טאָרסט נישט פאַרלייקענען — שלמה האָפמאַן איז אַ צעטומלט פאַרשווינדל. ווּעסט זיך געגוג מאַטערן, אַליין זיך מאַטערן, שלמה־יונה, און ברענגען פּיין אויף דער, וועלכער דו גייסט באַגליקן. וואַ־וווואַאוואַאַ! ערשט ליגט שרהלע קראַנק צו בעט, און דו? דרייסט זיך פּאַר איר ווי אַ למך, פאַרקרימסט זיך מיט מיטלייד צו איר; און גאָר. אַ ליאַדע־וואָס פאַלט זי אַוועק. ווייל אויף אַ שוואַכן יסוד איז געוואַקסן איר לויטערע שיינקייט און דו קענסט איר נישט העלפן שוין היינט — — וואָס ס׳איז אחריות, ווייסטו, יונגער מאַן? נעם זיך אָן מיט ריכטיקער גבורה צו אַנטרינען פון דעם זיסן רויש וואָס קען קאָסטן מער ווי דיין לעבן. אפשר איז עס טאַקע נישט מער ווי אַ בליץ וואָס וועט סוף כל סוף איינ־פינצטערן, אָפּפאַלן פונעם הימלראַנד? ס׳איז אַ נעבעך צו יעדער אויסניכ־טערונג וואָס קומט צו שפּעט!״

ס׳איז געווען די שעה פון אויפגעפלאַקערטן פּרווו פאַרן שכל וואָס וואַקסט פונעם האַרץ.

דער בחור האָט זיך אַליין געשמיסן — אין דעם קלערן וואָס טאַטע־מאַמעס טענה האָט אויף אים אָנגעבראַכט. טעג און נעכט האָט ער אַ פאַר־שעמטער, אַ הונגעריקער זיך געפּלאָנטערט אין פרעמדע שטובן, זיך גע־פּטרט אויף איינגעבעטענע געלעגערס. מתוך ייאוש וואָס האָט אַ בריקע געטאָן דעם צערודערטן שלמה־יונהן, האָט ער אויסגעפונען אַז ער איז אַפילו נישט ראוי דאָס מיידל פון זיין מארגן, ווי געטראַכט פון שרהלען זינט ר׳האָט זיך צוגעקלעפּט צו איר מיט נאָגנדיקער ציטערניש. זי איז אַ פּערל וואָס בלישטשעט אַרויס פון בלאָטע, נאָר ער איז אַ ווילד־געוויקס.

— פאַרמער דיר נישט די טעג, שלמהלע. גיי אַהיים צו טאַטע־מאַמען. זאָלן זיי מער נישט האָבן קיין פאַרדראָס. מ׳זוכט דיך אַרום; מ׳קען מיינען

אַז איך האַלט דיך אויף — האָט ס׳מיידל שיער־נישט זיך צעוויינט — כ׳שווער דיר, איך האָב דיך ליב, אָבער כ׳וויל נישט קיינעמס עוולה און אודאי נישט דיינע. ווערט באַשערט זיין, וועל איך נאָך געפעלן דיינע היימישע. דערווייל מוז איך ליידן. יעדער ווערט געבוירן מיט זיין מזל. מיר איז אויסגעלייגט אַז מיין מאַמע זאָל זיין דער קאָפּ פון אונדזער פאַמיליע און איך... — אַנומלט האָט שרהלע אַזוי זיך צערעדט פאַר אים און דערויף אויסגעבראָכן אין אַ העשען וואָס זי האָט לאַנג געוואָלט פאַרהוילן. און דווקא מיט דעם האָט ס׳מיידל אים נאָך שטאַרקער צוגעבונדן צו זיך.

— אַ געמיינע טבע איז ביי מענטשן. מ׳האָט הנאה צו מאַטערן יענע־מען! — האָט שלמהלע זיך אויסגערעדט פאַרן מיידל און באַלד אַליין זיך פאַרגאַנגען אין אַ הייסער יללה אויף זיין אייגענעם גורל — קינדער ברענגט דאָס אויף דער וועלט און האָבן נישט קאַ׳ געלענק צו זיין טאַטע־מאַמע!

— שאַ, שאַ — האָט זי שוין געפּרוווט אים באַרויקן און אַליין געשלונגען טרערן — ווי אומגליקלעך ס׳איז די אמתע ליבע!

זינט דעמאָלט האָט שרהלע מערער זיך צעזונגען אין שלמהלעס אינגע־ווייִדן. מיט אומדערוואַרטן שטאָלץ האָט זי אַרויסגערעדט פון אים:

„קינדלעבן, איך בין נישט מער מורינו פון דיר. און איך בין נישט בעסער פון דיר, כאָטש אונדזער הויז איז נישט געפּרוווט געוואָרן מיטן ווייטיק פון צעריסנקייט, וואָס האָט געטראָפן דיך און דיין היים. יונגעטש־קערהייט ביסטו געבליבן אַ יתומה, טייערע, דערפאַר מיט דער שיינקייט פון דעם גורל וואָס באַקריינט די זעלטענע. וויין נישט, שרהלע. איך וועל זייַן מיט דיר. גלייב מיר. כ׳בין נישט קיין ליגנער״.

שלמהלע האָט אַלע מאָל געטרונקען די טרערן פון שרהלעס באַטריבטע, ליכטיק־ברוינע אויגן און אַליין זיך דערויף צעהעשעט. — שוין, שוין טייערס — האָט ער זיך ביי איר געבעטן. שלמהלע האָט זיך נאָך פירגע־וואָרפן באשר ער פאַרשטייט זיך לגמרי נישט אויף דער פיינקייט פון שרהלען, פון דעסטוועגן (אָ, פיינלעכער אמת!) איז זיין דעה בנוגע איר שוין געווען אַ ביסעלע אָנגעשפּאָלטן. דער מאַמעס אַנאויפהעריקע רייד האָבן באַשיימפּערלעך געהאַט זייער פּעולה. דער פלאַם וואָס ז י האָט אין אים אָנגעצונדן, האָט אָן עמעץ אין שלמהן אַריינגעשושקעט — איז אַ ספקדיקער פלאַם. („וועסט זען שפּעטער!״) ביסט אַ גרינער אַגרעס וואָס איז זיך נאָך נישט אויסגעשטאַנען אויפןביימל. מוזסט זיך רעכענען —

דו ביסט אַ שלאַבעריקער כאַראַקטער. געדענק: אַ העפּטיקער גלאַנץ קען פֿאַרשיכורן אַזאַ בחורל, אַ טרעריק וואָרט האָט גריילעך אַנגעטרונקען דיין האַרץ וואָס איז גרינג צו פֿאַרחלשן. יאָ, אַזעלכער איז ער! ס'איז רעכט אַז ר'זאָל וועלן פּחדניש נעלם ווערן פֿון שרהלען.

אָבער ניין, ניין! ער איז אַ הינטישע צורה. ר'שמועסט זיך לייכט איין נישט געשטויגענע דאַכטענישן. שלמה האָפֿמאַן פֿאַרגעסט נישט, ר'וועט נישט פֿאַרגעסן אַז ער איז אויך נישט דער אַרויסקומער פֿון אַ רויזנגאָרטן — האָט ער זיך גענומען בייטשן. אַ טרוקענער דאָרן איז ער!

צעטרייסלט פֿון זיין זוכן ז י ך איינעם שטח פֿון פּילן, וואָס ער האָט געפּילט צו שרהלע לײַנוואָל, האָט ער דערשפּירט אַז זי זינגט פֿול געטריישאַפֿט צו אים — און שלמה־יונה האָט זיך פֿאַרמאָסטן קעגן טאַ־טע־מאַמען, זיינע בפירושע שונאים:

— ער וועט זיי נישט נאָכגעבן! — האָט ער אויפֿגעצאָרנט. עס איז געשען ווען ער האָט זיך דערווישט כמעט אויף דער גאַס, אַן אַרויסגעשטויסענער פֿון די געשרייען־גוואַלדן, וואָס האָבן זיך ווי אַ וויכער אויפֿגעהויבן איבער אים. אַ להכעיס קעגן דער „ביטערער היים" האָט מכריע געווען. כאָטש ער פֿלעגט אַ מאָל דער מאַמען געבן גערעכט — וואָס שייך זיין תכלית, האָט דאָ מנצח געווען שרהלע. ער האָט דאָך איר צוגעזאָגט, דעם קאָפּ פֿאַר־דרייט. און שלמה־יונה האָט זיך איבערגעשריגן: „דו וועסט זיך נישט פֿאַר־קויפֿן פֿאַר געלט! שלמה, טאָרסט נישט פֿעלשן אין זיך גופא. ער מוז בלייבן ע ר ! שלמה האָפֿמאַן וועט טאָן כל התפּעלות אַז ר'זאָל ווערט זיין די מתנה וואָס זיין יונגשאַפֿט טראָגט אים אונטער. אַ זיווג איז אַ גורל־זאַך און נישט אַ כישוף ווי די מאַמע טענהט. קומט אַ מויד, טוט כישוף אַ פֿאַרנאַרישטן יונג און דער מוח ווערט אים אַ קאַלאָוואַראָט. זיין מיידל האָט אַלע חנען וואָס רייצן דעם זינען, זיי וואַרעמען מיט גרויסער ליכטי־קייט, כאָטש איר זיפֿץ איז דורכויס טרעריק". און ווידער אַ מאָל אָפּגעמאַכט ביי זיך: פֿאַר אירעטוועגן וועט ער זיך לאָזן שמייסן פֿון אַלע זונען און אַלע זאַווערוכעס; אַוודאי איז שיין אַז אַ מענטש שטרעבט צו דערהויבנס. ביי אים איז שרהלע דער וועג צו לייטערונג. וואָס וועט זיין אַז כ'על האָבן תכלית, אָבער אין האַרץ וועט זיין אַ וויסטקייט? אַלע שיינקייטן לייכטן פֿון שרהלעס טריט און זיי תּפֿילהנען פֿון אירע רייד. די־אָ איידלקייטן וועלן אים פֿאַרגרינגערן מקיים צו זיין דעם נדר וואָס ער האָט גענומען אויף זיך

אַנטקעגן דעם באַליידיקטן מיידעלע. אומזיסט וויל די מאַמע אים זי פאַר־מיאוסן, דער טאַטע וויל דאָס אָפּשרייען מיט זיין אומהיימלעכן שווייגן. מיט לייב און לעבן שפּירט ער, אַז ער איז גערעכט, שלמה האָפּמאַן, כאָטש — אמת — די ציין פון דער קלאָמפּערשטער גערעכטיקייט רייסן פון אים פאַסן — — עס איז גאָרנישט מיט נישט וואָס זי איז אַן אָרעמע יתומה. שרהלע איז רייך מיטן צוזאָג פון געהייליקטן גוטס פון די אָרעמע און אָרנטלעכע.

שרהלען צוליב האָט דער בחור זיך געראַנגלט מיטן כעס וואָס די מאַ־מע האָט אין אים אויפגעבערענט (עך, שיער־נישט וואָלט ער זי אַגומלט באַפאַלן מיט די פויסטן! יאָ, די אייגענע מאַמע, ווייל זי צעטרעט אים מיט אירע צאָרנדיקע פיס!); ער האָט זיך געאַמפּערט מיט די עוולות וואָס ער האָט אויפגעצווונגענערהייט פאַרשוויגן: „פאַרבייס די ליפּן, שלמה!" פון שלום וועגן האָט ער זיך צוריקגעקערט אַהיים, ווי פרי:ער צוגעטראָגן דער מאַמען די שכירות וואָס ער פאַרדינט: „קויף איין, מאַמע, קאָך. גרייט אַ גוטן שבת. מ'באַדאַרף איבערקומען די שווערע קעלטן". אָבער איינציייטיק האָט ער זיך נאָך געפּרוווט מיט אַ וואָרט, וואָס געלאַסן איר צוגעוואָרפן: — זע, טו נאָך דעם טאַטן. ער וויל נישט זיין קליגער פון אַלע. עס איז גע־ווען אַ כלאַחר־ידיקע אַנצוהערעניש אויפן רוגז וואָס די מאַמע האָט אָנגע־בראַכט אויפן הויז צוליבן מיידל וואָס איז אים אַריין אין דער נשמה. שיינדל האָט דעמאָלט זיך נישט געמאַכט פאַרשטיין וואָס דער יונג רעדט. אָבער ס'נישט לאַנג פאַרביי (ס'געווען אַזוי ווי דער מאַמעס גוואַלדן וואָלטן זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ קורצן אָפּרו) און די ייִדענע האָט פון דאָס ביי גענומען יאַדען: „ס'וואָלט אַלע געקענט זיין וויל און גוט, קומט אַזאַ פורעניה", און באַלד אויפגעשריגן מיט הילכיקן פייער:

— דעם הונטסוואָל וועל איך נישט פאַרשווייגן די טובה! ער מיינט, מ'קען אַזוינס פאַרגעסן.

זי האָט זיך צעזאָטן, נישט געלאָזן איינרוען דעם מאַן, וואָס איז דער אייגנטלעכער שותף צו אַלץ מיט אַנאַנד, צו זייער טראַכטן און זאָרגן, אָבער ער, דער צעקראָכענער טאַטע איז אָפּן בוגד אין איר:

— זעסט נישט ווי דער יונג פירט אַריין אַן אומגליק אין שטוב? שוויי־ייגססטו?! איטשע, דו ווייסט וואָס דו טוסט, גזלן! — און זיך צעטומלט פון דער הוילער הויט אַרויס — מיך וועט מע נישט אָפּחורשן מיט אַ שטופּ

אין די ציין אַריין. די פרוי איז זיך פאַרגאַנגען אין ווילדע קולות און נישט אויפגעהערט מרעיש עולם זיין. זי איז גרייט צו פגרן, האָט זי נישט אויפ־געהערט זיך צו כעסן; מ׳עט זי אַרויסשלעפּן פון דאַנעט ווי אַ הונט און זי׳ט נישט דערלאָזן דערצו, צו וואָס דער יונג האָט זיך זאַמיעזשעט.

די נייע בהלה האָט שלמהלע שוין נישט געקענט סובל זיין. ר׳האָט אָפּגעענטפערט מיט האַרטנעקיקייט. שפּעטער, ווי ר׳וואָלט ערשט באַזינגען דעם איבערפאַל אויף זיין יוגנט, האָט ער זיך שוין אַרויסגעבראָכן פונעם גדר פון באַצוווּנגענקייט: — מאַמע, אפשר ווערסטו דאָך אַ מאָל ווערן קלי־גער? זאָלסט שווייגן, בעט איך דיך! ווייס, איך האָב שוין נישט קאַ׳ גע־דולד. פאַר וואָס, בעט איך דיך, קומט מיך צו רודפן, פאַר וואָאָאָס, מאַמע! — האָט ער זיך צעשוימט, די אויגן זענען אים אַרויס פון שטערן, די ציין האָבן זיך צעסליניעט:

— איך וויל גיין אויף מיינע אייגענע פיס און נישט אויפן שכל פון טאַטע־מאַמען. סיי־ווי ווייסטו אַז דו וועסט גאָר נישט פּועלן. ווילסט דווקא מיך פּטרן פון שטוב אַרויס, וועל איך גיין, אָבער מער זיך נישט צוריק־קערן. באַדאַי אין דער ווייסל אַריין וועל איך גיין — האָט ער זיך שוין גע־שטיקט מיט טרערן — קיין אַנדער ברירה זע איך נישט. נאָר זי עק־בערט דעם מוח! מאַמע, האָט ער געקרימט ס׳פּנים אין געוויין און געליאַ־רעם, אויף דיין פּוס וועל איך זיך נישט שטעלן!

ס׳האָט זיך געטאָן חושך. שטילערהייט, קלאָמפּערשט אַז אַ שכן זאָל נישט דערקערן (כאָטש ס׳גאַנצע געסל האָט שוין געהודזשעט פון די פלאַ־מען וואָס האָבן געברענט ביי די האָפּמאַנס), האָט מע זיך געביסן און געריסן. דערנאָך איז די מאַמע שוין אַרויס מיט אָפענע דיבורים, מער זיך נישט געשראָקן אַז עמעץ וועט זיך דערוויסן: — זי וועט נישט באַשטיין אויפן שידוך וואָס דער יונג האָט זיך אָפּגעזוכט! צו איר גדולה באַדאַרף זי נישט קאַ׳ נאַקעטע מויד. ריסעס וועלן זיך טאָן — האָט זי געוואָרנט, אָבעראַנייס זיך צעטומלט היסטעריש:

— שלמה־יונה האָט נאָך נישט קיין דעה ביי איר. אַ זאַשיע אים! ביי מיר וועט ער נישט אויסנעמען. איבער מיין טויטן קערפּער וועט ער גיין, אָבער נישט צו דער חופּה מיט אַ ליאַדע נישטאָל.

אין הויז איז געשטאַנען תמידער געבייזער. אין אַ נאָווינע האָט אין איינער אַ טיף אויסגעגאָסענער נאַכט אַריין זיך צעשפּילט שיינדלס

נאַגנדיק־זינגענדיקער געיאָמער: „ווי מיר, וואָס איך האָב דערלעבט. קברים געדאַרפט איינרייסן פאַר אַזאַ זון. די שענסטע יאָרן זיך פאַרביסט און דאָס אַרויסגעשלעפּט פון אַלע אומגליקן, ערשט נאַ דיר! יתומים מאַכט ער פון די יינגערע קינדער. די מאַמע האָט דאָס אין דר'ערד! ווי מיר און ווי־י־ינד!״

דער יונג האָט זיך ביסלעכווייז צוגעוווינט צו דער מהומה. מיט אַ צוקנדיק פּנים איז ער אַלע מאָל געזעסן אין שטוב אויף אָפּקומעניש און אויסגעקוקט וואָס גיכער זיך אָפּצוטראָגן. פון דער היים פלעגט שלמה זיך אַרויסקריגן ווי פון אַ שטיקנדיקן רויך. אים איז געוואָרן נענטער דאָס געפיל: שרהלע. וואָס טוט שרהלע? זי קלערט איבער ווו איך בין! נו, פון זיין מאַמען וועט ער איר נישט דערציילן. זאָל זי ווינציקער וויסן וואָס ביי זיי טוט זיך. „ווי עס דערגייט אין דער היים? נישקשה — האָט ער זיך אַליין געענטפערט, גלייך ער וואָלט געשפּירט אויף זיך דעם מיידלס פרעגנדיקן בליק — עס קומט דער טאָג, טייערע, ווען זיי וועלן דיך פאַרבעטן. ס'וועט זיין אַ פריילעכער טיש, שרהלע. דערווייל, פאַרשטייסטו מיך, פעלן נישט קיין דאגות. זלאָטעס באַדאַרף מע שטענדיק. ס'אַן אומגליק מיט די זלאָטעס ווען זיי זענען נישטאָ. ווייסט דאָך ווי ס'זעט אויס אַצינד. מענטשן גייען אויס נאָך אַ גילדן. האָב נישט קיין גרעסערע צרות ווי דאָס, איינציקס. די קעלטן זענען נישט אייביק״.

כאָטש שעמעוודיק, איז דער בחור געווען פאַרקאָכט אין דעם „נאַקעטן מיידל״, געזעען אין איר דעם ליכטיקן האַרבעריק פון אַלע זיינע אומקלאָרע האָפענונגען, אַפילו יסורים אַראָפּגעשלונגען פון וועגן דער ליבשאַפט צו איר. און ווי אויף צו פּיקעניש דעם זונס באַגער אַרויסצושלאָגן פון דער מוטערס עקשנות אַ פונק פרידלעכקייט (ער פלעגט זי אויך חנפענען, פון „אונטער דער ערד״ אויסגעזוכט אַ מעשה ס'זאָל איר שמייכלען), האָט די ייִדענע זיך געוואָרפן, געשאָלטן דעם מאַן הלמאי ער דערלאָזט צו דער בלוטיקער עוולה:

—סטייטש, איטשעלע גולם! — און געקריצט מיט די ציין — אַ גאַנץ לעבן וועט „ער״ האָבן צו קלאָגן אויף זיך. אַלע יאָרן וועט אונדז טריפן ס'האַרץ פון צוקוקן זיך צו — — געראַכט, שיינדל נאַר. מע קוקט שוין אויף דיר ווי אויף אַ משוגענע (האָבן די אויגן איר געפינצטערט). וועסט פאַרלייגן מיטן קאָפּ פאַר אַלע גוטע און געטרייע!

געגרעדט צום מאַן, געשטראָפט דעם זון און געוויינט אויף די קעפּ פון די

אַנדערע קינדער: — אַז דער עלטסטער טרעט אויס אַזאַ וועג, ווי זשע וועלן אָנשפּאַרן די טרויעריקע ברידערלעך זיינע? איי, דערוואַרט זיך!

זי האָט געמאָלן מיט די ליפּן, געקרימט ס׳פּנים און באַגעגנט די כמור־רע קעלט וואָס איז נישט אָפּגעטראָטן פון שטוב.

טרערן, טרערן אָן אַ שיעור האָבן פאַרגאָסן דאָס געאָנטע גליק פון אַן אונטערוואַקסנדיק ייִנגל וואָס האָט זיך קאַרקברעכעריש אַרויסגעריסן פון טאַטע־מאַמעס אָרעמס און געשטרויכלט זיך אין געלאַף צו אַן אייגענעם מטושטעשן וווהין:

ער וועט זיך נישט לאָזן דערדריקן פון זיי, — האָט שלמהלע געקייעט דעם איינציקן געדאַנק וואָס האָט געשטאַרט פאַר זיין בליק מיט דער קאַלע־מוטנעקייט פונעם הונגעריקן לאַנגן ווינטער. — ער וועט אַרויסציִען שרה־לען פון איר מאַמעס אַלמנהשער גרוב. ר׳עט דינגען אַ באַשיידן שטיבל ערגעץ אַרויסשטאָט; דאָרט איז וועלוועלער און מ׳עט זיי נישט אַזוי נאָכקוקן. אַרום גאָרטן־ליכטיקייטן וועט שרהלע זיך אָפּרוען פון איר יתומהשן געקוועל. ער וועט זי דערווייטערן פון זיין מאַמע שיינדלס געליאַרעם, און זאַטקייט און פריד וועט פאַרהיילן איר פאַרוווּנדיקטע נשמה — — ער וועט אַרבעטן, ר׳וועט זיך נישט שוינען, אַבי צו אַנטלויפן צו זיך. שלמה האָפמאַן וועט זיך אויסהיטן פאַר אייגענע און פאַר פרעמדע מיט זיין אָרעם גליק. ר׳עט קיינעמען נישט דערציילן אַז ר׳האָט חתונה געהאַט. אַוודאי, ער וועט שטעלן אַ חופה, אַ שטילע חופה אַז אַ פויגל זאָל נישט אַ פּיפּס טאָן. ווּעמען דאַרף עס אָנגיין, וועמענס דאגה זענען זיינע דאגות! ער דאַרף נאָר בייקומען דער פּיין וואָס פּייניקט זיין באַשערטע. ס׳אי׳ נישט קאָ׳ גליק? דאָס וואָס שרהלע ליינוואָל האָט אין אים דערוועקט איז אַ טייער געפיל. שאַ, שלמה, קריג זיך נאָר אַרויס פון די שטיקנדיקע רויכן.

צום מערסטן האָט אים אָנגעשראָקן די מאַמע. ביי דער מינדסטער געלעגנהייט האָט דער פּרויס מענה־לשון אויפגעזאָטן אין דער אָנגעטונקלטער שטוב וואָס איז געזעסן אָן דעם טעגלעכן ברויט; די אומדערמידלעכע וואָרנערקע האָט געדרילט זיינע געהירן און איר פּנים האָט בשעת־מעשה געברענט פון אויפרעגונג.

— געדעעענק, מ׳באַצאָלט פאַר אַזעלכענע נאַרישקייטן! — האָט זי געהעשעט.

און איז שלמה נישט געווען אין דער היים (ער האָט געאַרבעט אויף אַ שטעלע; ר׳איז געווען דער איינציקער אין הויז וואָס האָט אַריינגעבראַכט אַ גילדן פאַרדינסט אין די טרויעריקע וואָכן), האָט די מאַמע נישט פאַרגעסן ס׳אומגליק מיט איר שלמה־יונהן. פלוצלינג, צום הונדערטסטן מאָל זיך אָוועקגעזעצט קלאָגן און איר געקלאָג באַגרונטפעסטיקט אויף „ראיות״ וואָס זי האָט אויסגעזונגען מיט אַן איכה־ניגון. אַלע וואָס האָבן זיך צוגעהערט דערצו, האָט זי לסוף באַגעגנט מיט אַ טרויעריקן בליק און אויסגעלאָזט איר ניגון מיט אַ קוויטשל. האָט עמעץ דערוועגט זיך צו דערווידערן, איז זי געוואָרן ווילד, זיך צעשריגן אַז מ׳גייט אויף איר לעבן.

— עץ באַמקעט צו צו אַלעם. דער יונג טוט גוט, זאָגט עץ. איך בין פאַרדרייט, העץ?

שיינדל איז געווען בייז אויף אַלע, וואָס גיבן איר נישט גערעכט. זי האָט זיך רוגזהדיק געזעצט מיט די פויסטן אין די שלייפן אַריין, הלמאי „דער קאָפּ פון שטוב״ איז אַזאַ דר׳ערדליגער. וואָס מ׳טוט אָפּ, איז כשר; ווען נישט דער טאַטע־רע, וואָלט עס אַזוי ווייט נישט דערגאַנגען. אַז דער טאַטע וואָלט אים געוויזן ווער עלטער איז, וואָלט דער יונג נישט דערפירט די שטוב צו דער גרוב — —

קאַפּיטל דריי

לאַנג איז די שטוב געגאַנגען אויף רעדלעך: דער יונג, די כלה, אַזאַ געשריי קעגן דער ליבשאַפט צו אַן אומבאַוווסט, אָרעם מיידל. ס׳איז דערגאַנגען אַזוי ווייט אַז דאָס דחקות האָט זיך געשטעלט אין אַ ווינקל — אין אַנבליק פון שלמה־יונהס גוואַלדאָוונעם אַריינרייסן זיך מיטן זיין אומגעריכטן חתנען זיך. אַ נאַקעטע מוידז! אַ כלה צום טיש! — האָט עס געליאַרעמט און די בהלה האָט זיך געשטעלט אין אויבנאָן, פאַרנומען די גאַנצע שיין וואָס האָט סיי ווי קאַרג אַריינגעבלינצלט אין די פענצטער־שייבלעך פון די פאַרבאַבלטע, קאָלטענעוואַטע ווינטערטעג. מחמת דעם טומל: די כלה, אַ כלה צו מיין קאָפּ! — האָט מען אין אַלץ פאַרגעסן. יאָ געהייצט די ציגלנע הרובע, נישט דערוואָרעמט זיך די קישקעס — דאָס געקרעכץ אויף דער

מויד איז נישט אָפּגעטראָטן פון צוקאָפּנס די חולשותדיקע וואָכן פון דער צערודערטער היים.

תמיד האָט זיך איבערגעחזרט ס׳זעלביקע. האָט „זי״ אָנגעהויבן, איז דער אַלטער אַרויס פון שטוב. אין סומנע פירהויז האָט ער געזוכט ווו צו עפּענען אַ שכנישע טיר, אַבי נישט צו הערן דעם ווייבס תרעומות: דער יונג מאַכט אומגליקלעך ס׳הויז!

— שוין אַלדינג אויסגעדאגהט, בלויז די יעלות האָבן געפעלט, — האָט דער מענטש געטענהט — אָ, וואָס ס׳קימט אַלץ צוהאַנדן!

אין שאָטן פון איר אַליינקייט וואָס דערשפּירט פונעם אַרום, האָט די פאַרצרהטע יידענע טייל מאָל זיך דערטראַכט צו דער טיף פון דעם ווייטיק וואָס זי האָט אויף אַ קול אויסגעוויגט אין אַ מאָדנעם לידלען:

— אַזאַ געראָטענער יונג דער שלמהלע, שיין און געלערנט (און צו־געשאָקלט זיך אין געבּרום), מ׳וויל עים איבערגילטן, ווי אַן אייגן קינד אַריינגעמען אין אַ געשעפט. גאָט און לייט וואָלטן אָנגעקוואָלן. ס׳מיידל וואָס מ׳רעדט עים, איז ווי אַ לאַכטיקער טאָג, קלוג און מלא חן. מ׳פירט׳ן אַראָן אין אַ שמאַלצגריב און דעם שלמה־יונה שנאָרער ציט דווקא צום דלות. ווינציק זיך אָנגעשמעקט דערמיט ביים טאַטן, וואָס גייט אַרום אין גאָלדע־נע צויטן. נעבעך, נעבעך — האָט זי זיך צעניגונט מיט אַ פּלוצלינגער האַס־טיקייט, געסמאָרעט מיט דער נאָז, — כאָטש האַק ס׳לעדער און טרען: ער וויל נישט אַנדערש. נאָר אַ דלפון מוז ער בלייבן. איינגעפּאַלן עים אַ שמע קולינו: „ער באַדאַרף נישט זאַן רייך. ר׳האָט אין דר׳ערד אַלע נגידים! עים איז ליב וואָס ער אַרבעט אויס אַליין!״ רייך, זאָגט ער, איז ער מיט זיינע דריי גראָשן, דער טאָטלעס־קאָפּ. עים איז כעשעווער צו נעמען אַ וואָב מיט אַ הוילן הינטן איידער אַ באַנייטע און באַקליידטע; ער וועט ליבערשט איינ־דאָרן די געדערעם, איידער צו זאַן זעכער מיטן שטיקל ברויט. באַטראָפלט עים אַן אָרעמע מויד מיט אַ שיין פּיסקל. בלינד, נישט געשען זאָל עס, דער יונג, געפינט אין אַזעלכענער אַלע גליקן. עץ ווערגטס זעך — מיר געפעלט זי! איי, וועסט דערנאָך קלאָגן אויף דעם נאַרישן שכל? וואָלט דער טאַטע כאָטש אַ מאָל אָנגעשריגן אויפן זינדל, געגעבן צו פאַרשטיין, אַז מ׳מיינט נישט קיינעמס טובה, נאָר זיין אייגענע, וואָלט דער נאַראָל זיך אפשר באַדענקט. ס׳נאָך נישט צו שפּעט. דעם טאַטן האָרכט ער דאָך געיכער. זאָל זיך עים דינקען, דעם לאַכטיקן טאַטן, אַז ס׳איז נישט זאַאַן זין, ס׳איז אַ ווילדפרעמ־

דער אויף ווענען ס׳איז אַ גרויס רחמנות, ווייל ער גייט זיך דערטרענקען. ר׳האָט דאָך אַ ווייך האַרץ פאַר אַלע, איטשע העפּטער, נאָר אַן אייגן קינד וויל ער נישט קאַ׳ דעה זאָגן. לאָזן דערהרגענען, דאָס יאָ? עפּן ס׳מוילן! אַזאַ מינוט קען האָבן אַ באַט־יט: ער קען זיך נאָך מיישב זאַן און זיך אָפּזאָגן פון דער נאַרישקייט וואָס זיך גענימען אין זינען אַראַן. ס׳געוואַלד צו שרייען, דער טאַטע באַדאַרף דעם אייגענעם זין אַרויסשלעפּן ביי די האָר, וויל ער עס נישט, דער וואַזשנער טאַטע. זאָל ער, טענהט רעב איטשע אין גרויס קלוג־שאַפט און קוקט זיך צו ווי זיין בלוט און פלייש לייגט זיך אַליין אין דר׳ערד אַראַן. ווינד און וויי! מ׳איז יונג איז מע משוגע, דער מוח פליט און די פיס לויפן גלאַטך אין דער העל אַראַאַן — —

אין די טומאַנע טעג אַריין וואָס האָבן זיך אָנגעבויגן צו די פאַרפרוי־נעמע פענצטער האָט די מאַמע אַריינגעברומט דאָס פאַרביסענע לידל: „שלמהלע, איר שלמה־יונה לייגט זיך אַליין אין דר׳ערד אַראַן“. אירע אויגן זענען געשוואָלן געוואָרן און די היימישע האָבן שוין געהאַט „וואַסער אין די אויערן“ פון דעם רעדן און טענהן. מיט דער צייט האָבן דער מאַן און די קינדער זיך אויסגעלערנט אַלץ פאַרשווייגן. גלייכער נישט „אָנצוהייבן“ מיט איר! ווי באַלד עפּעס, האָט די פרוי זיך געריסן די באַקן, געוואָרפן זיך מיטן קאָפּ אָן דער וואַנט. דאָס שייטל אויף איר איז געווען אומהיימלעך צעשוי־בערט און דער האַלדז פול מיט אָנגעצויגענע אָדערן. אין מיטן נאַכט, ווען דער מאַן מיט די יינגערע זין האָבן אויף ס׳כוח זי אַריינגעקראָגן אין בעט אַריין (מיט אַ מאָל האָט די יידענע זיך פאַרמאָסטן צו שטרייקן מיטן שלאָף, מיטן עסן; זי וויל ליבערשט איינגעזונקען ווערן, — האָט זי הייזעריק גע־כליפּעט און בשום אופן נישט געוואָלט גיין שלאָפן, נאָר געקאָרטשעט זיך אַנטקעגן דעם טריפנדיקן נאַפּטלעמפּל), איז זי געלעגן אַ וואַכע, מבולבל גערעדט אין דער פינצטערניש אַריין. ס׳איז געוואָרן אַ קרענק ביי איר דאָס רעדן וועגן דעם „יונג וואָס באַגראָבט זיך און וויל אַלע מיטשלעפּן מיט זיך“.

דער טאַטע איטשע, אַז ער האָט שוין גענוזט, האָט ער געטענהט צו דער אָנגעהאָרבעטער שטוב:

— וואָס ׳על איך זיך מישן? ס׳עט דען העלפן? מ׳איז יונג — האָרכט מע נישט קיינעם. מ׳איז קליגער פון אַלע. אין די סאַמע יונגע יאָרן איז מען אַליין מוראדיק קלוג, ס׳זאָל אַזאַ צאָרן נישט זאַן. ערשט שפּעטער זעט מע זיך אָרום מ׳איז נאָכגעגאַנגען דעם אייגענעם משוגעת. זאָל ער, אויב ער

פאַרשטייט אַזוי, — האָט דער אַלטער זיך שוין געוואָנדן צום ווייב. — הער נאָר, שיינדל: דו האָסט געטאָן אַלץ וואָס ס'איז שכלדיק? דערמאָן זיך גוט. מער ווי איין מאָל האָסטו דיין צדקיתדיקער מאַמען געגעבן די לעבער אין האַנט אַראַן. האָסט זיך אויך איינגערעדט אַז דו ביסט קליג. ביסט דען נישט אַראָנגעפאַלן?! — געוואָלט אַ רגע אויפשמייכלען, אָבער די וואַכע נאַכט האָט אין אים אַריינגעקוקט מיטן קאַלטן ערנסט. — איז מילא. מאַאַן קאָפּ וועל איך אויף עים נישט אַרויפזעצן. ווי מ'בעט זיך אויס, אַזוי שלאָפט מען. איך ווייס נאָר איינס: מיט רוגזה פועלט מען קיין מאָל נישט. דו זעסט דאָך. איז אַראָפּ פון מאַרק! זיי זשע בעסער אַ גוטער נאַר, שיינדל, אײדער אַ שלעכטער. צו וואָס זיך זוכן אַ שונא ביי אַן אייגן קינד? וואָס, וואָס, דיין זון איז ער און ער וועט דיך נישט פאַרלייקענען. אלא ר'איז אַן עקשן? ר'האָט אין וועמען אַריינ־צוגעראָטן. פאָלג מיך און דריי זיך איבער ס'בלעטל. זאָל ער אַפילו שוין חתונה האָבן און אַ סוף זאָל עס נעמען. וואָס, וועסט זיך שעמען צו ווערן אַ באָבע? שאָדט נישט! ס'טרעפן ייִנגערע באָבעס, שיינדל. אויב נישט — זיי כאָטש אַ גוטע שוויגער למזל. ס'ט זען: וועסט ווערן אַ גוטע מאַמע צום שלעכטן זון. כ'זאָל אַזוי לעבן, דער מוח לעכערט זיך מיר פון די געוואַלדע־נעס. אַ רוח אין דער וועלט אַראַן! כ'האָב שוין איבערן האַלדז די כלה. כ'וויל שוין זען אַ שנור, — און זיך אָנגעשטרענגט אַרויסצוברענגען אַ זשוואַווע גרימאַסע.

מיט אַ ציטער אין קול האָבן זיי גערעדט איינס צו ס'אַנדערע, אָבער עפּטער האָט עס אַרויסגעפּלאַמט פון דער מאַמען:

— איטשעלע, צעקראַכענער טאַטע, מאַטאַץ איינער! נאָר דו באַגראָבסט דעם יונג! דו וועסט דאַרפן אָפּגעבן אַ דין וחשבון פאַר דעם!

שיינדלען איז נישט געגאַנגען איבערצודברן. פאַרקערט, ערשט אַצינד האָט זי, אַ פאַרביטערטע מחמת דער קענטיקער פאַרלאָזנקייט אין איר מלחמה מיטן זונס צוגעקניפּטקייט צו דער נ אַ ק ע ט ע ר מ ו י ד, מער זיך אַרומגעקריגט מיטן מאַן, למאי ער שלינגט אַלץ אַראָפּ שטילערהייט:

— פאַרן זונס וועגן ביסטו גרייט אַלע צו פירן אין דר'ערד אַראַן, ס'וואָר? זאָג אָפן, אויפטוער מאַאַנער! אַ שמאַטע ביסטו, נישט קאַ' טאַטע. כ'וואָלט געשווירן אַז די מויד געפעלט דיר אויכעט, נישט נאָר דעם יונג. האָסט זי כאָטש גוט אָנגעקוקט, אַלטער נאַר! — האָט די ייִדענע מיט אַ מאָל אַי געוויינט אַי געלאַכט אינעם גרויסן געשריי, וואָס זי האָט שטורמיש אויפ־

געהויבן איבערן הויז. די פרוי האָט זיך מיט אַ הילכן צעבליצט מיט ווילד־געוואָרענע אויגן; די קינדער האָבן אַזש מורא געקראָגן פאַר דער נייער אויסטערלישקייט וואָס האָט אַרומגעכאַפּט זייער מאַמע:

— וואָס איז ווידער, טאַטע? — האָבן זיי געזוכט ביים פאָטער אָנשפּאַר אין זייער אומבאַגרייפלעכער מורא. — זעסט, די מאַמע איז... — טרערן האָבן געגנעפּלט אין אַ יינגלס בליק און די הענט זענען אים געוואָרן שווער.

— איכ׳ל צונויפרופן מענטשן. זאָל עמעץ העלפן, — האָט מיט אַ צוקנדיקן פּנים גערעדט אַ ברודערל צו אַ ברודער.

וואָס לענגער ס׳האָט געברענט דער שידוך־ברוגז מיטן „יונג״, אַלץ אָפּטער האָט עס אַזוי היציק אויסגעבראָכן פון שיינדלען, געבליצט און געדונערט. אירע געשרייען האָבן געגומען ברי׳ען:

— אַ טאַטע ביסטו? אַ מת ביסטו, איטשעלע מאַטאַץ! גיסט עים אַלץ נאָך, טאָ וואָס באַדאַרף ער די מאַמע? מיך זאָל ער האַרכן, אַז דער טאַטע־רע שאָקלט צו מיטן קעפּל!

לאָ די וואָס ס׳איז נישט געווען צו לייגן אין טאָפּ אַריין, די פּרנסה איז געווען „ביי גאָט״, האָבן אין הויז זיך שוין געטועך ריסעס. ס׳איז געווען געגנוג אַז עמעץ פון די יינגלעך זאָל בסוד לאָזן פאַלן אַ וואָרט וועגן שלמה־יונהן, אַז ס׳זאָל אויפבושעווען אַ שריפה פון גוואַלדענעס. און איז געווען „צו לאַנג״ שטיל, האָט עס אויסגעוויזן אַז אַ פריקרעקייט זעצט זיך אַראָפּ אין שטוב. די יינגלעך האָבן דעמאָלט געפּרווט דערגיין צי די מאַמע האָט זיך שוין מיישב געווען — נאָכצולאָזן איר עקשנות קעגן שלמהלעס חתנען זיך.

— שוין, שוין, — האָט איינער אָנגעהויבן — האָסט געהערט, זיינוול? ס׳עט זאַאַן היימלעך אין לאַגעווניקער גאַס. שלמהלע פאַרנעמט זיך ראַכטיק צו אַ חתונה. זאָל נאָר צעטייען דער שני, וועט אַ וואַליע טאָן די פּויק. מ׳עט שלמה־יונהן אויפשפּילן און מיר מיט דער מאַמען וועלן כאַפּן ס׳אמתע טענצל. אָ, אָ, וועט זאַן פריילעך! אויך די גראָבע חנה, אונדזער בעסטע שכנטע און איר שמואלקע מיט דער אייזערנער באָרד וועלן הייבן אַן אַקסעלע. ווי דערוואַרט מען זיך שוין דאָס!

די מוטער האָט אָנגעשטעלט אַן אויער און — נישט איבערגעפרעגט, „זיי דריקן איר צו די גאַל, די לאַבוזעס״, און זי פאַרשנירלט די טרוקענע ליפּן. דער מאַן האָט זייטיק אַ קוק געטאָן אויף איר: העז?

— דערווייל ווערט מע געסטאָיעט. אַלע אויף צעזעצעניש וועלן מיר לאַכן, ווען די קרירה וועט ברעכן דעם קאַרק. פּאַוואָליע, און די שויבן וועלן זיך באַנעצן! ס׳עט רייכערן ביי די אָרעמע לייט, אַלץ וועט זיך אַ ריר געבן. דעמאָלט וועט שלמה־יונה בליִען ווי אַן אמתער חתן, — און האָפּערדיק געריבן זיך די הענט. די יִינגלעך האָבן אַליין זיך געוועקט אין זייער אומעט.

— אויף אַ ראַכטיקן אמת, מ׳שמועסט אַזוי, — האָט איטשע האָפּמאַן געשאָקלט מיטן קאָפּ: — איך האָב בלויז געהערט דערפון. אָבער ווייסעך וואָס! — האָט ער באַלד געגומען וועגן די רייד מחמת מורא פאַרן ווייב. — לייט פּלאַפּלען. ווי לאַנג מ׳האָט מיך נישט פאַרבעטן, גלייב איך נישט. און אויב בעטן, וועט מע, מיין איך, זעכער קומען צו דער מחותנתטע אויך. נישט געזאָרגט, שיינדל, מעגסט זיך גרייטן! — ער האָט גערעדט און געקוקט דעם ווייב אין די אויגן אַריין מיט אַ נישטערנדיק בליקל, ווי איינער זאָגט: וואָס וועט זי טענהן אַצינד? אָבער די ייִדענע האָט זיך תיכף אָנגעצונדן ווי אַ סטאַדאָלע היי:

— מוחל דיר אַזעלכע לוויות! זע נאָר ווי דאָס פרייט זיך, דער מחותן. איטשעלע, דו וועסט נאָך רייסן פון זיך די פּעל. ביי דעם באַגרעבעניש וועסטו זיך פרייען, גערויטענער טאַטע? איך וועל זיך רייסן קריעה — פאַרלוירן אַ זון. אַזוי ווי דו הערסט, איטשע האָפּמאַן, — האָבן די אויגנווייסלעכער ביי איר זיך צעשפּילט און ס׳קול האָט זיך ראַפּטעם אָנגעהיצט — און מיך לאָז אָפּ, ציגאַנער. פליק נישט מאַנע נערוון!

זי האָט דערזען דעם מאַן אַן אומפאַרבייטלעך גלייכגילטיקן צו דעם ווייטיק וואָס ברענט איר ווי אַ פייער. ער איז עס דער חייב אין אַל דאָס שלימזלדיקע, וואָס איר איז צוהאַנדן געקומען.

— אַ לאַכטיקער טאַטע איז דאָס, — האָט שיינדל נישט אויפגעהערט רייסן זיך די באַקן — אויסצוגיין אַ וועלט אַ גאַנצע אויף צו געפינען נאָך אַזאַ צאַצקעדיקן פּאָטער. בלויז די מאַמע איז אַ מרשעת, הע? — בוכעט זי שוין מיט פלאַם און רויך, שפּרינגט אויף אָט־שוין צוצולויפן צום מאַן און אים אויסדראַפּען די אויגן, אָבער זי בלייבט זיצן אַ קאָנווולסירטע פון צאָרן. — דאָס ווילסטו דאָך, צדיקל, אַז די יונגען זאָלן מיר אויסדראַפּען די מענטשעלעך פון די אויגן. אין דער מאַמע איז כל הבייז. איך צעפּליק זיך דעם ספּאָדעק, ווייל מיר איז ווויל אַזוי, הע, איטשעלע? גוט טאַטעלע, וועסט מיך נאָך אַרויסקראַצן פון דר׳ערד! ער האָט אַ גאָלדן האַרץ, איך

בין די שטיפֿמאַמע, אַ פֿאַלש שטיק און אַלץ וואָס אין דער קאָרט, — און פּלוצלינג זיך צעהעשעט. און איז דער זון גראָד אַרײַן אין שטוב, איז די מאַמע אויף אים אַרויס מיט איר געקרענקט געמיט:

— ס׳אי׳ דיר נאָך נישט צו פֿיל די היים? קומסט נאָך צו די חושכע שנאָרערס? נישקשה, מעגסט זיך שעמען מיט אַזאַ מאַמע וואָס פֿאַרשוואַרצט דיר ס׳פּנים, אַזאַ פֿלעיטוך מיט אַ צעפּלויגן שייטל. אַנדערשוווּ געפֿינסטו אַוודאי שענערע מאַמעס און בעסערע. יאָ, ביסט אַ טייערער זון, נאָר די מאַמע מעגסטו באַגראָבן. דיר איז ווויל וואָס דו זעסט אַז דײַן טאַטע גייט אײַן צוקוקנדיקערהייט. ביסט נישט קיין מבין אויף זײַן שווייגן. קוק עים אָן, ווי ער טריקנט, דאָס בלוט דאָרט עים אויס אַלע שונאים. דאָס גיטע מזל שײַנט פֿון זאַן פּנים. די „גלעלע זאַך" שפּראָצט פֿון עים. ווּעמען האָט ער עס צו פֿאַרדאַנקען? — עקבערט זי אים דורך מיט די רייד — אַך וועט זאַאַן צו דיר, אַז וועסט נישט האָבן ווער ס׳זאָל דיך וואָרענען. מיינסט אַוודאי אַז דו ביסט שוין גענוג געלערנט. ווײ צו דאַן גרויסן שכל! אַליין זעסטו נאָך נישט ווי דאַן אָפּענער קאָפּ פֿירט דיך ווי אַ בלינד פֿערד אין גריב אַראָן. גע־דעעענק, — שטעלט זי זיך דיבאָם מיט אַ שאַרפֿן קוויטש — רוצח פֿון דאַאַן שוואַכן טאַטן, וואָס דו גייסט טאָן. אַלץ וואָס דאָ טוט זיך איז צו פֿאַרדאַנקען דיר, נאָר דיר. אַ קינד קען באַשײַנען די היים און עס קען די היים אונטערברענגען. גרויס נחת טיילסטו צו דעם טאַטן און די מאַמע וועסטו גאָר געיך פּטור ווערן. קוק עים נאָר אָן! ער קען קאָ׳ צוויי נישט ציילן. קיקסט אויפֿן טאַטן וואָס רעדט גאָר נישט? אַ מענטש איז נישט קאָ׳ בהמה וואָס קען אויסבלעיקעצן אַלע ווייטיקן. נאָר איך בין אַ פֿערד וואָס דריגעט. ער קען ס׳מויל נישט עפֿענען; דאָס האַרץ ווערט עים צעשניטן. ער עסט זיך אויף, דאַן טאַטע. ר׳זעט דען נישט וואָס פֿאַר אַ צרה דער זינטיק ברענגט אויף זיך? אוי, אוי, ווי דאָס וואָלט גע־קענט זאַן גליקלעך — צעלאָזט זיך די ייִדענע אין אַ נייעם שטראָם רייד, גלייך זי וואָלט אַרײַנגערעדט אין עמעצן, אַן אומגעזעענעם, וואָס שטייט הינטער איר: — וואָלט עים נאָך מער געדינט דער שכל, וואָלט אויך די היים אויפֿגעשײַנט. ווײל ער ליבערשט קריכן אין זומפּ אַרײַן.

די מאַמעשע געבראָכנקייט האָט זיך צעהודזשעט ווי אַ ראַפּטעם אָנגע־לאָפּענער פֿעלדישער האַרבסט־ווינט און דער ייִדענעס פּנים האָט גע־פֿינצטערט! — אָנגעהאָנגען זיך אַ שטיין אין האַלדז, דער יונג, און דער

מאַמען מוזן בלוטיקן די אויגן. אַ מויד פון אַל די שוואַרצע יאָר געפּעלט עים בעסער איידער אַ פיין קינד וואָס מ׳ווייסט ווער ס׳איז דער טאַטע. ווינד און וויי צו אַזאַ קליגשאַפט, — זעצט זי זיך אַוועק אין מיטן דערינגען אַן אָבלע, אַ געבויגענע מיט ביידע הענט אונטערן פאַרטעך, שאָקלט זיך און „מאָלט״, גלייך זי וואָלט איר צרה אַרויסגעלייענט פון אַ תחינה. און כאַפּט זי זיך אויף פון דער געשלאָגנקייט, שפּיזט זי דורך דעם זון מיט ביסטרע בליקן און פון ס׳ביי גלי:ען אויף אירע רייד:

— ס׳גייט עים אַ סך אָן די מאַמע, דער טאַטע. פון זיינעטוועגן מעגן אַלע היימישע פאַרלייגן מיט די קעפּ. טענה זיך אויס מיט אַ סלופּ! אַז ער האָט זיך זאַמיעזשעט אַלע צו פאַרקערצן די פּאָר יאָר, דער יויזל, וועט קאָ׳ רב און קאָ׳ טאַטער עים נישט איבעררעדן. ס׳וואָר, קרוינעדיקער? — בייגט זי אויס האַסטיק צו שלמה־יונהן אַ גאַליק שמייכעלע. — ער מיינט ר׳איז שוין אַ מענטש, — ענדערט זיך איר מענה־לשון, גלייך אַ פלאַם וואָלט דערפון אויפגעגאַנגען. — ר׳פאַרדינט דאָך אַ פּאָר זלאָטעס, מעג ער שוין אָפּטאָן אַל־דינג. רוצח! — צערוועט זי זיך פלוצלינג און נעמט זיך וואַרגן מיטן צאָרן וואָס האָט זיך צעשוימט אין איר. בעת־מעשה האָט זי פאַר זיין פּנים באַ־וועגט מיט דראָונג אירע בלאָע פויסטן:

— וועסט נאָך ליגן און אָפּרופן, יונגטשיסקע! אַ מויד האָט זיך עים געחלומט. ר׳האָט שוין נישט קאָ׳ צאַאַט, שלמה־יונה! צוליב אַ נישטאָל וועט ער נעמען פאַר אַ כפּרה אַלע, אַלע! אַרויס פון מאַאַנע אויגן, אַנישט וועל איך פון דיר מאַכן דאַרפּלייש! געניג געוואַשן פון דיר דעם ברוד. אויס, אויס מיט אַזאַ זין. אויסגע־מע־עעקט! — און פאַרגאַנגען זיך אין אַ הייסן געכליפּ.

אָן אַ סוף האָט זיך געריסן ס׳אַלץ־איינע געשריי אויף דער צרה וואָס „דער יונג״ האָט געבראַכט אויפן הויז. דער פאַראיבל האָט זיך גערייכערט אינעם גאָרנדיקן שטיבל, אַ פאַרזינקנס אין דלות איבער די אָקסלען אַריבער.

דער ביטערער רוגז וואָס שלמה־יונה האָט אָנגעוואָלקנט איבער דער שטוב, האָט צו מאָל פאַרטונקלט ס׳געשריי פון דער נויט, וועלכע האָט אומ־אָפּטרעטלעך געפלאַקערט אין מיטן דעם פאַרריסענעם ווינטער.

קאַפּיטל פיר

ס'איז געווען פאַרריסן די אביונישקייט פון יענעם ווינטער, ווען דער עלטסטער פון איטשע האָפמאַנס יינגלעך האָט שאַרף ווידערגעשפּעניקט קעגן דער מאַמעס רצון.

— ער וועט טאָן ווי אים געפעלט, — האָט שלמה זיך צעשריגן אין דעם מאַמעשן געשריי אַריין און ווידער פאַרלאָזן די שטוב. — איין מאָל פאַר אַלע מאָל וועט ער גיין אויף נישט צוריק צוקערן זיך, — האָט עס געיאָמערט פון דעם יונג, וואָס האָט אינצווישן געקראָגן שאַרפע קינען, געוואָרן דינער, בלאַסער. הפּנים, ער האָט שווער איבערגעלעבט די עגמת־נפשן וואָס האָבן געברענט אין שטוב. — זאָל זיין וואָס עס וויל; ער וועט ווינציקער זיך צוהאָרכן צו די גוואַלדענעס. און צוריק געשמועסט: קען ער איבערלאָזן שרהלען, אַפילו ער וואָלט זיך וועלן מאַכן ס'האַרץ פאַר אַ שטיין? גוט אַריינגעטראַכט דערין, וויפל מאָל שוין זיך מיישב געווען און געקומען צום אויספּיר: ס'דען אַ שטיקל ברויט אויפצועסן אָדער אַ ביסן אויסצושפּייען? אַמאָל, ווען באָבע־זיידעס זענען נאָך אַרומגעגאַנגען אין זייערע קינדערישע מייטקעס, האָט מען אויך נישט געקענט אַזוי טאָן. מ'האָט שוין קליינערהייט געשלאָסן שידוכים מיט זיי. היינט איז אַנדערש דער שכל. בשום אופן קען ער זיך נישט שטעלן אויף דער מאַמעס פוס. דער טאַטע? אַפילו ווען ער שווייגט, איז ער אויך פול צאָרן קעגן אים. דער טאַטע איז טאַקע קליגער, איינגעהאַלטענער, ר'פאַרשטייט אַז זיין זון איז נישט ווייט אַוועק פון אים. אָבער טאַטע — בלייבט טאַטע, שטרענג, ווייט היגטערן געפּיל פונעם זון. אמת, לייט שאַצן אים וועדליק זיין אָרנטלעכקייט. אפשר טאַקע נאָך נישט אויסגעיינגלט זיך שלמה־יונה? — פרעגט ער צוריק און ענטפערט זיך אַליין: אַלע זעען ווי ער פּלייסט זיך ביי דער אַרבעט און ווי ער פאַרשווייגט דער מאַמעס אָנפאַלערישע טומלענישן. מענטשן האָבן אויגן. שלמה האָפמאַן קען זיך פאַרגינען צו זיין אַ מענטש; שרהלען וועט ער נישט ווייו טאָן. דער גורל האָט זי געשלאָגן איבער גענוג. לייט ווייסן אַז ביי זיי איז ווי צווישן פאַרשווירענע חתן־כלה. אַפילו זייטיקע דערקענען עס און זיי „זאָרגן" זיך יענעמס זאָרג. ניין, איך וועל עס נישט פאַרלייקענען — שלמה און שרהלע זענען איינס. און אַז נישט געפראַוועט קנסמאָל? ס'מוזן דען זיין דווקא צע־

רעמאָניעס? ליבשאַפט אַליין איז אַ יומטוב, אָבער מ׳דאַרף אים נישט אַרויס־פירן אויפן מאַרק. און נישט איטלעכער איז מסוגל צו אַזוינס, בפרט אַז מ׳שפּירט זיך — ווי זי — געטראָפן פון נבזהדיקן דלות. שרהלע שפּירט עס ווייטיקלעך. זי מיינט אַז אַלע טייטלען אויף זייער אָרעמקייט. אויך איך קען זיך קנאַפּ באַרימען מיט טאַטע־מאַמעס עשירותן. כאָטש וואַרג זיך מיטן חשובן הונגער. נאָר זי איז שוין צופיל פאַרשעמט דערפון. די אביונישקייט פון איר מאַמעס עגונהשן שטיבל איז אַ געכפּלטע. סיי איר טאַטע איז ער־געץ־ווו געפאַלן פון מענטשלעכער פאַרדאָרבנקייט — מלחמה איז קלאָמ־פערשט אַ כשרער תירוץ — און סיי איר מוטער פאַרשוואַרצט זיך ס׳פּנים מיט שפּלער פּראַצע, אַבי צו קענען מפרנס זיין אירע יתומים. אויך די אונ־טערגעוואַקסענע שרהלע מוז אַרויסקוקן אויף דער מאַמעס האָרעוואַניע.

„ס׳איז מיר גענוג וואָס איך אַליין ווער זיך פאַרפּינצטערט, — אָכצעט די מאַמע — ביי מיין קינד וויל איך נישט דערלעבן אַזאַ שיפלות צו מוזן יע־נעמען באַדינען. אַ מיידל אַ משרת? אויפן מיאוסטן איז דאָס אויסגעשטעלט!״ אַ חושכדיק ווייבלטשינע ווייזט זיך שרהלעס מאַמע ביי נגידישע טירן און קליאַנטשעט אויס די גאָב פון רחמנות, מ׳זאָל איר געבן צו פאַרדינען די זלאָטי; זי ברעכט זיך דעם נאַקן ביי די טייערע מאַדאַמס — — — אין בלו־מיקער שעמעוודיקייט פלעגט ס׳מיידל פאַר אים אַ מאָל אויסקלאָגן איר עלנט און זיך בעטן: „אפשר איז דאַאַן מאַמע גערעכט? זעסטעך, ס׳איז טרויעריק אַז מ׳איז אָרעם. שטענדיק פּייניקט מע זיך.

— — — אָבער שלמהלען מאַטערט נאָר דער עלנט פון זיין מיידל. ער זעט: אַ פאַרקלעמטע שטייט אויך זיין שרהלע צווישן די הונגעריקע קינדער פון איר אָרעמער מאַמע, אַ שטומע אומערט זי אַריין אין אים איר פאַר־וויסטקייט. אָ, וואָס פאַר אַ שאָנקעדיקע איז זי אין איר יונגקייט! קען ער דערלאָזן אַז מ׳זאָל נאָך באַרעדן זיין מיידל?! רעכט, ס׳האַרץ קען נישט זיין דערביי, ווען ער זאָל ווען ער זאָל וועלן ביי זיך פועלן זי איבערצולאָזן ווי אַ בעטלערקע אין מיטן וועג און אַליין זיך אַוועקפאָרן. — אַ ז ו י נ ס ?! ער בייסט זיך די צונג אַקעגן דעם פאַרעטערישן געדאַנק וואָס גיט אים אַ פייערדיקן ברען. זאָל געשען וואָס עס וויל — באַשליסט ער — מיין וואָרט וועל איך נישט ברעכן. ער וועט נישט מאַכן פון זיך קיין שמאַטע.

און שלמה־יונה האָט מיטן קרבן פון זיין מנוחה זיך געלייטערט אינעם

צוזאָג וואָס ער האָט אַנומלט אַרויסגעבראַכט פאַר שרהלעס בלייכקייט, פאַר איר פלאַטערנדי־קן געהער.

קאַפּיטל פינף

אים איז געוואָרן סכנותדיק־ענג אין טאַטע־מאַמעשער קוויטשעדיקער היים, שלמה־יונה האָפמאַנען, דעם ייִנגל אין האַסטיק צייטיקנדיקער מענלע־לעכער געשטאַלטיקונג, אָבער זיין שרהלען — האָט ער זיך באַזינען — איז אויך פיינלעך יעדער טאָג, יעדע שעה.ביידע זענען זיי גליקלעך מיט איינ־אַנדער. נאָר פאַרחושכט אין זייער באַזונדערקייט. ער ווערט געפּייניקט אויף זייך אופן און זיליידט פאַר ס׳איריקע. ביידנס ליכט וויאַנעט אונטער די גע־שרייען: ס׳איז אַן אומגליק די ליבע פון די פאַרליבטע! עס גראָבט אַ קבר פאַר אַלעמען די ליבשאַפט פון יונגע נאַראָנים! ער מוז זיך אַרויסרייסן פון אַלעמדינג, נו, צוערשט מוז ער זי אַרויסראַטעווען פון איר מוטערס גוטסן. שרהלע קען זיך נישט ווערן. אַז שוין אָנגעהויבן, שלמה, וועט ער אָנגיין מיטן געראַנגל. שרהלען מוז ער ראַטעווען ש ו י ן, ווייל אין איר איז זיין גאַנצער אָנהאַלט. זי קען נישט וויינען, זי פּישטשעט אויס איר וויטיק — —
„אַזאַ מויד און זי נעמט צו דעם ביסן פון די קלענערע קינדער! נישטאָ קאַ׳ טאַטע, ווערט דאָס צעלאָזן. וואָס טוט מען, אַז דאָס וויל נישט זאַן קאַ׳ לאַאַט? די קליאַקעס פון קאָפּ ׳על איך איר אויספּליקן, וועט זי שוין פאַרשטיין״, — פלעגט שרהלעס מאַמע זיך צעשרייען און באַלד נעמען גיסן טרערן („ווייסט, לאַכטיקער, גאָרנישט טוט מיר אַזוי וויי ווי דער מאַמעס געוויין. זי איז אַזאַ אומגליקלעכע. כ׳ווער דערדריקט דערפון!״ — האָט דאָס מיידל, אַ שעמעוו־דיקע, ווידער זיך אַראָפּגערעדט פאַרן ליבן) — אַזאָלכע פיינע שידוכים שלאָגט מען אָן פאַר איר, נאָר דאָס פאַרך רעדט זיך איין כ׳ווייס־וואָס. ווער איז זי דאָס, אַז זי זאָל זיך נעמען אין זינען אַראַן גילדענע פייגל? אין אַן אָרעמען יונג זיך אָנגעהאָנגען און ער וועט זי אַרומפירן ווער ווייסט ווי לאַנג — משוגע ׳עט דאָס מיך מאַכן! איטלעך מאָל האָט די ייִדענע אויפגעפלאַמט מיט רוגזה און לסוף איבערגעלאָזן ס׳מיידל מיט דער שטוב קליינוואַרג, זי זאָל זיך שטיקן מיט אַלץ מיט אַנאַנד. געמוזט זיין באַלעבאָסטע, קערן, וואַשן,

און האָט באַדאַרפט ווי אַ מאַמע פאַרשטאָפּן אַזוי פיל מיילער פון דעם צעליאַ־רעמטן הונגער.

אַליין אַ יונגיטשקע, אַ שוואַכע, האָט שרהלע געמוזט זיין פאַר דער מאַ־מעס קינדער אַן אמתע עלטסטע שוועסטער און אויך די היטערן פון הויז: לאַטען דאָס אָנטועכץ, אויסווישן טרערן ביי די וויינענדיקע, באַוואַשן זיי און אַריינשלעפּן קובלעס וואַסער פון הויף, אַרויסגיסן פּאָמעניצעס. פּאַרטיק גע־וואָרן ס׳ביסל געקעכטס, האָט זי, „די גרויסע״, געמוזט אָנקאַרמען קודם כל די ברידערלעך מיטן שוועסטערל. אַליין האָט זי געהאַט די ברירה נאָר איינ־צוטריקענען. ווייל תמיד האָט ס׳קליינוואַרג געהאַט וויניציק די שיסעלעך וואָס זי האָט זיי געגעבן; אָנגעגעסן זיך, האָבן זיי אויסגעשטרעקט צו איר די הענט: „נאָך!״ און אָנגעשטעלט תרעומותדיקע אויגן: „שוין?״ זייערע מיילער האָבן זשעדנע נאָכגעשפּירט דעם טעם פון דעם שוין אַראָפּגעשלונגענעם און קינדעריש זי געמוסרט, געקלאָגט: „דודלען האָסטו געגעבן מער, נחן געלאָזן ס׳געדעכטע!״ ס׳איז אויסגעקומען אַז פאַר איר אַליין איז אָפט מאָל נישט געבליבן קיין לעק עסן. און שרהלע האָט זיך צוגעוווינט דערצו, מעשה קליי־נע באַלעבאָסטע, באַגערט צו פאַרזאָרגן די שטוב — פאַר אַלץ די קינדער. זאָלן זיי זיך אָנזעטיקן! — האָט זי געטראַכט — וועט זי האָבן אַ ביסל מנוחה. זי׳ט דערנאָך זיך אַוועקזעצן אַרויסקוקן פון פענצטער, פאַרריכטן אַ שטיקל וועש, צירעווען אירע זאָקן. אַ מאָל גליסט זיך אויך אַריינקוקן אין אַ ביכל. בינו לבינו האָט די נויט זיך איינגעגריזשעט אין שרהלעס פּנים, עס אויס־געגנאָגט ביז בלייכקייט. ווי אַ פּאַרטריקנט טייגל האָט זי אויסגעקוקט, איר מראה איז געווען געל־ווייס, ווען זי פלעגט זיך אַנידערזעצן מיט איר אָנ־געשפּיצטן הונגעריקן בליק.

די מוטער לאָזט נישט שרהלען גיין אַרבעטן ביי יענעמען, כאָטש זי האָט עס שוין וויפל מאָל געבעטן ביי איר. „ס׳איז נישט שיין, ס׳שנאָרייסקע אַז אַ מיידל זאָל זיין אַ משרת און ס׳איז געפערלעך. אַ מיידל ווערט הפקר פאַר פאַרדאָרבענע ווילעכצן פון אויסגעפּרעסענע יונגען וואָס דרייען זיך אין די נגידישע שטובן. איך וועל נישט איינשטעלן!״ — האָט די ייִדענע אַריינגע־טענהט אין די וויבער וואָס פלעגן צושטיין צו איר מיט אַ היתכן:

— שוין אַ דערוואַקסן מיידל, קיין בייז אויג נישט. זי האָט דען נישט קאַ׳ן אייגענעם שכל? אַזוינס קען אַריינברענגען אַ שיינע פּאַר גילדן אין שטוב אַראָן. ס׳אַ הילעף פאַר אַן אָרעמאַנטע ווי איר זענט, רייזל.

— זאָלן די רייכע אַליין זיך ווערגן מיט זייערע טובות. ס׳נישט פאַר מיינעטוועגן קאָ׳ן עסק, — און פאַרקניפּט דאָס שמאָלע מויל.

אָבער שרהלעס מוטער האָט זיך געהאַט נאָך אַן אַנדערן חשבון:

— און צוריקגעשמועסט: וואָס ׳על איך טוען, אויב ס׳מיידל וועט אַוועק־גיין צו עמעצן, אַז איך מוז לויפן זוכן צו פאַרדינען דעם גראָשן אויפן אויס־קומעניש? וואָס וועלן טאָן מאַנע פיצלעך קינדער איינע אַליין? שרה מוז בלאַבן היטן די שטיב, אַכטונג געבן אויפן קליינוואַרג, אָפּקאָכן אַ לעפל וואַ־רעמס.

דאָס טוכלע שטיבל האָט די מוטער געמאַכט פאַר אַ תפיסה פון שרה־לעס וועגן און די קלענערע קינדער זענען געוואָרן די קייטן וואָס די מאַמע האָט אַרויפגעוואָרפן אויף אירע הענט און פיס. ס׳מיידל האָט זיך נישט גע־קענט אין ערגעץ אַרויסרירן. אַ ליאַדע וואָס האָבן די פיצלעך גענומען שרייען, וויינען. „זאָל זי נישט האָבן קאָ׳ צו לייכט לעבן״, — האָט די פרוי אָפּגעפּסקנט — „קיינעם פאַלן נישט קאָ׳ געבראָטענע טייבעלעך אין מויל אַראַן״. און שלמה האָט מיט זיך געקנעלט: שרהלע איז אַן איידל קינד, שרה־לע קען זיך נישט דערשלאָגן צו אַזאַ האַרבקייט אַז זי זאָל זיך אַנכעסן אויף דער לייבלעכער מאַמע, אַפילו ווען די מאַמע פאַרדינט זיך אַזאַ האַרטנעקי־קייט. די מאַמע, האָט זי אַ מאָל געזאָגט, איז שוין גענוג געשטראָפט געוואָרן. זי פאַרוויסט אירע יאָרן צוליב די קינדער, און זי איז נאָך נישט קאָ׳ אַלט מענטש, מיין מאַמע.

דערפאַר האָט אין שלמהלען זיך צעברענט דער צאָרן קעגן זיך פאַר זיין אומאַנטשלאָסנקייט:

— ווייטער טאָר איך נישט אַזוי. ער מוז עפּעס טאָן, — האָט עס שוין געשריגן פון אים — צו פאַוואָליענקע שטעלסטו די פיס! ס׳ברענט! ראַטעווען זיך, באַפעלט דער מאָרגן, וואָס ער קלייבט זיך צו בויען. בפירוש אַזוי! ער וויל זיך דאָך אונטערנעמען אַזאַ שריט — אַרויסרייסן זיך פון אַלע פאַר־זאָרגערס און פון אַלע ליבשאַפטן וואָס טאַטע־מאַמע וואַרפן אָן אויף אים. זיך און שרהלען מוז ער אַרויסרייסן פון די נעגל פון ליבע, — האָט ער גע־נומען מעדיטירן אין גלי פון שווערן געפיל מכוח זיין גאָרער וועלט וואָס אַט־אָ איז זי אַוועקגעשטעלט אויפן משקולת. נישט ער האָט זיך ווו אַהינצו־טאָן, נישט שרהלע האָט אַ וואַרעם ווינקל וואָס אַ ליאַדע פייגעלע האָט עס. ווי אַזוי הייבט מען אָן דאָס וואָס ער מוז אָנהייבן פאַר דער אַנטרינונג פון

זיין נויט! נו, נישטאָ קיין גרעסערע נויט, — האָט ער זיך ממש געזעצט מיט די פויסטן איבערן שיידל — און איך בין אַ טראַנטע, איך קווענקל זיך נאָך!

עס זענען אָנגעשטאַנען גורלדיקע טעג פאַר זיין טראַכטן און צווייפלען:

„ווייטער קען ער נישט אַזוי", און דער דמיון האָט שלמהלען געשלעפּט. דאָס דערנענטערן זיך צו דער היימישער שטוב איז אים געוואָרן חמור־למשא. „ער טאָר נישט מער אַהיימגיין. ר'מוז מאַכן דעם העפטיקן שניט. שרהלען איז אַ פּיין יעדער טאָג, ווי באַלד ר'עפנט זיינע אויגן". שלמהלע האָט שוין נישט געקענט רוען, ר'האָט געדענקט ווי זיין מיידל קוועלט זיך דורך אַלע אירע טעג. איטלעך מאָל איז ער צו איר צוגעשטאַנען: שעם זיך נישט. מיר דאַרפסטו דערציילן. איך בין דיר נישט אַ בילע־וועד. סיי־ווי — דיין פּנים, מיידעלע, זאָגט מיר אַלץ, אַלץ.

רויכיק־גראָע, אויפשווידערנדיק קאַלטע, שלעפעריקע זענען די פאַרטאָגן — האָט ער בפירוש געזען און זיי איבערגעקרענקט: — שרהלעס מאַמע רייסט דעמאָלט אויף די דרימלענדיקע שטילקייט. שטענדיק האָט זי זיך אויפגעכאַפּט ווי אַ געיאָגטע און אַוועקגעאײַלט צו די מאַטערנישן וואָס זע־נען ערגעץ־ווו געגרייט פאַר איר. פון אַן אלמנה האָבן אַלע דאָס געגנאַר, — פלעגט זי קרעכצן — כאָטש ס'רחמנות לאָזט נישט אָפּ די ווייכע יידישע הערצער. נעבעך אויסגענענדזשעטע קינדער, מוז די מאַמע זיך צעברעכן פאַר זיי, — האָבן די לייט באַזיפצט דאָס פאַרוויסטע ווייבל. מיט וואָס די דאָזיקע זענען נישט געווען גערעכט כלפי איר, דאָס זענען געוועזן אמתדיקע רייד פון זיי: תמיד הונגעריקע קוקן אַרויס אירע קינדער מיט פיבערדיקע אויגן, מיט אָנגעשאַרפטע אויערן דער מאַמעס באַווייזן זיך (ווייל שטענדיק גייט זי אַוועק פון שטוב מיט אַ טאָרבע):

— שאַ נאָר, — ווילן די קליינטשיקע אַריבערשרייען איינס ס'אַנדערע — די מאַמע! זי גייט. — אַלע מאָל אין די פאַרנאַכטן שפּיצן זיך אָן רייזלס יורשים אויף איר אָנקומען.

— די מאַמע, די מאַמע! הערסט? זי רעדט אין דרויסן. כ'ל אַריינברענ־גען די קאַרטאָפליעס.

— איך וועל נעמען ס'ברויט! — און קינדערשע הענטלעך צעצאַפּלען זיך אין גיריקייט.

איינס ס'אַנדערע האָט איבערגעשריגן און צעפלאָשעטע, אין געלאַטעטע הייזלעך, צעקנאָדערטע יאַקעלעך זיך געשטופּט צו דער טיר. אַלע האָבן זיי

באַנאַנד געוואָלט אַרויס באַגעגענען די מאַמען, צואײַלן איר שמועסעכץ: — קים. גיב אַהער, מאַמע!

— וואָס׳טו געבערענגט? — טשאָרען זיך די פּיצלעך אַרום דעם זעקל וואָס די מוטער טראָגט מיט זיך. זייערע אייגעלעך נישטערן אומגעדולדיקע אין דער מאַמעס פּנים, בעת די הענט קלאַמערן זיך שוין אין דער משא וואָס זי האָט אַהיימגעשלעפּט איבער אַ לאַנגן וועג.

*

עפּעס אַן אָפּגעשיילטע איז געווען די היים פון דער אָרעמער שרהלען, דעם לעבעדיקן חלום וואָס האָט צוגעלויכטן דעם פאַראומערטן בחורל שלמה האָפּמאַן. ס׳שטיבל פון שרהלע לייבוואָלס מאַמע איז געווען אין אַן אַלטער הייזקע פון אַ פאַרוואָרפענער קורצער גאַס. אָרעמע לייט קענען נישט ווינען אין די גאַסן ווו ס׳שטייט דער טומל פון שפּעדיקע קלייטן אָדער די איינגעוויגטקייט פון מיושבדיקער עשירות. בלויז לאַטוטניקעס־שוסטערס, געבויגענע איבער צעפּאָרענע קאַפּטשעס זיצן דאָרט; פאַרהאָרעוועטע בערדיקע שניידערס וואָס שטשאָבען צונויף אַ וואָלוועלן קליפּט; אויך גאָט פאַרגעסענע אַלטע פריילנס און פרומע זקנים וואָס לעבן מיטן תהילים, מיט סודותדיקע קניפּלעך און קמצנותדיקע ירושות. דאָס גלייכן האַלטן זיך דאָרט אויף אַזעלכע וואָס נערן זיך רק מיט דער האָפענונג אויף אַ בריוו פון ווייטן, רייכן אַמעריקע. פון סאַמע פאַרלוירנקייט און אַלטקייט זאָגט עדות דאָס שטילע געסל. זיינע ברוקשטיינער זענען אַרויסגעריסן, אַרויסגעפאַלן ווי די ציינער פון אַ געשרומפּן מויל. כמורע קוקט אויך דער הימל פון געסל. אַפילו די זון האָט עפּעס געמיטן דעם קאַנט. אַ מין פאַרשפּינוועבטע געקומען און דאַכט זיך אַן עלנטע זיך אָפּגעטראָגן, מחמת ס׳איז איר געווען אומהיימלעך ביי די צעשונדענע פּאַפּע־דעכער מיט די קרישלענדיקע קוימענס; די פענצטער ווו זי האָט באַגערט זיך אַראָפּצוזעצן, די זון, זענען געווען בידעריקע און מיט קויט פאַרוואַקסן זייערע שייבלעך. זי האָט זיך באַדאַרפט שטאַרק אָנבייגן, מחמת אויסשטעכן זיך די אויגן האָט זי געמוזט די זון, ביז זי האָט באַוויזן זיך ערגעץ אַראָפּלאָזן אויף אָפּרו פון איר אומאויפהעריקן וואַנדער. און האָט זי זיך שוין אַראָפּגעזעצט, האָט זי לעבלעך, עקרדיק געוואַרעמט די שטיינער פון גאַס, נאָר בלינדע אַקסלען פון ווענט. פאַר אַ זייטיקן האָט דאָס דאָזיקע געסל אויסגעזען ווי אַ מקום פון פאַרלאָזענע פרויען און אויסגעדיי־

ווערטע יתומים. שלמהלע האָפּמאַן פלעגט אומדרייסט זיך דורכקריגן דאָס שטיקל גאַס און אויף גיך לאָזן וויסן שרהלען (ער האָט ראַפּטעמדיק גע־טראָטן הינטער איר פענצטער) באשר ער באַדאַרף זי געווייטיק זען, עפּעס פרעגן. ווי די תירוצים האָבן אים צעטומלט! אין אמתן האָט ער נאָר גע־בענקט נאָך איר וואָרט, הערן איר קול און טאַקע פרעגן צי ער זאָל אַזוי — — זיי נישט בייז, שרהניו. איך קען נישט אַנדערש. תמיד מוז איך דיר דער־ציילן וואָס ס׳וועבט זיך אין מיין ברוסט, וואָס ס׳קלאַפּט אין מוח. אַליין קען ער גאָר נישט טאָן. אים קומט אָן שווער צו זאָגן זיך — „יאָ, ס׳גוט ווי דו מיינסט״. ס׳איז צעוואַקלט זיין רצון. גלייכער, פילט ער, אַז שרהלע זאָל מעיד זיין צי ס׳איז ווויל ווי ער טראַכט. וואָרן וועמען האָט ער, אַ חוץ איר?! אָבער שלמה־יונה האָט נישט געוואָלט אַז שרהלעס ברידערלעך זאָלן אים זען. זיי זענען שטאַרק נייגעריק און זייער באַרעדעוודיק. באַלד וועלן זיי צולויפן צו דער מוטער און תמימותדיק אָנמסרן אויף דער שוועסטער, כאָטש זי איז זיי אַזוי געטריי: „ממאַממעע, אַ מענץ איז דעטימען צו שרהן. אַ ראַאַכער, אין געמזענע קאַמאַשן, מיט אַ קאַפּעליוש״. ס׳בעסער אויסצומיידן נייע צרות. דאָס מיידל האָט שוין דערפילט ווען איר יינגל דאַרף קומען. זי פלעגט אים דער־קענען אינעם אָפּהילך פון זיינע טריט. סתם האָט זי אָפּט אויך אַרויסגעבליקט פאַר דער שוועל, יעדעס מאָל פאַרן קליינוואַרג צוגעטראַכט אַ תירוץ:

—כ׳ל אַ קוק טאָן צי ס׳גייט רעגענען, — און זיך פאַרענטפערן פאַר די קינדער וואָס זענען געוואָרן נייגעריק קלוג אויף אַלץ וואָס ס׳האָט זיך געטאָן אין דער אָנגעצויגענער שטילקייט אַרום.

— כ׳על מיטגיין, — האָט איינס זיך באַלד געשטרעקט צו איר.

— זיץ! ווועסט זיך פאַרקילן, ׳עט די מאַמע שרייען. די מאַמע וועט באַלד דערקענען און דיר דערלאַנגען מיטן פּאַסיק. האָסט שוין פאַרגעסן יענץ חלק, דודלי? פאַר דער מוטערס בייזקייט האָבן די קליינטשיקע זיך געשראָקן און זיי האָבן מורא געהאַט פאַרן רעגן. דער דאָך איז געלעכערט, ער נעצט דורך דעם פּולאָפּ, קאַפּעט שטענדיק אַריין אין בעט.

און אויב רעגן, האָט ס׳גאַנצע געסל זיך געבאָדן אין בלאָטע־טייגן, פור־נאַנדערגעגאָסענע איבער די לעכער פון צעבראָכענעם ברוק. מ׳האָט שווער געקענט אַרויסגיין אין מאַרק אַריין, מ׳האָט נישט געקענט זיך צוקריגן צו ביילע הערש ווורקערס געווועלבל נאָך אַ פלעשל נאַפט, נאָך אַ פערטל פונט צוקער צום טיי אויף צו דערווייקן זיך די קישקעס. אַ מאָל איז דער מאַמעס

אַ שיך געבליבן קלעפּן אין אַ זומפּ. זי איז אַ באָרוועסע, אַן אַדורכגענעצטע ביזן ביין געקומען צוריק צושפּרינגענדיק אין שטוב אַרייַן אין סאַמע אין דער פרי און האָט געקלאָגט וואָס זי קען נישט גיין פאַרדינען אויפן שטיקל ברויט, אויפן ביסל גריץ. די מאַמע האָט געוויינט. צוקוקנדיק זיך צו איר איז אויך אויף די קינדער געקומען אַ ביטער געוויין. צו מאָל פּלעגן נעמען לאַנגע טעג מיט קלינגעדיקע ווינטלעך אָדער דושנע היצן ביז דער איבלדי־קער קויט האָט אויסגעטריקנט. דער פראָסט האָט גיכער פאַרהאַרטעוועט די בלאָטע און זי איינגעגליווערט אין טעמפּער גלאָזיקייט. אויך צו אַ גאַס דאַרף מען האָבן מזל, — האָט די פרוי געקלאָגט.

...איז דער דרויסן געשטאַנען אַ מילדער, האָט שרהלע געפּרוווט זיך אַרויסקריגן פאַר דער שוועל מיט אַ מינע פון פּלוצלינגער הייטערקייט:

— צ׳הערט, קינדער! דאַכט מיר, עמעץ פרעגט זיך אין דרויסן אויף וועמענען. וואַרט׳ס צו, כ׳על אַ קוק געבן. אפשר קומט אַליע נאָווי?

— אַליע דאַנדיק גייט! — האָט מיט קינדישער טראַציקייט אויסגערופן דודל, דער גרעסטער פון די פּיצלעך ייִנגלעך מיטן תמיד פּייכטן מיילעכל פון מאַנען עסן, פון סקאַמליען: געעב! האָסט באַהאַלטן ס׳ברויט, שלאַאַכטע!

— אַליע דאַנדיק דער נאַר מיטן לײמענעם פערד פרעגט זיך אויף דיער, — און זיך שקאַציש צעלאַכט און באַגערט אַז זיין געלעכטער זאָל זיך כפלען, קייקלען לענגער, ווייטער פון זייער קאַלעמוטנער שטוב. אַ סך מענטשן זאָל עס געפעלן ווערן.

אָבער די אַנדערע קינדער האָבן נישט באַנומען דעם שכל פון דודלס פּלוצלינגדיקן שטיפערישן לאַכן; צעטומלטע האָבן זיי נאָר נאָכגעשטאַמלט:

— אַליע דאַנדיק, אַליע נאַר!

— גיי שוין, גיי־יי! אַליע דאַנדיק מוז אויף דער פּלייצע אַריבער־טראָגן זיין קונעלע (פערדל) איבערן רינשטאָק. ס׳האָט נישט קאַ׳ כוח, — האָט שרהלע מעשהדיק, מיט געמאַכטער פריילעכקייט אָפּגעכאַפּט דעם ענט־פער פאַרן באַרעדעוודיקן ברודערל און מיט אַן אומבאַשטימטן האַנט־ווונק צום איבערגעראָשטן קליינוואַרג זיך אַרויסגעשאַרט צו דער שטענדיק־צע־עפנטער גאַסן־טיר: „איך גיי נישט אין ערגעץ. אַ רגלע נאָר אַ קוק טאָן!“ איר פּנים האָט זיך געצונדן אין פלאַם פון אומגעריכטקייטן, וואָס טרעפן מיט מיידלעך אין דער בידע פון אַזאַ לויערנדיקער שאָטנהאַפטיקייט. „ווער ווייס — — —“

קאַפּיטל זעקס

ס'איז אַ קלײנער מקום דאָס פּאַביאַניץ, וואָס פאַרבאַהאַלט ערגעץ אין זײנעם אַ ווינקל דאָס ליבע מײדל שרהלע, וואָס איז באַשערט געוואָרן דעם בחור שלמהלע האָפּמאַן. ווי אַן אָפּגעריסענער פליגל פון דעם צעיאַכמעטן, שטאַרק צעפּלאַטערטן אָדלער דער גרויסשטאָט, ליגט דאָס שטעטל אָן אַ זײט פון דעם מעכטיקן רעש. דער ישוב לעבט אין שאָטן פון דעם נאָענטן כרך לאָדזש מיט זײן ברײט צעפּלאָסענער פאַבריקאַציע און דעם צעצאַפּלטן גרויסהאַנדל. איבער דער גבורהדיקער שטאָט טראָגט זיך טאָג און נאַכט אַ געדיכטער רויך און דער דושנער אָטעם פון מאַניפּולירטער וואָל וויגאָניע, אַן אויסגעשפּינטע פון צעשטויבטע שמאַטעס און וועבערישן אָפּפאַל מיט בײנוול, וואָס ווערט רויערה״יט, אין ריזיקע באַלעמס, ווי געבונדענער ווײסער שוים אַרײנגעפירט פון ענגלישן ליווערפּול און פון דער אַזיאַטישער פערגאַנאַ. נעבן די אומענדלעכע פלײנען פון אויסגעוועבטע לאָדזשער שטאָפן האָט אויפגעשטורעמט אַ זײטיק לעבן פון אײלעווודיקער וואָלוועלער שנײדערײ פון קורטקעס, פּאַלטנס, הויזן, קאָלדרעס אויף וואַטע, וועש און אויך פּוטער־וואַרג, מיט וואָס עס ווערן פאַרוואָרפן אַ סך וויסטע שטעט און קאָלאָניעס פון העט ווײטע לענדער, פולע מיט הונגעריקע און הוילע. לאָדזש, לאָדזש! ס'איז גרויס איר שם, פון אויפטוערישקײט. פון גאַנץ פּוילן ציט מע זיך צו אירע קאָרטלעך, שעוויאָטן און ציגוואַרג פון די ווישליצקיס, פּרוסאַקס, צו די ווינטערדיקע שווערע פּאַטשוילן פון פּיאַסקאָווסקין און ווילק עט שפּיגל און ס'האָבן אַ גרויסן רום די לײוונטן פון פּאָזנאַנסקין, פון שײבלערן, די מאַדעפּאָלאָנען און דאַמאַסקעס פון הײנצל קוניצערן און מ'יאָגט זיך נאָך אײטינגאָנס פײנע מאַרגאַזעטן, זײנע זײדענע זאָקן און נאָך ווידזעווער פלאַנעלן, גליקסמאַנס גאָבעלינען, טישטעכער. אָרעמע לײט לויפן קײן לאָדזש נאָך אַן אָנהאַלט אויף פּרנסה און הענדלערס ציִען אַהין נאָך דעם פאָדעם גליק, וואָס פון אים פאַרשפּרײט זיך אַ גלימל איבער דער גאַנצער מדינה און — עס האָט געלאָקט, געצויגן.

פּאַביאַניץ האָט געפּרוווט אַזוי און אַנדערש נאָכצומאַכן דער שכנותדיקער לאָדזש, וועלכע איז געגאַנגען אין גאָלד: זיך געשטעלט מיט פאַבריקן און קוימענס, געקליגלט זיך אויסצוגעפינען געניטע שלעזישע וועבער־מײס־

טערס, אַז זיי זאָלן באַווייזן אויך קיין פּאַביאַניץ אַריינצוברענגען דעם אומ־
אָנטאַפּעוודיקן צויבער וואָס לייט זעען אין דעם לאָדזשער שטיקל סחורה.
מ׳האָט נישט געקאַרגט קיין כוחות און קיין געלט. אין פּאַביאַניץ האָבן אַפי־
לו גרויסע קוימענס זיך שוין פאַרמאָסטן מיט די לאָדזשער „פּייפּערס״. נאָר
געדולד, האָט עס געהייסן, מ׳מוז טרעפן! וואָסי, זייערע ציגלנע גולמס זע־
נען דאַך־מלאכים, נאָר צו זיי שמייכלט דער אייבערשטער און אונדזערס אַ
קוימען איז אַ ממזר, ר׳עט זיך נישט אויסלערנען פּונקט אַזוי זינגען? און
מיר גופא זענען נישט קיין קלענערע יחסנים. סיי לאָדזש האָט נישט קיין
טייך פאַר אַזאַ פאַבריקאַציע, סיי פּאַביאַניץ איז אַ טרוקענער ברונעם —
און דעם וועג קיין טאָמאַשאָוו צי קיין ביעלסק קענען מיר ברוך השם טרעפן
אַקוראַט ווי זיי. ס׳האָט געמיינט: „מיר וועלן זיך נישט לאָזן!״ אָבער ס׳איז
נישט געגאַנגען. פּאַביאַניץ האָט נישט אַרויסגעגעבן אַזאַ אייל סחורה ווי
לאָדזש. פּאַביאַניצער קעפּ האָבן צו מאָל פאַרטראַכט צו באַנוגענען זיך מיט
אַ נידעריקערן ריווח; פון קדמונים אָן איז קאָנקורענציע אַ שאַרפער מכשיר
אין פּרנסה־זאַכן, ׳עלן מיר אויך באַשטיין דערויף. און ס׳האָט ווידער נישט
געהאָלפן. טייל האָבן דאָך נישט נאָכגעגעבן, בגוואַלד געוואָלט איינפירן פאַ־
בריקאַציע אין פּאַביאַניץ, פאַרעקשנט געהאָרעוועט אַליין מיט ווייב און
קינדער, געפּטרט יאָרן, פאַרטאַכליעוועט בכבודיקע ירושות, נדנים, אָבער
דער שטעטלדיקער קאָרט און לייוונט האָבן זיך נישט אָנגענומען. פּאָזנאַנ־
סקי איז פּאָרט פּאָזנאַנסקי, האָבן סוחרים געטענהט. בלית ברירה האָט דאָס
שטעטל געמוזט זיך שטעלן אויף אַ קלענערן פוס. עס האָט זיך באַנוגנט
מיט ווערקשטעלעכלעך, געוואָרן נאָר אַן אַרויסהעלפנדיקע האַנט פון דעם
גברן, וואָס האָט סוף־כל־סוף נישט געקענט אַלץ טראָגן אויף זיינע אָרעמס.
פּאַביאַניץ האָט איינגעפירט קליינאַרבעט וואָס האָט געבראַכט אַ נוצן דער
פאַרנעמיקער לאָדזשער פאַבריקאַציע: געשפּולט שפּולן פאַר די וועבמאַשי־
נען, געשטאָפּט „נעסטן״ און לעכער אין די רויע געוואַנטן, געקניפּט פראַנדזן.
גרויסע, הויכרעדערדיקע וועגענער זענען פון דער גרויסשטאָט פאַרפאָרן
צו די פּאַביאַניצער הייזקעס, אָפּגעלייגט פּאַרטיעס שלאַבעריק־געוויקלטע
סחורות ווי משונהדיקע פאַרשלעפּערטע קעלבער און אויף צוריקוועגס
אַוועקגעפירט פאַרשטאָפּטע, פאַרענדיקטע סחורות, טיכער. באַלעבאַטים און
געדונגענע העגט, ייִדן אין טלית־קטנס, ווייבער אין שייטלען, שטייפהאָרי־
קע בלאָנדע שיקסעס און צניעותדיקע ייִדישע טעכטער האָבן פון באַגינען

ביז צו דער צוגעפּאַלענער נאַכט זיך געעוסקט ביי די געוועבן וואָס זענען פונאַנדערגעוואָרפן געוואָרן איבער טישן און ספּעציעלע געלענדערס. אַנ־דערע האָבן אין זייערע שטובן אַריינגעבראַכט זאַקנמאַשינדלעך און אויסגע־שלאָגן פון זיי חיונה. האָט אַ ייִדלטשינע זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ רונד־מאַ־שינדל און פון אַ „קאָפּס" וואָל צי צווערן אָדער געפאַרבטן ביינוול מיט אַ האַנט־קאָרבע באַוועגט דאָס מאַשינדל רעכטס־לינקס, לינקס־רעכטס, מיט נאָדל־קעפּלעך געקניפּט, געבונדן פעדעם און געמאַכט אַ זאָק. אַ זאָק נאָך אַ זאָק און אין אַ וואָך זענען פאַרטיק געוואָרן עטלעכע טוץ פרויען־זאָקן, קינ־דער־זעקלעך. אויך וויבער האָבן זיך אויסגעלערנט די מלאכה פון זאָקן־מאַכן און פּאַביאַניצער ייִדן האָבן אויסגעקלעפּיעט ס׳ביסל פּרנסה. אין פאַר־רוישטן לאָדזש האָט פּאַביאַניץ געקראָגן דעם נאָמען פון דער סטאָליצע פון זעקעלע־מאַכערס, אַ חוזק אַזאַ פאַר בטלנים, קליינשטעטלדיקע אויפטוערס. דער אמת איז, אַז פּאַביאַניץ האָט דאָך זיך דעראָביעט צו אַ צאָל גבירים מיט אייגענע קאָמיעניצעס, ס׳זענען געווען גרויסע קלייטן און זאַטע, באַלעבאַ־טישע היימען. נישט מער, דער ישוב איז געבליבן אַ שטילער, מיט ווינצי־קער רעש ווי די גרויסמאַכערקע לאָדזש. דער מאַרק איז אַ גרויסער, מיט געשעפטן, אָבער מער „געזעצט". אויך די אָרעמקייט אין פּאַביאַניץ איז גע־ווען אַ שטילע.

פּאַביאַניץ האָט אָבער באַקומען אַ שטאַרקן אָנשפּאַר אין דעם שווער־גייענדיקן, אייזערנעם טראַמווײ וואָס האָט אויף מגושמדיקע, ווייט אויסגע־צויגענע שינעס האַמעטנע, מיט געקלימפּער, זיך דערשלעפּט קיין לאָדזש, עטלעכע מאָל אין טאָג געמאַכט די יאַזדעס פון דעם שטילן באָרטן פּאַביאַ־ניץ, וואָס פּאַזע פעלדער, געגנדן־פּאַשאַרניעס און אומעטיקע ציגעלניעס אויף אייביק פּייכטע ליימען. נאָך האַלבער נאַכט האָט דער טראַמווײ מיטן לעצטן גרילץ פון דער ווײטלעכער גרויסשטאָט זיך אַריינגעשניטן אין דער פּאַביאַ־ניצער איינגעטונקלטער שטילקייט און — איינגעגליווערט געוואָרן ווי אַ שטיק סטראַשנדיקע פרעמדע נאַכט.

יונג און אַלט אין פּאַביאַניץ האָט געלעבט מיט דעם פרעמדלעכן געקלימ־פּער פון דעם גרויסן אייזערנעם וואָגן, וואָס האָט תמיד אָנגעזאָגט די בשורה פון רוישיקער היימלעכקייט. לאָדזש, וואָס האָט מיט איר אָטעם זיך געצאַפּלט אַקעגן דעם דראָבנעם ישוב, האָט פאַר די לייט פון פּאַביאַניץ פון דעסטוועגן זיך אַרויסגעוויזן ווי אַ ווייטע, גרויסע וועלט. נאָך מער: געווען זקנים אין

שטעטל וואָס האָבן געזעדט פון שכנותדיקן כרך ווי פון אַן אינדזל אין מר־חקים. אַ לעבן לאַנג זענען זיי נישט אַרויס מפתח ביתם, קינדער האָבן מיט נייגיר זיך געשטרעקט צו דער ווונדערגעשיכטע לאָדזש, וואָס לייכט און מי־ניעט מיט שיינע פייערן. פונקט אַזוי האָט אויך שרהלע ליינוואָל זיך גע־צויגן צו דער שיינער שטאָט, כאָטש אַ מאָל האָט מע זי שוין געהאַט מיט־גענומען אויפן טראַמוויי קיין לאָדזש. רייזל, איר אָרעמע מאַמע, האָט די גרויסע שטאָט נאָך נישט אָנגעזען אויף איר שוואַכזיכטיקע אויגן. פּאַביאַ־ניץ איז געווען איר היים און איר גאַרע וועלט. שלמהלע האָפּמאַנען איז גע־וואָרן אַ קאַצנשפּרונג דאָס פאַרפאָרן קיין פּאַביאַניץ. ער האָט נאָר באַדאַרפט קענען אָפּרייסן דערויף אַ ביסל צייט. נישט־ווו, נישט־ווען איז ער קאַפּויער געקומען אין דעם קליינעם געסל, געדרייט זיך הינטערן געוויסן פענצטער. און האָט מען אים אינעווייניק נישט באַמערקט, מ׳איז צו אים נישט אַרויס־געגאַנגען, האָט ער אין טיר־שפּאַרע אַריינגעשטופּט זיינס אַ בריוועלע און צו־ריק געאײַלט.

— „שרהניו, מיין גרוס דיר. כ׳בין אומיסטן געקומען דיך זען, פרעגן דיין געזונט. אוי, ווי עס בענקט זיך צו דיר!״

— „קליינטשיקס, אַ סך געטראַכט פון דיר, יאָ, און אַפילו געשמועסט מיט דיר. האָסט עס נישט אָפּגעפילט? און אפשר געשלוקערצט! עס ווילט זיך אַ שמועס טאָן מיט דיר, רעדן פון טשיקאַווע זאַכן. דערווייל אַ קוש פאַר מיין פייגעלע. ווייס, ס׳גאַנצע טראַכטן און דאָס גאַנצע טוען מיינס איז נאָר פאַר דיר, שרהשי. אַוודאי, כ׳וועל ווידער קומען — דיין...״

ערשט איז דער וועג צו שרהלען געוואָרן אַ מ ו ז פאַר שלמהלע האָפּמאַן. ער מוז אים פאַרקירצן צו זיך, דעם וועג, אַנישט — — — עס האָט געברענט אין אים מיט דעציזיעס, מיט ווידערשפּעניקונג קעגן אַלע, אַלע וואָס וועלן אים שטיין אין וועג. לאָמיך נאָר קומען קיין פּאַביאַניץ, אין פּאַביאַניץ וועט שוין פאַלן דער באַשלוס, האָט ער אָפּגעמאַכט ביי זיך. אַלע מאָל האָט ער דערוואַרט אומגעריכט פריידיקס פונעם זען זיך מיטן מיידל, כאָטש ער האָט געוווּסט מיטן האַרטן וויסן אַז שרהלע איז נעבעך אין אַ קלעם, זי אַליין קען נישט האָבן קיין דעה אויף יאָ אָדער ניין. נישט מעג־לעך פאַר זיין פייגעלע קיין פעסטער יאָ. זי איז דערווייל נישט אין גאַנצן זי.

שלמה האָפמאַן דאַרף איר געבן זיין אָרעם אויף אָנשפּאַרן זיך. נו, נו, מוז ער ערשט זיין גרייט, שוין אַצינד!

*

ווען די אָרום און אַרומיקע מצודה האָט גענומען שאַרף דריקן אויף שלמהלען, איז ער עפּעטערס געקומען זען שרהלען. ס'האָט אים געטריבן דער נייער אומרו וואָס האָט געדייעט אין זיין געביין. „ער מוז עס דערפירן צו אַ סוף. געגנוג מיט דעם יגון ואנחה. טאַקע ער, ער אַליין. אים פלאָגט מען, זי רודפט מען — ווי לאַנג איז דער שיעור? אַנישט ווערסטו אין גאַנצן צע־קוועטשט". פאַר לאַנגע וואָכן האָט דער דאָזיקער געדאַנק אים געשטורעמט. געהאַט ווען אַ ביסל צייט, האָט עס אים אַוועקגעטראָגן ערגעץ, ווי אַ פונק המצאה האָט פאַר אים נאָר אויפגעלויכטן: געפין אויס אַן אָפּלאָג. איך דאַרף האָבן פאַר מיין נאָענטסטער, — האָט ער זיך געבעטן ביי באַקאַנטע; אַ דאַך, ווו זיך צו באַשיצן פאַרן געוויטער, ווייזט מיר; אַן אויסבאַהעלטעניש גיב, מענטש, פאַר דער קאַלטער נאַכט. אין שלמהן האָט עס געליאַרעמט און גע־יאָמערט. געטראָגן זיך אין אימפּעט פון אָרט צו אָרט און דערגרייכט די פאַרשטאַנדיקייט פון אַ וואַרעם האַרץ. ענדלעך, ענדלעך, — האָט ער טיף אָפּגעעטעמט. נאָך נישט די גאַנצע וועלט האָט פאַרטייבטע אויערן.

דערלאָפן צו שרהלען האָט ער זיך ערשט געדרייט הינטער די ווענט, נישט געוואָלט זיך ווייזן פאַרן הויז ווו מ'זעט אים נישט גערן. קען זיין, איר מאַמע זאָל גראָד אַרויסקומען. אַ פּייער קען זיך אויפהייבן קעגן דעם אומ־גליקלעכן מיידל. אַ באַאומרו:קטע (ווי אומדערבאַרעמלעך עס ציט זיך די צייט פאַר די געליטענע!) איז שרהלע לסוף דערגאַנגען צו אים מיט אַ קלאַ־פּנדיקער ברוסט:

— עפּעס נייס, שלמהלע? — און נערוועז אַריינגעקוקט אין זיינע אויגן.

— דאַרפסט זיך גאָרנישט שרעקן. ס'אַל דאָס גוטס. וואָס מאַכסטו, שרה־לע? — אַ סעקונדע אַ נישטער געטאָן אין איר פּנים, שעמעוודיק אָפּגעקערט דעם בליק און פאַרטראַכט ווידער געגעענט צו איר מיט שעפּטשנדיקע רייד:

— כ'בין געקומען דיר זאָגן, מיידעלע, אַז כ'האָב אַן אָרט ווו דו וועסט קע־נען זיך אויפהאַלטן. כ'מיין, באַדאַרפסט אַרויס פון דער מאַמעס שטוב. זאָל זי אויפהערן דיך דאָקוטשען. וואָס זאָגסטו, לאַכטיקס? — און אַראָפּגעלאָזן די וו:עס.

— גייסט זיך צעברעכן, שלמהלע! — האָט זיך געהערט אין איר שטים

אַז זי וואַרגט זיך מיט די רייד. — ווי קענסטו זיך דאָס אונטערנעמען? ס׳עט דיר זיין שווער, און מיר... טו עס נישט. וועסט זיך מאַכן ערגער. דיין מאַמע וועט ערשט נעמען ברענגען מיינע טריט. באַרעכן זיך, שלמהלע. האָסט אַזוי לאַנג געוואַרט, האָב געדולד נאָך אַ ביסעלע. ס׳שלעכט ביי ענק אין דער היים, ס׳איז ווינטער, ווייסטעך. אפשר שפּעטער. מ׳דאַרף איבערטראַכטן. — גערעדט אָפּגעהאַקט, כמעט סאָפּעדיק, אָבער מיט דער אינטענסיווקייט פון גורלדיקן ערנסט. פלוצלינג אָפּגעשטעלט זיך, ווי זי וואָלט אַראָפּגעשלונגען אַ שטיק קעלט און האָט פאַרענדיקט מיט דייטלעכן ציטער: — כ׳האָב שטאַרק מורא, שלמהלע, — און זיך מער געהילט אין טיכל אויף אירע אַקסלען.

— וואָס האָסטו מורא, קינדלעבן? — האָט ער נישט אָפּגעלאָזן, אָבער אויך זיך נישט געחידושט, ווייל זיך געריכט אויף דעם — ס׳נישטאָ וואָס מורא צו האָבן. מיינסט, כ׳בין גערן דיר צו פאַרשאַפן פיין? איך קלער נאָר ווי צו פאַרגרינגערן דיין דאָליע. ערגער ווי ס׳איז, קען נישט זיין, שרהלע! מ׳מוז ברענגען צו אַן ענד מיט די ליידן — דיינע, מיינע. מ׳עט נאָר אָנהייבן, וועט עס זיך שוין רירן. איך קען אויך נישט לענגער בלייבן אין דער היים. מיר׳ן סוף־כל־סוף מוזן זיין צוזאַמען.

אים איז געווען שווער אַרויסצוברענגען ס׳גאַנצע פילן־טראַכטן זיינס. געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעהאָנגענעם קאָפּ און אַן אינערלעך פאַרגלושעטער איבערגעוואַרט איר פיינלעך שטומעניש. שרהלע האָט אַלץ נישט געקענט פון זיך אַרויסקריגן קיין פונק טרייסט פאַר אים, פאַר זיך. ס׳געהירן איז איר געווען מיד, שטאַרק מיד. די־אַ שווערקייט האָט אין אים אָפּגעברומט מיט אַ שיפען. צו מאָל האָט עס אַ דריק געטאָן און ער האָט זיך פּאַמעלעך גע־ניכטערט: — באַשטייסטו, — האָט ער זיך ענדלעך איבערגעשריגן, כאָטש זיין שטים איז אַרויסגעקומען אַ שטילע — קענסטו אַרויס פון דער היים. וואָס פרי?ער אַלץ בעסער. האָסט נישט קאַ׳ סך איבערצוקלערן. ס׳פּזשיקרע? מילא מה. מ׳מוז איבערקומען. מ׳ווייס סיי ווי — האָט ער שוין אין גאַנצן זיך אויסגעטשוכעט — אַז דו ביסט נישט קאַ׳ גיט קינד, פאָלגסט נישט די מאַמע פונקט ווי איך בין אַ צרה פאַר די מייניקע. אַז כ׳קען מיר נישט העלפן אַנדערש, ווייס איך, אָבער דו, זע איך, ביסט נאָך נישט פאַרטיק מיט זיך. שווייגסט — קוקט ער אויף איר אַרויסרופעריש — אפשר וועסטו פאַרט ווערן אַ גוטע טאָכטער? מעגסט זאָגן. איך וועל נישט זיין ברוגז.

— ווילסט מיך אויך מאַטערן, שלמהלע? — האָט זי גערעדט מיט טרערן — כ׳בין אין גאַנצן מיט דיר, אין דיר (ס׳האָט זיך אָפּגעהאַקט איר אָטעם). אָן דיר האָב איך נישט וואָס צו לעבן. דו ווייסט, — און אַ שלוכץ געטאָן אין אַ דריקעניש.

— נו, נו, כ׳האָב נישט געמיינט דיך צו טרעפן — האָט ער איר גע־גלעט איבערן אָרעם — איך האָב נאָר געוואָלט דיר זאָגן וואָס ס׳מאַטערט מיך, וואָס כ׳וויל טאָן, וויל... אַצינד גיי אין שטוב אַריין. ס׳אַ בייסיקע קעלט, ווער מיר נאָר נישט קראַנק, קליינטשיקע. — אַ ווילע אָפּגעשוויגן, נערוועז גענומען זיך קנעפּלען דעם פּאַלטן און שוין אויפגעהויבן צו איר אַ טרעריקן בליק:

— מעגסט אָנהייבן. דאַרפסט זאָגן דיין מאַמע אַז דו קענסט נישט מער אַזוי. ווילסט גיין אַרבעטן. יאָ, יאָ, אין דער פרעמד. מ׳שאַפט דיר אַ שטעלע אין אַ געשעפט. און אפשר וועט טאַקע עפּעס אונטערקומען? איך פרעג זיך נאָך, כ׳זוך. אָבער צוערשט דאַרפסטו זיין פריי. דערווייל מוזסטו זיך אָפּרוען. איך וועל אַלץ באַזאָרגן, ברענגען. ווילסט — קענסטו פרי׳ער גיין זען די באַווינונג וואָס כ׳האָב אויסגעפונען. ס׳איז אַ ווילע שטוב ביי יונגע, ליבע מענטשן, אַ שוועסטער מיט אַ ברודער. נעבעך עלנטע, נאָר גוטע, אָרנטלעכע. ס׳אַ ביסל ווייטער פון דאַנען, מ׳עט צופאָרן מיטן טראַמוויי.

פון ס׳ניי געוואָרט, געוואָלט זען ווי זי מעסט זיין געטריישאַפט; צום סוף האָט ער זיך אַ ריס געטאָן:

—הערסט, קליינטשיקע, ס׳קאַלט! גדענק, וואָס כ׳זאָג דיר: דאַרפסט נאָר זאָגן יאָ און אַלץ איז אָפּגעמאַכט. אַנדערש פאַרשטיי איך נישט. האָסט דען, — בייגט ער זיך צו צו איר — כ׳בעט דיך, אַן אַנדערע עצה?

אָבער זי איז געבליבן ווי ביים אָנהייב, אָנגעשראָקן פון די רייד, וואָס ער האָט געבראַכט צו איר ווי אַ בשורה:

— ווי קען איך עס, שלמהלע? די מאַמע וועט מאַכן אַ גוואַלד. „אַ מיידל גייט און טוט, פרעגט שוין נישט קאַ׳ מאַמע?! געענדיקט מאַאַן וועלט. כ׳על זיך אַאַנשנאַדן דעם האַלדז. באַלד מאַכט זי גוואַלדן. ווייסטעך, אויף אַ מיידל קוקט מען אַנדערש. זי טאָר זיך נישט פּאַזוואָליען וואָס אַ בחור.

— זי וועט שרייען? ס׳ערשטע מאָל שרייט דיין מאַמע, מיין מאַמע? — ציקט ער מיט די אַקסלען. — איך פאַרשטיי אַז מ׳קען נישט אַנדערש. איך האָב שוין נישט קאַ׳ כוח צו ראַנגלען זיך מיטן ווידערווילן פון דיין צד און מיט

דער עקשנות פון מיין צד. מירביידע זענען איבעריק אין זייערע אויגן, אויב מ׳טראַכט אַנדערש ווי זיי. צו דעם האָב איך שוין נישט קיין עצה! מ׳קוקט מיט ציטערניש אויף אַ מיידל? וואָס זשע קען מע טוען אַז מענטשן טראָגן נישט קיין שאַרעס אויפן פּנים, און זיי מוזן קוקן דווקא נאָר פאַרויס, שטייף, ווי אַ פערד, נישט קערן זיך אַן אַ זייט! איך וויל יאָ זיך אומקוקן אויף אַ זייט, און זאָלן די מאַמעס, דער טאַטע זיך טראַכטן וואָס זיי ווילן. מיר ביידע וועלן נישט איבערמאַכן די וועלט. די הויפּטזאַך — דו ווייסט ווי דו האָסט זיך, איך געדענק אַז כ׳בין אַ מענטש, טו וואָס נאָר מעגלעך. אַריבערשפּרינגען איבער זיך קען נישט קיינער, סיידן אַ משוגענער. אַזעלכער קען זיך אויך דערהרגע־נען אין איין מניה וביה, כאָטש אויפן געמיט איז אים נישט אָנגעזאַלצן. מיר זענען נאָך גאָט צו דאַנקען ביים זינען, שרהלע. האָרך מיך: איין מאָל פאַר אַלע מאָל — אָפּגעשניטן דעם קאָפּ פון דער גרויסער עוולה דער מאַמעס, אונטערגעהאַקט די פיס פון די תמידע געשרייען און עס וועט ווערן שטיל אַרום דיר, אַרום מיר. איי, מ׳וועט ווידער ברומען? נישטאָ קיין ברירה. דיר וועט עס געפעלן, איז געוווג, מיר וועט עס שמעקן? — מער באַדאַרף איך נישט. דערנאָך וועלן די זאַכן זיך שוין ענדערן. פּאַמעלעך, און אַלץ וועט זיך אויסלייטערן. איך האָף צו גאָט, שרהניו.

— אָסור צי כ׳ווייס וואָס צו זאָגן. כ׳פיל מיט דער גאַנצער נשמה אַז דו מיינסט מיין טובה, אָבער... ווי גייט מען אַזוי־אַ אַרויס פון שטוב? אַרויסגב־בענען זיך מיט אַ בינטל זאַכן, ׳עט זיין נאָך ערגער.

— טראַכסט צופיל אַריין, שרהלע. פאָלג מיך, זיי קליגער פון דיין מאַ־מע. ווינציקער גערעדט איז געזינטער.

— קליגער? איך קען דען זיין קליגער? ווי אַזוי! — האָט זי פון איר מויל און פון די אויגן אויסגעשניטן אַ כמורע גרימאַסע און אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ: „וואָס סוף־כל־סוף ענטפערן?“ אַנטקעגן איר איז ער געבליבן אַ פאַר־שטומטער, מיט אַ שטורעם אין דער ברוסט: וואָס האָב איך אויפגעטאָן? דאָרט אַלץ אָפּגעשמועסט, געמיינט כ׳בין פיקס און פאַרטיק און דאָ הייבט זיך גאָרנישט אָן. אַפילו געלט אַריינגעבראַקט פאַר דער באַוווינונג. ערשט דאַרף איך זיך דראַפּען אויפן זעלביקן גליטשיקן שיפּוע, אַהיים גיין, פאַר־בייסן נאָך ביטערע עפּעלעך.

שרהלע האָט אָבער נישט געלאָזן לענגער זיך קאָכן אויף שלמהלעס

האַרץ די איינגעבאַקענע פאַרדראָסן; זי האָט זיך דערנענטערט צו אים און מיט אַ געכליפּ אַרויפגעפאַלן אויף זיין אַקסל:

— ביסט אַ גוטער. איך פאַרשטיי אַלץ. גלייב, כ׳פאַרשטיי שוין צו פיל. דיר איז אָבער שווער. טוסט איבער די כוחות, שלמהלע. מיינסט, כ׳טראַכט נישט דערפון? כ׳געדענק תמיד אַז מ׳וויל דיך אָפּרייסן פון מיר. דער מוח ווערט מיר צעשפּרונגען, נאָר... זיי נישט בייז. אַ דערשלאָגענע שטוב ביי אונדז און דער מאַמעס וויסטער גורל איז מיך באַפאַלן. און אפשר בין איך נישט ווערט קאַ׳ בעסער מזל? — האָבן טרערן זיך פאַרקייכט אין איר ברוסט. — אַ טאַכטער קען נישט ווייט אַוועק פון איר מאַמע. פאַרגעס נישט, כ׳בין די עלטסטע אין דער היים. קען איך אַזוי גרינג אַלץ איבערלאָזן? — ווי אין מיטן וועג, און זיך גיין? דאָך קליינע קינדער אין דער היים. זיי דאַרפן האָבן עמעצן נעבן זיך. און די מאַמע קען נישט זיצן במנוחה, ווי אַ באַלעבאָסטע. דאָס קליינוואַרג קען חס ושלום ברענגען אַן אומגליק אויף זיך און אויף דער שטוב. אַלע מעסערס זענען אין זייערע הענטלעך, אויף אַלע הויכקייטן ווילן זיי זיין. זיי פאַלן אָפּט, צעקאַליעטשען זיך און זענען הונגעריק אויף עסן און אויף זעען. אַלץ ווילן זיי זען; קריכן אויף די גלייכע ווענט; קענען זיך, גאָט באַהיט, דערהרגענען. מיט שטיקער גלאָז שפּילט מע זיך, שוועבעלעך געפעלט זיי אָנצוצינדן. רייס עס אַרויס פון די הענט, געפּי־נען זיי שטענדיק דאָס פייער — — — ס׳האַרץ ווערט מיר צעשניטן, ווען כ׳גיב אַ קלער דערפון. נאָר אויב דו באַשטייסט דווקא, זאָג איך נישט „ניין״.

אַן אוממאַכטיקע אַרויסגעברענגט אירע שרעקן און איינגעהאַלטן גע־כליפּעט מיט אַ קורצן שלוקערץ. שלמהלע האָט דערפילט אויף זיין האַלדז אירע שטראָמיקע הייסע טרערן.

קאַפּיטל זיבן

צענומען פון שלמהלעס געטריישאַפט, וואָס אַרויסגעשפּירט פון יעדן ריר זיינעם — זיי האָבן זיך געהאַט אָפּגעשטעלט אין אַ טונקעלן פירהויז פון אַ שכנהשער שטוב, אַ פאַרמאַכטע אויף אַ הענגשלעסל — האָט ס׳מיידל אין אויפגעוועקטן ווי אין גאַנצן זיך פאַרלאָזן אויף „איר יינגל״. ער זאָגט י אָ,

וועט זי נישט זאָגן דאָס פאַרקערטע. עס האָט נאָך געדויערט עטלעכע טעג דאָס פאַרבאַהאַלטענע גרייטן זיך, דאָס שטומע, טרעריקע געזעגענען זיך מיט דער מאַמעס שטוב, און זי איז אַוועק. בעל כרחה זיך אָפּגעריסן. שלמהלע איז געקומען זי נעמען. אין דער אָפּגעשמועסטער צייט געגעבן אַ צייכן פון זיך — אַ שטילן פייף, ווי מ׳רופט טויבן אויף נאַכטרו, אַזאַ קיילעכיקן, קייקלענדיקן דינעם רוף מיט אויסגעשנאָבלטע ליפּן — און ס׳איז געשען.

שטיל, ששטי־ייִיל. אויף די שפּיצפינגער אַרויסגעקראָגן זיך שרהלע מיטן קליינעם פּעקעלע, געלאַסן פאַרמאַכט די טיר אויף דער קליאַמקע און געגעבן צייכנס שלמהלען: „געלאַ־אַאַאַסן! די טיר נישט פאַרשלאָסן, אַז די מאַמע זאָל זיך נישט איבערשרעקן. שטענדיק גייט זי אַזוי אַריין אין דער אָנגעטונקלטער שטוב. די קינדער ליגן איינגענורעט אין אָונטשאָטנס, מיד. ערשט דערנאָך דערוואַכט אַלץ״. גערעדט, לייכט געהיפּט, געצויגן זיך ווי מעוועס אַנטקעגן ברעג און פון בין השמשות אַריינגעשווומען אין דער אָנגעליכטיקטער געגנט פון דער אָונטלעכער שטאָט.

...ס׳איז געווען פאַרנאַכט־שעה. אַ מידס פון אָנווייגען זיך פאַרן לאַנגן טאָג וואָס שלעפּט זיך פאַר זיי אין אָפּטן הונגער־נאָגעניש און לאַנגווייל, איז ס׳קליינוואַרג אַוועקגעפאַלן אויף די געלעגערס, איינגעטוליעטע אין קישנס און טראַנטעס; פאַר פרי׳ האָט דער אָוונט זיך אַראָפּגעזעצט אין די נידעריקליגנדיקע שייבלעך און פאַרשפּונען זיך איבערן איינגעלאָשענעם אומרו. פּאַוואָליע זיך אַראָפּגעלאָזן, אָבער די מוחלעך זענען קינדעריש פאַרטרודטע גיך אַנטשלאָפן געוואָרן. געבליבן אַליין מיט זיך, האָט שרהלע דעמאָלט זיך דערשפירט אין אַן אומגעריכטער שניידיקער וואַכעדיקייט. וואָס וועט אַצינד זיין? זיכער, ר׳עט קומען. שלמהלע האָט אַ וואָרט! איר בליק האָט זיך דערצונדן. אין טרערן פון שאַרפער שפּירעוודיקייט האָט זי, אַן אויסגעבלייכטע מיטן קיילעכיקן, צאַרטן פנים אַריינגעלויכטן אין דער אַראָפּזינקנדיקער שטוביקער פינצטערניש און איר איז לעבהאַפטיק געשפּרונגען איבער די וואָלקנס פון דער יונגער נאַכט וואָס האָט, אַן אָנגעקרויזטע, זיך געשטעלט אין חלל, אָנגעזאַפּט זיך מיט ראַפּטעמדיקער קילקייט. שרהלעס געהער האָט זיך אָנגעשפּיצט אויך אויפן דערוואַכן פון דער אומדערמידלעכער גריל אין פאַרהוילנקייט: צוק־צוק־צצוק.

פּריקרע.

ס׳איז גוט וואָס קיין ליכט האָט מע נישט צייטלעך אָנגעצונדן אין רייזלס

שטיבל. נאָפט איז טייער און דעם גראַשן אַרבעט זי אויס מיט די לעצטע כוחות, דאָס אָרעמע מענטש. ס'מיידל האָט געדענקט דער מאַמעס אָנזאָג: „זאָלסט חס האָבן אויף מיין פּראַצע! ס'געלט צו ציילן 'עט מען אויך אַזוי זען, טאָכטער. גלאַאַכער צו ליגן אין שלאָפבאַנק איידער צו זמאַרנעווען דעם נאָפט". אין דער טונקל האָט זי געקענט אָן שטערונג קלערן וואָס זי גייט טוען, קלערן וועגן שלמהלען. אין דער פינצטער איז איר דאָס מאָל געווען מאָדנע וואַרעם, כאָטש אין דרויסן האָט געבלאָזן אַ קעלט, וואָס זינט טעג זאָגט זי אָן אַ שניי און עס קען נישט שנייען. ס'שטעכט די פייכטקייט. זי וועט זיך נישט קריגן מיט דער מאַמע איבער דעם בלינצנדיקן לעמפּל־פייער, באשר זי וואָלט געקענט אַ ביסל לייענען. אינטערעסאַנט זענען די ביכלעך וואָס זי באָרגט זיך ביי האַמבורגערס טאָכטער. ערשט קען זי סיי ווי נישט נעמען קיין ביכל אין האַנט אַריין .דאָס מאָל האָט ס'קאַנעצל אויפגעציטערט שפּעטלעך, ווען די טרויעריקע מאַמע האָט זיך אַהיים געוויזן נאָכן טאָג האַרעוואַניע. אין דער טונקלעניש איז שרהלען אַצינד געווען עפּעס גרינגער. ווי אַ שורעווענדיקער טייך איז פונאַנדערגעגאָסן די פינצטערניש. בעסער אַזוי. קיינער זעט זי נישט אין דעם־אַ נערוועזן אויפדערנאַכט וואָס אויף זיין פלאַך הוידעט זיך דער קינדערישער שלאָף. די מאַמע וועט קומען, וועלן זיי זיך שוין איבערוועקן. וויל, וואָס די מאַמע איז נאָך נישטאָ, — שלמהלע זאָל נאָר קומען פר:ער. און ער איז געקומען, זי געגומען מיט זיך.

— גוט וואָס ביסט גרייט, — האָט ער געשעפּטשעט אין איר אויער אַריין — וויל, מיידעלע. גיב ס'פּעקל. אין געאייל האָט ער געזוכט איר האַנט. זי אָבער האָט זיך געשטיקט מיטן אָנפּלייץ פון האַסטיקן טראַכטן: וואָס טו איך? אפשר דאָך וואַרטן, זאָגן דער מאַמען? פון דעסטוועגן האָט זי שטום זיך געצויגן נאָך אים, נאָכן הויך פון זיין לאָקנדיקן וואָרט: קום, קום! דערנאָך, שפּאַנענדיק ביי זיין זייט האָט זי שוין פאַרנומען דער מוטערס אויפגעקומענעם געקלאָג:

— ווי ז'מיר! לעבעדיקערהייט ליגט מע דאָ אין קבר, — איילט (דאָס האָט ס'מיידל בפירוש „געזעען!") האָט זי געריבן שוועבעלעך מיט אירע שפּיצפינגער, געטאַפּט ס'קנייטל פון דעם נאָפט־פאַראיילעצטן פלעשעלע מיטן אָפּגעסמאַליעטן באַנוועלנעם צינגל.

אין יענער פינצטערניש האָט שלמהלעס רוף זיך אַ טראָג געטאָן איידער מ'האָט אויפגעברענגט ס'פלעמל אין שלאָף־פאַרזונקענעם שטיבל. אין

גאַסיקן געהילך האָט דאָס אָוונטלעכע ליכט אויסגעטריפט טרויער פון דער מוטערס אויגן, געלייגט צער פאַר דעם מיידלס געהער:

— סאַאַאָ־רעע! — האָט די מאַמע מאַט געררופן אין דער צעהודיעטער טריבקייט אַריין — ווו איז שרה אַהינגעקומען? — און שוין געקלערט אויף אַ קול: — אַ מאַד דאָס איז! קנאַפּ נחת פון קינדער היינטיקע צייטן, אַפילו פון די בעסטע.

תמיד פלעגט רייזלס גרעסערע מיידל וואַרטן אויף דער מוטערס קומען, שטענדיק געשטאַנען ביי איר זייט, געוועט להוט דער מאַמעס אַ וואָרט: „ביי וועמען ביסטו געווען האַנט, מאַמע? ס׳וואָר אַז די האַלצמאַנטע וווינט אין אַ פּאַלעי? זאָג, מאַמע, ווי עס קיקט אויס אַ פּאַלעי. טאַקע גרויסע שפּיגלען פון דער פּאָדלאָגע ביזן פּולאָפּ!?״ און האָט די מאַמע אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, האָט ס׳מיידל זיך צוגעניגלט צו איר: דערציילי! ווייל זי האָט געוווסט: צו די רייכע קומען מענטשן, ס׳גייען מענטשן. ביי היטקען איז אויך אַ סוחרישע שטוב, ווייסט מען דאָרט פון וואַרשע די נייעסן, פון לאָדזש און פון לויוויטש — אויף אומגעריכטקייטן האָט געווירן דאָס טראַכטן פון דעם מיידל, וועלכע איז געווען איינגעקלעמט אין גליוועד פון איר בידנער היים. ערשט איז „די גרויסע״ נישט געווען. וואָס האָט געקענט געשען? די פרוי האָט קרענקלעך געקוועטשט די אויגן, געסמאַרעט מיט דער נאָז און אָנגעבויגן איבער אַ שוואַרץ אייזערן טעפּל צוגעהיטן אַ געקעכטס צו דערקוויקן ס׳הויזגעזינד. זיך אָנגעשטרענגט צו טראַכטן פון אָן אַ שיעור זאַכן, אָבער „דער קאָפּ האָט איר נישט געטראָגן״. בשעת־מעשה האָט די צעציטערטע שיין פון קאַנעצל זיך אַריינגעגראַבלט אין די אייגלעך פון די שלאָפנדיקע קינדער און זיי איי־בערגעוועקט. אויפגעקומען, איז די שיטערע טונקלקייט געפּלאָסן איבערן שטיבל, געוויגט זיך. די קינדערישע פּנימלעך זענען געווען פאַרליאָפּעט, די האָר צעטאַרגעט ווי אַלט שטרוי און די וואַכיקייט האָט אַרויסגערעדט פון זייערע באַוועגונגען: „מאַ־מממעע, ביסט געקימען? אָ, די מאַמע!״ געהויבן די הענטלעך, איבערגעקערט זיך, געפּרוווט זוכן עפּעס פאַרשוווּמענס און בינו לבינו גערופן אויך די גרויסע שוועסטער: „שרה, די מאַמע, זעעע־עסט?״ געזען, זי איז נישטאָ, האָט ס׳קליינוואַרג שוין אויסגערעדט אויף דער שוועס־טער, פאַרמסרט אַז זי שטורגעט אין פּלייצע, שלאָגט איבער די הענט; אַז זי האָט נישט געוואָלט איינהייצן דאָס ליימענע קעכל. אַ צעטראָגענע, האָט

די מאַמע רעכט זיך נישט צוגעהערט צו די קינדער; ווי אַ פיש אין וואַסער איז זי נישט אָפּגעשטאַנען פון אַרויסברענגען אירע אייגענע תרעומות:

— אַנדערע מאַמעס זענען נישט אַזוי אומגליקלעך! מענטשן האָבן שוין אַ נוצן פון אַזאַ מיידל. אוי, איז זי פאַרזאָרגט געוואָרן אויפן לעבן אַרויס! די קליאַקעס ׳עלעך איר אָסראַאַסן פון קאָפּ! ס׳אַרט איר נישט צי די מאַמע איז מיד אָדער זי איז אויסגעפרוירן. ס׳האָט גאָרנישט חס אויף די מאַמע. אַבי דו גיי זיך מאָרדעווען פאַר דעם. אַז מ׳האָט ניש׳ קאַ׳ מזל דאַרף מען אויך ניש׳ האָבן קאַ׳ יאָרן!

קאַפּיטל אַכט

אַ ניי גרויס געשריי האָט זיך אויפגעהויבן פוןביידע זייטן געקוועלטער ליבע; די ייִדענע רייזל האָט מיט אַ מאָל גענומען הויך וויסטעווען אויף איר מזל:

— האָסטו וויי׳ניק, נאַ דיר נאָך! אַנטלאָפן די מאָד אין די העל אַראַן. אַ יונג האָט זיך געחלומט דעם פאַרד! — און פאַרגאַנגען זיך אין אַ לאַנגן יאָ־מער: — דערלעבט קוים אַרויסצושלעפן ס׳מיידל פון אַלע מיני קרענקן, גע־האָפט צו האָבן אַ נוץ, איז דאָס שוין באַצייטנס גרייט אויסצוגראַטשען די מאַמעס אויגן! שוין געקימען מיט אַ ליבע. וויי, וויי, חרפּות און בושות ׳עט דאָס נאָך אַהיים ברענגען. מיט די קליינע קינדער מעג די מאַמע דערשטיקט ווערן, אוי־אוי־אוי־אוי. כ׳על זי צערייסן אויף שטיק־שטיקלעך, דאָס פאַ־רעך! — און פלוצטאַלבן זיך געוואָרפן אויפן קליינוואַרג מיטן גאַנצן כעס וואָס האָט אין איר אויפגעזאָטן:

— וואָס׳ט זיך אַנידערגעשטעלט ווי די גלאָמבעס?! כ׳האָב ענק נישט וואָס צו געבן, חוץ דאָס אויסגעדאַרטע האַרץ. באַגראָבן זאָל איך ענק, איידער אויפצי׳ען קינדער פאַר אַזעלכע נחתן!

און די מאַמע שיינדל, אַ פאַרגרינטע, מיט ברענענדיקע, טרוקענע אויגן, האָט פאַרביסן אַריינגעקלאָגט אינעם מאַן, אין דער שטוינענדיקער, שוין פאַרתמטער שטוב מחמת די אָפּטע געשרייען:

— שוין, שוין, דערלעבט! די שריפה איז צו דיר אַהיים געקומען! נאָר אויף דעם האָסטו געקענט זיך ריכטן. וואָס נאָך ווילסטו? מעגסט זיך עפּענען

אַ גרוב, לאַכטיקער טאַטע! דער פּאַסקודנער יונג האָט שוין פּאַר קיינעם נישט קאַ׳ מורא, ר׳האָט זיך נישט מיט וועמען צו רעכענען. ער טוט נאָך אַ טובה, וואָס ר׳קומט צו דיר איבערנאַכטיקן. אוי־אויויויוי, דערוואַרט זיך אַ גרויס דערוואַרטעכץ! דער מערדער פרעסט זיך אָן אַליין און ער פּאַקט אַראַן ס׳גאַנ־צע דאָברע מזל אין דער מאָד. ר׳קען זיך נישט באַגיין אָן אַ מאָד. אַאַל זיך צו, גילדענער טאַטע, מאַך חתונה דאַאַן זינטיק! אויס מיטן טאַטן, אויס מיט די מאַמע. אַלע האָט ער אין דר׳ערד. אַן איינזינקעניש געקומען אויף אַלץ מיט אַנאַנד!

מאַמעשער ווייטיק האָט געיאָמערט דאָ און דאָרט און איטשע דער טאַטע האָט פאַרפרעסט די בלאַסע ליפּן. פון אים האָט נאָר אַרויסגעוויטיקט בפי־רושער צער: „וואָס קען איך טוען? ווער וועט מיך האָרכן!” און איז דער זון אין מיטן נאַכט, אין דער פינצטער, אַריינגעקראָכן אין געלעגער צו אים (ער איז געשלאָפן מיטן טאַטן אין איין בעט), האָט דער אַלטער געשפּירט נאָר זיינע פאַרפרוירענע פיס. אַ וואַכעדיקער האָט דער פאָטער זיך אָפּגערוקט, געמאַכט אים מער אָרט און שוין אַ גאַנצע נאַכט נישט צוגעטאָן קיין אויג.

דער טאַטע איז נישט געשלאָפן און דער זון איז נאָר „איבערגעקומען” די נאַכט. שלמה־יונה איז לאַנג געלעגן מיט צעשפּאַרטע אויגן און נישט געקענט אַנטשלאָפן ווערן: וואָס הייבט מען אָן כדי אַרויסצוקריכן פון דער קלעם? נישטאָ קיין ליבשאַפט צו אַן אייגן קינד, נאָר אַ צוגעווינטשאַפט. מיך קען מע נישט פאַרטראָגן, מיך האָט מע נאָר מורא אַרויסצובייסן, — האָט דער יונג איבערגעטראַכט דאָס געשעען מיט אים פאַר לאַנגע, לאַנגע צייטן אונטער טאַטע־מאַמעס דאַך. ס׳אמת, „זיי” האָבן נאָר ס׳געפיל פון פאַרלאָזנקייט אויף דער עלטער. רק די עלטער טרייסלט די קלאָמפּערשטע צוגעבונדנקייט צו די קינדער. בלויז זיך איז דאָס געטריי.

ס׳איז געווען סכנות ענג דער היים פונעם יונגוואַרג, די יונגע איז גע־וואָרן אומהיימלעך פּנים אל פּנים מיט די היימישע.

...שלמהלע דער איבערגעאַנדערשטער, דער צעטרייסלטער פון די זיסע איבערלעבונגען וואָס די שיינע שרהלע האָט אים אַקעגנגעבראַכט, האָט זיך אויך געמאַכט פאַר אַ היים דעם אָפּלאָג וואָס אויסגעפונען פאַרן מיידל. גאַנ־צע אויפדערנאַכטן איז ער איבערגעזעסן ביי איר, געבערענגט פּעקלעך עסנ־וואַרג, געשמועסט, געחלומט. עס איז געווען אַ פרידלעך ווינקל ביי יונגע שוועסטער און ברודער, יתומים וואָס האָבן געהויזט אין אַן איינציקן אָרע־

מען צימער. דאָס איז זיי געווען די גאַנצע ירושה נאָך טאַטע־מאַמע, וועלכע זענען יונגערהייט אָפּגעשטאָרבן אין אַן איינציקע פֿאַר וואָכן. דעכעוויצנע געווען די זאָקנמאַכערס וויינבערג (אויף קבצנישע זעקעלע־דרייערס ווי אין פֿאַביאַניק!) האָבן זיי נישט מער ווי קראַנק בלוט און אַ גרויליקע אויסגעהוילטקייט אינעם אַרום געלאָזן זייערע קינדער; זיי האָבן נישט געהאַט גענוג שטאַרקייט צו לעבן און נישט קיין כוח צו פֿאַרהאַרעווען פֿאַר זיך זאַטע חיונה. מלכה די שוועסטער האָט געשטאָפּט זאָקן איידער זיי זענען אַרויף אויפֿן הילצערנעם ברעטל־פּורעם און דער ברודער זלמן האָט געקלעפּט שקאַרמיצן פֿאַר אַ פונטל צוקער, פֿאַר אַ מעסטעלע מעל אין די שפּייז־געוועלבלעך אַריין. ביידע האָבן געאַרבעט, אָבער נאָכן זלאָטי זענען זיי געווען להוט פון וועגן פּשוטן ברויט, פֿאַר אַ בינטל האָלץ אויף אָנצוואַרעמען אַ ביסל זופּ. דערפֿאַר האָבן זיי ביי אַלע גליקן גערן אָפּגעלאָזן אַ העלפט פון צימער פֿאַר אַ ווילער לאָקאַטאָרקע, פֿאַר שרהלע ליינוואַל. אַליין פֿאַרבענקט נאָך אַ שטרעמל היימישקייט האָבן סיי די שוועסטער, סיי דער ברודער (ער איז געווען יינגער) אויפגעלעבט ביי דער זייט פון דעם גוטן מיידל שרהלע. ביידע האָבן שעמעוודיק זיך געפּרייט (קענען קראַנקע זיך שטאַרק פרייען?) וואָס עמעץ האָט ליב דאָס חנעוודיקע מיידעלע, וואָס זי ראַנגלט זיך פֿאַר אַט דער ליבשאַפֿט. אַלע מאָל האָבן זיי זייטיק זיך צוגעקוקט, צוגעהערט זיך ווי שלמהלע האָפּמאַן קומט צום מיידל, רעדט אַריין אין איר:

— וואָס מאַכסטו, שרהלע? אַלץ נאָך נישט אַרויסגעשלאָגן זיך פון קאָפּ די אומגייטיקע קלערענישן: „די קינדער! ווער ווייס וואָס זיי טוען, ווען די מאַמע פֿאַרשליסט זיי? די ייִנגעלעך קענען חלילה זיך דערהרגענען, אַרויסהאַקן די שויבן פון פענצטער, זיך צעקאַליעטשען און לויפן צווישן די פערד און וועגענער אויפן מאַרק! דו ווייסט נישט, שלמהלע? אונדזער דודל איז אַ מזיק, ער קען אַ מינוט נישט איינרוען. ער האָט שוין באַוויזן זיך נאָכצוהענגען אַ פור אין גאַס כדי אַ ביסל זיך דורכצופֿאָרן. די מאַמע האָט זיך שוין אויסגעריסן ס'האַרץ איבערן קליינוואַרג, שוין אויסגעוויינט אירע אויגן! ווי צו להכעיס ציִען זיך די יאָרן אַזוי פּאַמעלעך. זיי וואַקסן שווער, די קינדער. אַז דודל מאַכט שאַדוינעס, וויל נחל אים נאָכטאָן און וועלוועלע מוז זיין אין מיטן. קנאָפּ מקנאַ צו זיין די מאַמע, און זי מוז נעבעך פֿראַצעווען"
—- איז שרהלע מער אומעטיק געוואָרן.

— גענוג, ס'איז נישט פֿאַר דיינעטוועגן קיין עסק. די קינדער לאָז פֿאַר

דער מאַמע, זי וועט זיך שוין אַן עצה געבן. דו זאָג מיר בעסער — אפשר עפּעס ברענגען? מ׳עט מאַכן מיטן מויל, ווילסט? אַז דו וועסט עסן, וועל איך אויך וועלן. מאַך מיר חשק, שרהלע. אַ ביס טאָן נאָר.

אַן אַנדערש מאָל האָבן זיי געגעסן אָוונטברויט באַנאַנד, שרהלע מיט שלמהן. — ווו וועסטו אַצינד גיין עסן? — פלעגט זי זאָגן. ס׳עט זיין אויך פאַר דיר. און פון געמיטלעכקייט וועגן האָבן זיי פאַרבעטן אויך די יונגע באַלעבאָסטע:

— מלכה, איר וועט מיט אונדז מיטהאַלטן. ס׳דאָ פאַר אַלע. זאָגט נישט אָפּ, — האָבן שוין שרהלע און שלמהלע נאָכאַנאַנד זי געבעטן. — דרייט זיך נישט אַרויס!

די באַלעבאָסטע איז געווען אַ הויכלעכע, אַן איידל־פּנימדיקע מיט פאַרדעכטיק־ראָזע באַקן. זי האָט שיין געדאַנקט און געזאָגט מיט דער איי־פערדיקער פעסטקייט פון די קרענקלעכע וואָס באַשטייען דווקא אויף זיי־ערס: — אויב אַזוי, וועל איך נישט אָפּזאָגן, אָבער מאָרגן וועט איר אויך מיך נישט פאַרשעמען. שוין באַשטעל איך אייך, — קומט צו מיר אויף אָוונטמאָל, שרהל, שלמה. אָפּגערעדט?

האָט מלכה מיטגעהאַלטן ס׳אָוונטמאָל, איז זלמן אויך שוין צוגעבעטן געוואָרן צום קליינעם טיש. פאַרפאַלן, האָט די שוועסטער צוגערעדט דעם ברודער: זעסטעך, מ׳איז אין זייערע הענט. און ס׳איז געווען היימלעך־ליב־לעך אַרום דעם לאָמפּ וואָס איז אַראָפּגעשטעלט געוואָרן אויפן מיטן טיש און דער אויפדערנאַכט האָט נשמהדיק דערוואַרעמט די יונגע מענטשן, וועל־כע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן פאַרן שטורעם וואָס האָט געריסן „דעם דאַך" איבער זיי; געגעסן, אָבער פאַרנומען די תרעומות וואָס האָבן זיך געוואָרפן אויף זיי: „אַ ליבעניש! מער פעלט שוין נישט די דלפונים!" — אַזוי האָט די מוטער אַריינגעליאַרעמט אינעם זון. — אַזאַ פאַרעך און שוין לויפט דאָס נאָך אַ חתן! — האָט זיך אויפגעגעסן די אלמנה רייזל. — די ליבע וועלעך אויספּליקן פון איר באַנאַנד מיט די קליאַקעס!

ווילדע געשרייען זענען נאָכגעגאַנגען דיביידע וואָס האָבן זיך געפונ־נען אין „אַ זאַק מאָן". זיי האָבן עס געדענקט, צו מאָל איבערגעחזרט מיט טרעריקער איבערגענומענקייט, אָבער זיך מער צוגעבונדן איינס צו ס׳אַנ־דערע. פאַרליבטע האָבן זיי נאָר אָוועקגעבויגן די קעפּ פון די מוסר־רייד און

שטאַרקער זיך באַהאַפּטן צו איינאַנדער. שלמהלע? — האָט זי פאַרבענקט סתם אויסגעמורמלט מיט איבערגעלאָפענע אויגן.

— זאָגסט עפּעס, שרהלע?

— גאָר נישט.

— וואָדען? עפּעס מיינסטו דאָך. זאָג, קינד!

— איך חזר נאָר איין דיין נאָמען, לאַכטיקער.

*

אויף לאַנגע אויפדערנאַכטן איז „דער יונג" פאַרפאַלן געוואָרן ביים מיידל, וואָס האָט אַ ציטעריקע שטענדיק זיך געהאַלטן „ס'האַרץ אין דער האַנט": ווען ער כאָטש קומען? זיין מאַמעלע, וואָס פאַר אַ שונא כ'האָב זיך איינגעקויפט אין איר!

אַוודאי, פון אָפּט צוריק געקערטער פיין קען אַ מענטש מיד ווערן, „אָפּשטיין". מ'פייניקט דען ווינציק שלמהלען? זיין מאַמע וועט אים אָפּ־שרייען, אָפּווײנען פון דער חצופהדיקער מויד!

שרהלע האָט זיך ממש געטרייסלט פון ברענענדיקן אומרו —

אוי, אוי, ווי אומגליקלעך זי איז! פון דער היים נעלם געוואָרן, אַנט־לאָפן ווי אַ בילע אויסוואָרף וואָס קומט אין אַלעמענס מיילער אַריין, און ערשט?! די קינדערס געקלאַג שלאָגט זי אָן אויפהער און מיט אים איז זי נאָך נישט אין גאַנצן זיכער. מיט וואָס קען זי אים טאַקע צובינדן? איר שיינקייט? ווינציק שיינע מיידלעך וואַלגערן זיך אויף די שוועלן פון אָרעמע לייט! וואָס זשע, אַ קינד פון אַ געמיין הויז איז עפּעס ווערט? — אָפּט מאָל האָבן טרערן פאַרגאָסן איר בלאַס פּנים (מיטן געוויין האָט זי זיך פאַרבאָרגן פאַר מלכהן, דער שוויגעוודיקער באַלעבאָסטע) און ער, שלמהלע, פלעגט זי דערוױישן דערויף, שטענדיק געמוזט זי איינרויקן:

— וואָס ווידער, טייערס?

זי האָט געשוויגן, נאָר אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ: „זי איז שולדיק אין דער פיין וואָס ער ליידט, דער ליבער".

— ס'דיר אפשר נישט באַקוועם דאָ? — האָט ער איר איבערגעפרעגט אויפן אויער — זאָג, קינד!

— גאָרנישט! — און זיך צעכליפּעט אין צוריקגעהאַלטנקייט. די נאַכט האָט אַ קאַלטע, אין בלינצנדיקן ליכט, געקוקט שרהלען גלייך אין די אויגן

אַריין. דעמאָלט האָט זי נאָך מער אויפגעשווידערט פון דער האַרצלעכער שרעק וואָס איז עלול צו פאַרקלעמען אַזאַ אָרעם טייבל ווי איז איז.

— ס'אי' דאָך יאָ עפּעס, — האָט ער מיטן גאַנצן פּנים, מיטן קענדזשער האָר און מיט די הייסע ליפּן זיך דערגראָבן צו איר ציטערניש, אַריינגע־שעפּטשעט אין פאַרחלשטן מיידל: — מיר מעגסטו זאָגן, קינדעלע. ער האָט זיך שוין געבעטן ביי איר, טיף געעטעמט.

— כ'ווער דיר פאַרמיאוסט, — האָט זי דערנאָך אַרויסגעהעשעט — וועסט מיך איבערלאָזן, וועסט מוזן, — און געשטיקט זיך אין אַ כליושטש טרערן. — וואָס בלייבט מיר צו טוען! — געשלוכצט, אויסגעציטערט אויף אים איר גאָרע פאַרלאָזנקייט: — כ'בין פאַרשטויסן, נאָר צו מאַכן אַ סוף מיט זיך, אַראָפּצוואַרפן זיך פון די שטאָקן. כ'בין דען בעסער פון אַנדערע, אויף וועלכע מ'שפּייט?

— גיי שוין! רעדסט דיר איין, קליינטשיקס, אַ באַבוק. איבערלאָזן? ווערט'ס דיר געזאָגט? באַליידיקסט מיך! אַפילו די זאָלסט מיך טרייבן, הערסט? כאָטש מיט אַ שטעקן — איך וועל נישט אָוועקגיין פון דיר. איך האָב נישט ווו צו גיין אַ חוץ צו שרהניון, — און איינגעניורעט די אויגן, זיין אָטעם אין איר האַלדז, פאַרנומען דעם ספּאַזמאַטישן כאָרכל פון איר ברוסט:

— ששש, קרוין. גענוג! לאָזסט נישט שלאָפן די מענטשן. ס'צייט צו רוען, צו חלומען, שרהשי. ס'אַזוי שטיל, הערסט? איך האָב גערן די שטיל־קייט.

ער האָט זיך נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון אַז ער דריקט זיך צו צו שרה־לען מיטן פּנים, ר'וואַרפט אַרויף אויף איר אַ פאָלע פון דער פערענע פונעם בעט, אויף וועלכן זיי זיצן באַנאַנד; ער טוליעט זי צו צו זיך, קנעט זיך אַריין אין איר מיט דער ברוסט, מיטן גערדאַנק. שפּעטער האָט ער שוין גאַרנישט גע־ווסט. ער האָט נאָר געפילט אַז אַ גרויסע וואַרעמקייט צעגיסט זיך אין אים, שרהלעס זיסע וואַרעמקייט, וואָס פאַרוועבט זיין זינען, זיין גאָרן ווילן.

אַ לאַנגע ברומעדיקע נאַכט האָט זיך צעוויגט איבערביידן.

קאַפּיטל ניין

אין האַרבע פּרעסט איז דעמאָלט געשטאַנען דער שנייאיקער פּוילישער ווינטער. אין מילד־מוטנע טומאַנען האָבן געגידערט די קורצע אַסמאַ־טישע טעג און פאַרביסן, מיט געוואַי, זענען צוגעפאַלן די לאַנגע נעכט. גלייך פאַרשפּעטיקטע בוידן אויף שלעפּעריקע שליאַכן האָט מיט שנייאיק־פראָסטיקן געסקריפּ זיך געשלעפּט דער קורצזיכטיקער חודש אָדר, אין בעלמע־טרעריקייט האָט זיך געשטעלט דער מידער חודש ניסן. די אַרומיקע אייז־פאַרקאָוועטע שויבן האָבן ווי גראָ־בערדיקע פּנימער באַקומען קראַנקע פלעקן אויף די באַקן. עס האָט אָנגעזאָגט אַז אומגעזעענע כוחות ברעכן זיך דורך פון ערגעץ, שלאָגן זיך אַרויס אויך פון אונטער דער ערד; די טויערן פון דער געפענטעטער וועלט וועלן זיך אָט־אָט צעעפענען — די זון וועט זיך צעשאַלן אַ געגעזענע, אַ באַפרייטע פון דעם פאַרהוילענעם שטורעם וואָס צעהויקערט די טעג און די מענטשן וועלן אויפגעבונדן ווערן.

דער אומעט האָט דערוויל טראַנטיק זיך געצויטלט אין אביונישער ענגשאַפט. האָט ענדלעך געגומען טריפן־רינען פון די שטויביקע פענצטער־לעך ביי די האָפמאַנס, האָבן די אייגענע זיך אויסגעטשוכעט, לעבהאַפטיק זיך אַרויסגעהויבן פונעם גליוער. שיינדל האָט אַפּערגענומען די הענט פון הינטערן פאַרטעך, זיי געוועקט מיט קרענקלעכער חשקות און איר פּלייצע האָט זיך געבויגן איבער פאַרלעגענער וועש, געזוכט וואָס מ׳דאַרף איבער־וואַשן פון אומצוכט. אויך איטשע האָפמאַן האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ פון זיין לאַנגאָניקער פאַרדרימלטקייט: — שוין צייט, האָט ער געזאָגט זיך און געזאָגט דער קאַלעמוטנער שטוב — אַרויסצולאָזן די טויב. זאָל זי אויסשפּירן צי דער מבול האָט חס ושלום נישט פאַרטראָנקען די ערד — אויף אייביק? צי וואַסער, כולו וואַסער ריזלט אַרום אָדער אָנגעהאַרטעווע־טער אייז איז גאָר אָנגעוואַקסן אין די טיפן. אַראָפּגעשטיגן דערנאָך פונעם הילצערנעם גאָרן, האָט די דרויסנדיקע פייכטקייט דעם העפטער גע־געבן אַ טרייב אַריין אינעם פלאָנטער פון די גאַסן וואָס האָבן אים באַגעגנט מיט שטוינונג. אָ, ווי לאַנג אַ מענטש קען פּאַפּן! און איטשע האָט אויפגע־ריסן די אויגן: „טאַקע. געבראָכן רוק און לענד דער פראָסט. מ׳עט מער־טשעם שוין קענען כאַפּן דעם דעך". דער מענטש האָט אַרומגעניוכעט די

לופט, געהאַט ס׳געפיל גלייך אַ גרין צווייגל וואָלט אים אָקערשט אַנטקעגן
געשפּאַרט און דאָס אָטעמט אין פּנים אַריין. די מילדקייט וואָס אומגעריכט
אויפגעבליט, האָט ער געשלונגען מיט די נאָזלעכער, מיטן בליק. פאַרגעסן
אַז ר׳באַדאַרף זיך ערשט אַרומזען נאָך מענטשן, האָט ער אויך נישט גע־
שפּירט ווי ס׳טראַכטן האָט אים מטושטש געפירט: „זאָל מע נאָר אויפברעכן
די איינגעפרוירענע פענצטער־פליגל, וועט זיך אַלץ אַ ריר טאָן. אַ וועלט
דאָס איז! נאָר זי ענדערט ס׳פּרצוף און קומט דאָך צוריק צו זיך. אַפילו
קאַמעניצעס ווערן משנה־צורה אין די קאַלטע וואָכן! ביז די קני שטייען זיי
פאַרזונקען אין שניי־קאַשע“. און באמת אַ חידוש: מיט יעדן פרימאָרגן איז
זי אויסגערונען די נמאסע וועלט, אַנטקומען אין אָנבליק פון די פרישע
ווינטלעך. ס׳האָט אויסגעוועפּט אויך די כמורנעקייט. אַ כישוף נידערט פון
די לייטערנדיקע הימלען; זיי ווערן מונטערער, עפּעס ווייטער אין זייער
בלאָקייט און אין דעם ראָז ווי אין דער פיאָלעטער שטרייפיקייט. צוגלייך
מיט דער ערד וואָס האָט האָפערדיק גענעצט, געמורמלט פון ברייט־אויפ־
געקניפּטע אייזשפּאַלטן איז אַוועק דער ווינטער. ער האָט זיך אויסגעדאַמפט
מיט דער פּאַרע פון די טראָטואַרן, מיט די מבולבלע רויכלעך איבער די
דעכער, וואָס לענגערן זיך נאָכן מידן שלאָף. די אָרעמע הייזקעס? זיי איז
נאָך געווען שווער זיך צו באַפרייען פון דער מעלאַנכאָליע. די דערשלאָגנ־
קייט איז צו זיי צוגעוואַקסן ווי אַן אָפּגעקראָכענע פעל. דער טינק האָט זיך
פון זיי געשיילט. דאָ און דאָרט האָט מען מיט נייגיר אויפגעפּראַלט אַ פענצ־
טער, געריסן עס פונעם צודרינגלעכן דלות. אָפּקערן דעם שימל, פאַרטרייבן
פון שטוב די שוואָמען וואָס האָבן גרין־זילבערדיק אָנגעפּוילט די לופט, די
אומאָפּטרעטלעכע טונקלעניש! — האָט מיט פּלוצלינגקייט געשפּראָצט דער
באַגער ביי די מענטשן און, אַ ביסעלע פרישקייט, אַ ווינטל וואַרעמע ליכט!
עפּעס האָט געלעכצט פון די לייט וואָס זענען בלייכע, שלאָף־צעקנייטשטע
נאָר וואָס אַרויס פון די לעכער; בענקעניש איז באַפאַלן די וואָס זענען אויפ־
געקומען מיט אַן אינסטינקטיווער להוטקייט נאָך באַנייאונג.

צעפּראַלט ביידע פענצטערלעך, אויפגעעפנט די טיר, אַן אַרומגעקלאַפּ־
טע ביי די ראַנדן מיט שמאַטעס, האָט אויך שיינדל אָפּגעעטעמט אויף אַ קול:

— מ׳לויפט, ס׳לויפן אַוועק די פּאָר יאָר. דער מענטש ווייסט דען וווהין
אים ציט? גאָט דער דערבאַרעמדיקער זאָל האָבן מער רחמנות אויף זיינע
זינדיקע שאָף! — איר פּנים, אַ גרינגלעכס ווי לעשנדיקער פּאָספאָר, האָט

געטליעט אין דער נויט וואָס האָט פֿאַר די לעצטע חדשים בולטער זיך אַריינגעאַקערט אין דער פֿרוי: די אויגן אויסגעבליאַקירט און ס׳וואָרט וואָס פֿלעגט פֿון איר אויפֿפֿלאַקערן, איז אָקערשט געזונקען פֿינצטער, אַראָפּגע־שלאָבערט ווי אַ געשאָכטן עוף. „ווינד איז מיר! צו וואָס שלעפּ איך זיך נאָך אַרום?״ זי האָט ערשט געמומען ביטערן.

מאָדנע. שיינדלען האָט געשראָקן דער אויפֿלייכטנדיקער דרויסן. מי יודע פֿאַר אַ בייסן די אויפֿגעקומענע זון וועט אָנהייצן פֿאַר אירעטוועגן! דער יונג וועט זיך אָצינד אַרויסרירן. די חוצפּה וואַקסט ביי אים. אַז מ׳רעדט — מענטשן שטעכן איר שוין אויס די אויגן — איז עס נישט פֿון הוילן פּאָס אַרויס (דער יונג איז איר נישט אַרויס פֿון זינען). אַן אייגן קינד און עס גייט אויף דער מאַמעס לעבן! פֿאַר אַלע עפּנט זיך די וועלט, מ׳עט זיך גרייטן צו פּסח, איינרייסן פֿאַר פּרנסה — פֿאַר איר איז אָנגעגרייט אומ־גליק. אוי, קען זי איר „סחורה״! מיט אַ באַנדע עקשנים האָט איטשעלע האָפּמאַן זי באַגאָבט —

ויסט האָבן זיך באַוועגט אירע בלוין־בלאָע ליפּן.

אַ קוואַל פֿון אָפּטע טרערן האָט פֿאַר דער ייִדענע פֿאַרשטעלט די לייי־טערנדיקע טעג. דער פֿרילינג וואָס שפּראָצט, פּלאַצט אַרויס פֿון אַלע אָנגע־הויפֿטע טריבקייטן, האָט אויף איטשע העפּטערס שטוב גאָר אָנגעבראַכט ניי־עם אומרו: ער האָט אַרויסגערעדט פֿון שיינדלען, זי ממש אָנגעצונדן ווי אַ שטשאַפּע קין. טאַקע דאָס האָט איטשען, וואָס פֿרעסט אַריין אין זיך רק עגמת־נפֿשן, אַרויסגעטריבן פֿון שטוב.

— מ׳דאַרף זיין שטאַרקער פֿון אייזן צו די אַלע צרות. נאָר דאָס גייט אַרום און בורטשעט־שעלט! איך האָ׳ מער ניש׳ קאָ׳ כוח! — האָט דער מענטש געהאָט אַ שווער האַרץ אויפֿן ווייב. — זי זאָל כאָטש אַ מאָל איינרוען! אויף וואָס פֿרי׳ער זיך אומצוקוקן — אויפֿן דזשאַרקע פּרנסה צי אויפֿן משוגעת פֿון אַ נאַרישן יונג?!

דער ייִד האָט זיך געכמאַרעט ווי דער דרויסנדיקער הימל. אין מורא פֿאַר דער מאַמען האָבן די קלענערע ייִנגלעך אַלץ פֿאַרשוויגן און אומהיימ־לעכע אָנונגען האָבן זיך דורכגעטראָגן איבערן הויז. ס׳וועט הייטערער דער טאָג, אָבער ביי זיי קוויטשעט עס ווי אויף אַן אָנגעקוועטשטן גאָרגל. דער טאַטע מיט די ייִנגלעך האָבן זיך פֿאַרשטאַנען אין זייער שטומעניש

און זיך פונאַנדערגעקראָכן. אויס מיטן מוז צו זיצן אין שטוב! ליגדע ווינט־לעך ברענגען אָן די ווייטן וואָס זענען אַזוי גערן דעם געדאַנק.

מיט פאַרביסנקייט האָט איטשע האָפמאַן פאַרמאַכט די טיר הינטער זיך. אין גאַס שפּריצן בלאָטעס־סלאָטעס, עס רינט־ס׳גיסט פון די רינעס און דע־כער — אים איז אַלץ איינס. ער האָט נישט געקלערט וווּהין צו גיין. פון פרעגן ביי סוחרים אויף פּרנסה פון זיינעטוועגן איז איטשע גראָד געווען ווייט אין זיין טראַכטן. דורכוויעיען ס׳געמיט פונעם טשאַד, איז געווען דער שטויס וואָס האָט אים געטריבן. שיינדל, שיינדל, וואָס פאַר אַ פאַרנאַרטע מאַמע זי איז — זי וויל זיך דווקא אַוועקהרגענען פאַרן זון. מיין קאָפּ אַרויפּ־זעצן אויף אים? ס׳שרייען, דאָס וואַרפן זיך וועט דען העלפן? — דער רעיון האָט איטשען נישט אָפּגעלאָזן, אַזוי אַז ער האָט נישט פאַרנומען דעם רויש, וואָס האָט ווי זונשטויב זיך געהויבן אַקעגן די אויסלייטערנדיקע האָריזאָנטן און זיי האָבן אויף אַן אמת אָנגעזאָגט אַ גינגאַלדענעם פרילינג.

דאָס דאָזיקע פרי־יאָר איז פאַר דער פול אָנגעמויערטער, טומלדיקער שטאָט באַלד אין תּחילת געווען בגילופין פון קוים אַרויסגעבראַכטע סימנים פאַרן פרילינג־אויפוואַך. אין דער לופט האָבן זיך געדרייט שיכורע ווינט־לעך, אויף אַ שפּיץ וואַנט האָט זיך ווי אַ לבנה־האָז געטרונקען אין קויטיקן גראָ אַ שיטערער שטריף זון, ערגעץ אויף אַ ראַכיטיש־פאַרדאַרטן בוים האָבן זיך געעפנט שטייף־גרינע אויגן פון אַ יונג ריטל מיט צוויט. וואַקל־דיק־צערודערט האָט דער דרויסן געפּרוּווט זיך שטעלן אויף די פיס, אָבער לעבעדיקע מענטשן האָבן ווי אויסגעטשוכעטע פון אַ בישט־גוטן חלום אויפן הויכן קול זיך געצויגן צו ממשותדיקע האָפענונגען פאַר אַ נייער וואַרעמער ליכטיקייט: אי־אי־יי, וווּנדערלעך! ס׳איז אַ נס דער ווידערקער צום לעבן. אַ חיות! ס׳דאַכט, שוין נישט געריכט זיך אויף אַזוינס און מיט אַ מאָל אַזאַ יופי! אַ נו, גיב אַ קוק, — און להוט זיך אָנגעבויגן צו אַ גרעזל וואָס האָט צאַרט זיך אַרויסגעהויבן פון צווישן ברוקשטיינער. לפנים אַ נאַרישקייט, און דאָך! אַ וועלט אַ שיינע. דאָ האָט אַ קינדעריש געלעכטערל זיך געקייקלט אַ באַפרייטס, אַ פאַרחידושט געדאַנקל האָט גלייך אַ פאַרשפּעטיקטער שניי זיך געדרייט אין סאַמע נאָענטן ערגעץ, ווי דורך אַ שפּאַלט אַריינגעבלענדט אין די פאַרוואַקסענע געהירן און מיט געשטאַמל אונטערגעהונקען: — ווי הויך ס׳זענען אויפגעשטיגן די פערדישע ווייסקעפּ פון דעריאַכמעטן ווינטער! געווען פאַרדאַרטער שניי און שוין רעוועט עס אין שטראָמען, שוימט זיך

אין קאַלוזשעס. אָט־אָ פאַלן זיי אויף די מאַרדעס, די דאַזיקע רעשטן, אין חסר־דעהדיקן הירזשען, קושן דיווילדע האָבער־זאַנגען אויף שיפּועים, שנאַפּן אויס די ערדישע איינגעווײדן און ליידנשאַפטלעך טרינקען זיי אָן די טיף־פאַרקניפּטע וואָרצלען פון דער וועלטס זשעדנעקייט.

עס בלינצלט ס׳אויסגעחלומטע גליק. פאַרטראָגן אין אייגענע תאוות וועקט זיך די שויס פון דער אַנטדרימלטער וועסנע. באַפאַלן פון פאַרצערנ־דיקער היץ הוידעט זי זיך אין קראַמף פון ערב־געבעירן. יאָ, דער אַנטרי־נענדיקער ווינטער האָט אָנגעפּוישט די לופט, אויך דאָס ליכט פון טאָג — און באַשיימפּערלעך אַלעמען צעמישט. דער פּראַלנדיקער אימפּעט האָט דאָס גלייכן אָנגעשטעקט די מענטשן, וועלכע זענען נאָר־וואָס אַרויס פון זייערע פּחד־אָנגעזאָפּטע באַהעלטענישן, פון אומקלאָרע וועלעכצן ווערן געטריבן די הערצער; לייט זענען געוואָרן מטושטש צערוישט פון דעם באַיוגנטן, ברייט־צעשטערעקטן דרויסן. בלויז אין דער אָנגעהודזשעטקייט פון די האָפּמאַנס ענגער באַוווינשאַפט איז געבליבן פאַרשטשעמעט די אַלטע טונקלקייט, כאָטש אויך אַהין האָט דורך אַ פענצטער־ווינקל אַריינגעשימערט אַ פרישע שיין. נאָר אַ לייכט געטאָן און זיך פאַרלאָשן. אָן אַ זייט איז געבליבן דער פּרילינג פון דעם אָרעמען הילצערנעם גאָרן. ריכטיק, ס׳איז ווייכער געוואָרן דאָ די לופט, אלאָ די פאַרנאַכטיקייט איז נישט אָפּגעטראָטן פון שטוב. ס׳איז געשען מחמת דער מאַמע שיינדלס פלוצלינג איינגעשטילטע געשרייען, מחמת דעם טרויער וואָס האָט אַפילו מיטנטאָגיק זיך אַראָפּגעזעצט אַקעגן דער יידענעס געלע הענט, סקעלעטיש אַראָפּגעלאָזענע אין פאַרזאָרגטקייט.

מיט אַ מאָל דערזען זיך אַליין אין דער טוכלער טונקלקייט, האָט איר קרעכץ זיך אויסגעוויגט פאַרן אייגענעם נשתוממדיקן געהער:

— זיך דערוואַרט, מיכל איילשלעגערס טאָכטער!

דער מאַן מיט די קינדער האָבן זיך געהאַט אַרויסגעקראָגן אין אויסגע־בלאָזטן דרויסן אַריין. צו זען אַ מענטש, הערן אַ וואָרט האָבן זיי געדאַרשט. נאָכן ביטערן ווינטער איז די שטוב געוואָרן דערווידער; קיינער האָט צו מאָל נישט אַ טראַכט געגעבן: „ווער בלייבט אין דער היים?״ ממש אַ פאַרגעסענע איז שיינדל געבליבן וואָכן איבערן גליוועער וואָס האָט געהויערט אין די דלד אמות.

כאָטש לייכטפּיסיקע, וואַרעמע לופטלעך האָבן אָנגעליכטיקט די בייע טעג, איז שיינדלען ערשט געווען סכנותדיק קאַלט אין די גלידער. „די שטאָט

קומט אויף פאַר אַלע. פאַר מיינעטוועגן שפּרייט זי זיך אַ וואָרע גרוב״, — האָט זי געפינצטערט.

דאָס מענטש האָט זיך אויפגעגעסן אין אָנבליק פון איר איינזאַמקייט, וואָס איז נאָך שווערער אָנגעוואַקסן אויג אויף אויג מיט דער ניי־דערוואַכ־טער וועלט.

*

ס׳איז אויפגעגאַנגען דער פרילינג. די פון דער ווייט אָנגעקומענע זון האָט אַ מידע דורכגעריסן די שווערע כמאַרעס. דעמאָלט האָט שלמהלע שוין געהאַלטן ווייט מיט זיין פאַרצאַגטער היים, געהאַט זיך היפש אָפּגעריסן פון איר. פאַר אים איז נאָך געשטאַנען איין זאַך: שרהלע. כ׳מוז מאַכן אַ סוף מיטן פלאָגעניש וואָס דער ענין האָט אָנגעברענגט סיי אים, סיי דעם מיידל. אין יענע טעג האָט שלמהלע אַ צעוואַרעמטער עפּעטערס געאײַלט צו שרהלען און איטלעך מאָל איר אָנגעזאָגט:

כ׳האָב זיך געזען מיט אַ מעקלער, מיידעלע. עס לאָזט דיך גריסן אַ שיין שטיבעלע. יאָ, יאָ, אָן אַ געלאַכטער.

— שוין נישט לאַנג, האָרכסט? — האָט ער איר אָנגעזאָגט אַן אַנדערש מאָל. — ס׳ווייזט זיך עפּעס, מיידעלע קליינס. אָט דערלאַנג ס׳לאַפּקעלע (האָט ער זיך צעלויכטן) און ענטפער: מזל־טוב, זאָל זיין אין אַ גליקלעכער מינוט! יאָ, מזל־טוב, וואָס דו הערסט — שוין איינגעזאַלצן פאַר אַ דירהלע. וואָדען, פאַר אונדזערטוועגן! פאַר דיר, פאַר מיר, — און צוגעפאַלן צו איר מיט די ליפּן, מיט די אויגן. ס׳האָט געהאַרעוועט דער פולער אָטעם זיינער.

שפּעטער אַ ביסל האָט ער אַזוי געטענהט:

— איידער מ׳קלאַפּט צו ס׳עסק, וויל׳עך מ׳זאָל זיך אַריבערכאַפּן אַהינצו באַנאַנד אַ קוק טאָן. ווייל, פאַרשטייסט, אפשר געפעלט דיר נישט, קען מע זוכן עפּעס בעסערס. ביסט גרייט?

שרהלע איז געשטאַנען אַ נשתוממע, אַ שעמעוודיקע:

— לאַכסט פון מיר, שלמהלע? האָסט דען אַזוי פיל געלט, שלמהלע? ס׳דאָך אַ שרעק מיטן יקרות אויף דירות. מ׳זאָגט: הונדערטער דאָלאַרן דאַרף מע באַצאָלן שליסלגעלט!

— כ׳האָב, שרהניו, — האָט ער געענטפערט געלאַסן און באַצוווּנגען אין זיך דעם שמייכל וואָס האָט ווי אַ שטאַרקער שוים אויפגעקרייזלט אין

אים ווען ר׳האָט דערזען די צעלויכטענע קאַלירן אויפן מיידלס באַקן. — ס׳האָט מיר אַריינגעשאָסן ס׳גרויסע געווינעכץ, שרהלע.

— גיי שוין. לאַכסט ווידער פון מיר, יינגלשי. זאָג אויף אַן אמת — פון וואַנען האָסטו גענומען געלט?

— אויף אַן אמת? כ׳האָב צונויפגעקלאַפּט אַ סומע און שוין געגעבן האַנטגעלט פאַר אַ ווינונגל. ס׳איז נישט אַזאַ „פּער” צווישן דירות, אָבער פאַר אַן אָנהייב וועט עס זיין גיט. צווייטנס, מוזסט אַליין אויך אַ קוק געבן. דיר דאַרף עס דאָך אויך געפעלן.

— איך פאַרלאָז זיך אויף דיר. אויב דו באַשטייסט, זאָל עס מיר נישט געפעלן?

— איך קלער אַז עס איז נישט קיין פאַלעי, נאָר פאַר אַ נויט, אַז מ׳האָט נישט צופיל געלט, איז עס גאַנץ נישקשה פון אַ ווינונגל. ס׳איז אויף עק שטאָט, ס׳ווינציק פאַרבויט אַרום, לערע גאַסן, דערפאַר מער פעלד אַרום, שטיקלעך וואַלד. און ס׳הויז ווו איך וויל דינגען, האָט אַן אייגן גערטל. די שטילקייט איז אַ דאָרפישע, און אפשר נישט קאַ׳ דאָרפישע, נאָר פון דער שטאָט אַן אַנטלאָפענע, דערפאַר אַן אָנגענעמע, הערסט, שרהלע? — קוקט ער זי אָן אין פלוצלינגער פאַרטראַכטקייט — מיר איז געפעלן געוואָרן דאָס שטיבל באַלד אויפן ערשטן בליק. ווייסט, שפּיצןביימער קוקן אַריין אין אונדזערע צוויי פענצטער.

— אונדזערע פענצטער, זאָגסטו? — איז זי אַרויפגעפאַלן אויפן בחור מיט אַ טרעריק טוליעניש און ער האָט זי גלעטנדיק באַרואיקט:

— נישט שיין אַזוי, מיידעלע. אַוודאי אונדזערע פענצטער, שרהניו. באַשטייסטו נאָר, זענען עס שוין אַצינד דיינע פענצטער. נאַ דיר ס׳געחתמע־טע קוויטל אויפן האַנטגעלט.

דער פאַרציטערטער חתן־בחור האָט נישט דערציילט דער בלייכער כלה אַז ר׳האָט זיך איינגעחובט ביים באַלעבאָס ווו ר׳אַרבעט; ער האָט אים אַ גרויסע טובה געטאָן מיט געבן אַ סומע אין פאָרויס אויף דער שכירות. און גענומען געלט אויף ציגזן. ער וועט ביסלעכווייז אָפּצאָלן — האָט ער אָפּ־געמאַכט ביי זיך, ווייל אַנדערש וועט ער נישט אַדורך דעם ווילד־וואַלד וואָס איז אויסגעוואַקסן אַרום אים און ער שפּאַרט. נישטאָ קיין אויסוועג. און קיין האָפענונגען אויף גליקן וואָס קענען אַ מאָל טרעפן אַן אָרעמאַן, דרייען זיך נישט פאַר זיין שוועל. ער איז זיכער אין דעם. האָסטו, — האָסטו, אלא נישט,

בלייבסטו ביי דיין בויך־גרימעניש. דאָס האָט אים שוין אויסגעלערנט זיין קליינער שכל. אזא איז דער מעמד, אין וועלכן ער האָט זיך ניילעך אַריינגעבויט אין דעם וועג וואָס פירט צו שווערער זעלבשטענדיקייט. אַנדערש קען ער נישט. אויב אַנדערש — איז נאָר צו פּגרן, אָבי נישט צוריקצוקערן זיך צום יאַריד וואָס די מאַמע מאַכט אים אַלע טאָג, אַ חוץ אין די שבתים. טרוקן מוז זיין זיין קוק אויף די זאַכן! — האָט ער אין זיך אַריינגעפּויקט. גייסטו נעמען אַ ווייב, שלמה, מוזסטו ווערן גאַר־גאַר ניכטער. רעד דיר נישט איין אַז מלאכים וועלן דיר אַנטקעגן גיין. נישטאָ היינטיקע צייטן קיין מלאכים. אַפילו דער הימל איז אויסגעליידיקט פון זיי. עס איז נאָר אַן אויסדאַכטעניש, אויב דו ווילסט דווקא וויסן אויף געמוי. מ׳מוז קנעטן ליים, אַנדערש וועסטו נישט האָבן קיין ציגל און אַוודאי נישט קיין וואַנט צו פּאַרהיטן זיך קעגן ווינט.

דאָך האָט ער פּאַר שרהלען געמאַכט אַ הייטערע מינע און זי אַוועקגעפירט ווייזן דעם פּאַלעי וואָס ר׳וויל נעמען פּאַר זייערטוועגן:

— נאָ, ס׳איז אונדזער שותפות, — האָט ער אַ זאָג געטאָן, ווען ר׳האָט זי אַריינגעפירט אין אַן אייבערשט הילצערן שטיבל וואָס אַריבער הויכע הילצע שטיגן. אומזיכער געהויבן די שריט, האָבן די שטיגן אונטער זיי ווייך, ברעטערדיק זיך אונטערגעגעבן, געוואַקלט זיך גלייך זיי וואָלטן געשטאַנען אויף אַ שוואַכענקן גרונט.

— שפּירסט עפּעס? — האָט ער, הייבנדיק זיך אויף די שטיגן, געווענדט דעם בליק צו שרהלען.

— קיין בלומען־ריחות שפּירט מע נישט, שלמהלע. אַזוי דאַכט מיר. — אָנגעקוקט אים מיט אַ כלאחר־ידיקן פרעגן און נאָכגעשפּירט מיט די נאָזפליגל אַ לייכט־קיצלדיקע אומקלאָרקייט וואָס איז דאָ געהאַנגען און עס נישט געקענט געמוי דערווישן. — עפּעס טראָגט זיך דאָ, ווייל ס׳איז אי פעלד, אי אַ פּוסטע גערוימקייט, אָבער נישט קיין בלומען, ס׳וואָר?

— בלומען? — האָט ער זיך געחידושט אויף זיין קליינטשיקער, למאי זי איז נאָך נישט אויפגעוועקט פון יונגמיידלשע חלומות, כאָטש ס׳איז איר ווייט נישט היימלעך. אַפילו די אָרעמקייט, די טאָגטעגלעכע דחקות גייט איר נאָך. ווער, ווער, ער קען עס נישט פאַרגעסן! — האָט עס שלמהן בינו לבינו אַ שניט געטאָן. — ווייסטו, זאָגט ער, איך וואָלט נישט געקענט לעבן מיט לעקעך. בלו־מען? מיר ליגט עס נישט אין זינען. נישט פּאַר אַזעלכע גבירים

ווי איך וואַקסן זיי. ברויט גייט ערשט אויף אין בעקעראויוון, שרהלע קרויזן! בעקערס ווינען דאָ. אַ טאַטע מיט זין און שנירס און אייניקלעך. אַ בעקע־רישער פּאַלוואַרק זיצט אין דעם רואיקן ווינקל, — האָט ער כמעט אויסגע־זונגען און פּאַר אַ ווייל געבליבן שטיין אויף די שיפּע הילצערנע טרעפּן.

— געבעקס? געגרעכט. דערפאַר אַזאַ געשמאַק. איך שפּיר עס ערשט, — און זיך ווידער אָפּגעשטעלט צו דערגיין די וואָר פונעם קלאַנג וואָס איז נולד געוואָרן פונעם אָקערשטיקן וואָרט, די זריעה פון דעם געפיל וואָס האָט אָט־אָ זיך אויסגעפּיקט אין איר ווי אַ קנאָספּל: „אַבי צווישן פיינע שכנים, איז ווייל דער געשמאַק פון ברויט". נישט דרייסט האָט געפויזעט די מחשבה איבערן קאָרידאָרישן טונקל און אַזויערנאָך האָבןביידע זיך דערשלאָגן צום סוף פון די שטיילע טרעפּ.

...ערשט האָט שרהלע קאַלעמוטנע אויסגעשלייפט אַ שמייכעלע. דערזען איבער זיך אַ משופּעדיק־נידעריקן פּולאָפּ און צוויי אַנטקעגנדיקע פענצטער, דאַכט זיך עטוואָס אומדרייסטע מיט אוזאָרן פוןביימערשפּיצן אויף זיי און זיי שווימען פאַרטראַכט אויפן פּאָן פון אַ ווייטן האָריזאָנט ווי אויף אַ וואַ־סערפעלד, אַן אַנטפּאַלנס אויף אַנטשוויגנקייט: ששאַ! ששש.

יאָ, די שטילקייט האָט איר אַזוי צוגעפּליעסקעט, פּרעמדלעך.

נאָך אַ מאָל זיך אַרומגעקוקט, זיך אַ וואַקל געטאָן אויף דער הוילקייט פונעם חלל וואָס איז פאַרגאַפּט אויפן וואַסערהימל און אומגעריכט אָנגע־פּרעסט אַ פּייכטן קוש דעם, וואָס האָט זי אַריינגעפּירט אַהער. מינוטן אַזעל־כע פון פאַרגאַפּטקייט און, זיך איבערגעוועקט.

— ס׳דיין, אויב דו ווילסט? — האָט ער געזאָגט אַ פאַרטראָגענער.

— דו טוסט אַזוי פיל פאַר מיר, לאַכטיקער!

אַ פריידיק צעקלעמטע עס אַרויסגעבראַכט און ווי אַ קינד ערב צעכלי־פּען זיך מיט דער גאַנצער געטריישאַפט וואָס אין איר אויפגעגליט־צע־צאַפּלטן גוף זיך אַ טוליענדיקן רייב געטאָן אין זיין ברוסט. קענטיק, אויך ער איז געוואָרן פול מיט דער שפּירונג וואָס האָט ביים מיידל אַרויסגערופן אַ נייעם נישט־דערגאַנגענעם שלוכץ. אין שטומקייט זשעדנע אָפּגעזוכט אירע באַקן דאָ רעכטס, דאָ לינקס, האָט ער מיט די ליפּן אַריינגעזויגן אין זיך די טרערן־טראָפּנס וואָס האָבן זיך געשטעלט אויף זיי.

— פע, נישט שיין פאַר אַזאַ גרויס מיידל, — איז ער זיך דערנאָך ביי־

געקומען — ווינסט! ס׳פּאַסט נישט צו וויינען אַז ס׳פאַרנעמט זיך אויף פריי־לינג. זעסט נישט, קליינטשיקס, ווי עס לייטערט זיך? וועסט באַלד הערן די פייגעלעך זינגען הינטער דיין פענצטער. נו, נו, הער אויף!

קאַפּיטל צען

און האָט זיך רעכט צעעפנט די וועלט, איז דער העפטער איטשע האָפמאַן אַוועק אין שטאָט אַריין זיך ווייזן פאַר זיינע סוחרים, אויסשמעקן אַ גילדן פּרנסה. אויך די יינגלעך האָבן גענומען זוכן דאָס זייעריקע: ס׳גייט צו פרילינג, אַלץ באַנייט זיך פאַרן אָנגעזיכט פון די מענטשן, פאַרן אויפגעקו־מענעם דרויסן, באַדאַרפן אויך זיי עפּעס באַנייען. גאָר צעלאַכצט זענען די שיך, דער אָנצוג איז פאַרפעטסט. ווי וועט מע קענען אַרויסשטעקן די נאָז אין אַזאַ הולך? — האָט געטענהט איינער פון זיי נאָך דעם ווי ר׳איז אַהיים געקומען מיטן ליידיקן: „מ׳באַדאַרף נישט מיינע הענט!"

— אָבער ווייי געשריגן, לעבן מוז מען און קאַ׳ דזשאָד איז מען אויכעט נישט, — האָט מיט יאוש צוריקגעענטפערט דער אַנדערער.

— וואָס פאַר אַ עצה גיב איך זיך, אַז ליכטצי׳עריי גייט אין גאַנצן אונ־טער? — האָט אין אומעט געפרעגט דער ברודער וואָס זיינע הענט זענען איבעריק.

— לעכט? אַן אָפּגעלעבטע זאַך. עלעקטרע איז דען שלעכט?

— עלעקטרע איז גיט, אָבער די מערסטע שטובן פינצטערט זי אָן ס׳מזל. חלה איז פאַר בגידישע מעגעלעך. דאַאַנע לעכט זענען אפשר לעכטי־קער, נאָר אַ בילע־ווער קען זיי נישט קויפן.

— אויף לעכטבענטשן משטיינס געזאָגט קען מע זיך אַ סך סומך זיין! אַז דער שבת, דער יום־טוב ווערט וואָס אַ מאָל נעבעכדיקער. ווער באַדאַרף ראובנס לעכט? נאָר צוקאָפּנס פאַר אַ בר־מינן!

די יינגלעך האָבן זיך אַליין באַקרעכצט און בשעת־מעשה געקוקט דער מאָמען אין האַנט אַריין, זי זאָל געבן אָפּצועסן, „צוריק צויאָגן די נשמה".

באַקלאָגט זיך פאַר אייגאַנדער, די אונטערוואַקסנדיקע בחורימלעך און אין זיך מקנא געווען דעם עלטסטן ברודער. שלמה־יונה האָט אויפגעהויבן אַ מלחמה פאַר זיין מערכה; עס האָבן שוין געפּלאַצט אַלע נעט וואָס מוזן פּלאַצן,

ווען ס׳קומען די יאָרן און מע זיצט אין דלות ווי ס׳האָדעווען זיך קינדער. ביי די יינגלעך האָבן זיך געעפנט די אויגן אויפן שלים־שלימזל וואָס וואַרט אויף זיי. ביים אָרעמען העפטערס יונגוואַרג האָט אומגעריכט געגומען זויערן די נישט־ניחאדיקייט מיטן מעמד אין שטוב. — ס׳יערן אונדזערע גליקן! — האָט פאַר די ברידערלעך זיך אַרויסגעכאַפּט ראובן „דער אַלטער קאָפּ״. „שלמה־יונהן איז שוין בעסער״, האָט געענטפערט אַ קלענערער. „שלמה איז ס׳זייניקע איבערגעקומען״, האָט געזאָגט דער קלענסטער. און נאָך עפּעס האָבן די יינגלעך איינגעזען: דער גרעסערער ברודער האָט שוין אויסגעפונען אַ שותף צו זיין גורל. אַפנים אַז אין צווייען איז גרינגער. מ׳האָט אַ כלה, שאַפט זיך צו ביסלעך אַן אייגענע שטוב, אַפילו אַז מ׳איז אָרעם. מ׳לערנט זיך יאַקאָש פאַרדינען אַ גילדן מער און מ׳שפּאָרט דעם גראָשן. כאָטש מ׳האָט נישט, ווערט שוין עפּעס, אויב מ׳גייט זיך צונויף מיט אַ פרוי. ער טוט, זי טוט, ווי די מערעשקעס שלעפּט מען צונויף אַ היים און מענטשן שאַנעווען דיך מער.

ס׳אַ ווילע זאָך צו זיין זעלבשטענדיק, — האָבן אַלע מיט אַ מאָל זיך פאַסמאַקעוועט מיטן געדאַנק וועגן שלמהס כלה.

— אָ, אָ, פאַר יעדן פאַל איז עס אַ שווער פּעקל, אָבער אַן אָנגענעמס, — האָט פון די פאַרטראַכטע יינגלעך שפּעטער אַרויסגערעדט די אייגענע אומבאַהאָלפנקייט. — דאגות כאַפּן אָן ביים גרגרת און זיי לאָזן נישט אָפּ!

*

אַרום און אַרום איז געוואָרן אַנזעעוודיק דער איבערקער וואָס דער עלטסטער האָט געמאַכט אין הויז. נישט ווילנדיק האָט מע געקוקט אויף אים מיט אָפּשיי: ער שניידט זיך אַ מענטש!

...ערשט אַצינד האָט שלמה־יונה זיך אַרויסגעוויזן מיטן דרייסט־אַנט־פלעקטן חשק צו גיין פאַר־זיך. ר׳עט מער נישט קאָ׳ מורא האָבן! דער אמת איז, אַז ער האָט שוין ווינציקער זיך געהיט פאַר די שטוביקע מיטן אַוועק־גיין אין די אויפדערנאַכטן, זיך נישט פאַרענטפערט אַז ר׳מוז קלאָמפּערשט איבערגעבן עפּעס געניטיקס. אויס מיט די אַלע תירוצים. מיט אָפנקייט האָט ער שוין (כאָטש נאָך אַ ביסל שעמעוודיק) מודה געווען אַז ר׳האָט אַ כלה. דאָס, פאַרשטייט זיך, נאָר פאַר די ברידערלעך און זיי האָבן זיך דערפון גע־פילט מער וואַזשנע, אויף אים געקוקט גאָר ערנסט און דערוואַרט גרויסע

נייסן. און זיך דערוואַרט. זיי האָבן מיט שטוינען אַנומלט געזען אַז שלמה־יונה ברענגט זיך אַהיים אַ נייעם גאַרניטער און ר׳האָט אים נישט געוויזן נישט דעם טאַטן, נישט דער מאַמען: „ס׳געפעלט ענק?״ — אַזוי פלעגט ער זיך נוהג זיין. שלמה־יונה דער פאַרדינער האָט קיין מאָל זיך נישט אַליין געמאַכטיקט ביי אַזעלכענע זאַכן. וועגן אַ מלבוש האָט מע צוערשט איבערגערעדט מיטן טאַטן, געפרעגט די מאַמע, וואָרן אויף צו קויפן אַ ניי מלבוש האָט מע באַדאַרפט קלייבן געלט, אָוועקכאַפּן פון די שכירות במשך לאַנגע חדשים. אַצינד איז דער יונג געוואָרן „סאַמאָ וולאַסט״, געטאָן וואָס געוואָלט. שלמה־יונה, האָט מע זיך אַרומגעזען מיט האַרצווייטיק, האָט שוין מיט וועמענען זיך צו האַלטן אַן עצה. און מעגלעך, ס׳איז טאַקע וואָר אַז „אַהינצו״ טראָגט ער אַוועק ס׳גאַנצע געלט וואָס ער פאַרדינט. אַהיים גיט ער אַזוי פיל אַז די מאַמע זאָל זיך חלילה נישט איבערעסן. שיינדל האָט דערפון איבערגערעדט מיט אַזאַ טרויעריקייט אַז די אויגן זענען איר איבערגעגאַנגען פון יסורים:

— כ׳האָב גיטס דערלעבט באַ מאַאַנע קינדער!

אַ פינצטערע האָט די מאַמע זיך צוגעקוקט צום יונג און ביטער אָפּגעשוויגן. דאָס שווייגן איז אַלע מאָל געווען דער שטורעם וואָס האָט זיך אויסגעקאָכט אין איר. האָט זי נישט געקענט אָפּשווייגן, פלעגט זי אירע תרעומות אַרויסברענגען מיט אַן אַנדערן אָכץ:

— ווי צו מיר, וואָס איך האָב געברענגט אויף דער וועלט! ליבערשט וואָלט דאָס אויסגערינען אין דער מאַמעס בויך.

און פלעגט זי שלמה־יונהן דערלאַנגען אַ מאָלצייט, האָט זי דעם טעלער אַנידערגעשטעלט מיט באַסט און מיט באַסט אַליין זיך אַראָפּגעזעצט אויף אַ נידעריק בענקעלע, ווייט אַנטקעגן אים. דעם בליק האָט זי אָפּגעקערט פונעם „יונג״ און געשלונגען די זיפצן. איר מאָלצייט האָט זי, זינט דעם אומגליק מיט דער כלה, קיין מאָל נישט געגעסןביים טיש. ס׳ביסל עסן האָט זי אַלע מאָל אַראָפּגעכאַפּט פון יוצא וועגן.

— זאָל זיך מיר דאַכטן אַז כ׳זיץ שוין שבעה, — און בעת־מעשה זיך אויסגעקניפּט שטיקער: „פרווו מיך נישט מער, רבונו־של־עולם. אַ מאַמע וויל דען זען בייזס ביי איר בלוט און פלייש? אַז ס׳האַרץ ווערט צעריסן, איז נישטאָ קיין שליטה איבערן מויל״ — — —

דערווייל האָט דער פרילינג זיך געריניקט ס׳פּנים פון די מאָכיקע כמאַ־

רעס, פון די קרויזיקע נעפּלען. נאָכאַנאַנד האָט די ליכטיקייט זיך דורכגעקראָגן אַלע שטרויכלונגען, זיך געקרעקט מיטן אָפּפּליסנדיקן איבערבלײַבעניש פונעם ווינטער: געצויגן זיך אַריבער דער זון, וואָס האָט פֿויל זיך געלעגנגערט איבער דעכער, געטריקנט דעם ברוק. דער דרויסן האָט זיך געבאָדן אין צעוױרענער בלאָטע, געשפּריצט מיט נעציקייט וואָס האָט הויל געפּויקט אין רינעס, געשורעוועט פון רינשטאָקן, פון אויפגעשוואָלענע גאַסן־בריקלעך און געשוימט זיך, געגליטשט זיך מיט צעטײַעטע סקאָרופּעס דאַך־שניי. אַריבער דער פליוכנדיקער אײַלעוודיקייט פונעם פרי־יאָר פלעגן זיך אויך צעהוסטן פאַרטאָגיקע ווינטן, אָבער אין מיטן דער נאַכט האָבן זיך געשאַרט, געקנאַקט פאַררעטערישע בײַפרעסטלעך. אַן אַנדערש מאָל פלעגן נאָך שדיש זיך צעקײַכן וויכערס, הוקען מיט בייזקייט און צאָרן, כעסן זיך גאָרנישט אויף קאַטאָוועס, אימפּעטיק אַנידערזריקען פאַרקאַנעס, סווישטשען, לאַכן אַ בלעכן געלעכטער, משוגע שערן לבנהקע קודלעס און שמײַסן די נאַכט איבערן צעשראָקענעם פּרצוף. אויף צו מאָרגנס האָט דער פרילינג מער זיך אויסגעווישט די אויגן און אויף אַלץ געשטוינט אַזוי יונג און גרין.

די נײַע ליכטיקייטן האָבן אָנגעקלאַפּט אין די אביונישע שויבן מיט דער בשורה פון אָנקומענדיקן פּסח: מ׳עט זיך רייניקן פון זלידנעם ווינטער, מ׳עט מיט מזל אַרײַנברענגען אין די היימען כאָטש אַ קורצוויילִיקן יום־טוב. הער, הער, ייִדלטשינע: אַרויפצו אין שטאָט לעבן שוין אויף די גאַסן פון פרישן גערויש. טרייב דעם חושך, דו!

אויף אַן אמת — ד אָ ר ט רודערן שוין די לײַט. עס ווײַזן זיך נײַגעבאַקענע הענדלערס, נאָר־וואָס אַרויסגעקראָכענע פון דער אײַערשאָל. באַלעבאַטישע ייִדן וואָס האָבן נישט צו וואָס זיך צו נעמען אין דעם־אָ בין־הזמנים, שטעלן זיי זיך אַרויס אין די סוף ווינטערס מיט ערב־פּסחדיקע געשטעלן. און עס רודערט זיך דווקא אַרום דער אַלטער שיל מיט די נגידיש־רחבותדיקע טרעפּן וואָס פירן צום היכל פון דער שטרענג־הייליקער ייִדישקייט, כאָטש אין אַ שמאָל בידנע געסל, איז די שיל גאָר אַ חשובע מיט איר אויסנווייניק, מיט אַ רייכן פּנים, מיט זײַלן, מיט לייבן און מיט גרויסע לאַמטערנעס פאַרן אַרײַנגאַנג און בלישטשנדיקער מעש קוקט אַראָפּ פון דער יוסטער ברייטער טיר. דורותדיקע שטילקייט האָט געשפּילט אין ברוינעם בליאַסק פונעם ש ע ר צום בית־תפילה, וואָס האָט ווי אַ מוטנעם גאָסרעגן אָפּגעוואָרפן דעם רעש פון גראָשנדיקן האַנדל וואָס האָט ערב־יומטוב־

דיק דאָרט אַרומגעווימלט אין וואַכיקער בלאָטע. אַלע מאָל ביי סוף־ווינטער און סוף־זומער רופט צו זיך די שיל־גאַס די בכבודיקע קבצנים און דערנערט זיי. נישט מיסחרן איז זייער שעמעוודיקער באַגער, נייערט פאַרדינען אַ פּאָר גילדן אויף להחיות את הנפש. אויסגעגענעדזשעטע קינדער וואַרטן דערויף אין דער היים, אַ קראַנק ווייב חלשט ביים דלפון; אויף צוצומאַכן ס׳מויל דעם באַלעבאָס יאָגט אַזוינעם אין גאַס אַריין צום חפזונדיקן האַנדל. דער ווירט סטראַשעט אַרויסצוואַרפן „מיט די בעבעכעס״, אויב מ׳עט אים נישט באַצאָלן דעם חוב פון דירה־געלט. וואָס זשע מער זאָל באַגערן דער אָרעמאַן? איינלעשן ס׳פּלאַמפּייער. גיט מע זיך ס׳פּנים צו וואַשן און מ׳שטעלט זיך האַנדלען אין גאַס צוגלייך מיט סטראַגאַניאַזשעס און פּזשעקופּקעס. ווער פון די דערשלאָגענע הענדלערס עס סדרט זיך אויס אויף דער ערד, האַרט ביים געלעכערטן טראָטואַר, מיט געבלימלטן פּאַיאַנס־געפעס, מיט ליימענע, גלאַזורירטע טעפּ, בייכיקע גאָנשערס, קאָלירטע כוסהלעך, געפינגערטע גלעזער; אַן אַנדערער באַווייזט זיך מיט גלאַנציקע געשטופּלטע ריבאייזנס, בלעכענע קאָכלעפל, שעפלעפל, טשייניקעס. ווייבער־הענדלערקעס אין מענערשע קאַפּטאַנעס און שטיוול קומען אַרויס מיט קיישלעך גרינע לימענעס, אויסגעבעטע אין געקרייזטער האָלצוואָל וואָס איז אַ סגולה קעגן פרירן פאַר דער נישט־דאַיקער פּרי, וואָס גיט אָפּ מיט דער איידלקייט פון מעשהדיקע לענדער. אַזעלכע קרעמערקעס האָבן נישט קיין שטעלן. רק זיי באַוועגן זיך מיט דער סחורה און זייערע מיילער רוען נישט: — לימענעס, פרישע לימענעס לכבוד יום־טוב! מער געניטע הענדלערקעס, געוויקלטע אין ברייטע וואַטניקעס, אָנגעזעצטע אין פלאָקענע זאָקן און ריזיק־גרויסע שטרויענע שיך, שטעלן זיך אַוועק ביי צעפּראַלטע טויערן פון פינצטערלעכע אַלטע הייזער און אַרום זיי טורעמען זיך אויף טישן, אין קאַסטנס, אין זעק געטריקנטע אויבסטן, שימל־גערינצלטע פלוימען, באַרנעס; אויך גלאַנצן, שמעקן, לאָקן צעעפנטע קעסטלעך מיט שעפּטאַלן, ראָזשנקעס, ס׳גלאָצן אין גאַס אַריין פאַרשאַרצטע מאַכטיקע ווינטעכער מיט טערקישע און וועלשענע ניס; אַנדערע שטייען ביי געשטעלן מיט צוקער־געבעקס „לכבוד פסח״: אויף פּאַפּיר־אָנגעבאַקענע, געקאַרבטע מאַקאַראָנעס מיט ליימיקע פנימלעך, אָנגעיוירענע באַדעיאַנקעס מיט ברוינע בעקעלעך, ריזיקע זאַפרען־געלע לעקעכער ווי קישנס, אויפגעבלאָזענע פלעיוועס מיט קרוכע גאָלד־רינדלעך, טונקל־דורכגעשטרייפטע, זיס־פעטלעכע שטרודלען. העכער־אַרויף, אין ענ־

געניש פון גאַסן־געפּלאָנטער וואָס קריגט זיך אַרויס צו דער בערגלדיק אויפגעטראָגענער שילגעביידע, ווימלען זיך מערערע אויסגעפּרוירענע הענ־דלערקעס ביי קאָסטנס אייער, זעק ציבעלעס, פּלאַכטעלעך מיט בינטן כריין, צונויפגעקרעמפּעוועטע מיט פּאַסמעס שטרוי; פון טיפע, גרוביקע קעלערס ווי די היילן (אויף זיי האַלטן זיך די סודותדיקייטן פון דער גאַנצענער געגנט צוגלייך מיט דער אַלטער שילגאַס) און פון לאַנגע שמאָלע געוועלבער כריי־פּעט אויך אַרויס אויף ביי־קולות דער ערב־פּסח, כאָטש ס׳ידנוואַרג האַלט ערשט נאָך פּורים.

די שילגאַס און די געסלעך אין שכנות פון דערבייאיקן שאָטנדיקן בית־מדרש זענען אָקערשט די אויסגענומענע טיילן ירושלים־ערד פון שטאָט. צו קויפן מזונות און אַלערהאַנט זאַכן לכבוד פּסח קומען אַהער ייִדן פון אַלע זייטן, אויך פון ווייטלעכע ייִשובים. איבער דער ווימלענדיקער געגנט גיסט זיך פונאַנדער דער גרויסער ערב־יומטובדיקער יאַריד, ווּהין לייט קומען זוכן פּרנסה. און סעזאָן־הענדלערס האָבן ליב פּירזאָרג. ווער ס׳פּאַרכאַפּט פריִער אַ שפּאַן ערד אין גאַס, שטעלט אויף אַ בויד, אַ טיש אויף קאָזלעס, דער איז זיכערער מיטן לייזעכץ. אויף אַלץ געפינען זיך ערשט קונים אויף אַלטשטאָט. און וואָס נעענטער צו יום־טוב אַלץ געדיכטער דער פלייץ פון מיסחר איבערן פונאַנדערגעגאָסענעם שמאָלן מאַרק. נייגט זיך צו דער ערב פּסח, ווערט סכנות ענג פון מענטשנוואַרג, אַלץ שרייאיקער דער יאַריד: פּעס־לעך געזייערטע אוגערקעס, טורעמס געפּלעקטע, שפּעט־ווינטערדיקע עפּל, בוידן און טישן מיט צוקער־געבעקס נעבן וואָרצלען כריין, בינטעלעך פּיעטרישקע, אויף דער ערד אָנגעשאָטענע בערגלעך מייערן, אַרעמלעכע געטריקנטע באַרן, געשרומפּענע פייגן; געשטעלן מיט ברייט אויסגעסדרטע וואַקסגעלע געשאָכטענע גענדז מיט שמאַלציקע הויטן, דערביי צעגענגעטע, צעקרייעטע הינער און הענער אין שטייגן, אויך קצביש־צעהאַנגענע, „אָפּ־געטוענע״ עופות אויף אייזערנע האָקנס מאַכן פול אָט די טעג. און דאָס אַלץ פּאַרגליוווערט, אין בלוטפלעקן, בליקט צום שטוינענדיקן וואָלקן אין פריש אויסגעוועלבטן הימל. אַלערליי קולות און ריחות מישן זיך דאָ אויס, פּאַלן צו צו די נאָזפליגל, קלאַפּן אָן אין די אויערנלעפּלעך. זשוואַווע סוחרימלעך ציִען נאָך ביי די אַרבל פּאַרמעקעטע באַלעבאָסטעס:

— וואַבעלעך, כאַפּטס! ס׳וואָלוול באַ משה־בעער!

— וואַבעלעך קרוינעדיקע, קימטס נאָר דאָ אַהעער! — לויפט אונטער

אַ רויט־פּנימדיקער שטיפער מיט צעפּאָכעטע ריזיקע הענט ווי די סמיגעס פון אַ צעטעלעפּעטער ווינטמיל, וואָס רייסט זיך פּלוצלינג אַריין אין צעחושטן המון.

— כשר אויף פּסח, וואַאַאַ־וואַאַאַ־בעעער!

— געע־וווואַאַאַ־וואַאַאַלד, מאַאַאַ־אַאַאַכטס אַ גע־ראַאַ־אַאַאַס!

גאָרגלדיקע רופן, שפּאָטנדיקע געשרייען און דער גלוסט צו לייזן באַוועגט מיט דער מאַסע קרעמערס און מיט די שטראָמענדיקע קונים וואָס סיי די, סיי יענע קענען נישט איינשטיין אויף אַן אָרט: אַזאַ לאַנגן וואַרטן געוואַרט אויף די־אָ טעג און דער פראָסט צופּט נאָך, כאַפּט זיך אויף מיט פאַרשייטקייט, גלייך מ׳וואָלט ערשט געהאַלטן ביי חנוכה. דער חשק נישט צו פאַרשפּעטיקן דעם שעת הכושר בריט אָבער אין די ביינער.

— כאַאַאַ־אַפּטס אַ מצי־י־אאאאה! — פאַרקרימט ס׳מויל אַ הענדלער אין לאַנגוויל און אין שטראָם פון גאַפנדיקע ווייבער מיט קיישלעך אין הענט, מיט בייטעלעך אין די פאַרדריקטע פויסטן גיט זיך אַ וועק, אַ ריס אַ נייער נייגיר צו זען, געגעבן צו אַ מציאה.

און פאַלט צו דער אָוונט, פוילע טונקלקייט נידערט אַראָפּ, ווערט פאַרדושעט די גאַסיקע בהלה. געשטעלן ווערן איבערגעדעקט מיט פלאַנדעקעס, מיט ראָגאָזשעס; בוידן פאַרמאַכט מען מיט הילצערנע קלאַפּעס, אויף שלעסלעך און ביי אָנגעצונדענע לאַמטערנעס, קאָפּשנדיקע פלעמלעך שטעלט זיך באַצייטנס אַ וואַכנאַכט אַ דרויסנדיקע, אַ שטאָק־פינצטערע אונטער בלאָזנדיקע הימלען. אויסטערלישע וואַכנעכט אונטער בלאַס־ווינקנדיקע שטערן פירן אַריין אין יידישן גבול דעם פריליגנדיקן יום־טוב פּסח. סוחרישע שומרים אין פילצענע שטיוול און אַלטע באַלעגאָלישע פעלצן דרייען זיך אַרום די בוידן, וועלכע שטאַרן ווי איינגעדעקטע משא־וועגענער, איינגעשניטענע אויף פינצטערע שטעגן אָן אויסוועג; גלייך פאַרקראַמפּטע שטיקער יידישער עול, באַוועגטע פון פיס, היטן זיי די בערגלעך קראָם וואָס זענען אָנגעזייעט איבער דער ערד און ס׳איז זיי נישט אַוועקצורירן פאַר לאַנגע קאַלטע, רינצלענדיקע וואָכן, די קראָמען, און ס׳איז זיי אַ מורא איבערצולאָזן. אונטער די שיידלען פון די־אָ לייט פויזען ממש צויטן שרעק: „אַנדערע זענען להוט צו פאַרכאַפּן צו מאָל אַ קלענערן שפּאַן אָרט דווקא דאָ. אָט, אָט שטעלן אויסקוקערס אין סכנה ס׳ביסל פרנסה וואָס מ׳קוקט אַרויס אויף איר דעם גאַנצן פרייריקן ווינטער“.

וואָס שמעלער עס האָלט ביי אָרעמע לייט מיט דער זינדיקער חיונה, אַלץ גרעסער איז די מחנה ערב־יומטוב קרעמערס אַרום דער אַלטער שיל.

*

אין דעם נעמלעכן אָנהייב־פרילינג האָט די מערכה פון די האָפמאַנס אויך אַזוי זיך אויסגעשפּילט אַז קיינס פון די יינגלעך האָט נישט געהאַט איינצופעדעמען פאַר פּרנסה און דאָ שטייט דער פּסח הינטער דער טיר און רייצט זיך: מענטשן טוען, מענטשן פאַרשלאָפן נישט! די וועלט קומט אויף, באַדאַרף מען אויכעט אַריינכאַפּן — — — שיינדל האָט זיך צעריסן:

— וואָס טוט מען? פון מיינעטוועגן קען איך אַפּילוכע הונגערן דעם גאַנצן פּסח, אָבער דאָס חמץ מוז מע דאָך אַרויסרוימען. עפּעס־וואָס דאַרף מען אַריינברענגען אין שטוב. כאָטש אַ בוטל בורעקע־באָרשט, אַ טשוויאַרט־קע קאַרטאָפל, אַ פונט ציבעלעס. מילא, שמאַלץ און אייער — זאָל עס בלייבן ביי גאָט. איך וועל מיר אָבער ס׳פּנים אָפּשיילן פון חרפּה, אויב אַ שכן וועט זיך דערוויסן אַז איטשע האָפמאַן איז אַזוי גאָל — ס׳נישט געווען מיט וואָס אַריינצופירן דעם אָרעמען יום־טוב.

די יידענע האָט איינגעלייגט וועלטן: זי שעמט זיך פאַר מענטשן. אָרעמ־קייט איז נישט נאָר אַ וויטיק, ס׳איז אויך אַ שאַנדע. אַ ליאַדע־ווער גיט זיך אַן עצה, אַבי נישט צו פאַרשעמען דעם יומטובדיקן טיש. וואָלט זי כאָטש געוווּסט ביי וועמען צו גיין בעטן אַ ביסל סחורה „אויפגעזעצט״, וואָלט זי זיך אויסגעטאָן ס׳שעם־היטעלע; אַז גאָטס ווילן איז אַזוי, קען מע נישט זיין אַזאַ גדלן ווי איר מאַן. ער איז אַ פריץ. דעם פאַן איטשע פּאַסט נישט! — האָט פון איר אַרויסגעשריגן די באַנומענקייט מחמת דעם פאַרשפּילטן ערב־פּסח. אָבער צו וועמען ווענדט מע זיך? אַריינגיין אפשר אין איטשע דר׳ערד־ליגערס שילעכל, פרעגן די מענטשן ווי מ׳גיט זיך אַן עצה? ס׳אי׳ דאָך פּיקוח נפש! זי אַליין וואָלט זיך אַרויסגעשטעלט אין גאַס מיט אַ קיישל. אָבער ווער וועט איר געטרויען?! — אין צעבראָכנקייט האָט זי זיך געוויגט אַזוי ווי די באַווייינערינס וואָס שטייען איבער אַ בר־מינן. אַ דערדריקטער האָט איטשע זיך נישט געקענט צעטענהן מיטן ווייב. זי איז דען נישט גערעכט? טויזנט מאָל גערעכט, נאָר טוען ווי אַנדערע טוען, איז עס נישט אין זיינע יכולתן. סוף־סוף קען ער נישט זיין מער ווי אַ בעל־מלאכה: איז דאָ ביי וואָס, שלאָגט

ער אַרויס דעם טאָג חיונה, אלא נישט, מוז מען פאַר ליב נעמען. יאָ, זיצן שלינגען שפּייעכץ, ווי ס׳ווייב רופט דאָס מקבל באהבה זיין זיינס.

דערווייל האָט די זון די להכעיסניצע עפּטערס זיך אַריינגעגנייגט אין פענצטער, דער דאַך אַנטקעגן האָט זיך שוין אין גאַנצן אָפּגערייניקט פון די שניי־סקאָרופּעס. ביי די שכנים האָט זיך אויך געריבט די מאָכיקע שטיל־קייט, נאָר ביי די האָפמאַנס איז געשטאַנען דער אַלטער גליוווער.

מ׳איז געווען צוגעווינט צו דער אָרעמקייט, אָבער אַזאַ בייזער שטיל־שטאַנד ווי ס׳האָט זיך אַצינד איינגעביסן אין איטשע העפּטערס שטוב, איז זיי נאָך נישט צוהאַנדן געקומען. נישט די סוחרים האָבן געגעבן אַרבעט און נישט ס׳האָבן זיך אַריינגעוויזן באַלעבאַטישע ווייבער מיט אויסשטייערס. די וועלט האָט זיך פאַרמאָסטן קעגן זיי. — האָט שיינדל יאושדיק באַקלאָגט די קעפּ פונעם מאַן מיט די קינדער. „ווי נעמט מען אַזוי פיל כוח צו האָפן? איך בין עס שויך מוחל. זאָל שוין קימען דער סוף! איך קען זיך מער נישט מאַרדעווען״, — און איר פּנים האָט געפינצטערט ווי אַ שטיק דראָענדיקער וואָלקן.

גראַד דעמאָלט איז דער עלטערער, דער איינציקער פון די יינגלעך וואָס ברענגט נאָך אַ גילדן אין שטוב אַריין, קאַפּויער געקומען מיט זיין כלומרשטן סוד וואָס האָט שוין פון לאַנג זיך געוואַלגערט פאַר אַלעמענס פּיס: „שלמה־יונה חתנט זיך. דעם העפּטערס זינדל פירט זיך שוין אַרום מיט אַ מיידל. אויף אַן אמת — אַ כלה. ווי די וועלט שלאָפט נישט — דאָ אַזאַ דחקות און אָט־אָ, אונטער דער נאָז וואַקסט דער חשק זיך צו פּאָרן, פאַרמערן דעם דלות. מ׳זעט שוין די באַרווע — — —״ טאַקע „דער סוד״ האָט געעפנט ס׳מויל מיט יענער האַטנעקיקייט וואָס איז אייגן נאָר אַזעלכע, וואָס זענען גרייט צו מאָל אויף מסירת־נפש, אויב ס׳קומט פאַר דעם די שעה.

„...וווּנדערסט זיך? אַזוי גייט עס צו ביי אַלע״ — האָט עס געהייסן אין דעם־אָ געשריי פונעם מין. שלמה האָט זיך אַזוי געלאָזט הערן:

— איר׳ט זיך באמת נישט געריכט? אַ חידוש. ווייסט ענדלעך אַז שוין נישט מיט קאַ׳ יינגל האָט איר צו טאָן. און כ׳וויל זיך שוין נישט אויסבאַ־האַלטן. ס׳איז דאָס וואָס איר הערט: איך קלייב זיך חתונה צו האָבן. יאָ, נאָך פאַר פּסח!

עס האָט אויסגעבראָכן פון שלמה־יונהן און דאַך האָט ער אַראָפּגעג־לאָזן די אויגן.

אָבער זיינע רייד זענען נישט אָפּגעטראָטן. זיי האָבן געמאַנט. עס האָט געהאַט אַ פּנים ווי ער וואָלט נישט געזען, שלמה־יונה, דעם טרויער וואָס טרעט די היימישע אויפן גאָרגל, ר׳פּאַרנעמט נישט דעם זיפץ פון טאַטנס העפּטמאַשין וואָס שטייט אַ ווינטערלאַנג איבערגעדעקט מיט אַ פּלאַכטעלע און דער מאַמעס קעכל ווערט זינט וואָכן נישט אונטערגעהייצט: אַ הויז גייט אונטער, אַ געזינד זינקט צו דר׳ערד פון רויען הונגער. „ווייל ווו מ׳גיט אַ שפּיי, — האָט איטשע האָפּמאַן אַ פּאַרלוירענער אַנומלט זיך שוין צעקלאָגט פאַרן ווייב — בין איך אַ בעל־חוב. ביי וועמען געכאַפּט אַ צוואַנציקער אויף אַ טאָג־צווייִ, ביי וועמען אַ גילדן. כ׳האָב אַלץ געמיינט... ביי וועמענען האָב איך דען צו באָרגן? ס׳נישט קאַ׳ נגידים, די לייט פון בעלכאַטאָוועד שי־לעכל. אַצינד שעם איך זיך צו ווייזן פאַר די מענטשן״. פאַר דער ייִדענע איז די נויט געווען אויפגעשוואָלן ווי אַ באַרג, ווען זי האָט זיך נאָר אַרומ־געקוקט איבער דער שטוב. סיי דער אַלטער סיי די ייִנגלעך זענען געזעסן מיט בלאַסע נעז, כאַטש דער דרויסן האָט ווי אַ שילדקרעט זיך שוין אַרויס־געשאַרט פון זיינע באַהעלטענישן; ס׳אויפגעקומענע ליכט האָט שלעפּעריק זיך צעבלישטשעט זאַמדיק־גראָ און אַ מאָל האָט עס געקוקט גראָזגרין ווי אַ פאַרחידושט פרעמד פּרצוף. די טעג האָבן זיך פּאַוואָליע געלייטערט, דער הימל איז געוואָרן בייגיריק: „ווילסט זיך העלפן, מענטש? מעגסט אָנהייבן. איכ׳ל דיר צולייכטן, וואַרעמען ווי דעם בוים אין גאָרטן״.

די שטוביקע פאַרזאָרגטקייט האָט ערשט געהויערט ווי אויפגעקנוילטע אינדזעלעך אַנטשלאָפענע בינען, די אָרעמקייט האָט כמאַריק זיך געשאָטנט פון די ווענט אַראָפּ און ס׳מויל האָט זיך ביי קיינעם נישט צעעפנט — מחמת דעם קלאַפּ פון דער נייער אומגעריכטיקייט: — פּרי׳ער האָט געהודזשעט איבערן שאַרבן די צערונענע האָפענונג אויפן פאַר־פּסח, ערשט שלאָגט דעם יונגס שאַרפע בשורה. פאַר שיינדלען האָט דאָס־אָ זיך אַ וויג געטאָן מיט אַ שווערקייט וואָס גיסט אָן דעם בליק מיט אַ צעפּלאָסענער היץ. „ס׳דער יונג, יאָ, ער — האָט זי פאַר אַ ווייל אויפגעהויבן דעם שטערן. — זע נאָר, וואָס פאַר אַ פאַרשטאָכן פּרצוף דאָס האָט!״ זי האָט געקוקט, איינגעהערט זיך אין עכאָ פון די שניידיקע, גריבלענדיקע רייד און אַלץ נישט געקענט זיך צוגלייבן.

ביי דער מוטער האָבן דערפון אויפגעצוקט די ווי׳עס. דער פאָטער איז געזעסן ווי פאַרטייבט.

ס'איז אמת — ער איז געקומען מיט אַזאַ פאַרשייטקייט!

אָנגעהויבן, געזען די צעטומלטקייט, האָט ער זיך אָטוואַזשעט נאָך מער צו האַמערן איבער די געהירנס פון די אַנטשטומטע:

— כ'וויל, מאַמע, זאָלסט מיטפאָרן צו דער חתונה, מיין חתונה, — האָט שלמה נאָך „אַרויסגעשאָסן", כאָטש זיין שטים האָט זיך געשניטן בלאָס, גלייך ווי זי וואָלט געקומען פון ווי־ווייט, די אויגן האָבן אים געביסן. — ס'עט זאַאַן אין לינטשיץ, ביי אַ פעטער פון דער כלה, — האָט גיך געדע־מערט זיין וואָרט. דער יונג האָט אָוועקגעדרייט דעם קאָפּ, געזוכט אַן אַנט־לויפן פון די שטאַרע בליקן וואָס פרירן אים ס'בלוט אין די אָדערן: כ'וויל, — האָט ער זיך שוין געשטיקט — זאָלסט מיך פאַרשטיין — — — כ'בעט דיך, טאַטע, — האָט ער זיך דערנאָך אַ וואַקל געגעבן אויף אַן אַנדערער שפיציקער הויך — אויך אין דער כלהס נאָמען בעט איך: קום מיט מיט מיר. האָסט שוין געהערט וואָס כ'האָב געזאָגט. דאַרפסט עס מער פאַרשטיין. לאָז מיך נישט אַליין, טאַטע, אין אַזאַ צאַאַט (אין שאַרפע טרערן האָט ער פאַר־קוועטשט די אויגן). ס'עט זאַאַן אַ שטילע חתונה, בלויז פאַר אייגענע.

ס'האָט זיך געוואָרגן דאָס קול, געציטערט. פלוצלינג הייזעריק דערפון וואָס ער איז זיך סוף כל סוף בייגעקומען, האָט שלמה צוגעגעבן: — איך וועל קויפן באַן־בילעטן פאַר ענקערטוועגן, טאַטע, מאַמע, — רגעס האָבן זיך גע־קראַמפט איבער אַ גסיסה־תהומיקייט און דער יונג האָט געשפירט רק דריי־קונג, האָפענונגלאָזע דערוואַרטונג. אין געכליפּ האָט ער זיך דערנאָך אי־בערגעשריגן: — פאַרגעסטס נישט, יאָ? — און מיטן פאַרנעפּלטן בליק גע־זוכט די באַגערטע הסכמה. — ס'עט זאַאַן איבעראַכטאָג פראַאַטיק. געוואָ — פראַאַטיק.

אַ צעהוידעטער ווי אין אַ שטויבוואָלקן האָט דער אָרום נידעריק זיך אָנגעבויגן צו שלמה־יונהן, אַרומגעשנירט זיין האַלדז. אָבער צום חתן־בחור איז גאָרנישט קלאָר דערגאַנגען אין יענע לאַנגע מינוטן. אין זיין גאַנצן מהות איז ער פאַר טאַטע־מאַמען געשטאַנען אַ פאַרטראָגענער, פאַרנומען נאָר דאָס שטאַרקע רוישן פון דער דריקנדיקער שטילקייט וואָס האָט אָנ־געגריפן אויף אים:

— „שלמה, נאַ, שלמה! אויף דער נעוואָרעט ביסטו אויסגעשטעלט נאָר אויף זיך אַליין! אַליין!"

שפעטער האָט שלמה ערשט דערשפירט ווי אַן אינעווייניקדיק געוויין

לייזט זיך אויף אין אים, עס רייכערט אָן זיין בליק; שפּעטערצו האָט ער אויך דערפילט אַזוינס ווי אַ העפטיקער פּאַטש פון אַ צאָרן־כוואַליע שלאָגט אים פון דער מאַמעס פּאַראיבל:

— הערסט, אַ כּאַסלערע גייט אויף דיר, לאַכטיקער איטשע! — און אירע אויגן האָבן זיך צעשפּיזט. — אַ כּאַסלערע באַ דאַאַן זיך. פּאַק דיר ס׳פּעקל, גאָלדענער מחותן, — האָט ס׳קול שוין גענעצט אין אַ ראַפּטעמדיקן ווייטיק. אויף אַן אויגנבליק אַנטשטומט געוואָרן און פון ס׳ניי האָט עס זיך צעטענהט מתוך געוויין: — טיסט גיט, גאַנץ גיט, זינעשי. טיסט אַ גרויסע מיצווה, פּאַן שלמה — דעקסט צי דעם קאָפּ פון אַ יתומה. אין אמתן (האָט שוין איר שטים געקייכט ווי אַ וויכער אין קוימען) — וואָס דאַרפסטי זיצן ביי שנאָרייסקע טאַטע־מאַמען אַז דו קענסט פּאַרלייגן אַן אייגענעם הקדש. אַלץ מיט דער צאַאַט, זינעשי. ביסט שוין אַ מענטש, ס׳וואָר? צוערשט נעמט מע זיך אַ וואַאַב, — און אַ האַסטיק זידנדיק געוויין האָט זי פּאַרטראָנקען.

מיט אַ פּאַרקרענקט פּנים האָט די פּרוי זיך אָבער גיך אַרויסגעקראָגן פון דעם קלעמעניש און העפטיק אויפגעשריגן, גלייך זי וואָלט אין עפּעס זיך אָפּגעבריט. שגעון־אָנגעשפּאַנט זענען געוואָרן די בלאָע אָדערן אויפן האַלדז, פּערלמוטער איבערגעשוימט אירע אויגן און ווי אַלקאָהאָל־דערצונדענע פלעמלעך האָבן זיי ערשט אָנגעשאַרפט איר צאָרן:

— פּאָר, פּאָר לחיים ולשנאָבל! שש־וי־וין פּאָר! די מאַמע האָסטו אין דר׳ערד! ס׳עט זאַאַן בעסער. קיינער וועט שלמה־יונהן, דעם גרויסן לייט, שוין ניש׳ קאַ׳ דעה זאָגן! (אויף אַ רגע האָט זי פונעם זון אַוועקגעדרייט דעם בליק). דאַאַן טאַטעלע? ער צעגייט דאָך אין פּיסק פון זיסקייט. ער וועט פּאָרן. וואָ׳דען, ר׳עט נישט פּאָרן, דער געשמדטער האַלדז? — עס האָט זיך צע־וויגט דער יידענעס צעפּלאָשעטער קאָפּ און ס׳זינגט באַלד אויס פון איר אַ נייער געקלאָג:

— מ׳האָט אַזאַ שטוב, גאָט ברוך הוא האָט צוגעשיקט קינדער, איז דאָ אויף וואָס צו האָפּן! איך האָב זיך טאַקע דערוואַרט, אוך, אוך!

און זיך קינדיש צעהעשעט מיט אַ געקוויל פון טרערן, אָבער אומגע־ריכט באַלד אַרויס מיט אַן אָנגעהיצטן טרוקענעם געוויין, אומרויִק צעפּאָכעט ביידע הענט און פּאַרביסן געזעצט זיך מיט די פויסטן אין די שלייפן אַריין:

— אַאַאַלטס ענק צו, באַגראָבטס די מאַמע, וועט עץ אַלע זאַאַן פּראַ! אַ סוף, אַ סוף! שלאָגטס פּאַר אַ כּפּרה די משוגענע מאַמע! (נאָך אַ סעקונדע

אָפּעטעמען): געמיינט, כ׳על אַ מאָל דערלעבן אַ טראָפּ פרייד, האָסטו דיר אַ האָפּענונג, אַ וויסטע האָפּענונג, אָך־כאָ, כאָ, כאָ!

אַן אָנהאַלטנדיקער ספּאַזמאַטישער געכליפּ האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויפן צעוווּנדיקטן מאַמע־האַרץ פון שיינדלען, ווען זי האָט אויף קלאָר זיך דער־וווּסט פון פאַרעקשנטן זון אַז זי איז אויף אַן אמתן געוואָרן אַ מחותנתטע; דעמאָלט האָט זיך צעזונגען איר העשען:

— וויי צו שיינדלען. אַ פאַרשלאַמפּערטע ייִדענעטשיסקע קיקט אויס אויף איר, וויל זי באַלעקן און צעשטעכן מיט אַ זויער מיילעכל: „מחותנתטע, ס׳זאָל זאַאַן מיט מזל! — און באַגיסט זיך מיט אַ נייעם שטורעם טרערן. — מ׳זאָל האָבן נחת פון די קינדער“. ווידער אויפגעשריגן, גלייך יענע וואָלט אָט־אָ געשטאַנען אַקעגן איר:

— קוקטס זי נאָר אָן — „קינדער!“ וועמענס קינדער איז עס מאַאַן שלמה, דער געלערנטער, דער וואָס מ׳וואָלט אים אָפּגעגילדט, ווען נישט איר, שטיק פערד... וואָס פאַר אַ צושטייער האָט איר געגעבן אין דעם שות־פות אַראַן? „נחת פון די קינדער!“ ווער איז עס ענקער טאָכטער וואָס האָט פאַרפירט מאַאַן נאַרישן זון! אַ חוצפה דאָס האָט זיך, — אַ סך אַראַנגעלייגט אין דעם משא ומתן? אַ נאַקעטער הינטן, און דאָס האָט נאָך די העזה. זאָלן מאַאַנע אויגן אַאַך נישט אָנקיקן! מזל־טוב. ס׳זאָל אַאַך זאַאַן צעמאַזשעט, פאַרשאַאַטע ייִדענע! נעמט זיך די מציאה אַאַרע. אַ שיין מענטש צום טיש! אַ שותּפטע מיר אין מיטן דערינען, אַ ייִדענעטשיסקע. ס׳ווינציק אומגליק אויף מיר אָן אַאַך?!

אויף אַ הרף־עין האָט שיינדל זיך געקילט ס׳האַרץ מיט דער גאָב וואָס זי האָט געדאַנקלעך ד ע ר ל אַ נ ג ט יענער. זיך אָפּגעניכטערט, דערזען דעם סטאַמניעיעטן זון, וואָס האָט דאָך געוואָלט דער מאַמעס וואָרט, בכן זי מאַכט שלום מיט דעם אַז מ׳מוז אויך אַ קינד נאָכגעבן, — האָט זי אָבער־אַמאָל גענומען האַקן און בראָקן, צעליאַרעמען דעם חלל וואָס איז אָקערשט געהאָנגען אַ נשתוממער אַקעגן דעם ריזלענדיקן דרויסן אין זיין פּריִען פאַר נאַכט:

— פאָר, פאָר. זאָלסט האָבן אַ בראָך נאָך דיין מאַמען! פאָר, פאַסקודנער יונג! גע־דעעענק, — און זיך צעקוויטשעט און די אויגן זענען איר, איבער־געקערטע, ווייסע, וואַנזיניקע אַרויס פון די לעכער — וועסט נאָך ליגן און אָפּרופן פאַר מיין קזשיוודע!

דאָס קוויטשען האָט געפּליעסקעט אונטערן פּולאָפּ, נאָס, מיט אָנגע־שטרענגטן גאָרגל געפּליעסקעט גלייך איילִיקע טריט אין אַ הויך־ברעגיקער אָזיערע. אין איר באָסט איז די מוטער ראַפּטעם אַנידערגעזונקען אויפן דיל, זיך געדרייט אין קאָנוולסיעס; דערנאָך האָט זי זיך מאַט אויפגעזעצט, אַ זיצנדיקע געבליבן איבערגעבויגן מיט אַ טרערן־באַגאָסן פּנים. פייערדיקע יסורים האָבן געוועלטיקט אין איר, זי האָט שטום זיך געביסן די דלאָניעס, העשנדיק זיי גערוקט אין מויל אַריין, גלייך זי וואָלט אַזויערנאָך געוואָלט לעשן דעם גרימעדיקן ווייטיק. אַ דערוואָרגענע האָט די פּיין דאָך זיך אַרויס־געקראָגן, דריבנע אויסגעציטערט אויף איר לייב, געסיקעט אין דער יעדע־נעס חולשותדיקן געקרעכץ.

— ווי ז׳מיר! ווי צו מאַאַן לעבן!

דער מאַן, די קינדער האָבן אויף אַן ערנסט זיך דערשראָקן, צוגע־שפּרונגען זי אויפשטעלן, געשטאַמלט, געבעטן זיך, געטרערט אין אַנגסטן: „שיינדל, דערבאַרעם זיך! הער אויף, מאַמע", — אָבער זי איז, ווי אַ שטיין, געוועזן פינצטער, פאַרעקשנט, אַן אויפהער געזאָטן אין געקלאָג.

*

אין דער דאָזיקער נאַכט האָט שיינדל אויך נישט געוואָלט זיך לייגן אין בעט אַריין. — „מאַאַן לעצטע נאַכט איז געקומען!" — האָט זי זיך באַיאָ־מערט און איר שאָטן האָט געהויקערטערהייט אַריינגעטריפּט צער אין דער פּויזנדיקער שיין, וואָס איז אַ פּליסיקע געקראָכן פון דער וואַנט צום בעליק און פון בעליק איבער די בערגלעך אָרעמקייט און נאַכטיש פאַרבאַהאַלטן דאָס אָנגעדראָלענע מענטשישע קלערן. אַ חשודס האָט ס׳פּלעמל געהויערט אָקעגן דעם שטורעם וואָס איז דאָ קאָלט אָנגעהייצט געוואָרן.

דער מאַן מיט די יינגלעך האָבן נישט צוגעטאָן קיין אויג. ווי דאָס אומ־רואיקע פּרעסטל הינטער דער וואַנט, האָבן אויך זיי וואַכע אַרויסגעקוקט פון די אָנגעוואַלגערטע געלעגערס, ציטעריק געוויגט זיך איבער די סטערטעס נאַכט וואָס צופן זי, דריוולען אירע שיפּועים, אירע שפּייכלערס.

„זי זאָל נאָר נישט באַגיין קיין נאַרישקייט — — — אַ בחור אַ פאַר־עקשנטער, אַ בלינדער, און ס׳איז אויך נישט צו פועלן ביי עים ווי־ס׳איז אַז ר׳זאָל דאָך איבערדברן די מאַמע!" — האָט ווײמוטיק געקלערט איטשע דער מאַן, דער טאַטע און אַלע מאָל שוואַך אויפגעריסן די מידע אויגנלעדלעך.

— אוי, אַ מעסער! די מאַמע האָט עס באַהאַלטן הינטערן פּאַרטעך! — האָט איינס פון די זינדלעך אַ צאַפּל געטאָן, איז אַראָפּ פון געלעגער און גע־נומען רייסן דעם טאַטן ביים העמד, מיט אַליאַרעם: — כ׳האָב אַליין געזען. אַ מעסער! נו, קים, כ׳האָ׳ מורא!

אַ מאוימדיקע שעכט־ווונד אויפן מענטשישן גרגרת האָט פּלוצלינג, מיט רעש, זיך געגרוילט אונטער דער שאָטנדיקער בעלקע־משא וואָס איז אַ צע־וויגטע נאַכטיש געהאַנגען איבערן פאָטער און קינדער.

עס איז געשען אין דער אויפגעציטערטקייט פון אַן אומאָפּטרעטלעכער קאַלטער, אויסגעצויגענער נאַכט. פאָטער און זין זענען נאָ צוואַל אַראָפּ פון די געלעגערס און גענומען זיך ראַנגלען מיטן מאַמע־נפש וואָס האָט אין קנוילנדיקער טונקלעניש זיך פאַרעקשנט אַליין מיט זיך צו „פאַרענדיקן“:

„כ׳האָב נישט מער צו וואָס צו לעבן! כ׳על ענק אַלע באַפרייען!“ — זי האָט טרוקן געמורמלט און קראַמפּהאַפטיק, מיט גאָרער איינגעקנוילטקייט פון איר קערפּער, זיך געווערט קעגן די צודרינגלעכע הענט, וואָס האָבן געניזשטערט ביי איר, געפרעגט, געפליקט ס׳אָנטועכץ: „גיב ס׳מעסער! ווו האָסטו ס׳מעסער?!“

אַ ווילע האָט זיך שטאַרק אַרויסגעהערט דעם מאַנס שטיקנדיקער כליפּ:

— שיינדל, הער אויף, בעט איך דיך! שיינדל...

— מאַמע, וואָס ווילסטו פון אונדז?

— ממאַמממ, — האָט אויך שלמה־יונה אַרויסגעבעטשעט. דער יונג איז גראָד יענע נאַכט באַצייטנס געקומען אַהיים. זי האָט אַ ריטשע געטאָן:

— געע־וואַאַאַאַאַלדד!! — האָט עס ווי אַ בליץ זיך אַריינגעשניטן אין דער פינצטערער איינגעהאַרכטקייט פון די ווינקלען, פון די שוואַרצע שויבן.

דער שאַרפער כריפּ האָט מיט אַ מאָל דורכגעריסן די אָנגעוואַלגערטע שטילקייט, די סאָפּנדיקע אָנגעשטרענגטקייט האָט זיך געשטעלט דיבאָם אַנטקעגן דעם אַראָפּגעניידערטן פלעמעלע נאַכט. ס׳האָט אויסגעזען: די ייִדע־נע ראַנגלט זיך פאַרביסן מיט די שאָטנס וואָס האָבן אָן אויפהער זיך גע־האָרבעט אַרום איר, געקעמפּט מיט קנאָכיקע הענט, געווערט זיך מיט דער פרויס אָנגעשפּיצטן געשריי:

— לאָזטס מיך אָפּדאַנקען. ווי לאַנג איז דער שיעור? פאַר מיר איז קראַנטער ס׳קבר, — און מיט ביסטרע בליקן דורכגעקעקבערט אירע גוטס־טוערס: — אַ־אַאַ־וווועעק, זאָג איך ענק! — דריבנע, ציטערדיק האָבן זיך

צעקלונגען אירע ציין, מיט בליציקער גרינקייט האָבן זיך אָנגעגאָסן די בולט אַרויסגעזעצטע אויגנמענטשעלעך פון קאָנוווּלסירטן פּנים.

די טעג וואָס זענען אָנגעשטאַנען נאָך דעם, האָבן צודרינגלעכער זיך אַריינגעניגט אין די קליינע פענצטער ווי אין אַ שפּאַרנדיקן לאַנגן פּאַר נאַכט.

קאַפּיטל עלף

אין אַ נאָווינע האָבן פּאַרבלאָנדזשעטע ליכטשטרייפן זוניק גענומען זיך לענגערן דאָ, דאָרט אין קעצישער פוילקייט.

ס'האָט געיוירן דאָס פּרי־יאָר. די ערד האָט מער אויפגעדראָלן. ס'איז געווען באַשיימפּערלעך אַז כוואַליעס וואָרעמקייט געגענען מיט די אָוונטיקע און באַגינענדיקע נעפּלען. אין די מיטנטעג האָט די זון זיך געשטעלט אַ גרינגפּיסיקע. זי האָט זיך געצויגן מיט געפּלאָטער איבער די אַקסלען פון מויערן, לייכט זיך געוויגט אויף קרוינען פון נאַקעטעביימער וואָס האָבן מבולבלע זיך געפּלאָנטערט אין דער צעברומטער שטאָט. אין די ענגע געסלעך האָבן די מענטשן אַלץ זיך געטאָפּטשעט אין בלאָטע. די נייע ליכטיקייטן האָבן נאָך נישט געברענגט קיין פולן שמייכל. אין זייער וואַקלדיקן גאַנג פון די אומבאַוווּסטע מרחקים האָבן זוניקע שפּינען גינגאָלדיק געהיפּט איבער ווענט, געגליטשט זיך איבער שויבן, פּלעגן זיך ספּאָטיקען און מיט בייגיר זיך אַריינכאַפּן אויך אין די טוכלע מענטשישע געצעלטן. אינעם לייכט־גע־שטרייפטן אַרום האָט זיך נאָך צעטראָגן אַ זיפּצעניש:

„וואָס אָנהייבן ערשט, ווען אַפילו דער וואָרעם קריכט אַרויס פון דר'ערד?"

„פּאַר ווען די שיינע טעג זענען אַן אויפריכטונג, פּאַרן קראַנקן איז בעסער אַז ער ליגט באַנעזאַמעט — — — אוי־אוי, דעם אָרעמאַן איז ערגער ווי דעם קראַנקן!"

— אַן אָרעמאַן איז דער אַרגסטער חולה, זאָג יאָך. ווו מ'רירט אים אָן, טוט אים וויי, — האָט אויסגעקרעכצט די גראָבע חנה, די גרעסטע אָרעמאַנ־טע פון לאַגעווניקער גאַס. די צעשוווּמענע יידענע, וואָס ביי אַ ליאָדע שריט קאָטשעט זי זיך אין דער ברייט אויף אירע שווערע באַקעס, האָט אין איר געקרענקטן געדעכעניש שטענדיק באַוואָרט אַלע אירע הונגעריקע יאָרן.

ס׳שלאַכט? — זאָגט זי — ס׳קען זאַן אַ קאַפּל אַרגער, אָבער ס׳גייט זיך נישט
צו צערייסן! און אַלע מאָל דערמאָנט זי אויך איר מאַן, דעם חושכדיקן טרע־
גער וואָס שטייט אָפּ גאַנצענע טעג אויפן ראָג און ר׳קומט אָפּט אַהיים אָן
אַן אָנהייב, דערפאַר מער געבויגן. — מאַן שמואלקע? ר׳זאָל מיר זאַן געּ־
זינט, — און זי לויבט זיין גוטסקייט, מחמת ער אַליין רעדט זיך אויס זייער
זעלטן. האַמעטנע אויפן געדאַנק, קומט שמואלקען אָן סכנות שווער אַיעדעס
וואָרט. תמיד פאַרשטאַמלט ער זיך. ווייזט ער זיך אַהיים אָן אַ פּרוטה, איז
אים אַ ווייטיק און ר׳גיט אַ מרוקע צום ווייב: „ס׳ביטער, האָרכסט!“ ער גיט
זיך אַ שאַר אַוועק אָן אַ זייט אַז מ׳זאָל אים ווינציקער זען אין שטוב, גנבעט
זיך צו צום קלענערן טעכטערל, פאָרט דורך מיט אַ פייכטן גלעט פון זיין
שאָרסטקער האַנט איבער איר בעקל: — מאָרגן, סרענצעלע, ׳עט טאַטע
ברענגען בייגל, אַ סך בייגל. ער פאַרענטפערט זיך יאַקאָש פאַרן קינד, זעצט
זיך אַראָפּ אויף אַ צעפאָרן בענקל. ר׳איז גליקלעך אַז ס׳ווייב וואַרפט אים
נישט פיר דעם הונגער, וואָס זי מוז הונגערן נעבן די קינדער וואָס קענען
נעבעך נישט געווג רעדן, נאָר ווייגען, טאַמלען פון נאָגעניש אין די געדע־
רעם. פאַר דאָס האָט די גראָבע חנה זיך אויסגעלערנט אַ לידל פון אַלייב־
טרייסט: „מ׳באַדאַרף קענען זיך אַ קנייפּ טאָן אין באַק. וואָדען, כ׳על זיך
לאָזן? — האָט די ייִדענע געטענהט צו דער שכנטע שיינדל — מ׳מוז זיך
שטאַרקן אַקעגן דעם דלות, אַרויסשטעלן אים די צונג. וואָס, איך בין אַרגער
פון גאָדל מעלקרעמער? מאַאַנע קינדער זענען ווינציקער ווערט ווי זאַנע
קינדער? מיר וועט מען אַזוינס נישט איינרעדן! מילא, עסן יענע רענדלעך
אין די יויך. מ׳ווייס אָבער, אַז מיט איידלקייטן קען מע זיך אויכעט ווערגן.
מיר איז בעסער — כ׳בין נישט זשעדנע קאַ׳ גאָלד, דערפאַר ׳עלעך — כ׳האָף
צו גאָט — זוכה זאַן לייטזעליקייט פון אליהו הנביא. אין מאַנע קינדערס
זכות. איכ׳ל דערווייל קאָכן אַ טאָפּ אין אַ טאָפּ, וועט אויך זאַן היימלעך און
מ׳עט נישט געסטאָיעט ווערן. און נישט אייביק איז דער ווינטער! איר ׳עט
זען, חנה שמואלקעס איז ניש׳ קאַ׳ ליגנערקע — — —“ אָט־אָ־די אביונ־
טע חנה האָט נישט געקענט איינרוען, ווען זי האָט זיך צוגעזען צום שוואַרץ־
שבת ביים שכן דעם העפטער. זי האָט זיי געמינטערט: — שעמט׳ס ענק. יע־
דער זיווג איז אַ הימלזאַך. צ׳מיינט, איך האָב מיר געקויפט מאַאַן שמואלקען
אויפן מאַרק? אַזאַ גליקלעכער האָז ווי איך וואָלט געזעסן ביזן גראָען צאָפּ
אַראַן און נישט געוווסט דעם גרויסן טעם צו זיין אַ מאַמע, ווען נישט ס׳אָ־

פענע אויג פון דעם אָב הרחמים! געדענקטס, ס׳דאָ אַרגערס. נאָר פאַרזינ־
דיקטס נישט! דאָס „שלעכטע“ פּאָרל וועט ענק לעכטיק מאַכן די וועלט. ני,
גיטס ענק אַליין אָפּ מזל־טוב, מרוקעוואַטע טאַטע־מאַמע. מיר ׳עלן באַנאַנד
כאַפּן אַ טענצל אויף זייער חתונה.

אָבער ביי די האָפּמאַנס האָט די אַלט־געבאַקענע אָנגעקוואָלנקייט גע־
דריקט, דווקא צו להכעיס דעם טשוכן זיך פונעם פּריליגג. זיי וועלן האָרכן
די גראָבע חנה? אַ נייע חכמת אויפגעשטאַנען! ס׳גוט צו האָבן אַ מכה אונ־
טער יענעמס אָרעם. זי באַנעמט דען די צעלאָזנקייט פון אַזאַ שלמה־יונה?
און אַזוינס קען מע נישט פאַרקוקן. פאַרקערט, אַצינד האָט נאָך שטאַרקער
געגאָיעט דער געשוויר, ווייל ס׳האָבן נאָך אַ בריקע געטאָן די דאגות פון
הייליקן פּסח וואָס מ׳מוז בעל כרחא אַריינפירן אין הויז. ווי לאַנג מ׳האָט
נישט אויפגערודערט די געשיכטע מיטן זונס זיווג, האָט דאָס דחקות יאַ־
קאָש געדרימלט; ס׳איז דער דרימל פון די אביונים וואָס חלומען נאָר פונעם
פּת במלח און דעם אויסגעלידלטן נחת פון קינדער. דער שלמה־יונה האָט
אין דער גערשנטער נויט זיך דערוועגט אויפן אומגלייבלעכסטן: פון אייגע־
נעם רצון זיך פאַרנומען אויף אַ פיינטלעכן וועג. ו ו ו ה י ן ? טאַטע־מאַמע
האָבן געציטערט פאַר דראָענדיקס. דער ערשטער פון זייערע קינדער האָט
זיך אַרויסגעריסן. אַזאַ העזה! ל י ב ע ? ווו איז געהערט געוואָרן אַזוינס!
נאָך געקומען זיך רייצן, פאַרבעטן טאַטע־מאַמען צו זיין חתונה. אַ ז אַ
י ו נ ג ! דערפון האָט אין שטוב אַלץ זיך איבערגעקערט, כאָטש לכאורה
האָט זיך גאָרנישט געענדערט. דאָס שטאַרעניש האָט ווי פריער געשלאָגן
דאָס גאַנצע געזינדל: ווי וועלן מיר אַצינד אויסזען אין לייטנס אויגן? זיך
דערוואַרט, העי? ס׳האָט זיך אַ ריר געטאָן ביי אונדז, איטשעלעבן! — ס׳איז
געקומען דער אויפפלאַקער פון אַזאַ געפיל, גלייך מ׳וואָלט דערוואַרט אַ
מאַכטיקן געדונער וואָס וועט אַראָפּטראָגן דעם דאַך איבערן קאָפּ. אָקע־
מ׳זעט האָט דער בליץ אָפּגעבלענדט מיט אַ פייערשניט. ערשט וועט זיך אָנ־
הייבן. ס׳רוקט אָן די מינוט. אַוודאי, נאָר אַ רגעלע און ס׳וועט אַראָפּ אַ
חורבן.

אין דער בידנער שטוב, וואָס ביים ראַנד פון די הילצערנע, בלאָטע־
אָנגעטראָטענע טרעפּן, האָט ביי איטלעכן אַ ווימל געטאָן אַזאַ געדאַנק צו־
גלייך מיטן ציטער פאַר אַן אומבאַגרייפלעכער אימה. נאָך מער האָט דער
מוטערס נידערגעשלאָגנקייט אָנגעשאָטנט אַ סכנה. מוז זיין, דער יונג גופא

האָט זיך דערשראָקן דערפאַר. זינט יענעם שעמעוודיקן צוגיין צו טאַטע־מאַמען: „איך בעט ענק, לאָזט מיך נישט אַליין", האָט דער עלטסטער זיך אַרויסגעשלייכט פון שטוב, אַרויס כדי שוין זעלטענער זיך אַהיים צו ווייזן. פון דעמאָלט אָן פלעגט ער זיך אַריינשאַרן נאָר אויף איבערצונעכטיקן און באַלד אין דער פרי פון ס'ניי זיך אַרויסגעשלייכט. ס'האָט אויסגעזען אַז ער היט זיך נישט אָנצורירן אין דער היים אַ ביסן און ר'מיידט אויס אַן איבער־רייד.

„שלמה־יונה איז שטאַרק פאַרנומען. ר'וואַקסט אַ גרויסער מענטש: ער האָט אַוודאי געקריגן אַ בעסערן פּאָסטן, אַנישט וואָלט ער זיך נישט אונ־טערגענומען אַזאַ פּעקל. חתונה האָבן איז נישט קאַ' קלייניקייט".

„אויף אַן אמת גרייט זיך שלמה־יונה צו אַ חתונה! אַ גאַנצער מענטש געוואָרן. מיט אונדז שטייט אים שוין נישט אָן צו רעדן — — —"

אויף די ברידערלעך האָבן, געקרענקטע, נייגיריקע, געקלערט פונעם גרעסטן פון זיי, באשר אויך פאַר זיי פאַרהוילט ער שטאַרק וויכטיקס. וואָס, זיי זענען אים שונאים? ער ווייס אַז זיי האַלטן נישט מיט דער מאַמען. די מאַמע איז נישט גערעכט וואָס זי קריגט זיך מיט אים, פון דעסטוועגן.... די יינגלעך האָט געשטיקט די באַליידיקונג מצד דעם עלטסטן ברודער, הלמאי ער טראַכט פון זיי אויך אַזוי ווי פון דער מאַמע.

— ס'איז אַזאַ שריט אין לעבן, מ'טאָר נישט מאַכן כאַפּ־לאַפּ, — האָט ראובן, דער צווייטער נאָכן חתן־בחור געגעבן צו פאַרשטיין די יינגערע ברי־דערלעך די זאַך, וואָס צעטראָגט אַזוי די שטוב. — „חתונה־האָבן איז נישט בלויז אַ חופּה מיט אַ טאַנץ. ס'גאָר אַ שווער לערנען", — האָט ער נאָכגע־זאָגט דער מאַמעס טענה, און ס'איז ראַכטיק. ראובנס מינע האָט זיך צע־וויקלט אין רויכלעך פון אַ געבערנדיקן סוד: — שלמה־יונה נעמט זיך אונ־טער אַן אומגעהאַרישע זאַך! האַאַנטיקע צאַאַטן דינגען אַ דירה? ס'איז מיט גאָלד צוגלייך, און נאָך מעבל, אַ שטובן־ווערטשאַפט! צ'שטעלט זיך פאַר? אַ גרויסן טייסטער דאַרף מען האָבן. — מיטגעפיל צום ברודער און אויך גו־טע קנאה האָט אַרויסגערעדט פון דעם אונטערוואַקסנדיקן ראובנען. בשעת־מעשה האָט ער זיך פאַרטרוילעך צוגעבויגן צו די קלענערע אַז די מאַמע זאָל נישט קנאַסן פון וואָס זיי רעדן, די יינגלעך.

— אָסור זאָל ענק זאָגן, נישט איבערצורעדן פאַר די מאַמע, — האָט ער זיי אָנגעזאָגט. — צו וואָס זאָל זי דאַרפן זאָגן בייז אויף אונדז?

— איך ׳על ניש׳ אויסזאָגן, — האָט זיינוועלע געענטפערט. ער איז גע־וועזן געשמייכלט דערפון וואָס אַ גרעסערער פּאַרטרויט אים אַ סוד.

— איך אויך ניש׳, — האָט דער קלענסטער וויכטיק געשאָקלט מיטן שטערן.

— שלמה נייט זיך נייע מלבושים, — איז ראובן ווידער אַרויס אויף די צעשפּרייטע פליגל מיט שלמה־יונהס עניק. — ר׳האָט מסתמא געבאַרגט געלט אויף דער שטעלע. אַן אַרבעטאָרער באָרגט מע, ר׳איז קראַנט, ווייל מ׳צאָלט עים אויס לוין.

— ר׳פּאַרדינט שוין אַ סך, שלמה־יונה, — האָט זיינוועלע אַריינגע־שטעלט אַ וואָרט פון אַ ווייסער.

— מ׳מוז פּאַרדינען. מ׳ווערט אַ חתן, דאַרף מען האָבן, — האָט דער גרעסערער זיך וואַזשנע אָוועקגעשטעלט פאַר די ברידער וואָס האָבן גע־קראָגן אין זייערע הענט אַריין אַ גורלדיקן עניק.

— מ׳האָט אַ כלה מוז מען איר פונדעווען, — האָט זיינוועלע מוסר־סוד געווען די צוהערערס און זיין בליק האָט אויסגעמאָסטן יעדן אַרום זיך: „וואָס ווערן זיי טענהן אַצינד?״

— אַן אַלט געמיט! זע נאָר ווי ער ווייסט! — האָט די אַנדערע אָנגענו־מען אַ חשק צו שטיפן אויפן חשבון פונעם יינגערן וואָס האָט צונויפגעצויגן די געדיכט־שוואַרצע ברעמען אַז ער האָט געכאַפּט דעם אָנבליק פון אַ פויגל אין אויפטויך פון אַ טומאַן אַרויס.

— וואָס פרייסטו זיך אַזוי מיט יענעמס כלה, — האָט ראובן פלוצלינג דערשפּירט אַ רייץ צו חוזקן פונעם קלענערן. — צו דער חתונה וועט שלמה דיך סיי ווי נישט בעטן. דער טאַטע איז אַ מענטש, די מאַמע איז אַ מאַמע, אָבער דו? וועסט מעגן זיצן אין דער היים.

— אַ וואַזשנער ברודער! קיינעם פון אונדז פאַרבעט ער נישט, דער חתן. און דיך וועט ער נישט לאָזן זיצן אין דער היים? — האָט זיינוועלע זיך נישט געלאָזט.

— און אַז מ׳וואָלט דיך געבעטן, וואָלטסטו געגאַנגען אויף דער חתונה? וואָס רעד איך! וואָלטסט געקענט גיין אַ יאָר מיט אַ מיטוואָך. אונטערן איוון אַרונטער וועסטו גיין, יונגערמאַנטשיק, — האָט ראובן זיך שוין געשטיקט מיט זיין געלעכטערל.

— איך וואָלט שוין געפאָרן, — איז דער קלענערער געבליבן שטייף ביי זיך. — פאַרלאָז זיך אויף זיינוולען!

— האָסט דען געלט אויף אַ בילעט? אָ, כ׳ווייס שוין. האָקוס־פּאָקוס, הע, און ס׳וואָלט אַראָפּ אַ האָגל פון זלאָטעס. אַ פורמאַנקע וואָלט דיך מכבד געווען מיט אַ בייטש איבערן שייטל, אויב וואָלטסט זיך נאָכגעהאָנגען פון הינטן, — איז זיינוועלען געפאַלן אין די רייד אַריין דער קלענסטער, וועל־כער האָט באַשיימפּערלעך מקנא געווען די צעאַמפּערטע ברידער.

— דו אויך? גוט מאָרגן, רעטעכטראַגער! — האָט זיינוועלע זיך אָנגע־ברוגזט אויפן קלענסטן און זיך באַלד געוואָשן צו ראובנען, „דעם גרויסן חכם״: — וועמען ווילסטו איינרעדן, אַז דו ביסט דער גאַנצער אויפטוער? מעגסט זיך, כ׳לעבן, פאַרלאָזן אויך אויף אַן אַנדערן. איך וואָלט שוין דער־פאָרן. נישט קאַ׳ לינטשיץ, אַ ביסעלע וואַאַטער אָכעט, — האָט דאָס יינגל זיך געשטעלט אין דער מדרגה אַנטקעגן דעם גרעסערן און אויפגעשריגן ווי אַ הענדל מיט אַ צעצויגן קול.

— וואָלטסט געפאָרן? — איז ראובן ווידער אַרויס אויף ס׳זייניקע. — וועט ער דיך טאַקע נישט בעטן. גייסט נאָך אין קורצע הויזן, יינגל. ר׳ברויך דיך געניטיק אין טאָפּ אַראָן, דער חתן!

— ברויכן ברויך ער אונדז יאָ, — האָט דער זיך געעקשנט, — ס׳וואָלט עים געווען היימלעכער, נאָר ער ווייס פאָרויס אַז מ׳עט סיי ווי נישט פאָרן קאַ׳ לינטשיץ. אויפגעזוכט זיך אַן אָרט פאַר אַ חתונה! — איז ער אומגעריכט ברוגז געוואָרן אויפן עלטסטן ברודער, — ווער וועט אַזוי ווייט פאָרן? און פונקט אויף פּראַטיק זיך אויסגעגראַבלט, ווען מענטשן מוזן לייזן געלט אויף שבת, מ׳דאַרף אָפּליווערן פאַרטיקע אַרבעט.

— גערעכט, זיינוועלע. אויסגעקראַצט זיך, דאָן ברודער מיטן חתונה־האָבן. דערצו נאָך קאַ׳ לינטשיץ. איך פאָר ניש׳, הערסט, מענדעלע. אמת, וועסטו אויך נישט פאָרן? אַפילו אַ מאַרשעליק וועט נישט איינשטעלן אַ יאַז־דע צו אַ פּראַטיקדיקער חתונה. ווער׳ט צאַאַט? זאָל ער חתונה האָבן אָן אונדז. ס׳וואָר, יאַטן?

מענדעלע איז סוף כל סוף נשתומם געוואָרן פון דעם שמועס און איז אַריינגעפאַלן אין דמיונותדיקן קלערן:

— לינטשיץ? ס׳דען אייגנטלעך אַזוי וואַאַט? פויערן קימען פון דאָרט מיט קאַרטאָפל, מיט אַ קאַן מילעך. שערענגעס טאָפּאָלן שטייען אויףביידע

זייטן שליאַך וואָס גייט קאַ׳ לינטשיץ. איך בין שוין געפּאָרן אויף יענעם וועג.

— דו וואָלטסט אַוודאי אַהין געגאַנגען אויף צו פוס? — האָט ראובן ערשט געזוכט אונטערצוכאַפּן דאָס יינגסטע ברודערל. — הייב אָן גיין און נעם מיט זיינוועלען.

— גיי אַליין צו פוס! אויב כ׳וואָלט געוואָלט זיין אויף שלמהלעס חתו־נה, וואָלט איך שוין געפּאָרן. פאַרלאָז זיך. האָב ניש׳ קאַ׳ מורא. מענדל קען זיך אָן עצה געבן, — האָט דער קלענסטער זיך געכוחט נישט צו בלייבן שולדיק אָן ענטפער.

— נאָר דו ווילסט נישט, הע? — האָט ראובן כיטרענקע אַריינגעקוקט אין ברודערלס אויגן.

— אַוודאי וויל איך נישט!

— ביסט, הייסט עס, ברוגז מיטן חתן? — לאָזט ער נישט אָפּ מענדע־לען און דער רייטלט זיך פון אויפרעגונג.

— ברוגז? פאַר וואָס זאָל איך זיין ברוגז! — און גיט זיך אַ פאַרשטאַמל, טראַכט אויף אַ קול: „איך וואָלט זיך נאָר געשעמט פאַר דער כלה. פּלוצ־טאָלבן — כ׳בין דאָ, געקומען אַריינצוטשאַפּען". איך האָלט נישט דערפון! כ׳וויל נישט זאָן אויף דער חתונה און פּטור!

— האָסט זיך צעקריגט מיט שלמהס כלה, מענדעלע? — האָט ראובן שוין אונטערגעשפּילט דעם ברודערל. — דערצייל. כ׳בין אָן אייגענער, יינגלשי.

— מאַכסט זיך משוגע, ראובן! איך רעד נישט מיר דיר, — און אָן אָנ־געבלאָזענער נעמט ער זיך אַוועקרייסן פון די ברידער.

— ׳עסט נישט גיין, מענדעלע, — האָלט ראובן אָן מענדעלען ביי אָן אַרבל און באַצווינגט ס׳געלעכטער וואָס צעזידט זיך אין אים. — לוי־ויפט, זאָגט ער — ווער האָט דיר געטוען? רעד אַ וואָרט: האָסט זיך צעקריגט מיט שלמה־יונהס כלה? מיר מעגן וויסן. ס׳עט בלייבן צווישן אונדז, אמת, חברה?

— טראָג דיך אָפּ, צעלייגער, — בייזערט זיך שוין דער יינגסטער, אַ בפירוש באַליידיקטער פון די ברידער וואָס האָבן, ווי ער קלערט, צונויפ־געלייגט די קעפּ אויף אָפּצוחוזקן פון אים. אין זיין בייזקייט איז ער צעטראָגן און קוקט זיך אַרום צי די מאַמע הערט נישט ווי ער האָט זיך צעטענהט מיט

זיי. ס׳גלייכער, געדענקט ער, מ׳ווייסט נישט אַז מ׳רעדט פון שלמה־יונהס חתונה. צו וואָס מאַכן אַ גראַטשקע אַז די מאַמע זאָל עס קאָסטן בלוט?

— וואָס ווילסטו פון מיר, ייִנגעלע, — וויל דער גרעסערער ווייכער מאַכן מענדעלען — אַז איך פאַרשטיי נישט וואָס דו מיינסט!

— פאַרשטייסט נישט? פאַרדריי דיר דיין הייפּטל קרויט, — שפּריצט שוין דאָס ייִנגל מיט פייער. — ווייסט דען נישט, חכם מאַאַנער, אַז איך האָב שלמהלעס כלה צו מאָל נישט געזעען! ווען, ווי אַזוי? — בליצן אויף זיינע אויגן.

— אויף אַן אמת? מאַכט דער זיך תמעוואַטע — און איך האָב געמיינט... דער ייִנגסטער הענגט אַראָפּ דעם קאָפּ.

— און דו וואָלטסט זי געוואָלט קאָנען? — נעמט ראובן זיך אָן פון ס׳ניי מיטן חשק זיך פריילעך צו מאַכן פון דעם ברודערלס נאַיִווקייט.

מענדעלע איז שוין פאַרביסן און איינצייטיק פאַרלוירן אַקעגן די גרע־סערע ברידער און לאָזט אויס זיין כעס צו זיי. אָנגעזעצט זיך אויף אים, טראַכט ער, און ראַפּטעם ווייזט ער אַלעמען די פּלייצע: „רעדט צו מיר!״ יע־נע האָבן פון דעסטוועגן נאָך געוואָרט אויף מענדעלעס אַ וואָרט, אָבער דער איז געבליבן פאַרעקשנט. זיינוול האָט דאָך נישט געוואָלט אויסזען אַ פאַר־שפּילטער.

— מ׳עט זי שוין זען, — האָט ער אַריינגעוואָרפן אַ זאָג, אַ שטיינדל אַזוינס אין דעם שווייגן וואָס האָט געשריגן פון מענדעלעס שטומער טענה צו די ברידער, וואָס האָבן זיך געחכמעט איבער אים. זיינוול האָט אָבער מער נישט אויסגעהאַלטן. מיט אַ מאָל זיך אויסגעלאָדן מיט אַ געלעכטערל, וואָס האָט ביז איצט נישט באַוויזן זיך פונאַנדערצופּראַלן: — הע, ייִנגל. פאָרן מיר טאַקע קאָ׳ לינטשיץ? — און געקראַכן דעם ייִנגל אין פּנים אַריין מיט אַ צי־טעריק מינעלע. ערשט האָט דער מיזיניק פאַראיבלדיק אַוועקגעדרייט דעם בליק.

— שוין פאָרט ער! וועסט פריִער ווערן אַ שוואָגער, וועסטו זען די שוועגערן, — האָט אויך ראובן נישט געלאָזט אָפּקילן מענדעלען אין זיין שטורמישן קלערן. — דערווייל, ייִנגל, — האָט ער זיך אויסגעבויגן צום קליינינקן, — דאַרפסטו נאָך אַ קאַפּעלע אונטערוואַקסן. דערווייל היט זיך די ביינער, חבר מענדל; קריך נישט צו יענעמס כלה. דער חתן, אוי, קען דיר אונטערהאַקן די פיסלעך, — און צעלאַכט זיך הילכיק, אַזש די ווענט חידושן

זיך אין זייער אָנגעקאָלכטן דרימל. דער גרויסער צווישן זיי צוקט מיט די אַקסלען, לאַכט מיט דער דלאָניע אויפן מויל און לאָזט זיך צו צום פענצטער, גלייך ער וואָלט נאָכגעגאַנגען אַ רופן פון דרויסן: „פססטט, ראובן!" די סומנע גאַס ליגט אונטן אין אומפאַרענדערטן עלנט. אַנטקעגן די פאַרבלאָזע שויבן האָט ראובן מיט דערלייכטערונג דערפילט ווי ס'פאַלט אָפּ פון אים די רעגונג, וועלכע ער האָט אונטערגעדריקט אין זיך פנים אל פנים מיטן מיזיניק פונעם הויזגעזינד. אין דער סאַמע צודרינגלעכסטער נויט איז דאָס־אָ יינגעלע תמיד געווען אַ געלעגנהייט פאַר אַן אומגעריכטן געלעכטער ביי די גרעסערע יינגלעך, פאַר אַ שמייכל פונעם טאַטן. אַ טשיקאַווער איז ער און אַ גרימאַסנער, און אים, מענדעלען, קומט אויס מערסטנס זיך צו כעסן.

אַן אויסטערלישס איז דאָס מענדעלע, האָבן אַלע אין שטוב אָפּגעפּסקנט. דאָר און שמאָל אַרויפגעשאָסן אין וווקס, וויל ער, דער פערציניעריקער, וואָס אַלע אין הויז האָבן אים ליב פאַר זיין קאַפּריזנעקייט, באַצייטנס אַנגיין פאַר אַ דערוואַקסענעם. „רעכן זיך, וואָס דו רעדסט", פלעגט ער בייזלעך אויסקרייען אַקעגן די ברידער. ביז קרענקלעכקייט דערגייט ביי מענדעלען דער ווילן באַטראַכט צו ווערן פאַר אַ ג ר ו י ס ן. מענדעלע וויל מ'זאָל אים ערנסט אויסהערן, ר'האָט די שוואַכקייט איינצורוימען עמעצן אַ סוד. דער עמעץ קען זיין נאָר איינער פון די ברידער — און אַלע זענען זיי נאָך יינגלעך וואָס ווילן זיך גאָר אַליין גרויסן אַנטקעגן דעם יינגסטן. זיי באַגעגענען אים שטענדיק מיט אַ קאַטאָוועסל.

— יינגל, נאַ דיר אַ שניפּטיכל. פאַרשטייסט, — לאַכט אים ראובן אין פנים אַריין — פאַר אַ יונגן מאַן פּאַסט נישט, אויב ס'טראָפט אים פון דער ניאַניע.

— וויש דיר אָפּ דיין נאָז, אויפטוער מאַאַנער! — גיט מענדעלע יענעם אַ צוואָג אָפּ.

— יינגעשי, כ'על דיר היינט פונדעווען אַ פּאָר אויף דער קאַרוסעלע. יאַק באַזשע קאָכאַם, איך צאָל פאַר דיר אַ פערדל!

— פענטאַק, האָסט נישט קאַ' קנעפּל ביים לעכל, גייסטו מיך פריי האַלטן? איך לאַך פון דיר! איך קען דיר מאַכן אַ פאַלטן פון הונדערטערס, — שטעלט מענדעלע אָן אַן אויסגעשנאָבלטע גרימאַסע.

מענדעלע זידלט שאַרף די ברידער, אָבער זיי ברוגזן זיך נישט אויף אים. זיי קוקן זיך צו צו זיין פּירעכץ, שמייכלען פון זיין פוצן זיך אַקעגן דער

איגענער הונגעריקער בלאַסקייט — און לאַכן מיט הנאה: „ער שטעלט זיך אין דער מדרגה, ס׳נאַרעלע!״

מענדעלע ס׳גרינע גענדזל, ווי די מאַמע האָט אים אַ נאָמען געגעבן מחמת זיין מאָגערקייט, זיין געשווינד קוויטשיק רעדן וואָס דערמאָנט אַ גאַנערן, דאָס מענדעלע האָט די געוווינטשאַפט אַליין זיך אָפּט צו פּרעסן די הויזן אַז זיי זאָלן האָבן אַ בולטן קנייטש; ער גלאַנצט אָפּ זיינע שיך, אָבער צו להכעיס טרעטן אים אָן די ברידער די נאָסקעס און בעטן אים איבער כל־אחר־יד: „אַנטשולדיק, אומגערן!״

— כ׳וועל דיר געבן די אויגן אין האַנט אַראָן, האָרכסט? — שטעלט מענדעלע אויף די נאָזלעכער איפן אומגעלאַסענעם ברודער. אַ ליאַדע־וואָס בלאָזט ער זיך און באַלד בייגט ער זיך אָן צו די שיך מיט אַ שמאַטקעלע, פּוצט זיי איבער אויף אַ גלאַנץ. ער האָט אויך געטאַפּט די זוילן, צי זיי זענען נאָך האַרט. מענדעלע האָט ליב אַז די שיך זאָלן זיך האַלטן ביי זייער נייקייט. און גיסט מען אים אָן טיי, איז עס פאַרן יינגל קיין מאָל נישט גוט. „איך טרינק נישט קאַ׳ פּאָמיעס״, בייזערט ער זיך. „אויב טיי, מוז ער זידן, — לערנט מענדעלע די שטוביקע און זיין מינע איז מוראדיק ערנסט. — אין וואַסער ראַיען געפּערלעכע ווערעמלעך, וואָס ס׳אויג קען זיי נישט אויפּכאַפּן, — גיט ס׳יינגל צו פּאַרשטיין זיין געהיטקייט, — מוז מע דעריבער לאַנג קאָכן ס׳וואַסער ביז מ׳מעג עס טרינקען״. האָט מענדעלע טאַקע אַזוי איינגעפּירט אין שטוב, אַז ער אַליין מוז צוהיטן דעם טשייניק. ער גופא דאַרף זען ווי ס׳וואַסער צוואַלעוועט, עס האָט שוין אָנגעיאָגט אין הויז אַ שטאַרקע פּאַרע, מעג מען ערשט איינגיסן דעם טיי. היות ער אַליין קען לאַנג נישט איינטינקען די ליפּן אין אַזאַ זודיקייט, גיסט ער זיך צו צום טיי אַ ביסל קאַלט אומגעקאָכט וואַסער פונעם קובל. אַנדערש וועט מענדעלע נישט טרינקען קיין טיי. אַפּריער מוז ער אָבער לאַנג קאָכן, דער טיי, כדי אויף זיכער צו האָבן „אָפּגעטויט די פּיטשעמאָנטשינקע ווערעמלעך״. די ברידערלעך קוקן מיט נייגיר אויף טאַטע־מאַמעס „אויסקראַצעכץ״, ווינקען זיך איבער אין קאַטאָוועס און מאַכן זיך היימלעך מיט מענדעלען.

— שאַ, חבר מענדל גייט טרינקען אַ גלעזל וואָרעמס, — רופט אויס ווער פון דער חברה.

— ס׳שטייט דיר נישט אָן? — גיט ער אַ שפּרינג אַרויס — האָסטו אַ ברירה!

דאָס מאָל האָט מענדעלע זיך צוגעקוקט פון דער זייט ווי „דער צעלייגער ראובן״ דושעט זיך מיט אַ פאַרבאַהאַלטן געלעכטער. ער כיכיקעט און גיט אַ קוק אויף זיינוולען, זיינוול קוקט אויף אים און ביידע שעמען זיי זיך עפּעס. זיי דערשפּירן די פרעמדקייט פון דעם געלעכטער וואָס אָט־אָ צערינט עס זיך, גיסט זיי אָפּ מיט אַ קעלט.

די מאַמע האָט נישט געקענט פאַרליידן דאָס פאַרשייטע לאַכן אין שטוב.

— וואָס איז די גדולה אויף ענק, צעלאָזענע בראַטשיקלעך שלמה־יונהס! אַ גוטע שקאָלע האָט עך ביי עים. ליגטס פאַר זעך, — צעשרייט זי זיך שוין — דער קאָפּ טוט מיר וויי פון דעם כאַכען — און איר פאַרגרינט פּנים האָט זיך געוויגט מיט באַדויער אויף זיך, אויפן גאַנצן געזינדל. די ייִנגלעך זענען מיט אַ מאָל שטום געוואָרן, האָבן מורא געהאַט אויפצוהייבן די אויגן. דערנאָך האָט איבער דער שטוב זיך אַראָפּגעזעצט אַן אומבאַוווסט לעסטיק וואַרטן. און האָט זיך געשטעלט די נאַכט, האָט אין דער שטילקייט זיך געהערט דאָס אומהיימלעכע וואַכזיין פון די מענטשן אויף די געלעגערס. ווער ווען ס׳האָט געהיט מיט קרענקלעכער זאָרג, אָבער קיינער האָט גאָר נישט געזעען אין דער פויזנדיקער פינצטערניש; מ׳האָט נאָר געהערט שיינדלס וואַכע בורטשען און טענהן צום מאַן:

— וואָס שלאָפסטו נישט, איטשע? ווילסט מיך דורכויס משוגע מאַכן, לאַכטיקער טאַטע? ווינציק דער טאָג פאַר דער פּיין! — און ס׳קול איז זיך פאַרגאַנגען אין אַ קווילן פון אומגעריכטע טרערן.

איטשע האָפּמאַן האָט געקוועטשט מיט די אויגן, שוין געשפּירט די אָפּגעלעגענע גלידער, אָבער זיך נישט אָפּגערופן. ר׳האָט געהאַט ס׳געפיל אַז די פריִע עלטער פאַלט אויף אים ווי אַ טעמפּ זינקען פון שטיינער; גלייך פון אַ שטיילן באַרג לאָזט זיך אַראָפּ דער ווייטיק. ס׳איז עלול צו לעכערן דעם שאַרבן, פאַרשיטן דעם מענטש מיט אַ ים פון גראָקייט.

פון זיין זייט האָט שלמה־יונה זיך געגראָבן מיט פיבערנדיקע בליקן איבערן תהום פון אומאויסגעמאָסטענעם אייגענעם אומרו. „וואָס וועט זיין? גרייט נישט די מאַמע אַ בלוטיקע אומגעריכטקייט! אַ מעסער שטייט אָקערשט פּאָפּערעק איר שכל!״ אויך דער יונג האָט נישט געקענט דורכשלאָפן די נעכט אונטערן דריקנדיקן פולאַפּ. דער דאָזיקער פאַר־פרילינג האָט ביטער געענערט זיין טראַכטן. דאָס גאַנצע האָפן וואָס ער האָט געהאָפט איז אויפגעגאַנגען אין אַ ציטער וואָס פאַרגליווערט אין אים ס׳בלוט.

„שלמה־יונה האָט חתונה, שלמה האָפּמאַן וועט גיין צו דער חופּה, — וואָס וועלן טענהן די מענטשן אַרום אים, ווען זיי וועלן זיך עס דערוויסן?"
דער בחור האָט ממש געפּלאַמט פון דעם, וואָס ער דאַרף נאָך דורכקומען.
„ער האָט דאָך שוין באַשלאָסן, און דער פּסח רוקט אָן".

קאַפּיטל צוועלף

דווקא אויף פּאַר־פּסח איז געווען אָפּגעשמועסט די חתונה. אַליין צווישן זיך האָבן ס'ייִנגל מיטן מיידל באַשטימט זייער חתונה־טאָג. ס'טאַקע ליכטי־קער אויפן האַרץ אַז אַ טאַטע איז דערביי, ער העלפט מיטטראָגן די שעמעוו־דיק־פריידיקע זאָרג פון יונגן פּאָרל; די מאַמע פּאָרעט זיך, שמייעט. זיי איז אַזאַ גליק נישט באַשערט. לייט דערציילן: עס טרעפט אַ שניי אויך אין סאַמע שבועות. ס'מאַכט זיך אַן איבערקער אַן אומגעריכטער אין דער נאַטור. האָט עס אונדז געמוזט טרעפן. אָבער נישקשה. וועסט זען, טייערע, ס'עט גוט זיין, — האָט שלמה געטרייסט שרהלען אין איר שאַרפן אומעט און אַליין גע־שפּירט אַ ברענענדיקע דריקונג: אַ ריזיקער באַרג צעעפנט זיין פּלוצלינג אַנטפּלעקטן פּיסק און ער פּאַרציקט די לעבעדיקע שיין. שיפּועים גליטשיקע, סכנותדיקע, שניידיקע שטעלן זיך אָקעגן זייערע שוואַכע שריט. אָ, ווי דערווידערדיק עס איז דער דרך פון די עלטערע! אין דעם צעשאַלטן יונגן טאָג מוזן זיי דווקא אַריינוואַרפן די שמאַטע וואָס זיי אַליין האָבן אָנגע־קוויטיקט — — — אַלץ איינס צי ס'איז טאַטע־מאַמע אָדער פרעמדע. דער עלטערער דור פילט נישט דאָס פּילן פונעם יונגוואַרג! ס'איז אַ פאַרשטיי־נערטער גאָרטן וואָס יוירט מער נישט אויף אין געפּלאַטער פון בליאונג. און אפשר פאַרגינען זיי עס נישט, די טייערע? — האָט אין שלמה האָפּמאַ־נען אַ ברי געטאָן אַן אומגליקלעכער ספק. און צווישן זיך האָבן בייִדע קינ־דעריש געציטערט איבער דעם שותפותדיקן צווייפל: וועלן זיי באַווייזן אויס־צומיידן דעם שטרויכלוועג וואָס די היימישע עפענען? געוויס לויערן נאָך סכנות. וואָרן אין דער לעצטער רגע קען חלילה... אַז די שלעכטיקייט גייט אַרום אַ גראָבהויטיקע, אַ פאַרשייטע! כאָטש גיי איר אַנטקעגן מיט דייִנע אוממאַכטיקע, צונויפגעביילטע פויסטן. ניין, ער וועט זיך מער נישט ראַנג־לען מיט דער היים, ר'וועט ליבערשט אַוועק אָן אַ זייט פון איר. בשום אופן

וועט ער, דער מאַנצביל, זיך נישט אונטערגעבן: די וועלט איז געמיין, קיין איינזעעניש איז נישטאָ ביי איר. אוודאי, די וועלט איז לויטער געדערעם וואָס זענען תמיד זשעדנע, זי איז אָן אַ נשמה. בכן מוז מע זיך איר אָקעגנ־שטעלן מיט גלייכגילט, נו, שפּייען אויף איר, אַנישט — האָט ער זיך שוין געאַמפּערט מיט זיך — באַדאַרף מען פּאַלן איבער איינאַנדער און קלאָגן אויפן אייגענעם קאָפּ: צעקראַכענער! האָסט בידים זיך אַליין אַוועקגעהרגעט. צו וואָס געוואָרט? אַזוי לאַנג מיט אַזאַ מכה אין האַרץ? באַדאַרפסט פריִער אַרויפגיין אויף אַ הויכן דאַך און מאַכן אַ סוף צו אַלע חשבונות. פאַר דעם איז געגנוג איין אויגנבליק און, פאַרענדיקט. איי, די צוקוקערס וועלן אויפ־הייבן אַ געשריי, שינדן פון זיך ס׳פּנים? זאָלן זיי. זיי האָבן אַנדערש נישט געוואָלט. פאַרקערט, דאָס מוח־לעכערנדיקע געשריי פון יענעמס אומגליק איז פאַר די דאָזיקע אַ מין פאַרגעניגן וואָס זיי זענען להוט, כאָטש קיינער וועט עס נישט מודה זיין. בעסער ס׳איז געשען מיט יענעם איידער מיט מיר, — קלערן זיך די לייט אין פּחדנות. ס׳איז אויך מחמת אומעט וואָס טאָטשעט זיי צו מאָל אין טאַראַראַם, אין וועלכן זיי דרייען זיך ווי אויף אַ קאַרוסעלע.

— ס׳עט גיט זיין, שרהשי, — איז ער אַלע מאָל צוגעגאַנגען צו איר, אָבער גיך זיך דערשראָקן פאַר איר דערדריקנדיקער בלאַסקייט: געחלומט זיך דיר עפּעס אויסטערלישס? שפּיי אויס, נאַרעלע! אַ חלום איז ווי מ׳לייגט אים אויס, — און אָנגעשפּיליעט זיך אויפן פּנים אַ האָפערדיקע מינע. — ׳עסט זען, מיר וועלן פירן אַן אַנדער ווערטשאַפט. הערסט, קליינטשיקס, מירן זיך נישט לאָזן. ביז׳עך גערעכט? אוודאי דאַרפסטו מסכים זיין מיטן פאַן שליאָמע, פאַני שליאָמאָוואַ. אַזוי, אַזוי, לערן זיך אויס צו געדענקען — עס איז געוועזן אַ ביטערער ווינטער, ערשט גייט צו פרילינג, וועלן מיר זיך אַריינרייסן אין די זוניקע טעג. צו וואָס אַזאַ גרימאַסע, שאָנקעדיקע! אַ מאָל מוז עס דאָך געשען. זאָג אַליין: האָסט דען נישט אַזוי געוואָלט? ס׳עט זיין אַ גוואַלד, אָבער אויף עפּעס אַנדערש דאַרף מע זיך נישט ריכטן. אַז פון אַלע זייטן איז מע קעגן אונדז, האָט מען אַן אַנדער ברירה?! אַגב לערנט מען אונדז צו פאַרגעדענקען אַז אַלץ געשעט בגוואַלד — אַזוי ס׳גאַנצע לעבן. אָן דעם גוואַלד וואָלט אפשר געווען נאָך מער אומעטיק, — שמייכלט ער באַלד. אויב אויסמיידן דעם אָנשטרענג, וועט זיך גאָר נישט ענדערן. וואָס ס׳קומט אָן שווער איז באמת טייער, אמת, שרהלע?

שלמהלע האָט זיך געכוחט צו זיין הייטער.

אַ פֿאַרלוירענע האָט זי באַוועגט מיט די ליפּן און אירע ברוינע, וואַרע־מע אויגן האָבן זיך אָנגעפּולט מיט טרויעריקער שטראַליקייט. די איבער־ראַשונג וואָס זיינע רייד האָבן אָנגעווייעט, האָט דאָס מיידל צערודערט. ניין, זי האָט עס נישט געוואָלט, אָבער די פרייד, די אומפּאַרהאָפטע זיסקייט פון זיין נאָענטשאַפט האָט אויפגעקוואָלן אין איר מיט שעמעוודיקן געכליפּ, מיט אַ שטומען איינקוקן זיך אין אים דורך אַ מאָדנעם נעפּל. וואָס פאַר אַ גע־טריישאַפט ער ווייזט אַרויס, איר שלמהלעו! אַ יונגער מאַן צעקריגט זיך מיט אַ גאַנצער וועלט איבער איר — וואָס פאַר אַ טרייסט דאָס איז און וואָס פאַר אַ צער דאָס ברענגט: איז זי אַזוי פיל ווערט און עס איז איינצייטיק אַזוי מגינה די אָרעמקייט פון איר בידנער מאַמע, אַז מ׳זאָל דאָך זיך דאַרפן ברעק־לען מיט איר? און זי איז דער מאַמעס צערטלעכקייט! „מיין באַשיינונג, מיין עלטסטע טאָכטער״, פלעגט די מוטער זיך גרויסן מיט איר פאַר מענטשן. אָבער וויי, וואָס וועט איבערוועגן אין איר מזל? — האָט שווער זיך צעאַר־בעט שרהלעס מוח. אָ! אין איר קען זיך גאָר נישט פאַמעסטשען דער גע־דאַנק וואָס מיט אַזאַ מיידל קען געשען אויב זי האָט נישט קיין נדן און זי איז נישט פון יחוס. ס׳איז בפירוש, אַזאַ אָרעמקייט וואָס איר איז באַשערט פון דער מאַמעס בויך אַרויס איז פונקט ווי די שטריק וואָס בינדט די בהמה, ווען זי ווערט אָנגעבאַרייט פאַרן שוחט. לא עלינו. — האָט זי אויסגעקרעכצט מיט אַן אַלטן געקרעכץ, די יונגע טאָכטער פון דער פאַרחושכטער רייזל — די מאַמע איז שטענדיק געהילט אין דער זעלביקער וואָלענער פאַטשיילע, זי שפּאַנט אין צעפאָרענע טשיזמעס און פאַר איר, דער געליבטער טאָכטער, שוועקט זי אויס תמיד און פרעסט דאָס זעלביקע סיצן קליידל. פאַרן ווינ־טער האָט זי פאַר אירטוועגן אויסגעלאַדעוועט אַ שטיקל מלבוש פון אַ מענ־טעלע וואָס אַ מאַדאַם האָט איר געשאָנקען: נאַט, רייזע. איר׳ט אויסגעפּינען אַ ניצן דערפון, — האָט יענע געפּטרט די זאַך וואָס איז איר געוואָרן איבע־ריק. להכעיסדיק שפּילט זיך מיט זיי די אָרעמקייט. ווי די מאַמע באַמיט זיך צו פאַרדינען די זלאָטע, זי צעברעכט זיך דעם רוקן, און ס׳גייט נישט. ווי אַ פאַרעקשנט פערד איז דער דלות, — האָט די מאַמע אַ מאָל אַ קלאָג געטאָן אויף איר מערכה. — ער׳ט זיך געשטעלט דווקא אין דער טיפער בלאָטע און רירט זיך נישט פון אָרט, כאָטש צעבייטש אים די פעל ביז בלוט. פון האָרעווען ביי יענעמען אין די יומטובדיקע סאַליעס וועסטו זיך נישט דעראָביען צו אַ גאַנץ קלייד. אויך דער רייכער פעטער יוקעוו אין פזשייטש

האָט אַ גביריש האַרץ. בשום אופן וויל ער זיך נישט אַרומקוקן אויף דער מאַרנער יִדענע פון דער משפחה, וואָס ס'איז נישטאָ ווער ס'זאָל זיך אָננע־מען איר קזשיוודע. וועט זי, שרהלע רייזלס, באַווייזן אַריבערצושפּרייזן דעם סכנותדיקן ריוו וואָס שורעוועט שטאַרק? — האָבן טרערן זי געדישעט. צום אומגליק איז שלמהלע נישט אין קיין בעסערן מעמד. וועט ער דאָס, וואָס ער טראַכט, קענען דערפירן צו אַ גוטן סוף? און צוריקגעשמועסט: ווי וועט ער זיך אַן עצה געבן! סיי געלט סיי כוח מוז מע דערצו האָבן אַ ים. ס'איז נישט קיין קלייניקייט צו קענען זי אַרויסצי:ען פון איר מאַמעס חושכדיקן אַל־קערל — — — ווייזט אויס, דאָס מיידל איז טאַקע נאָך עפּעס ווערט געווען ביי גאָט אַז ס'האָט זיך געפונען ווער עס זאָל זיך פשוט מרחם זיין איבער איר עלנטקייט. זי האָט נעבעך געהויזט אין דחקות באַנאַנד מיט דער מאַמען און מיט די אַנדערע קינדער, אָבער מיטן האַרץ, מיטן געדאַנק איז זי גע־ווען רק מיט אים, דעם ליבן. שלמהלע האָט עס רעכט באַנומען. ער ציט אַרויס אַ טרענקנדיקע, האָט ער אָפּגעמאַכט ביי זיך, און ר'האָט סכנות ליב אָט־דאָס צאַפּלדיקע נפש. „ער'ט זיך נישט בייגן אונטערן געשריי פון דער היים", — האָט ער נישט אויפגעהערט זיך צו עקשנען.

און שלמהלע האָפּמאַן האָט זיך גופא געראַטעוועט פון די בושעווענדי־קע כוואַליעס אַרויס. האָט ער געמאַכט דעם געוואַגטן שפּאַן א ר ו י ס־צ ו צ ו, איז זי, די קליינטשיקע, געשטאַנען אַנטקעגן אים אַ שטוינענדיקע.

„אַציגד פרייסטו זיך גאָר נישט, כלה גליקלעכע?" — האָט זי זיך אַליין געפרעגט אין אומגלויבן אויפן געזעענעם.

טייערער, —

נישט דרייסט האָט זי אַזוי אויסגעמורמלט, זיך געשטרעקט צו אים און נישט מיד צו ווערן געוואַרט ענטפערס אויפן נישט אַרויסגעבראַכטן פרעגע־ניש: ווי אַזוי, שלמהלע מיינער, וועסטו זיך פּאַרט אַן עצה טאָן? ווער 'עט דיר דערלאַנגען אַ האַנט אין דעם קוואַל! אַליין טרענקסטו זיך און איך האַלט זיך נאָך אין דיר; כ'האָב קיינעם נישט אַ חוץ דיך. מיין מאַמע איז אַ בלוטיקע אָרעמאַנטע. זי ווייסט נישט ווי אַזוי די אייגענע פּיס אַרויסצושלעפּן פון בלאָטע. איך האָב דיר שוין דערציילט, לאַכטיקער, פון אונדזער באַ־שטאַנד. אַן אלמנה די מאַמע, זי ראַנגלט זיך מיטן דחקות פון אַ שטוב מיט קינדער. אויך דער מאַמעס ברידער זענען אָרעמע לייט. קוים זיי קלעפּיען

אויס דאָס ביסל פּאַפּע. אַ רייכער פּעטער איז דאָ, אַ פּזשייטשער, איז ער אַ שטיין ווי אַלע שטיינער.

— וועמעס הילעף זוך איך דען? בלויז דו ביסט מיין הילעף, שרהלע. וועסט זיין געזונט, וועסט קענען מיטגיין מיט מיר, וועט שוין גוט זיין. אויף פּליוש בין איך קיין מאָל נישט געגאַנגען. מיינסט, ס'איז מיר אַ מאָל איינגעפאַלן צו וואַרטן אויף עמעצנס טובה? הילעף — זאָלן געהאָלפן ווערן די וואָס קוקן אַרויס די הילעף. דער טאַטע, די מאַמע? פון זיי וויל איך נישט כהוא זה. זאָלן זיי נאָר נישט וואַרפן קאַ' שטיינער אין קאָפּ אַריין! זיי וועלן זיין אָנגעלייגטע געסט, אויב זיי וועלן באַוויליקן צו פרייען זיך מיט אונדזער פרייד — דיינע און מיינע. וואָס נאָך באַגערסטו? ס'עט זיין אַ סך, אויב די היימישע וועלן אונדז נישט באַוויינען, באשר איך און דו וויכן מיר פון ריכטיקן תכלית. געהערט אַ מעשה! פאַר זיך אַליין האָבן זיי שוין אָפּגעזוכט אַ רעכטן תכלית? גיב אַ לאַך, טייערס, און זאָל קומען אַ גדולה אין דער וועלט אַריין! הערסט, ס'גוט וואָס מ'האָט אָפּגערעדט. גיב צו וויסן דיין מאַמען, זי איז דאָך נישט אַזאַ עקשנטע.

אין אַ פאַרוואָלקנטער פרייד האָט זיך געפּליעסקעט דאָס מיידלשע האַרץ: „מיין מאַמע?"

ערשט האָבן ביידע פאַרשווערערס דריבנע געלאַכט און געפּיבערט אינעם וואָרט. — ערשט וועט מע מוזן טראַכטן ווי אַזוי אַריבערצושפּאַנען נאָך אַט דאָס שמאָלענקע בריקל. איטלעכער פון זיי האָט אַ קלער געגעבן: ווי זאָגט מען עס דער מאַמען? ווי גייט מען מיט אַזוינס אַנטקעגן דעם טאַטן, וואָס וועט דאָך טענהן די כעסניצע, ס'מאַמעניו? בייזקייט קען אָנפּינצטערן דאָס ליכטיקסטע האַרץ, ווען ס'קומט אַזאַ פּאַליע צאָרן ווי פון דער מאַמע שיינדל! און אַ שלעכטער שריט קען חס ושלום צעוויגן דאָס משקולתדיקע בריקל. רבונו של עולם, ווי עס הימלט דאָס פּיצעלע מזל!

און האָבן זיי אין זיך געכאַפּט מיט דערשרעק אַז ס'איז טאַקע גאָר ערנסט, האָט אַ מחשבה צום ווייפלטן מאָל זיך צעבלעזלט אין שלמהלען: „מיינע? מיט זיי איז נישט אויפצוטאָן!", און גערעדט צו איר, צו זיך:

— ווייסט, וואָס כ'וועל דיר זאָגן? ס'טוט מיר הנאה וואָס מ'האָט שוין באַשטימט. ס'עט זיין אַ חתונה און זאָלן אַלע זען ווי ס'טריפט אַ לעבעדיקער שניט אויפן גרגרת פון די גוטסן וואָס לייט באַגערן פאַר אונדז! מוחל, זאָלן זיי נישט שטעלן די גאַנצע דיניצע פאַר אונדזערע פיס.

„זיי" ווילן דורכויס אונדז באַגליקן. פאַר דאָס דערגייען זיי די יאָרן. דזשענ־קויע, אַ דאַנק. — נישט ריכטיק?

— גערעכט, שלמהלע, — האָט דעם מיידלס קול זיך צעוואַקלט אין נייעם געטרער.

— אַ שטילע חופה, וויל איך, זאָל זיין, — האָט ער אַרויסגעבראַכט אין ציטערדיקן וואָרט — באַשטייסט?

— וואָדען, שלמהלע? מיר 'עלן מאַכן נאָר אַ מאָלצייט פאַר היימישע, — האָט שרהלע געענטפערט מיט אַ העשען פון די טיפענישן פונעם פאַר־טונקלטן גליק, וואָס האָט געשפּאַרט פון איר, פאַרגאָסן מיט טרערן־גלאַנץ דעם בליק. — טאַנצן? שפּילן? אַזאָלכענע חלומות זענען נישט פאַר אונדז געדאַכט. כ'האָב עס מיר נישט געפּרוווט איינרעדן, — געשטיקט זיך מיט איר פלוצלינגדיקער אויפגערירטקייט, איז זי מיטן פנים אַרויפגעפאַלן אויף זיין אַקסל.

*

...אָפּגעשמועסט עס אין ציטערדיקער פאַרהוילנקייט. ווייל זיך געשעמט צו נעמען אויפן זינען דאָס וועלן חתונה־האָבן. לייט קענען עס אויסטייטשן ווי אַ העזה: „שניעקעס! אַ פולע שטוב מיט הונגעריקע מיילער, די מאַמע וועט איטלעכן טאָג אויף ס'ניי אויסגעריסן פאַרן ביסן ברויט און דאָס לאָזט זיך גאָר אויף אַ ליבעניש" — — „שלעפּן זיך אַרום!" — איז דעם בחור מיטן מיידל נאָך נאָכגעגאַנגען אַ האַרבער פירוואָרף פון אַלע אָרנט־לעכע און פרומע.

און צוריק גערעדט: ס'איז טאַקע שטאַרק געוואַגט. אַזוי אָרעם ווי זיי זענען! אָבער וואָס קענען זיי זיך העלפן? זיי ציט שטאַרק צו זיין נאָענט מיט זיך. דאָס לעכצעניש פון האַרץ, ס'געטרער פון דער בענקשאַפט מאַכט זיי שטום וועןביידע דערזעען זיך נאָך אַ לאַנגן אַרויסקוקן אויף איינאַנדער; דאָס וואַרטן אויף אים, אויף איר, איז אַ וואָרע מאַטערניש וואָס קיינער איז נישט אין שטאַנד צו באַנעמען, קיינער אַ חוץ זיי אַליין. סיי שלמהלע, סיי שרהלע מוזן זיך צעהעשען ווען זיי באַגעגענען זיך. איז דאָס ליבע? אָדער איז דאָס אַן אַרומשלעפּן זיך, וועדליק נישט־פאַרגינערס מורמלען? אמת,ביידן שרעקט עפּעס אומאויסדריקלעכס, אפשר דאָס וואָס זיי האָבן אָפּ־געשמועסט. אויף דעם נעוואָרעט איז עס אַ צו גרויסע משא פאַר זיי. ס'מוז

דאָך זיין גאָר ערנסט אין דער זאָרג פאַר יונגע פּאָרלעך, אויב ס׳איז אַזאַ געראַדעכץ דערפון און אַזאַ אַמפּערניש. אַנדערע זענען פּאָרט גליק־לעכער פון זיי. אַנדערע יונגענקע אַז זיי גייען זיך צונויף, ווערן זיי פאַר־זען מיט אַלעם נייטיקן; טייל קריגן אַפילו גרייטע קעסט. ראשית „טרעפן זיי מיט די טאַטעס״. זיי, שרהלע מיט שלמהלען זענען מוראדיק געשטראָפט. אַלע זענען קעגן זיי. די אייגענע פאַרשרייען די ליבע ווי אַ פאַרברעך. נו, ס׳איז אַל דאָס בייז פון דער אָרעמקייט. אַנדערע זייערס גלייכן ווערן גע־לאַשטשעט פון די לייבלעכע, מ׳פרייט זיך מיט זייער חתונה. זיי, פאַר־קערט, ווערן געשמיסן אי פון די היצן אי פון די קעלטן. נישטאָ ווער ס׳זאָל באַגערן זייער גליק. פאַר די היימישע איז עס גאָר אַן אומגליק. ביי לייטן ווערן אַזעלכע יונגע מענטשן באַשאָנקען מיט נדנים, איז זיי טאָפּלט גרינ־גער. אָבער זיי? זיי באַקלאָגט מען די קעפּ. סיי שרהלע, סיי איר חתנדל ווערן דערפאַר פאַרציטערט פאַרן שריט, צו וועלכן זיי גרייטן זיך. באַ־צייטנס ווערן זיי פאַרצערט פון דער אַחריות־מאָנונג כלפּי זיך און כלפּי דער פאָר: „האָב איך רעכט אויף דער ליבשאַפט פון איר? מעג איך זיך אָנהענגען אין אים, דעם אַליין געפלאָגטן?״ ס׳האָט זיך געטראַכט מיט האַרצ־קלאַפּעניש: אַט־אַט קומען זיי זיך צונויף אין די אייגענע פיר ווענט — איז וואָס דעמאָלט? וועט ער זיך אַן עצה געבן מיט די טראָפּן וואָס קענען אונ־טערקומען? יאָ, שרהלע איז נישט קיין ריז. ער ווייסט עס שוין. מ׳דער־קענט עס אין איר. חס ושלום אַ ליאַדע פאַרקילונג, רייסן זיך באַלד אירע לונגען. מ׳קען נישט רעכענען דערויף אַז תמיד וועט גיין גלאַט. וואָס ס׳איז אַלץ אָנגעבאַרייט פאַרן מענטש! אָבער ערגער איז אַז ס׳גייט נאָך די שנאה פון אייגענע. שנאה האַקט אונטער די פיס פונעם ווילן זיך קעגנ־צושטעלן אַלע שטרויכלונגען. און שרהלע האָט מער געבלייכט אונטער די מוראס וואָס איר דמיון האָט אָנגעוואָרפן: זי קען נאָך, גאָט באַהיט, פאַלן! זי באַדאַרף זיך דאָך אונטערנעמען צוצוהעלפן שלמהלען אין זיין זאָרג אויפצושטעלן די היים, זייער היים. זי׳ט מוזן זוכן עפּעס צו טאָן אויף צו פאַרגרינגערן אים. ווי ער ווערט פאַרשטויסן צוליב איר. אומדערבאַרעמ־לעך איז די גוטסקייט צו די אָפּגעציטערטע קינדער! איך בין אַ פורעניה, פאַר שלמהלעס היים אַן אומגליק, אָבער ער, זייער זון, זייער ברודער!? פאַר וואָס פייניקן זיי אים! טאַטע־מאַמע ווילן זען ביים זון נחת, שפע, און פון געטריישאַפט וועלן זיי אים צעקוועטשן.

פון ביטערן טראַכטן האָבן בײדע — יעדער פאַר זיך — געבויגן ס'געניק, געשראָקן זיך פאַר אַ נײַער טרויעריקײט, מחמת ליבשאַפט צו זײ. אַ חתונה װעט עס זײַן פאַר זײ? אַן אַנטלױפן פון פּלאָגעניש איז עס, — האָט געקלערט שרהלע און זי האָט דערפון געציטערט אױפן גאַנצן לײַב.

— געדענק, ס'איז אויפצועסן אַ זעקל זאַלץ און נישט קײן שטענדיקע טשוטשקעניש, — האָט זײַן מאַמע אים געװאָרנט מיט פאַרקרימטע ליפּן.

ס'איז אַ פּחד אין די־אַ װאָרענונגען! איז אפשר טאַקע נאָך אונטערװאַרטן? די צײַט איז סײ אַ רופא סײ אַ רפואה, טענהן געניטע מענטשן. „ס'איז געװוּנדט", — זאָגט אונטער אַן אַנדער שטים. „װאַרט, און ס'עט קומען עפּעס פרײדיקס", — צישעט נאָך עמעץ. דער בחור װערט מבולבל, ער נעמט זיך שרעקן פאַר זיך גופא. די מאַמע, — קלערט ער אין אַ פאַרלױרענער מינוט — װיל פאַרט נישט קײן שלעכטס פאַר מיר. און שרהלע האָט דערװײַל געשרומפּן אין דורכאַנאַנדיקן ציטערן אַנטקעגן דעם אָוונט־אָוונטלעכן װאַרטן אױפן אָנקומען פון איר ייִנגל: „די זײַניקע זאָלן אים נאָר נישט האָבן אײַנגעביסן".

אין בײדנס געהירן האָבן זיך בולט אָפּגעשאָטנט די דראָענדיקע פינגער פון די געטרײַע.

„אַזאַ װוילן שידוך רעדט מען דיר, שרהניו! װען דו זאָלסט װיסן װי דער יונגער מאַן גײט אױס נאָך דאַאַנע טריט! מײנסט, אַז מעגסט זיך אַ סך אײַנרעדן? ביסט דאָך נישט ר' צאָצס אײניקל װאָס האָט געלאָזן אַ ירושה פאַר קינדס־קינדער. אױ, כ'זאָל נישט אַזױ זינדיק זאָאַן װי דאָס מײדל קען זיך חס ושלום פאַרזינדיקן! ס'קען איר זאָאַן לאַכטיק די װעלט און זי לױפט־נאָך נאָך איר משוגענעם געדאַנק".

שלמה־יונה איז שױן געװען גאָר אין גאַנצן פאַרגלושעט פון די געשרײען און געװײנען: „מ'װיל עים גליקלעך מאַכן און ער װיל דװקא אַלע לײגן אין דר'ערד אַראָן!"

סײ דעם מײדל, סײ דעם בחור האָט מען אין דער הײם געשפּאָלטן די נשמה מיטן צוזאָגעכץ פון װײטלעכן גליק, אָבער זײ האָט געצױגן דאָס מטושטעשע ליכט װאָס כישופט מיט מילדקײט װי אַ זונען־שטריך אין טרעשטשנדיקן פראָסט.

— אױף אײן ברעט צו װױנען, אַבי מיט דיר צוזאַמען, — האָט זי אַרײַנגעהױכט אין שלמהלען איר גאָרע ליבשאַפט. — איך װעל דיר העלפן,

טייערער. כ׳על געפינען עפּעס צו פאַרדינען. וועסט זעען, כ׳על קריגן כוח, אויב כ׳על זיך נאָר פילן כ׳בין אין אַן אייגן ווינקל, — האָט ס׳מיידל אַרויס־געבראַכט איר טיפסטן אומעט. — די היים איז מיר נמאס, אפשר איז דאָס נישט דאָס ריכטיקע וואָרט פאַר דעם געפיל, אָבער כ׳קען מער נישט אויס־האַלטן, כאָטש כ׳בין צוגעבונדן צו איר.

ער האָט כמעט נישט געענטפערט, נישט געפילט זיך בכוח צו ענט־פערן מיטן נאַקעטן וואָרט וואָס קען בשום אופן נישט דעקן די שפּירונג, וואָס שרהלעס רייד ברענגען אויף אים.

— גיי שוין, גיי! — און געגעגנט צו איר, אַריינגעעטעמט אין זיך דעם האָניק־ריח פון איר אויפגייענדיקער יונגשאַפט.

...אָנגעקוקט אים אין טרויעריקייט און איר האָט פאַרקלעמט די ברוסט פאַר זיין בלאַסקייט, וואָס ערשט אַנטדעקט: — מ׳פייניקט דיך? איבער מיר ליידסטו. אָבער שלמהלע האָט עס פלאַטשיק געמאַכט.

— ס׳דאַכט זיך דיר, שרה־קרוין. מ׳עט נאָר איבערקומען. איך וועל טרינקען דעם טוי פון דיין גוטסקייט, וועל איך קריגן גראָבע באַקן. ׳עסט זעען, — און זי אימפּעטיק באַפאַלן מיט קושן, מיט היץ פון באַנייטער צוגע־בונדנקייט.

— עפּעס רויטע אויגן ביי דיר, מיידעלע! — האָט ער אויסגערופן אַ באַנומענער — אויך זי באַשטייט נישט, דיין מאַמע? אַך, אַך, נאָר זיך אָפּ־צויאָגן!

— וואָס דיר פאַלט איין! צייגוויייטיק האָט מיך אָנגעכאַפּט, — האָט זי אויסגעקרימט אַ שמייכעלע — אָבער ס׳שוין אַדורך. נאָך דאָס האָט צור־געפּעלט, — און אַראָפּגעלאָזן די וויִעס.

אין סך הכל האָט איינס פון ס׳אַנדערע פאַרבאַהאַלטן די עגמת־נפשן וואָס עס וואַרפן אָן די היימישע, מחמת די צוגעבונדנקייט שלמהלעס צו שרהלען און פון שרהלען צו איר יינגל האָט געשטאָכן „יענע״.

און איז ביי שלמהלען מיט שרהלען נאָך אַ מאָל און ווידער אַ מאָל געבליבן פעסט דער אָפּמאַך צווישן זיך: מ׳עט זיך צונויפגיין, מ׳עט שטעלן אַ חופּה, האָט עס געמיינט אַ מין אַריבערשפּרינגען אַ הויכן, דעם העכסטן פּלויט פון שטערונגען. וואָס ס׳קען געשען, זאָל געשען. אונדז קענען אַלע בייקומען — האָט שלמהלע אַריינגעטענהט אין זיין שולמית — אָבער דעם

טאָג וואָס וועט געבענטשט ווערן פון אַ דיין מיט אַ גרויסער פּאַטשיילע, וועט שוין קיינער נישט קענען צעשטערן. ׳עסט זעען אַז כ׳זאָג וואָר.

אַ וועלט מיט מכשולים האָט זיי געשראָקן אין זייער וועג, די דער־שראָקענע אין פאַרהוילנקייט מיט זייער שעמעוודיקער ליבע.

קאַפּיטל דרייצן

אויפגעשטאָכן דער בלאָטער אין דער היים, שלמה־יונה, דער בלאָטער האָט שוין געפּלאַצט (ווידער געשרייען, נייע באָכן טרערן דער מאַמעס); דער יונג האָט „געשניטן האַרטע ברעטער״ מיט די לייבלעכע.

— איך האָב נישט וואָס אויסצובאַהאַלטן, — האָט ער מיט אַ מאָל זיך צע־טומלט כדי אויף אַ לעצט אַליין זיך אויסצושרייען:

— איך טו ווי איך פאַרשטיי און מישטס ענק נישט. טוט׳ס נישט קאַ׳ טובות! —

פון אויפרעגונג זענען שלמהלען אַרויס די אויגן פון שטערן, ס׳האָבן זיך אויסגעשפּיצט זיינע קינען. אַ פיינלעכע איז געוועזן דעם בחורס נייע איבערלעבונג.

— אויב מ׳העלפט נישט עמעצן, מ׳לייגט גאָרנישט אַריין אין משא־ומתן, טאָר מע נישט זאָגן קיין דעות! — האָט ער געלערנט בלק מיט די געטרייע, שוין אין גאַנצן אויפגעדעקט די קאָרטן, אָבער שטיל:

— אויב קאָלט צו מיר, אויב נאָר תכלית זוכט עץ ביי מיר, אַזאַ מין געשעפט, געשעעפט, קען איך נישט זיין הייס צו ענק. כ׳קען נישט זיין בע־סער, אויב געשעעפט, — און שלמה־יונה האָט שיער נישט זיך אַרויסגע־כאַפּט מיט זיין צערענען. אָבער ער האָט ליבערשט פאַרפּרעסט די ליפּן און גאָר זיך דערוויטערט פון דער היים. זיי הונגערן? זיי ליידן? נישט וואָר! זיי פעלט גאָרנישט. אַנדערש וואָלט זיי נישט געלעגן אין זינען צו פאַר־פירן אַ מלחמה מיטן ט יי ע ר ס ט ן. הונגעריקע האָבן נישט אַזוי פיל כוח און נאָך ווינציקער האָבן זיי מוט. הונגער טרייבט נאָר די אַנטשלאָ־פענע ווילדקייט אינעם מענטש. אויב זיי איז צוגענומען געוואָרן דער שכל, איז ליבער צו זיין וואָס וויטער פון אַזעלכע. און שלמה־יונה האָט שוין נישט געוואָלט נהנה־זיין אַפילו אַ נעפּ וואָרעם וואַסער אין דער היים, נישט

צוגערירט זיך צו די פּאַסנע מאַלצייטן, וואָס די מוטער האָט אים דאָך אי־בערגעלאָזן. אַהיים געקומען בלויז נעכטיקן און געהאַלטן אויפן געדאַנק אַ ציטערדיקע האָפענונג נאָך צו געווינען דעם טאַטן.

די מאַמע, זי איז שוידערלעך פאַרביסן, די מאַמע מאַכט קולות, דער שטילער טאַטע איז גאַר אַנדערש, — האָט דער בחור זיך געטרייסט.

אין די אויפדערנאַכטן, די לעצטע בחורישע אויפדערנאַכטן זיינע, האָט שלמה בגוואַלד זיך אַוועקגעריסן פון דעם מיידל, צו וועלכער ער פלעגט עפּטערס אַריינפאַלן מיט אומקלאָרער צאַפּלעניש (אַ וועלט מיט זאַכן האָב איך נאָך אויפצוטוען, לאַכטיקע, — האָט ער זיך פאַרענטפערט און איז אַוועק). פאַר איר איז לאַנג געבליבן זיך הוידען די וואַרעמקייט פון זיין ז יי ן אין איר נאָענט. אַלע מאָל האָט ער זיך געוויזן צו איר מיט דער זעלביקער ליבער נאָענטקייט:

„וואָס 'עסטו זאָגן, שרהלע? עפּעס נייעס? זאָג, דערצייל, קליינטשיקס. אָנגעקומען אַ בריוו פון פעטער כיל־מאיר? — ער איז געווען געשפּאַנט אויף אַלץ וואָס ס'טוט זיך דאָרט, ווו מ'גרייט די חתונה זייערע, שרהניוס מיט אים, דעם קנאַפּן אויסטויגער. דעם פעטער כיל־מאיר, די מומע שבע, פלעגט ס'מיידל תמיד דערמאָנען, כאָטש ער האָט זיי נישט געקאָנט. „האַלט זיך רו:ק, — האָט ער איר געזאָגט אין שטילער רעגונג — ס'עט גיט זיין — —" ערגעץ ווייט, ביי אַ פעטער האָט זיך געגרייט די אָרעמע חתונה פאַר דער אלמנהס עלטסטער טאָכטער.

„ר'פאַראינטערעסירט זיך שטאַרק דער פעטער, — האָט שרהלע מיט טרעריקער פרייד דערציילט דעם חתן. — דער פעטער און אויך די מומע פאָרען זיך, זיי ווילן אַלץ מאַכן שיין און בכבודיק. ס'איז אין דיין זכות, שלמהלע", — האָט זי געוואָלט מוטיקן דעם ליבן.

— דו ווייסט, — האָט זי זיך אַנומלט אַ טוליע געגעבן צום יי:נגל מיט אַ סוד — די מאַמע האָט דיך שטאַרק אויסגעליבט פאַר זיי, ווען זי איז אַריבערגעפאָרן קאַ' לינטשיץ. דער פעטער און די מומע האָבן זיך אויסגע־פרעגט אויף דיר, האָט די מאַמע נישט געזשאַלעוועט: דו ביסט אַ ווילער, ביסט אַן איבערגעגעבן קינד פאַר דער היים. ס'איז דער בעסטער סימן האָט זי געזאָגט, פאַר דער אָרנטלעכקייט פון אַ האַאַנטיקן יונגן מאַן. אַאַ, ר'איז נישט קאַ' סוחר צי אַ פאַבריקאַנט, איז קענען אַלע זאַאַן גלאַאַך? איך בין נישט מהרהר אויף דעם, — האָט די מאַמע דערנאָך געזאָגט, ווען זי

האָט דערציילט פון יענעם שמועס. אַבי מיין קינד זאָל האָבן געטראָפן אויף אַ גוטן מענטש. עשירות איז אַ גאָטזאַך; כ׳האָף צום אייבערשטן אַז ס׳עט ענק גיט זאַן, — האָט די מאַמע מודה־געווען אַז זי האָט שוין חרטה אויפן זוילן מיך צו פאַרשלייערן פאַר אַ פאַרסאַרגעטן ייד וואָס איז פאַרזויערט ערגעץ אין אַ מיסחר מיט צעלניק און מיט חשבונות מיט פויערטעס־קונהטעס וואָס קומען נאָך אַלץ צום קופיעץ פאַן וואַווקע. אוי, כ׳וואָלט פון מיר געריסן די הויט, האָט זי געזאָגט, אויב כ׳וואָלט געמוזט צוזען ווי מיין יונגע בלום טריקנט איין ביי אַזאַ תרח — און זיך באַוואַשן מיט טרערן. זעסטו, שלמהשי, אָט לייטערט זיך אויס, — האָט ס׳מיידל זיך אַ שאַר גע־טאָן צום ליבן, זיך נאָך צערעדט פון לינטשיצער פעטער און דער מומע וואָס זענען גוט ווי אַ געשמאַק שטיקל ברויט. און דאָס לינטשיץ, זאָלסטו זען וואָס פאַר אָרט דאָס איז! שטיל און שיין, מיט אַ קייסערלעכן פּאַרק, מיט אַ טייך. האָסט געהערט פון דער בזורע, שלמהלע? ס׳איז אַ שטאָט, ווער מיט גוטס גינט! ס׳איז אַ ראַכטיקער אָנהייב פאַר אונדז — ווי מיינסטו, שלמהלע? פטרן ס׳אַלטע שלעכטס, וועט מען זיך פאַרנעמען אויף אַ נייעם וועג, אַ בעסערן. מיך האַרצט עס שטאַרק, און דיר, יינגלשי? — זי האָט אים ליבלעך געקוקט אין די אויגן אַריין. — אָבער וועסט דאַרפן זיין אַ גוטער אײדעם צו דער גוטער שוויגער. זאָגסט צו? — האָבן אירע אויגן שענער אויפגעלויכטן. די מאַמע רעדט פון דיר ווי פון אַן אייגן קינד. ביי איר איז נישט קאַ׳ נפקא מינה: „מאַן שלמה״, זאָגט זי. און מיינסט, זי האָט געהאַט עפּעס קעגן דיר? חלילה. ס׳איז פינצטער איר לעבן, זוכט זי אַ בראָק האָפענונג אין אַ וואָרט וואָס עמעץ לאָזט פאַלן פאַר איר, זי וויל זיך אָנשפּאַרן אין מינדסטן סימן. אַפילו אין דעם ראָזן ליכט פון שבתדיקן זון־אונטערגאַנג זוכט זי צייכנס אויף אַ האָפענונג פאַרן האַרטן אינדערוואָכן, וואָס האָט זי שוין פאַרמאַטערט. דער ניגון פון דער שכנטעס צאינה וראינה זאָגעכץ זאָגט איר אונטער אַז ס׳האָט זיך אויף אַ שטיקל ביטחון אויך פאַר דער אומגליקלעכער רייזל.

אָ, ווי ס׳מיידל האָט באַגערט צו פאַרהיימישן דעם חתן מיטן זאָרגן־טראַכטן פון די איריקע! שלמהלען איז עס געווען ליב, וואָס כאָטש „פון יענער זייט״ שטייט אין פריד זיין אומבאַוווסטער נאָמען און דער נאָמען פון זיין באַשערטער. אוודאי, ער דער חתן פון שרהלע ליינוואַל. וועגן אים שרייבט זיך אין די בריוולעך די פעטער־מומעשע — ווי שיין זייער חתונה־טאָג

האָט זיך שוין געשריבן אויפֿן פּרעמדלעכן האַריזאָנט פֿון דעם לינטשיץ וואָס אין נעפּל פֿון זיין בענקען!

אין אַזאַ אויפֿדערנאַכט האָט שלמהלע זיך אָפּגעריסן פֿון רגילותדיקן גיין צו דער כלה און מיט זיין קומען דערמאָנען איר אַז ס׳גענענט די פֿרייד פֿונעם פֿאַרצאַפּלטן האַרץ וואָס קלעמט אָקערשט אַזוי (אַלע מאָל האָט ער געפֿילט אַז ר׳באַדאַרף באַרויִקן ס׳מיידל, שטאַרקן זי אין דעם וואַרטן אויפֿן פֿאַרהאָפֿטן טאָג וואָס איז נאָך אַלץ אין מטושטשן קנויל פֿון איבערקלערן און טליִענדיקער אומזיכערקייט); אין אַזאַ שטאַרן אָוונט איז שלמהלע אַרויס צום בעלכאַטאָווער שילעכל פֿון לאַגעוויניקער גאַס, וואָס האָט זיך מיט די אָנגעצונדענע פֿענצטער געמאָנטשעט אין פֿראָסט און אין פֿונאַנדערגעגאָסענער שוואַרצקייט. איינער אַליין האָט דער בחור זיך געדרייט אין פֿריריקן דרויסן, געקלאַפּט אַ פֿוס אָן אַ פֿוס און אַ דורכגעפֿרוירענער אָפּגעוואַרט דעם פֿאָטער, ביז ער וועט אַרויסקומען פֿון מנחה־מעריב.

ענדלעך האָט דער סילועט פֿון ר׳ איטשען זיך אַ וואַקל געטאָן אויפֿן רוקן פֿון דער טריבער נאַכט, וואָס לויערט ווי אַ טייך אַ פֿאַרטייעטער אין דער פֿינצטערניש מיט אַ בלינדקייט, אָן אָנגעשפּיצטקייט.

— גוטנאָוונט, טאַטע.

— שלמה־יונה, דו ביסט עס? וואָס עפּעס אויף דער גאַס! — איז דעם מענטש געווען איבערדריסיק וואָס דער זון איז פֿאַרשטאַרט געוואָרן אויף דער קרירה. „מסתמא לאַנג זיך געדרייט אַזוי״, האָט ער אַ טראַכט געטאָן און אייליק געהייצט ס׳וואָרט וואָס ר׳האָט געגרייט פֿאַרן בחור. — ס׳אַזאַ בייזע קעלט. קים געיכער! — דער אַלטער האָט גערעדט און זיך אויסגעשטאָכן די אויגן אין דער געדיכטער פֿינצטערניש. ר׳האָט זיך געשווינד אַ באַוועג געטאָן און שלמה איז אים נאָכגעגאַנגען. נאָר עטלעכע שריט נאָכגעצויגן דעם פֿאָטער און ראַפּטעם זיך אָפּגעשטעלט:

— כ׳וויל מיט דיר רעדן, טאַטע, — האָט זיך געלאָזט הערן זיין אומדרייסטקייט. — ווייסטעד, ס׳רוקט אָן דער טאָג פֿון דער חתונה — און זיך פֿאַראיקעט — וויל איך... די מאַמע, זעסטו, איז מוראדיק איינגעעקשנט. — ר׳האָט געפֿירט דעם בליק איבער דער סקאַוווטשנדיקער פֿלאַך פֿון דער קלעפּעדיקער ערד, וויל אויך אַצינד זיך געשעמט מיטן גערהאַנגל וואָס ר׳פֿירט, כאָטש אין אמתן איז אים אַ שרעק דערפֿאַר; מחמת אין אים ציטערט אָן אויפֿהער דער געדאַנק אַז ר׳ראַנגלט זיך מיטן גורל וואָס

פּרוּווט אים אָקערשט אויס. ס׳איז פּיינלעך, אָבער ער קען נישט אַנדערש, טאָקע צוליב זיך און שרהלען צוליב — — צו וואָס, — האָט ער זיך קוים אַרויסגעקראָגן פונעם הודזשנדיקן געוויטער געפילן וואָס גרייפט אָן אויף אים — כ׳בעט דיך, אַזאַ האַרטנעקיקייט? דער מענטש קען דען אויסמעסטן ווי ווייט ס׳קען גרייכן זיין שטאַרקייט! זי עסט זיך אויף, די מאַמע, און זי קען דערהרגענען אַנדערע. דאַרף מע זיך נישט רעכענען מיט יענעמען? אַ מענטש מעג דען טאָן שטענדיק אַזוי ווי עס רעדט זיך אים אַרויס?! ווו איז איינזעעניש? מ׳טוט אַפילו פאַר אַ פרעמדן. צו אַן אייגן קינד מעג מען זיין אַזוי, ס׳וואָר? — האָט געוויין אים שוין געקוועלט. — צו דיר האָב איך גאָרנישט. איך פרעג נאָר, טאַטע, — אפשר וועסטו פועלן? מיינע רייד זענען אַרויסגעוואָרפן. אָבער איך קען נישט אַזוי פאָרן. ס׳אַ שאַנדע פאַר אַ פרעמדן וואָס קוקט זיך צו צו אַזוינס, און ס׳איז מיר אַליין אַ ווייטיק: טאַטע־מאַמע זאָלן ווערן בלוטיקע שונאים — פאַר וואָ־אָאָאָאָס! אַ פאַר־ברעך באַגיי איך? כ׳הרגע חלילה עמעצן, כ׳האָב פאַרשעמט ועמען? איך האָב חס ושלום אַ טענה? מאַיאָנטקעס קענען נישט זיין ביי אַלע. אויך דיר, טאַטע, האָט ס׳מזל נישט געדינט. ווי מ׳קען, אַזוי לעבט מען. בונטעווען זיך קעגן גורל איז נישט שייך. פאַראַן אַ וועלט מיט אָרעמע לייט, וואָלטן אַלע ווי איינער באַדאַרפט זיך ס׳לעבן נעמען. זעסט דאָך, מענטשן נעמען פאַר ליב וואָס ס׳איז זיי באַשערט. באַשיידענע גיבן נאָך אַ לויב דעם אייבערשטן פאַר אַלעם. אַבי ס׳איז דאָ ס׳געזונט, מ׳קען טוען פאַרן טעגלעכן ברויט, פאַרן ביסל געקעכטס. נאָר אומצופרידענע מיט דעם וואָס ס׳מזל שיקט זיי צו, לאָזן זיך אויף ריזיקעס, צו מאָל אויף שווינדל. אָרנטלעכע לאָזן זיך נישט אויף קרומע וועגן, האָבן אַפילו נישט קיין מחזקות מיט אַזוינע. וואָס, כ׳דאַרף עס דיר זאָגן, טאַטע? דו ווייסט מער פון מיר. מענטשן שלעפּן זיך נאָך דעם לעבן, פון דעסטוועגן וואָרעמען זיי אין זיך אַ האָפענונג. אַזוי איז עס אויף דער גאַנצער וועלט. נישטאָ קיין ברירות פאַר די אומבאַהאָלפענע. גלייב, זי איז זייער אַ ווילע, מיין כלה. און אַז מיר געפעלן זיך איינס דאָס אַנדערע, באַדאַרף מען עס קענען פאַרשטיין. מיט קללות העלפט מע נישט זיך און נישט קיינעמען. און מ׳דאַרף נישט פאַרגיסן ס׳בלוט פון יענעם. ביסט דאָך אַ מענטש, האָסט גאָט אין האַרץ, דאַוונסט אַלע טאָג — לאָז מיך נישט אַליין. איך בעט דיך...

פון דעם זונס רייד איז פאַרן פאָטער העפטיק אַראָפּגעזונקען ס׳ליכט

פון זיין גאָרער וועלט. געטראָטן איבערן גרוביק־גליטשיקן ברוק האָבן די שלייפן אים געהאַמערט ביי יעדן וואָרט דעם ייִנגלס. ווי דער שכל איז אים פאַרבלענדט! דאָך נאָך אַ קינד. און אַז ר׳האָט פאַרבלאָנדזשעט — לאָמיר זיך נעמען אַ געמעל ער בלאָנדזשעט, מיין שלמה — זאָל ער אַוועק־נעמען די אויגן פון אים? טאָ וואָס פאַר אַ איז דער טייטש פון אייגן בלוט און פלייש, בן אדם! „מ׳באַדאַרף נישט פאַרגיסן ס׳בלוט פון אַן אומשול־דיקן" — האָט דער בחור אים געמוסרט. טאַקע, וואָס איז שולדיק דאָס מיידל? און די מאַמע, אַ פרעמדע מאַמע, באַזידלט און באַשנידלט זי! דער ייִד איז געגאַנגען אַ באַנומענער און נישט געוווּסט ווו ער איז. ווידערקערנ־דיקע שאַרפע קולות, האָט ער געשפּירט, צעגריזשען זיינע אָדערן, די שניידיקע פינצטערניש שטעלט אַרויס אויף אים שפּיציקע ציין.

אויף אַן אמת: ער גייט דאָ אין קעלט, אין פייכטקייט און זיין געביין ברענט, אָט צעפלאַקערט ער זיך אַ צעצונדענער אויף די פעדעם פון זיין קאַפּאָטע, עס ברי׳ען אים שוין די קאַמאַשן! „טאַטע, רופט ער מיך — וואָס פאַר אַ טאַטע בין׳ עך, אַז כ׳קען צוזען אַזאַלכענע יסורים!" אַ צערו־דערטער, האָט איטשע האָפמאַן אַ רגע אַ זוך געטאָן דעם זון נעבן זיך און קוים זיך אַרויסגעקראָגן פון צערוישטן געקלער:

— וואָס דיר זאָגן, זון? — האָט דער אָונט אים אַ שאַרפן שמיץ געטאָן — איך בין שטום און לאָם. כ׳וועט צעריסן סיי דאָ סיי דאָרט. פאַר־שטייסט? — האָט ער זיך צוגעבויגן צו אים. — איך זע נישט דערין קאַ׳ חטא וואָס דו נעמסט דאָס מיידל. ס׳קען זיין, שלמה, זי איז אַ ווויל קינד. אָבער די מאַמע וויל נישט זען קאַ׳ שלעכטס ביי דיר. רעד זיך נישט איין. זי איז נישט קיינעם קאַ׳ שונא, נאָר דו ווייסט נישט? זי ליידט נעבעך. זעסטעך ווי ס׳מזל שיינט ביי דיין טאָטן. אַז ס׳איז דאָ אַ גוטער פונדאַמענט, ווייסטו דאָך, איז פעסטער די מויער, האַלט זיך שטאַרקער דער דאָך. אפשר איז ס׳געשריי אירס אַ געשריי קעגן זיך אַליין, קעגן אַן אייגענעם פעלער פון אַמאָל? וואָס אין אַ האַרץ קען זיך אַלץ צעטלי׳ען... מ׳וויל נישט, אָבער טרויעריקע געדאַנקען יאָגן אַן אויפן מענטש. מ׳דאַרף זיי גאָרנישט בעטן. די מאַמע וויל ביי איר קינד דערלעבן מער פרייד ווי זי האָט עס ביי זיך. מ׳זאָל נישט געפּרוווט ווערן, שלמה. ווייטיק קען צעדעפּטשען אַ האַרץ. עס איז דיין מאַמע. זון, זי פלאַטערט איבער דיין גורל. פאַרקוק איר ליאַרעם. ס׳בישט שיין? זי מיינט נאָר דיין גוטס. פאַרשטיי, אַ מאָל זענען רייד בלויז

אַ רויך וואָס שניידט די אויגן, קרעלט אין האַלדז — זייער געדאַנק איז פאַרפלויגן אָדער ער ליגט אַ געראַניעטער ווי אַ פויגל וואָס אַ זאַוויערוכע האָט אים אַראָפּגעוואָרפן באַנאַנד מיט דער נעסט. אוי, אוי, טרעפט אַזוינס, מיין קינד.

— טאָ וואָס זאָל איך טאָן, טאַטע? — האָט עס דעם בחור געשטיקט.

— איך קים ניש' מיט קאָ' עצות, און דו ברויכסט דען עצות? — האָט זיך אַרויסגעכאַפּט ביים ייִד מיט עצבות. און האָט ער דערהערט די אייגענע רייד, איז אים משמעות באַפאַלן אַ חרטה. מיט ציטערדיקע ליפּן האָט ער דערויף מוסיף געווען: — איך זאָג נישט אַז די מאַמע איז אין גאַנצן גערעכט, זעסטעך. אָבער ווי העלפט מען זיך, שלמה! אַליין באַנעמסטו דאָך אויך ס'געשריי פון דער מאַמען. אַז אַ מאַמע שרייט אַזוי, מוז עס איר שטאַרק ווי טאָן — — דער מענטש האָט זיך אָפּגעשטעלט, גלייך אים וואָלט געווען מסוכן שווער ס'גיין קעגן שטראָם פון אייגענעם טראַכטן. — ווייסטו וואָס? — איטשע האָפמאַן האָט ערשט גענומען גיין פּאַוואָליע, זקניש, אַקוראַט יעדער שריט זיינער וואָלט געווען אַ טרעטן אויף פּאָדעשוועס פול מיט געשווירן. — כ'האָב געקלערט, הערסט, נאָך איבערצורעדן מיט דער מאַמען, אָבער ניין. כ'קען קאַליע מאַכן. צו וואָס מער אויפרייסן די ווונדן? — און ווידער זיך פאַרהאַלטן. — ווילסטו, — האָט פאַרטרוילעך אַראָפּ־געגנידערט זיין קול — לאָמיר פאַרשווייגן ליבערשט אַלצדינג. איך זע אַז ס'עט אַנדערש נישט זאַן, נישט ביי איר און ביי דיר אויכעט נישט. זאָל זשע זאַאַן אין אַ מזלדיקער שעה! מאַן זון, לאָמיר לאָזן די פּיין אַנטשלאָפן ווערן. דער מוח לעכערט מיר שוין גענוג. נאָר פאַרגעס נישט: ס'דאַאַן מאַמע, שלמה, דאַרפסטו אַוועקקוקן. שכל, ווערסטו זאָגן? יעדער האָט זיך זאַן וועג צום שכל. נישטאָ קיין ברירה. אמת, ער איז ביי קיינעם נישט אַזוי מיושבדיק אַז זאָלסט קענען רעדן צו אים ווי ווילט דיר זיך — — נו, ס'עט קלעקן אויף האַאַנט. די קעלט רייסט שטיקער. די הויפּטזאַך: קענסטו, באַזאָרג בילעטן. איך וועל מיטפאָרן. מ'עט עס מוזן מאַכן בשתיקה. בעסער צו פאַרמיידן יעלות און זאָל דער איבערשטער זיך מרחם זאַן. כ'על אין דער פרי נעמען טלית און תפילין, גיין דאַוונען און מירן פאָרן. שוין האַאַנטיקן פראַאַטיק, זאָגסטו? ציט ער אויס דעם פרעג. — גיט, גיט, — דער פאָטער האָט, פאַרטראַגן אין אַ פלוצלינגער מחשבה, באַרויִקנדיק אָנגערירט דעם זונס אָרעם — כ'על געדענקען שלמה. זאָל גאָט נאָר שענקען ס'לעבן. זע צו

פאַרשפּאָרן נייע עגמת־נפשן. שוין גענוג תשעה באָבס אין שטוב. מ׳עט׳ס האָפּנטלעך איבערקומען און די מאַמע ׳עט זיך איבערבעטן מיט ענק. זי איז נישט אַזאַ שלעכטע, דאַן מאַמע. אַ נערוונע איז זי, איז ס׳שרייען איר נעענטער ווי דאָס קלערן. דער עיקר — מייד דו אויס טענות־מענות. שטי־יייל, האָרך מיך, זון!

די פּייכטע, קאַלטע פינצטערניש האָט איינגעשלונגען דעם אָפּהילך פון די אומגעריכט אונטערגעאיילטע טריט דעם פּאָטערס און דעם זונס.

אין שטוב אַריין זענען ביידע דערנאָך געקומען באַזונדער — לאַנג איינער הינטערן אַנדערן. דער סוף־ווינטערדיקער אָוונט האָט פריקרע, ווי שייערן אין נאַכטיקן פעלד, זיי נאָכבאַגלייט מיט פאַרדעכטיקן, אומרו:קן שאָרכן. שפּעטער האָט די קאַלעמוטנע שטוביקע נאַכט אונטערן נידעריקן פּולאַפּ זייער סוד פאַרשפּונען אין שאָטנדיקער שטילקייט: שלמה־יונהס חתונה־טאָג דערנענטערט זיך; שוואַרץ־יומטוב פאַר אַ בכבודיק הויז וועט עס זיין, ווייל אַ חתונה אויסגעטאַנצט אין טרויער — אָן דער לעבעדיקער מאַמען, ווייל מיט דער שרעקיקער סודותדיקייט פונעם טאַטן: „שטייייייל. האָרך מיך, זון!"

דאָס הויז איז שוין געווען מיד פון דערשלאָגנקייט, פון געשרייען, וואָרן מ׳דאַרף אין די אויגן פון די יינגערע יינגלעך אויסמיידן ס׳קריעה־רייסן פון דער פאַרצאָגטער מאַמען, האָט דער „אַלטער" תמיד דערמאָנט.

קאַפּיטל פּערצן

א ווייטער נעפּל האָט נידעריק זיך געקנוילט און געצויטלט איבער די אויפוואַכנדיקע געסלעך, איבער די משופּעדיקע דעכער, ווען פּאָטער און זון האָבן גענומען אַ דראָזשקע כדי צייטלעך אָנצוקומען צו דער באַן. צו אַ צוג טאָר מע נישט קריכן. אַ צוג איז אַלע מאָל אַן איילעוודיקע זאַך, — האָט געזאָגט דער זון אין דעם מוטנעם פרימאָרגן, פאַר וועלכן ער האָט זיך יאַקבי געשעמט מחמת דעם געפיל אַז ער האָט אַרויסגעגנבעט דעם טאַטן פון שטוב.

— געראַכט, שלמה־יונה. ס׳איז פּראַאַטיק. מ׳זאָל חלילה נישט פאַר־שפּעטיקן, — האָט דער פּאָטער געענטפערט כלאַחר־יד, מיט אַ האַלב מויל.

יִדישלעך פרום האָט איטשע האָפמאַן נישט געלאָזט פאַלן דעם ציטעריקן קלאַנג פון זיין מחשבה, וואָס ער| פאַרדושעט אין זיך: „שיינדל וועט זיך אײַ־בערשרעקן. זי׳ט איבערקלערן ווען זי וועט מיך נישט אַהיימזען. דערנאָך ׳עט זי זיך שוין משער זאַאַן און אַ שריפה־פלאַקער וועט זיך צעצינדן. ס׳זאָל אַראָן אין אַלע וויסטע וועלדער — — ווי מיר, און קידוש וועט זי נישט הערן, שיינדל! אַ פאַרשטערטער שבת גייט אויף מאַאַן וואַאַב. אַך און ווינד דעם אָרעמאַן!״

— פאַרשטייסט, — האָט ער זיך צוריקגעקערט צום איבערגעריסענעם גערייד: — בעסער צו קימען אַ שעה פריִער, איידער איין רגע צו פאַר־שפעטיקן.

שלמה האָט מער נישט געהערט דעם טאַטנס געקלער וואָס האָט זיך גע־טראָגן אויך פון זיינע מרוזשנדיק־פייכטע אויגן און פון זיין ראַפּטעמדיקן אַנטשוויגן ווערן. מחמת שולדיקייט האָט דער בחור אים נאָר באַרויִקט:

— ס׳צאַאַט, טאַטע. אַ זאָג געטאָן און זיך אָפּגעגאָסן מיט אַנגסטן פון נער־וועזקייט גיכער צו אַנטקומען פון שטאָט (די מאַמע קען נאָך אַהערגרייכן מיט איר קוויטש! זי׳ט זיך איבערגעוועקט, דערזען ס׳פרי־אָפּגעליידיקטע געלעגער!), כאָטש לויפן געשווינדער פונעם פערד קען סיי ווי נישט גע־מאָלט זיין. אים, דעם חייב אין אַלעמדינג, איז געוואָרן איבעריק ס׳רעדן.

אָנגעקומען לסוף אויפן וואָקזאַל, איילן פאַרנומען ערטער אין וואַגאָן, האָט ס׳בלוט באַלד גענומען גליווערן אין פאָטער און זון: דאַכט זיך, קוים געדאַנזשעט און דאָ הייבט זיך נאָך נישט אָן! ס׳איז פרייטיק. אַ קליינער טאָג. זיי זיצן שוין אין צוג, אָבער אומזיסט געוועזן ס׳איילן זיך. ביידע בייגן זיך אַרויס, זוכן ס׳פאַרתמטע פרצוף פון גרויסן זייגער. אַוודאי, ער לאַכט זיך אויס פון אונדז! די ווייזערס רירן זיך, דער זייגער חידושט זיך אויף די מענטשן וואָס פלאָנטערן זיך אין נעפל פון דער צייט: „טאָ איז וואָס אַז ס׳רוקן זיך די שעהן?״ אויף להכעיס פוילט זיך די באַן. אַקוראַטנע וועט זי שוין נישט אַוועקגיין. דאָס ווערט אויך קלאָר פון מענטשנס איבעררופן:

— ס׳עפּעס געשען! — „איך לויף, זאָגט מען, און דער פייפער שטייט!״ נו, עמעץ האָט אויך געפּרוּווט זיך פאַרטומלען אין אויפרעגונג.

— מסתמא די ליניע פאַרנומען, — האָט דער פאָטער זיך צוגעבויגן צו שלמהן. — קען זיין, ערגעץ האָט אויסגעבראָכן אַ פרישע זאַווערוכע. שנייען פאַרמעקן די באַנוועגן. אויך געפּרווירענע מאַשיניסטן און אָקעוויט פעלן נישט

ביי אַנטעקן אין דער מדינה. להוט זיך צו דערמינטערן פון קאַלעמוטנע־קייט, ווערן די הענט קנאַפּע באַלעבאַטים איבערן רעדל וואָס דאַרף קערע־ווען אין מרחקים אַראַן. באַשניאָשקעטע מאַשיניסטן שטעלן איין ס׳לעבן פון מענטשן. אַראַנצופאַלן אין אַזאַלכע לאַפּעס איז אויך אַ גליק. גליטשיק די שינעס, גליטשט ער זיך, אַ גאַנצער צוג אין שאול תחתיה אַראַן. ערשט דער נעפּל! אַז אַ לאַמטערנע־פלאַם גרין צי רויט באַווייזט נישט דורכצובויערן די טאָג־בלינדקייט וואָס איז געדיכט ווי פּוטערמילעך! מ׳זאָל באַהיט ווערן. ס׳גלייכער דער צוג זאָל שטיין, איידער... מ׳קען נישט — באַדאַרף מען נישט. גענוג זיך אָנגעהערט אַזאַלכע אומגליקן. באַנען זענען נישט מער ווי איי־זערנע גולמס וואָס ווערן געשטויסן פון פאַרע און פון ווילדע קעפּ.

— ׳עסט זעען, מ׳עט דאָנזשען, — זאָגט ער דערנאָך, ווען ר׳זעט דעם זון אַ צעחושטן: — סך הכל אַ צוויי שעה צו פאָרן, שלמה? וואָאַטער אַראַן וועט דער נעפּל צעקריכן ווי פּאַפּיר. די זין וועט זיך נאָר דורכראַאַסן. דו דריי זיך נאָר נישט אַזוי פיל, יונגער מאַן! מיטן אַרויסקיקן אַזוי פיל וועסטו נישט אונטערשטופּן די באַן. זעץ זיך. גיב ליבערשט אַ קוק צי ס׳פּעקל ליגט נאָך אויף דער פּאָליצע. האָב אָפענע אויגן: ביי אַזאַ עם־רע וואָס שטויסט זיך דאָ, קען דאָס פּעקל קריגן פיס. ערלים אַרום ווי די מערעשקעס. זיץ, וועסט באַלד נישט האָבן ווו זיך צוזושפּאַרן. זיי טינקען די לאַפּעס ווו מ׳דאַרף נישט. בכלל איז יעדער שאַלעף אַ לקח, — און אַ קער געטאָן אָן אַ זייט די אויגן, אין אָנצוהערעניש אַז מ׳קען זיי אַוועקטראָגן צווישן אַ יאָ און אַ ניין.

דער פאָטער האָט אַזוי אַרום געוואָלט באַשעפטיקן דעם זון, וועלכער האָט נישט געקענט פאַרהוילן זיין צעטראָגנקייט.

„אַנידערגעזעצט" אים, האָט דער בחור געפינטלט מיט די אויגן: קלאָמ־פערשט איז ער רואיק, אָבער ר׳זיצט מיט שטאַרק צונויפגעדריקטע ליפּן.

שרעקלעך נערוועזש דער בחור, — האָט דער פאָטער איינגעזען.

— זאָגסט עפּעס, שלמה?

— גאָרנישט, טאַטע.

— האָב געדולד. די באַן וועט שוין רירן. מסתמא געפּרווירן דער קעסל. וואָס מער מיר ׳עלן זיך שלאָיען, אַלץ מער ׳עט מע שטערן!

— איך שטער? ווער שטערט! — האָט שלמה שוין געענטפערט מיט אומגעריכטער האַסטיקייט און זיינע שוואַרצאַפּלען האָבן אויפגעבערענט.

— בעסער צו זיצן און וואַרטן. לאָז זיך דעם קעסל דערהיצן.

— איך לאָז נישט? — גיט עס דעם בחור שוין אַ הייב. — דער לאָקאָמאָטיוו סאָפּעט אָן אויפהער, הערסט? — ער טוט זיך דערויף אַ צי מיטן גאַנצן קערפּער צום וואַגאָן־פּענצטערל, שטעלט אָן ס׳געהער: — וואָ׳דען? ר׳האָט אַסטמע באַ נ׳עים בלאַאַבעכץ! ער קילט זיך קיין מאָל נישט אָפּ.

— ר׳איז הייס, זאָגסטו, דער קעסל? טאָ קיל דו זיך אָפּ, יונגער מאַן, — האָט דער פּאָטער נישט געקענט אויסבאַהאַלטן זיין פאַראיבל און איינגערואיקט דעם זון, וואָס האָט נישט אויפגעהערט זיך צו הייבן פון אָרט. ווייל שלמהן איז געווען נישט ניחא ס׳זיצן אַנטקעגן טאַטן. די גראָ־טל׳ענדיקע באָרד, זיינע פאַרמרוזשעטע אויגן האָבן דייטלעך אים געמוסרט. ער פירט אים צו אַ גוואַלדאָוונע שמחה, — האָט אַן אומהיימלעכקייט זיך צעווינטיקט אין דעם ייִד, בעת אויף דער נשמה איז אַזוי אויך אָנגעזאָליעט. — איי, ר׳וואָלט כאָטש געקענט זיך צערעדן, דער גוטער טאַטע. צו וואָס באַדאַרף מע זיין גוט? ר׳וואָלט זיך געקילט, ווען ר׳קען דעם יונג אויסזידלען פון אויבן ביז אַראָפּ: „צו דעם האָסטו געדאַרפט מיך שלעפּן? זאָג, אַדרבא, צו אָרעמקייט דאַרף מען זיך איילן, אַזש צו מוזן די מאַמע, דעם געטרייסטן מענטש אויף דער וועלט, לאָזן זיך אָפּעסן ס׳האַרץ! מענטשן האָבן הצלחה. ס׳מזל קומט זיי אין שטוב אַריין, אים גליטשט עס זיך פון די הענט אַרויס. געקומען נאַרייען גליק־שידוכים, האָב׳עך די מענטשן געטריבן: „ס׳צאַאַט. אַ ייִנגל נאָך מאַן זון!״ ערשט האָט דער יונג אַלץ צעבלאָזן. ר׳עט אַליין אָפּגעפינען זיין מזל. אַזאַ ליגנער! ברענגט נחתן טאַטע־מאַמען! אויב שוין יאָ פאָרן אין דער פרעמד אַראַן, גרייטן זיך מענטשן אויף חתונות באַנאַנד מיט משפחה־לייט. ס׳צי׳ען יומטובדיקע בוידן מיט געסט. עס גייט מיט אַ וויפראַווע, דרשה־געשאַנקען; און מחותנים פירן דעם חתן בהרחבה, אין אַ קאָטש, הינטער אַ שערענגע פורן. געניטיק באַדאַרפט זיך אַזוי צעברעכן. טאַקע דו, דו, און אַ גאַנץ הויז אַריינשלעפּן דעריין! זיץ באַנעזאַמעט, וואַרט ביז דער אייזערנער אָקס וועט דיך נעמען — — — ס׳ווילט זיך אים אויפשרייען, דעם מענטש, אָבער ער פאַרבייסט זיין ווייטיק אין זיך. ר׳וואָלט אים אָנגעלערנט, ווען ער וואָלט געווען אַ טאַטע ווי ס׳קער צו זיין. אַזוינס איז נאָר צו לאָזן זיצן אין אָנגעפּרווירענעם וואַגאָן און אַליין צוריקלויפן. ס׳אַזאַ בידע אין שטוב ביי אים. ער וואָלט כאָטשיק געווען אין דער היים מיטן ווייב אין

דעם טאָג פון זייער באַנאַנדיקן צער. אויסגעגראַבלט זיך דערצו אין אַ פראַטיק. אַזאַ צאַאַט, ווען מ'ווערט לא עלינו דערשטיקט.

...סוף כל סוף האָט די באַן זיך אַ טרייסל געטאָן. דער לאָקאָמאָטיוו האָט זיך צעצישעט, אָנגעצונדן זיך מיט אַ פּאָר פייערדיקע אויגן, פאַרשייט בלענדיקע אין זיין אייזערנער מאָרדע; ר'האָט זיך צעבושעוועט, דער דערצונדענער אָקס און זיך געריסן אין מוטנעם טאָג אַריין. ער שלעפּט, טאַטע, ר'גייט אויף אַן אמת, — האָט שלמהס בליק זיך צעשפּילט, געזוכט אַן אָנשפּאַר אינעם פאָטער וואָס איז שוין געזעסן אַן אויסגעהוילטער מחמת איבערגעלאָדנקייט פון טראַכטן אין שרעק: „זיי וועלן אַריינשניידן אין שבת. און נאָך געלאָזן הינטער זיך אַ בהלה“ — — — ר'עט אפשר אונטעראיילן, — האָט דער ייִד דערנאָך אַרויסגעבראַכט פאַרן זון. און באמת: ר'האָט זיך אָנגענומען מיט אַ בייזן כוח, דער צעיאַכמעטער קעסל וואָס פאָרנט פון צוג; ר'איז געלאָפן מיט די הוקנדיקע וואַגאָנעס, אַריין אין דער מילכיקער שיין, ווו קיין לעבן איז נישט ניכר, קיין מענטש נישט צו זען. עס האָבן זיך געריסן פון אים פאַרדרענגטע נישט־דאָיִקע קולות און זיי האָט נאָכגעיאָגט אַ ראַסלענדיקער געבראַזג פון אייזן וואָס שטויסט זיך אָן אויף פליעסקנדיקער פעלדישער פאַרעקשנטקייט. ערגעץ אויסגערונענער ממשות פאַרבאָרגט זיך הינטער קנוילן נעפּל און אַריבער זיי הילכט, עס לויפט די טראַסקנדיקע באַן, זי שפּייט רויך, רעגנט מיט פונקען און לאָזט נאָך זיך צעדריוולטע צויטן פון אומהיימלעכן טאָג.

מבולבל האָט זיך געריסן די צייט, געוואָלקנט זיך פאַר איטשע העפּטער מיטן זון. ווו איז מען? — האָט דער אַלטער זיך געטשוכעט — רירט זיך כאָטש די באַן אָדער זי טומלט בלויז? מחמת דער סכנה צו פאַרשפּעטיקן אין דעם קליינעם פרייטיק, האָט זיין געדאַנק זיך צעצאַפּלט; ס'נישט געווען מעגלעך זיך אָנצוכאַפּן אין אים, אָפּצושטעלן זיך אַנטקעגן דעם שווימענדיקן איבל.

סיי דעם פאָטער, סיי דעם זון איז נישט געווען ניחא זיך צו באַגעגענען מיטן פיבער־גלאַנצל, וואָס האָט שאַרף געטליעט אין די אויגן ביי איטלעכן פון זיי. איןביידע האָט געלעבט די זעלבע שרעק: „וועלן זיי אָנקומען אין צייט? וועט'ס כאָטש אַדורך בשלום?“ זיך פאַרלוירן אַנטקעגן די צונויפגעדרענגטע מענטשן באשר זיי קענען זיין עדות פון זייער פאַרשעמטקייט אין

דעם־אַ הודזשעניש, האָבן פֿאָטער און זון זיך פֿאַרבאָרגן פֿון אייגאַנדער מיט זייער טראַכטן:

זאָל ער מיך נאָר נישט פֿרעגן! כ׳וואָלט׳ן באַדאַרפֿט אויסזידלען.

וואָס קען איך אים זאָגן? גאָאָאָר נישט! — און שווער אַוועקגעדרייט דעם בליק.

צוגלייך מיטן הוקען פֿון די באַנרעדער, האָט געגומען האַמערן אין דער ברוסט פֿון דעם מחותן און פֿונעם חתן —

„זיי פֿאָרן, זיי רייטן, אָבער וואָס טוט זיך דאָרטן?״

ווי אַ געשווילעכץ איז אַנטקעגן אָנגעשוואָמען די אויסגיכטערונג: שרה־לע קוקט זיך שוין אויס די אויגן. ס׳שפּעט, און זי זעט אונדז נישט! — שיינדל צערייסט זיך פֿון עגמת־נפש. אַ מאַמע וואָס האָט געבלוטיקט אויפֿן קינד, אַ מחותנתטע, און מ׳האָט זי אַוועקגעוואָרפֿן — — —

צוויי ד אָ ר ט נ ס האָבן זיך אָנגעטהומט פֿאַר פֿאָטער און זון. וועלן זיי ד אָ ס אַריבערשפּאַנען? דער ווייטיק האָט אין זיי געשווילט און גע־טונקלט.

נישט דער, נישט יענער האָבן געקענט לאַנג טראַכטן דערפֿון; דער צוג איז געלאָפֿן און געבליבן זיך פּלאָנטערן אויף אַן אָרט ווי אַ פֿערד מיט גע־בונדענע פֿיס אויף דער לאָנקע. עס שאָטנט זיך איבערן גראָז, מעלה גירהט און הירזשעט. פֿאַר פֿאָטער און זון האָט אין גראָ געהימלט דער ווינטערדי־קער פֿריטיק, עלעהיי דער פֿאַרנאַכט אויפֿן דאַך פֿאַר זייער שטוב; איבערן דאַך הויקערט זיך רויכיק, לויפֿט מיט געבריל אַ זאַווייע, לויפֿט און בוקט זיך, טונקלט און זע ווי קלאָר: אין דער פֿאַרוואָלקנטער שויב שטייט פֿאַר־קרענקט אַ כלה־מיידל בלאָס און צאַרט און נעבן איר די פֿאַרצאָגטע גרינע מאַמע (סיי דער אַלטער סיי דער יונגער ווערן אָט־אַ געשטויסן פֿון דער זעל־ביקער גרימאַסע):

— „ס׳שוין אַזוי שפּעט, שרהלע. האָסט זיך כאָטש נישט טועה געווען ביים לייענען זאַאַן שראַאַבן?״

— וואָס פֿרעגסטו, מאַמע? ר׳שראַבט גענוי: ר׳קימט פּראַאַטיק, האַאַנט.

מיט אַ מאָל האָט זיך דורכגעריסן אַ בפֿירוש ווייבערישע טרעריקייט און שאָטנס שלייכן האַרט איבער דער וואַגאָנישער הודזשעניש. געשפּאַנט אויפֿן געדאַנק וואָס האָט זיי אַרויסגעפֿירט פֿון שטוב, האָבן טאַטע און זון רעכט דערהערט ס׳געברום פֿונעם אומגעדולד וואָס האָרבעט זיך אַקעגן זיי. די

אָרעמע מאַמע דער כלהס, זעען זיי, שטייט אַלץ און יאַדעט די טאָכטער אַנטקעגן דעם פּויזנדיקן פּאַר נאַכט.

— „מוזסט מיך נאָך צופּייניקן, מאַמע?" —

אָנגערונצלט פון דעם וואָס פאַרנומען, האָט דער יונגער מאַן אָוועקגע־דרייט דעם קאָפּ פונעם פּאָטער וואָס האָט צוגלייך מיט אים „דערזען" ווי ס'מיידל צעסקאָמליעט זיך און אירע שיינע אויגן פאַרלויפן מיט אַ רעגנ־פּלייץ. אָבער באַלד שניידט זיך ווידער אַרויס אַ קול:

„כ'מיין, מ'עט באַלד לעכטצינדן, שרה, — די ייִדענע איז אַרויס ווי אַ פּאַרטייבטע פון אויפגעטויכטן ווייטיק: — אַ מענטש, ווייסטו, וואָרט. ס'עט זאַאַן שפּעט, 'עט דער רב נישט וועלן קימען! אַ רב 'עט גיין מחלל שבת זאַאַן?"

(„אָך, וואָס טו איך! שרהלע איז אויס פון יסורים. זי קלערט שוין אַז איך האָב בלויז צוגעזאָגט. אָפּגענאַרט!" — האָט עס שלמהן אַ גרים געטאָן אין די געדערעם, אין פּיין פאַרקוועטשט די אויגן)).

— „אַן אָרעמאַן זאָל גאָרנישט געבוירן ווערן, — איז מיט אַ קווילנדיקן האַלדז אָנגעשוואָמען די מומע שבע מיט אַ ברייט פּאַרטעך אויף די באָקעס. — מנע, אויף אַזוינס זיך נישט געדעכט! געוואָרפן דעם מאַרק אין מיטן קאָך, געטריבן די קונים אויף נישט צו פאַרשפּעטיקן. איצעט האָסטו דיר פּאַר ס'דאַאַניקע. געאַאַלט זיך! און פאַרפּאַליעט זיך די הענט ביים אויוון!"

זיך צעזונגען די ייִדענע און יענע, די מאַמע מיט דער כלה שטייען שוין מיט די פּנימער אין די דלאָניעס און העשען: „ווײַ איז מיר! אָך איז מיר!"

— ני, ני! נישט ליאַרעמען, וואַאַבער! געפינען די ראַכטיקע צאַאַט פאַר תחינות! געזעען? אַ באַן קען אויך אַאַנשנאַדן. ס'אי' דעך ווינטער! אַ ווײַנעכץ אין מיטן דערינען!

ס'איז דער פּעטער כיל־מאיר. מיט אַ מאָל האָט זיך צעשריגן דער לינטשיצער פּעטער, אַ קליינער, אַ שוואַרצער ווי אַ מעשהדיק שוסטערל, כאָטש ער איז אַ שניידער ביי אַ פלינקער ניי־מאַשין. זיינע שפּיציקע אייגע־לעך קוקן אַריבער דעם קרענצל נקבות:

— ניטע, ניטע, וואַאַבער! וואָסי? ס'האָט שוין געטראָפן אַזוינס. די וועלט גייט חס וחלילה נישט אונטער. און אַז מ'פאַרשפּעטיקט? דער ים טריקנט נאָך נישט אויס. שאַ, שאַ! קודם 'עט מע אָפּרעכטן אַ שבת ווי ס'באַ־דאַרף צו זאַאַן. שבײַסצונאַכטס איז אויכעט אַ צאַאַט פון זאַן ליבן נאָמען. איי,

קען נאָך הבדלה זאָגן אַ פריילעכע חתונה! אָט־אָט עפענען זיי די טיר. גע־
הערט אַ וויינען?... זעכער אַנגעשניטן אין די שנייען!

— — — — — — — — — — — — — — — — —

די קולות, די כמורנע גרימאַסעס האָבן געעקבערט די געהירן, געשטאַ־
נען פאַר דעם פאַר׳צער׳טן יונגן מאַן וואָס האָט איינגעשניטן אין דער יאַזדע
צו זיין אייגענער חתונה. ממש געזען ס׳מיידל אַ פאַרווייטע און דערשפירט
ס׳טרייסטנדיקע געשריי פון דעם שוואַרצאויגיקן טאַנדעטניק כיל־מאיר.
אָקערשט שטייט ער שוין אַן אַנטשוויגענער, אַ פאַרטראַכטער און איז אַריינ־
געטאָן אין זיינע נעגל. אַריבער אים וויקלט זיך די פאַרע פון טעפּ און ראַנד־
לעס מיט די געקעכטסן פאַר דער חתונה־מאָלצייט. האַסטיק איז שטיל גע־
וואָרן אין שטוב, ווייל אין מיטן גראָבט זיך נאָך דאָס מוח־לעכערנדיקע
שוויגן פון דעם רירעוודיקן מאַנצביל.

שלמה האָט שוין געקאָנט דעם האַרעפּאַשנעם פּעטער דער כלהס: אַז
ר׳פאַרקלערט זיך צי ר׳האָט פאַרדראָס, נעמט ער גריזשען די שפּיצן פון
די פינגער. ביז בלוט גריזשעט ער זיי. אין הודזשנדיקן וואָגאָן, אין געפלאַ־
קער פון זיינע נערוון, האָט ער אַלצדינג פאַרנומען, דער דערשלאָגענער
חתן־בחור און זיין קאָפּ איז געזונקען אין קלערן: „וועלן זיי באַווייזן? זאָלן
כאָטש בלייבן מינוטן צו ליכטצינדן! אַבי שרהלע זאָל נישט פאַרשעמט
ווערן — — —“

אַ תפילה בלחש האָט אויסגעציטערט אין אים. זיינע ווייעס האָבן זיך
צעפּינטלט אין דער דריקנדיקער שיין פון סומנעם דרויסן וואָס טונקלט, ביי־
דערט גוואַלדיק גיך. דערפון האָט שלמה געוואָלט זיך אַראָפּרעדן פאַרן פאַ־
טער, זאָגן עפּעס פון דער שווערקייט וואָס דריקט, אָבער ער איז נישט גע־
ווען בכוח אַרויסצוברענגען דעם ברי פון אָט־דעם געדאַנק:

„׳עט עמעץ קענען גליבן? כאָטש צערייס זיך, דאָ רירט עס זיך ווי פון
סמאָלע. דאָרט ברענט מען אין אומרו, אָבער די באַן האָט אַ בהמהשן גע־
דולד. ווי מיינסטו, טאַטע, מ׳עט באַווייזן?“

דאָך — אַנטקעגן פאָטער איז דער בחור געבליבן אָפּהענטיק, שטום.
ר׳האָט מורא געהאַט אים צו דערצערענען. דעם טאַטנס שוויגן אין דעם
הודזשעניש פון טרייסלענדיקן וואַגאָן האָט דעם יונגן מאַן אויף אַן אמת
דערשראָקן: סיי ר׳קען פאַרשפּעטיקן דעם זמן־החתונה סיי די באַן וועט

אַריינשניידן אין שבת אַריין. איי, איי, מער פעלט אים נישט, דעם גליקלעכן האָז, שלמה האָפּמאַנען!

אָבער גאָט צו דאַנקען — דער צוג האָט אַ סאָפּנדיקער זיך אָפּגעשטעלט היפּש ווייטלעך פֿאַר דער שוועל פון לינטשיצער בנעימותדיקן שבת. זיי האָבן געזען, די פרעמדע, אַז די וואָך דרעפּטשעט נאָך אַרום אין דעם שטעטל אין פֿאַרבלאָטיקטע שטיוול און פאַרהויבענע פּאָלעס.

קאַפּיטל פופצן

צ׳יען זיך, היפּען איבער די גאַסן פון פרעמדן מקום צוויי מענטשן, אַן על־טערער מיט אַן אָנגעשימלט געל בערדל און אַ יינגערער אַ נשתוממער פֿאַר אַלץ וואָס אים קומט אַנטקעגן, אָבער בייביידע זענען בפירוש פֿאַר־מעקעטע פּנימער: „ווו גייט מען אַצינד? וועמען פרעגט מען? אַז די לייט די דאָזיקע האָבן זיך אויף אונדז נישט דערוואַרט — — — זיכער זענען זיי געקומען אָפּוואַרטן”.

אַן אומדרייסטקייט איז געווען פאַרטייעט אויף ביידן, אַפילו אין זייער יעדן קער.

אַן אַ פאַר וואָס האָבן פאָטער און זון זיך איבערגעקוקט פאַראיבלדיק. קיינער האָט פון דעסטוועגן זיך נישט אַנטדרייסט צו פאַרפירן אַ גערייד פון דעם וואָס ס׳ציטערט אויף דער שפּיץ צונג. פון זייערע איינגעהאַלטענע באַ־וועגונגען האָט נאָר געשריגן אין געשריי ווי פון געפּענטעטע: נישטאָ קאַ־צאַאַט, לאָמיר נאָר נישט באַלאַמוטשען!

מיט אַ מאָל:

— האָט נישט פאַראיבל — צו ציגאַנקע גאָס גיי איך ראַכטיק?

דאָס האָט דער עלטערער אָפּגעשטעלט אַ וויבל מיט אַן אָקסלבערעט ווי אַ שמאָלטשיק דעכל איבער אירע צעוויגטע הענט, וואָס אַראָפּ ביי זייערע שפּיצן האָבן אויף דראָטן קלימפּערנדיק זיך געהוידעט פולע עמערס מיט וואַסער. אַ טונקל מיניעדיקס איז געווען דאָס וואַסער אַקעגן דער אַראָפּ־זינקנדיקער טאָג־טריבקייט, וואָס האָט געווייעט פון די שטעטלשע דעכער.

— די ציגאַנקע? — האָט יענע אין שטוינען אָפּגעמאָסטן די ביידע וואָס האָבן נישט היגע אָט־אָ זיך אַנידערגעשטעלט פאַר איר. — נישט וואַאַט

איז די ציגאַנקע. מ׳שנײַדט אַדאָרעך דעם מאַרק, מ׳פאַרנעמט זיך אַף לינקס און מ׳גייט דערנאָך גלאַאַך. אָבער ס׳געווענדט — האָט זי מוסיף געווען מיט יענעם נייגיר וואָס לייט אין פאַרוואָרפענע מקומות ווײַזן אַרויס, כאָטש מיט אומדרייסטקייט, ווען זיי באַגעגענען זיך מיט מענטשן פון דער פרעמד: — צו ווערמען עך פרעגט זיך אויף ציגאַנקע? ס׳קאָנעהאָרע אַ שטאָט גאָר נישט קאַ׳ קליינע און אונטער יעדן פולאָפ זיצן אַ פּאָר אירע. ווי רופט מען, אויב מע מעג וויסן, דעם באַלעבאָס וואָס עך באַדאַרפט צו ב׳עים?

זי האָט אָפּגעדעכעט, רעדנדיק אַראָפּגעלאָזט די עמערס וואַסער צו די פיס, אויסגעגלייכט די פּלייצע און מיט די אויגן און מיטן בינטל האָר, צו־געקלעפּטע צום שטערן, זיך איינגעשפּיזט אין די פרעגערס.

— וואָס איז די נפקא מינה? — האָט דער ייִד מיטן זשאַווערדיקן בערדל מורא געקראָגן פאַרן איינדרינגלעכן קוק פון דער ייִדענע — מ׳וויל ציגאַנקע, פרעגט מע נישט אויף דער טאָטערקע!

דער מענטש האָט גאָר שטאַרק נישט געוואָלט מ׳זאָל אים אויסוואָפּן. ווי מענטשן זענען עס נייגיריק אויף יענעמס עסקים! — ני, — איז ער גע־וואָרן אומגעדולדיק, — איר׳ט זאָגן, וואַאַבל? דעם ייִד האָט שוין באַשיימ־פערלעך אַ טאָרע׳ געטאָן די שטילקייט וואָס וואַרעוועט דאָ ווי אַן אָנגעיאָכ־מעטער דאָרפישער הונט אַ בייסער.

— איך זאָג דאָך: גייט גלאַאַך! — די־אָ האָט אַ ברוגזלעכע שוין גע־וואָלט מאַכן אַ סוף צו דער פריקרער באַגעגעניש. — נאָך נישט אַריינגע־שטעלט דעם פוס און שוין חכמעט זיך דאָס איבער אַ קליינשטעטלדיקער, — אָבער זי האָט זיך געוואַקלט מיט דער דעה: ווי ענטפערן אַזוינעם? ניין, זי ׳עט נישט גראָב פאַרקומען אַ מענטש, נאָר געזאָגט האָט זי דעם פרעמדן: — גייט, ווי כ׳האָב געזאָגט — און דער להכעיס האָט אַרויסגעסטאַרטשעט פון איטלעכן וואָרט: — איר׳ט שוין טרעפן. ס׳לענגויס דעם טאַאַך.

— אין טאַאַך אַראָן ווילט עך מיך שיקן, לינטשיצערן? — האָט דער פרעמדער נישט אויסבאַהאַלטן זיין תרעומות. — אַ שיינע פריינדלעכקייט וואַאַזט מע דאָ אַרויס צו אַ מענטש! איך בעט ענק, — האָט ער אויסגעצויגן די רייד — פאַראַן אַ סך אַזאָלכענע אין לינטשיץ?

— איר׳ט גיין, וועט איר געוואָר ווערן. צאָל עים נאָך אַ רעשט! — האָט דאָס ווייבל שוין זיך צעבייזערט. — ר׳זאָלט מיר געזינט זאַן, איך מיז מחלל שבת זאַאַן איבער אַאַך? — און אָנגעשטעלט אויפן ייִד אַ פּאָר שווערע אויגן

ווי פון אַן איבערגעהאָרעוועטן בעל חי. — איר ווילט די ציגאַנקע גאַס, שיק איך אַך אויף ציגאַנקע. אַזוי זאָל מיר דער אייבערשטער העלפן, ווי ס׳איז די ציגאַנקע. וואָס נאָך אַך זאָגן?

און געענדיקט מיט דעם. זי׳ט אַראָפּגעבויגן ס׳געניק, אַ קלימפּער געטאָן מיטן אַקסלברעט און זיך אָנגעשטרענגט אויפצוהייבן די עמערס וואָס האָבן דערווייל זיך אָפּגערוט אויף דער צענעצטער ערד. — גייט זיך געזינטערהייט, ר׳ ייִד, און האָט אַ פריילעכן שבת. — זיך אויסגעגלייכט און פאַרנומען זיך אַ שפּאַן צו טאָן ווייטער אין פאַר נאַכט אַריין, די ייִדענע.

— עך ווילט נישט זאָגן, איז נישט! — האָט איטשע האָפמאַן זיך אָפּגעטרייסלט פונעם גוטס פון דעם לינטשיץ וואָס האָט דאָ־אָ זיך באַוויזן אָן באַהעלטעלעך. — אַן אויסטערלישע! צערעדט זיך, אָבער נישט געזאָגט וואָס נייטיק. מאָדנע, אַפילו די פלומפּלעך, זעט ער, כלישניען דאָ פון תמיד אָפּענע גאָרגלען. אָן אויפהער גיסן זיי, כאָטש מ׳באַדאַרף עס נישט, מ׳בעט עס נישט. אַ פּזרנות, כ׳לעבן, און אויף אַ גלייך וואָרט זענען זיי קאַרג.

— אַז עך ווייסט נישט צו ווען צ׳באַדאַרפט, טאָ וואָס פאַר אַ ציגאַנקע־גאַס אַך געבן? — פאַרענטפערט זיך נאָך דאָס ווייבל מיט די פולע עמערס איבער די אַקסלען — ס׳אַ גאַס מיט אַ סך הייף, אַ סך באַלעבאַטים, און זיי זענען צעוואָרפן דאָ, דאָרט!

— ס׳דען אַ סוד? — פרעגט ר׳ איטשע שוין מיט אַ ביסעלע צוריקהאַלטעוודיקייט — צו אַן אָרנטלעכן מענטש באַדאַרף איך. צו כיל־מאיר שנאַאַדער.

— רעדט זשע אַזוי! כיל־מאיר טאַנדייטער ווױנט באַ וואָווע קאָוואַל. גייט טאַקע גלאַאַך. איר וועט צוקומען צו אַ שטוב מיט אַ ברייטער שאָפּע דערנעבן. איר׳ט שוין דערקענען נאָכן קאָוואַלסקן סלופּעקל מיט דער אייזערנער רייף, וועט איר אַהין אַריינגיין. טיף אין הויף זיצט דער טאַנדייטער. אַציגד, ר׳ ייִד, וועט איר שוין נישט דערגיין צום טאַאַך. — אַ דריבנע לאַכעלע געטאָן און ווידער אַ קלימפּער געגעבן מיט די עמערס. — נו, אַ גיטן שבת. — ערשט האָט גערעדט איר רוקן און ס׳אַקסלברעט האָט זיך געוויגט איבער איר. — ס׳אי׳ ניש׳ קאַ׳ צאַאַט צו שמועסן, — האָט פון וויטנס נאָך אָפּגעפליעסקעט איר וואָרט.

הינטער דער אֱוועקגייענדיקער האָט זיך געעפנט אֶ דאָרפישער וועג

צווישן כאַטעס מיט נידעריקע דעכער, אַנטשוויגענע אַקעגן אַ שקיעה וואָס אָן זון־אויפלייכט. טונקל־געפלעקט איז געווען די גאַס, אַנגעגליווערט ווי רויע פעלן צעהאָנגענע אויף די ראַנדן פון טאָג.

קאַפּיטל זעכצן

דער טאָג האָט שוין געהאַט אָפּגעגלימערט אויף די הויערנדיקע שניי־פלעקן פון דער שטילער ערד, אויף די דעכער; אויך דער סוף־ווינטער־דיקער מאַרקטאָג האָט זיך געהאַט אָפּגעשוימט אין זיין רעש, ווען פאָטער און זון זענען אומדרייסטע אַריין אין טונקלוואַטן שטיבל פון טאַנדעטניק כיל־מאיר. ביידע האָבן זיי זיך געשפּירט פאַרשולדיקט. דער „גוטנאָוונט" איז פאַרשטאַרט געוואָרן אויף זייערע ליפּן, אָבער די הויזיקע אָנגעהייצטקייט האָט זיי געדיכט אַנטקעגנגעשלאָגן אין פּנים אַריין צוגלייך מיט אַ העשע, וואָס האָט זיך פון ערגעץ נאָענט אָפּגעריסן באַנאַנד מיט אַ ראַפּטעמדיקן גע־פּרעג מתוך וויטיק:

— אָזוי־וי ששפּעי־עט! מ'האָט שוין נישט קאָ' כוח איבערצוקלערן.

— ווי טוט מען אָזוי־וי?! אָזאַאַאַ צאַאַאַט! — געקלאָג און פירוואָרף האָבן זיך אַ הייב געטאָן, אויסגעמישט זיך אין די הייסע כוואַליעס שטובי־קער וואַרעמקייט.

ס'איז געווען אַ רייד צו דעם יונגן מאַן, כאָטש איינצייטיק האָט עס אַריבערגערעדט צום אַלטן, צום מיטגעקומענעם פאָטער, וואָס איז אַ ווײַלע געשטאַנען אַקעגן דעם געזעמל, מיט אַ מאָל אַ צונויפגעהאָרבעטס, אַן אָנגע־שפּיצטס מיט די קוקערס און מיט אַ ראַפּטעמדיקן שניידיקן שווייגעניש. אָנצייניק, מיט אַ געדריקט קול האָט ווידער זיך צערעדט די עלטערע פון די פרויען אין דער שטוב וואָס האָט יאַקבי איינגעהאַלטן דעם אָטעם; פּלוצ־לינג האָט זי אויסגעפּונען אַן אָנשפּאַר פאַר איר דערוועקטן אומרו און זיך צערעדט צום עלטערן (בעת ס'מיידל איז געשטאַנען אָפּגערוקט אָן אַ זייט און אירע אַקסלען האָבן געצוקט אין געכליפּ):

— מחותן, מ'זעמער געגאַנגען צו דער באַן. אויסגעפּרוירן זיך לאַנג, נאָכגעפרעגט. ני בילאָ ני בענדזשע קיין באַן. זי'ט קימען, די באַן, — האָבן סגייעס געענטפערט. מן הסתם עפּעס געשען אין וועג. ס'זענען פאַר־

שווימען די שליאַכן פאַר די לעצטע טעג. באָגאַ רעטי, ס'איז אָנהייב בלי־
חודש*), אַלטענקע. בלויז די נאַרישע שוואַלבן פרייען זיך אונטער די
אָפּדאַכן, די ערד איז צעווייקט. אַ וואָגן שניידט איין טיף מיט די רעדער
און גייט נישט מער. אַ חיה אין וואַלד צעגענעצט זיך ערשט פון איבער־
זעטיקייט מיטן ווינטער. ס'אייז פּלאַצט, טייכן וועלן אָט־אָ אויסגיסן — —
סגייעס ווייסן אַ סך פון די פּאָגאָדעס און פון די וועגן. מ'האָט געקלערט,
עץ וועט קימען מיט אַ פור, אויב נישט מיט דער באַן. ס'נישט קאַ' קאַטאָ־
נועס צו וואַרטן מיט אַ חופּה אין אַ ווינטערדיקן פּראַאַטיק. דער מחותן
ווייסט עס. און זי (האָט די ייִדענע זיך אויסגעדרייט מיט אירע איינגעפאַ־
לענע אויגן, געוויזן אויפן מיידל וואָס האָט זיך געטרונקען אי אין ווייטיק־
לעכן געוויין אי אין אומגעריכט צעבלינצלטן גליק)? איר איז ס'לעבן נישט
איינגעגאַנגען. אַ קלייניקייט אַזאַ פאַרשעמונג! מ'האָט צו איר נישט געקענט
קיין וואָרט אויסרעדן. נאָר געלויבט צו גאָט דערפאַר. לייט זעען מ'גרייט
זיך, כאָטש מ'היט זיך פאַר פרעמדע, ווייל מ'האָט נישט פאַרבעטן קיין סך
מענטשן. פון דעסטוועגן — מ'דערשמעקט שוין. ס'גייט דען זיך אויסצוהיטן?
און אין מיטן דערינען אַזאַ זאַך! כ'זאָל אַזוינס נישט דערלעבן, מחותן, —
האָט די ייִדענע ביגו לבינו גענומען פּלייסיק נעצן מיט די אויגן, איינגע־
שרומפּענע טיף אין שטערן אַריין. וואָס ס'איז אַלץ נישט געקראָכן אין קאָפּ
אַראַן, מחותן קרוין! ני, מילא, אָפּגעקימען מיט האַרצקלאַפּינג. איך בין
גליקלעך מיט ענקער קימען! — ס'האָבן זיך צעפּינטלט אירע שיטערע
ברעמען, געצוקט אויך די איינגעפאַלענע באַקן.

אוי, וויי! איך רעד, טענה און האָב דעם מחותן נישט געהייסן זיך
אַנידערזעצן, — האָט זי אונטערטעניק זיך אַ דריי געטאָן פאַרן מענטש
וואָס דאַרף ווערן איר די פּאָדפּאַרע פאַרן נחת פון איר קינד. אין דער
געשווינד האָט זי אויסגעמאָסטן אים אין זיין טונקל געוואַנטענעם הילוך מיטן
קליינעם שוואַרצן היטעלע און אומגעלומפּערט, מיט שלאַבעריקע טריט
גענומען זוכן אַן אָרט ווו ער זאָל זיך קענען אַ ביסל אָפּרוען. אָנעהאָרע אַן
ענגעניש, — האָט זי פאַר זיך געקלאַפּט מיטן טרוקענעם מויל — ווו הייסט
מען עים זיצן? און אירע אויגן דרייען זיך מבולבלע אין אויפגעפלאַמטן
פּנים.

---

*) גאָט זאָל זיך דערבאַרעמען. ס'איז אָנהייב אַפּריל (קוויעטשען).

— ס׳עט שוין גיט זאָגן, — האָט דער מחותן געוואָלט יוצא זיין פאַר דער צעטומלטער ייִדענע, אָבער זי האָט נישט אויפגעהערט רעדן, בעטן:

— מחותן, ס׳איבעריקע וועט מע שפּעטער שמיעסן, דערוואַרט מעג דער מחותן זיך וואַשן און איבערכאַפּן, — גערעדט מיט אַ ניי קול, גלייך אַן אַנדערע וואָלט ערשט פון איר אַרויס קאַפּויער געקומען. — ני, איז נישט עסן, כאָטש כ׳ווייס נישט פאַרוואָס. אַ מענטש האָט אַ גאַנצן טאָג ניש׳ געהאַט אין מויל. מע ווערט זיך פאַרשוואַרצט אין וועג. מ׳האָט צו־געגרייט אַ מיטיק. איז זאָל דער מחותן כאָטשיק זיך דערוואַרעמען. כ׳על דערלאַנגען אַ הייסן טיי מיט אַ פרִיש בולקעלע. און ער? (האָט זי געמיינט דעם חתן, וואָס איז געשטאַנען אַ פאַרלוירענער אַנטקעגן שרהלען, וועלכע האָט זיך נאָך אַלץ געשטיקט מיט איר געכליפּ) גיי אַהער, שלמה. ׳עסט עפּעס טועם זאָגן. נייןֹ, מ׳טאָר נישט? אוי, וואָס ווייס אַ פּראָסטע ייִדענע? אין דער אמתן פאַרגעסן, כאָטש כ׳האָב געוווּסט אַז חתן־כלה מוזן פאַסטן אין חופּה־טאָג. יאָ, ר׳עט זיך נאָך דאַרפן איבערטוען. ס׳וואָר, מחותן? — רעדט די ייִדענע איינס אין אַנדערן אַריין און איז נישט דרייסט צו קוקן אין פּנים אַריין די מאַספּאַרשוינען וואָס די מרחקים האָבן געברענגט צו איר. — מ׳עט באַלד דאַרפן ריפן דעם מורה הוראה, — מאַמליעט זי ווידער פאַר זיך, אין דראָענדיקער דערמאָנונג. — ס׳שפּעיט! דער טאָג שטייט נישט!

— נישט לאַנג און מ׳עט מקבל שבת זאָגן. ס׳אַ טאָג אַ מיניט, — האָט דער מחותן זיך געניכטערט אין מיטן דעם געטועכץ אַרום אים און זיין שטערן האָט זיך געכמאַרעט.

— רעכט, רעכט, — האָט די באַלעבאָסטע פון שטוב, די מומע שבע, זיך אַריינגעמישט מיט פרומלעכער גינציקייט. — דער שבת גייט. — און זיך אויסגעדרייט צום מיידל וואָס איז געשטאַנען נאָך אין גאַנצן אַ וואָכע־דיקע, מחמת פון באַגינען אָן האָט זי צוגעהאָלפן ביים קאָכן און באַקן: — דו שטיי נישט ווי אַ טולע, שרהניו. נישט שיין פאַר אַ כלה. מ׳עט מיינען דו קענסט גאָרנישט, ראַכטיק? (און קלוג אַ שמייכל געגעבן.) גערירט זיך, פאַניענקע, — האָט די מומע זי אונטערגעמינטערט. — גיי זיך איבערטאָן. מיר וועלן זיך שוין אַן עצה געבן מיט די איבעריקע זיבן זאַכן. דו זיי גרייט. ר׳ לייבוש דיין וועט באַלד קימען. נישטאָ קאַ׳ צאַט. מ׳עט שיקן כאַסקעלען נאָכן דיין. ווו ביסטו, זונעלע, — און ווידער זיך אויסגעדרייט אויף הינטערווילעכטס — כאַסקעלע! — האָט זי גערופן.

אַ ברעקל יינגעלע מיט שיטער אָנגעגאָסענע בעקלעך און וואַסערדיק בלאָלעכע אויגן איז דאָס כאַסקעלע געווען שטאַרק פאַרמעכיעט פון דער פלוצלינגער גראַטשקע וואָס האָט זיך געשטעלט ביי זיי, אַזש ער האָט נישט געוווסט וואָס פריער צו הערן, אויף וועמען צו קוקן. דער רעש פון פריער און די צעטולטקייט פון איצט האָבן זיך געשטויסן־געפלאָנטערט אין כאַס־קעלעס געהירן. „ר'האָט באַלד נישט גערעכנט צו קימען, — האָט ער פריער געהערט דעם טאַטנס טענה וואָס האָט זיך תקיפותדיק געטראָגן איבער דער גאַנצער שטוב. — אַ יונגער מאַן וואָס איז עפּעס ווערט, כאַפּט מען אויס אין אַלע צאַטן. אַ נאַרישע מויד, האָט זי זיך איינגערעדט אַז ס'איז קודש אַלץ וואָס אַ יונג זאָגט.״ — „ס'געוואַלד צו שרייען אַז אַ טאַטע איז נישטאָ אין שטוב!״ — האָט די מאַמע זיינע געזאָגט מיט רחמנות. — האָרך מיך, מאַך אַ קנייטש, שרהל, און לאָמיר זיך מער נישט עסן ס'האַרץ. מ'באַדאַרף האָפן צו גאָט אַז ער'ט צושיקן דעם ראַכטיקן זיווג״, און גע־שנייצט זיך די נאָז אין אַ שפּיץ פאַרטעך אַריין. — „אַ מויד נעמט און לייגט זיך אין דר'ערד אַראַן. אַז מ'איז נישט קליג, ראַכט זיך אויס דער גוף אַ שוואַרץ יאָר!״ אַזוי האָט די מומע רייזל געשריגן און געוויינט, אַלץ אויף שרהלען. און זי, שרהלע האָט זיך אַראָפּגעזעצט אַן איינגעהויקערטע אין אַ ווינקל און געכליפּעט. אָבער מיט אַ מאָל האָט זי אויפגעשריגן פון איר געוויין: — „ווילעך אַזוי! ס'עט אַנדערש נישט זאַן. קיינער וועט מיך נישט פירן ווי אַ קו אויפן יאָרמאַרק אַרויף!״ — — זי איז געווען נאַס אויפן פּנים, שרהלע, און די מומע רייזל איז צוגעלאָפן צו איר מיט די צעבייזערטע פויסטן; זי איז אין גאַנצן רויט געוואָרן, די מומע, אָבער זי האָט שרהלען נישט געשלאָגן, ווייל די מאַמע האָט זי אַוועקגעצויגן פונעם מיידל: הער שוין אויף, רייזל. אוטשישע דיך, האָט די מאַמע געזאָגט, ס'עט שוין אַנדערש נישט זיין. ס'איז געווען גרויס דאָס קריגעריי צווישן מאַמע און טאָכטער באַלד נאָכן צוריקקומען פון דער באַן אָן דעם חתן. מ'האָט גערעדט פון אים אין דער לינטשיצער שטוב נאָך מיט וואָכן פריער.

געקוקט אויף שרהלען, געקלערט פון דער מומע איז ס'יינגעלע געווען צעחושט. אָן אַ שיעור זאַכן באָמבלען זיך ערשט אין כאַסקעלעס צעטומלטן מוחעלע. אַפילו פון די בריוו פלעגט מע רעדן און אַצינד פלאַטערט עס אויף ווי שנייעלעך פאַר זיין רעיון: „ר'איז מסכים צו מאַכן אַ סוף. ר'עט קימען קאַ' לינטשיץ״, — האָט מען אַרויסגעלייענט פון זיינע

בריוולעך און מע האָט מיט אומגעדולד אַרויסגעקוקט אויף דעם טאָג ווען מ׳עט שוין גיין אים אָפּוואַרטן. מאָדנע, נישט בלויז די אָרעמע ייִדענע מיט דער טאָכטער זענען געווען בייגיריק צו זען דעם יונגן מאַן, וואָס האָט אָנגעצונדן אַזאַ פייער פון פאַרדראָסן און האָפן; אויך שבע די טאַנדייטערן און איר איינציק ייִנגל זענען געוואָרן פול בייגיר אויף דער חתונה וואָס האָט זיך געגרייט ביי זיי אַ ווינטער־לאַנג. פון כיל־מאירן איז שוין נישט געווען וואָס צו רעדן. אים זענען אויך אונטערגעקומען שידוכים פאַר דער שוועסטערן־טאָכטער, נאָר אַז ער האָט געהערט אַז עס גייט נישט זי אָפּצורייסן פונעם יונג, האָט ער אַ בורטשע געטאָן און גענומען גריזשען די נעגל: „אַ מאָד מוז דווקא פאַרקריכן אין אַ גרוב אַראַן. זי האָט געקענט אַרויסקומען אַ לאַאַט״. דאָס האָט ער מערערע מאָל איבערגעחזרט און אויסגעלאָזט ס׳עגמת־נפש צו די שפּיצפינגער, זיי געביסן אין סומנער פאַרטראַכטקייט: אוי, אַ מזל! און האָט דער געגאַרטער טאָג זיך אַרויסגעשטעלט אַזאַ אָרעם־נאַקעטער, האָבן שוין געהאַט זיך אָנגעזאַמלט אַזוי פיל תרעומותן. „נאַ דיר און האָס־טו!״ — האָט שרהלעס מוטער זיך צעטומלט איבערן מיידל און זי, די געטראָפענע, האָט נעבעך געשלוכצט, געפלאַמט אויפן פּנים, אויסגעקנייפּט זיך שטיקער לייב: וואָס וועט זיין אַצינד? וועט זי קענען עמעצן קוקן אין די אויגן אַריין? צום סוף האָט זי אַקענגערעדט דער מאַמען, געוואָלט זי זאָל מער נישט צושטיין צו איר מיט טענות. ס׳איז געווען געשריי און געוויין אין איינעם. אַלצדינג אויסגעמישט אין אַ פאַרטייבנדיקן געליאַרעם. די הרובע האָט דערווייל געפלאַקערט אונטער די זידנדיקע טעפּ און ס׳האָט זיך געהערט אין שטוב אויך פון אָנגעדעמפטן, אונטערגעברענטן געבעקס. כאַסקעלע איז דאָס מאָל פּרי אָפּגענומען געוואָרן פון חדר, די מאַמע האָט אים געצוואָגן, איבערגעטועט אַ ניי קורטקעלע און אַ שניפּסל אונטערן גאָמבעלע. ס׳ערשטע מאָל אין לעבן אין אַ קאַוואַלערסקע צוגעקראָכמאַליעט העמדל מיט אַ קראַגן. ס׳ייִנגעלע האָט זיך געשפּירט פלוצלינג דערהויבן, זיך געבלאָזן און די אייגעלעך האָבן אים געבליצט. מעטשעשעם, — האָט די מאַמע אין אים אַריינגערעדט אין מיטן אָנטאָן — ווּעסט ווערן אַ חתן, ׳עט מע מאַכן אַ פריילעכע חתונה, זונעשי, אַ הוטשנע חתונה אַז גאַנץ ליבטשיץ זאָל זיך פרייען. נעבעך אַ וויסטע יתומה שרהלע, דיין קוזינקע. ס׳אַ גיט מיידל, נאָר לא עלינו אַן אומגליקלעכע מיט אַ פאַרפינצטערטער מאַמע וואָס האָט נישט דעם טאָג דורכצוקומען. געבוירן אַן אַ ביסל מזל, זונעשי — — — ני,

פּאַרטיק. אַצינד זאָלן מענטשן זעען ווי שיין אָנגעהאָרעוועט ס'איז מאַאַן זונעלע. וועסט אַכטיק געבן, זאָלסט זיך נישט פאַרשפריצן, כאַסקעלע, יאָ? ערשט וועסטו אַ לויף געבן צום דייך. גיי, פאָלג די מאַמע. ס'אַ חתונה ביי אונדז אין שטוב, זינעשי. ר' לייבוש דיין באַדאַרף נאָך קומען. וועסט צולויפן, כאַס־קעלע!

שבע די טאַנדייטערקע האָט נאָך איבערגעקנעפּלט דעם יינגל ס'קורט־קעלע, אַריינגעקוקט אים אין פּנימל, אויסגעשפּיגן קעגן אַ בייז אויג און ליבלעך אים אַ שטויס געטאָן: גיי, וועסט זאָגן: „קומט, רבי, מיטן שמש און מיט די דרעגנגלעך צו כיל־מאיר שנאַאַדער. שוין, שוין זאָל ער קימען. דער טאַטע ריפט, זאָלסטו זאָגן: אַלץ איז גרייט, רבי, זאָלסטו זאָגן, צו כיל־מאיר טאַנדייטער, קימט, רבי, — וועסט געדענקען?"

ס'יינגעלע איז געשטאַנען סטאַמבעיעט.

— גיי, גיי, יינגעלע, מ'זאָל דערלעבן, גאָטעניו, דאָן חופּה, — האָט אויך דער כלהס מאַמע, די מומע רייזל, אים צוגעגעבן חשק. — זאָג: רבי, מ'בעט אַאָך צו כיל־מאיר טאַנדייטער. דער חתן איז געקימען.

— אוי, ס'גיטע מזל זאָל האָבן מיטגעקומען מיט עים, רבונו של עולם, — האָט דעם געדאַנק, שוין אַ פולענקן, אַרויסגעבראַכט די מומע שבע, וועל־כע האָט פון ס'ביי אַ רעד געטאָן צו שרהלען: — און דו זע, מ'זאָל אויף דיר נישט דאַרפן וואַרטן! באַלעמוטשע נישט, לאַכטיקע. דער טאָג שטייט נישט. רייזל, דער טיש איז שוין געגרייט? ס'פעלט גאָרנישט? קוק זיך אַרום, כ'בעט דיך! — האָט זי מעשה־באַלעבאַסטע געערעדט צו דער שוועגערן, דער מתו־תנתטע, וועלכע איז געווען צעטראָגן אונטער דער שאַרפקייט פונעם געווי־טער פון די געדאַנקען־געפילן וואָס האָבן אָקערשט זיך געהויבן איבער איר פּרוילעכער געפּרוווטקייט: „מאַאַן קינד זאָל כאָטש האָבן געפינען חן באַ זאַן ליבן נאָמען. ס'מזל זאָל איר זאַן לאַכטיקער ווי איר מאַמעס מזל! — און באַגעצט די באַקן מיט אַ נייעם הייסן שטראָם טרערן. — אוי יעקבקע, אומ־גליקלעכער טאַטע! זאָלסט זיך מ'יען פאַר דאַאַן קינד. רבונו של עולם, העלף מיר, ס'איז די שעה פון גורלו!" — זי האָט געקוועטשט די ווי'עס, באַוועגט מיט די ליפּן. כיל־מאיר האָט בעת־מעשה זיך געעביסן די נעגל און וויטלעך, אַ שטאַרק פאַרנומענער מיט זיך, אַריבערגעקוקט צום פענצטער וואָס ס'וויב האָט לכבוד דער שמחה אָנגעטאָן אין פריש געוואַשענע פאַרהענגלעך.

דער חתן מיטן פאָטער זענען, געפלעפּטע, געווען אַריינגעטאָן אין זיך.

פון די ראַפּטעמדיקע שפּירונגען וואָס האָבן זיי פֿאַרשוואָנקען, זענעןביידע נישט געווען אין שטאַנד זיך אָפּצוגעבן קיין חשבון פון אַלץ: די היים, וואָס פֿאַרלאָזן בשתיקה, די מאַמע וואָס עסט זיך אויף פון גרימעניש, דער האָרב עגמת־נפשן וואָס דריקט דאָ אויף זיי — אָט וואָס ס'האָט זיך געשאָטן, גע־גליט אין זייערע געהירן; אָבער אויך דער אָנגעזונקענער ווינטערדיקער פרייטיק האָט שאַרף אָנגעקלאַפּט ביי זיי: ווי, עס ווערט טאַקע שפּעט!

קאַפּיטל זיבעצן

ווי באַלד דאָס פּאַרסאָפּעטע כאַסקעלע איז מיט האַסטיקייט אַריינגעפֿאַלן אין מורה־הוראהס פּעדערשטוב, האָבן מיט אַ מאָל — ווי איבערגע־וועקטע — זיך צעעפֿנט צוויי אינעווייניקדיקע טירן, וואָס האָבן מבלבל גע־ווען דאָס ייִנגעלע. די פּלוצלינגקייט האָט אים איבערגעשראָקן, אָבער אין מוחעלע האָט אים געשטויסן דער אָנזאָג: אייל זיך! האָט ער בכן גערעדט צו דער נאָענטסטער אָפֿענער טיר און ר'האָט געשפּירט הינטער זיך די להוט־קייט פון דער אַנדערער בליקנדיקער טיר:

— רבי, דער טאַטע האָט... דער טאַ־טע, — און אָפּגעהאַקט, זיך פֿאַר־שטאַמלט מחמת דעם נייגיר פון די־אָ, וואָס קוקן אויף אים אַזוי.

פון דער קיך־טיר, צו וועלכער ער האָט זיך געווענדט, האָט אַרויסגע־שפּאַרט צביה דער דיינטעס קענטלעכער קאָפּ מיט דעם העל־שטרויענעם שייטל. אויף כאַסקעלען האָט זיך האַמעטנע אָפּגעשטעלט איר ברייטער אָפּ־געשאָסן בלאָנדער פּאַרוק וואָס איז פעסט געזעסן אויף איר נידעריקן שטערן און די גלאַנציקע באַקן האָבן אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ פרעג, וואָס אים האָט זיך נאָכגעשלעפּט אַ דריוולענדיק בייקולכל:

— ביסט דעם טאַנדייטעעערס, ביסטעעע?

— פון ציגאַנקע גאַס, ייִנגל?

— יי־יינגלל — — —

פון דער ייִדענע האָט געפּראַלט מיט אַן אײַלעוודיקייט וואָס האָט שוין נישט געלאָזן כאַסקעלען באַזינען דעם שכל פון זיין שליחות פאַרן טאַטן, פאַר דער מומען: דער דיין ר' לייבוש זאָל באַלד קומען, ר'זאָל ברענגען די דרענגלעך. ס'אי' שפּעט. ער איז אַזוי געלאָפֿן און אָט שוין פאַרגעסן אַלץ.

דער אמת איז אַז ר׳האָט זיך איבערגעשראָקן פון דער רביצינס פרעגן; ר׳האָט זיך געריכט צו זען דעם דיין, דעם מיטן גרויסן שטריימל איבערן ברייטן געלן קאָפ, דעם מיט דער פייערדיקער גרויסער באָרד און ערשט איז דאָ אַ ייִדענע וואָס פאַרטומלט אים מיט אַ פרעגעניש. און ס׳ייִנגעלע האָט זיך אויך פאַרכליביעט מיט דער אומהיימישער פאַרע פון די זידנדיקע טעפ, פון פרייכנדיקע פאַנען. פונעם געאייל און פון דער צעטומלונג האָט ער נישט געקענט אָפכאַפן דעם אָטעם און זיך נישט דערוועגט צו קוקן אויף דער וואָס האָט צודרינגלעך געשלעפט פון אים אַן ענטפער: ייִנגעלע, זאָג שוין! אַזוי פיל שבת דאָ, האָט כאַסקעלע זיך פאַרחידושט; פון אַזוינע ריחות געדייעט אַזאַ קיילעכיק פנים ווי דאָס־אָ, האָט זיך נישט ווילנדיק אים אַ טראַכט געטאָן. און אָט איז אַ צווייט קול, אַ נישטערנדיקס, ס׳איז אַריין פון דער אַנטקעגנדיקער טיר — פון דער סודותדיקער עסשטוב ווו דער דיין איז געזעסן אַן אָנגעיוירענער אויפן ערב־שבתדיקן רוף פונעם טאַנדייטער וואָס האָט מיט אים געהאַט אָפגעשמועסט: כ׳באַשטעל אַאַך, רעב לייבוש דיין צו זאַאַן מסדר קידושין פון מאַאַן שוועסטערס טאָכטער. פראַ־טיק מערצעשעם. „איי, איי, אַ ייִד שטעלט אַאַן! אַזאַ קאָרצער טוג פראַאַ־טיק!‟ — האָט דער דיין זיך געוועקט אין פאַרדראָס. און אָט אַ קול פון אונטערןביישטידל.

— געקימען דער חתן צום שנאַאַדער? — אומרואיק האָבן זיך באַוועגט אַ פאָר צעפלאָשעטע ברעמען, עפעס נישט זיינע, פון דעם גאָטספאָרכטיקן מענטש.

פון מטושטשקייט האָט כאַסקעלע נישט געקענט ענטפערן. דאָס פנימל האָט זיך געצונדן איך אים, געדרייט זיך אין דעמפיקער ענגשאַפט. ער האָט זיך אָבער געצוונגען דערצו, דעם טאַטנס אָנזאָג האָט אים געשטויסן, דערמאָנט. ער האָט דאָך אַרויסגעקראָגן פון זיך:

— דער טאַטע, כיל־מאיר טאַנדייטער האָט געהייסן, געהייסן קומען. דער חתן איז דאָ. שוין קומען, מיט די דרענגלעך... דאָס ייִנגעלע האָט געקוועטשט מיט די אייגעלעך, אויסגעפרייכט די פאָר ווערטער, כמעט אויסגעשריגן: — רב, ס׳שפעט. דער טאַטע האָט געהייסן.

לסוף האָט כאַסקעלע זיך געשעמט פאַר די רייד וואָס ער האָט אַרויסגעבראַכט.

— גיט, גיט, בחורל. כ׳קים שוין. גיי אַהיים זאָגן.

ער האָט מער נישט געזען דעם קליינעם אָנזאָגער אַז ס׳וואַרט אויף אים די מיצווה פון סידור קידושין.

— שואלקע, שואל, ווו ביסטו? — האָט דער דיין געגומען תיכף רופן דעם משמש וואָס איז פון לאַנגן וואַרטן ערגעץ אַנטדרימלט געוואָרן. — שואל, מ׳באַדאַרף צואיילן מיט דער חופה; האָא־אָרכסט, וואָס מ׳רעדט צו דיר, שואל!

פון דער טונקלקייט פונעם פירהויז האָט זיך דערטראָגן אַ דערוואַכט טשלאַפּען פון שטיוולדיקע טריט.

אַן אויסגעצויגענער ייד מיט אַ דאַר בערדל און אַ ברייטן אַנקאָליריקן אָרעמאַנישן כאַלאַט איבער צעפּאָרענע שטיוול האָט זיך ערגעץ אויסגעטשו־כעט פונעם געררייד וואָס האָט זיך אויפגעהויבן אין דער שלעפעריקער שטוב:

— אַ געלענק דאָס האָט! מ׳לאָזט נישט באַקומען אַ קאַפּל שלאָף!

קאַפּיטל אַכצן

ביי כיל־מאיר טאַנדייטער האָט גאָר באַצייטנס זיך געטאָן און געקאָכט מיט דער חתונה פון דער שוועסטערן־טאָכטער שרהלע „וואָס טוט דער מאַמען אַן דיך. אַ יונג זיך גענומען אין זינען אַראָן, מוז מען איר אַלץ נאָכ־געבן”. אַזוי האָט די שוועסטער רייזל אין זיי אַריינגעוויינט, דעם ברודער מיט דער שוועגערן און דאָס האָבן די לינטשיצער געדאַרפט לאַנג טראָגן אויפן קאָפּ, געמוזט גדענקען וואָס די אָרעמע רייזל דאַרף נאָך איבערקומען. אַליין אַ בעל־מלאכה וואָס לעבט פון האַנט צום מויל, קוים אָפּגעיאָגט זיך מיטן ביסל חיונה, האָט כיל־מאיר געמוזט זיך נאָך אויסשוואַכן דעם מוח פאַר אַ וויפּ־ראַווע פאַר דער כלה און אויך אויסשטיין דאָס שטיקל חתונה. ווייל דאָרט, ביי דער שוועסטער, איז לא עלינו נישט געווען מיט וואָס אָנצוהייבן.

— מילא, מ׳עט טוען וואָס מ׳עט קענען. ס׳איבעריקע וועט דער איי־בערשטער מוזן צוהעלפן, — האָט דער ייד מיט געהיטקייט איינגענומען דאָס ווייב, וואָס איז שוין אַרומגעגאַנגען מיט אַ נאָז.

— ווי קען מע דאָס, כיל־מאיר? — האָט ס׳ווייב אין תחילת זיך גע־ווערט קעגן דעם יאָך, וואָס דער מאַן נעמט אויף זיך: — ביסט׳עד אַ חוץ דעם איינגעחובט איבערן קאָפּ אַריבער. פאַרן שטיקל וועלוועט האָסטו שוין

באַצאָלט, פאַרן פעקל וואָטע ביסטו נישט שולדיק? ס׳גייט דיר איבער, ס׳וואָר!
— און שיער זיך נישט צעקלאָגט אויפן קול: „ס׳בלוט רינט מיר פון די פינגער. איך האָרעווע ווינציק מיט, ווער פאַרשוואַרצט אין קעלט, אין רעגנס און מאַאַן קינד גייט אַרום אין גאָלד, עסט מאַרצעפּאַנעס. ווי ז׳מיער. אַ גביר אַדיר געפינען אין לינטשיץ, כיל־מאיר דעם ראַאַכן שנאַדער, מישטיינס געזאָגט!"

— זעסט׳עך, ווי דאָס אויסגעדייוועוורטע מענטש פאַלט פון די פיס, טאָ ווען עמען איז אַרגער, שבע! צרות און דאגות גייען אויף איר אָן אַ שיעור. נאָר זינדיק נישט, וואָב מאַאַנס! — האָט ער דער יידענע אָנגעטייטלט אויף דער שוועסטער און אַפילו באַוויזן אַרויסצוקריגן פון איר אַ רחמנות־טרער פאַר דער עלנטער רייזל, וואָס מוז נעבעך אָנקומען צו מענטשן.

און האָט צוגערוקט דער זמן־חתונה, זענען כיל־מאיר מיטן ווייב שוין אין גאַנצן געווען אַריין אין דער הויט פון אמתע מחותנים. פאַרפאַלן, שבע, ס׳איז אַזוי אָנגעצייכנט אין הימל: — מוזסט זיך שוין אויסלערנען ס׳פּאַך פון אַ מחותנתטע. דערנאָך וועט עס דיר אָנקומען גרינגער און מער פרייד וועט דיר צורינען. דערווייל פאַרקניפּ אַ ברייט פאַרטעך אויף אַריינצושאַרן דערין סיי דאגות, סיי פריידן. לאָז זיך דיר דאַכטן, ס׳דיין קינד. דערפאַר וועט דער אייבערשטער דיר דערנאָך מער צולייכטן ווי מיין שוועסטער.

— לאָמיר האָפן צו זיין ליבן נאָמען, מאַן מיינער!

איז אָנגעשטאַנען דער חופה־טאָג פון רייזלס טאָכטער, זענען מאַן און ווייב שוין געווען רעכט דורכגעברענט פון קאָפּווייטיק און מיד פון דאגות. דעם נסיונותדיקן פרייטיק האָבן זיי שוין דערוואַרט ווי אַן אויפריכטעניש, צו וועלכער מ׳ציט זיך מיט בענקעניש, צו מאָל אין שטומקייט: „ווי דער־לעבט מען עס שוין?" און האָט אָנגערוקט דער מכשול, האָבן זיי געמוזט נאָך איינשטילן אי ס׳אייגענע בלוט, וואָס האָט זיך צעזאָטן אין זיי, אי די מאַמע און טאָכטער, די פאַרציטערטע פאַר אַ פאַרשעמונג.

*

ס׳איז געווען ממש די לעצטע שעה פון דעם ווינטערדיקן ערב־שבת, ווען מ׳האָט ביים טאַנדייטער געשטעלט די אָרעם־חופה פונעם משפחה־מיידל, וואָס איז אומיסטן אַראָפּגעקומען פון דער פרעמד צום פעטער.

„געיכער, געיכער, ס׳ווערט שפּעיט!" — האָט עס דעם גאַנצן נאָכמי־

טיק געליאַרעמט פון די מענטשן אין שטוב; אַלץ אַרום זיי האָט הייס גע־פלאַטערט און ס׳האָט עס צוגעזען די שיין פונעם טיפן הייפל וואָס אויף דער דאָרפישער ציגאַנקע־גאַס מיט די נידעריקע שטיבלעך:

— ס׳קלייבט זיך אַ שטילע חתונה, מע קלייבט זיך ביי אונדז, — האָבן שכנים זיך געשושקעט.

— מ׳זעמער מחותנים און מ׳פאַרבעט אונדז נישט צו מאָל, כע־כעעע!

— דער שוואַרצער טאַנדייטער מוז האָבן די ראַכטיקע זשמאָניע. ר׳מאַכט חתונה אַן אָרעמע יתומה, — האָבן לייט קנאהדיק געשאָקלט מיט די שמוי־שענע צאָפּעקעס אויף די ווינטערדיק באַוואַקסענע קעפּ.

— אַ חתונה? מ׳לאַכט פון ענק! עעע, מע וואָלט געהערט, ס׳וואָלט גע־שאָלט אַ קאַפּעליע. מ׳וואָלט שוין געוווסט, ס׳וואָלט זיך אַ ביסל גערוכעוועט!

— יאָ, אַ חתונה, אַן אָרעמע חתונה, אָן אַ פידל, אָן פויק, נאָר מיט אַ טרער, מיט אַ זיפץ אַ יתומהשע. ווייסטו שוין!?

לייט האָבן גערעדט דערפון, אַנדערע האָבן קלוגעטשקע געשמייכלט און ס׳איז ווידער געוואָרן שטיל אין געסל.

ערשט האָט דער צופאַלנדיקער בין־השמשות קלעפּיק אַריינגעטונקלט אין טאַנדייטערס פענצטער, ר׳האָט אַראָפּגעאײלט פונעם פאַרוויאַנעטן שניי אויפן אַנטקעגנדיקן דעכל וואָס איבער דער סומנער פלאַטשיקער האַלצ־קאַמער. גלייך אָנגעוואָרפענע רעפּטלעך פאַרשימלט ברויט האָבן געשטאַרט די פלעקן פון דער שפּעט־ווינטערדיקער ווייסקייט. מחמת דער בעל־כרחא־דיקער שמחה וואָס האָט זיך געגרייט אין שטוב, האָט די פריִע פאַרנאַכטי־קייט אָנגעהויכט אַ ווייכן טרויער. דער שניידער־ייִד וואָס איז לאַנג געשטאַ־נען אין דער שויב, האָט דערשראָקן זיך צעפלאָשעט אין זיין פאַרטועכקייט ביים גריזשען זיך די נעגל, ווען ר׳ לייבוש דיין האָט אַריינגעפּראַלט מיט איילעניש: „ני, ני, אַזוי שפּעיטו!‟ די פאַרעדיקע קיך וואָס אָן אַ זייט, האָט אים שווער אָקעגנגעסאָפּעט מיט יומטובדיקע געקעכטסן אין אַן ענגשאָפּט פון גרויסע טעפּ. ס׳האָט פאַרשמעקט מיט קורצגעקאָכטע פיש, געדעמפּטן פעטן מייערן־צימעס און פרישע זיסע געבעקסן, געפלאָכטענע סעודה־בול־קעס. פון אַ פּאָר אירע וואָס אויסגעפונען פון „אונטער דער ערד‟, איז צו־נויפגעקלאַפּט געוואָרן אַ חופה־מנין. די עטלעכע ייִדן, וואָס האָבן, וואָכעדיקע, ערב־נאַכט, זיך אַריינגעשטעלט אין שניידערס אָנגעהייצטן שטיבל, האָבן אין פּלוצלינגן צונויפטרעף זיך איבערגעקוקט מיט חידושות:

— איר קענט זיך מן הסתם מיטן באַלעבאָס, אָבער איך? ס׳ערשטע מאָל ווי דער מענטש האָט אַריבערגעטרעטן מיין שוועל. געבעטן, בין איך גע־קומען. מ׳דאַרף אַ מענטש.

— ווי אַ האָר אין דער פּוטערמילך בין איך דאָ אַריינגעפאַלן. וואָס, ווער?

— זייטיק, מיט אַ שעפּטש האָט אַן אַנדערער געענטפערט זיין שכן וואָס איז פּונקט ווי ער געשטאַנען פרעמד, נאָך אין מאַרקישן לבוש. און אַ דריטער, וואָס אָנגעשטעלט ס׳אויער פאַרן גערייד פון די פּריערדיקע צוויי, האָט אַריינגעוואָרפן מיט אַ ברום:

— ווייסעך וואָס! אַ ייִד שטייט צו: טוט אַ מצווה, מעג מען אָפּזאָגן?

אַן עלטער ייִדל, קענטיק אויך אַ פרעמדער אויף דער שמחה, איז גע־שטאַנען אין אַ גלאַנציקער יופּיצע (ווייזט אויס אומיסטן איילִיק זיך איבער־געטוען יומטובדיק און פון אונטער זיין קאַשקעט האָט אַפּערגעשפּאַרט אַ סאַמעטן קאַפּל), האָט ער געקוקט, געקוקט און זיך אָנגערופן צו די אַרומיקע:

— ס׳נישט קיין קלייניקייט צוצודעקן דעם קאָפּ אַ ייִדישער טאָכטער. צ׳האָט גוט געטוען, ייִדן, דער איבערשטער ׳עט ענק העלפן דערפאַר — און געצויגן זיך די באָרד.

כאָטש אין פּרייטיקדיקער פאַרשמייעטקייט האָבן די מענטשן נישט גע־קענט ווייכן פון דער גרויסער מצווה. „מיר וואָלט עס נישט געגאַנגען אי־בערן לב, — האָט נאָך עמעץ זיך ווי פאַרענטפערט. — אַז אַ ייִד ברענגט אַראָפּ פון דער פרעמד אַ מיידל זי חתונה צו מאַכן, איז אַ בפּירושע עבירה נישט נאָכצוקומען אַזאַ טובה“. און ס׳האָבן דערין נאָך עטלעכע מעיד געווען און דאָך געהאַט קנאַפּן געדולד צו זען ווי מ׳פאַרעט זיך נאָך, בעת דער שבת־קודש פאַלט צו. פון מאָל צו מאָל האָבן די לייט איבערדריסיק זיך איבערגעקוקט:

— זיך אויסגעגראַבלט! נישט געקענט ליבערשט דאָס מאַכן שבייסצו־נאַכטס?

— וואָס קען מע וויסן? — האָט ווער אַ צוק געטאָן מיט אַן אַקסל — מסתמא פעלן נישט קאַ׳ סיבות.

אָבער גיי טענה, אַז די הויזמענטשן האָבן באַשיימפּערלעך זיך גע־שטיקט מיט אַ וויי וואָס האָט אויגנבליקלעך געיוירן מחמת דער רב האָט שטאַרק זיך צערעשט איבער דער גאָרער ענגשאַפט. ווי באַלד ער איז אַריין, האָט ער אָנגעיאָגט אַן אימה אויפן הויז: נאָ, נאָ, ערב הדלקת הנרות! ווי

מענטשן האָבן צאַאַט! געיכער, געיכער אַהער! מיט זײַנע הויך אָנגעיאָזשעטע ברעמען האָט ר׳ לייבוש, אַן איבערגענומענער מיט דער שפּעטקייט, כּריפּלע צוגעאײַלט די הכנות און טאַקע בחפזונדיק אָפּגעפּטרט דעם סידור קידושין.

— ני, ני! — האָט ער אַן אויפהער זיך געלאָזן הערן.

ביזן נעמען אויף די ליפּן די הייליקע ייִדישע ווערטער, האָט ער נישט אויפגעהערט, דער דײַן אין שטריימל, אין דער ברייטער מיט האָזן אונטערגענייטער קאַפּאָטע, צו טרייבן זיך אַליין, מתרה צו זײַן: „ס׳שפּעיט, הדלקת הנרות! שואל, ביסט גרייט?״

דער ערב־שבתדיקער פּאַר נאַכט איז נעענטער אָנגעטראָטן, ר׳איז געוואָרן האַרטנעקיק מיט זײַן אייליקער שאָטנדיקייט. דער שמש האָט גיך פֿאַרנאַנדערגעוויקלט די חופּה־פּלאַכטע וואָס פֿון אַ טערקישן שאַל און אַיעדע האַנט וואָס דערווישט נעבן זיך, האָט ער אומגעבעטענערהייט, מיט העזה און ברענענדיקן ערנסט, צוגעשטעלט צו די דרענגלעך: — האַלט! די עטלעכע ווייבער וואָס זיך צונויפגעקליבן, האָבן גענעענט מיט אָנגעצונדענע ליכט, גאָטספאַרכטיק באַוועגט מיט די ליפּן און פּאַוואָליע, ריר נאָך ריר, זיך געשטויסן צווישן די וואָס זענען שוין געשטאַנען אַרום דער חופּה. היינטער זיי האָבן שעמעוודיק זיך דורכגעקראָגן די פּאַר מאַנסלייט. די ענגשאַפּט איז אָנגעוואַרעמט, אַפילו שווייסיק. די פלעמלעך וואָס אויפגעהויבן אַריבער צונויפגעדרענגטע אַקסלען, שווימען אין אויסגעפּראַצעוועטע ווייבערישע הענט און אַלעמענס פּאַרטראַגענע וואַרטן אין דעם־אַ קליינעם שטיבל רינגלט אײַן דעם עולם אין אַ עיגול וואָס וועט — דאַכט זיך — אָקעמ׳זעט זיך אויסברייטערן און אַרײַננעמען אַלע גוטע און אומבאַפּלעקטע. די בליצלאָמפּ, אַ זשמורנדיקע פֿון פּולאַפּ אַראָפּ, האָט מיושבדיק אונטערגעצוקט, דער חלל האָט זיך אָנגעבויגן, גנאָדיק אויפגענומען די דערלייכטערנדיקע קרעכצן פֿון דער איינגעזאַמלטער עדה. אַ רגע אַזאַ אַ גרויסע האָט אַראָפּגענידערט אויף די אַנטרונענע פֿון קויטיקן דרויסן און זיי איינגעהילט אין דעם הויך פֿון צניעות וואָס די נשמה איז צו איר זשעדנע. אַ לעכצעניש אַזאַ האָט אַרויסגעשטומט פֿון די וואַרטנדיקע אויפן יום־טוב וואָס איז אָן אַ נאָמען אין זייער פּילך. אין אמתן האָט זיך צונויפגעקאָרטשעט דעם שניידער כּיל־מאירס שטיבל און עס האָט די ליבע געסט דערוואַרעמט מיט תּפילהדיקן בלענד. „נאָ, נאָ, כּלה!״ — האָבן מתוך דער ענגעניש מיט אַ מאָל זיך

צעפּינטלט דעם דיינס פּאַרוואָקסענע אויגן און ר׳האָט זיך פאַרהילט אין אַ ברייטן שוואַרצגעשטרייפטן טלית. „ווו איז זי?״ — האָט דער אַרומשטייענ־דיקער עולם זיך אַ קערעווע געטאָן אויף הינטערווײַלעכטס מיט די בליקן, מיט צוקנדיקע אַקסלען. דאָס צעטומלעניש האָט כהרף־עין אין דעם מיידל פאַרטייבט אַלע דערוואַכטע ווייטיקן וואָס האָבן שולט געווען אויף איר. זיך דערמאָנט די געפּלאָגטע מאַמע, ס׳קללהנען פון שלמהלעס היים, אָבער דער פּלוצלינג איינגעהאַלטענער האַרמידער האָט דמיונותדיק זיך אַראָפּגעלאָזן אויף איר, וויגנדיק איינגעשטילט און געשטויסן זי, גלייך אַ שווערער רויך־זייל וואָס מיט זיין שאַרפער האַרבקייט טרייבט ער בלינד, בעת שריפה, אַיעדן בעל־חי וואָס איז באַוועלטיקט פון אימה. „איטשעלע, נחל, צערנט נישט אויף שרהלען. זי׳ט אַהיים קומען אָפּקאָכן פאַר ענק אַ סך קאַרטאָפל, געבן אויך אַ העמדל איבערצוטוען. אָ, די מאַמע, זי איז מיד פון אַרבעט און זי האָט נישט קאַ׳ צאַאַט״ — — — געפּלעפּט פון דער אומגעריכטקייט וואָס גייט אָקערשט אויף איר אָפּגעבריטער איינגעלייבטקייט אין מענטשנס טור־ען, אין זייער זאָגן, האָט ס׳מיידל — קיל געצוואָגן אין שווערע אַנגסטן, ציטעריק זיך געשטעלט אַקעגן דעם רוף וואָס האָט זיך געשפּאָלטן איבער איר: „אַנאָ, אַנאָ, כלהי!״

מיט שטאַמלעניש, מיט וואָרענונג האָט עס זיך געטראָגן איבער דעם שטוינען וואָס האָט געגלאָצט פון וויפל פּאָר אויפגעריסענע אויגן. אַנטקעגן דעם האָט שרהלע שיכורלעך זיך צעוויגט אַ רגע און נישט קלאָר באַנומען אַז דאָס מיינט מע זי. ערשט אַ נאָענטער שטויס אין פּלייצע און זי האָט זיך דערזען אין מיטן געזעמל פון האָרכנדיקע בערד, שפּאַרנדיקע בליקן. אויך דער מאַמעס דורכזיכטיק דינע פּנים, אירע נאַסע אויגן האָבן געקוקט אויף איר און — זי אָפּגעניכטערט. אַן אומרואיקייט האָט זיך צעפלאַטערט אין איר, זי אָנגעשפּיצט. אַ מין דערוועקטע האָט ס׳מיידל זיך געפינען אין צו־נויפגעדרענגטן טומל אויג אויף אויג מיטן רב אין פּאָרכטיקן איינהיל פון הוילן ליכט, פון רופנדיקן פּחד. זי האָט זיך דערמאָנט: ס׳איז די געגאַרטע מינוט, ס׳איז דאָס געהאָפטע אָנקומען שלמהלעס. אָנגעשליפענע דערוואַכט־קייט האָט אָט־אָ זיך אַריינגעשניטן מיט האַרטן רוף: „נאָ, חתן, נעענטער, נע־ענטער גיי צו. אַזוי!״ די כלה האָט ערשט נישט געקאָנט טראָגן אויף זיך די אייגענע אויגן. אַ פולע בלענדעניש האָט זיי איבערגעשניטן, צעפלאַסטערט; דער בליק האָט זיך צעפלאַקערט אין שרהלע לײַנוואָל דער יתומה, וואָס

ווערט דאָ־אָ געבראָטן אין ברענענדיקסטן ווייטיק פון נסיון. איר ראיה טראָגט זי אימפּעטיק, שאַרף, עפּעס אַרויף, אַרויף, אַריבער איר אייגן אומ־טובדיקן קליידל און דעם פאַרפאַלדעוועטן ווייס־זיידענעם שאַלעכל, וואָס איז פאַרוואָרפן איבער איר כלה־קאָפּ. מ׳וויל זי אָוועקשלעפּן צו אַ באַיאָרטן אַלמן. גוואַלד, זי מוז זיך אַרויסרייסן פון די טשעפּקע הענט! זיי קלעמען זי איין, זיי ווייטיקן שוין אירע מוסקלען, טונקלען אָן דעם חלל — — ווידער ער, ער מיטן אַראָפּגעלאָזענעם בליק, אָן אַרונטערגעשטויסענער אונטער דער צעעפענטער חופּה (אויך זי האַלט זיך אויף צעוויגטע פלעמלעך, די חור־פּה), דערשפּירט אַ שניידיק קאַלטן פיבער. געשטאַנען און מיט אַ האַנט זיך צוגעהאַלטן ס׳אויפגעהויבענע קעלנערל פונעם שוואַרצן סאַקפּאַלטן, אַ סע־קונדע אויפגעפּראַלט די אויגן, נישט גערן אַ נישטער געטאָן אין אַנגע־רעשטן ליכט און אַוועקגעקערט דעם בליק אָן אַ זייט. עפּעס אומקלאָרס איז גראָד אַנטקעגן געשוווּמען. כאָטש פאַרבאָרגן דעם בליק פאַרן שמאָלן גבול וואָס רינגלט אים איין, דעם חתן, האָט פאַרבלענדונג געהאַלטן אים אויף אַן אומבאַשטימטער איבערפלאַך וואָס האָט זיך געהוידעט, געטוקט, שטאַרק אָנגעטונקלט כדי באַלד ווידער אויפצוליכטיקן. אויך דער מחותן, דער אָב החתן, האָט אין יענער לאַנגער מינוט דערשפּירט אַ דרעשטש אין די ביינער. ביי אים האָט, פאַרקערט, געוואַכט דער זינען און זיינע אויגן, די נאָזפּליגל האָבן אַריינגעעטעמט די צעפלאַמטקייט פון די אַרומשטייענדיקע וואָס די געשפּאַנטע דערוואַרטונג אויף דער מינוט האָט זיי אַלע דאָ צונויפגעבראַכט.

„דערלעבט משטיינס געזאָגט — האָט עס געצוקט אין איטשע האַפּמאַנען — ס׳ערשטע קינד פירסטו צו דער חופּה און די מאַמע, די זינדיקע מאַמע, איז פאַרשטויסן אין צער. פאַר אַ חתן זיך געמאַכט אויף אייגענער האַנט״. דעם ייִדס ברוסט האָט זיך האַסטיק אַ הייב געטאָן, אָט־אָט און ער וועט הויך אַרויסברענגען אַ שאַרף וואָרט, דער דערדריקטער טאַטע. אָבער פון זיינע אויגן האָט זיך נאָר אַ גאָס געגעבן אַ כליופּ טרערן פון שוואַכקייט, וואָס אים איז באַפאַלן ווען ר׳האָט אומגעריכט פאַרנומען ווי דער זון זאָגט־נאָך שטיל, ציטעריק, דעם דעריאַכמעטן דיין: „הרי את — — —״. דער מזל־טוב וואָס איז דערנאָך געקומען פון די עטלעכע ווייבער, פון דער שוויס אָפּגעגאָסע־נער מחותנתטע, פון צווישן די מאַנסלייט, האָט דעם מענטש צום איבעריקן צערודערט. אַלע וואָס זענען צוגעגאַנגען אים ווינטשן, האָט ער קוים גע־ענטפערט: „זאָל זיין מיט מזל״ און זיין אייגן קול איז אים נאָכגעגאַנגען אַ

פאַרחלשטס, אָנגעשוואָלן פונעם נישט אַרויסגעבראַכטן מאַנצבילשן געוויין. אויך שפּעטער האָבן טרערן אָנגעגעפלט די ליכטיקייט וואָס איז אַ פונאַנ־דערגעשפּרייטע ווי צעהאַנגענע ליילעכער אַקעגן דער זון, געבליבן גאַפן אי־בערן ענגן שטיבל, אין גיכן אַן אויסגעליידיקטס פון דעם אַנגערונענעם האַר־מידער.

עס איז געווען אַן אַרעמער יומטוב וואָס איז אָפּגעכאַפּט געוואָרן צווישן טאָג און נאַכט; אומיסטן אַזוי נישט נהנה צו זיין מיטן גאַנצן האַרץ פונעם טראָפּעלע פרייד, אַ באַשערטס דעם מענטש ווען ער דערלעבט שוין דעם טאָג פונעם אויסצייטיקן פון זיין אייגענעם יונגן נאָכקומער.

די פרייטיק־צונאַכטסדיקע מאָלצייט ביים טאַנדייטער כיל־מאיר איז גע־ווען אַ ברייטערע, אַ משפּחהדיקע, ווייל מיט געסט פון נישט־הי, ליבע געסט, אָבער אַ יום־טובדיקייט מיט פאַרשטשעמעטע ציין. נישט קיין ברכות, נישט קיין זמירות האָבן געעפנט ס׳מויל דער שמחה, וועלכע איז אַ טרעריקע דאָ אַרומגעזעסן דעם טיש און מיט בעלמע־אויגן געקוקט אויף די ברענענדיקע ליכט, הוידנדיקע, שטוינענדיקע.

*

בפירוש פאַרשעמטע פון דער אָפּגעטרויערטער חתונה, וואָס אָפּגעכאַפּט בחפזון אויף אַ שפּאַן אָרעמקייט אין דעם קאָוואַלסקן הויף, האָבן חתן־כלה אין פאַרבאָרגענעם געטרער פון מאָל צו מאָל זיך איבערגעקוקט דערשראָקן, מאָט: „שוין, איבערגעקומען!“

און צוגעגאַנגען איינס צו ס׳אַנדערע:

— איז דאָס אַלץ אויף דער נעוואָרעט?

— אויף אַן אמת, אמת, קינדלעב. — שלמהלע האָט עס אַרויסגעבראַכט אין האַלבשמייכל, גלייך ער וואָלט נישט געוואָלט אָפּשרעקן די איבערגע־וועקטקייט פונעם חלום וואָס ווערט אָקערשט וואָר.

— פאַר ז יי האָב איך נאָך מורא.

— גיי, גיי, — האָט זיך ביי אים שוין געצויגן די האַנט אויף אַ גלעט צו טאָן זיין ליבער.

— אויף ריכטיק. וואָס וועלן אַצינד טענהן דיינע לייט, קרוינעדיקער? מיינע — מיינע זענען דאָך נישט אַזוי פאַרביסן. זיי ווילן נעבעך נאָר פאַר אַ פּרוטה נחת. די מאַמע איז געווען נאָר אין איין ציטערניש: כ׳ווייס־וואָס

— אַזוינער גייט נישט דאַווענען, וועט נישט וועלן הערן פון אַ חופּה. ס׳אי־דעך אַ מאָדע: צו לעבן „נאַ וויאַרע״, הפקר! — פּלעגט זי זיך אַרויסכאַפּן. אַצינד איז אויך שוין געלאָשן איר כעס. הלמאי כ׳באַגער נישט קאַ׳ זאַק מיט געלט. אָסור, טייערער, כ׳בין נישט זשעדנע קאַ׳ עשירותן. צו פרייד פון האַרץ איז מיין בענקעניש. מנוחה און אַ שטיקל טרוקן ברויט צו דער זעט איז מיין האָפן. שלמהשי, איך וואָלט נישט געוואָלט אַז עמעץ זאָל דערלעבן אין מיר אַ נקמה. חלילה הונגער, וואָלט געווען אַ גרויסער קלאַפּ. וועל איך דעריבער טאָן אַלץ אין דער וועלט דיר מיטצוהעלפן אַז מ׳זאָל זיך אַרויס־קריגן פון קלעם. גלייב, מיך וועט נישט אַרן קאַ׳ שום שוועריקייט, אַבי נישט געשלאָגן ווערן פון אַזאַ דלות. דאָס איז ס׳ערגסטע. מיין מאַמע איז גע־נוג געשלאָגן געוואָרן דערפון, דערצו מיט קליינע קינדער. דאָס, זעסטו, וואָלט חלילה געוועץ נקמה אָן אונדז. נאָר דיינע — זיי נישט ברוגז — דיין מאַמעלע באַגערט גרויס יחוס און זי ברויך אַ מאַיאָנטעק פאַר איר אַפּעטיט. איז וואָס קלערסטו אָנצוהייבן אַצינד, שלמהלע (האָט זי אַראָפּגעלאָזן די וויִעס און אין שלונג איז איר מיט אַ מאָל טרוקן געוואָרן), נאָך דעם שריט, פון וועלכן דו האָסט אַזוי גערעדט — — —? אָבער גלייכער נישט צו רעדן פון אַזוינס. כ׳פאַרלאָז זיך אין גאַנצן אויף דיר, לאַכטיקער. האָב נישט פאַר־איבל —, ס׳טומלט זיך ערשט אויף מיין דערשראָקן האַרץ!

געשראָקן זיך, געשעמט זיך און דאָך נישט געקענט זיך אָפּרייסן פונעם געשמועס: „וואָס זאָגסטו, שלמהשי?״

— וואָס האָסטו אַזוי פיל צו טראַכטן, קליינטשיקס? כ׳וועל טאָן וואָס איך וועל קענען, טוען אַפילו איבער די כוחות, אַבי דיר זאָל זיין גוט. גע־נומען זיך אין קאָפּ אַריין, דאָס פּיצעלע, אַ זאָרג ווי אַ באַרג די גרייס! רואיק, איך ׳על קיין שלעכטס נישט צולאָזן צו מיין קינדעלע. כ׳זאָל וויסן אַז אַפילו בלוט זאָל גיין פון מיינע הענט, נאָר דיר זאָל זיין גרינגער. וואַ, וואַ, פון וואַנען קומען צו דיר אַזעלכע געדאַנקען? די מאַמע האָט׳ס דיך אַרויסגעלערנט? שאַדט נישט, ווען אַפילו יאָ, אָבער דו דאַרפסט עס נישט איבערחזרן. לאָז אַלץ פאַר מיר. מיין שטרעבן איז אַז שרהלע זאָל קענען פאַרגעסן וואָס ס׳איז איר געשען ביז אַצינד. די מאַמע, דער טאַטע? זאָלן זיי זיין געזונט. מיר האָבן זיך אונדזער וועג.

— שלמהשי, וואָס דיר איז ליב, בין איך גרייט מיטצומאַכן. כ׳בין גליק־לעך, כ׳האָב דערגרייכט וואָס שטאַרק באַגערט. איך בין שלמהלע האָפמאַנס

פרוי, ס׳וואָר? עפּעס קלינגט עס מאָדנע און דאַכט זיך כ׳על מיך שעמען צו הערן אַז מ׳עט מיך אַזוי רופן. אָבער איך וועל זיך צוגעוויינען. כ׳האָב דיך ליב ס׳לעבן, מאַנעלע (און געקרעקט זיך). פאַר אַלעמענס אויגן, אָפן גיב איך אָפּ מיין גורל אין דיינע הענט, דיר מיין מאַן! מאַן, ווייב — כ׳וויס נישט צי ס׳קלעפּן זיך צו אונדז די צונעמעניש, נאָר אַזוי וועט מע קוקן אויף אונדז. איך קווענקל זיך נישט דערויף, שלמהלע מיינער, כ׳בין אָנגעבאַרייט מיטצוגיין מיט דיר וווהין דו וועסט גיין, אַפילו ברענגען קרבנות פאַר דעם. נייך, כ׳בין זיך נישט טועה. איך האָב ליב דעם וואָס איז באַשערט צו זיין אַ היילונג פאַר מיינע ווונדן — — — כ׳מיז עס דיר זאָגן אָפנהאַרציק: איך האָב געהאַט די ברירה צו קלייבן צווישן אַנדערע און דיר, צווישן רייכע און צוזאָגנדיקע, אָבער כ׳האָב געהאַרכט די עצה פון פּראָסטן געפיל: „גיי צו שלמהלען. שלמהלע מיינט דיך מיטן גאַנצן האַרץ, נאָר דיך; דו זעסט זיין קוואַאַל״, און דאָס פיל איך, איז וואָרע ליבשאַפט. אין גאַנצן ציטער איך ווען כ׳גיב אַ טראַכט ווי כ׳וואָלט באַדאַרפט וויינען און קלאָגן, אויב כ׳וואָלט נישט געקלערט ווי כ׳קלער אַצינדעט ווען ס׳רעדט צו דיר מיין לייב און לעבן. אַצינדעט בין איך דיין. ווי אַזוי ערשט פרעגן, באַשערטער? וועסט האָבן אין זיך, האָף איך, גענוג שטאַרקייט בייצוקומען די נייע שטרויכלונגען, שלמהלע! שלמהשי, זיי נישט ברוגז אויף מיינע רייד, גוט?

די שטוביקע האָבן זייטיק זיך צוגעקוקט, געוואָלט דערהערן עפּעס פאַר־נעם שטילן, אָפטן גערייד, וואָס ס׳יונגע פּאָרפאָלק האָט אָט־אָ אָפּגעכאַפּט ווי אַ נאַש, ווי אַ גנבה.

*

אַלע האָבן בפירוש פאַרנומען:

אין געפּלאָטער האָט גערעדט שרהלעס יעדער בליק, איטלעך דרייען זיך אויפן בענקל שלמהלעס. ביידע האָבן זיך געשפּירט אין געקלעם פון ליב־לעכקייטן וואָס די היימישע האָבן אַרויסגעבראַכט אין רייד, אין געצערטל פון בליקן.

רבונו של עולם, העלף אַן אומגליקלעכער ייִדישער טאָכטער, — האָט ס׳מיידל נישט געקענט זיך אָפּזאָגן פון דעם פיין־געפיל וואָס איז איר נאָכ־געגאַנגען זינט אַ זמן־רב. „אַ ייִנגלטשינע זיך אויסגעזוכט און זי גייט מיט עים אין דער העל אַראַן, די מאָאַד״, — האָט די מאַמע אין איר אַריינגע־

יאָמערט איטלעך מאָל און די איריקע האָבן מיטגעהאַלטן מיט איר. „אַ מאָד, זי ווייסט נישט ווי זי האָט זיך!" אוי, אוי, זיי זאָלן זיך נאָר נישט דערוואַרטן קאַ׳ נקמה. זי זאָל עס ליבערשט נישט דערלעבן!

יעדער קער און ווענד האָט ווי אַ שלאַנג צעביסן שרהלעס רעיון.

נייער צווייפל האָט אַרויסגעקלאָגט פון דעם מיידלס פאַרוואונדיקטן געמיט. לייט האָבן עס צוגעזען. אַפילו דאָס וואָס האָט געווינט פון שלמהס גרויסער מידקייט, האָט זיך צעשריגן אויך אין דעם אומגעוואַלטן אָפטן שווייגן פון די מחותנים. זיי האָבן נישט געהאַט ווו די אויגן אַהינצוטאָן.

מיטן איבערקוקן זיך ביים טיש און פון אָפגיין פון מאָל צו מאָל אָן אַ זייט „אויף אַ פּאָר ווערטער", ווי ס׳האָבן געטאָן די יונגע פאַרליבטע, האָבן די עלטערע לייט איבערגעביטן צווישן זיך נאָר לויזע רייד און קלאָמפּערשט פריילעך אָפּגעדעכעט:

— ס׳לאַכטיקע מזל מעג זיי צושיינען, — האָט געענטפערט די מחותנתטע רייזל — יונגע קינדער, אָבער זיי האָבן זיך אויכעט גענוג אָנגעליטן.

— אַוודאי, וואָס קומט אָן לייכט? אַפילו טייבעלעך, וואָס ס׳עסן די טרייפענע העלדזער, מוז מען אויך בראָטן, און בראָטן בראָט מען אויף הייס פייער, — האָט קלוג זיך צעטענהט דער מחותנתטעס ברודער כיל־מאיר.

— גרינג, שווער, מ׳באַדאַרף גאַרנישט אַזוי פיל אַריינקלערן. בטחון אין אייבערשטן דאַרף מע האָבן. לאָמיר זיך פאַרלאָזן און די קינדער וועט מערטשעשעם גיט זאָגן. פאַר זייער מזל זאָל מען ערשט טרינקען אַ גלעזעלע מעיד. יאָ, אָן אַדערויף אויפן פסח וואָס קומט מיט אַ גוט געזינט, — האָט זיך צערעדט די באַלעבאָסטע און שוין האָט זי געקלונגען מיט גלעזלעך — זאָל זיין שמחהדיק, פאַר שרהלעס, פאַר שלמהלעס מזל.

— ערשט געגעסן, געטרונקען, איז שוין ווידער? — האָט ר׳ איטשע זיך פאַרלוירן.

— ווידער, — האָט געענטפערט כיל־מאיר — פאַר וואָס נישט? זאָל זיין אַ טראָפּעלע הימלעך!

ביים מידן פלאַם פון דער בליצלאָמפּ האָט שבע, די באַלעבאָסטע, שפּעטער אויסגעבעט געלעגערס אויף די פריש־אָנגעשטאָפּטע שעניקעס, געשפּרייט געקראָכמאַליעטע ליילעכער און ליבלעך גערופן אין דער ליכטאָנגעטריפטער אומהיימלעכקייט אַריין וואָס איז געשטאַנען אין חלל פון נאָך דער פלוצלינג אָנגעפּלייצטער גראַטשקע:

— מאַנע ליבע לאַט, ס'שוין צאַט זיך איבערצולייגן ס'געשעפט!

אַ פאַרמאַטערטע האָט זיך געבאָמבלט איר גינציקע שטים און אויף בעטן, אויף גיך אַרויסגערוקטע געלעגערס און אויף בענקלעך האָט ווייס איבערגעצויגן בעטגעוואַנט זיך צעפּאַכלט אין דער אויפגעשרומפּענער ענגעניש.

אומדרייסט זענען די מענטשן זיך פונאַנדערגעקראָכן און דערנאָך איז ראַפּטעם אַראָפּגעזונקען אַ ברייט צעגאָסענע פינצטערניש. מ'האָט געמאַכט נאַכט אין כיל־מאיר טאַנדייטערס שטוב. עפּעס שעמעוודיק, אַז מ'זאָל אים נישט הערן, איז יעדער נישט געוואָרן. שלמה האָט אומגעוואָלט, נישט צו קוועלן דעם ביישלעפער, געהיט זיך צוגעלייגט צום פאָטער, וואָס איז פר:ער אַריין אין בעטגעוואַנט. אָנגעשטרענגט ביז ווייטיק איז ער לאַנג געלעגן אויף אַ זייט און ווי אַן אָפּגעשטאַנענער פיש געזופּט קלעמבעס פינצטערן רויש וואָס האָט געזשומעט איבער אים. די כלה איז אַרונטערגעקראָכן אונטערן איבערבעט פון דער מוטער און אַ האַלב־וואַכעדיקע אַ גאַנצענע נאַכט געטליעט ווי אַ בערגל לעבעדיקע אַש איבערן געוועב פונעם דערוועקטן מוח: „ווי וועט עס זיין — מאָרגן? וואָס וועט שלמהלע טוען? וואָס וועט ער ענטפערן, אויב מ'עט פרעגן — ווי וועסטו אָנהייבן: יונגער מאַן — — — ? אַזוי ווי ביז אַהער איז אויך — תכלית? מיט תכלית הייבט זיך אָן ביי יעדן פּאָרפאָלק!“

גרויסער נייגיר האָט אויפגעברענט אין שרהלען. זי האָט ערשט געפילט: אַ לויערנדיקע ליידיקייט עפנט זיך אַקעגן איר, אָבער ס'איז פאַראַן אויך אַ יענע זייט — האָט עס גערופן אין איר וואַכן באַוווסטזיין. — איז אַ חוץ דער ליידיקייט פון יענער זייט פאַראַן נאָך אַ קוואַל פון לעבן. ווער האָט רעכט אויף לעבן? — און זי האָט תיכף זיך געשלאָגן מיט אַ נייעם געדאַנק: אויף אַן אמת נאָר די, וואָס קענען עס נעמען ביי די אויערן. „מירן זיך נישט לאָזן, שרהלע“, — האָט שלמה איר אַנומלט געזאָגט. ר'איז טויזנט מאָל גערעכט, איר ליבער. שלמהלע איז איר איינציקע האָפענונג. ר'איז טאַקע נישט קיין גיבור, ר'האָט ליידיקע קעשענעס, דערפאַר זענען זיי אַצינד אין צווייען. וואָס ער וועט נישט באַווייזן, וועט זי אים ביישטיין. נישקשה, שרהלע לייבוואָל איז נישט קיין געניאַנטשעט קינד. זי'ט העלפן איר מאַן.

צומאָרגנס האָט זי זיך די ערשטע באַוויזן פאַר די שטוביקע מיט אַן

אָפּגעמינטערט געמיט, צוגעגאַנגען צו די צעוואָרפענע געלעגערס און גע־
זוכט בעת מעשה צו הערן איר אייגענע שטים:

— גוט שבת, מאַמע.

זי האָט שטיל געעפנט די לעפצן ווען דערזען אַז די מוטער שלאָפט שוין נישט.

— אַ גוטן אויפשטאַנד דיר, מומע שבע, — און פאַוואָליע אַזוי גענומען מאַכן טאָג.

דערזען ר׳ איטשען ווי ר׳שטייט שוין אין פענצטער,ביים פאַרשאַרטן פאַר־
הענגל, האָט אַ ליבלעכע מינע אויפגעשיינט אויף איר יונגן פּנים:

— גוט שבת. וואָס עפּעס אַזוי פרי...? דאָס וואָרט ש ו ע ר האָט איר אין דער רגע אַ וואָרג געטאָן. — אַבי כ׳האָב געמיינט אַז איך בין די ערשטע.

— געוועזן האַרט ס׳געלעגער, ראַכטיק? — האָט גינציקייט געאָטעמט פון דעם פרעג.

— גאַנץ באַקוועם. כ׳בין צוגעווינט פרי אויפצושטיין. אָבער קודם נעם צו מיין גוט שבת, אַ גוט יאָר אויף דיר, טאָכטער, און זיי וויסן אַז די ערשטע שטייען אויף די פייגל. זיי רופן די אָרנטלעכע צו זאָגן תהילים און די אַר־בעטאָרערס צו דאַווענען השכמה, זיי זאָלן נישט פאַרשפּעטיקן. דער עיקר — האָט ער צו איר פאַמעלעך אויסגעדרייט ס׳גאַנצע פּנים מיט דער באָרד — דו ביסט גוט געשלאָפן, שרהלע?

— אַ דאַנק. נישקשה, — און זיך אַ ביסל פאַרשעמט.

איר שלמהלען האָט זי נישט באַוויזן אַנטקעגן צו טראָגן דעם גוט־שבת. דער יונגער מאַן האָט זיך מקדים געווען:

— אַ גוטן אויפשטאַנד, שרהלע. ס׳אי׳ נאָך אַזוי פרי און דו האָסט שוין אויפגעוועקט די גאַנצע שטוב. ווילסט ווייזן דיין פלייסיקייט? ווער וועט דיר גלייבן? אפשר די מומע שבע, ווייל זי איז די גאַסטגעבערן, און אַ גאַסט וויל מע נישט באַליידיקן.

— צי זי איז פלייסיק ׳עט מע נאָך זען, — האָט זיך שוין אַריינגעמישט דער פעטער כיל־מאיר, — אָבער היינט האָט זי נישט קאָ׳ מזל צו קענען זיך באַווייזן מיט דעם. היינט איז זי דאָך אַ יחסנטע, אַ כלה, אַ גאַסט. זי מוז האָרכן וואָס מ׳הייסט איר: נאַ, עס, נאַ זיץ, ס׳וואָר, רייזל?

— גערעכט, מאַאַן ברידער. ס׳עט איר חלילה נישט שאַדטן אויב זי וועט עפּעס צוהעלפן, כיל־מאירשי.

גאַרנישט ווי זיין שטייגער, האָט דער מענטש הייטער, כאָטש גאָר פרי, זיך צערעדט:

— כיל־מאיר זאָגט אַז געסט זענען געסט, בפרט אַ כלה, אַ חתן. דאָס זענען דאָך מורינוס און צוציקעס, וועלכע מ׳דאַרף ערשט פירן ביים הענטל. איז געהאָרכט זאָל ווערן: ערשט רופט כיל־מאיר אין שיל אַראַן, רבותי! יונ־גער מאַן, האָסט זיך נאָך לאַנג צו מכינען? איך בין גרייט, ווייל אַן עדה יידן וואַרט אויף אונדז. צ׳מיינט, מ׳ווייס נישט אין לינטשיץ אַז ס׳קימט פאַר אַ חתונה אין שטאָט? מ׳ווייס, ליבע מענטשן, און מ׳עט געבן עליות ווי ס׳געהער צו זאָאַן. און איר, מחותן, זענט אַוודאי אויכעט גרייט. וועלן מיר גיין?!

— מיר גייען.

דערנאָך האָט די קליינע שטוב פון כיל־מאיר דעם טאַנדייטער רעכט זיך אויפגעוועקט צום גרויסן שמחהדיקן שבת, וואָס האָט טרוקן פרעסטל־דיק אַריינגעגראָעט אין די פענצטער מיט די יומטובדיק צעפּאַכלטע ווייסע פאַרהענגלעך.

קאַפּיטל ביינצן

זאַרער יום־טוב איז געווען דער שבתדיקער טאָג אין כיל־מאיר טאַנדיי־טערס אָפּגעזונדערטן שטיבל, וואָס אין לאַנגן הויף פון ר׳ וואָלף קאָ־וואַלס געהייז. עפּעס האָבן פרישע קולות אַהין אַריינגעדרונגען מיט אומגע־ריכטער גינציקייט. אויף פאַרן טעם פונעם האַרץ האָט זיך אויסגעגאָסן אַ מין ליכטיקייט פון צוזאַגנדיקן גוטס, אַזוינס וואָס איז נישט שכיח אין דער וואָכעדיקייט פון דעם גאַנצן קאַנט וואָס שמעקט מיט דורכויסיקן דאָרף, מיט סטאַדאָלע און פעלד. יאָ, די לינטשיצער גאַס לענגויס דעם בזורע־טייך איז ווינטערצייט גאָר אַ פוסטלעכע, ס׳זעט זיך אַן אַז זי איז אַ קנאַפּ ברוקירטע. די שטיקער נאַקעט־ערד וואָס ליגן אַנטקעגן דעם שטוינענדיקן הימל, זע־נען ווי לישייעס פון אַ בהמהשער פעל. שיטער שטייען די הילצערנע הייז־קעס אין ציגאַנקע־גאַס. צווישן כאַטע און כאַטע איז דער שטח אַ פאַרוואָר־לאָזטער אָדער עס שטאַרט אַרויס פון אים אַ ווילד וואַקסנדיקער פויערישער גאָרטן. פרעמד גאַפט אויך ר׳ וואָלף קאָוואַלס מאַיאָנטעק מיטן חילוק וואָס דער אַלטער שמיד האָט זיין הויף מער ווי אַנדערע באַלעבאַטים פאַרבויט

אין דער טיף אַריין, מחמת מיט זיין פּרנסה, דער קוזשניע, האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט אין פּראָנט (אַט־אָ ברומט זי אויף מיט האַמערהילך אָדער מיט פערדישער טענה) און פאַר די בידנע שכנים וואָס האָבן זיך צו אים אַריינגענאַדיעט איינציקווייז, האָט ער פּאַוואָליע, במשך זיין לאַנגן לעבן, צו־געבויט פּיצל שטיבלעך. יעדעס מאָל אַן ענג, נעבעכדיק באַוווינונג. צו זיין ברייטער נידעריקער שטוב איז ביסלעכווייז צוגעקומען אַ ווענטל צו אַ וואַנט, אַ רויט ציגלטרעפּל (וואָס יאָרן האָבן געדולדיק אָפּגעשליפן), אַ טיר (רעגנס, קעלטן און היצן האָבן זי אָפּגעבליאַקעוועט), אַ פּאָר כמורנע שייב־לעך דערנעבן און איבער דעם אַ סמאָלע־דעכל, אַ ליימיק קוימענדל. איט־לעך מאָל איז צוגעקומען אַ נייער קאָמאָרניק דעם אַלטן שמיד און ער האָט זיך שוין געעלטערט ביי אים, דער אָרעמער שכן. וואָלף קאָוואַלס הויף איז געוואָרן אין דער האַלב־ליידיקער גאַס אַ טונקעלער אָנוואַלגער פון אביוני־שע נעסטן נאָך מיט אַ צולאָג פון דורכגעווייקטע הילצערנע קאַמערן אויףביידע זייטן פּאָדוויר. ווי דער פּראָסטאַצקער באַלעבאָס מיט דער טרוקן גראָ־זיקער באָרד איבערן זקניש צעוואַקלטן גוף איז זיין מאַיאָנטעק געווען אַן אָנהויפּונג פון מפּולתן אין מיטן דער פּוסטעניש פון די אָפּגעריסן וויאַגנע־דיקע לאָנקעס און גוייִשע גערטלעך, צעשאָטענע איבער דער סביבה וואָס ליגט צעשטופּלט פון פעלדשטיינער. אין אָט־דעם עלנט איז כיל־מאירס שטיבל העט אָפּגעוואָרפן, אָבער אַצינד האָט עס זיך אויסגעטיילט מיט פרעמדלעכער פייערלעכקייט. די ווייסע פאָרהענגלעך איבער די צוויי פענצ־טער האָבן עס חידושלעך אַרויסגערוקט אויפן דרויסן. ס׳האָט דערפון אויך דערציילט דער העזהדיקער רויך־זייל וואָס איז פלאַטשיק געקראָכן איבער ר׳ וואָלפס געהייז.

זענען די מאַנסלייט אַוועק אין שילעכל אַריין, האָבן די פרויען אין שטוב, אַפילו די כלה, זיך געוואָרפן ראַמען. אויף גיך האָבן זיי מיט קאָלי־ריקע קאָלדרעס פאַרדעקט די קישנס און איבערבעטן וואָס זענען אויף ביי־נאַכט אַרויסגעקראָגן געוואָרן פון די שטוביקע געדערעם — פון אונטערן שניידערישן טיש, פון שפּאַרעס און לעכער. איבער די ווייבער האָט געוועל־טיקט דער ציטעריקער געדאַנק אַז סיי ס׳איז שבת־קודש סיי ס׳איז אַ גרוי־סער יום־טוב אַז מ׳דערלעבט חתונה צו מאַכן אַ קינד אין דער משפּחה. גאָר נישט גרינג קומט עס אָן די אָרעמע לייט. ווײ, ווײ, די רייזל איז עס אַ ביסל געפּרוווט געוואָרן! — האָט פרום זיך געבויגן אונטער איר מחשבה די באַ־

לעבאָסטע פון שטוב, בעת די סאַמע מחותנתטע האָט מיט חושכעניש אין די אויגן זיך באַוועגט צווישן די זאַכן וואָס זענען געווען אָנגעוואַלגערט אין מיטן הויז. מיט אַ מאָל האָט אַ פּאַליע אייגענע רייד אַ וועק געטאָן שבען:
— ס׳שפּעט! ווי דער שטן איז מקטרג? פּונקט היינט איז מע זיך פאַרשלאָפן!
— און אין מיטן דערינען זיך אָפּגעריסן פון דער שוועגערין און טאַכטער:
— צ׳עט מוזן זיך אַן עצה געבן אָן מיר, האַרצעדיקע. די לאַאַט ׳עלן קימען און איך שטיי אַ צעקראַכענע. דער זייגער לויפט, צ׳זעט? איך וועל גרייטן ס׳מיטיק, — און זיך טאַקע גענומען פאַר דער גרויסער מאָלצייט.
מחמת דער ענגעניש, האָט זי זיך צעקלאָגט אין איר אַלט קלאָגן, איז דאָ מער צו טאָן ווי אין גרויסע סאַליעס. דאָ שטעל זיך, דאָ מעק זיך און קומסט נישט פון אָרט.
ווידער צעוויגט זיך די שטילקייט, אַ צעהאָנגענע איבער דער גראָקייט פון טאָג, וואָס האָט זיך אַ סמוטנע געשטעלט אין פענצטער אַריין.
— אוי, גיטע מלאכים זאָלן אַנטקעגן קימען אונדזערע לאַאַט, — האָט שבע די מומע, די שוועגערין ווידער זיך דערמאָנט אָן דער שבתדיקער שיל, אָן דעם כבוד וואָס מ׳עט אָנטאָן די איריקע, — און הויך אויסגעזיפצט פאַרן געהער פון די געסט. — וואָדען, חתן־כלה זענען גרויסע מורינוס! ס׳אַראַ מצווה איז פאַר קהל זיי מהנה צו זיין! עס הייבט זיך אָן פאַרן פאָרל אַ בייער וועג, ני, זיי באַדאַרפן נעבעך איבערקומען נאָך געניג. אָרעם, רייך — אַלץ איינס איז נישט גרינג פאַר יונגע קינדער. אַ קליינינקייט אָנצוהייבן גיין פאַר־זיך? אַ ברייטע וועלט עפנט זיך פאַר אַזעלכענע און זיי ווייסן נישט ווי צו שטעלן אַ שריט. אמת, איטלעכן שפּילט צו זיין מזל. האַרכסט, רייזל? זייער זכות מעג אונדז ביישטיין. אומשולדיק ווי די שעפעלעך זענען זיי פאַר גאָט ברוך הוא. ווער איז גלאַאַך צו אַ כלה אין חופּה־טאָג! — מיט אַ מאָל האָט די מומע אָנגעשטעלט אַ פרומע מינע אויף שרהלען און זי, די אויף וועלכער מ׳האַלט זיך אין איין דערבאַרעמען, האָט זיך אָקערשט נישט געקענט קיין אָרט געפינען. אַ שווערע פאַרטראַכטקייט האָט צעטראָגן די יונגפרוי אויף דער שוועל פון נייע געשעענישן אַרום איר, מיט איר.
— ס׳איז הויכע צאַאַט, אויב כ׳בין עס ווערט ביים אייבערשטן, ס׳זאָל נעמען אַ סוף צו מאַאַן מענטשאַרניע, — האָט רייזל זיך אָפּגערופן און דער שוועגערנס אויגן האָבן געבאַקן איר פּנים מיט פלעמלעך פון אַנגסטן. — מאַאַן קינד זאָל כאָטש באַשערט זאַן אַ לאַכטיקער מזל! כ׳זאָל נישט זינדיקן

מיט די רייד — און האַסטיק אַנטשוויגן געוואָרן, אָבער שוין געשמועסט מיט זיך גופא און מיט דער שטוב. בעת־מעשה האָט רייזל נישט געזען ווי די טאָכטער גליט פון בושה. אָפּגעקערט זיך פון די צוויי ווייבער האָט שרהלע געוואָלט פאַרטומלען אין זיך ס׳געשריי פון אימה וואָס די מאַמע האָט ערשט אין איר אַריינגעליאַרעמט: „אַ וויסטער גורל פאַלט נאָר אויף די אָרעמע לייט. יאַרעצקיס טאָכטער איז גאָרנישט געשעען, כאָטש זי האָט זיך פאַר־יאָטלט, אַ גאַנצע שטאָט האָט געטייטלט דערויף. איר טאַטנס עשירות האָט פאַרשיינט אַפילו אַזאַ חרפה. מ׳ווערט געבוירן אין דלות, פייניקט מע זיך אַ לעבן־לאַנג!״ זי האָט עס קלאָמפּערשט גערעדט מיט זיך, די פאַרצאָגטע רייזל, געשלונגען טרערן און געברענט ס׳לייב פון דעם ווייבעלע, כאָטש זי האָט עס נישט מכוון געווען. די מחותנתטע רייזל, אַ פאַרטוענע מיטן יום־טוב, האָט זיך געוואָרגן מיט איר ווייטיק; זי וויל אַצינד אויסוויינען ס׳גע־ווייך וואָס טליעט איר אין האַרצגריבל. אַ מערכה זי האָט דערשפּירט נעבן זיך די שוועגערן אַ פאַרקאָכטע אין געטועכץ. זי איז אַ צדיקת, מאַן ברוי־דערס וואַאַב, זי טוט עים נישט אָן קאַ׳ צרות למאי ער העלפט דער פאַר־חושכטער שוועסטער; גאָט זאָל זי בענטשן מיט כל הגוטס, — האָט זי גע־וויספּערט מיט דערלייכטערונג, בעת שבע האָט גערוכעוועט מיט די הענט און נישט אויפגעהערט איבערצוחזרן:

— די זון קריכט, אָבער איך האַלט נאָך פון פאָרנט! אי־אי־אי, ס׳לאָזט זיך טוען ביי אַזאָלכענע קלייניקייטן! אַ גלעזעלע, אַ קאַראַפינקע, אַ פלעשל, אַ טעלערל, נאָך אַ טעלערל און אַ קליאַש. ערשט שניידן הערינג, גרייטן די לעקעכער, די באַדעיאַנקעס. אָן עין־הרע אַן עולם דאַרף קימען, אַן עולם ברכה־מאָכערס! ווו זענען די זאַלצפלעצלעך, די געפעפערטע אַרבעסן, און אַ טרונק צוצוגרייטן פאַר אַזאַ עולם. נעבעך נאָר אַ קידוש שטאָטס אַ חתונה־מאָלצייט! אָ, ביסט נאָך נישט פאַרטיק, שבע. זאָלן מענטשן נישט האָבן צו באַקרעכצן די כלה און זאָל מע נישט באַרעדן דעם פעטער: אונטערגענומען זיך צו זיין אַ שטיקל מחותן און לסוף די יתומה אַרויסגעשטופּט מיט אַ קאָרגן לחיים. חלילה, אַזוינס טאָר נישט געמאָלט זיין! כיל־מאיר מוז בלאַאַבן אַ מענטש מאַנק מענטשן און די שוועסטער וועט נישט פאַרשעמט ווערן —׳ — — אין מיטן דערינען איז זי צוגעפאַלן צו רייזלען און צו שרהלען, זיי געקושט, באַוואַשן מיט האַרציקע טרערן: זייט׳ס נישט בייז, לאָכטיקע. מיר זאָל זאַאַן פאַר ענק, ווי געטריי ס׳איז ענק כיל־מאיר דער

ברודער, דער פעטער, — און איילעוודיק צוריק צו איר געטועכץ, און ווי־דער געררעדט: — מ׳מיינט נאָר אַז ס׳איז אַ גאָרנישט מיט נישט. ס׳לאָזט זיך טועץ, און איבעראַנייס געקלונגען צווישן גלאָזוואַרג, אין געפּעס. — אָנעהאָ־רע אַן עולם וועט זיך אַראַנוואַזן, ׳עט מע דאַרפן דערלאַנגען אויפן טיש אַרויף. אָט, אָט קימען זיי!

— אַ ברכה אויף דאַאַן קאָפּ, שבע קרוין, פאַר דאַן געטריי טועכץ, פאַר דאַן באַשיינען מאַן שמחה. מערטשעם באַ דאַאַן קינד, — האָט רייזל זיך אַ שטעל געטאָן נעבן דער שווערן מיט אונטערטעניקייט. — וואָלט איך באַ־וויזן דאָס אַלץ? מאַן קינדס זכות פון האַאַנטיקן טאָג זאָל דיר ביישטיין און די ברכות פון די ייִדן, וואָס ׳עלן זיך צוזאַמענקומען, זאָלן בענטשן דאַן הויז, שבע! — אירע אַריינגעזונקענע אויגן אין פלאַטשיקן פנים האָבן דערויף זיך צעטרערט ווי פלוצלינגער רעגן, מיט שפּע אָפּגענעצט אירע מאָגערע באַקן.

— מאַך זיך נישט צו נאַר, רייזל. רעדסט! ס׳אַ שמחה אַז מ׳דערלעבטס, דאַרף מע מענטשן מהנה זאַן. זאָלן לאָאַט זיך מיטפרייען די פרייד פון אַ ייִדיש קינד. ס׳געשעט דען אַלע טאָג? ייִדן וועלן אַ ברכה־מאַכן און זאָל זיין גליק ביי שרהלען מיט איר מאַן און מיר אַלע ׳עלן שעפּן נחת.

— ייִדן וועלן אַ ברכה־מאַכן, — האָט רייזל קורצזיכטיק, מיט בלודנעם קוק זיך נאָכגעצויגן די צעפּלאַטערטע רייד פון דעם ברודערס ווייב. זי האָט זיי באַצייטנס געזען, די איינגעזאַמלטע און ווייטיק בתוך שמחה האָט זיך געשניטן אין איר מיט ברייטע גרימאַסעס. בעל כרחי האָט די פרייד צע־קרימט איר פנים. — ייִדן וועלן מאַכן אַ שהכל. אַ דאַנק דיר, אַ דאַנק דאַן מאַן, שבע קרוין! צ׳קויפט ענק עולם הבא, — און אַ כליופּ טרערן האָט זיך אַ גאָס געטאָן פון איר.

אָן אַ זייט פון דער מאַמע מיט דער מומע האָט שרהלע, אַן איינגע־האָרכטע אינעם אָרום וואָס איז געלעגן אין אַ וואָלקן פון שטאַרן קוקן, זיך געשטיקט מיטן אייגענעם וויי: — מיין פרייד איז אַן אויסגעבאַרגטע. איך בין עס נאָך נישט זוכה. אַ נס וואָס ס׳דאָ אַ גוטער פעטער, אַ האַרצעדיקע מומע. אויך מיין מאַמע האָט עס נישט זוכה געווען. בין איך ראוי אַ ביסל גליק פאַר זיך? ברכה־מאַכערס וועלן קומען, וועלן זיי גרייכן צו אונדז, די ברכות, צו שלמהלען, צו מיין מאַמע? די וווּנד שפּירט נאָר דער פאַרוווּנ־דיקטער.

און אַז די מומע שבע איז צוגעגאַנגען צו איר, האָט די צעווייטיקטע יונגפרוי פּאַר איר אויסגעשלייפט אַ דין שמייכעלע, וואָס האָט זיך דורכגע־קראָגן אַ נעפּל פון טרערן: אַ דאַנק, אַ דאַנק, מומע. בין איך ווערט אַזוי פיל? — — —

*

און איז אַהיים געקומען דער באַלעבאָס מיט די געסט, האָט זיי זיך נאָכ־געצויגן אַ כנופיא שיל־יידן מיט טלית־זעק אונטער די אָרעמס. דאָס זענען געווען עטוואָס געבויגענע, אויסגעהאָרעוועטע, שווער־לייביקע לייט אין לאַסטיקענע יוביצעס, אַטלאַסענע קאַפּאָטעס, לאַנגע שוואַרצע טוכענע פּאַלטנס, יידן מיט צעקנוידערטע בערד, אין שטיוול און אין קאַמאַשן. מעשה בעל־שימחה האָט כיל־מאיר זיך געוויזן אויפגעלייגט.

— גיט שבת, מאַן וואַאַב! גיט שבת, מחותנתטע, גיט שבת, כלה — האָט ער אויסגערופן, געבליבן שטיין אין דער צעפּראַלטער טיר פון זיין שטוב און דער עולם הינטערווילעכטס האָט זיך אַריינגעפּאַקט און האָפּערדיק אים אונטערגעהאַלטן:

— גיט שבת, גיט שבת! די מחותנים אַ גיט שבת, די חתן־כלה אַ גיט שבת!

— אַ גרויסן מזל־טוב הינעו! — האָט עמעץ איבערגעשריגן דעם טומל.

— מזל־טוב, מזל־טוב! — האָבן געמאַלן מיילער, געשאָקלט זיך בערד. מערערע האָבן געוואָרפן מיט די ליפּן, אין דער ענגשאַפט פון שניידערשן שטיבל געזוכט ווו זיך אַנידערצושטעלן, ווייל ס׳רוב זענען די לייט געהאַנ־גען אויף איינאַנדער. הענט האָבן געצאַפּלט איבער אַקסלען, קעפּ האָבן זיך געוויגט, סאַמעטענע היטלעך, טוכענע שוואַרצע קאַשקעטן האָבן גערעדט, גערופן:

— פאַרמאַכטס די טיר! געזעען — אָפּן האַלטן אַ טיר האַא־אַאַנט?!

— ס׳אַר אַ קרירה אין דרויסן!

— מ׳עט אָניאָגן אַ שטיב מיט קעלט!

פון דער ענגשאַפט אַרויס האָט מע זיך שוין געבעטן:

— די ט־י־י־יייר! די שטיב איז אויסגעהייצט, דערבאַרעמט זיך!

— באַלעבאָס, מחותן! דאָ ׳על מע פּראָווען דעם קידוש. נישקשה, מ׳קען! דערלאַנג נאָר דעם אָקעוויט!

— מ׳עט דעך נישט אויסשטיפּן די וועגט אום שבת! — האָט עמעץ זיך שוין געפּרוווט אויף אַ הלצה.

— שאַדט נישט, מ׳עט זיך אַן עצה געבן. וואָז נאָר ס׳פלעשל, כיל־מאיר!

— דעם לעקעך ׳עט מע האַלטן אויף דער טאַץ. אַבי נישט באַלעמור־טשען.

— אויך די באַדעיאַנקעס קען מע האַלטן אין האַנט!

— ס׳מעג זאַאַן אין ענגעניש, אַבי ס׳אי׳ ליב.

קאַטאָוועסדיקע רייד האָבן זיך געשאָטן אַריבער אויפגעהויבענע בערד און חידושדיקע אויגן פון אַן עולם וואָס איז געשטאַנען נישט אַהער, נישט אַהין. מ׳האָט זיך געשטויסן אויף דערוואַרעמטע לייבער און ס׳האָט אים גע־בלענדט אין פּנים אַ צוגעגרייטער טיש פאַר אַ גרויסן קידוש.

— ר׳איז אַ ווילער באַלעבאָס, ר׳ כיל־מאיר, ר׳זאָל מאַריך ימים זאַאַן בתוך רחבה, נאָר זאָל מע שוין אָנהייבן, — ווייזט ווער שוין ס׳אומגעדול־דיקייט.

— שששאַ שוין, ס׳גייט דער ראַכטיקער לחיים! — האָבן אויפגעצאַפּלט אַ פּאָר שטאַרקע אַקסלען צווישן אַ רוב צעוויגטע קעפּ וואָס זענען געשווומען אויף ערגעצדיקע פּיס.

— אַ גרויסער, גרויסער מזל־טוב גייט אויף די מחותנים, אויפן יונגן פּאָרפּאָלק! — האָט זיך אַרויסגעשפּאַרט אַ פול קול, בפירוש אַ גינציקס.

— מזל־טוב, מזל־טוב, מיט מזל זאָלט עץ לעבן!

— מזל־טוב, נאָר גיטס ענק אַ ריר, כ׳זאָל קענען אַרויסצי:ען מיין פוס, — האָבן זיך צעברענט אַ פּאָר מידע אויגן אַקעגן אַ צעוויגטער פלייאַמע פון אַ סך באַוועגטע נערוועזע האַריקע פּנימער.

— ששש, ס׳אַ חרפּה און אַ בושה. מ׳טוט דאָך פאַר ענק! אויף אַ שימחה אויך ס׳געאייל? — האָט עמעץ זיך שוין צעפּרייכט.

די מינוטן זענען געווען שפּיציקע, קולות האָבן זיך געריסן, גלידער זיך געעקשנט קעגן דעם אָנגעהיצטן גיר פון די וואָס האָבן דאָ אויסגעקוקט אַ פּרעס, אַ טרונק. די קליינע שטוב האָט זיך אָנגעטומלט פון דעם אָנגע־דרענגטן עולם וואָס אים האָט אַנטקעגן געשמעקט סעודהדיקע וואַרעמקייט. אויף דער אונטערגעהייצטער פּליטע (די פּאַרסאַזשעטע מאַריאַנע האָט ערשט פּרי:ער זיך געשאַרט אַרום קאַלטן ציגלנעם קעכל, געצונדן קינדלעך, אָנגע־

לייגט האַלץ, שטיינקוילן) האָבן זיך געדעמפּט שבתדיקע יויכן־פליישן, עס האָט גערעדט דיבורים אַ לאָקשנקוגל מיט ראָזשינקעס וואָס „ווײנט״ אין הינערנעם שמאַלץ. — ששאַאַ, ייִדן, מ׳טראָגט! — האָט די ענגעניש אַ שווים געטאָן אויף אַ נייעם היימלעכן רעש און די פענצטער האָבן אַנטקעגן געפינקלט אין נאָענט אָנגעטראָטענעם שטוינען. עמעץ האָט איבער צעוויגטע קעפּ אויפגעהויבן אַ טאַץ מיט געשניטענע צינגלעך געלבלעך־ווייסן צוקער־לעקעך. פון שויבנשענקל וואָס אָן אַ זייט שטוב האָבן גראָד שעמעוודיק גע־גאַפט פסחדיקע גלעזלעך, אַ זילבערנער קידוש־בעכער האָט זיי נאָכגע־בלישטשעט און די יומטובדיקע ווייסקייט, אָן אַרויסגעצויגענע פון שופ־לאָדן, האָט זיך צעפּאַכלט פון האַנטעכלעך, פון אַ ליאַדע פלאַכטעלע וואָס האָט אָן אָנגעקראָכמאַליעטס באַהאָנגען פאַרהוילענע ווינקלען פון דער בעל־מלאכהשער אָרעמשאַפט. ס׳האָבן אויך געבלאַנקט סערוועטלעך, פריש אויפ־געוואָרפענע אויפן קרעדענץ און ברייטע ליילעכער האָבן בכבודיק פאַרפאַל־דעוועט בערגלעך באַהאַלטענע צייגענע און וועלוועטענע סחורה, אָן אויס־געשטעפּטע מיט וואַטע, באַניט מיט שטיקלעך קאַצנפעל, שטייפלעכער פאַ־טשעווקע און שיין „געסקינטשעט״ מיט גלאַזורירטע קנעפּ אויף שווערע קורטקעס, רעקלעך, הויזנוואַרג און אויך קינדערשער הלבשה.

פאַר אַ שטיקל צייט פון דעם דאָזיקן סוף־ווינטערטאָג האָט אין דער שבתדיק צוגעקליבענער דירה פונעם טאַנדייטער זיך אויפגעהויבן אַ פריי־לעכער האַרמידער. איילין געוועזן אַרויסגערוקט דער טיש אין מיטן שטוב אַריין, האָבן די ווייבער אויף לעצט אַרויפגעשטעלט פלאַשן אָקעוויט, אַ גאָנשער ווישניק, צוקערוואַרג, האָניק־קיכלעך, אייער־קיכלעך, צוקער־לע־קעך. גלעזלעך האָבן האָפּערדיק זיך צעקלונגען, ווינטשעניש זיך איבערגע־יאָגט, צעוואָרעמט אָקוראַט אומגעריכט אויפגעהויבענע ליכטיקע פליגל האָבן זיך צעמיניעט אין דער באַלעבטער טונקלקייט, צעפלאַטערט זיך אין חדווה, ווידער אויפגעלויכטן אין די פאַראומערטע אויגן פון די בעלי־שימחה. ייִדן האָבן מיט שווערלעכער בשמחהדיקייט איבערגעקערט גלעזלעך שאַרפּקייט אין די העלדזער אַריין און געבענטשט חתן־כלה, אַלע מאָל אַרומגעזוכט מיט די בליקן די מחותנים פון דער פרעמד. זיי, די בידנע, זענען פאַרטומלט געוואָרן פון דעם רעש און נאָכגעזאָגט:

— זאָל זיין מיט מזל!

— מערטשעשעם ביי ענקערע קינדער!

— זאָל זיין מזל וברכה אויף כל ישראל!

— זאָל זיין ברכה און שפע אין ענקער גיין און שטיין, יונגע לייט, ער האָרכט? שמאַין מעג מע האָרכן! — אַ קורצס, אַ געפּאַקטס אין אַן אַלטן שווערן פּאַלטן, מיט גרויסע אַרויסגעזעצטע אויגן האָט אַ ייִדל בגילופנדיק, באָרדיק אויסגעבעלעבעטשעט און געקוקט אויפן יונגן מאַן וואָס מ׳האָט אָקערשט פריִער אויפגערופן צום ספר. — קהל זאָגט, האָרכסט? ׳עט דער איבערשטער העלפן.

שלמה האָט געוויגט מיטן שטערן; דער פאָטער וואָס איז געשטאַנען נעבן אים, האָט׳ן מיט זיינע נערוועזע פינגער איינגעקלעמט אַן אָקסל און אויסגעבאָמקעט: „דערלעבט נחתן ביי אייערע קינדער!״ שרהלע האָט בעת־מעשה זיך געשטיקט מיט אַ האַרטן קנויל טרערן, נישט געזען ווי עולם רינט אויס, ווערט שיטערער. שלמהן, אַ מבולבלער, האָט ווייט זיך געגעפּלט אין די געהירן: „מ׳מוז אויך דאָס איבערקומען! אַ טבע ביי מענטשן: מ׳קושט דיך און קריכן דיר אין האַרץ אַריין מיטן קויטיקן גראָבן פינגער — „איז עס טאַקע אמת?״ מ׳קוקט דיר אין די אויגן אַריין מיט אַ מיין. מ׳איז גוט, נאָר מ׳גלייבט אַלץ נישט. אָבער זי, שרהלעס צעלאָמיעטע מאַמע, דערהרגעט מיך מיט איר קלאָגעדיקן קוקן. ווי לאָזט מע שוין אָפּטעמען! דאָס אַנטריי־נען פון דאַנגען ווערט זיין אַ ישועה. דער טאָג ציט זיך ווי סמאָלע; נאָך אַ נאַכט — באַשליסט ער — און ס׳עט קומען דערצו. כ׳על זיך אויפהייבן און גיין. וואָס ערשט דעמאָלט? וואָס ׳עלעך זאָגן דעם טאַטן צום אַוועקפאָרן? ס׳עט זיך אָנהייבן. אַצינד בין איך מער נישט איינער אַליין! „דער שריט״ איז געמאַכט, אָקערשט מוז איך שטעלן מיין פוס פאָרויס — צו זיך, צו אונדז. ס׳זעט אויס, איך וועל אויך דאָ מוזן זיין דער ערשטער צו דערמאָ־נען דעריין: טאַטע, איך מוז זיך פאַרנעמען, איז אפשר...? וועט ער קומען מיט אַן עצה, מיט פריינדלעכקייט, נישט רק מיט שטילער וואָרענונג? אויב אַן עצה, דאַרף זי קומען דאָ, שוין. אַזוינס איז סכנותדיק נייטיק; אַרום און אַרום בין איך אַרומגעריסן און אויך איינגעטונקט אין חובות, אין דאגות וואָס לאָזן זיך אָט־אָ אַראָפּ ווי אַ כוואַליע שטיינער פון אַ משוגע געוואָרע־נעם באַרג־אָפּהאַנג. נו, אַזאַ עצה קען מע נישט אָפּלייגן אויף שפּעטער. ד אָ ר ט ווייסט מע דאָך גאָרנישט. און צוריק געשמועסט: ווער דאַרף זיך רעכענען מיט דעם אַז שלמה האָפמאַן באַשליסט אין מיטן דערינען חתונה צו האָבן? ביי איטלעכן איז עס אַ זאַך פאַר זיך. וואָס — זיך שעמען?

קודם מוז ער זיך אויסלייזן פון דעם גרויסן גוטס וואָס די מאַמע באַחלומט אים: פונעם לאַקריץ, וואָס איז אויסגעוואַקסן אויף איר אייגענעם בוים, מוז ער אַנטלויפן. יאָ, ר׳באַגערט, דער שוטה שלמה, אין איינוועגס אויפריכטן דאָס מיידל וואָס באַוואָרט זיין גליק? קיינעם גייט עס נישט אָן. דער עיקר: איך מוז אַצינד טראַכטן צו זיין אין צייט צוריק אויפן אָרט. מיין אַרבעט וועט קיינער נישט טאָן. בפרט אַז כ׳האָב נישט אָנגעזאָגט — כ׳וועל מוזן פעלן אַ טאָג. בעסער אַזוי: זאָל קלאָמפּערשט זיין שטיל אויף דעם ברעג, כאָטש אין אמתן איז דער גאַנצער אַרום פאַרכאַפּט פון בושעוועדיקן גע־וויטער. איז — ווי הייבט מען אָן! גרינגער וואָלט געווען זיך אַרויסצוגליטשן פון דאַנען. אפשר בעטן שרהלען זי זאָל נאָכקומען אַ טאָג שפּעטער? איינעם אַליין וועט זיין לייכטער זיך אַרויסצורייסן פון די פּענטעס, כאָטש אַזוי־זיך גלעט מען אים. דאָס זיפצן, דאָס באַזיניקן יעדן טראָט וואָס מ׳שטעלט אַרום אים, קען צעקוועטשן אַ מענטש! דאָרט וועל איך זיך שוין אָן עצה געבן. ס׳צימער וואַרט, וועט עס זיך דערוואַרטן אויך אויף אַל דאָס פעלנדיקע פאַר דער באַלעבאַטישקייט. די מאַמע? זי׳ט טענהן וואָס איר טענהט זיך. כ׳קען עס שוין אויף אויסנווייניק. איך, איך קען נישט אַנדערש — — —״

אויף די ברויזיקע רוקנס פון אַ פאַרהוילענעם שטורעם האָט עס אַ גאַנצן שבתדיקן טאָג געטראָגן דעם יונגן מאַן, און ר׳האָט נישט געקענט זיך אָפּיאָגן פון דעם אומרו וואָס צופּט, שטויסט; דערשפּירט אַפילו דאָס האַרטע שטאָלפּערן פון די שעהען, דאָס גליִען זייערס. זיי בליקן אויף אים מוסרדיק מיט צעפלאָשעטע ברעמען, ברוגזע, די שעהען פון זיין חתונה־טאָג:

— וועסט גיין אַזוי ווי דו האָסט זיך איינגעשפּאַנט.

...אַוודאי, אַ טראָפּן סם האָט געגרייכט צו זיין אינעווייניקסטער גדולה, שלמהס. דאָס גליק, האָט ער געפילט, פאַרקוועטשט זיין האַרץ און פאַרן בליק טונקלט עס אויף אַ רעכטן אמת.

כמאַרנע האָט אַ מידקייט זיך געלייגט אויפן נאָכמיטיקדיקן שוויגן פון אַלעמען אין שטוב וואָס אין טיפן הייפל.

קאַפּיטל צוואַנציק

אין יענעם שבייסצונאַכטס האָבן די שטערן קלאָר געמיניעט אין פינצטערן קאַלטן הימל. כיל־מאירס עטלעכע באַקאַנטע וואָס זענען געווען צווישן די פּאַרבעטענע צו דער אָפּגעכאַפּטער פרייטיקדיקער חופּה, זענען אַריינגע־קומען זאָגן „גוטוואָך״, דורכגעוואָרפן זיך מיט אַ פּאָר ווערטער, זיך גע־זעגנט און זענען אַריין מיט אַ זיפצל אין דעם מגושמדיקן אינדערוואָכן פון די אייביקע האָרעפּאַשניקעס. אין דער גאַסיקער פריקרעקייט אַריין האָט דער קרעמער צעעפנט זיין געוועלבל, דער שוסטער האָט אויפגעזוכט דעם פאַר־שאַרטן זאַקענעם פאַרטעך און שפּל זיך געזעצט צו דער קאָפּיטע. נאָר כיל־מאיר טאַנדייטער האָט זיך נישט געאיילט אַריינצולאָזן זיך אין דער וואָך. פון כבוד וועגן פאַר די געסט איז אין דעם טיף פאַררוקטן שטיבל פון וואָלף קאָוואַלס הויף אַרויפגעדרייט געוואָרן דער נאַפטלאָמפּ וואָס העגנט אָנגע־שפּאַרט אָן דער וואַנט. דער נעכטיקער בליצלאָמפּ האָט שוין וואָכעדיק גע־שרומפן אין שאָטן פון פולאָפּ. שבע האָט געגרייט אַ האַלב־יומטובדיק גע־קאָכט נאַכטעסן און נאָך דעם האָט מע באַדאַכט געטרונקען פריש־פאַרבריטן טיי, געזופּט הייסע שליק, געזשגייעט אומדרייסטע רייד און פון מאָל צו מאָל אָפּגעשוויגן. ווער נישט ווער פון די אַרומזיצנדיקע האָט עפּעס געוואַרט. דאָס האָט דער רעיון ת כ ל י ת געשטעלט אַ טראַט און אָט־אָ זיך אַ שטרעק געטאָן אויף וואַקלדיקע פיס. צוקאָפּנס דעם האַלב־וואָכעדיקן טיש, כאָטש נאָך פאַרדעקט מיט דער שבתדיקער צוועיל, האָט שלמה אויף אַן אַראָפּגעדריקטן קול מיט אַ מאָל אַ זאָג געטאָן דעם פאָטער אַזוי אַז די אַרו־מיקע זאָלן עס דערהערן:

— טאַטע, מ׳דאַרף זיך גרייטן. אין דער פרי איז דאָ אַ צוג. ס׳אי׳ ווינ־טער און דער וועג איז נישט זיכער.

ווי וועקנדיקע טריט אין דער נאַכט האָט זיין שטים זיך אָפּגעזעצט מיט אַ שיינדל אומעט. צערודערטע בליקן האָבן זיך געשטעלט אַנטקעגן די געצאַמטע רייד.

— וואָדען, זין מאַאַנער? מ׳עט פאָרן מיט גאָטס הילעף, — האָט ר׳ איטשע צוריק גערעדט אַזוי ווי ר׳וואָלט געוואַרט דערויף, — אין דער היים קיקט מע שוין אויס. — און שוין אָפּענער זיך געווענדט צו די מחותנים,

ס׳הייסט צו כיל־מאירן דעם מכניס־אורח, צו זיין וויב און דער כלהס מו־טער. ווייל מיט זייער אומאויפהערלעכן קוקן און להוטן צוהאָרכן זיך צו די געסט איז פול געווען די שטוב. אַפילו דאָס אומרואיקע ייִנגל כאַסקעלע, אויף וועלכן מ׳האָט זיך רעכט נישט אומגעקוקט, איז מיט אַ מאָל געוואָרן אַ שטיק אָנגעגאָסן האָרכיק קוקן, אַ נישטערן מיט די גלאַנציקע אויגנמענ־טשעלעך: — שוין אַוועקפאָרן? — האָט ער אַרויסגעבוכעט מיט אַ כמעט־גע־וויין — כ׳וויל ניש׳!

— צו דיר רעדט מע נישט! — האָט דער פאָטער אים איינגעשטילט מיט אַ ביסטרען בליק.

— איך מוז זיך שטעלן צו דער אַרבעט, — האָט שלמה זיך שוין בפי־רוש פאַרטיידיקט.

— מ׳וויס, אַרבעט גייט נישט פאַר קאַ׳ טאַנץ, — האָט כיל־מאיר אויפ־געהויבן דעם שטערן און זיינע אויגן זענען, פרעגנדיקע, אים געבליבן הענ־גען אונטער די האַלב־פאַרמאַכטע ווי׳עס, וועלכע האָבן מער אָנגעטונקלט זיין שמאָל טונקל פנים — אָבער ווי געשיקט זיך אַזוינס? אַ חתונה, טייערע געסט, איז פאָרט אַ יום־טוב איין מאָל אויפן לעבן אַרויס, נישט אמת, מחותן? — ער האָט שוין געציילט די ווערטער. — מ׳מוז זיך צאַט נעמען! ווען אַפילו זיך נישט משמח זיין ווי ס׳פירט זיך מאַנק יידן, איז כאָטשבי זיך אָפּ־צורייסן פון יאָך אויף אַ טאָג־צוויי. פרעג איך: וואָס איז ס׳געיאָג? די באַן איז דאָ היינט, וועט זי זיין אויך מאָרגן מערטשעשעם. כ׳מיין, אַ חתונה, צו מאָל אַזאַ חתונה, איז אויכעט נישט ווי פון יאַרמאַרק אַוועק. זאָל דער מחותן נישט האָבן קאַ׳ פאַראיבל — האָט דער ייִד זיך געהיט נישט אָפּצובייזערן זיך — ס׳געפעלט מיר נישט אַזוי. אויפגעהויבן זיך און געלאָפן! ווי ׳עט מע קענען זיך פאַרענטפערן פאַר מענטשן? געווען אַזאַלכע געסט אין שטאָט און פאַר קיינעם זיך נישט געוויזן מיט זיי! לאָמיר זאָגן, ס׳נישט קאַ׳ חתונה, נאָר סתם אַ קומען, אויב מ׳קומט שוין פון אַזוי ווייט. צו מאָל זיך אַרומקוקן, ווֹ אָ ס, ו ו ע ן ! וואָרן ווען נאָך וועט אַזאַ סגאָל מענטש ווי דעם מחותן אויסקומען אַריינצושמעקן קאַ׳ לינטשיץ?

דער מענטש האָט זיך געקווענקלט מיט דער אייגענער דעה, אַרויסגע־פלאַצט מיטן וואָרט און קענטיק באַלד דערשפּירט דעם ברי וואָס קען חס ושלום יענעם אַ ברי טאָן. אַזוי ראַפּטעם ווי ר׳איז אַרויס מיט דער טענה, איז ער אָנטשוויגן געוואָרן, פון רגילות צוגעפירט אַ פינגער צו די ציין,

גרייטע זיך אַריינצובייסן אין דער זשעדנער מחשבה וואָס עקבערט, זוכט אַ שפּראָץ ליכט אין מוח. ער מוז שוין הייסט עס זיך פּאַרטראַכטן אויף דעם וואָס ער וואָלט נאָך וועלן זאָגן אַקעגן דעם וואָס דאָ געשעט...

— וועד מיר גוטס גינט אַז מ׳דערלעבט ביי אַ קינד אַ חתונה, אָבער דאָס איז פון עולמות אָן מחייב אויך צו דאגות, מחותן, — האָט ר׳ איטשע זיך באַמיט צו ענטפערן אויף די אָנצוהערעניש וואָס וואָלקענען זיך פון דעם לינטשיצערס רייד און אין אײן וועגס אָנגעוויזן אויפן יונגן מאַן וואָס האָט אין פּאַרלעגנהייט געמוזט זיך אָנשפּאַרן אויפן טאַטן: — זעלטן גייט עס ווי דער בן־אָדם באַגערט. דערצו היינטיקע צייטן. ס׳איז שווער אין לאַנד און נאָך ערגער איז אונדזערס גלייכן. דעם ייד איז אָנגעצייכנט צו שלעפּן אַ פּעקל, וואָס מ׳קען נישט אַראָפּוואַרפן פון זיך. נישט אמת, מחותן? גאָרנישט קומט אָן גרינג. ווי ר׳קוקט אָן אים (דרייט ער אויס דעם בליק צום זון וואָס זיצט שוין מיט אַן אַראָפּגעהאָנגענעם קאָפּ), האָט ער נאָך געגוג צו טוען ביז ער וועט קענען זיך גלייכשטעלן. ס׳נישט קאָ׳ קלייניקייט אַריינצוברענגען אַ ווערטשאַפט אין שטוב. אַפילו אַ ווינקל פּאַר אײן מענטש, אויב מ׳גייט זיך ערשט אַריינצוציִען, מאָנט מי און מאַטער. טאָקע שוין דאָ אַ שענקל, אַ בענקל ביי זיי, אָבער אַ סך פעלט נאָך, ס׳וואָר, שלמה?

דער יונגער מאַן האָט זיך פאַרלוירן, נישט לייכט געקענט ענטפערן.

— ס׳פעלן זאַכן. נישט אַלץ קען מען אויף אַ מאָל, — שטאַרקט ער זיך.

— איך וועל...

— איך זאָג אויך ס׳אייגענע, — האָט דער פאָטער אים איבערגעריסן.

— פאָ מאַלו, — און אָנגעציליעט די ווערטער אויף זיין באַלעבאַטישן רעיון:

— קראָקע איז אויך נישט פאַר אַ מאָל אויפגעשטעלט געוואָרן. עס מוז גע־דויערן. נאָר געדולד, דער אייבערשטער וועט העלפן.

דאָ האָט רייזל, די שוויגעוודיקע מחותנתטע, אויפגעפלאַמט פון אַ טי־פער רעגונג וואָס האָט געצייטיקט אין איר און די שוואַכע אויגן אין איר פלאַטשיקן פנים האָבן זיך צעפינטלט. זי האָט געוואָלט רעדן, אָבער ס׳האָט זיך נישט גערעדט. אויך ביים ברודער מיט דער שוועגערן האָבן זיך דע־רויף צעציטערט די קינען. פון דער כלהס צד זענען משמעות אַלע געקומען פאַר אַ מאָל אויף אַ האַסטיק טראַכטן, נאָר זיי האָבן זיך געהיט עס אַרויס־צוברענגען. אין דער אָנגעהילכטער שטילקייט האָבן בלויז זייערע בליקן גע־רעדט מיט אַ הייסן וואָרטן, וואָס איז געוואָרן לעסטיק אַזש עס האָט אייג־

געשטשעמעט די קעל. צום סוף האָט דאָך מכריע געווען דאָס וואָרט וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פון דער אָרעמער רייזל. גענומען רעדן, האָבן זיך פון איר באַלד געגאָסן טראָפּנס שווערן שווייס:

— שלמהן, מיין איך, וועט אין אָנהייב זיין שווער. וויל׳עך אַז שרה זאָל מיט מיר אַהיימפאָרן אויף עטלעכע וואָכן. די מאַמען וועט זי נישט זיין צו פיל... אַדרבא, זי וועט מיר אַצינד לייכטן טאָפּלט לאַכטיקער און כ׳על מיר היילן ס׳האַרץ נעבן איר. פסח, אַז דער אייבערשטער וועט העלפן, ׳עט ס׳פּאָרפּאָלק האַלטן ביי מיר. טאַקע ענגלעך מאַאַן שטיב, ס׳עט אָבער זאַאַן ליבלעך. דערוואַל ׳עט שרהלע זיך אָפּרוען און אויך זיך צוגרייטן מיט שמאָכנעס פאַר איר אייגענער היים. געווען אָן עין־הרע אַ געטועכץ, אַ גע־לויפעכץ די לעצטע פאַר וואָכן, און שלמהלע ׳עט צאַאַט האָבן אין זייער שטיב אַלץ צוצוגרייטן. דערנאָך, מערטשעם, וועט ער זיך געזינטערהייט אַהיים נעמען ס׳וואַבל און זאָל ס׳מזל זיך צעשיינען איבער זיי! — די ייִדענע האָט שוואַכזיכטיק, מיט אַריינגעדריקטע אויגנלעכער געסאָפּעט און אירע וויִעס האָבן, פינצטער פינטלענדיק, זיך געקערט אין דער זייט פון דער שווע־גערן, וועלכע איז איר געווען ווי אַ געטרייע שוועסטער פאַר דער צייט פון גרייטן די יתומהשע חתונה פון איר מיידל:

— ס׳וואָר, שבע קרוין, בין איך געראַכט?

אָבער געענטפערט האָט נישט זי, שבע; ס׳האָט אויסגעכאַפּט דעם ענט־פער ער, איר ברודער:

— כ׳פאַרשטיי נישט, שוועסטער. דו ווּעסט זי אַהיים נעמען, זאָגסטו?

— האָט ער רייזלען אויסגעמאָסטן מיט אַ נערוועזן בליק. — שרה, מיין איך, האָט אַ מאַן ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר, דאַרף זי מיטפאָרן מיטן מאַן. ווו דער מאַן גייט, דאַרף מיטגיין דאָס וואַאַב, — ׳עט פסקענען אַפילו דער רב, אויב דו ווּעסט אים פרעגן. — כיל־מאיר האָט ווּעדליק זיין דרייען מיטן קורצן שטערן און זיין שאַרפן קוק אויף דער שוועסטער, אויף אַן אמת זיך אָנגעבייזערט אויף איר. — ווּו איז דער שכל? — האָבן זיך צעצויגן זיי־נע רייד — צו גיין אָפּזונדערן אַ מאַן פונעם וואַאַב?! און וואָס נאָך שענער — באַלד נאָך דער חופה ס׳וואַבל אָוועקשטעלן אָן אַ זייט! געהערט אַן אויפ־טו? זינט כ׳לעב האָב איך אַזוינס נישט געהערט.

דער מענטש האָט זיך נישט געקענט באַרואיקן, געדרייט דעם קאָפּ אַהין, אַהער, גלייך ער וואָלט געזוכט אַ באַשייד אויפן רעטעניש וואָס רייזל

האָט אָקערשט אַ וואָרף געטאָן די געסט פאַר די פיס. „גוואַלד“ (האָט עס געקאָכט אין אים), ווי מ׳קען אַליין אָנברענגען אויף זיך אַ צרה מיט אַ נאַריש וואָרט! האָט זי חס ושלום חרטה אויפן שידוך? אלאָ נישט — פאַר וואָס געטרויט זי נישט דעם יונגן מאַן איר טאָכטער! ווי אַנדערש קען עס פאַרשטיין דער פאָטער וואָס זיצט דאָ און הערט עס מיט די אייגענע אויערן? געזען אַ מאַנסע! גאָר ביי רייזל די שנאָרערקע וועט ס׳ווייבל זיך אָפּרועןאון נישט ביים מאַן. אַ מבין אויפן נאַר וואָס וואַרפט אַ שטיין אין וואַסער אַריין?!“

כיל־מאיר האָט געסאָפּעט, געפּרייכט, אָבער זיין כעס האָט ער אין זיך אַריינגעשריגן מיט אַ דייטלעכער גריזשעניש — אין גרימאַסעס און אין אַן אויפצאַפּלען, אַזש ר׳האָט גענומען שפּרינגען אויפן בענקל:

— איך פאַרשטיי נישט. איך קען נישט פאַרשטיין!

דערפון איז סיי ר׳ איטשע סיי זיין זון געבליבן זיצן געפּלעפּטע, מיט שווער געוואָרענע אויגן. ערשט די באַלעבאָסטע שבע איז אַרויס פונעם גליווער וואָס ס׳געררייד ביים טיש האָט גורם געווען. זי האָט איבערגעהאַקט דעם קאָן:

— ר׳איז געראַכט, מיין מאַן, — האָט זי זיך געווענדט צום מחותן. — אַ ווייב דאַרף שטענדיק זיין מיט איר מאַן. איין מזל איז זיי אָנגעשריבן פון הימל. אָבער די שוועגערן רעדט אויך נישט קאַ׳ קרומע זאַך: שרהלע איז טאַקע פאַרמאַטערט. דאָס ווינונגל זייערס איז נאָך נישט אין גאַנצן פאַרטיק צום באַווינען, טאָ צו וואָס זאָל דאָס ווייבעלע גיין פריאַמע זיך פייניקן אַן אומזיסטיקע פיין? איז כ׳לעבן גלייכער צוצוואַרטן אַ ביסל. וואָכענעס איז טאַקע אַ גוזמא, אָבער אַ וואָך־צוויי, וואָלט געווען כדאי. ס׳גייט צו וויאָסנע, די זון נעמט וואַרעמען, וועט אַ ביסל שרהלע קומען צו זיך נאָכן ביטערן ווינטער. גענוג זיך אָנגעפּלאָגט די לעצטע צאַט. אַז די גרויסע גבירישאַפט שפּילט צו צו אַלץ! מנע, מנע, די הויזן צו פאַרזעצן און ווערן אַ ברעקל גביר! — כוחט זי זיך מגיה וביה אויף אַ ווערטל. נאָר כ׳האָף צו גאָט, אַז מיר וועלן נאָך האָבן די זכיה מער נחתן פון איר, ווי דאָס־אָ (און טוט אַ ווונק אין דער זייט פונעם ווייבעלע) האָט ביז איצט געזען אין דער היים — — דערנאָך, שלמה וועט האָבן אַלץ צוגעגרייט, וועט זי געזינטערהייט קומען צו אים. מ׳עט זיך מערטשעם דערוואַרטן פריידן פון זיי. איי, ס׳פּייגעלע כאַפּט נאָך אַ ציטער? זאָלן נאָר אָנוואַקסן פעדערן, וועט עס שוין פאַר־

זינגען אַלע לאַכטיקייטן וואָס די טעג ברענגען אָן פון די ווייטע, שיינע וועלטן. זאָל זיך נאָר אָנהייבן. אַן אייגענע נעסט מוז מע זיך אַליין אויס־וואַרעמען. צ׳וועט זעען, זיי וועט גיט זאַן. פאַר שרהלען, קלער איך, וואָלט גיט געווען זי זאָל בלייבן ביי אונדז ביז די זון וועט רעכט אַרויס אויפן הימל. באַשטייסט, שרהלע? די מאַמע וועט אין אַ געבענטשטער שעה אַהיימ־פאָרן צו די קינדער, שלמה וועט טאָן ס׳געניטיקע און דו, דערווייל וועסטו זיין דאָ. אין דער היים איז אויך נישט שלעכט, אָבער צו וואָס פאָרן, פּאַקע־וועז זיך און ווידער פאָרן! ווו ס׳איז די חתונה איז די ראַכטיקע סטאַציע פאַר דער כלה. אַזוי איז מאַאַן מיינונג. דאָ וועסטו גאָרנישט דאַרפן טאָן. אַצינער טו ווי דו פאַרשטייסט, שרהלע, — האָט די מומע אומרויק געגראָבן מיט די הענט אין די קעשענעס פון ברייטן פאַרטעך, וואָס האָט זיך גע־בלאָזן אויף אירע הויכע, פליישיקע באַקעס. ביי דער מאַמע — מ׳מוז זיך זאָגן די נעוואָרעט — וועסטו האָבן דעם עול פון די קינדער. ס׳נישט פאַר איר, — האָט שבע שטאַרק געשטעלט אויף איר דעה — געשלעפּט זיך אַזאַ באַרג־אַרויף, קען זי זיך אונטערנעמען צו טראָגן אויף זיך אַ שטוב מיט קינדער זאָלן־לעבן? איך האָלט נישט דערפון, — האָט די מומע שוין פעסט געוויגט מיטן קאָפּ אויפן קורצן האַלדז.

געדרעגט פון דעם גערעדעניץ, וואָס איז געפאַלן אויף איר ווי אומגע־ריכטער האָגל, — שלמה איז געזעסן אַזוי אַקוראַט ער וואָלט געווען העט אַוועק פון דאַנען — האָט דאָס ווייבעלע אין דעם שבייסצונאַכטס וואָס באַלד נאָך איר חופה, שוין נישט געקענט צאַמען די טרערן פון טרויער. „יעדער נעמט זיך אָן פאַר מיר, נאָר מ׳איז אויסן מיין טובה און פון די אַלע טובות קום איך אום!“ — האָט עס אין איר אַ ברויז געטאָן. אויסגע־צערט פון אַ לאַנגער שפּאַנונג, פון אַ טיפער מידקייט האָט די יונגפרוי גע־וויינט מיט אַ דערשטיקט העשען און נישט געקענט אַרויסברענגען קיין איין וואָרט. יאָ, ס׳איז אַן אומגליק מיט די צוריקגעהאַלטענע: זיי קענען זיך נישט אויסשרייען, אוממעגלעך זיי זיך צו דינגען. שרהלע האָט איינפאַך זיך געשעמט פאַרן באַלויכטענעם טיש, וואָס קוקט אויף איר מיט אַזוי פיל אָפענע אויגן, ס׳הערט מיט צעשפּאַרטע נערוון אויך דער שטומער דומם, טע־נהט מיט תרעומות: זע, דאָס האָט גאָרנישט קאָ׳ בושה אין זיך. ערשט אַפער פון אונטער דער חופה און שוין וויל דאָס נאָכלויפן דעם מאַנספאַרשוין! ס׳איז אַן אויסנאָם, אָבער אַ מענטש מוז זיין גרייט אויך אויף אויסטערלישקייטן

פון צוזאַמענלעבן, אַפילו ווען ס׳איז שווער צו בלייבן אַליין! דער מאַן ווערט צעריסן פון זאָרגן, ער האָט געבראָכן מויערן פאַר אירעטוועגן און זי האָט נישט קיין מינדסט איינזעעניש פאַר אים. אַוודאי, די מאַמע איז קליגער פון דער טאָכטער. זי ווייסט אַז מ׳דאַרף אַ מאָל פאַרדעקן אַ וווּנד, אַראָפּשלינגען אַ ווייטיק. אָבער ד אָ ס וויל גאָרנישט וויסן!

ממש אַ מהומה האָט געווירבלט אין איר קוקן, אין דעם שווערן אָפּשווייגן.

— וואָס איז, שרה? דאַרפסט נישט זיין ברוגז. זע נאָר וואָס פאַר אַ פּנים דאָס טוט זיך אָן! קיינער האָט דיר חלילה נישט געזאָגט קאַ׳ שלעכט וואָרט. ווילסט נישט גיין צו דער מאַמע? ווילסט אויך נישט בלייבן ביי דער מומע? ס׳דיין זאַך. מעגסט זאָגן וואָס דו מיינסט. קיין קאַרע שראַבט מע נישט אָן פאַר ווערן וואָס מ׳וויל. ביסט באָכאַשעם אַ מענטש פאַר־זיך, און ביסט נישט אין דער פרעמד. דאַרפסט ליבערשט רעדן אידער ווייגען. וועמענען ווילסטו דערפרייען מיט דאַאַנע טרערן, מעדכיע? נעמט און כלי־פּעט פלוצטאַלבן, — זאָגט שוין דער פעטער צו איר מיט צערטלעכקייט און שטעלט אָן איינצייטיק דעם בליק אויפן מחותן, וואָס איז געבליבן אַ צעטראָגענער פון דעם ווייבלס אומגעריכטן אויסבראָך פון אויפגעשוואָלענעם ווייטיק. — געזען אַ געשיכטע? הייבט אָן ווייגען ווען זי דאַרף זיך גאָר פרייען!

פריקרעוואַטע האָט זיך פאַרענדיקט דער האַלב־יומטובדיקער שבייס־צונאַכטס ביי כיל־מאיר טאַנדייטער. אַנטשוויגן געוואָרן האָט ס׳ווייבל שפּעטער, אָן אַ זייט, אַז קיינער זאָל נישט באַמערקן, זיך פאַרטרויט פאַר דער מומע שבע, אַז זי וויל נישט אין ערגעץ בלייבן. זי וויל זיין אַליין! — האָט זי געזאָגט מיט אַראָפּגעלאָזענע אויגן. זי האָט מער נישט קיין כוח צו שטיקן זיך מיט די פולע מעסטלעך געקרעכץ און ס׳זענען איר דערווידער די פאָרציעס רחמנות וואָס מ׳זאַמלט פאַר איר מיט געטריישאַפט. אויב רחמנות, וועל איך עס אויסבאַקן אין מיין אייגענעם טיגל און אַליין זיך אָנפרעסן מיט דעם אָדער כ׳על זיך דערוואַרגן דערמיט. אַצינד האָט זי נאָר איין וועג — מיטצופאָרן מיט שלמהן. זי׳ט אַליין זיך מ׳ען פאַרן וואַרטשאַפט, ער קען עס נישט. אַ מאַן האָט נישט קאַ׳ געלעגנק צו אַזוינס. און שלמה מוז אַרבעטן, אָבער ער האָט שוין נישט קאַ׳ היים. יאָ, יאָ, מומע שבע. דו באַנעמסט דען דעם שוידערלעכן עלנט פון אַ מענטש וואָס האָט היימישע, האָט — לאַנגע יאָרן אויף זיי! — לעבעדיקע טאַטע־מאַמע און ר׳פילט זיך

ערגער ווי אַ יתום וואָס איז אַליין־אַליין אויף דער וועלט! ווו וועט שלמהלע ערשט זיך וואַלגערן? — האָט שרהלע געדערדט אין טרערן צו דער קלוגער מומע. — אַצינד האָט ער פון ס׳ביי נישט ווו אַריינצוגיין, אויב איך וועל נישט זיין. פאַרשטייסט עס כאַטש? „זי״ (געמיינט די שוויגער, אָבער ס׳ווייַ־בעלע האָט נישט אָנגערופן איר נאָמען) ברענט און בראָט זיינע טריט. ערשט וועט זי נעמען מער ליאַרעמען, שינדן פון אים ס׳פלייש, באשר ער האָט אומ־גליקלעך געמאַכט אַ גאַנץ הויז. צו דעם, זעסטו, האָב איך מער נישט קאַ׳ כוח.כ׳מוז זיך פאַרשטאָפּן די אויערן פאַר אַלע געשרייען און רק געדענקען אַז שלמה איז אַצינד מער עלנט ווי געווען. וועל איך זיין, וועט ער האָבן ווו דעם קאָפּ אָנצושפּאַרן; ווו וועט ער זיך אַהינטאָן, אויב ער וועט פאָרן אַליין? דעם ערשטן שריט וועט ער נישט האָבן ווו צו שטעלן, סיידן אויף דער גאַס, אונטערן קאַלטן הימל. איך באַדאַרף נישט קיין רו, כ׳על נישט האָבן קאַ׳ רו ווי לאַנג כ׳על נישט האָבן קאַ׳ ווינקל פאַר שלמהן. איך בין שולדיק אין אַלע ליידן וואָס ער האָט אויסצושטיין. איך פאָר מיט, מומע. רעד אָפּ די מאַמע זי זאָל זיך נישט דערבאַרעמען איבער מיר. זאָל זי זיין געזונט און זאָרגן ס׳זאָל זיין גוט די אַנדערע קינדער אירע. איך וועל העלפן אויפ־שטעלן דאָס שטיקל היים וואָס ס׳קומט יעדן מענטש. פּסח? זאָג די מאַמע, אַז ס׳עט מיר נישט איינגיין קיין שום יום־טוב, אויב כ׳על זיך נישט שטעלן אויף מיין אייגענעם ברעט. ווּעסט מיר צוליב טאָן, מומעשי? דיך וועט זי האָרכן — און מיט פייכטע באַקן האָט זי זיך איינגעגראָבן אין דער מומע שבעס פּנים, געגנורעט זיך מיטן קאָפּ אויף איר האַלדז, געקושט זי, געזוכט דעם געזונטן טעם פון איר געטריישאַפט.

די נאַכט האָט אַ קלעפּיקע, אַ פינצטערע אומרו:ק געהויערט איבער דער פאַררואָרפענער קליינער שטוב, וואָס האָט ווי אינסטינקטיוו זיך געהאַט געוועקט צו אַ יום־טוב וואָס איז מאָדנע צעוואַקלט געוואָרן.

*

אויף צומאָרגנס, זונטיק גאַנץ פרי, זענען די געסט זיך צעפאָרן. אויפ־געכאַפּט זיך אין פאַרבאַגינענדיקער ווינטערדיקער פינצטערניש, רעכט זיך נישט אויסגעוואַשן די אויגן פון שלאָף און פאַרנומען זיך אין וועג אַריין. באַלד זיך אָנגעהויבן איילן און נישט געוואָלט טועם זיין אַ מינדסט, כאָטש

די באַלעבאָסטע האָט זיך דערצו אומיסטן געפּעדערט, געגרייט אַן איבער־בייס, אַ גלעזל וואַרעמס.

— חס וחלילה! — האָט ר׳ איטשע אַ ברום געטאָן און דעם קלאַנג וואָס אַרויסגעלאָזן, באַגלייט מיט אַ מערמאַליקן קאָפּשאָקל אין דער ברייט.

— ווי מעג מען אַזוי? ס׳אַזאַ מהלך און די קעלט איז אַ שווערע, זי גריזשעט זיך איין אין די ביינער, — איז זי צוגעשטאַנען. אָבער די פּאַרערס האָבן געוואָרפן מיט די שטערנס אויף „ביין״, נישט ווילנדיק זיך פאַרקוקט אויפן רויטלעכן פלאַם פון לאָמפּ, וואָס האָט זיך מיד געוויגט צו זיי. אין אמתן האָט זיך זיי באַגערט הערן די שטילקייט ווי זי גרילט און זשומעט אין דער וואַנט, אין פאַרהוילענע שפּאַרעס און זיי האָבן אין איינוועגס זיך געהיט נישט איבערצוּוועקן די לויערן פון הינטערן פענצטער, וואָס זענען ערשט נאַכטיש אַנטשלאָפן געוואָרן. זיי האָבן זיך געהיט אַרויסצוברענגען אַ וואָרט.

— אַ דאַנק, מ׳דאַרף נישט! ס׳עט קאַ׳ שלוק נישט אַראָפּגיין. — ר׳ איטשע האָט עס עטלעכע מאָל מיט איינגעהאַלטנקייט אַרויסגעבראַכט פאַר דער באַלעבאָסטע, פאַר דער שטוב. ער האָט מפסיק געווען פונעם פאַרטאָגיקן שווייגן וואָס איז אַ שלעפעריקס נאָך געלעגן אויפן האַרץ. — ס׳אַ באַן, טאָר מע זיך נישט ערשט אָוועקזעצן. — בינו לבינו האָט אויך די מחותנתטע זיך אַנגעטראָגן ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטער נאַכטשאָטן. אין אַ ברייטער גאַבריעליעלע איז זי געווען איינגעהילט, אַזאַ וואָס דערמאָנט אָן אַ סובה, אָן אַ טויטן. אָפּגעשטעלט זיך אין שיטערן ליכט וואָס די לאָמפּ האָט געזייעט, האָט זי מיט אירע קורצזיכטיקע אויגן נישט־דאַ׳יק געקוקט אויף די צייטלעך אויפגעשטאַנענע. „אוי, און איך בין שיער פאַרשלאָפן!״ שווער געכאַפּט דעם אָטעם, שוואַך צעעפנט איר קעל און געגנומען רעדן, איבערבעטן פאַר די אומבאַקוועמקייטן וואָס די געסט האָבן געהאַט. לסוף האָט זי אָנגעזאָגט לעמאַנאַשעם צו שיקן איר „אַ פּאָר ווערטער״. אַ רגע לענגער זיך איינגעקוקט אין קליינעם געזעמל וואָס איז אַרומגעשטאַנען דעם טיש אין וואַכן לאָמפּנקרייז און דערמאָנט זיך אַז אָט וועלן „די אַלע״ זיך אַוועקלאָזן אין די ווייטענישן אַריין. אַוועק — און זי׳ט זיך שטיקן מיט דער נאַכט, מיט אייביקער איבערדריסיקייט. דערויף זיך שוין אין גאַנצן דערוועקט, האָט זי נערוועז אַ צי געטאָן אַ שטראָם לופט און פון איר האַלדז האָט מיט פלוצלינגקייט אויפגעזאָטן אַ געקלאָג אַזאַ אויפן ניכטערנעם:

— צ׳פֿאַרט טאַקע? אַזוי גײען זיך נישט געראַכט. מילא, וואָס קען איך מיר פֿאַר אַן עצה טאָן? זאָל ענק גאָט העלפֿן, — און זיך צעכליפּעט, אַרויס מיט אַ קוואַל טרערן וואָס האָט קענטיק צעטייעט אַ פֿאַרבאַקענעם ווייטיק: — מיר איז שוין אויפֿגעלייגט אַז דער מוח זאָל מיר צעשפּרונגען ווערן. כ׳וועל אויס מענטש אַז כ׳דאַרף איבערקלערן. צ׳פֿאַרט אַוועק, ׳עט עץ פֿאַר־געסן ס׳געבליבן אַ רייזל אויף דער וועלט.

— מאַכסט שוין סקאַנדאַלעס, רייזל? — איז דער ברודער אַרויס מיט אַ פֿאַראיבל — ס׳לעבן איז שוין אַזוי געשטעלט: קליינע קינדער האַלטן זיך ביי דער מאַמעס פֿאַרטעך, דערוואַקסענע קינדער ווערן מענטשן. יעדער זוכט זיך אויס זיין אָרט. דאָאַן טאָכטער גייט נישט אין דער פֿרעמד אַראָן. זי פֿאָרט אַהיים, צו זיך פֿאָרט זי, פֿאַרשטייסט? — כיל־מאיר האָט צעטאָר־קלט דעם פֿאַרטאָג מיט זיין האַרבן רעדן, ממש אויפֿגעריסן דעם טאָג, וואָס איז נאָך געלעגן פֿאַרקנוילט אין טומאַנער טונקלקייט.

— מ׳עט נישט פֿאַרגעסן, מאַמע, — האָט שרהלע זיך אויסגעטשוכעט אונטערן ווינט וואָס דעם פּעטערס רייד האָבן אויפֿגעהויבן. זי איז ראַפּטעם צוגעגאַנגען צו דער מוטער, געפֿרוווט זי איינגעמען ווי אַ קינד וואָס מ׳דאַרף איינאַליין איבערלאָזן אין אַ פֿאַרשלאָסן הויז.

— מ׳עט שרייבן, די מאַמע ׳עט קומען צו אונדז צו גאַסט, אמת? — האָט שלמה מיטן בליק זיך אָנגעשפּאַרט אויף שרהלען, כאָטש גערעדט האָט ער צו דער, וועלכע ר׳דאַרף רופֿן שוויגער; זיינע רייד זענען אַרויסגעקומען שטאַמלענדיקע, מחמת ר׳האָט געהאַט אַ געפֿיל אַז אָט־אָט פֿאַלט ער איבער די אייגענע הענט — ס׳פֿעלן אים ווערטער פֿאַר דער פֿרוי וואָס פֿון איר גיין, פֿון איר אויסזען טריפֿט ווייטיקלעכע אומבאַהאָלפֿנקייט.

— דו זאָלסט אויך שראַבן, — האָט רייזל זיך שוין אַ צי געגעבן צו שלמהן — כ׳על זיך פֿרייען אַז ענק וועט גיט זאַן.

— מ׳עט שראַבן, זיי רואיק, — האָט די טאָכטער, מיט אַ מאָל אַן אויס־געוואַקסענע, זיך אַ טוליע געטאָן צו דער מוטער, — וויין נישט, — געגלעט איר פּנים וואָס האָט געצוקט אין בולטער פֿאַרטראָגנקייט: — כ׳על שראַבן און שלמה וועט דיר שראַבן. האַלט זיך רואיק, ׳עט אונדז אַלע גיט זאַן.

— מיט גאָטס הילעף. פֿאַוואָליע, מחותנתטע, — האָט דער פֿאָטער דעם יונגנמאַנס זיך אַוועקגעשטעלט שוין מיטנערער און צוגעאיילט צו פֿאַרענדי־קן דאָס אומגעריכטע גערעדעכץ.

פּאַרטאָגיק, אַ ביסל כּריפּלע, האָט ר׳ איטשען ווידער מפסיק געווען אין זיין פאַרקלערטן שוויגן, וואָס איז נאָך אַלץ אים געלעגן אויפן האַרץ. דער־רויף האָט ער זיך אַ שטרעק געטאָן צו דער שנור:

— לאָמיר נישט באַלאַמוטשען. ס׳אַ באַן, קינדער!

גערעדט צו איר, געמיינט אַלעמען אין דער דאָזיקער פּאַרטאָגיקער נישט־דערשלאָפנקייט. צולעצט נאָך אַ מאָל געזעגנט זיך מיט אַ קאָפּשאָקל, מיט אַ ציטעריקן מורמל: „אַ גוטן טאָג, הינע. לאָמיר הערן אַ סך גיטס״, און די באַגינענדיקע פּריריקע מידקייט האָט פון ס׳ביי פויל געשלאָסן די אויגן ווי אַ הון אַנטקעגן דעם חלום פון אויפגעשפּינטער וואַרעמקייט.

נאָכדענקלעך, שטיל אַרויס פון דער הייזקע אין טיפן שטעטלשן הויף, האָט עולם בפירוש דערשפּירט אַז מיטן אָפּגעטוענעם איז מע נאָך נישט פּאַרטיק. זייערע דאגות זענען קלעפּיק ווי אַ קרענק וואָס טרעט נישט אָפּ מיטן אָפּגערונענעם פיבער. אַ שוואַכעניש גייט נאָך די כלומרשט געגעזענע, נו, אַפילו די וואָס בלייבן אויפן אָרט און זי לאָזט נישט אָפּ אויך די, וועלכע לאָזן זיך מיטן פּייכטן ווינט אַנטקעגן דער ווייטער, אומגעהייערישער פרעמד. דער געסקריפּ פון דער טיר און דאָס שאַרן, סקאָווטשען פון די טריט אין קאַלטן דרויסן האָבן אויפגעטליעט אַ ניי טונקל ליכט פון שווערער פאַר־לעגנהייט.

דאָס פונאַנדערגיין זיך אין יענעם באַגינען איז שאַרף אַריינגעזונקען אין געמיט סיי פון די, סיי פון יענע.

„וווהין פירט מיין גורל?״

„וואָס הייבט זיך אָן ערשט אַצינד?״

קאַפּיטל איין און צוואַנציק

צעפּאָרן זיך די געסט. ווי פריִער האָבן די וועגן פון ס׳ניי צעטיילט די מחו־תנים — דעם אַליינינקן פּאָטער פונעם חתן און די אלמנהדיקע מוטער פון דער כלה; יעדער איז זיך אַוועק אין אַן אַנדער זייט, מיט אַ באַזונדער ציִעניש אין דער נשמה. אָבער צופריִער איז אַוועק פון דער לינטשיצער שטוב דעם חתנס צד. די מוטער פונעם יונגינקן ווייבעלע איז נאָך געבליבן

איבערן טאָג אין ברודערס הויז — אויף אויפצוקלייבן דאָס אָרעמע בלייבע־ניש, וואָס זיך אָנגעזאַמלט אין געטומל פון גרייטן די חתונה. פאַר דעם שטיקל צייט זינט רייזל איז אָנגעקומען פון פּאַביאַניץ מיט איר געפלאָכ־טענעם קיישל און טלומעקל, האָט פאַר דער גאַנצענער משפחה זיך אָנגע־גאָרנט אָן אַ שיעור דאגות, געריידעכצן, לאַנגע נעכט אָן שלאָף, מיטן גע־קרעכץ פון די שטרויזעק אונטער די אָנגעדראָלענע לייבער. ערשט דאַרף זיך אויפלייזן אַט־אָ־די אָנגעדראָלנקייט וואָס פאַלט שווער, קנוילט זיך פון די ווינקלען אַרויס, הערט זיך אין אומווילִיקן אָכצן פון דער לינטשיצער שטוב. ערשט איז מע שוין „איבערגעקומען דעם באַרג״ און רייזל דאַרף נאָך אויפקלייבן דאָס איבערבלייבעכץ פון דעם יאַריד דעם אָרעמאַנישן. און געבליבן איז דערפון אַן אָפּגעטראָגן קליידל שרהלעס, שטיקלעך אַלטע וועש, אַ פּאָר שיך און נאָך קלייניקייטן, וואָס שלמהלע האָט בשום אופן נישט גע־לאָזט פאַרפּאַקן אין וואַליזקעלע אַריין:

— מ׳דאַרף נישט, שרהלע. האָסט אַ שוועסטערל, האָסט ברידערלעך. ס׳עט יאַקאָש צונויץ קומען פאַר זיי. דו וועסט האָבן אַנדערע זאַכן. לאָמיר נישט אַריינשלעפּן קיין לאַכעס אין נייעם ווינקל אַריין. וועסט קויפן, וועסט האָבן. טראַכט נישט אַריין אַזוי פיל. צו וואָס שלעפּן דעם נעכטיקן טאָג? — און נאָך צוגעגעבן שטיל אַן אָנצוהערעניש אויף די צייטן וואָס געמוזט ביי־קומען: ענדלעך דערוואַרט זיך דעם אָנהייב וואָס זאָגט־צו אַ ברעקל האָפע־נונג, טאָ צו וואָס מיטנעמען צויטן פון דעם וואָס איז נמאס? אַנטלויפן דער־פון, אָפּשניידן! שרהלע, שרהלע, געוווינהייטן זענען נישט אַלע מאָל גוט. זעסטעך, צרות, שמאָטעס גייען אויך אַריין אין געוווינטשאַפט. מ׳דאַרף קענען זיך אָפּטיילן דערפון. ס׳איז אַ בלאָטער! — צו מאָל געוואָלט שמייכלען צו זיין גליק, דער יונגער מאַן פון דערשרעקענעם ווייבעלע, אָבער דער קאַיאָר איז געוועזן אַזאַ אייליקער, אַ קאַלטער וואָס רינצלט דעם געדאַנק. ר׳האָט פון דעסטוועגן נישט אויסגעמיטן איר אָנצוזאָגן: — וועסט מיך לאָזן נעמען די וואַליזקע און מירן זיך אונטעראײלן אַ ביסעלע. שרהלע, האָרכסט. — האָט ער נישט אויפגעהערט איבערצוחזרן — מ׳דאַרף שטעלן אַ שריט ווייטער פון דאַנעט. דו האָסט צייט? — האָט זיך שוין אַריינגעמישט אַ פּאַראיבל.

... אַ גאַנצן טאָג נאָך די קינדערס אַוועקפאָרן (אַזוי האָט עס געהייסן אין דער לינטשיצער הייזקע) האָט רייזל זיך אַרומגעטראָגן אַ זיפּצנדיקע, איינגעקוקט זיך אין דעם אַלטוואַרג וואָס צונויפגענומען, כמעט נישט גע־

רעדט און צומאַרגנס פאַרקליבן זיך אַהיים צו זיך אין איר שטוב אַריין, וואָס איז באַשיימפּערלעך געמינערט געוואָרן. ס׳איז אַוועק דער מחותן און ער האָט מיטגענומען איר גאַנץ האַרץ. ווו וועט זי זיך אַצינד אַהינטאָן, ווי וועט זי זיך אַהיימוויזן צו די קינדער אַז דער קאָפּ ציט איר שוין ערגעץ אַהין!... זי האָט געבלענדט, ס׳ווייבעלע, אַ יומטובדיק אָנגעטוענע אין נייעם שוואַרצן מענטעלע, וואָס אויפגעגנייט מיט אַלע סכנות נפשותן פון אַ מאַמע אַ בלוטיקע אָרעמאַנטע וואָס וויל דאָך באַשיינען איר קינד אין די אויגן פון „די וועלט“ וואָס דאַרף דאָס קינד אַריינגעמען צו זיך און פאַרהיימישן. ריכטיק, אַלע חנען האָבן געשפּילט אויף דעם יונגן ווייבעלע, ווי באַלד זי איז אַרויס פון דער מאַמעס רשות. דער פרישער ווינט, דאָס דרויסנדיקע ליכט האָט זי דורכגעלויכטן. אויפן קאָפּ ביי שרהלען האָט זיך ערשטמאָליק אַ חנדל געטאָן אַ העלבלעך פילצן קאַפּעליושל מיט אַ שיין קאָלירק טאַשמעלע, אַ פאַרחת־מעטס אָן אַ זייט מיט אַ שטרענגעלע רויט־גלאַנציקע קינסטלעכע קאַרשן. אַ פויגלנעסט אַ באַזונטע זעט עס אויס! — האָט עס אַ שמייכל געגעבן אין שלמהלען און זיין פאָטער האָט — נישט צו רעדן דערפון — זיך דערויף פאַרזשמורעט פאַר אַ מינוט און געכאַפּט זיך אויף אַן אומגעריכט־פריידיקן געדאַנק: „ווי שיין! ווי קינדער שפּילט זיך דאָס!“ געמיינט האָט ער דעם זון מיט דער־אָ יונגינקער און אין דער ברוסט ביי אים האָט זיך עפּעס אַ הייב געטאָן. יאָ, ערשט האָט אים רעכט דערפרייט דאָס צוזאַמענזיין פונעם פּאָרל, אָבער ר׳איז אַרויס מיט אַ דערשראָקענעם זאָג: „ מ׳עט זיך אַ קאַפּע־לע צואיילן, העי?“ און קיין ענטפער שוין נישט געוואָרט. ס׳האָט אים הנאה געטאָן וואָס די מחותנתטע מיטן ברודער און שווער זענען אַוועק. — מענטשן, מ׳טאָר נישט באַלאַמוטשען! — אינערלעך האָט עס אַ רעד געטאָן פון אים, — נאָך אַ שפּאָר שטיק וועגס צום וואָקזאַל. שלמהלע האָט דעמאָלט אַ פלינקן צי אַרויף געגעבן צו זיך די וואַליזקע וואָס אין זיין האַנט, אַ ריס געטאָן די פיס פון דער קלעפּיקער ערד און געשטעלט אַ האַסטיקערן טראָט. אַ שפּאַן געגעבן פאָרויס, איז אויך שרהלע נישט געבליבן הינטערשטעליק: „זייטס געזינטט!“ — האָט זי צום וויפלטן מאָל שוין זיך אויסגעדרייט צו דער מוטער, צו פעטער־מומע און גענומען זיך איילן, אָבער די איינגעגליווערטע שריט פון די שטיין־געבליבענע באַגלייטערס האָבן זיי אַלץ נאָכגעקוקט. ווי־דער יענע, די שפּאַנענדיקע, האָט צוגעצויגן דער געכליפּ פון באַצייטנדיקער בענקעניש צום אַנטרינען פון דעם האַרציק־נאָענטן.

„טייערע, געטרייע״, — האָט עס געהילכט אין שרהלען, געקלאַפּט ווי מיט אַ פויגל־שנאָבל אין אירע שלייפן מיט אַ געשטאַמל, מיט רויטע אויגן. אין טרערן־געפּל האָט זי זיך געשטרעקט צו דער ווייט — — — אַרויס פון־נעם פעטערס שטוב האָט פּאָרויס פאַר שרהלען זיך געקנוילט דאָס געפּאַקטע וואַליזקעלע („געב דערויף אַכטיק, — האָט די מאַמע אָנגעזאָגט — אַן עשי־רות פון פּראַצע ליגט דערין, און ס׳עט דיר שטאַרק צונוץ קומען, טאָכטער״) און דערנעבן האָט געשפּאַנט ר׳ איטשע דער מחותן. הינטערווילעכטס האָבן פאַר אַ שטיקל וועגס זיי נאָכבאַגלייט די אייגענע, געשפּרייזט אין געשלוכץ פון ליבשאַפט, וואָס וועקט זיך איבעראַניים:

— פאָרטס מיט געזונט. מירן אויף אַן אמת בענקען. צ׳זאָלט נישט פאַר־געסן צו שראַבן. ני, צ׳איילטס זיך, ׳עלן מיר סיי ווי נישט נאָכדאָנזשען. זאָלן גיטע בשורות ענק אַנטקעגן קימען. לעמאַנאַשעם באַלד שיקן אַ פּאָר ווער־טער, — האָט די מומע שבע אָנגעזאָגט שמור וזהור און ווידער געשטעלט שלאָבעריקע טריט, — אַנישט ׳עט מע מיזן אָנלייגן אַ וואָאַטן וועג!

— און דו, האָרכסט, — האָט דער פעטער כיל־מאיר אָראָפּגענומען דעם פינגער פון דער אונטערשטער ליפּ — שלמה, צו דיר רעדט מען — זאָלסט נישט זאַאַן פויל אויף צו לאָזן הערן פון זיך. כ׳מיין, דער מחותן וועט זיי דערמאָנען. ס׳אַ יונגע חברה, — האָט דער לינטשיצער שניידער־ייִד גע־פּרוווט מיט אַ מינע אונטערקויפן דעם גרויסשטאָטישן גאַסט — וועט דער מחותן דאָרט אַ קוק טאָן צו זיי, זיי זאָלן זיך נישט פאַרלירן. מערטשעם, ס׳עלן זאַן פריי אַ פּאָר טעג, ׳עט מע זיך אַהינכאַפּן. לאָזט גריסן! — און אַ שאַרף ווינטל האָט אַוועקגעטראָגן ס׳וואָרט, פאַרגאָסן דעם בליק מיט אַ האַרבקייט.

— גאָר פריינדלעך, — האָט דער פרעמדלעכער ייִד געענטפערט מיט אַ קול ווי עס וואָלט געקומען פון אַ קוואַל, וואָס צו שטאַרקע שטראָמען האָבן פאַרוווּנדיקט זיינע ראַנדן.

צום שטעטלשן וואָקזאַל האָבן זיי זיך שוין דערשלעפּט אַליין, דער מחו־תן מיט די קינדער, דעם זון מיטן ווייבעלע. אַציינד איז מיט זיי דייטלעך מיט־געגאַנגען ווי נאָך אַ וואַכיק באַשעפעניש די ברוינטאָוולנע געפּאַקטע וואַליזקע וואָס האָט כסדר געאָטעמט אויף זיי מיט לעבעדיקע דאגות, מיט עפּעס אַ צוזאָג, גלייך עס וואָלט גערעדט: כ׳בין דער נדן, דער גאַנצענער מאַיאָנטעק אייערער, ס׳הייסט אַן אָנהאַלט פאַר דער האָפענונג וואָס אַ מענטש מוז האָבן.

און יונגע מענטשן זענען אַ פעלד פאַר האָפענונגען כלערלייאיקע. היטס מיך, היטס דאָס ברעקעלע האָפענונג, חברה!" געטראָגן געוואָרן פונעם יונגן מאַן, האָט דער פאָטער איך מיטן גיין אים זיך געשטעלט אין וועג אַריין, זיך אָנ־געבויגן צו נעמען די וואַליזע: „לאָז, איך וועל אַ ביסל", אָבער שלמה האָט זיך געאַמפּערט: מ'באַדאַרף נישט, טאַטע, איך 'על שוין!

— גיי שוין, ס'נישט פאַר דיינטוועגן, — האָט דער פאָטער זיך איינגע־שפּאַרט, אָבער שלמה האָט זיך אויך געעקשנט: טאַטע... שרהלע האָט בעת־מעשה זיך געפילט אומבאַקוועם פון דעם דינגעניש: אַצינד 'על איך אַ ביסל נעמען. שאַדט נישט, כ'קען! — האָט זי זיך געבעטן מיט די גוטע אויגן — אַנישט 'עט מע טראָגן באַנאַנד.

— מ'עט פאַרשפּעטיקן ביי אַזאַ גייען! — האָט דער פאָטער געוואָרנט.
— דו קענסט שלעפּן? ס'נישט פאַר דיר, קינד, — האָט דער אַלטער געקוקט אויף שרהלען מיט אָפענער ליבלעכקייט, ווייל ערשט אויף ס'ניי געזען: ס'אי' ווייל דאָס מיידל וואָס דער בחור האָט זיך אויסגעפונען. נישט קיין פאַרצויגן נעזל. נישט באַדאַרפן זאָל מען עס חלילה — אַזוינס קען מיטן מאַן מיט־מאַכן כלערלייאיקס און נישט בורטשען, קרימען זיך, ווי טייל ווייבער טוען עס. און געלויבט דער איבערשטער וואָס ס'איז נישט קיין קינד פון דער גראָבער אָרעמקייט, וואָס וואַלגערט זיך אַ צעטאַרגעטע אין בוידעמס, אין הקדשים און ליאַרעמט. דאָס איז ווייזט אויס אַן איידלס מיט אַ דימענטן האָרץ. עס קלעקט נאָר אַ קוק צו טאָן. ס'מזל מעג זיי צושיינען. — שיכור־לעך פון מטושטעשער פרייד האָט דער מענטש ראַפּטעם איינגעקלעמט אין זיין דלאָניע דאָס הענטל פון דער וואַליזע און לייכט זיך געוויגט מיט דער משא פון דעם ווילן קינד וואָס מיט אַ קענטיקן לאַך אין קאָפּ. ווי, ווי, דאָס גיט זיך איבער אויף גאָטס באַראָט, — האָט אין דעם ייד פּלוצלינג זיך גע־קנייטשט דער געדאַנק, זיך צעשטורעמט. — עס ווייס נישט אין וואָס זיך אָנצוכאַפּן. עס טרענקט זיך נעבעך. וואָרן וואָס קען מע מיט אַזאַ נדן?! — און דייטלעכער געשפּירט די אַראָפּשווערנדיקע וואָג פון דער וואַליזקע, וואָס שלאָמפּערט זיך ביי זיינע פיס — אַ נדן אומשטיינס געזאָגט!

ס'איז געווען שרהלעס אויסשטייער וואָס די מאַמע האָט געציטערט אי־בער דעם ביים אַריינסדרן ווי צידה לדרך פאַר דער טאָכטער. אַ יתומה, — האָט דער יידענע געשניטן ס'האַרץ — אַ געראַניעט פייגעלע נאָך איידער ס'איז געקומען צום טראָפּ שכל פון וועגן דעם מענטשנס גורל און שוין פאַר־

נעמט דאָס זיך אויפֿן טרויעריקן וועג צו אַן אייגענער אָרעמער היים. ווי וועט דאָס זיך דערדראַפּען צו אַ ברעג?! ביים אַריינלייגן אין דער וואַליזע יעדעס שטיקל וועש, איטלעך קליידל און אונטערקליידל האָט די מוטער געהאַט ס׳געפיל אַז זי מישט איבער בלעטלעך פֿון אַ ספרל, איבער וואָס דער זינ־דיקער מענטש בלייבט פּאַרכטיק פֿאַרציטערט, גלייך ער וואָלט געשטעלט געוואָרן פּנים אל פּנים מיטן עוקץ מזל וואָס איז סודותדיק פֿאַרבאָרגן.

די פרוי האָט געוויספּערט מיט באַנומענקייט:

— עס דאַרף מיין קינד שוין לעכטיקער ווערן. שוין גענוג אָפּגעקומען. פֿאַר וועמענס זינד מוז דאָס נעבעך ליידן? ווייל אַליין איז דאָס ריין ווי אַ טרער. טאַטע זיסער, פּרוּוו מיך נישט מער!

*

פֿון דער לינטשיצער שטוב האָט מיט אַ מאָל זיך אָפּגעטאָן די יומטוב־דיקייט. ווי אַן אומוועטער וואָלט זיך אָנגעטראָגן אויפֿן ווייטן ווינקל פֿון וואָלף קאָוואַלס הויף, האָט די וואָך איבעראַנייס זיך איינגעגעסן אין דער האַרעפּאַשנער נעסט.

אַוועק די געסט, האָט זיך ערשט אויסגעשיילט די פֿאַרצאַגטקייט פֿון דער אַלמנהשער מחותנתטע רייזל, וועלכע איז דערוויילייק געבליבן ביים ברודער. אויפֿגעזוכט דאָס אַלטע קלייד האָט רייזל אַרומגעשליטלט אין אי־רע האַרטע שקראַבעס. „וואָס טאָן, וואָס העלפֿן, שבע? ניין, כ׳בין נישט מיד און כ׳וויל דיר נישט איבערלאָזן קאַ׳ מעמד״. זי האָט גערעדט שטיל, אָרע־מאַניש, כאָטש יענע איז גראָד נישט געווען דערביי. דער חלל, אָנגעזאַפּט מיט אַן ענג, שוויגעוודיק דעמערן, האָט געזשומעט מיט שטוביקער הויל־קייט און ס׳איז נישט געווען ווער עס זאָל איר ענטפֿערן. זיך אַרומגעטראָגן מיטן מיין אַוועקצוראַמען די רעשטן פֿונעם בלייכן יום־טוב וואָס האָט דאָ זיך געשטעלט אין אַ נאָווינע, אָבער אָן דער באַלעבאָסטע וועט רייזל זיך נישט מאַכטיקן. סיי ווי האָט זי זיי געניג באַלעסטיקט, דעם ברודער מיטן ווייב. אָך, אָך! ביז וויייטיק איז איצטער איר געוואָרן קלאָר אַז די פֿריש־געבאַקענע מחו־תנימשאַפֿט האָט זי גאָר שאַרף אָפּגעטיילט פֿון „יענע״: דער אַליין געקומע־נער פֿאָטער פֿונעם נאָרוואָס חתונה־געהאַטן יונגן מאַן איז זיך אַוועק אין עק וועלט און נאָך פֿאַרנומען מיט זיך סיי דעם זון סיי איר טאָכטער. זי, די גע־פּלאָגטע אלמנה איז ערשט געבליבן מער אַליין — אויג אויף אויג מיטן ווי

וואָס צעלייגט איר שוין דעם מוח: רייזל, וואָס וועט זיין מיט דיר? ווו וועסטו זיך אַן עצה טאָן מיט דיין בידע וואָס שרייט צו גאָט: — פּאָטער אין הימל, וואָס פאַרמשפּטסטו ברעקלעך קינדער! ווו זאָל אַזאַ אָרעמאַן ווי רייזל איבער־לאָזן איר קליינוואַרג, ווען זי מוז גיין פאַר דעם ברענגען ס׳שטיקל ברויט? און חוץ דעם פאַלט אויף מיר די פלאָגעדיקע אַליינקייט, שוין נישט צו האָבן אַרויסצורײדן אַ וואָרט פאַר אַ פאַרשטאַנדיק קינד! שרהלע גייט פאַר זיך, צו אירע אייגענע דאגות; מיין יאַרמע איז אויף קיין מאָל שוין נישט אַרויסצו־קריגן זיך מיטן פאַרצרהטן קאָפּ! נו, דעם ברודער, דער שוועגערן זאָל דער איבערשטער בענטשן פאַרן איינזעעניש. דאָך איז זי געבליבן פאַר זיי אַ גרויסער בעל־חוב. דער אל רחום וחנון זאָל זיך דערבאַרעמען איבער איר אַז זי זאָל קענען זיך אָפּצאָלן דערפון — — — ווי שווערע רעדער האָט דאָס טראַכטן זיך אַריבערגעטראָגן איבער דער פּרוי. יסורימדיק האָט איר נשמה זיך אַריינגעגריזנעט דערין; אַל דאָס חושכדיקס, בלאָטיקס, פילט זי, קלעפּט זיך אָט־אָ צו די ווענטלעך פון אירע דינסטע שפּירונגען. זי האָט עס אַריינגעזאַפּט אין זיך, צו מאָל נישט געזען די אייגענע, וואָס האָבן ביילעך זיך שוין באַוועגט אין גאַנצענעם אינדערוואָכן. ני, ני, וואָס שטערט זי נאָך די מענטשן! זיי האָבן דען אַזוי פיל צייט?

רייזלען האָט געפּלאָגט דער אסרו חג פון דעם יומטוב וואָס זי האָט אומ־גערן, כאָטש אָן ברירה אַריינגעפירט אין ברודערס דורכויסיקן אינדערוואָכן. דער טאָג האָט זי ממש אונטערגעבייטשט: זעסט נישט ווי די לייט זענען פאַרנומען איבערן קאָפּ אַריבער? קיינס האָט נישט קיין צייט אָפּצואָכטן! ווער ווייס, ווי לאַנג זיי וועלן נישט קענען דעריאָגן דאָס וואָס פאַרלוירן צו־ליב איר, צוליב דער חתונה, וואָס זי האָט אויסגעוויינט פון זיי, דעם ברו־דער מיטן ווייב!

*

באַלד אויף צו מאָרגנס האָט אויך רייזל — איינע אַליין — מיט די פּעקלעך און זעקלעך אין די הענט זיך צוריק געקערט אין איר געענגטער היים אַריין, ווו ס׳האָט אויף איר געוואַרט אַ נייע נויט. די הונגעריקע מיי־לער פון אירע קינדער האָבן זיך געצויגן צו איר, צער׳דיק גערופן מיט טרעריק פאַרגאָסענע בעקלעך. די מאַמע האָט עס געשפּירט מיט צי־טערניש. ס׳האָט איר דורכגעשטאָכן. אוי, אוי, אָבער אירע ליפּן זענען גע־

בליבן צונויפגעפּרעסט: „די הינדע צעפּליקט זיך שוין פון אומגעדולד! אָנ־געהאָנגען איר אַ פּעקל צו היטן אַ שטוב מיט קינדער, הונגעריקע, ווילדע מיזראָפּן. זי׳ט מיר ס׳פּנים אויסגראַטשן פאַר דער שיינער מיצווה. נעבעך אַ מענטש אַ צעווייטיקטס, קען איך צו איר גאָר נישט האָבן. אויב זי שילט, שרייט, איז עס פון די נחתן וואָס ס׳גוטע מזל פאַרגרייט איר. זי האָט גע־נוג פאַר ס׳איריקע, האָב איך מיינע היישעריקן אויף איר נאָך אָנגעשיקט. פון געוויינשאַפט אַ האַסטיקע, אָבער איר צוזאָג איז פּעווגע. נעבעך אַליין נישט קיין צייט, מוז זי נאָך אַריינקוקן צו מיינע ווערעם, געדענקען אָן אַ לעפל וואַרעמס פאַר זיי. זי׳ט מיר אַ גרויסע טובה געטאָן, די הינדע. ווייל ווער וואָלט זיך אַרומגעקוקט אויף אַ געמיין מענטש ווי רייזל, וואָס איז אין אַזאַ קוואַאַל ווי זי איז געווען מיטן מיידל. דער אייבערשטער זאָל איר באַצאָלן דערפאַר — —" די ייִדענע האָט נישט געהאַט פאַר ווערמען אויסצורעדן זיך פון דעם קלערן און די אויגן האָבן איר געטריפט רויטע, שוואַך־זעעוו־דיקע. רבונו של עולם, דו ווייסט ווי ענג ס׳איז מיר ערשט מיין וועלט! —

די שווערקייט פון דער אָקערשט קאַפּויער געקומענער שפּירונג אַז זי איז אַצינד געבליבן אָן דעם עלטסטן מיידל, האָט אויף רייזלען מער גע־דריקט, געטריבן דעם געדאַנק, באַשלאָגן זי מיט קאַלטע אַנגסטן. מוז זיין אַז דעם לינטשיצער שניידער איז דער שוועסטערס ראַפּטעם געענדערטער אויסזען געפאַלן אין אויג אַריין. איר אומגעריכט אָנגיסן זיך מיט שוויס, ס׳ציִנדן זיך פונעם מאָגערן פּנים האָט אים געטשוכעט פון זיין פאַרנומענ־קייט וואָס פאַרשלינגט אים אַלע מאָל תיכף ווען ער קומט נאָר אַרויס פו־נעם שבייסצונאַכטסטיקן גבול אָדער מ׳רוימט אַרויס דעם קאַרגן יום־טוב פון שטוב. דער עול צעטראָגט אים שטענדיק. דערזען די שוועסטער גאָר אַ וואָכעדיקע, אין אַן אָפּגעריבן פרעמד מאַנטעלע, גרייט זיך אַוועקצולאָזן אין איר עגעצדיקן פּאַביאַניק, האָט זיך ביי כיל־מאירן צעעפנט ס׳האַרץ:

— קלער נישט אַראָן, רייזל, — עולם וועלט, עולם אייביק. דער איי־בערשטער ׳עט נישט פאַרלאָזן. מיט שרהלען הייבט זיך אָן אַ ניי לעבן אויך פאַר דיר. נו, קודם וועט דיר זיין אַ ביסל גרינגער. דאָך אַ מיידל, און דו האָסט זי באַכאַשעם חתונה געמאַכט. ווייסט, וואָס פאַר אַ קאַפּווייטיק מ׳האָט מיט אַ מיידל? דאַנק דעם שם יתברך, — אַזוי האָט דער ברודער געשטאַרקט די שוועסטער, איר אָנגעזאָגט, אויך געטרייסט, אַרויסגעבראַכט דעם געפּלאַ־טער פון צעשיידונג ווער ווייסט אויף ווי לאַנג. געקוקט אויף איר פון היינ־

טערן שטערן, ווי ר׳וואָלט זיך עפּעס געשעמט און דערנאָך ווידער זיך צערעדט: — הערסט, רייזל? ס׳עט גיט זאָן. כיל־מאיר איז נישט קאַ׳ ליגנער. איך האָב בטחון אין זיין ליבן נאָמען. מעגסט גלייבן וואָס איך זאָג דיר. נישקשה, אַ ברודער מעג מען אויכעט גלייבן. שרהן גייט אַנטקעגן אַ סך גוטס. יונגע חברה, דאַרפסטו וויסן, גיט זיך אַן עצה. אין אָנהייב ׳עט אפשר גיין אַ ביסל דאָסיק, אָבער דער שלמה זעט אויס אַן אָרנטלעכער, אַ בחור מיט אַ גרויס געלענק. די הויפּטזאַך, דו דאַרפסט זיין אַ געזונטע מאַמע צו דאַנע קינדער און זיי דאַרפן האָבן נחת פון דיר, רייזל. האָרך מיך, רייזל — האָט דער לינטשיצער שניידער זיך געכוחעט אויף הייטערקייט — און שיק דאָ דיאַבלאָ*) ס׳קרעכצן און ס׳קרימען זיך, וועט אַלע זיין היימלעך און דאַנע קינדער וועלן וואַקסן און בליִען צו דאָן און אונדזער פרייד. — אָפּגערעדט, האָט ער זיך צוגערוקט צו דער שוועסטער און איר איינגעשטעקט אין דער האַנט אַריין אַן אַסיגנאַציע: — נעם, נעם, וועסט האָבן פאַרן קליינוואַרג אויף נאַשעכץ. פון דער שמחה זייער חלק. אַ שוועסטערל, ברידערלעך, דאַרפן זיי וויסן, וועלן זיך דערמאָנען אַז שרה האָט חתונה געהאַט, פאַרשטייסט?... קינדער קענען האָבן טענות און די מאַמע וועט זיך נישט קענען פאַרענטפערן. צו וואָס אומישנע אַריינקלאַפּן זיך אין האַנט אַריין אַ פאַרזשאַווערטן טשוואָק, רייזל? אַ צוקערקע, אַ לעקעכל באַדאַרפסטו זיי געבן.

— ווי קען איך ביי דיר נעמען, ברודער, — און שיִער זיך פאַרגאַנגען אין אַ שלוכצן. — האָסט ווינציק געטאָן פאַר מיר? כ׳וויל נישט, כיל־מאיר.

— פאַרדריי נישט קאַ׳ ספּאָדעק. מ׳גיט פאַר די קינדער, זאָלסטו גאָר־נישט טענהן.

אַ שולדיקע האָט זי אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ, ווי אַ גוז האָט ער געפינצטערט אין איר קורצווייליקן שוויגן. דערויף האָט זי זיך אַראָפּגעבויגן צו די פּעקלעך, די טלומיקלעך אויף דער פּאָדלאָגע —

— מ׳עט גיין. שוין גענוג.

דאָ האָט דער ברודער ווידער זיך אָנגערופן:

— לאָמיר הערן גוטס פון דיר, שוועסטער.

---

*) צום טייוול.

— פאַר געזונט, רייזל, — איז די שוועגערן באַלד אַרויפגעפאַלן אויף איר, זי צוגעדריקט צו זיך — ס׳עט זיין אַל דאָס גוטס. ס׳דינסטיק היינט, רייזל. עס וועט אָנהייבן לייכטן דאָאָן מזל אין זכות פון דאַנע קינדער, רייזל.

די אָרעמע מחותנתטע איז איינע אַליין אַוועק צו דער באַן.

אָפּגעזעגנט זיך, פאַרווישט אַ טרער, בעת־מעשה זיך געשעמט מיט דער פלוצלינגער וויכקייט וואָס טרעט־צו צום האַרץ אין מינוטן פון גרויסן נסיון און — — דער וועג האָט אין געגעפל פון צוויגטן גערדאַנק אויף רייז־לען אַריינגעצויגן אין דער האָפענונג צו פאַרמיידן די לויערן פונעם גורל וואָס יאָגט זיך נאָכן מענטש — — אויף אַ ממשות (האָט אין איר זינען אויפ־געטויכט אַן אומפאַרהאָפטע טרייסט) איז דער גורל אין זיינע פאַרבאָרגנ־קייטן מסוגל צו מאָל אויף וווּנדער פאַרן געפלאָגטן בן־אָדם. זי פילט עס:

„גאָט ברוך־הוא וויזט מיר אַ צייכן. זי זאָל נאָר ראוי זיין צו עפּעס גוטס. שרהלע זאָל געזונט זיין, איז אַן אָנפאַנג פון דער לייטזעליקייט וואָס דער אייבערשטער האָט געשאָנקען זיין אומגליקלעכער דינסט. שוין, גענוג שוין, טאַטע זיסער! איך האָב בטחון אין דיר, האַרצעדיקער!״

זיך דערנענטערט צו איר פאַרוויסטער היים, האָט דער חושכדיקער מאַמען זיך אויסגעוויזן אַז אַ יאושדיקער געוויין פון פאַרלאָזנקייט, פון קלע־מענדיקן הונגער לויפט איר אַנטקעגן אויף אייליקע, רויט־פאַרפרוירענע נאַקעטע פיסלעך פון אירע קינדער; אָט־אָ פאַלן זיי אַרויף אויף איר מיט די געשוואָלענע הענטלעך און די אויגן זענען זקניש פאַרלאָפן:

— מאַמע, מאַמממע. ווו ביסטו געווען, מאַמ־מעע! מיר האָבן אַזוי מורא געהאַט. האָסט צוגעזאָגט: הינדע די עופותניצע. זי איז אַ שלעכטע, הינדע! זי שרייט, שילט. זי האָט נישט געגעבן קיין עסן. אַ שלעכט שטיקל! זי קנייפט אויס ס׳פליש, פאַרשליסט די טיר אויף אַ גרויס שלאָס, גייט אַוועק צו חיימלען, זיי עסן קאַרטאָפל־קלויסקעס! אונדז קוקן מיר אין פענצטער און קיינער קומט נישט, לאָזט נישט אַרויס — — — וואַ, וואַ, אַזאַ זייטיק געסל אַז אַ לעבעדיקער פויגל דערהערט נישט ס׳געיאָמער פון די ברעק־לעך יתומים, און די הינדע איז אַ פאַריאָגט מענטש!

פיינלעך איז געווען רייזלס טראַכטן וועגן איר שטיבל, פון אירע תמיד הונגעריקע קינדער. און האָט זי איבערגעטראָטן די שוועל, איז דאָס קליינ־וואַרג געלעגן שטיל פאַרקנוילט אויף די געלעגערס און פאַרשמאַכט, אומ־זיכער אויפגעהויבן די קעפלעך:

— ביסט שוין געקומען, מאַמע?
— מאַ־מעע? אַ, די מאַמע!
נישט דרייסט איז געווען דער פרעג פון אַ קינד, און עס האָט זיך גע־שיבערט פון צוגעלעגנקייט, געריבן מיט די הענטלעך די פּאַרליאַפּעטע אויגן. דערנאָך, ווען אויך די אַנדערע קינדער האָבן זיך רעכט איבערגעוועקט, איז שוין אימפּעטיקער געקומען דער חידוש, צו מאָל מיט אַן אויפשריי, אַן אומהיימלעך געשפּאָלטענער רוף מחמת פּלוצלינגקייט:
— די מאַמע, אוי!
— נחל, די מאַמע, זע! — און אַ גערדיכטע בלייכקייט פון זשעדנע פּנים־לעך האָט אַ שטראָם געטאָן אויפן וואַכן גע̇פּיל פון דער מוטער.
— מאַנע טאַאַרע! צ׳זענט זיך אויסגעשטאַנען אַ ביסל אַן די מאַמע. ווי מיר, ווי גיב איך מיר אַן עצה אין מאַאַן ענגעניש? — און די מאַמע האָט נעבעך נישט געוווסט צו ווענען פרי̇ער אויסצושטרעקן אירע צוויי מידע הענט אויף צו שטאַרקן, אויף צוצוטוליען אירע קליינע, פאַרשמאַכטע קינדער.

קאַפּיטל צוויי און צוואַנציק

רייזל די מאַמע האָט זיך פאַרלוירן אין אַנגעזיכט מיט דער בייער בויט, וואָס איר איז אַנטקעגן געקומען נאָכן אויסגעבן איר עלטסט מיידל: „טאַקע אַ נחת אַז מ׳דערלעבט עס, אָבער וואָס האָט זי דערלעבט? אויף רייזלען גייט ערשט ס׳ראָכטע געדאַכטע. אָט־אָ שטייט זי מיט אַן אַרויסגעהאָנגענער צונג, ווי אַ הונט אַן אַ באַלעבאָס: נישט צו קריגן אַ לעק וואַסער צו לעשן דעם ברענענדיקן דאָרשט און נישט ס׳דאָ ערגעץ אַ דאַך זיך אויסצובאַהאַלטן פון דער חמימה. אומדערבאַרעמדיק איז דער מדבר סיי אין פראָסט סיי אין היץ. און דער אָרעמאַן איז אַ שטיק מדבר. אויב אומגליק, זאַדישעט עס דעם מענטש דאָ טויטאַ. די גאַנצע גדולה, וואָס מיטגעמאַכט בינדט איר הענט און פיס! ווי וועט זי אַצינד זיך אַרויסרייסן פון שטוב? באַנאַנד מיט די קינ־דער וועט זי אויסגיין. אַזאַ קורעלאַפּניצע וועט דאָך מער נישט ווען הערן־געדענקען פון אַ בליק טאָן צו אירע ווערעם. מיטן בלויזן קוק האָט זי מיך געוואָלט אויפעסן: „מ׳זאָגט אויף אַ טאָג צוויי־דריי און מ׳כאַפּט זיך אַרויס

אויף אַ לאַנגער וואָך? כ׳בין שיִער־נישט משוגע געוואָרן פון לויפן פענדזשען היִן־צוריק פון מאַרק צו די הונגעריקע פייגל און אַליין האָב׳עך אויכעט אַ שטוב. שיין, שיין, כ׳לעבן!״ — האָט הינדע זיך צעפלאַשעט מיט די אַרויס־געזעצטע ציין, מיט אירע יעלות, אַזש כ׳האָב זיך באַגראָבן פאַר חרפּה. גיי זיך פאַרענטפערן פאַר אַזוינס אָדער גיב זיך אַן אַנדער עצה. אַוודאי, פאַרן חדר איז דאָס נאָך נישט קאָ׳ מענטשן, טאָ ווו זאָל זיך אַהינטאָן אַזוינס אַז זי ווערט אויסגעריסן פאַרן קריש ברויט? אַרויסלאָזן אַזעלכעס אויף הפקר, וועט זי חס ושלום גיך און געשווינד מוזן באַוויינען איר קאָפּ. מעג אַ מאַמע זיך פאַזוואָליען אַזוינס? דאָס הענגט זיך נאָך אַלע פורן אין גאַס, פערד קע־נען זיי צעטרעטן! אוי, אוי, מיט שדים האָט יעקבקע ליינוואָל זי באַ־גאָבט — —״ טרערן האָבן איר געדריקט אין דער קעל.

נאָכן אומקערן זיך פון לינטשיץ האָט די ייִדענע קוים אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און שוין פאַרבראָכן די הענט: וואָס אָנהייבן אַצינד? — האָט זי אַי־בערגעחזרט. די טעג שטייען נישט און די מיילער מאָנען: גיב! הונגער ווייסט נישט קיין תירוצים — די מאַמע האָט נישט. נישטאָ קאָ׳ כוח צו לויפן אַזוי פיל, האָרעווען, איינלייגן מויערן, ווי ס׳געשיקט זיך ביי לייטן, ווען אַ פרוי בלייבט פאַרוואָרפן מיט קליינע קינדער. רייזל איז שוין געבוג אויס־געהאָרעוועט. דער ביטערער דלות, שפירט זי, וואַרפט זיך ערשט אויף איר מיט רוגזה, אָט־אָ צעקוועטשט ער זי. אַ פאַרצויגענער בלאָטער איז רייזל דער אַלמנהס דריבנע שטיבל. ווען קען זי אויסדערציילן פון איר אויפ־געשוואָלענעם האַרץ?

ווי אַ זומער־האָגל האָט טרויער זיך אַראָפּגעלאָזן אויף דער באַטריבטער פרוי.

*

אַן אַנדערע איז געווען די קלאָג וואָס האָט זיך דעמאָלט אויפגעהויבן איבער שרהלען דעם יונגיטשקן ווייבעלע. נישט־דאָ׳ק האָט זי זיך נאָכגע־צויגן דעם שווער און דעם, דעם, ווי זאָל זי אים טאַקע רופן? דער מאַן?! ס׳איז פריקרע אַזוי צו רופן דעם ליבן, און זי שעמט זיך. ס׳איז אַזאַ אויסטערלי־שער נאָמען. אַ ווינטיקייט הערט זיך פון אַזאַ נאָמען, שטאַרע קעלט. שלמהלע וויקלט זיך אַרום איר האַרץ, וואַרעמט איר נשמה, ער טוליעט זי איין קעגן אַיעדן שאַרפן לופטל. איר ברוסט האָט זיך שעמעוודיק צעצאַפּלט אין גרויסן נייגיר און לאָקנדיקער דערוואַרטונג פון דער געאָנטער נאָענטקייט מיט

„אים״: ווי וועט עס זיין, ווען זי וועט זיין אויג אויף אויג מיט דעם באַרג נייסן וואָס איז פאַרהוילן אין איטלעכן וואָרט, אין יעדער זאַך, יעדן טריט, וואָס ער׳ט שטעלן אַרום איר? שרהלעס שוואַרצאַפּלען האָבן האַניק־ברוין הייס געפלאַקערט אין איר פאַרקלערטן פּנים. זיי האָבן מתוך דער בלייכקייט זיך אויסגעשניטן ווי די אויגן פון אַ הירשיכע, ווען זי דערהערט אַ חשוד שאָרכן צווישן געבלעטער פון וואַלד; אירע אויגן זענען געשווומען אין פאַר־באַרגנקייט. ווי אין אַן אומדורכדרינגלעכן נעפּל פון פילן און זען איז זי באַכגעגאַנגען די ביידע. פאַרטראָגן אין די אויפגעבליצטע געדאַנקען, וואָס האָבן זי פאַרפּלאָנטערט, איז זי, די אָקערשט חתונה געהאַטע (ווי דער געפיל האָט אין איר געלעבט!) פלוצלינג צעטומלט־אָנגעשראָקן געוואָרן פונעם פאַל וואָס איז מיט איר געשען, ווען זי האָט גענומען זיך איילן צו קומען צו זיך אַהיים, אין דעם אייבערשטן שטיבל, וואָס וואַרט ערגעץ אַרויסשטאָט, דער ווילדגרויסער שטאָט. זי וואָלט דען געדענקט אַליין דעם וועג אַהין, אויב נישט שלמהלע? — האָט אַ נייער כּוח איר אַ שטויס געטאָן און זי אָנגעע־שטרויכלט. אויגנבליקלעך האָט זיך געצונדן ס׳טראַכטן: זי איז געפאַלן! יאָ, און דער וויטיק פאַר דער שרעק. ביים ערשטן שריט — געפאַלן!

...ווי באַלד זי איז אַראָפּ פונעם וואַגאָן, איז שרהלע נישט געווען מער אין איר אייגענעם רשות. ס׳האָט זי געפירט אַ פרעמדער ווילן. שטום, מיט אַ פאַרהאַקט מויל, האָט זי זיך נאָכגעצויגן די מאַנסבילן, אָבער פלוצלינג האָט זיך אַ וואַקל געגעבן איר רעכטער פוס, זי׳ט זיך אומגעלומפּערט אַראָפּ־געזעצט — אַ קאָפּמישונג האָט זי אַ צי געטאָן צו דער ערד, אויסגענורעט איר ביי מענטעלע. זי האָט עס תיכף וויטיקלעך דערשפּירט. ווי גוואַלד, ס׳האָט זיך צעריסן די הויט פון איר קני. ס׳האָט איר נישט ווי געטאָן דער בלוטצעראַצטער וווּנד פון איר פוסגעלענק, ס׳האָט אין שרהלען מער גע־פלאַקערט דער ריס אויף אירע טייערע זיידענע זאָקן! אוך, אוך! — האָט אַ דערוועקטע שניידונג זיך צעשטורעמט אין איר זינען — ס׳איז אַ פינצ־טערער סימן פאַר איר! אַ קראַמפּנדיקע כוואַליע האָט געדאַנקלעך דורכ־געשפּאַלטן דעם ווייבעלעס מוח און אַנגסטן האָבן באַשלאָגן איר לייב. נאָך גוט, דער שווער האָט זי גיך אויפגעהויבן, זי געטרייסט מיט ליבלעכקייט:

— ס׳גאָר נישט, קינד. ס׳קען געשען איטלעכן. פאַר אַ יונג ווייבעלע איז עס טאַקע נישט שיין אין מיטן גאַס זיך אַראָפּצוזעצן אין בלאָטע, אָבער ס׳עט אַדורך. ס׳אי׳ גליטשיק, ס׳אייז נעצט היינט. אָבער בלאָטע טריקנט

פון דער לופט, בלאָטע לאָזט זיך אויספּוצן, שרהלע. שאַ, שאַ, איך ׳על נישט אויסזאָגן קיינעמען, שלמה אויך נישט, ס׳וואָר? נאָר נישט געוויינט. טוט דיר חלילה עפּעס וויי? אויב אַזוי, וועט דיר גאָר נישט זיין. בעסער אַזאַ פאַלן, ווי אַן אַנדער פאַלן. די זאָקן? אַ כפרה די זאָקן פאַר דיר און פאַר כל ישראל. וועסט מערטשעשעם האָבן אַנדערע זאָקן, שענערע, אמת, שלמה? ווי הייסן זיי דאָרט די וואַזשנע זאָקנמאַכערס? די איטינגאַנס, די זיידנ־ווורעמס און אַנדערע ווערעם מאַכן די בעסטע זאָקן, שרהלע. געגאַנגען זאָל ווערן און אַלץ וועט זיך אויסהיילן.

— ס׳אַזאַ ברוך הבא, שרהלע, — איז אויך שלמהלע אונטערגעקומען מיט אַ פאַרגלעטנדיק וואָרט און ר׳האָט נאָענט צוגעטאַשטשעט צו איר די שווערלעכע וואַליזקע. — די זאָקן זענען דער קרבן פאַר אַלץ, וואָס דו האָסט אפשר באַדאַרפט ברענגען, צאָלן, שרהלע. אַ זאָרג מיט די זאָקן! וועסט האָבן נייע.

— נאָר געזונטערהייט, — האָט מוסיף געווען שלמהלעס פאָטער. ער איז געשטאַנען אַזוי ווי ר׳וואָלט אויסגעוואָרט אַז זי זאָל ווידער נעמען שטעלן אַ טריט, אַז אַלע זאָלן זיי זיך אַ ריר טאָן אין וועג צום שוין נאָענטן און דאָך נאָך ווייטן שטיבל, וווהין ער האָט געוואָלט אַריינפירן ס׳פּאָרפאָלק: „קינדער, דאָס איז ענקער ווינקל. דאָ זאָלט עץ אַנטקעגן גיין ס׳גוטע מזל און צ׳זאָלט זיך מערן אין רחבה!“ אַזוי האָט דער אַלטער זיך איינגעחזרט אין געדאַנק. שלמהלע איז אָבער נאָך געשטאַנען נעבן ווייבל, זי איינגענומען אין איר גרויסער אויפרעגונג, זי געגלעט איבערן אָרעם, איבער דער באַק און זיינע אויגן האָבן געלויכטן מיט אַן איינגעהאַלטענער גלאַנציקייט. דאָס ווייבעלע האָט לסוף אַראָפּגעשלונגען די לעצטע זויערקייט פון איר גריי־מאַסע, געשטעלט אַ גאָר געלאַסענעם טריט; ס׳איז זיך איר געגאַנגען ווי אין די פּוכן פון אַ טומאַן אַ ווינטערדיק־באַלאָדענעם. די לאַנג־אָנהאַלטנדיקע שטרויכלונג איז פון איר אויסגערונען גאַנץ פּאַוואָליע.

אין באַגלייט פוןביידע מאַנסלייט און דער וואַליזע, וואָס האָט זיך גע־באָמבלט אין דער האַנט פון איינעם, איז די נשתוממדיקע שרהלע ערשט אַריין אין אַן אומגעריכטן האַמעטנעם רעש: אוטס־סססס, טסו־טסו־ו־ו — טטססססו־טוסוסו! ס׳האָט געזאָטן, געציִשעט, געשיפּעט, געקאָכט ווי אַ מאַכטי־קער קעסל און ס׳האָט געזשוושעט, צוריקגעהאַלטן, אינטענסיוו קורץ־קורץ געציקעט אַ פונאַנדערגעוואָרפענע פעלדישע שטילקייט: ווו איז זי ערשט? די

באַן פירט דעם מענטש תמיד אַהיימצו, אָבער דאָ שמעקט עס מיט משונה־דיקער פרעמד. די לערקייט אָט־אָ איז אָפּשטויסנדיק, כאָטש נעם און צעוויין זיך אויפן אומגליק, וואָס קריכט דיר פאַר די פיס. אייגנטלעך, וווהין גייט מען אַז דער וועג רירט זיך נישט פון אָרט, — איז שרהלע געוואָרן מיט אַ מאָל גאָר אומגעדולדיק. אומגעריכט איז זי אַרויס מיט דעם געפרעג צו שלמה־לען. געקוקט אין דער זייט ווו זי האָט אים געפילט, זי האָט׳ן געזוכט און נישט באַלד דערזען. די מטושטעשקייט פון דער שפּירונג האָט זי לייכט צע־טומלט, נישט געוווסט ווו אָפּצושטעלן דעם בליק. זי קוקט און זעט: נישטאָ אין דער געגנט קיין וואָקזאַל, נאָר אַ הילצערן וואַך־קעמערל, אַ ברוין אָפּגעשמירטס וואַרעוועט עס דאָ ווי אַ וועגהונט. ס׳ליגט דאָ נייערט אַ פעל־דישע נאַקעטקייט און אייזערנע רעלסן, אַ קנופּ אַלטע זשאַווערנדיקע רעלסן און מענטשן פאָרן נישט פון דאַנען, מענטשן קומען נישט אַהער. אַ פאַר־וואָרפנקייט איז עס וואָס סטראַשעט און די באַן־בודקע איז דער צייכן אַז ס׳מוז סטראַשען דער עלנט דער איינגעגעסענער. איז עס דער נייער אַנהייב וואָס זי דאַרף אָקערשט אָנפאַנגען? — ס׳האָט זיך פון שרהלען אַ ריס געטאָן אַ פּלוצלינגער העשע, און די אויגן זענען איר פאַרלאָפן געוואָרן מיט אַ רויך. די גרויסשטאָט, ווו זי דאַרף וווינען, האָט טאַקע אַן עק שטאָט, אָבער ס׳איז אומגעהייער די דערוויטערטקייט, דער ראַנד פון דעם סוף! ס׳איז לגמרי נישט צו זען ס׳שטילע פון אָנהייב־ישוב. דער רעש וואָס שפּרייט זיך דאָ איז סיי ווי אימפּעטיק. שרהלען איז באַפאַלן דאָס סאָפּען־דעכען פון צע־היצטע, פונקען־שפּריצנדיקע לאָקאָמאָטיוון, זיי האָבן זיך געקרייצט הין־און־הער. און יעדן פון די מגושמדיק פרייכנדיקע אייזערנע אָקסן, וואָס קייק־לען זיך, שאַרן זיך אויף שווערע בייכער, האָט זיך מיט געבראַזג נאָכגע־שלעפּט אַ שורה וואַגאָנעס און יעדער וואַגאָן פירט מיט זיך אַ וועלט מיט אומהיימלעכקייט, אַ געבונדענעם בייזן כוח. אָט וואָס עס איז פּחדימדיק, עס שרעקט קליינע קינדער, פאַרצאַפּלט ס׳האַרץ פון שפּלע אָרעמעלייט. אך, די שפלות, ווי זי דריקט מיין מאַמע, — האָט עס איר פון ס׳ניי גע־ברענגט צו טרערן.

קאַפּיטל דריי און צוואַנציק

עס זעט אויס אַז ס׳איז שוין נישט ווייט, טאַטע. און דו האָסט שוין אָנגע־לייגט אַזוי פיל וועג, — האָט דער יונגער מאַן אומגעריכט גענומען זוכן אַ נאָענטקייט צום פאָטער, זיך געקווענקלט פאַרן געדאַנק הלמאי ער איז אַזוי שטאַרק מטריח דעם אַלטן, וואָס איז צוליב אים געשטעלט גע־וואָרן אין אַ געקוועלטקייט אַקעגן דער מאַמען. עס זענען אים דערפאַר שווער אָנגעקומען די רייד: — גיב מיר שוין די וואַליזע און דו קענסט גייך געזונטערהייט אַהיים.

געזאָגט און אַראָפּגעלאָזן די אויגן. — מיר וועלן זיך שוין אַן עצה געבן. כ׳דערקען דעם קאַנט, — האָט ער נאָך אונטערגעברומט. — מ׳עט טרעפן, טאַטע.

— מאַך זיך נישט צו נאַר, שלמה. נישט דער וועג איז מיר צו ווייט און — כ׳האָב צייט. מיינע געשעפטן רייסן נישט איין, — האָט ער מוסיף געווען מיט אַן אומעט אין טאָן. — באַאומרואיק זיך נישט. ס׳איז נישט פאַר ליכטצינדן, שלמה. אָבער שלמה איז נישט אָפּגעטראָטן: — טאַטע, גענוג! — און זיך צוגעבויגן צו דער וואַליזע וואָס אין פאָטערס האַנט כדי זי צו נעמען.

מיט גינציקייט האָט דער פאָטער ווידער געקוקט אויפן זון: — ביסט דאָך שוין נישט קאַ׳ ייִנגל. דו ווייסט עס אַז דאָס איז מיר נישט שווער, — און זיינע אויגנגלאַנצלעך האָבן אינטענסיווער געטענהט ווי די רייד: שלמה, מיר פאַרשטייען זיך דאָך, שלמה, זיי נישט צו גוט. אָבער ער, דער זון, האָט עס „נישט געהערט“:

— לאָז מיך...

— איך וועל דיך נישט לאָזן, — און געכוחט זיך נישט אָפּצוגעבן די וואַליזע.

אַ מינוט פון פאַרלוירנקייט, אוןביידע האָבן זיך אָנגעקוקט מיט גע־פרעג, מיט געבעט.

— פאַרגינסט מיך נישט אַ מיצווה, שלמה?

— אַ מיצווה? — איז דער יונגער מאַן שוין צעטומלט געוואָרן, האָט

אַוועקגענומען די האַנט פון דער וואַליזקע, אין וועלכער דער פאָטער האָט זיך איינגעקלאַמערט מיט בייניקע פינגער.

— אָבער דו ביסט מיד, טאַטע.

— נישט כ׳בין מיד און נישט איך בין ווינציקער איינגעשפּאַרט פון דיר, — האָט דער אַלטער באַנייס זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ רגע, צו וויזן דעם זון אַז ר׳וועט נישט נאָכגעבן: — געזאָגט, זאָלסטו גלייבן, שלמה.

גערעדט, געשטעלט פּאַמעלעכע טריט צוליב דער בלאָטע וואָס האָט בשפע זיך אויסגעשפּרייט איבער דער געגנט, וווהין זיי האָבן זיך אַריינגע־שניטן גלייך פאַרבלאָנדזשעטע שאָף אין אַ פרעמדן מרחק. ווי ווייט ס׳אויג האָט געגרייכט איז פּוסטקייט געווען אויסגעצויגן אינעם אַרום, סיידן אַ דין געשאַלעוועט הילצערן הויז אָדער אַ שאָפּע האָט זיך דאָרפיש אַריבערגע־בויגן ערגעץ, געבליפּט אויף דער ליידיקייט. אַ נאָגנדיקער לאַנגווייל הויערט דאָ אַ גרייזער, האָט ר׳ איטשע זיך אַ זאָג געטאָן אין געדאַנק, אָפּ־געעטעמט, אָבער קיינער האָט אין דער קאַלעמוטנע מינוט נישט אַרויס־געברענגט קיין וואָרט. מיט אַ מאָל האָט דער אַלטער אַן ענערגישן שלעפּ אַרויף געגעבן צו זיך העכער די וואַליזע, מיט ישוב־הדעת איבערגעפּרווּווט מיטן פוס די צעגאָסענע ערד, קאַרג געענטפערט אויב דער זון האָט׳ן עפּעס געפרעגט און געלאָזן געצויגן פאַרויס. — „מ׳גייט כאָטש ריכטיק, שלמה?״

— האָט ער אַ מאָל מפסיק געווען. קענטיק, דאָס איז שוין ס׳ראַדאָגאָשטש, האָט ער בשעת־מעשה זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון. ס׳שמעקט טאַקע מיט שעכטהויז, מיט גאַרבאַרניעס און מעסער־שטעכערס. כאָטש גוט, וואָס ער איז מיטגעגאַנגען. דער יונגער חברה וואָלט געווען פריקרע איינע אַליין אַזאַ גאַנג. דאָך ס׳ערשטע מאָל און די געגנט איז אַ הינטישע! בלאָטע, פעלדער פון בלאָטע און ליים. חימל בוימגאָלד מאַכט פון דעסטוועגן גרויס גאָלד פון דער בלאָטע. ס׳ביסל מזל דאַרף נאָר צודינען! נישט יעדער איז זוכה דערצו און נישט איטלעכער האָט אַ פלינקן געדאַנק פאַר געשעפט. מן הסתם אַזאַ בראַנזשע דער שכל פון דעם בוימגאָלד. עס קלינגט מיט אים די שטאָט! פון פּאָמעראַנצן־קעסטלעך און בלאָטע צו שטעלן הייזער און קריגן דערפאַר גראָצאָמעס געלט; אוך, אוך, אַ מענטש זאָל זיך אַזוי אַרויפ־אַרבעטן! — פון פּאַרקלערטקייט האָט דעם ייִד אַרויסגעשלאָגן ס׳באַחנטע ווייבעלע. מיטן קול האָט זי זיך פלוצלינג דערנעענטערט צו אים:

— שלמה, ס׳עט שוין גענוג זיין, כ׳לעבן! דער טאַטע איז מיד. אַ

ווּנדער, דו געדענקסט עס נישט. לאָז אים נישט שלעפּן אונדזער משא. — און ר׳ איטשע זעט ווי זי שטייט אין מיטן אַ צעיוירענער לוזשע. שרהלע גייט נישט ווייטער, איר שטים שפּאַרט אַריבער זיין אַקסל, עס רירט אָן זיינע אויערן־לעפּלעך: — דער טאַטע וויל מיטגיין, זאָלסטו נישט זאָגן ב יי ן, אָבער די וואַליזע? עס געפעלט מיר נישט אַז דער טאַטע זאָל טראָגן אונ־דזער פּעקל. זיי אַזוי גוט — נעם דו די וואַליזע, ׳עט מע גיין. איך בין נישט רואיק אַז איך זע: מיר גייען ליידיק און דער טאַטע מאַטערט זיך מיט אונ־דזער באַגאַזש. ס׳איז נישט גלייך. ס׳געפעלט מיר נישט, שלמהלע! — איר קול האָט זיך געבעטן און זי האָט געלויכטן אין שפּריי פון צעעפנטן טאָג. פאָטער און זון האָבן עס אָקערשט דערזען.

„טאַטע, האָט זי מיך גערופן. אַ ווויל קינד, און וואָס פאַר אַ שיינעם שכל דאָס האָט!" — דאָס געפיל האָט צעוואַרעמט דעם דערשלאָגענעם מענטש און ער האָט אַ מבולבלער זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ ווײַלע. פאַר־שעמט ווי אַ ייִנגל האָט איטשע האָפמאַן זיך אָנגערופן אין זיין באַיאָרטקייט, וואָס איז ערשט שטאַרקער צוגעטראָטן.

— אָסור צי כ׳האָב געשפּירט די וואַליזע, — האָט ער זיך פאַרענט־פערט. — ס׳אי׳ דען אַ משא? קינדער, נישט געדאַכט זאָל עס זיין, ס׳געמיט קען זיין שווערער ווי דער גרעסטער שטיין. נאָר לאָמיר זיך נישט דינגען פאַר קליינִיקייטן. מירן ליבערשט גיין, ווייל דער טאָג איז אַ גוטער, דער הימל לייטערט זיך.

נישט געבליבן קיין ברירה פאַר די צדדים: אי שלמה האָט נאָכגעגעבן אַז דער טאַטע זאָל מיטגיין, אויב ר׳וויל דווקא, אי דער פאָטער האָט זיך געלאָזט איבעררעדן — צו געבן דעם זון די וואַליזע, זי שוין צו דערטראָגן אויף אָרט און שטעל. זעלבעדריט האָבן זיי, כמעט אַ געגנדזענע ריי, ווי אַ טשאַטע אויסטערלישע באַטשאַנעס געצויגן איבער דער ראַדאָגאָשטשער געגנט, געשלעפּט די פיס פון די בלאָטעס די אַרויסשטאָטישע, וווהין דאָס יונגע פאָרפאָלק האָט זיך ערשט געקליבן אויפצובויען אַן אייגענע נעסט. ווי די באַקעטע פייגל, — האָט ר׳ איטשע אַ טראַכט געטאָן, ווען געשטעלט אַ טריט אין שפּור פונעם זון וואָס איז געגאַנגען פאָרויס אויף צו מאַכן איבער דער צעגאָסענער ערד אַ וועג פאַר די זייניקע — ס׳מעג זיי גוט זיין, די קינדער!

*

איטשע האָפּמאַן איז פריִער נישט אָפּגעטראָטן פון די קינדער ביז ער האָט זיי — מיטן איינציקן וואַליזקעלע — אָפּגעפירט צו זייער שטיקל היים. זאָל ער כאָטש זען מיט די אייגענע אויגן, ווו זיי וועלן זיין, צי זיי האָבן רעכט ווו דעם קאָפּ אָנצושפּאַרן. אומשטיינס געזאָגט אַ טאַטע בין איך! פאַר זיי גייט ערשט דער ריכטיקער ווינטער: וואָס האָב איך געטאָן פאַר זיי איידער ס׳יאָגן אָן די זאַווערוכעס מיט די קעלטן? איטלעכס גיין פאַר־זיך איז אַן אמתער ווינטער! ווער עס ווייסט דאָס נישט — איך האָב עס אין די ביינער. זאָל מיר כאָטש נישט גריזשען דאָס האַרץ, וואָס כ׳האָב זיי אַפילו אַצינד געלאָזן אין מיטן וועג, אין דער סאַמע בלאָטע. מילא, ס׳גייט זיך נישט צו צערייסן. אַ באַשיידן שטיבל האָבן זיי, אַ דאַך איבערן קאָפּ, דאָס איז ס׳עיקרשטע. איז דאָ אָרט, מאַכט זיך שוין ווי־עס־איז אויס־צופולן דאָס מיטן נייטיקסטן. קראָקע איז אויך נישט אויפגעבויט געוואָרן מיט אַ מאָל. און ס׳גייט פונקט צו זומער — די צייט וועט שוין עפּעס ברענגען. אַ בעט, אַ טישל איז נאָך נישט קאַ׳ באַווינונג, נאָר לאָ־מיר האָפן. יונגוואַרג קען זיך אַרויסדראַפּען. זיי ווילן אַזוי, זאָל דער טאַטע זיי נישט פאַרגינען? אוי, אוי, נאָר אַ הילעף דאַרף קומען אויף די אָרעמע לייט! נעבעך באַשטאַנען אויף אַזאַ נאָרע, אין אַ וויסטעניי.

געגאַנגען צוריק, געצויגן זיך מיט אַ שווערלעכן שפּרינגען איבער די אָנגעיווירענע בלאָטעס, האָט איטשע האָפּמאַן געפילט אַן אינעווייניקדיקע געשרומפּנקייט: ער איז אַ פאַרלוירענער מענטש, און זיינע קינדער גייען אין טאַטנס אומגליקלעכן וועג. אַריינגעזעצט זיך שלמהלע דאָ, וועט אים נישט גרינג זיין אַרויסצוקריגן זיך. ס׳איז אַ העק דאָס ראַדאָגאָשטש. דער אויפדערנאַכט, ווי באַלד ער שטעלט זיך, שפּרייט ער אויס אַ וואָיענדיקע וויסטקייט איבער דער געגנט. האַרט ליגט די פינצטערניש איבער דעם מדבר, וואָס ביי טאָג איז ער יאַקאָש צעשניטן אויף ברייטע אומהיימלעכע גאַסן וואָס וויגן זיך אויף שיטערע זומפּן, אין ווינטיק־צעקנאָטענע טייגן וואָס נאָר די דויערעוודיקע זומערזון צעטריקנט זיי צו ביסלעך. הילצערנע איין־שטאָקיקע הייזקעס ווי שייערן מיט בלינדע פענצטער זענען צעשטעלט אין די בלאָטעס. אַן איינצלנע שטאַרע לאָמפּ לייכט ערגעץ־ווו איבער די נאַכטישע אומהיימלעכקייטן פון ראַדאָגאָשטש און זעלטענער רייסט זיך אַרויס אַ שטרייף ליכט פון אַ טיר. דאָס זויערט אַ שענקשטוב מיט קליינע הילצערנע, געפאַרבטע טישלעך און פּראָסטע האַרטע בענקלעך.

פאַר פּאָליציע וואָס בלאָנקעט אַרום אין דער געגנט ווי שפּאַרבערס איבער דעכער און פאַר „בלאָטע" איז אַזוינס אַן אָרט. אויך פאַר פריילעכקייט פון ווילדע פאַרשוינען איז אַזאַ טרינקשטוב אַ מקום וואָס ווערט אָוונטצייט באַלויכטן פון אַ הענגעדיקער נאַפטלאָמפּ. ווען נישט ווען רייסט זיך אַרויס פון אַזוינע שענקן אַ ראַסלעדיק שיכור קול פון אַ שפּילקאַסטן און דאָס שפּילעניש לאָזט זיך מיט פאַרריסנקייט אויף דער פינצטערניש ערגעץ נאָענט, ערגעץ ווייט איבער פונאַנדערגעעפנטע גריבער פול אימה:

זאַטשעם מאַט' מניע ראָדי־לאַאַאַ,
זאַ־אַאַטשע־עעעם באָך מניע סאָזדאַל?
נוטן, נו־וטן, נו־ו־ו־טן, דאַ־דאַאַאַ —

באַזאָפּענע, רויט־פּנימדיקע לייט וויגן זיך פון טעמפּן תענוג אין טאַקט פון אָט־דער מוזיק, וואָס הוידעט זיך אויף די פליעסקנדיקע כוואַליעס פון צעגאָרגלטע קאַטערינקעס, וועלכע באַווייזן זיך אויבעט אַ מאָל אויף די ראַנדן פון דער זודיקער שטאָט: „נוטן־נוטן, זאַטשעם באָך מניע סאָזדאַל!" עס וואַקלט זיך ס'שיכורלעכע קול אויפן מעטאַל באַשלאָגענעם וואַלץ וואָס דער קאַטערינטשיק באַוועגט מיטן אייזערנעם הענטל אַלץ איינס אַהין־אַהער. זינגערס ביי די שענקטישלעך גרילצן אָן מיט די הילציקע העלדזער אַ מער האַסטיקע פריילעכקייט, אָבער די שטיל צוריקגעצויגענע באַוווינערס פון די מגושמדיקע ראַדאָגאָשטשער כאַטעס גרוילט עס אויף. די פּלוצלינגע היימלעכקייט וואָס וועקט זיך אין אַ טרינקשטוב יערט אויף אין זיי שווער געאָנטע, לאַנג געזעענע שוידערן. „ס'עט זיך ווידער טוען. עמעץ וועט שוין קושן די ערד! דער רייץ נאָך נקמה, ס'לעכצן צו יענעמס בייטעלע ציט די חברה־לייט". דראָענדיקע קלינגלעך פון אַרויסגעצויגענע מעסערס אין הפקרע הענט מיניען פאַר די בליקן פון די רואיקע און דער שלאָף ווערט ביי זיי פאַרוואָגלט אויף לאַנגע נעכט. „מ'זאָל באַהיט ווערן פאַר די בלאָטע!"

— אַ וואַזשנע מקום זיך אויפגעזוכט מיין זון. ס'דען אַן אָרט פאַר אונדזער סגאַל? — האָט ר' איטשע פּלוצלינג אויפגעשוידערט פון געדאַנק וועגן דער פאַרוואָרפנקייט פון דעם ראַדאָגאָשטש. — איך טרענק זיך אין בלאָטע, איך בין אַריינגעזונקען אין דלות. די קינדער מאַכן נע־

בעך גאָר נישט קיין געהויבענעם פּאָטשאָנטעק. ראַדאָגאָשטש איז אַ זומפּ, נישט אַרויסצוציִען פון אים דעם פוס, אוי־אוי!

*

ס'איז געווען צוויי וואָכן פאַר־פּסח, ווען ס'יונגע פּאָרפּאָלק איז אַריין אין דער פוסטלעכער באַוווינונג וואָס אין מעכל בעקערס משפּחה־הויז אין ראַדאָגאָשטשער געסל. סך־הכל אַ לאַנגער, גרויסער הילצערנער צימער מיט אַן אָנגעבויגענעם סופיט און פענצטער, וועלכע שווימען אַריין אין דער ליידיקייט פון דער בלאָלעך־גראָער לופט. אַ שפּעטלעכער פאַרמיטיק איז עס געווען אין יענעם ערנסטן אָנהייב און דער רוי־שמעקעדיקער טאָג האָט אַ פאַרטראַכטער געגליוועוערט הינטער די שויבן אַקוראַט ווי אַ דינער פּאָרהאַנג. אָן אויפהער האָט די שיין אַזוי געגליוועוערט אין גראָען בלאָ. דער ווינטער, האָט זיך געזעגן, איז רעכט נאָך נישט געווען אַוועק און דער פרי־לינג איז אַלץ נישט דערגאַנגען, סיידן מיט די טיפערע פאַרטאָגן און מיטן ראַפּטעמדיקן פייגל־געסווישטש, וואָס קומט פון אונטערן דאַך. די קרוינען פון די עטלעכעביימער, וואָס שפּאַרן אַריין אין דירהלע, זענען נאָך געווען נאַקעט, זייערע ריטלעך האָבן זעלטן זיך אַ וויג געטאָן מיט דייט־לעכן ווינטיקן גערייד צו די שויבן, זיי קוים־קוים געגלעט. אַ ביסל זיך געשטרויכלט ביים אַריינגיין אין איר נייעם אָרט, איז שרהלע אַרויפגעפאַלן מיט אַן אומגעריכטן העשע אויף שלמהלעס אָרעם. אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אָן זיין ברוסט געכליפּעט און נישט געקענט אויפהייבן דעם בליק. דעם אַלטן האָט עס אַ פאַרקלעם געטאָן, ער האָט זיך פאַרלוירן אַ לענגערע ווײַלע. לסוף איז ער צוגעגאַנגען צום ווייבעלע, איר אַ גלעט געגעבן איבערן אַקסל:

— שאַ, שאַ, שרה. ס'עט גיט זאַן. פון היינט מאָל אָן וועט זיך אָנהייבן גוט פאַר ענק.

לאַנגע רגעס האָט דאָס ווייבעלע געכליפּעט, אויפגעהויבן דאָס פאַר־טרערטע פּנים, מתוך אַ פרישן שטראָם טרערן האָט זי אַ קוש געטאָן ר' איטשען אין דער באָרדיקער באַק אַריין און געזוכט זיך ערגעץ־ווו אַראָפּצולאָזן מיט דער גאָרערע שווערקייט פון איר אָנגעדראָלענעם געמיט.

— זאָל זאַן אין אַ גיטער מיניט, שרה, שלמה, — האָט דער אַלטער

אין פֿאַרלוירנקייט אַרויסגעקראָגן פֿון זיך און אַ פֿאַרקלעמטער זיך אַראָפּ־געוואַקלט פֿון די שמאָלע שטיגן, וואָס פֿירן אַראָפּ פֿון אונטערן דאַך צו דעם קליין אַרומגעבויטן הילצערנעם הייפֿל.

שפּעטער, אַז אויך שלמהלע האָט זיך אַראָפּגעלאָזן פֿון זיין הויכן וווי־נונגל, האָט שרהלע, וואָס געבליבן איינע אַליין, ערשט זיך אַרומגעקוקט און זיך געוווּנדערט: ווערט מע זי נישט הייסן מוחל זיין פֿון דאַנעט? ס'איז פּרעמד, ס'איז אויסטערליש דאָ און די שטילקייט לויערט. אַ שאָד, זי האָט נישט געפּרעגט ווען שלמהלע וועט זיך צוריקקערן. שלמהלע איז צעטראָגן. ער האָט אָן אַ שיעור דאגות, און ער מוז גיין אויך אַרבעטן. פֿאַמעלעך האָט זי גענומען באַזינען ס'געשעענע נעכטן, אייערנעכטן. מיט שלמהלען וועט זי דאַרפֿן אַ סך איבעררעדן. זי'ט מיט אים וויכטיקס איבערצושמועסן.

— און וואָס 'עט זיין אַז זי וועט באַדאַרפֿן דאָ אַראָפּגיין? ווערט מע זי נישט אָוועקטרייבן פֿון דאַנעט? שרעק האָט געלויערט אויף איר מיט דער־צונדענע אויגן. און האָט פּלוצלינג אָנגערוקט דער פֿאַר נאַכט, דער ערשטער פֿאַר נאַכט אין אָט דער אַרומגעצוימטער לײדיקייט, ווו מ'האָט זי אַרײנ־געלאָזן ווי אַן עוף אין אַ קאַמער, האָט שרהלע זיך אַרויפֿגעוואָרפֿן אויפֿן בעט. אָבער זי האָט נישט געקענט איינדרימלען, כאָטש די מידיקייט האָט גענאָגט אין איר געביין. שרהלע האָט אַן עלנטע זיך געקאָרטשעט אין אָנטור־עכץ, זי האָט מורא געהאַט פֿאַר דער שיטערער טונקלקייט, וואָס איז אָנגע־רונען פֿון נאָענטן האָריזאָנט. זי האָט אויסגעגייגט ס'געהער צו יעדן שאָרך וואָס צערודערט דעם אַרום: „מ'גייט? אפשר האָט שלמהלע גראָד געטראָפֿן די, וואָס ווילן זיי ביידן טרייבן פֿון דאַנעט? זיי זענען דאָך פּרעמדע". אַ גע־פֿיל פֿון אומזיכערקייט איז צוגעטראָטן צו איר.

ס'האָט געמוזט זיין געגוג שפּעט אין אָוונט, ווען שלמהלע איז אַהיים געקומען. אַ פֿאַרחידושטער האָט ער אויסגערופֿן אין מיטן דער פֿינצטער־ניש פֿון שטוב:

— שרהלע קרוין, וואָס עפּעס אַזוי? האָסט דאָך אַ לאָמפּ, פֿאַר וואָס האָסטו זי נישט אָנגעצונדן, אָ, אָ, אַ קינד דאָס איז!

שרהלע האָט נישט געוווּסט וואָס צו ענטפֿערן איר שלמהלען. זי האָט זיך געוועקט פֿון אַ ווייטער פֿאַרגעסנקייט. זי איז געווען פֿאַרציטערט פֿון קעלט און פֿון דער שורשנדיקער שרעק, פֿון וועלכער זי האָט געוואָלט זיך אָפּניכטערן, אָנטרינען.

— וואָס איז, מיידעלע, — איז ער צוגעשטאַנען צו איר, געקושט זי אין דער פּינצטער. — ביסט דאָך ביי זיך אין דער היים.

— אין דער היים? און איך האָב מורא צו שלאָפן אויף אַ פרעמד געלעגער, — האָט זי געענטפערט בתמימות — עמעץ קען אויפעפענען די טיר און הייסן מיך גיין, דיך אַרויסטרייבן, שלמהלע. וואָס ׳עט דעמאָלט זיין?

— האָב נישט קאַ׳ מורא, נאַרעלע. ס׳איז דיין ס׳שטיבעלע און אַלץ איז דאָ דיינס, שרהשי.

שרהלע האָט מיט נישטערנדיקן געפרעג און מיט דאַנקשאַפט געקוקט אויף שלמהלען מיט אַ נייער טרעריקייט.

...ניי, אָבער עפּעס נישט־דאַ׳ק האָבן שלמהלע און שרהלע דעמאָלט לאַנג, שווייגנדיק געקוקט אויפן פלעמל פון דעם לאָמפּ וואָס איז ווי אַ שטילע מידע הון געשטאַנען אויפן טיש, אויף זייער טיש. דערנאָך האָט די הון אַ פאַרזשמורעטע זיך אַראָפּגעלאָזן אין וויכן ברומעדיקן שאָטן אַריין, וואָס האָט צוגעדעקט די פרעמדע נאַכט שרהלעס און שלמהלעס.

קאַפּיטל פיר און צוואַנציק

צוריק באַוויזן זיך איטשע העפּטער פון דער לינטשיצער נסיעה, האָט דאָס ווייב שוין אויף דער שוועל אים באַגעגנט מיט אַ קוויטש, מיט אַזאַ צעשויבערטקייט וואָס האָט אים דערשראָקן פונקט ווי עס האָט אים אויף קאַלט אָפּגעצוואָגן דער בליק פון אירע גרינע, פונקען־שפּריצנדיקע אויגן:

— ביסט שוין דאָ, איטשעלע מאַטאַץ?! גיי אין דר׳ערד אַראַן מיט דאַן גיטס און מיט דאַן געטריישאַפט! איך האָב עס געניג. אָפּגעשוואַרצט מאַנע יורן! ערשט וועדג זיך אַליין, טייערער ייִד. האָסט געהאַט אַ כאַסלערע, אַצינד פרעס זיך אַליין אָן מיט דאַן גאַנצן פסח!

אַ באַך טרערן האָט פאַרגאָסן די באַקן פון דער ייִדענע, וועלכע האָט זיך ממש צעריסן אין איר ווייטיקלעכן געשריי, וואָס האָט איבערגעוועקט די אָרעם־פאַרדרימלטע וועגט, העפּטיק דערשראָקן די ייִנגלעך וואָס האָבן זיך נישט דערוועגט צו ווייזן פון די ווינקלען אַרויס, ווו זיי זיינען געווען פאַר־

שטעקט. אָפּגעשוימט זיך אין גרויסן כעס, האָט די ייִדענע געכאַפּט אַ צונויפ־געקניפּט טלומעקל מיט זאַכן, וואָס באַשיימפּערלעך געהאַט פּריִער צוגע־גרייט, און איז ראַפּטעם אַרויס פון שטוב מיט אַ זעץ אין דער טיר וואָס האָט מוראדיק אָפּגעהילכט:

— ברעך דיר אַצינד דאַן אייגענעם קאָפּ, משומד איינער!

אַ באַנומענער פון דעם געליאַרעם, האָט ר׳ איטשע מיט פאַרלאָפּענע אויגן שווער אויסגעשטאַמלט אין געבעט, אין פאַרענטפערניש:

— אָבער שיינדל... שיינדל, קום נאָר, הער אויס אַ וואָרט — —

אָבער שיינדל איז, אַ צעקאָכטע, נישט געוואָרן.

אין אויגנבליק אַראָפּ אין גאַס האָט זי, אָן צו באַדענקען זיך, גענומען לויפן אַרויף־שטאָט, איז איילק אַריין אין געפּלאָנטער פון גאַסן און רעש.

זי האָט שוין געהאַט אָפּגעמאַכט ביי זיך, די פאַרביסענע שיינדל: נישט דער מאַן, נישט די קינדער וועלן זי זען דעם גאַנצן פּסח. זי וועט זיך ערגעץ שטעלן האָרעווען, איינשפּאַנען זיך אין פרעמדן יאָך. זי׳ט זיך פאַר־דינען דעם ביסן, אַבי דורכצוקומען די ביטערע טעג. זאָל „ער״ וויסן ווי טייער ס׳קאָרן גילט. אַזוי ווי „ער״ פאַרשטערט איר לעבן, זאָל אים פאַר־שטערט ווערן דער פּסח. זאָל ער זיך מאָרדעווען, דער שיינער ייִד, וואָס גאָר־נישט פּאַסט אים, נאָר צו פאַרפייניקן ס׳אייגענע ווייב פּאַסט אים יאָ. זאָל ער האָבן אַ פינצטערן יום־טוב, דער דר׳ערדליגער!

געגאַנגען און ס׳האָט הייס געזאָטן אין שיינדלען. לאַנג זיך געטראָגן גאַס איין, גאַס אויס ביז זי האָט דערגרייכט זאַלצמאַנס געסל. עס איז אין עק פון דער ענגער סוחרישער פּולנאָצנע גאַס, וווּהין עס פאַרפאָרן די שפּילי־טער־פורן פון די אַרומיקע שטעט, וואָס שיקן אין גרויסשטאָט אַריין פאַר־טיעס סחורה און געזעמלעך ייִדן מיט ווייבער וואָס זוכן דאָ פּרנסה. בזשע־זשין איז אַ מקום פון לויטער שניידער־ווערקשטאָטן וואָס אַרבעטן אויס הויזן און קורטקעס „פאַר דער גאַנצער וועלט״, אַלעקסאַנדער גייט־איבער פון זאָקנמאַכערס, זגערזש האָט קאָרט־וועבערס. ס׳אַלץ קליינע ערטער — מוזן זיי אָנקומען צו דער פרעמד נאָך וואָל, נאָך כלערליי צודאָטן און טאָקע נאָך געלט. קומען און פאָרן, פאָרן אָן און טומלען די קליינשטעטלדיקע פורן אויף פּולנאָצנע גאַס און די פּולנאָצנע ווערט אַלע טאָג פול מיט פאַרטוע־נע, פאַרשטויבטע ייִדן, מיט פאַרפאָרעטע ווייבער און אַלע דאַרפן זיי האָבן ווו

אָפּצועסן, ווו אַראָפּצולייגן די איינגעקויפטע פּעקלעך, אַ מאָל אויך ווו אָפּצורוען, איבערצורעכענען זייערע חשבונות. איז טאַקע די פּולנאָצנע איבערגעפּאַקט מיט באַלעבאַטישע איינפאָר־הייזער, מיט טיי־האַלעס, גאָרקיכן און ווו אַ הויף איז ער אַ יאָרמאַרק פון צוגעפאָרענע לייט און זייער געטועכץ. עס ווימלט אויך מיט דאַוון־שטיבלעך, חברות און דיינים. אויף עק פּולנאָצנע הייבט זיך אָן זאַלצמאַנס געסל, וואָס איז פּונקט אַזוי איבערגעפּאַקט מיט שטייענדיקע וועגענער און מיט אַ געדולדיק שטעטלדיק וואַרטן פון פערד, וואָס מעלה־גירהן, הירזשען אַנטקעגן פאַרווונדערטע פענצטער.

אין זאַלצמאַנס געסל וווינט ראָזאַליע, שיינדלס יינגערע שוועסטער מיט איר מאַן אייזיק און זייערע צוויי טעכטערלעך. אין אַ מויערהויז וווינט ראָזאַליע, וועלכע מ׳האָט מיידלוויז גערופן מאַניע, מחמת אַ נאָמען האָט מען איר געגעבן מרים, אָבער דער נאָמען האָט איר געאַרט. נישט שיין אַזאַ נאָמען, — האָט זי זיך אַ מאָל אָפּגעבייזערט אויף דער מוטער, הלמאי זי האָט איר אַזאַ שנאָרייסקן נאָמען געגעבן. מיט מאַניען זענען אַלע היימישע ברוגז זינט יאָרן. אָפּגעריסן זיך מרים פון דער טאַטע־מאַמעשער שטוב און זיך געהייסן רופן ראָזאַליע. ראָזאַליע איז אַ שיינער נאָמען, מיט ראָזאַליע דאַרף מען זיך נישט שעמען „צווישן מענטשן“, האָט זי געטענהט. האָט די ראָזאַליע זיך דערווייטערט פון משפחה, צונויפגעשמעקט זיך מיט אַ פּראָסטן יונג, ווי מ׳האָט אין דער היים אָפּגעפּסקנט מיט ביטערניש און — אַלע פון הויזגעזינד האָבן זיך פאַוואָליע אָפּגעוווינט פון מאַניען, וועלכע איז אַוועק מיט איר צוגעטשעפּעטן נישט־ייִדישן נאָמען און מיט דער פרעמדקייט פון אַ כ׳ווייס־ווער אַ גאַסנהענדלער. „אייזיק ׳עט זאַן מיין מאַן!“, האָט ראָזאַליע אַריינגעליאַרעמט אין די טויבע אויערן פון איר פרומער היים, אָבער דער אָרנטלעכער משפּחה איז נישט שטאַרק אָנגעשטאַנען דער זיווג, וואָס די טאָכטער האָט זיך אַהיים געברענגט. ס׳איז נאָך דעם געווען אַ חופּה אויף אָפּקומעניש, דערפאַר האָט די פרעמדקייט צו מאַניען זיך איינגעבאַקן ביי אַלעמען. מ׳קען זיין אָרעם, מ׳מעג זיין געקוועלט, נאָר אַראָפּלאָזן זיך? קיינעם איז נישט אָנגעשטאַנען ראָזאַליעס שידוך מיט אייזיקן. איז ביי ראָזאַליען געבוירן געוואָרן אַ מיידעלע, האָט די מאַמע, דער אָפּגעהיטענער טאַטע געדאַנקט דעם השם יתברך, וואָס ס׳איז אַזוי געשען. ס׳איז גאָטס האַנט דערביי וואָס זיי זיינען נישט אויסגעשטעלט געוואָרן אויפן נסיון צו זען ווי דער פּראָסטער יונג אייזיק וועט חלילה נישט

וועלן מל זיין דאָס קינד. אויך ס׳צווייטע קינד מרים־ראָזאַליעס איז געווען אַ מיידעלע און מ׳האָט נישט געדאַרפט אויסגעשטעלט ווערן אויף אַ נסיון צו באַפלעקן דעם יחוס. דער אַלטער ר׳ הערשל האָט פון יוצא וועגן זיך געוויזן צו דער טאָכטער, ער האָט איר געווונטשן מזל־טוב און איז אַוועק מיט אַ צעבראָכן געמיט מחמת די האַנט זיינע איז געבליבן הענגען אין דער לופט, ווען זי האָט נישט באַגעגנט אויפן ביישטידל אַ מזוזה. אוי מיר, ווי ווייט ייִדן ווערן פאַרגולמט אַז זיי האָבן נישט דעם רבונו של עולם אין האַרץ. רק ס׳פּרעסן איז ס׳חיות פון די דאָזיקע, — און סיי דער טאַטע, סיי די מאַמע האָבן געוויכט פון ראָזאַליעס הויז. אויך שיינדל מיט איר מאַן האָבן זיך געהאַלטן פון דער ווייטנס מיט ראָזאַליען, במשך יאָרן געוואָרן אָפּגעפרעמדט אַזוי אַז איינס פון ס׳אַנדערע האָט רעכט נישט גע־ווּוסט. צו מאָל האָט מע פאַרגעסן אָן זיך. ערשט האָט שיינדל דערמאָנט אין זיך מיט אַ פאַרוויסט פּנים:

— וואָס ׳עסטו זאָגן גוטס, שוועסטער, — האָט ראָזאַליע חשוד געקוקט אויף שיינדלען און מיט די אויגן דורכגעטאַפּט ס׳פּעקל וואָס איז געהאָנגען אויף איר אָרעם.

— גאָרנישט, מאַניע, — האָט שיינדל קוים אַרויסגערעדט און באַלד געגאָסן מיט טרערן.

— זעץ זיך, שיינדל. האָסט נישט קאַ׳ כוח, זע איך. וואָס איז געשען?

שיינדל האָט זיך ערשט רעכט צעווייַנט. אין אומבאַהאָלפנקייט מחמת אַזאַ אומגעריכטקייט, אין סאַמע סעזאָן, האַרט פאַר פּסח, האָט ראָזאַליע מיט רויט־צעפּלאַמטע בעקלעך זיך געדרייט אַהין־אַהער און נישט געוווּסט וואָס ס׳געשעט מיט דער שוועסטער. אויף צו וואַרפן אַ שטיין ראָזאַליען, דער־מאָנט זיך אין איר... זי איז גיך אַראָפּ אין גאַס, אַוועקגערופן דעם מאַן אָן אַ זייט און אים דערציילט פונעם אומגעריכטן וויזיט. „ס׳עפּעס נישט קאַ׳ גיטס, אייזיק לעבן״, האָט די ייִדענע זיך געטרייסלט. איר נאָז האָט אָנגעהויבן צו נעצן און זי האָט געבעטן דעם מאַן ער זאָל גיין אַ רעד־טאָן מיט איר. „דיר ׳עט זי גיכער דערציילן. מ׳דאַרף געוואָר ווערן, אייזיק לעבן״, — האָט זי געשטאַמלט. ראָזאַליע איז געבליבן ביים גאַסנטיש היטן די סחורה און אייזיק איז אויף גיך אַוועק אין שטוב אַריין:

— וואָס פאַר אַ נייס, שוועגערן, — האָט ער נישט דרייסט, אין גע־הויבנקייט, וואָס פון ראָזאַליעס משפּחה האָט מע זיך ענדלעך דערמאָנט אין

זיי. עס איז געפעלן אייזיקן דער יחוס, וואָס ס׳ווייב האָט אים אַריינגע־בראַכט אין נדן, ווייל אַ קיילעכדיקער יתום איז געווען אייזיק און ס׳ווייב האָט אים געהאָלפן זיך סטאַטקעווען.

שיינדל איז געוואָרן געריכט פון אייזיקס צוגעלאָזנקייט: „נישט וויינען, מען דאַרף נישט וויינען, שוועגערן שיינדל. אויב עפּעס נייטיק, בין איך גרייט. זאָל די שוועגערן מיר זאָגן. ראָזאַליע באַדאַרף עס אַפילו נישט וויסן — חלילה נישט קיין אויסטערלישס, שיינדל?״ איז ער צוגעשטאַנען צו דער באַיאָפּטער פרוי. דערגאַנגען וואָס עס געשעט ביי די לייט פון לאַגעווניקער גאַס, האָט סיי ראָזאַליע, סיי איר מאַן מסכים געווען אַז שיינדל זאָל בלייבן ביי זיי, אויב זי באַשטייט דווקא אויף דעם. חס ושלום, זיי וועט זי נישט שטערן. נאָר אויב זי באַדאַרף געלט, וועלן זיי איר גערן געבן. שיינדל איז געבליבן ביי דער שוועסטער און שוואָגער אין זאַלצמאַנס געסל, זיך אָפּגע־רוט און איז אָן זייער וויסן אַראָפּ אין שטאָט זוכן זיך אָן אָרט ווו איינצו־שפּאַנען אירע הענט ביי עפּעס. זי וויל פאַרדינען אַ פּאָר זלאָטעס. יאָ, זי וויל קומען צו אַן אייגענע פּאָר זלאָטעס. דערנאָך „וועט זי שוין שפּילן טריומף מיט איטשעלען דעם געשמדטן האַלדז״. אַזוי האָט זי פאַרטראַכט, שיינדל. און ווו איר געביין איז, זאָלן „זיי״ נישט וויסן!

נאָכגעפרעגט זיך אין עטלעכע באַקשטובן, ווו ס׳טוט זיך ביי מצות און שיינדל, אַ פינצטערע, האָט זיך געשטעלט ווי אַ מצה־וועלגערן. געשטאַ־נען צווישן עלטערע ווייבער און יונגוואַרג אין אַ מצה־בעקעריי איז דער קאָפּ איר געגאַנגען ווי אויף מילשטיינער: וואָס טוט ערשט איטשע? אָך, דער יומטוב רוקט אָן אָט, אָט! ווי זעען אויס די ייִנגלעך? אָ, דאָס פּאַסקוד־נע פּאָרפאָלק, איר געמיינער זון — ער וועט זיך רעכט אָפּמאַטערן. זאָל ער וויסן וואָס ס׳הייסט גיין פאַר זיך, דער שטינקוואַס, וואָס פאַרשוואַרצט ס׳לעבן פון דער אייגענער היים — — ״

— ס׳דיר עפּעס נייטיק, שיינדל? אפשר עפּעס דערליידיקן?

די שוועסטער ראָזאַליע, דער שוואָגער אייזיק און די מיידעלעך דער שוועסטערס האָבן זיך געפרייט מיט איר, מיט דער שוועגערן, מיט דער מומע, אָבער שיינדלען איז גאָרנישט איינגעגאַנגען. יאָ, ס׳געלעגער איז וואַרעם, מ׳קוקט אַלץ אַדאָרעך, — האָט זי אַלע מאָל אָפּגעפּטרט די זאָרגן פאַר אירעטוועגן. מיין מאַן־רע האָט אַזוי געוואָלט, קען איך אויך באַשטיין.

— אייזיק, איך מאַך דיר אַ שווער געמיט. האָב נישט קיין פּאַראַיבל. געדענק, איך ווייס עס שוין: ביז מ'ווערט זיבעציק, איז מען פריער ביין און זעכציק, — האָט זי גערעדט מיט רמזים. — ראַזאַליע, זיי נישט ביין אויף דיין שוועסטער, זי האָט עס זיך כשר פאַרדינט ביים רבונו של עולם. זאָלסט נישט געפרווווט ווערן, מיין שוועסטער.

דער דרויסן האָט זיך דערווייל געלייטערט, דער ערב־פּסח האָט גע־שטעלט גרויסע שפּריז. מ'האָט עס געשפּירט פון די רויכן, וואָס האָבן זיך געזריקהט צו דר'ערד, מ'האָט עס געזען אין דער איילעניש פון מאָטלען און פייטלען, וואָס האָבן זיך נישט געקענט אויסבאַהאַלטן מיט זייער שמייעניש.

קאַפּיטל פינף און צוואַנציק

אַלץ האָבן זיך נאָך געשלעפּט די צווישן פונעם סוף־ווינטער, די קעלטן, די רויכן, אָבער דער וואַרעמלעכער אָטעם פון דערוואַכנדיקן הימל האָט צוגעטריבן די צייט וואָס האָט געקראָגן אַ פאַרמעקט פּנים. ס'האָט זיך גע־שלעפּט די צייט, נאָר די ייִדישע טעג האָבן זיך יאַקאָש שוין געאיילט, זיי ציילן להוט די שריט וואָס דערבערענגען דעם ערב יום־טוב צו דער שוועל. מאָדנע: אין ליכט פונעם טאָג, אין דער פאַרמעכיעטקייט פון די מענטשן האָט זיך אַלץ מער אָנגעזען אַז דער יום־טוב רוקט אָן. אַ שטרויכל־געפיל אַזאַ גענעענט פאַר די אָרעמע לייט און עס פלאָנטערט זיך אין זיי אַ דער־מאָנונג פונעם פאַר־אַ־יאָריקן ערב־פּסח. ווי דעמאָלט קומט אויס, איז עס אַצינד אַקוראַט אַזוי האַרבליך, פייכט. ס'שמעקט מיט פוילקייט פון אָקערשט צעעפנטן קאַרטאָפל־ קאַפּעץ און ס'שפּירט זיך כריין־אויסוואָקס פון פוילערישן גאָרטן. דער סדר־טיש בלייכט קאַלעמוטנע אַנטקעגן דער מידיקייט וואָס פירט אַרויס פון דער הגדה ס'דערשראָקענע ציגעלע, אַ געבראַכטס פונעם איינגעגליווערטן יאַריד. אומעטיק איז דער מעע און עס חוזקט ס'קול פון די איילעוודיקע כשרערס: ס'דאָ דער הייליקער יום־טוב. פון הינטער אַ כמאַרע קוקט אַפּער דאָס פאַרחידושטע פּרצוף פון ציגעלע, אָבער עס שפּירט זיך נאָך פייערלעכע וואָכעדיקייט פון ציבורדיקן פאַרברענען דאָס חמץ. די גאָס, ס'איבערבלייבעניש פון אָוועקגעוואָרפענעם פוילערישן פורל און די שטרוי

אין רינשטאָק גייען אַרום אין פּלאַקער. רויך־קאָפּעטש און פייערצונגען זאַמ־לען צונויף האָפערדיק יונגוואַרג, וואָס איז אַרויס פון פּאַרוואָרפענע נעסטן צו זוכן אַ זלאָטע פּרנסה.

— חמץ צו פאַרברענ̣ען! — זינגען אויס דערוועקטע יינגלעך אין שיין פון דערשטויגטן לינדן דרויסן. אין צעקרימטע שיך גייען אַרום די בחורימ־לעך, אָן אויסגעוואַקסענער שפּענצער מיט אויסגעפליקטע עלנבויגנס קאַ־לירט זיך אַראָפּ פון איינעם און אַ געלאַטעטע פּלייצע באַוועגט זיך אונטערן געטומל פון אַ הייזעריקן גאָרגל.

אַנדערע, צו מאָל בערדיקע און אויך קליידלדיקע וואָס בלעזלען זיך איבער פאַרסאַרגעטע בוזעמס און מאַנצבילשע קאַפּטשעס — פּאַלן אַריין אין דעם זינגעוודיק־שרייעדיקן געליאַרעם:

— געפּעס צו כשרן!

— לאָמיך אייך פּסח־מאַכן, באַלעבאָסטעס! — קריכט אַרויס אויך אַ קאַטאָוועסניק.

— וואַאַאַ־אַאַאַ־בע־לעעעך כשרט מען!

— דעם דלות ווייסט מען אויס, דעם שמאָדער וואָרפט מען אַרויס, כ־שששש־ש־רן!

— וואַאַאַ־בעעער, צו כשרן!

אין מיטן דערינען רייסט זיך דורך אַ שאַרפער קוויטש און נעזער דער־שמעקן אַז דער ערב־פּסח איז אויף דער נעוואָרעט געקומען אין די שמאָלע געסלעך אַריין.

אַ שווער־פליעסקנדיקער גייענדיקער קעסל אויף שטאַנגען פון פאָרנט און פון הינטן הוידעט זיך אויף די אַקסלען פון דערשוויצטע כשרערס, איילעוודיקע צעיאַכמערטע סעזאָן־פאַרדינערס. גרויסע קלעמבעס פאַרע וויקלען זיך איבער זיי, פּריילעכע פונקען און סאַזשע־פליטערלעך הייבן זיך, באַלייכטן דערהיצטע פּנימער. לייט ברענגען אַרויס דעם רעשיקן אומרו פון אביונישע שטובן וואָס פריילען זיך נעבעכדיק אַז מ׳וועט אין גיכן, טאַקע פאַרשפּעטיקט, ברענגען צו זיי בייכיקע ווייסע ציכן מיט מצות, מ׳וועט דער־פרייען זייערע הויזגעזינדן. דערנאָך וועט מע מקבל־באהבהדיק שטיין איבערן ערב־פּסחדיקן שוימיקן טאָפּ בורעקע־באָרשט. אָ, ענדלעך דערלעבט דעם יום־טוב וואָס שיינט מיט טרייסט פון דער זון, וועלכע פירט אויף אַן אמת די טעג פון באַנייונג, פון פּרנסה.

קעציש־פויל האָט דער דרויסן זיך געוואַשן איןברייטן ליכט, לופטיק געהויבן לאַפקעס פון די אָנגעבענקטע האָריזאָנטן וואָס דערלויפן אַהער; די מרחקים האָבן גרינגבלעך אויפגעריסן זייערע שלעפעריקע אויגן און אין די טיפע נעכט זיך אַריינגעצויגן מיט אַ חולהוואַט מיאַונטשען. אוודאי, דער פרילינג וועקט נישט בלויז די ערד, נייערט ער רופט אויך דאָס בלוט פון בעלי־חיים. עס פראַלט אַ שטום בענקעניש צום אומבאַוווסטן מאָרגן פונעם באַשאַף. פעכשוואַרץ זענען געשטאַנען די פרישע נעכט, געדיכטע, מיט אַ בולטן געשטערן וואָס האָט אָנגעגאָסן די פינצטערניש מיט אַ שניידיקער קעלט. דערפאַר האָבן די בייטאָגן שוין וואַרעמער זיך אויסגעלענגערט. אַלע סימנים האָבן אָנגעזאָגט אויפן פסח, וואָס איז אַלע מאָל אַ האַרבעריק פאַרן מענטש, אַ געפּענטעטער פון די ווינטערדיקע אומוועטערס. נישט־ווו, נישט־ווען האָט די זון זיך נאָך געראַנגלט מיט די שיריים פון צוגעשווומענע וואָלקנס, זי האָט געמוזט זיי דורכשפּאַלטן, די זון, צעדריוולען אויף פאַסמעס וואָלענע ליכט און אַ פייכטן אָפּשיין אַזאַ, וואָס מידיקט איין די אויגן אין קאָפּ.

אויף לאַגעווניקער גאַס האָבן די ענג־צונויפגעטוליעטע הילצערנע הייזער מיט די קויטיקע הינטערהויפן, מיט די גרויסע מיסטקאַסטנס זיך געטשוכעט אַנטקעגן דער נייער ליכטיקייט און אַראָפּצו, אין ראַדאָגאָשטש, דער דאָרפּישער געגנט פאַזע דער גרויסשטאָט, האָבן זיך היפנדיק אַרומגעטראָגן שאַרפע ווינטלעך, צוגעהונקען צום בלעכענעם קוימען־שטריימל וואָס אויפן דאַך פון מעכל בעקערס הויכלעכער שטוב. און עלנט האָט דער ווינט זיך צעוואָיעט אַנטקעגן דעם לעפּישן ליכט. אויף צו להכעיס דער זון האָט דער ווינט ליידיקגייעריש געפּליוכעט רויע זשמעניעס רויך. דאָס האָט שטאַרק זיך געהייצט דער באַקאויוון ביי מעכל שוויף. אַ קנופּ האַוועדיקע שעהען האָבן נאָך געפעלט צום יום־טוב און דאָ האָט די אָפּגעוואָרפענע שטאָט אַ מיד־מאַטע אַרויסגעקוקט דאָס ביסל פאַרהאָרעוועטע רו. דער שטוינענדיקער האַרמידער האָט דערפון דערציילט, אויך דאָס פאַרטאָגיקע אונטערקומען פון גוייִשע פורלעך מיט כריין־בינטלעך, מיט אַ שטייג עופות, מיט זעק מייערן. ס׳גייעס ווייסן שוין ווען צו ייִדן קומען יום־טובים, ווען מ׳באַדאַרף פאַרפאַסטן מיט אַ כפרה און ווען מ׳פאַרגרייט זיך מיט מייערן־צימעס, ווען ברויט איז אסור און געגנבעטע יאָדלע־ביימלעך איז אַ מקור־פרנסה. ווי קיין מאָל פריִער האָט אַ פויעריש פורל מבולבל געבלאָנקעט איבער דער אָפּגעלעגענער גאַס, זשעדנע זיך אָפּגעשטעלט פאַר

איטלעכער טיר. „גוטמאָרגן, פּאַני. עפּעס גוטס געבראַכט פאַרן „שוויענטאָ", האָט אַזעלכער געוואָרפן מיט די בלאָע ליפּן, זיך געריבן אַ האַנט אָן אַ האַנט. יידן האָבן באַשיימפּערלעך זיך געיאָגט מיט דער מלאכה, אויסצו־ענדיקן אַ פּאָרל באַשטעלטע שיך, צו פאַרפּרעסן אַ מלבוש פאַר אַ קונד. ווו־נישט־ווו האָט זיך פאַרשפּעטיקט געשפּרייט אַ היימלעכער דאַמף פון די אויף גיך אויסגעוואַקסענע באַקשטובן ווו מ'האָט איילִיק, מיט גרויס אָפּגע־היטקייט ביי פלאַקערנדיקע פייערן געברוינט מצות, עגות מצות פאַר ציטעריקע יידן. אונטער די פענצטער לעשט זיך דער לעצטער שניי, פּייכ־טער פראָסט טשלאַפּעט זיך דורך די נידעריק־הענגענדיקע טומאַנען און אין די געהירן פון די טרודע אין די אָנגעוואַרמטע חללס טוקט אויף צו מאָל דער פּחדימדיקער יציאת־מצרים פון אונדזערע עלטער־עלטער־זיידעס. „ר'האָט דערהערט ס'קרעכצן פון זיינע געפּייניקטע ברידער, האָט משה דער געטלעכער מאַן געמאָנט ביים מלך מצרים: לאָז אַרויס מיינע ברידער. ס'האָט אַ ציטער געטאָן די הויט ביי פּרעהן — — " יונגע מייד־לעך מיט קאָלירטע בענדלעך אין די צעפּ, באַיאָרטע וויבער און חדר־יינגלעך האָבן איינגעמעליקטע, דערשוויצטע עוסק־געווען אין געבעק פון מצות, זיך געבויגן איבער האַרט־פאַרמישטע מיירעס, געשניטן ס'קנעטעכץ און צעוויגטע ווי אין אַ לאַנגער שמונה־עשרה געוואַלגערט בלעטלעך אויף בלעך־געדעקטע טישן; אַנדערע האָבן זיי גערעדלט און געשווינד אויף צעשטרעקטע אָרעמס האָבן ברייהשע דערלאַנגערס אויף יונגע פּיס געיאַכ־מעט, געצונדן ס'פּנים אַקעגן פּיסגרוב וואָס האָט מיט טונקלרויטן אָפּשיין געלויכטן אין זייערע אויגן אַריין, להוט געאָטעמט מיטן הייסן ריח פון דער געברוינטער, געשמאַק פאַרבאַקענער לחמאָ עניאָ. פליסיק, מיט חפזונדי־קייט האָט מע קיילעכיק צעצויגענע טייג־בלעטלעך אַלע מאָל אַריינדער־לאַנגט אין גליאיקן וישט פון דושנעם אויוון. אין פּיסגרוב האָט דער „שי־בער" געשאַרט די מצות אַקעגן דעם שרומפּנדיקן, זילבערדיק־פאַרצערטן האָלץ, איבערגערוקט זיי, געשווינד אַרויסגעהויבן פאַרטיקע מצות, הייסע, שמעקעדיקע און תיכף האָט ער פאַרשלינגען אַנדערע. איבערן טונקל־באַ־לויכטענעם נידעריקן פעלד פון דער אַרומגעמויערטער היץ ווערן צעשיבט די אויפגעבלעזלטע מצות און דער אין פּיסגרוב שטויסט זיי מיטן שויפל, פרייכט, שוויצט, כדי זיי באַלד אַרויסצושטויסן מיט דער הילצערנער דלאָ־ניע פון לאַנגן שויפל. גיכער, גיכער, — האָבן געפּיבערט דעם מצה־שי־

בערס אויגנגלאַנצלעך. בערדיקע נאמנים, משגיחים אין יאַרמלקעס, מיט ברייטע ארבע־כנפותן איבער די דיכן האָבן זיך באַוועגט אין די רעשי־קע חללס, גלייך זיי וואָלטן גיריק געלויערט און אַלע מאָל געוואָרנט: — נישט שטיין מיט די בלעטלעך ביים אויוון! אָהער גיב ס'וואָלגערהאָלץ! מיט אַוועקגעבויגענעם קאָפּ געגומען עס פון אַן אשה, אָפּגעקראַצט מיט אַ שטיקל גלאָז און באַנייס שאָטנדיק געשפּאַנט איבער דער אָנגעהייצטער באָקשטוב, מיט די אויגן דורכגעזיפּט די ביי די מיירע־שיסלען, די וואַסער־גיסערס, די רעדלערס. אויסגעמישט מיט עלטערע שוועסטער, מאַמעס איז יונגוואַרג וואָס אין באַנאַנדיקער זאָרג פון וועגן די אָרעמע היימען פלוצלינג אַרויס פון דער געדיכטער היץ מיט אַ ליד ווי פון אַ נעפּל. ס'האָט זיך אַ צעוויג געטאָן די באָקשטוב. אַזוי־אָ פלעגט זיך אָנטראָגן אַ געשאַל פון נאָגנדיקע מעלאָדיעס, צו ערשט נידעריק, דערנאָך העכער און פאַרבענק־טער. טייל האָבן אין מיטן דערינען אָנגעשטעלט ס'געהער אויף מער היימ־לעכע ניגונים וואָס פלעגן ערגעץ־ווו אויפטויכן פון בעל־מלאכהשע מיילער, גרייסן זיך העזהדיק פון צעעפנטע שניידערישע און סטאָליערישע פענצ־טער אַרויס אין אָפּגעלעגענע גאַסן:

די יומטובדיקע טעג הייבן זיך אָן צו באַווייזן,
ווער איך ביי מיר אַ ג־דול.
לייג איך מיר אַוועק די שער מיטן אייזן
און אויך ערגעץ די נאָ־אָדל.

געזאַנג אין געזאַנג האָט זיך אָנגעשלאָגן, מוטנע זיך אָנגעטומלט אין באָקשטוב. די אויפזעערס זענען נישתוממע געשטאַנען מיט פאַרחידושטע מינעס און נישט געוווּסט וואָס טענהן — שמייכלען, צי אויסשייגעצן פאַר צעלאָזנקייט. אָבער ס'האָט מכריע געווען זייער מידקייט: ווייסעך וואָס!

ס'האָט זיך צעפלאָשעט דאָס התלהבות, זיך געהויבן צו ערגעצדיקע בלאָ־קייטן, בעת פון אַן אַ זייט רייסט זיך אַריין אַ שקאָצישער שפּרונג פון אַ פריש קול ווי אויף דינע שטאָלצן:

און אַז איך האָב אַ נאָדל־פּאָדים
ניי איך מיר די שענסטע בג־דים!

שײנדל די װעלגערן האָט עפּטערס זיך אַ װעק געטאָן אונטער דעם־אָ געליאַרעם און װידער געלאָזט זיך אײַנװיגן אין פאַרצערנדיקן דמיון, װאָס האָט זי פאַרשלעפּט: באַלעבאָסטעס האָבן אַרױסגעטראָגן אין דרױסן די גאָרע אינעװײניקײטן פון הױז, זײ רײניקן, לופטערן און כשרן לכבוד יום־טוב. אַנדערע האָבן שױן גענומען אײַנהײמישן אין שטוב דעם הײליקן פּסח: אין קאַמער אַרײַנגענומען אַ צעגענגעטע באַלײבטע גאַנדז, אַנגעגרײט אַ שאָק אײער, אַ טאָרבע „זיסע" ראַװער ציבעלעס. צו איר איז אַ װײ!

...מיט גרױס כּוונה האָט מע זיך אומעטום שױן געװאָרפן אַרײַנצוברענגען אין הױז דעם פּסח און ביסלעכװײַז אַרױסצושטופּן דעם חמץ. מיט גע־היטקײט האָבן באַלעבאָטים טעג צופריער זיך דערװײַטערט פונעם אײַנ־דערװאָכן, אָבער בײַ מעכל בעקער האָט מען נאָך ביז אַ טאָג פאַר פּסח גע־באַקן חמץ. ייִדן באַדאַרפן האָבן כּוח צו האַלטן פּסח. האָט געטענהט דער אַלטער מעכל מיט דער פלאַטשיקער נאָז און די תּאװהדיק־גרױסע ליפּן — טאָר מע בכן זײ נישט אױסהונגערן אױפן חמץ, װי לאַנג מע מעג עסן. מענטשן דאַרפן זיך קענען האַלטן בײַ דער ראַגאַטקע, דעמאָלט װערט דער יום־טוב רעכט כשר. ביזן שפּעטן אױפדערנאַכט װאָס פאַר ערב־פּסח האָט מע פון זײַן בעקערײַ אַרױסגעטראָגן קאָכעדיקע ברױטן און זעמל. אױף לעצט האָט מע נאָך פון מעכלס אױװן אַרױסגערוקט גױיִשע פליאַצקעס װאָס װאָנציקע שכנים מיט צלמים אױף די העלדזער האָבן נאָכגעטראָגן זײערע מאַרישעס, צעהיצטע פון אײלעװודיקער אַרבעט. דאָס האָבן אױך זײ גע־גרײט קוכענעס אױף פּאַסכאַ, װעלכע געפאַלט װי אױף צו להכעיס צוזאַם מיטן יום־טוב פון דער הײליקער מצה. זאָלן זײ זיך אָנפרעסן — האָט מעכל שױף געגעבן צו פאַרשטײן זײַנע בני־בית דעם שכל פון אַרײַנלאָזן אין באַקשטוב ערלים הארט ביזן בודק־חמץ זײַן: — 'עלן זײ זײַן זאַט, 'עלן זײ נישט האָבן קאַ' גרױסע אױגן אױף ייִדן. אַל דאָס שלעכטס קומט פון די „גרױסע אױגן", די קנאה צו אונדז פאַרסמט אַ פאַליאַק און אַ פאָניע. אַזױ האָט מעכל בעקער געלערנט פּשט און מיט װײַב און קינדער שפּעטלעך אין אָװנט גענומען אַרױסרױמען װאָס נײטיק און, פאַרשליסן דעם רשות הרבים. פאַרמאַכט די באַקשטוב, אַנגעלײגט אַ שלאָס אױף דער תּמיד צעפראַלטער מעלקאַמער, פון זיך אַראָפּגעװאָרפן די חמצדיקע בגדים האָט דער אַלטער מיט די זין זיך אַװעקגעשטעלט אין דרױסן, אָנגעצונדן אין גאַס אַרײַן אַ לאָמפּ און געשיקט נאָכן רב.

דער רב וועט קומען, האָט עס געהייסן אין די התנהגות פון אַט־דער פּראָסטער שטוב, וועט זיך אָנהייבן יום־טוב, מ׳עט צושטעלן די ריכטיקע טעפּ.

— זאַכטע, זאַכטע, חברה, — האָט דער אַלטער איינגערויקט די יונגען זיינע, און זיי צוגעזאָגט די אמתע כוסה מיט מאַקאַראָנדלעך. זאָל נאָר דער רב קומען!

*

ראַדאָגאָשטש איז דער נייער ישוב פון אָרעמע לייט, אַן אַרויסשטאָטישער העק; ער האָט פון דעסטוועגן זיין אייגנס אַ געמויערטע שיל מיט רויטע, אומגעטינקעוועטע ווענט וואָס געשטעלט אויף ליימיקער ערד, און ס׳פאַראַן אַן אייגענער רב, וואָס קהל זאָרגט זיך פאַר זיין חיונה. אַ קצב באַזאָרגט דעם רבס הויזגעזינד מיט אַ שטיקל פלייש — יעדן טאָג אַן אַנדערער קצב, דער בעקער מיט ברויט און חלות, דער גענדזלער מיט אַן עוף אויף שבת און יום־טוב און דער געוועלבניק מיט ליכט אויף שבת, מיט צוקער צו טיי. אויף דאָס איבעריקע וואָס נייטיק, טראָגן אים אַריין וואַכנגעלט די גבאים פון דער שיל. ער איז צוגלייך מיט אַלע אַן אָרעמאַן, דער רב פון ראַדאָגאָשטש, דערפאַר באַגייט מע זיך מיט אים מיט גרויס דרך־ארץ. ווי אַ שמחה, ווי נאָר אַ געלעגנהייט פאַר אַ ביסל רחש, טראָגט מען עס צו דעם ר׳ ישראל פרידל מיט גינציקייט. אין געזעמל פלעגט מע רעדן פונעם רב:

— ייִדן, לאָמיר זיך נישט אַליין אָנפרעסן מיט די בולקעס און מיט די פיש!

— מענטשן, זייטס נישט קאַ׳ חזירים. אַ ייִד אַ למדן טאָר מען נישט מבייש זיין. ווייל אויב ר׳זאָל זיצן אָן פרנסה, וועט ער אונדז נישט קענען האָבן אין זינען. אַ רב איז אַ בעטער פאַר קהל.

איינער פון די שרייערס אין שיל, צווישן די דערמאָנערס אָנעם רב איז אויך מעכל בעקער, אַ ייִד וואָס קרעקט זיך מיט אַ שייטל עברי. געשטעלט זיך דער אָוונט פון ציטערדיקן בודק־חומץ זיין, האָט דער אַלטער מעכל מיט אומגעדולד אויסגעקוקט ר׳ ישראלן, דעם ראַדאָגאָשטשער מורה הוראה. געוויזן זיך דער רב האָט מעכל אים באַגעגנט מיט אַזאַ זאָג:

— שוין, רבי, אָפּגעזינדיקט מעכל בן חווה. אַצינד וויל ער האָבן דעם

זכות אַריינצוטרעטן אין תחום פון הייליקן פּסח. איך באַגער אייער ברכה, רבי, אויב אייער קנעכט איז עס ווערט. אַ מענטש זינקט איבערן קאָפּ אַרײַבער אין עברות. מ׳איז פאַרקויפט צו דער פּרנסה. אַנעהאָרע אַ משפּחה פון, פון — זיי זאָלן מיר געשטאַרקט זיין און געמערט ווי דער אייבערשטער האָט געבענטשט די אבות איידער זיי זיינען אַריין קיין ארץ־ישראל. זיך צערעדט דער ייִד, זיינע ליפּן האָבן געסליניעט, ער האָט געגלעט דאָס קור־צע קוטשעראַווע גראָע בערדל און אַ בעט געטאָן: — רבי, קודם אַ שטר מכירה. כ׳וויל אַרויס פון דער בלאָטע, כ׳וויל באַווייזן זיך אָפּצוּוואַשן און זאָל קומען אַ ישועה אויף כל ישראל.

— גערעכט, גערעכט, רב מיכאל. ס׳איז ערב פּסח הבא עלינו לטובה. מ׳קען נישט באַלאַמוטשען.

דער איידעלער ייִד האָט נישט געפינען ס׳ריכטיקע וואָרט פאַר דעם עם הארץ און נישט גענומען זיך קיין צייט צוצושפּאַרן אויפן בענקל וואָס הענדל די בעקערן האָט אים צוגערוקט. מעכל איז געשטאַנען, דער רב איז געשטאַנען אַקעגן אים און ביידע האָבן זיי געוואַרט אויפן „קונה“. מעכלס אַן אייניקל איז אַוועק רופן דעם שכן וואַיטעק, דער תמידער פאַרשוין מעכלס וואָס איז גרייט פאַר אַ פּרעס, אַ זויף, אויף איעדן האַנטלאַנג. דער מורה־הוראה האָט עפּעס גערעדט צום ערל, ער האָט נישט פאַרשטאַנען ווי צו ענטפערן, נאָר באַלעבעטשעט מיט פעטן מויל. די ייִדענע האָט זיך גע־שטעלט פונקט אַנטקעגן, געשאָקלט מיטן קאָפּ, געוואָרפן מיטן געמבעלע און וואַיטעק האָט דאָס נעמלעכע נאָכגעטאָן: געשאָקלט דעם שטערן, געמאַכט מיט די ליפּן — אַלץ אויף יאָ. געגעבן אים אַ פליאַכע בראָנפן מיט עטלעכע זילבערשטיקלעך און ר׳איז אַוועק אַ צופרידענער מיט אַ „בוג זאַפּלאַטש“, גאָט העלף. דער מורה הוראה איז דערנאָך געזעסן אַ ביסל ביי מעכל בעקער אין שטוב, האָט אָנגעווונטשן אַ כשרן יום־טוב און ר׳ מעכלס אַ זון האָט אים אַהיים באַגלייט איבער די פינצטערע גאַסן פון דעם אָפּגעלעגענעם קאַנט.

— רבי, געזונט זאָלט איר זיין און שטאַרק פאַר דעם וואָס איר האָט געטאָן, — האָט שבתאי, מעכלס זון געזאָגט אויפן וועג צום הייליקן ייִד. מחמת דער פינצטערניש האָט ער הפּנים זיך ווינציקער געשעמט אַרויס־צוברענגען זיין טראַכטן. — ווען איר קענט אַזוי־אַ פּסח־מאַכן עטלעכע מאָל אין יאָר, וואָלט איר ווערט געווען אַ קוש אין קאָפּ אַריין, האָט דער יונג זיך

צעדברט. יאָ, רבי, כ׳זאָל אַזוי לעבן, ווי כ׳מיין עס אויף דער נעוואָרעט. איר ווייסט דען ווי דער אַלטער יאָגט אונדז און טרייבט. נאָר אַרבעטן, נאָר שלעפּן אויף זיך די זעק מעל. מ׳רייסט זיך אָפּ די קישקעס ביים פּאַרמישן אַ זויערטייג, אַ ראָשטשיק, ערשט צו זיצן ביים געהייצטן אויוון? ר׳קען ביי נאַכט נישט שלאָפן און ר׳לאָזט אונדז אויכעט נישט שלאָפן. ס׳אַ גאָלדענער יום־טוב דער פּסח. אוי זענט איר ווערט אַ טשאַרעק אָקעוויט, רבי!

...אויך שלמה האָפּמאַן, דער יונגער באַלעבאָס פון ראַדאָגאָשטש, האָט זיך געהויבן אויף דער הייוון פונעם ערב־פּסח. מענטשן האָבן אָפּט גע־רעדט דערפון, געטראַכט, זיך געגרייט צו אים. עס האָט געיוירן און געשטראַלט מיט דעם פון אַלע זייטן. ווער האָט זיך נישט געגרייט צום יום־טוב! ווי אַ שיכורות האָט זיך איבער אַלעמען דורכגעטראָגן די בשורה פון אַן אויפגעריכטקייט וואָס קומט מיטן פּסח. אין געגעבענעם טאָג האָט די־אָ גרויסע דערוואַרטונג זיך פאַרנומען פון באַלד אין דער פרי אָן. אויך ביי שלמהלען האָט עס אָנגעקלאַפּט מיט אַ בריִעדיקער דערוועקטקייט. ער האָט זיך געפּעדערט גאָר באַגינען.

אַרויס פון שטוב, האָט ער זיך נאָר געבעטן ביי שרהלען:

— האָרכסט, וואָס כ׳זאָג דיר, קליינטשיקס? איך האָב היינט אַ וועלט מיט אַרבעט. דו זיי רויִק. איך וועל קומען באַצייטנס און כ׳וועל אַלץ באַזאָרגן. וואָס אָפּגעשמועסט וועט זיין געטאָן. ביסט גערעכט, שרהשי, מיט דיין געדאַנק. קודם — דאָרט, צוטראָגן וואָס מעגלעך — אַהיים! ווי זאָגסטו, מיידעלע? כע־כעכעעע, — דער בויך איז נישט פון גלאָז! ווי די נאַכט קען זיין קלוג! כ׳האָב עס אויך געהערט אַמאָל, אָבער שוין פאַרגעסן, נו, גוט, גיי איך, אָבער זאָלסט נישט איבערקלערן, שרהניו.

אַראָפּגעלאָזן זיך פון די הילצערנע שטיגן האָט אים באַגעגנט דער יום־טוב־רעש וואָס איז אויפגעגאַנגען פון מעכל בעקערס גרויסן געזינד. כאָטש ס׳האָט ערשט זיך געגראָעט די שוועל פונעם פרימאָרגן, איז קליין און גרויס שוין געווען אויף די פיס אין דעם קליינעם הילצערנעם הויף. אַ סך טירן שוין ברייט צעעפנט. די אַלטע הענדל איז אים אַנטקעגן גע־גאַנגען אַ פאַרשוויצטע מיט קוישן פיש, פלייש, גרינוואַרג, וואָס האָבן זיך געוויגט אויף אירע ביידע אָרעמס; די אייניקלעך האָבן אין כאַפּטע, גלייך ווי זיי וואָלטן גאָרנישט געשלאָפן די נאַכט, זיך געטומלט ביים זיידנס אונטערשטער צעפּראַלטער שטוב. דער אַלטער איז ווי אַ וואָרצלדיקער

שטאָם אַן אַנידערגעקניטער געזעסן פאַר דער שוועל און מיט אַ העקל געשפּאָלטן סענקעס אויף שפּענדלעך קין, געשפּאָלטן זיי און מיט טעמפּן גע־קלונג זיך אַריינגעשניטן אין דעם פאַרשלעפּערטן אין דער פרי און אין איינוועגס באַדאַכט געלאָזט הערן זיינע באַפעלן:

— יאַנטעלע, וועסט האָרכן דעם זשיידן?

— אַ דיטער זשיידע, — האָט ס'ייִנגעלע ראַפּטעם זיך צוגעשאַרט מיטן געמבעלע צום אַלטנס קורצער האַרטער באָרד.

— וועסט אַ לויף טאָן רופן לעמל דעם שוחט, ייִנגעלע. דער זשיידע רופט, וועסטו זאָגן, — און ס'קליינעקע האָט זיך אַ ריס געטאָן פון דעם הילצערנעם הייפל אין פרימאָרגן אַריין.

— זעליקל, — האָט מעכל אַ ווונק געגעבן צו אַ צווייטס וואָס האָט זיך געריבן נאָענט פונעם זיידן, — דו גיי נאָך די מאַמע זי זאָל אַראָפּקו־מען כשרן די טעפּ. די שטיינער — זאָלסטו זאָגן — זענען שוין אָנגעגליט. וואָס 'עסטו זאָגן, זעליקל בונדזוואָל, — און ער האָט אַ גראַבל געגעבן מיט אַ צעפּלאַצטן פינגער ביים ייִנגעלעס פאַרריסענעם בייכל.

— אָנדעדליד די שטיינער, מאַמע.

— גוט, גראָבער בונזוואָל, — און דו, שיעלע, אייל צו דיין טאַטן, קיווען דעם פעפער, ער זאָל נעמען אָנפּוצן ס'שיכוואַרג אויף יומטוב. גע־נוג געפּאָפּן היינט, — זאָלסטו זאָגן דעם טאַטן, ברענג אים ביי די אויערן, קיווען. נו, נו, בונדזוואָל, שטייסט? רוף די מאַמע, די שטיינער ווערן שוין צעזעצט פון היץ!

ווי אַן איינגעריסענער פויק האָט געכריפּעט דאָס קול פון אַלטן האָרע־פּאַשניק און דער הימל איבערן קאָפּ האָט זיך געקלאָרט, די בלאָטיקע ערד האָט געגומען טריקענען, זיך קרישלען.

שלמהלען דעם נייעם באַלעבאָס איז נאָכגעגאַנגען דער נייגיריקער האָרמידער.

און איז שלמה האָפמאַן געקומען אין זיין אַרבעטס־ביוראָ אַריין, האָט אויך דאָרטן זיך אויפגעהויבן אַ נישט געוויינטלעך געטועכץ, וואָס איז גע־ווען ווייט נישט קיין היגס און ס'האָט געקלונגען אַ דערשטוינלעך גערייד. די גאַנצע וועלט, האָט זיך אים אויסגעוויזן, גייט צו אַ יום־טוב, אַזוינס וואָס ער האָט עד־היום נישט בייגעוווינט. וואָס געשעט ערשט? שלמה האָט פאַרחידושט געקוקט, אויסגעקיילעכיקט די אויגן, אָבער דער פלייץ פון

רעדן האָט אים צעחושט. אַלץ אַרום איז איצט מאָדנע ניי. אַ רגע האָט זיך אים געדאַכט, אַז אויך שרהלעס שטים וויברירט אויס אין דעם גע־טומל. ווער עס האָט דעם פרישן האַרמידער אַריינגעבראַכט מיטן גרוס פון וואָכעדיקן געכשרעכץ אין די שטאָטישע גאַסן און ווער עס האָט גע־שטראַלט פונעם רייץ וואָס עס גיט אָפּ די ווייכקייט פונעם אָקערשט־אָנט־פלעקטן בלי׳עכץ. אָ, עס דאַרף נאָר קומען אַ דויערעוודיק לינד ווינטל און די פאַרליאַפּעטע, די פאַרבאַבלטע שטאָט וועט זיך אָנקליידן אין ראָז און ווייס ווי אַ כלה צום „שלוב״, — האָט אַ פאַרטראָגענע אין אַן אייגע־נעם חלום זיך אַרויסגעכאַפּט די בוכהאַלטערשע פאַננע יוסטינאַ פון דער פירמע „טיבער און קינדער״. — ס׳איז גרויסאַרטיק דער אָנקום פון פריי־לינג, — האָט זי נישט אַראָפּגעלאָזן פון דער דעקלאַמאַטאָרישער הייך. — ס׳כשרעכץ איז באַשיימפּערלעך אַ זאַך פאַר די וואָס זענען נישט געוווינט זיך צו וואַשן אַ גאַנצן ווינטער.

— הו, הו־ו, וואָס פאַר אַ הויכער אורטייל מכוח פסח! ס׳טאָקע פון בלי׳עכץ דער אָנהייב, אָבער ביי אונדז האָט עס נישט קיין שייכות מיט שלוב, פאַננע יוסטינאַ. — ביי אונדז בליט עס לכבוד פסח, פעעטי־סאַך, דעם גרויסן יום־טוב פון ייִדן, — האָט דער עלטערער ביוראַליסט סאַמ־סאָן לאַנגלעבן איר שנײדיק אַריינגעזאָגט. — ייִדן כשרן זיך באמת אויך פאַרן שיינעם יום־טוב פון בלי׳ען, נאָר די נאַטור איז דאָ אַ ליבער גאַסט. נישט מער, ווי אַ גאַסט. צו שמאָדערס האָט עס גאָר, גאָאָר נישט, פאַננע יוסטינאַ! דעם קויטיקן העלפט סיי ווי נישט קיין געוואַשעכץ, אַפילו נישט קיין פאַרפום. אָבער פסח איז אַ כשרע פאַר מיט פרילינג, נשמהדיקע און גופישע ריינקייט איז שטענדיק אַ וויכטיקס, פאַננע יוסטינאַ, — איז פאַן לאַנגלעבן נישט אָפּגעטראָטן. — די וואָס גייען צו „שלוב״ ווייסן כלל נישט פון אַזאַ טעם, — מיין חשובע פאַננע יוסטינאַ — —

— פרילינג, פרילינג! — האָט עס שוין אַ היימלעכן זאָט געטאָן אין שלמה האָפּמאַנען. אים האָט געאַרט אַ יעדער ווידער אַנאַנד וואָס האָט זיך גע־שטעלט קעגן דעם יום־טוב פון באַנייענדיקן דרויסן. ר׳האָטס געפילט אויך ווי זיין באַנייאונג. — ס׳אַלץ איינס יום־טוב פאַר פאַננע יוסטינאַ וואָס איז אויך אַ ייִדישקע און ס׳איז אַ הייליקייט פאַר פאַן לאַנגלעבן. אַלע האָבן מיר אַ סיבה זיך צו פרייען מיטן פסח.

— אָ, אָ, ריכטיק, קאָלעגע האָפּמאַן. פאַר וועמען עס איז פייערלעכקייט

פון פרילינג־שפּראָץ און פּאָר וועמען אַ הייליקער יום־טוב. ייִדן זענען נישט קיין געצנדינערס, אָבער ייִדן קענען אויך נישט טראַכטן אָן היסטאָרישע קאַטעגאָריעס. פאַרגלייבטע נאָר אין שיינקייט, אין אויסערלעכקייטן, זענען נעבעך בלינד, אָדער זיי זענען קנאַפּע ייִדן. פּסח איז אַ ייִדישער יום־טוב. אָבער לאָמיר עס לאָזן אויף אַן אַנדערש מאָל. אומזיסט זיך פאַרקראַכן אויף אַ זייטיקן שטעג, — האָט שמשון לאַנגלעבן אָפּגעהאַקט, אימפּעטיק אַרויפגעזעצט אויף דער נאָז זיינע צוויקערס און גענומען דערענדיקן ס׳געטועכץ ביי די שיפלאָדן פון זיין שרייבטיש. — מ׳מוז פּטרן ס׳אַלטע חמץ, האָט ער אונטערגעברומט און מיט אַ פאַראיבל נאָך געטראַכט פון דער זויערער מויד יוסטינאַ. — אַ חתן איז? דאָס ווערט? אַ שגץ וועט אַזוינס קריגן. פון פּסח ווייסט דאָס מין? אָפּגעהיטקייט איז נישט די דיסציפּלין פאַר אַזעלכע. פיו פיו, איז זייער שניט. נאָר דעם פרילינג געדענקט זי, ווייזן זיך אין אַ טיפן דעקאָלט איז דער אידעאַל. אַ בלימל וואָס פאַר־וועלקט באַלד קען זיין איר וועלט — — ווילדע מוידן וואַקסן אין די הייזער פון קלאָמפּערשט אויפגעקלערטע... ייִדן! ייִדן זענען דאָס?!

שלמה האָפמאַן האָט אומגערן אַ קלער געטאָן וועגן דעם קידער־ווידער פון די פאַרעלטערטע ביורא־לייט. אי לאַנגלעבן איז אַן אַלטער קאַוואַליר, אי יוסטינע איז אַ פאַרזעסענע מויד,ביידע ביטערן אויף זייער שטייגער. ס׳איז גלייכער צו לעשן דאָס פייער וואָס האָט אָט־אָ אויפגעפלאַמט אַנטקעגן דעם פרילינג אויפשימער, וואָס רייצט ביידן. נו, האָט שלמה האָפמאַן — אפשר פאַר זיין יונגקייט — אויסגענומען ביי שמשון לאַנגלעבן, דעם עלטסטן ביוראַליסט פון דער פירמע טיבער. דעם מענטש איז גראָד געפעלן וואָס שלמה איז געווען הייטער דעם דאָזיקן פאַרמיטיק, וואָס ר׳האָט באַנומען זיין געדאַנק:

— מ׳באַדאַרף האַלטן יום־טוב. אַזוי פאַרשטיי איך, — האָט לאַנגלעבן געקנעלט מיטן יונגן מאַן וואָס האָט דרך־ארצדיק אים געהערט. איך וועל טאַקע פרי׳ער פאַרטיק ווערן מיט מיינע ענינים און וועל גיכער אַהיימגיין, — האָט ער מודיע געווען זיין יונגן קאָלעגע. דער באַלעבאָס ווייס דער־פון. איך בין שטענדיק זיך אַזוי נוהג. מיין געדאַנק איז עס וואָס פאַר יום־טוב צאָלט מען אויס דעם געהאַלט, — האָט דער מענטש זיך געגרייסט אין אומגערנער עניוות.

טאַקע באַקומען אויסגעצאָלט די שכירות, האָט שלמה האָפמאַן גענומען

זיך איילן. ר'מוז גיין, ר'האָט צוגעזאָגט צו זיין אויף אַן אָרט, — האָט ער געלאָזט פאַלן אַ וואָרט. כּלאַחר־יד זיך נאָך דאָ און דאָרט צוגעבאָרגט ביסלעך געלט („כ'דאַרף זייער נייטיק", — האָט ער געזאָגט איטלעכן, און קיינער האָט אים נישט אָפּגעזאָגט) און זיך אַוועקגעלאָזט אין גאַס אַריין מאַכן איינקויפן, באַזאָרגן וואָס אָפּגעשמועסט אין דער היים. כ'זאָל אַזוי לעבן, ווי שרהלע איז קלוג, — האָט ער זיך דערמאָנט דעם ביינאַכטיקן געשמועס מיטן ווייבל: מיר זענען יונג, וואָס מ'עסט איז גוט. אַנדערש איז עס מיט עלטערע מענטשן. זיי ווערן געפירט פון שטימונגען וואָס עס פורעמען אויס לאַנגע געוווינטשאַפטן. פּסח, פאַרשטייסטו מיך, שלמהשי, איז פאַר זיי שוין מער ווי אַ יום־טוב, עס איז אַן איבערלעבונג. און טאַטע־מאַמע קוועלן זיך שטאַרק אַצינד. דאַרף מען, מיין איך, זיי ערשט אַרויס־העלפן. ס'איז טאַקע שווער, אָבער מ'מוז. זיי איז שווערער, שלמהשי. מיך וואָלט עס געפרייט, אויב וואָלטסט געקענט אַזוינס באַווייזן. ווער ווייס ווי זיי האַלטן מיטן יום־טוב. וועסט עס טאָן, זאָגסטו? גוט, גוט, נאַ דיר דערפאַר מיין דאַנק, יינגעלע. איך וועל דיך שטאַרקער ליב האָבן, אַז וועסט אַזוי טוען ווי דו זאָגסט. ס'וועט זיי אויפהייטערן. אָבער זאָלסט קויפן און וואַרטן מ'זאָל עס אָפּטראָגן אין שטוב אַריין. זאָלסט אַפילו מיטגיין, צוהיטן. וועסט געדענקען, שלמהלע, וואָס מ'דאַרף קויפן? אַ פּוד מצות, אַ טעפּל שמאַלץ, אַ געשאָכטן עוף, פיש, אויך ווייַן און ליכט. יום־טוב אָן ליכט האָסטו שוין געזען, יינגעלע? און אין שטוב קען עס אַ מאָל נישט זיין. דו ווייסט נישט ווי דאָס קען זיי דערפרייען! זיי דאַרפן נישט וויסן ווער ס'האָט געשיקט. זאָל די מאַמע מיינען אַז גוטע פריינד געדענקען, אַז אַ מלאך דערלאָזט נישט קאַ' פאַרצווייפלונג.און אפשר וועט קומען אויפן זינען אַז אליה נביא האָט זיך דערמאָנט. ס'געפעלט מיר, טייערער. אַפילו ווען זיי האָבן אַלץ, ווועלן זיי זיך דערקוויקן דערמיט. קיין צופיל איז נישטאָ אין מצות צי אין אַ שטיקל פלייש. ס'איז דאָך אַנעהאָרע אַ משפחה עסערס.

וועסט געדענקען, שלמהשי?

ער האָט אַלץ געדענקט, שלמהלע האָפמאַן. איינגעקויפט, געוואַרט ביז מ'האָט די אַלע נייטיקע זאַכן אָפּגעטראָגן אויף לאַגעווניקער גאַס, נאָכגע־שיקט אויך ווייַן, געטריקנט אויבס און נישט פאַרגעסן אַפילו האַלץ און קוילן אונטערצוהייצן ס'קעכל. און ר'האָט געשטראַלט אין זיך פונעם אויפטו. באַלאָדן מיט קלענערע און גרעסערע פּעקלעך איז שלמהלע דערנאָך

אַהיים געקומען צו שרהלען מיט אַ גליקלעכער מידקייט: — ווי גוט, גוט. אַלץ אָפּגעטאָן. דאַכט זיך גאָרנישט פאַרגעסן. ווי מיינסטו, טייערס, האָבן זיי באַגעגנט די זאַכן?

ביידע האָבן פאַרטראַכט זיך איבערגעקוקט, נישט געפונען אַ ריכטיק וואָרט צו ענטפערן. שפּעטער האָט שלמהלע געזאָגט:

— אָ, ווי וויל וואָלט געווען, אויב כ׳וואָלט געקענט זען די מאַמע, דעם טאַטן, הערן וואָס זיי טענהן. זיי טראַכטן אוודאי אויך פון אונדז. קלערן איבער ווי מיר וועלן היינט פּראַווען דעם סדר. ס׳געפעלט דיר, שרהשי, דער טעם פון אַ מלכה אָן אַ מלוכה? מיר קוועטשט אַ ביסעלע די בענקעניש. כ׳וואָלט געוואָלט שטיין הינטערן פענצטער, זען ווי דער טאַטע ריכט אָפּ דעם סדר. איך בין נישט פרום, קינד, אָבער איך לעכץ נאָך דעם טאַטנס סדר. ׳על איך אויסקומען אָן דעם? און דו, מיידעלע? ס׳ציט אָט־אָ־דאָ אין גריבעלע. וואָס, עס גלוסט זיך דיר וויינען? גיי שוין; פילסט דען נישט ווי גוט ס׳איז אונדז. איך — דו, וואָס מ׳וויל טוט מען מיט זיך. דער יומטובדיקער טיש איז טאַקע שיין, אָבער ער בינדט אויך, מ׳מוז זיין צוגעקאָוועט צו אים ווי דער טאַטע וויל, ווי די מאַמע הייסט. ס׳וויל אַז מ׳איז פריי, שרהניו. אַ נו, איך וועל דיר העלפן גרייטן דעם יום־טוב טיש, מ׳עט אָפּעסן אונדזער מאָלצייט, מסכים? און צו אָוונט־צו ׳עט מען אַרויס צו די אייגענע. מ׳וועט זען ווי דער טאַטע ריכט אָפּ דעם סדר, ווי ייִדן זינגען די שיינע געזאַנגען, די מעשהלעך פון דער הגדה. ס׳שיין דער פּסח, שרהשי, איך פאַרשטיי אים ערשט אַצינד, ווען כ׳בין אַוועק פון טאַטנס טיש. שוין ווידער אַ טרער? שעם זיך, קליינטשיקע. דאָס האָב איך זיך נישט אויסגערעדט מיט דיר, שרהשי. נאָ, נאָ, מ׳עט אָפּעסן און לאָזן זיך צום טאַטן, צו דער מאַמע.

— צום טאַטן, צו דער מאַמע? וועסט דען אַריינגיין צו זיי? — האָט זי אים אָנגעקוקט אין טרערן.

— ווילסט, ׳עט מע גיין!

— איך וואָלט געגאַנגען, אָבער מ׳עט אונדז אַרויסוואַרפן, באַליידיקן!

— ביסט אַ נאַרעלע. מ׳עט גיין. פּרוּוון.

— און אפשר גיין צו מיין מאַמע, שלמהלע? צופאָרן!

— צו דיין מאַמע? ס׳ציט דיך דווקא צו טרערן, קינד? הער אויף. ס׳איז יום־טוב, יום־טוב פאַר אונדז. טאָ שטעל נישט אָן דעם בעכער פאַר

טרערן. אַ סדרה געוויין הייבסטו אָן! גלייב, דיין מאַמע וועט זיצן ביי אַ פריילעכן טיש. זי האָט דען נישט קיין שכנים, אין אַ וואַלד וווינט זי? אָבי עס פאַרגליסט זיך שרהלען צו גיסן טרערעלעך, ווען מענטש פרייען זיך. פע, אַזוי טוט אַ מלכה?

— דיין מלכה, — און זי האָט זיך גלוסטיק, אין פלוצלינגער פאַרטראָגנקייט זיך אַ טוליע געטאָן צו איר ליבן און טיף, טיף זיך איינגעהערט אין דער געבערנדיקער שטילקייט וואָס עס ברענגט דער גרויסער פאַר נאַכט, ווען ער איז געקומען צו איר, ער, איר מאַנעלע.

— ס'איז אַזוי גוט ביי דיר!

— ביי דיר!

*

אין אומאויסגערעדטער בענקעניש האָט אַראָפּגעגנידערט דער בין־השמשות. עס איז אַנגעשטאַנען שרהלעס און שלמהלעס ערשטער יום־טוב אין דער אַליין אָנגעפּלאַנצטער אייגענער שלווהדיקער נעסט. אַ זיסע שטילקייט האָט געזשומעט פון קליינעם קוקנדיקן געפעסשענקל, פון דעם וויס־געדעקטן טיש מיט די בענקלעך אַרום און דאָס ברייטע בעט האָט געהויערט אָן איבערגעדעקטס מיט בלומען פון באַלעבאַטישן געוועב. אין פענצטער האָבן זיך געוויגט די שפיצן פון די נאַקעטעביימער און זייערע בליקן, זיינע און אירע האָבן געבלאָנדזשעט איבער זיי. שוויגעניש האָט געדריקט אויף דער שטילקייט פונעם הייפל, וואָס איז געלעגן אונטן, אַרום מעכל בעקערס הילצערנעם געהייז און ס'האָט געדריקט די ציטעריקע דעמערונג. פלוצלינג האָט די שטילקייט זיך דורכגעבראָכן מיט יענער שווערער באַלאָדנקייט, וואָס וואַקסט אַרום דעם מענטשנס טעג און נעכט ווי מיט לעבעדיקן פלייש און מאַרך:

— וואָס קלערסטו, טוט אַצינד מיין מאַמע, שלמהלע? די קינדער פרעגן זיך אויף שרהלען, הע?

— מסתמא פרעגן זיי, קליינטשיקס. ס'איז וויל, וויל. ביסט אַ גוטע,

— און ר'האָט איר מויל פאַרשפּאַרט מיטן שאַרפן וויין פון זיינע ליפּן. — ס'עט אַריבערגיין ס'שלעכטס, שרהשי. ס'איז פונקט ווי דער בייזער ווינטער. ער בושעוועט, ר'וואָיעט, אָבער סוף־סוף קאָכט ער זיך אויס. קלער נישט אַזוי פיל. ס'וועלן קומען גוטע גריסן פון דער מאַמע, די ייִנגלעך וועלן אונטערוואַקסן און דאָ וועט זיך אַלץ פאַרהיילן. וויס, קליינטשיקס:

די זון וועט וואַרעמען, די גאַס וועט זיך אַ ליכטיקן ריר געבן און אַלע אומעטן וועלן פֿאַרגיין, פֿאַרשווינדן. כ׳האָף דערויף מיטן גאַנצן האַרץ, שרהניו.

— ס׳גוט דאָס צו הערן, שלמהשי. קענסט אַזוי שיין האָפֿן. דאָס האָט מיך געשטאַרקט די גאַנצע צייט.

— זאָלסט געשטאַרקט ווערן, שרהשי.

— ביסט אַ גוטער. מיין מאַמע זאָל עס הערן, וואָלט איך געווען גליק־לעך. זי׳ט זיך אַלץ געשראָקן אַז כ׳געגאַר זי.

— שלמה — אַ געגאַרניק? איך שעם זיך דאָס צו הערן, שרהניו.

— ביסט אַ טייערער.

און איז גרינלעך פינצטער געוואָרן דער אויפדערנאַכט, האָבן שרהלע מיט שלמהלען זיך אָנגענומען ביי די הענט און זענען אַרויס אין דער ווייטער גאַס אַריין וואָס אַרויף שטאָט, צו זען ווי ס׳צינדן זיך די פענצטער אַנטקעגן די יומטובדיק געדעקטע טישן פון דער סדר־נאַכט וואָס ברענגט הייטער־קייט אין מרה־שחורהדיקע היימען אַריין.

אָבער שלמהלע מיט שרהלען זיינען געבליבן אומעטיק. זיי האָבן פון טאַטע־מאַמעס פענצטערס, פון זייער טאַטע־מאַמעס הויז, נישט דערזען קיין יום־טוב. איטשע האָפמאַנס שטוב האָט בלינד, פאַרצאַגט געקוקט אַריבער שוואַרצע דעכלעך, געקוקט צום טונקל גרינלעכן הימל וואָס האָט געבראַכט דער וועלט אַ שפּיציקן שאַרבן פון אַ יונגער לבנה.

— מיך שרעקט עפּעס, — האָט שרהלע פלוצלינג אַ צאַפּל געטאָן.

— הער אויף! — איז ער צו איר ראַפּטעם צוגעשטאַנען, פעסט זי אָנ־געכאַפּט ביי דער דלאָניע און זי אַ צי געגעבן נאָך זיך.

בוענאָס־איירעס, 1965.

א הויז אויף אלטשטאט

I

די שטוב איז ליידיקער געוואָרן

ביי מאיר רויט אין שטוב וויסט קיינער נישט, ווי לאַנג זיי וווינען שוין אויף אַלטשטאָט, כאָטש דאָס הויזגעזינד איז נישט קיין אַלטס און קיינס, אַ חוץ די יונגע קינדער, איז נישט געבוירן געוואָרן אין דעם אַלטן ראָג־הויז. אַפילו מאיר אַליין געדענקט נישט, ווי לאַנג ער קריכט שוין אויף אָט די הויכע, טונקעלע, געדרייטע שטיגן אין דער בוידעם־שטוב אַריין, וואָס אונטער דעם שיפן פולאָפ מיט די קליינע פענצטערלעך אין די ווענט, וואָס זעען אויס, צוליב זייער אויסגעקרימטקייט, ווי אָנגעלענטע אויפן שטאַרק־משופעדיקן דאַך.

אים ווייזט זיך אויס טייל מאָל, אַז אַן אייביקייט איז שוין דערין ווי ער הייבט זיך איבער אָט־די הילצערנע, הוילע שטיגן און די אייביקייט האָט נישט קיין אָנהייב, קיין סוף. עס פירט זיך אַז אַ מענטש ווילט זיך דערמאָנען עפּעס ווייטס, אָבער מאירן איז נישט דער קאָפּ דערצו, אַז ר׳זאָל זיך אָפּגעבן מיט לאַנג־פאַרלאָפּנס. יאָ, די קינדהייט פלעקט זיך יאַקאָש אין מיניעדיקע פליאַמעס זונשיין, אָבער די שפּעטערדיקע יאָרן זיינע וויגן זיך אין צעשווומענע שאָטנס, אין קלעפּיקער אומהיימלעכקייט. ווייטערס? אים פאַרגלוסט זיך קיין מאָל נישט צו זיין אייגענעם נעכטן. אַלע שפּירונגען פון זיין געמיט, דער גאַנצער מוח איז פאַרכאַפּט פונעם היינט, פונעם טומלדיקן אויסשפּרייט וואָס די שטאָט וואַרפט צו זיינע פיס. ווי אַן אַלטער בוימוואָרצל שפּאַרט אַריין די־אָ באַשטענדיקייט אין מאיר רויטס זינען. ער לעבט רק מיט זיין אַרויף און אַראָפּגיין איבערן תמיד קרעכצנדיקן טונקעלן שטעג וואָס פירט צו זיין היימישער נעסט און פון איר — אַראָפּ.

„מוזסט פאַרהאָרעווען דיין ביסן ברויט, ברודערקע. נעם דיר דערויף

אַלע ראַיות סיי פון די אייגענע און סיי פון זייטיקע". ער געדענקט טאַקע נישט מער ווי די פאַרטאָגן און די אויפדערנאַכטן וואָס טרייבן אים אַרויס, מאירן, און טרייבן אים צוריק אַריין. דעם מענטש גייט נאָך די באַשערטקייט וואָס קעגן איר איז זיך נישט צו ראַנגלען, סיידן עס שיינט אויף אַ נס אַן אומגעריכטער, וואָס פאַרטרייבט דעם שלים־שלימזל.

מאיר רויטן באַגלייט די געשטאַלט פון קאַלעמוטנער טונקלקייט וואָס שפּאַרט אי אויף זיינע טרעפּן אי אויף דער שטוב.

אַ מאָדנע כמאַרנע שטוב ביי מאיר רויטן — אַ שטיק פינצטערע טראַנ־טע העגנגט זי אונטערן ברייטן הימל פון קיילעכדיקן מאַרק; אַ טראַנטע מיט זשמורנדיקע אויגן־פענצטערלעך, קוקנדיקע איבער אַ סך שוואַרצע דעכער און הויכע קאַשטשאַל־טורעמס.

איידער מ'גייט אַריין אין מאירס דירה, שפּירט זיך אינעם טיפן, אָפּ־געריסענעם קאָרידאָר אַן איבלדיקער ריח פון אַלטקייט און גרינעם שימל, וואָס קומט פון פאַרלעגענע שמאַטעס און זיך לענגלענדיקע מייז, וועלכע זענען דאָ אויף אייביקער קהלישער קעסט. אויףביידע זייטן פון דעם לאַנגן, טונקעלן פּירהויז שוואַרצלען זיך קליינע אייזערנע הענגל־שלעסלעך אויף די טירן פון פינצטערע קאַמערן, פון וועלכע עס שיילט זיך אָפּגעריבענער קאַלך. דאָס זענען די קעמערלעך פון די שכנים, וועלכע באַהאַלטן אין זיי סיי אַ ביסל האָלץ אויפן ווינטער און סיי די ירושהדיקע שמאַטעס, וואָס גייען איבער אין באַלעבאַטישע היימען פון דור צו דור, ווייל ס'איז אַ שאָד מיט זיי זיך צו צעשיידן. אויך די שכנים אין דעם הויז זענען ווי בכיוון צו־געקליבענע, געפּאַרטע מיט דער מויער; אַלטע לייט מיט געהאָרבעטע פּליי־צעס, גראָע פאַרפלאָנטערטע בערד; געבוקטע ווייבער אין געשטריקטע קופּ־קעס אויף אויסגעגאַלטע און אויסגעקראַכענע אַלטע קעפּ — קוים זשיפּענ־דיקע זקנים, וואָס קרעכצן אויס אין יסורים זייערע לעצטע לעבנס־טעג, האָפנדיק אונטערן שוואַרצן, קרומען דאַך אויף אַן אומגעריכטער הילף פון זיין ליבן נאָמען.

עס שמעקט פּרוכנע.

די משפּחה רויט איז די יינגסטע אין דעם הויז אויף ראָג אַלטשטאָט, וואָס אונטערן שיפּן, שוואַרצן דאַך, כאָטש מאירן, נאָך נישט קיין פערצי־קער, נעמט מען אויך פאַר אַן אַלטן מאַן, ווייל אין דעם שטענדיק־טריבן

שאָטן פון דער בוידעם־שטוב האָט ער אויף זיך אַרויפגעצויגן אַזאַ אויס־טערלישע מראה, גלייך ער וואָלט געוועזן מיט מאָך באַוואָקסן.

אָבער ווי לאַנג איז עס, אַז אויך ביי מאיר רויט אין שטוב האָט געהויזט די געוויינטלעכע מענטשישע אַלטקייט, וואָס קרעכצט סיי פון תענוג און סיי פון יסורים? מאיר רויט האָט געהאַט דאָס נאַטירלעכע גליק פון אַן עלנטן, וועמען עס ווערט אין די טרויעריקסטע טעג פון זיין לעבן געשאָנקען דער בליק פון דער אייביק־געטרייער, זאָרגפולער מאַמען.

סך הכל מיט אַ יאָר דריי־פיר צוריק איז עס געווען. גאָר פּלוצלינג, אין אַ ווינטערדיק שנייאיקן פרימאָרגן איז אַוועקגעשטאָרבן מאיר רויטס ווייב נחמה, וועלכע האָט, ווי אַ גוטער מלאך, זיך אַרומגעדרייט אַרום איר מאַן, פרום און שטיל אים געהאָלפן טראָגן ס׳ברויט אין שטוב אַריין און יאָרנלאַנג באַהאַלטענערהייט געוויינט אויפן טויט פון איר בכור בערעלע, וואָס איז געווען דאָס צירונג פון איר יונגער טראַכט. ס׳האָט אָפט געטראָפן, אַז מאיר האָט זי באַגעגנט מיט אַ שעמעוודיקער טרער אין אויג און ער האָט זי פּאַטערלעך אָנגעשריגן:

— הערסט, כומע?...

— ס׳אי׳ דער גאָרנישט... פּלוצלינג האָט זיך מיר דערמאָנט די יונג־פאַרשניטענע מאַמע, האָט מיר פאַרקוועטשט ביים האַרץ... נישט דער־לעבט, נעבעך, קיין נחת פון קיין שום קינד.

האָט מאיר זי ווידער אַ מאָל געמוסרט:

— גענוג אויף היינט, כומע, יאָ?... פון וואָס אַ מענטש האָט אַלץ פאַר־געניגן! גענומען ווייבען אין מיטן דעריגנען...

דער מגושמדיק־גראָבער יונגער ייִד איז, וואָס אַן אמת, געווען גענוג איידל צו זיין בלאָס און צאַרט ווייבל נחמה, וועלכע איז צו אים געקומען אַ יונגיטשקע פון אַ רייכן פּראָסטאַצקן טאַטן. צו מאירן האָט זי מיטגע־בראַכט אי די שפע פון טאַטע־מאַמעס הויז און אי די באַזאַכטקייט פון יענע געקעכלטע קינדער, וועמען די פּראָסטע היים ענטפערט איבער אַל דאָס טייערסטע און אָפּגעציטערטסטע — דאָס נישט באַרירטע גוטע האַרץ.

אַז נחמה איז יונגערהייט אַוועקגעשטאָרבן, איז אין דער בוידעם־שטוב געבליבן בלויז דער אָנזעעוודיק־באַלייבטער ייִד מאיר מיטן קליינעם קמץ־בערדעלע, וואָס האָט זיך נערוועז געטרייסלט איבער זיין אויסגעוואַקסענעם בויך און אין דער וויג האָט מיט גרויסע, שוואַרצע אייגעלעך געפּישטשעט

דאָס פּיצל לאהלע, דאָס איינציקע יתומהלע, וואָס איז נאָך נישט געגוג קלוג געווען צו וויינען אויף איר נישט־היימלעכן מעמד צו בלייבן אַ האַלב־יעריקע אָן די מאַמעשע בריסטן. דעמאָלט איז צו מאיר רויט אין דער בוי־דעם־שטוב אַריינגעקומען זיין אַלטע, קלוגע מאַמע מינדל, די שיינע, הוי־כע ייִדענע מיט דער „ביטערער מאַנדל" אין דער שטענדיק ריינער, גע־שטריקטער קופּקע. מיט די רויטע פלעמלעך אויף אירע געקנייטשטע באַקן, האָט די אַלטע מאַמע אין דער עלנטער שטוב אַריינגעבראַכט די פרישקייט פון אַ זאָרגעוודיקער באַלעבאָסטע, וועלכע האָט אַ גוט אויג הן אויפן געזונט פון די היימישע און איז הן אַ פאַרגרינגערונג פאַר דער שווערער פּרנסה.

ווי באַלד מאיר איז אַראָפּ פונעם פּורל מיט דער מאַמען, וועלכע ער האָט אומיסטן געבראַכט פון שטעטל אַפּט, האָט ער זיך שוין געשפּירט גרינגער. געשווינד איז ער אַ מער ניכטערער אַריין אין ענגן ראָד פונעם טיילוויז פאַרגליווערטן לעבן, וואָס ער האָט ווידער גענומען באַוועגן אַרום זיך.

— מאַמע, דאָ האָסטו דיין אייניקל...

אַ פּאָר טיפע, שוואַרצע אייגעלעך אויף אַ ברוין פּנימל האָבן אַ בלאָסן לאַך געטאָן.

און דערנאָך:

— מאַמע, דאָ האָסטו כּומעס ירושה.

אַ ברייט צעעפנטע שאַנק האָט אַ שאָרך געטאָן מיט טונקעלן זיידנס און מיט שטויסן באַלעבאָסטיש־אויסגעסדרטע, בלענדנדיק ווייסע וועש, גע־בונדענע מיט רויטע שלייפלעך. ווידער אַ טאָרבעלע צירונג — גאָלדענע זיי־גערלעך מיט קייטן און דיוויזקעס, בריליאַנטענע, דימאַנטענע פינגערלעך און קאָליעס — האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אין דעם געטרייען מאַמעשן בוזעם אַריין:

— אַזאָלכענע זאַכן, מיין קינד, לאָזט מע נישט סתּם אויף הפקר, — האָט די אַלטע פילדייטיק אַ דריי געטאָן מיט די קלוגע אויגן.

לסוף:

— מאַמע, דאָ האָסטו דאָס גאַנצע באַלעבאַטישקייט. פיר עס וועדליק דיין איינזען און שכל.

און אַליין האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט פון די געדרייטע פינצטערע שטיגן ברענגען ברויט אין שטוב אַריין.

*

דער אַלמן מאיר שטייט איינער אַליין אַנטקעגן דעם בייז־באַשריגעניש, דעם כרך וואָס איז גרייט דעם מענטש איינצושלינגען:

גאַנצע טעג פון שאַריעדיקן פאַרטאָגס ביזן שפּעט אויפדערנאַכט האָט ער זיך אַרומגעדרייט איבער די אומענדלעכע גאַסן פון שטאָט, איבער די אָפּגעלעגנסטע געסלעך, געטראָגן אַ זאַק אויף די פּלייצעס און אין דעם זאַק גרויסע פּושקעס און „ביקסן" מיט כלערליי צוקערלעך: גרינע, רויטע, געלע און געשטרייפטע פון אַלערהאַנט געשמאַקן און ריחות: זויערע, מיענטאָווע, לאַנדרינקעס און קאַרמעלן געפילטע מיט קאַרשלעך, מיט קאָניאַק און מיט טייערן איינגעמאַכטס, ווי אויך מאַראַנצן־שאָלעכץ, איבערגעצויגענעם מיט אַ צוקער־איינהיל ווי מי ט אַ פאַרפרוירענעם שניי. דאָס איז געווען די משפּחה־פּרנסה, אין וועלכער עס האָט אים אַריינגעפירט זיין איידל ווייב נחמה, וואָס איז אים יונגערהייט צוגענומען געוואָרן.

אין אָוונט, אַז ער איז אַהיים געקומען מיט דער מידקייט פון „אויסגעמאָסטענע" לאַנגע גאַסן, פאַרפּלאָנטערטע ווי די שטריק אַרום זיינע גרויסע, שווערע פיס, האָט מאיר געפונען די מאַמע אַ גליקלעך צעשמייכלטע און דאָס פּיצל קינד, אַ שלאָפנדיקס, אין וויגל.

— מאירל, ווערסט זיך נעבעך פאַרשוואַרצט, הע? — האָט די מאַמע אים באַגעגנט. — גאָט 'עט העלפן, מיין זון. נאָר אַ ביסל בטחון, — און זי האָט'ן געגרייט דעם טיש.

נאָכן אָפּעסן דאָס אויפדערנאַכטיקע מיטאָג, וואָס האָט זיך, אַ שפּעט אָפּגעקאָכטס, געוואַרעמט אויף דער פּליטע, האָט אַ הימיש פינקלדיק גלעזל טיי ביי מאירן פונאַנדערגעבונדן די צונג:

— מאַמע, — האָט ער אָנגעהויבן — וואָס וועט זיין מיטן קינד? דו גיסט זיך אָן עצה מיט דעם ברעזעלע? מנע, קען עס דען לעבן אָן אַ ברוסט?

— גיי שוין, נאַרעלע. אָן אַ ברוסט קען עס לעבן, נאָר אָן אַ מאַמען קען עס זיך בישט כאָוועך. מיט אַ פלעשל קען עס אויך זאַט ווערן. דער רבונו של עולם זאָל נאָר געבן יאָרן. אַ מאַמע, זעסטו, איז אַ געזינט פאַר אַזאַ ווערעמל. יאָ, יאָ, ס'בעסער ווי לאַנג ס'איז נאָך קליין.

— ניין, מאַמע, כ'האָב נאָך צייט צו דעם... לאָהלען וועל איך אָוועקגעבן צו אַן אַם.

מאירן זענען באַשיימפּערלעך נישט געווען ניחא די רייד וועגן דעם. אָבער די אַלטע האָט נישט אָפּגעלאָזן:

— אין פרעמדע הענט אַריין אַוועקגעגעבן אַן עופעלע, איז וועד מיר בייזס גינט. משטיינס געזאָגט... פאַלג מיך, מיט אַ מאַמקע און מיט אַ פלעשל כאַווען זיך אויך אויף ריזיקע קינדער... קוק זיך ליבערשט אַרום וועגן אַ באַ־לעבאָסטע אין שטוב אַריין. דיין מאַמע האָט שוין פאַרגעסן צו פירן אַ הויז... אַז וועסט האָבן רעכט זיך באַקלערט, וועט אויך דעם קינד זיין בעסער... פאַלג די מאַמע, מאירל.

די שמועסן האָבן דעם אלמן מער אָנגעפינצטערט דאָס געמיט, נאָר דער מאַמען האָט ער נישט געוואָלט ווי טאָן. ער האָט ליבערשט אָפּגעשוויגן — און סוף כל סוף געהאַלטן זיך ביי ס׳זייניקע:

„כומען קען קיינער נישט פאַרטרעטן״...

און כאָטש שדכנים זענען סיי ווי געקראָכן צו מאירן אויף די געדרייטע, הויכע טרעפּ, אין דער פינצטער לאַנג געטאַפּט די קליאַמקע פון דער דאַך־שטוב, פאָרגעלייגט זיווגים: לייטישע ווייבלעך אָן קינדער, אָרנטלעכע אַל־מנות מיט „פּרנסות אין די הענט״ און עלטערע מיידלעך — האָט מאיר רויט מיט דער מאַמעס וואַרעמע פלעמלעך אויף די פולע, געפּאַקטע באַקן אַלע אָפּגעפּטרט; ר׳עט גיין זען, ר׳מוז זיך מיישב זיין; אַנדערע האָט ער באַלד משלח־געווען: „ר׳האָט נאָך צייט״ און אָפּגעמאַכט ביי זיך אַז אַזאַ ווי כומע, וועט ער שוין נישט טרעפן. טייל מאָל האָט ער זיך פונאַנדערגעוויינט, דער גרויסער, געפּאַקטער יי׳ד מיטן זאַק צוקערלעך אויף די פּלייצעס, וואָס האָבן אין משך פון אַ טאָג זיך אַריבערגעוויגט איבער הונדערטער קראָמען פון שטאָט:

— אפשר דאַרפט איר? ס׳גוטע סחורה, קונים ׳עלן זי צעכאַפּן. — אויב נישט היינט, ׳על איך זיך אַריינוויזן מאָרגן, איוודעוואָך. ש׳קשה, איר׳ט דאַרפן דעם ציקערל־סוחר. ער ברענגט אַ זיס לעבן, — און האָט אַרויסבאַ־קומען אַ לעבלעכן שמייכל אויפן מידן, קלוגן פּנים.

די שטילע פּיין, וואָס איז אין אים אויפגעגאַנגען מיטן שוואַכן קווילן פונעם פּיצלדיקן יתומהלע אין דער וויג, האָט אין מאירן געוירט, זיך פונאַנדערגעגאָסן אין אַ נאַגנדיק געוויין איבער אַלע זיינע גלידער. געשפּאַנט מיט דער משא סחורה אויף די פּלייצעס, האָט ער אין די שטיינער פון די גאַסן געזען זיין כומע, וועלכע האָט אים געפעלט סיי ביי זיין אויפשטיין,

סיי ביי זיין לייגן־גיין. און מאירן זענען געוואָרן דערווידער די אַלע ייִדן און ייִדענעס, וואָס דרייען זיך אַזוי זשעדנע אַרום אים און ווילן אים בגוואַלד אָנשליירן אַ ווייב, וואָס וועט נישט זיין זיין ווייב, נאָר דאָס ווייב פון עמעצן אַנדערש. זיינע איז כומע, די מיט די שטילע רייד; די, וואָס שוועבט איבער דער שטוב און באַקלאָגט זיך נישט, אַז זי האָרעוועט שווער אויף פּרנסה, און אַז זי וויינט, וויינט זי אין דער שטיל, באַהאַלטענערהייט, ביינאַכט, כדי אים, מאירן, נישט צו מאַכן אומעטיק.

און אים איז טייל מאָל פאָרגעקומען, אַז זי איז נישט געשטאָרבן, אָט די נחמה, נאָר זי איז נאָר ערגעץ ווייט אַוועקגעפאָרן און זי וועט אַ ליאַדע טאָג זיך צוריקקערן.

מאיר אָנט אַפילו, אַז אָט מאַכט אויף אַ שכן די טיר און פרעגט זיך אויפן ווייב און ער ענטפערט, אַז אָקע מ׳זעט קומט זי אַריין. — אין געוועלב אַריין איז זי געגאַנגען נאָך עפּעס.

און ס׳טרעפט, אַז אין דער פרי, ווען ער שטייט אויף פון געלעגער, לויפט ער צו אַ פאַרווירטער צום טיש און זוכט דעם בריוו, וואָס כומע האָט אים געשריבן פון אַמעריקע.

„...איך וועל דיר, טייערער, איצט אַרויסשיקן אַ שיפסקאַרטע און געלט, אַז זאָלסט וואָס געשווינדער קומען צו מיר...״

עס געדויערט אַ היפּשע ווילע, ביז מאיר כאַפּט זיך, אַז אים האָט זיך עס בלויז געחלומט, און מיט אַ טריב געמיט, ווי אַן אַמאַליקע וויסטע קרענק וואַלט זיך אים געלאָזט שפּירן, גייט ער — ווי אַלע טאָג — פון ס׳ביי מיטן זאַק אין גאַס אַריין.

„זע, אַ מענטש גייט אַוועק פון אַ מקום מנוחה ערגעצוווּ זיכן אַ ביסן ברויט״, האָט אַלץ חידושדיק נאָכגעקוקט דעם מאָדנעם ייִד. דער חלום פון כומען אין אַמעריקע, האָט אין אים נאָך געשאָטנט מיט אַן אויסגעשטרעקטן פליגל.

די רויטע ציגל־מויער, אַ צעגריזשעטע פון דורותדיקן דויער, בלייבט הינטער אים שלאָפן אויפן ראָג פון גאַס, כאָטש אַלטשטאָט צעוויגט זיך וואָס אַ מאָל מער אין איר טעגלעכן האַרמידער.

— — — אַרום דער פאַרפאַלענער שטוב אויפן גאָרן ברויזט עס און קאָכט ווי אין אַן אונטערגעהייצטן קעסל.

II

די אַלטע מאַמע

נאָך לאַנג איז מיט נחמהן, מאירס געשטאָרבענעם ווייב, פול געווען די בוידעם־שטוב אויף אַלטשטאָט, ווו עס רעשט זיך און טומלט פון פרי׳ען באַגינען ביזן שפּעטן אויפדערנאַכט. אַרום די קליינע מויערן מיט די טורעמדיקע דעכלעך און הילצערנע מפולתן, וואָס גאַפן נישטיקע אין טיפן, געוועלבטן הימל אַריין, האָט מען דעם פּשוטן ייִד מאיר רויט, וואָס איז געבליבן אַן אַלמן נאָך זיין יונגן ווייב, אין גאַנצן נישט אָנגעזען. פאַרפרי איז ער אַרויס פון שטוב און שפּעט אויפדערנאַכט האָט ער צוריק אַריינגעשלייכט אינעם פוסטן טויער. שטיל האָט אים פאַרשלונגען די פינצטערע, געדרייטע טרעפּ וואָס פירט צו דער דאַך־שטוב, ווו עס הויזט דאָס קליינע גע־זינדל פון מאיר רויטס מאַמע און זיין איינציק טעכטערל לאהלע, וואָס זייגט אַ פּלעשל.

זענען געגאַנגען שדכנים אין מאיר רויטס שטוב אַריין, האָט מען זיי אויך נישט באַמערקט. ווייל ווער קוקט זיך אום אויף אַלטשטאָט אויף סתם אַ ייִד אָדער אַ ייִדענע, וואָס קריכן אין בוידעם־שטובן אַריין און האָבן נישט קיין עסקים מיט מעל־סוחרים, צוקער־פאַבריקאַנטן, שפּייז־הענדלערס און הערינג־אימפּאָרטירערס, וואָס מיט זיי איז פול די גאַנצע געגנט? ווער האָט דאָ צייט צו קריכן אויף די שטאָקן? אַלץ איז דאָ פאַרהאַוועט און צעיאַכמעט פון טומלדיקן פּדיון און פון מיושבדיקן קאַלטן חשבונען געלט אין גאָלד־וואַלוטע און אין צינז־פּוס פון וועקסל־ און טשעק־דיסקאָנטאָ. קרעכצנדיקע אָרעמקייט איז דאָ נישט בנמצא. עס הילכט נאָר און קוויטשעט מיט לייזונג און מיט מאָנענדיקן מאָגן פון דער זולל־וסובאדיקער שטאָט. פאַרוואַלגערט זיך דאָ ערגעץ אַן אביון, האָט ער פלאַץ נאָר אונטערן דאַך, אויפן בוידעם, מחמת אַלץ און אַלע, וואָס געפינט זיך אויף אַלטשטאָט, פונעם קעלער ביזן אויבערשטן גאָרן, איז געשעפט, געשעפטלעך.

דער צוקערל־סוחר איז געווען אַ שטיק אויסטערלישקייט אויף אַלטשטאָט. אי ער האָט זיך דאָ פרעמד געפלאָנטערט, אי ער האָט ווי געדרימלט אין מיטן פון דעם רעש.

האָט מאיר רויט זייער לאַנג זיך אַרומגעדרייט אַ מבולבלער, פּאָרט נישט געוווּסט וואָס צו טאָן מיט זיך, כסדר אָפּגעפּאָרטיקט די שדכנים מיט פוילע תירוצים. אָבער אין איינעם אַ טאָג האָט ער אין אַ גראָבער פּאַטשיילע (ווי דאָס האַרץ האָט אים דערביי אַ צופּ געטאָן!) אַוועקגעטראָגן לאהלען צו אַ ווייבל, זי זאָל זייגן דאָס יתומהלע. „די מאַמע האָט נישט קאָ' כוח. ס'נישט פּאַר אירע יאָרן", האָט ע ר געזעדט צו זיך און געקנייטשט דעם שטערן.

— מאיר מיין קינד, — האָט די זקנה זיך געשאָקלט איבערן זון — אַז מ'קריגט נעבעך אַ בייל אין קאָפּ, טוט עס טאַקע קיין אַנדערן נישט ווי. אָבער מ'מוז זיך שטאַרקן, מאירל, — און איר פּנים האָט געפינצטערט. — ווּעסט דערפאַר דערלעבן גרויס פרייד פון דעם לאהלע.

זינט דעמאָלט האָט די אַלטע מאַמע זיך אַרומגעדרייט אַרום מאירן, ווי אַרום אַ זון אַן אַלטן בחור, וואָס וויל בשום אופן נישט חתונה האָבן. זי האָט פּאַר ליב גענומען איטלעך וואָרט, וואָס דער אָנגעדראָדלטער זון האָט צו איר אויסגערעדט אין די אָנגעוואָלקנטע אויפדערנאַכטן, וואָס האָבן אָנגערוקט אויף דער דאַך־שטוב. גאַנצע טעג האָט זי אַן איינזאַמע, ווי אַן איבערגעלאָזענע ערגעץ אין אַ לײדיקער קרעטשמע, אַרומגעבלאָנדזשעט צווישן די הוילע, שטומע ווענט פון דעם וויסטן הויז.

די אַלטע איז אַראָפּ פון פּנים; זינט די פּאָר חדשים, וואָס זי האָט גע־הויזט מיטן פאַראַלמנטן זון, איז צו איר צוגעטראָטן די זיקנה, וועלכע גייט געפּאָרט מיט שוואַכקייט, מיט איינגעגעסענער קרעכצעניש, וואָס פוישט אָן מיט איבל אַ יעדע שטוב.

מאירן איז מיט אַ מאָל ענג געוואָרן די היים און זיינע אויערן האָבן זיך געעפּנט פּאַר די זיסע רייד און פּאַר די צוזאָגענישן פון די שדכנים, וואָס זענען אים, ווי זיי זאָגן, גוטע פריינד פון סאַמע האַרץ. „ווייל סוף כל סוף — וואָס איז דער מענטש אומשטיינס געזאָגט? אַ שערבל לא־עלינו, אַ שטיקל שפּינגעוועב, אַלע מאָל איז עס שוואַך, גאָר־גאָר זעלטן אַ ביסעלע מער דויערעוודיק. אָבער וואָס פאַר אַ ווערט האָט עס! השם ישמרנו, איך זאָל עמעצן חס ושלום נאַרייען אַ שלעכטע זאַך. וואָרן נישט אַלץ איז דער גילדן פּאַרדינסט. די הויפּטזאַך איז אָרנטלעכקייט. אַז איך קום צו אייך מיט אַ גוטן קרן, ווייסעך אַז מ'עט מיך נישט נאָך דעם פאַרשעלטן. האָט אַ מאָל צוטרוי צו אַ מענטש וואָס וויל נישט איבערפירן. איך בין אַאַך אַן אמתער פּראָגנד, איר'ט זען!" — — — און ער האָט זיך געלאָזט איבעררעדן. מאיר

רויט האָט גענומען קריכן אויף די שטאָקן פון הייזער אין פרעמדע גאַסן, אונטער פאַרשיידענע תירוצים זיך אויסגעפרעגט אויף אומבאַקאַנטע מענטשן און כלאחר־יד, ווי נישט אומיסטן, ביי ווילד־פרעמדע געטאַפּט דעם דופק וואָס פאַר אַ מיינונג מ׳האָט וועגן דער און יענער פרוי, ווי אַלט עס איז איר עלטסטער זון און — ווי לאַנג זי זיצט שוין אָן אַ מאַן. אָ, איז זי גאָר אַ גרושה? — גיט ער זיך אַ כאַפּ אין פאַרווונדערונג — און איך האָב גע־מיינט אַז זי איז אַן אַלמנה! או, אוווו, וואָס מ׳הערט. ווי מענטשן זענען נישט פאַראַנטוואָרטלעך — אַבי גערעדט!

זיך אַנטשולדיקט, געדאַנקט פאַרן אויפקלערן און געגאַנגען ווייטער זוכן, „כדי נישט צו בלאָנדזשען", ווי ר׳האָט זיך איינגעשמועסט.

— לאָזט געמאַך, ר׳ ייִד! איר טרעפט אַ פרעמדן מענטשן און דולט אים אַ מוח, — ווערט עמעץ שוין בייז. — מ׳באַדאַרף וויסן וואָס מע וויל וויסן, פאַניע! אויב ס׳רעדט זיך טאַקע וועגן דער זעלביקער, האָט די פרוי גאָר נישט קיין זון. איר זענט זיך טועה. איר זוכט מסתמא אַן אַנדערע מיט אַזאַ פאַמיליע־נאָמען. אָט־די חווה האַמבורגער וווינט טאַקע דאָ, אָבער איר מאַן איז געפאַלן אין דער מלחמה. אַ וואַאַבל ווערט זיך לא עלינו פאַר־שוואַרצט איינע אַליין. נעבעך אַן עגונה און פון עים איז איר געבליבן אַ קליין קינד, אַ מיידעלע. און אַליין איז זי נאָך בלוט און מילעך, אַ יונגע פון אַ פאָר און צוואַנציק יאָר, נאָר שוין אַן אומגליקלעכע.

מיט זיין נאָכפרעגן זיך אויף די כלערליי פרויען, וואָס מ׳האָט אים „אָנ־געשלאָגן", האָט מאיר זיך געקליגט עפּעס אויסצוגראָבן; ר׳האָט געוואָלט קו־מען אויף ס׳קאָפּ די מענטשן, וועלכע האָבן פלוצטאַלבן זיך אָפּגעשטעלט אַקעגן אים און תמימותדיק זיך באַמיט צו ענטפערן אויף זיינע פראַגעס.

אָבער איילן זיך איז נישט מאירס טבע. ער האָט ליב אַלץ גוט דורכ־צוטראַכטן, צו צעקייען דאָס געהערטע און מיט די אייגענע אויגן זען, צי דאָס געזאָגטע לאָזט זיך באַשטעטיקן. גאָר קלוגעטשקע איז די וועלט, זי האָט אַרום זיך אָנגעפלאָנטערט אָן אַ שיעור הינטערגענג און מ׳קען זיך לייכט אָפּבריִען ביי אירע אומגעריכטע פלעמלעך. מ׳זאָל באַהיט ווערן, אויב מ׳איז נישט גענוג באַוואָרנט קעגן אַ פעלן שריט. וואָכנלאַנג האָט ער נאָכ־געשפּירט עטלעכע פרויען, מיט מבינות פון אַ געניטן זכר באַטראַכט איט־לעכערס גענגל, געפאָרשט, גענישטערט אין די טיפסטע באַהעלטענישן פון זייער נעכטן און אייערנעכטן. ער האָט זיך נישט באַנוגנט מיט סתם דער־

וויסן זיך פון זייער דאָ און דאָרט; ר׳האָט זיך אַפילו אַראָפּגעלאָזן אין דער פאַרהוילנקייט פון פּרויאישער געהיימנישפולקייט. מאירן איז געגאַנגען בנפשו צו דערגיין ווער עס איז אויף אַן אמת די, וועלכע זאָל ווערן זיין לעבנס־באַגלייטערן. אַ ווייב קען זיין נאָר אַן ערשטע — די צווייטע איז נאָר אַ פרוי, אַזאַלכע וואָס קען ביי זיך פועלן אַז זי זאָל דעם מאַן, צו וועלכן זי גייט, קענען בלייבן געטריי, אַן אמתדיקע פריינדין. נו, נו, ס׳איז נישט קיין לייכטער ביסן. סיידן — דער מענטש איז נישט קאַ׳ מבין אויף ראַכטיקע סחורה, אָדער ס׳איז אים נישט קאַ׳ גרויסע נפקא־מינה. איך, מאיר כומעס, קען נישט אַזוי, — פלעגט ער טענהן מיט זיך אין די טעג פון זיין גרויסער, שווערער איינזאַמקייט. אַגב, איז דער דאָזיקער קוק שוין זיינס „אַן אַלטע קרענק״, פון נאָך איידער ער האָט זיך אָנגעהויבן חתנען. ערשט אין זיין אַלמנשאַפט קייעט ער איבער דעם אייגענעם געדאַנק. אַ ווייב — פלעגט ער נאָך בחורוויז קנעלן מיט זיינע פריינד — איז גלייך צו אַ טייער זיידן קלייד. דער מינדסטער פּגם אויף דעם איז ווי אַ ריס וואָס לאָזט זיך מער נישט פאַרצירעווען. דריי אַהין דאָס מלבוש, דריי עס אַהער, קיין שום פּאַ־דעם וועט עס נישט גאַנץ־מאַכן...

פון דער ווייטנס איז מאיר רויט דער אַלמן געווען דער מסוכנדיקסטער פאַרפּאָלגער פון די יונגע ווייבלעך, וועמענס נעמען און אַדרעסן אומבאַ־קאַנטע מענטשן האָבן אין זיין שטוב פּזרנותדיק פונאַנדערגעשפּרייט צום אויסוואַל פון זיינע מאַנצבילישע געלוסטן.

— איר׳ט וועלן האָרכן, וועט אייך זיין ווויל ווי די וועלט, — האָבן די דאָזיקע אים אָנגעטאָן חשק, געררייצט זיין נייגיר. — אַ יונגער מענטש ווי איר מעג דען אַזוי אָנוויסטן אַ לעבן, פּאַניע רויט? — האָט מען אים גע־מוסרט מיט בפירושער גינציקייט.

— מענטשן, נישט קיין חפציות און נישט קיין יפת־תואר וויל׳עך — האָט ער געטענהט צו די שדכנים אין די אָוונטן, אונטער דער שיין פון אַן אומהיימלעך־ברענענדיקער שטויביקער לאָמפּ, אַ הענגענדיקע אויף אַ פאַר־קרימטן טשוואָק —, אַן אָרנטלעכע פרוי וויל איך פאַר אַ ווייב, אַ גוטע מו־טער פאַר מיין קינד זאָל זי זיין!

די אָרעמע מענטשן, וואָס האָבן געטאָמלט צו זען אַ גראָשן פאַרדינסט פון דעם שידוך, וועלכער איז קענטיק שוין געפעלן געוואָרןביידע צדדים, איז די גאַל איבערגעגאַנגען, אָבער מאיר רויט האָט זיך אַלץ נאָך נישט

געאײלט. ער האָט קלאָמפּערשט צײט, כאַטש טעג, וואַכן און חדשים לױפן װי דאָס װאַסער, װאָס שטראָמט פון טײך אין ים אַרײן און עס הערט נישט אױף צו פליסן, װאָרן אַנדערש איז סכנות פאַר די מענטשן, אומקום פאַר דער װעלט. מ׳טאָר נישט אַזױ, פּאַניע מאיר, האָבן די באַקאַנטע אים געעצהט „אַ סוף צומאַכן צום לעקן און שמעקן נאָך יעדן װײבל. אַבי זי איז אָרנטלעך און איז אַ מענטש״, די שדכנים האָבן שיער־נישט זיך אָפּגעריסן אױף אים: באַהיט זאָל מע װערן פון אַזעלכענע. װי אין אַ שטײן דאַרף מען אין אַזױ־נעם אַרײנאַקערן, — האָבן זײ זיך באַקלאָגט. לאַנגע אַלמנשע חדשים האָבן געדריקט מאירס געמיט און ער האָט נישט געקענט פאַרטיק װערן מיט זיך. אַ גאַנץ יאָר איז שוין אַװעק זינט נחמהלעס אַװעקגײן און אַ צװײט יאָר האָט אין עלנט זיך געשטעלט אַקעגן מאירן. זײן אײנזאַמקײט האָט זיך פאַרמערט און לאהלע, דאָס יתומהלע איז אַרױסגעװאַקסן פון דער אַמישער ברוסט אַ בלאָס׳ און אַ קרענקלעכס.

װער װײסט װי לאַנג מאיר װאָלט אַזױ געקליבן און גענישטערט צװישן די פּרויען אַזאַ, װאָס זאָל פון זײן דמיון אַרױסרײסן די געשטאָרבענע נחמה, — װען נישט דאָס אומגליק װאָס האָט װידער אַ מאָל געטראָפן זײן שטוב.

אַ פאַרנאַכט. גילדענע שטראָמען ליכטיקער זומער־בלענד האָבן זיך פונאַנדערגעגאָסן איבער בוים און מויער אויף דער ענגער, פאַרשמײעטער אַלטשטאָט און מיט פאַרהױלענע כישוף־פײפלעך האָט די מילדע שײן אַרױס־געצויגן יונג און אַלט אונטער די אַנטשטילטע טיף־בלאָע הימלען. דער הייסער דרויסן האָט אין דער שאָטנדיקער דאַך־שטוב זיך פונאַנדערגעלײגט מיט פאַרעדיקער דושנעקײט. די לופט איז געװאָרן שװער, גלײך פאַרבלאָזע, טונקעלע װאָלקנס װאָלטן אַראָפּגענידערט פון די אומדערגרײכלעכע הײכן. ס׳איז אַזש נישט מעגלעך געװען דעם אָטעם צו כאַפּן. דעמאָלט האָט די אַלטע מינדל פּלוצלינג זיך דערשפּירט נישט מיט אַלעמען. דער גאַנצער אַרום איז געװאָרן ענג, האָט געדריקט אויף איר. עפּעס האָט גענאָגט בײם האַרץ און געװאַסערט אין דער קעל. אין דער שטוביקער טונקלקײט האָט זי זיך מיט אַ מאָל דערשפּירט צו גרױס אין די אײגענע אויגן. „װער בין איך, טאַטע אײנציקער (האָבן געװיספּערט אירע טרוקענע ליפּן) און װעמען בין איך נאָך נײטיק? די קינדער האָבן זיך זײער װעלט, מײן װעלט איז... כ׳זאָל נישט אַזױ זינדיק זײן מיט מײנע רײד רבונו דעלמאָ — — —״ אין הויז איז קײנער נישט געװען. די שטומע, הוילע, אויסגעקרימטע װענט האָבן

זי דערדריקט, און די אַליינקייט איז אויף איר געפאַלן קלאַפּטערווייז, שווער
ווי די בעלקעס וואָס שפּאַרן אונטער דעם געקאַלכטן סופיט. דער פּאַרעל־
טערטער ייִדענע האָט זיך אָט־אָ פאַרבענקט נאָך אַ בראָק געמיטלעכער היי־
מישקייט, וואָס האָט איר שוין לאַנג געפעלט, אָבער געהאַט האָט זי פאַר זיך
קברישע טריבקייט, וואָס שרעקט, פרעסט צונויף דאָס האַרץ. די קרוב זי־
בעציק יאָר האָבן זיך מיט מאוימדיקער נאָגעניש צעצונדן אין אירע אויס־
געלויכטענע, מאַטע, גראָע אויגן; די פולע פּיין און ווייטיקן פון אַלע אירע
ווייב־ און מאַמע־יאָרן זענען פלוצלינג אין איר אויפגעגאַנגען פון דער טיפס־
טער טיפקייט, געשטעלט זיך אַקעגן איר מיט טייוולאָנישער פינצטערניש,
ווי אַ תכריכים־פאַרשטעלטע מיט סטראַשידלע־אויגן, וואָס ראַצן דאָס גע־
הירן מיט אַן אימהדיקן בליק. מינדל האָט זיך אַ וואַקל געגעבן אויף איר
הויכן, דאַרן געשטעל און צוזאַמען מיטן אויסגעדייווערטן גוף האָט זי, אַן
אָנגעדראָלענע, ראַפּטעם זיך אַ וויג־געטאָן ווי אַ ווערבע אין ווינט — דאָס
גאַנצע אָפּגעלעבטע לעבן אירס, אַלע לעסטיקע, געפּלאָגטע צייטן האָבן אין
פּיבערנדיקער דערשרעקעניש זיך צוזאַמענגעקאָרטשעט אין איר ווי אַ וואַ־
סער־וואָרעם אין זיין מושל. „אָך, טאַטע קרוין, אין וואָס פאַר אַ נישטיקייט
דו האָסט אָנגעקליידט דאָס זינדיקע לעבן מיינס, די פינצטערע יאָרן פון
מינדל בת נחום זכרונו צדיק לברכה" — איז די אַלטע זיך פאַרגאַנגען אין
אַ רירנדיקן, וויכן תחינה־געבעט, וואָס האָט זיך אויסגעמישט מיט דער גע־
דיכטער, קלעפּיקער שאָטנדיקייט פון דער עלנטער שטוב אונטערן דאַך.

מחמת דער סומיענדיקער אומהיימלעכקייט, האָט די אַלטע מינדל,
שפּרייטנדיק אין דער פינצטערניש אירע פרומע תפילות, זיך אויפגעשטעלט
פון איר זיץ, מיט בלינדע פינגער ערגעץ דערטאַפּט אַ שאַכטעלע מיט שוועב־
עלעך, געצונדן זיי, ברענענדיקע זיי אַרומגעטראָגן איבער די שאָטנדיקע
ווענט און אַזוי אַרום צעטרייבערט די אָנזיקנדיקע פאַרנאַכטיקייט, וואָס האָט
אין דער בוידעם־שטוב אַריינגעדרונגען געדיכטער, האַמעטנער ווי אַנ־
דערשווו. וואָס זי האָט געזוכט מיט די געצונדענע שוועבעלעך אויף די
טונקל פאַרזונקענע ווענט, האָט די אַלטע נישט געוווסט; אין איר חושכדי־
קער אָנונג זענען אויפגעשוווּמען פאַרקלונגענע בילדער פון אירע טאַטע־
מאַמע, וועלכע זענען שוין זיבט גראָז־פאַרוואָקסענע צייטן אויפן עולם־
האמת און די קינדער, וואָס געפינען זיך ווייט פון איר, האָט זי געזען. דער
אַלטערס אויגן האָבן זיך אויפגעריסן אַקעגן דער פינצטערניש, זי האָט אַ

מבולבלע גענישטערט מיט די גליאיקע בליקן. רק אויף ווענט האָט זי זיך אָנגעשטויסן, און אויף די־אָ ווענט, וואָס רעכט דערזען אַלטע, הילצערנע, געקאַלכטע, האָט זי קיין שום היימישס נישט געטראָפן. ס׳איז מער נישט איר וועלט, די אָקערשטיקע וועלט אין וועלכער איר מאיר האָט זי אַריינגעבראַכט. ווי, געקומען די צייט ווען די מאַמע ווערט אַן איבעריקע! אַ נשתוממע אויף דער אַנטפּלעקונג, וואָס זי האָט אומגעריכט דערווישט אַרום איר מענטשלעכן געביין, האָט די אַלטע אָקערשט דערזען אַ נעסט פון פויל־פויזנדיקע ברוי־נע וואַנצן; זיי האָבן זיך אַ באַוועג־געטאָן אונטערן פלוצלינגן אויפשיין פו־נעם ברענענדיקן העלצל און, דאַכט זיך, ס׳האָט זיך געלאָזט הערן אויך אַ קלעפּיק שורשן פון אַזאַ מיגלדיק ווידמעכץ אונטער פאַרדאַרטע האָלץ־פלאַסטן.

אַן אומבאַגרייפלעכע אימה איז באַפאַלן דאָס אַלטע ווייב פון פאַר־שטאָרבענעם רימער ר׳ בערל קינסקער און אַן ווילן האָט זי ווידער גענומען פרעפּלען פרומע ווערטער פון דער הייליקער תחינה, געוויספּערט און זי האָט אַלץ געצונדן שוועבעלעך — אין דרויסן האָט די שקיעה דעם לעצטן שימער געגעבן; אירע קנאָכיקע הענט האָבן מעכאַניש דערווישט די נאַפט־מאַשינקע, צוגעלייגט דעם שפּליטער פיאַלעטן פייער צו דער אָפּגעסמאַליע־טער שטייפער קנויט. זי׳ט זיך אַ ביסל היימלעכער מאַכן, האָט די זקנה אַ טראַכט געטאָן, מיט אַ שלוק וואַרעמען טיי — און געפירט דאָס שוועבעלע איבער דער ברייטער קנויט פון דער קאָך־מאַשינקע. אומגעריכט האָט דער באַגערטער פלאַם ברייט, גאָר ברייט זיך צעהעלט, לייכט אַ סיקע געטאָן, דערויף אויפגעשאָסן מיט אַ פאַרציקנדיקן קנאַל און מיט גיר, ווי מיט פלינקי־פלינקע פינגער אַרומגעכאַפּט דאָס קאָפּטל פון דער פאַרטומלטער ייִדענע. מיט אירע פאַרשטייפטע הענט, וואָס האָבן זיך אָט־אָ געבריט אינעם פלאַם וואָס האָט אייליק זיך געוויקלט אַרום איר ווי אַ בלאַלעך־רויטער באַנד, אַ לעבעדיקער באַנד אַזאַ באַלד געלעקט איר פאַרמעט־אויסגעטריקנטן האַלדז, געצויגן זיך צום פּנים, — האָט די אַלטע מינדל אין בהלהדיקן שוויגן אַז קיי־נער זאָל נישט זען איר חרפּה, געריסן פון זיך דאָס קלייד און דערנאָך — אַליין נישט הערנדיק איר קול — האָט זי אימהדיק זיך צעשריגן:

— וויי־יי, וויי־יי, גע־וואַ־אַלד!

— מי־ינדל, וואָס טוסטו מינדל! — האָט זי באַלד געאָכצט, געסאָפּעט און

גערייסן זיך מיטן קול אין די אויפגעצאַפּלטע קוואַלן אַריין פון די פּחדים וואָס דרימלען אין דעם מענטשישן נפש.

אַליין נישט געוווּסט וואָס זי טוט, געשטויסן פון אַן אינסטינקטיווער קראַפט, וואָס איז אין איר אויפגעקומען, איז די זקנה, נישט צו פאַרגלייכן ווי אַ פלאַקערנדיקער בעזעם, אַרויס אין פוסטן קאָרידאָר, אַרויסגערוקט דעם ברענענדיקן קאָפּ האָר פון דער נידעריקער דאַך־עפענונג, וואָס אין פירהויז, און אַ באַנומענע, מיטן פולן גאַרגל, מיט אַלע אירע כוחות געשריגן גלייך אַ המון פויערן וואָלט זי באַפאַלן:

— מע־עענ־טשן, מעעענ־טשן! ראַאַ־טע־וועט! ראַטוי־ציע!!! — און אַ ווײַלע שטיל געוואָרן, געוואָרפן מיט די פאַרזונקטע ליפּן ווי אַ פיש אויף דער יבשה. די פלאַמען האָבן שלאַנגיש זיך באַוועגט איבער איר, געביסן זי און די וואַכע שרעק האָט זי געצערט, איינגעמידט. די אויגן זענען איר שטעכיק פאַרפרישעט געוואָרן, זי האָט קנאַפּ געזען אַרום זיך, זי איז געוואָרן בלויז בהלהדיקע שפּירונג און ס'איגענע געשריי איז געשטאַנען אַקעגן איר מיט אויפגעשוואָלענע, פלאַקערנדיקע ווייסלעכער:

— וואָס טוט זי, וואָס טוט זי, מינדלי! — האָט די זקנה זיך געביסן די דינע ליפּן, אין דער שטיל אַריינגעביסן אין זיך דאָס געשריי פון איר חרובן קיום, וואָס האָט געיאָמערט מחמת זיין נאָענטן פאַרגיין.

זיילן רויך און שפּיציקע פלאַמען האָבן, ווי די ווערק פון אַ צויבערער, פאַנטאַסטיש זיך אויסגעמישט אינעם דושנעם, טונקעלן חלל פון דעם פירהויז; פליסיקער פיאָלעט און רויט און שוואַרץ האָבן זיך געשפּרייט אונטער די פּרוכנע קראָקוועס, געלעקט די געקאַלכטע בעלקעס און ברעטלעך פון די הויז־קאַמערן און ווי אַ מענגע האָלצפּיקערס געפּרעסן די דורותדיקע הילצערנע טריקעניש.

אָבער אַרום די קעמערלעך, אין וועלכע עס האָדעווען זיך חמרימווייז אויסגעפּאַשעטע מייז (צווישן קלומפּנס הענגענדיקן גראָבן שפּינוועבס), איז נישטאָ קיין ילוד אשה וואָס זאָל לויפן ראַטעווען אַ ברענענדיקן מענטשן־דאָרן. איז די אַלטע מינדל אַ פאַרחלשטע מיט דער משא פון איר אָנמעכטי־קער פאַרמאַטערטקייט, מיט איר האָדערדיקן לייב שווער אַראָפּגעזונקען אויף דער קויטיקער ערד פונעם חושכדיקן קאָרידאָר און אַנגסטלעך, באַוווּסטלאָז, מיט קוים־באַוועגנדיקע לעפּצן יאָושדיק געהעשעט:

— ווײַ־ווײַ, וואָאָס טו עך — אוי־מיר!...

מחמת דעם גרויל, וואָס איז אָנגעגאַנגען אויף איר נשמה, האָט זי נישט געקענט אויסשרייען דעם געשריי פון די יסורים, וואָס האָבן זי געשטיקט פונעם פלוצלינגן בראַנד. זי איז רק געלעגן ווי אַ צעקראַמפּטער באַרג ווייטיק און געקרעכצט.

דער הויזוועכטער, דער וואָרהאַפּטיקער גוי אַדאַם, איז אַן אמתער גזלן, אַ קאַלטער לונג־און־לעבער. נישט ער ווייסט וואָס פאַר אַ גרויסקייט פון דער געטלעכער יצירה עס איז אַריינגעהויכט געוואָרן אין אַ מענטשן־געשטאַלט און נישט ער פאַרשטייט מער ווי צו האַלטן דעם בעזעם אין האַנט. אַ פּראָסטער חי־וקיים, האָט דער גוי אַדאַם מיט זיינע שיכורע שליפּיעס אויפגעהויבן דעם קאָפּ צום מיאומדיקן געשריי וואָס טראָגט זיך פון די הייכן, באַמערקט פייער־צונגען פון דאַך־פענצטערל, האָט זיך אים אויסגעדאַכט אַז ס'איז אַ בילע־וואָס, אַ חוזק אַזאַ, עמעץ שטעקט אַרויס אַ לעקער אויף עמעצן, און אפשר מיינט מען גאָר אים? — איז אים איינגעפאַלן. אָבער וועמען אַרט עס! — האָט זיך אותו־הרגע געבאָמבלט אין זיינע געהירן, אלא וואָס? אויף טשיקאַוועס איז כדאי אַ קוק צו טאָן. פּאַמעלעכקע געהויבן די פיס האָט אים שוין אויף די העכערע געדרייטע טרעפּן אַ האַרבקייט אַ דריי געגעבן אין דער נאָז. „פּע, רויך. אַ טשאַד הערט זיך, דאָ כאָלעריו!" ער האָט געשנויפּלט אונטער די וואָנצעס און דאָך געקראָכן ווייטער אין געדיכטן רויך אַריין. ענדלעך דערזעען פלאַמען אין פירהויז, האָט ער פלינק זיך דורכגעריסן דעם שטיקנדיקן טשאַד און רויך, וואָס האָט שוין העפטיק געגעסן זיינע אויגן; געכאַפּט אויף גיך אַן עמער וואַסער און אַ גיס געגעבן אויף די ברענענדיקע קאַמערן, באַלד אייליק אַראָפּגעלאָפן ברענגען נאָך אַן עמער וואַסער, נאָך אַ כליאַפּ געטאָן. אַ געדיכטער דאַמף האָט אים אַקעגנגעזעצט פונעם אָרט ווו ס'זענען געווען די אייבערשטע קאַמערן. העכער זיך אַרויפגעקראָגן, האָט ער ערגעץ מיט די טאַפּנדיקע הענט דערווישט אַ שווער הילצערן פּאָמעשאַף אין מאירס צעפּראַלטער שטוב און מיט דעם אַ כליאַפּע געטאָן אויף די טליִענדיקע קראָקוועס. דעריאַכמעט זיך מיטן לויפן הין און הער, אַרויף־אַראָפּ מיט די עמערס, האָט אַדאַם אין פאַרטועונקייט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די מאַרינאַרקע, מיט איר צוגעדישעט די פאַרשייטע פלאַמען און אָפּגעווישט דעם שטערן מיטן אַרבל פונעם העמד. מיד געוואָרן פונעם סכנהדיקן שטיקל אַרבעט, נישט געקענט בייקומען די בייזקייט פון די היציקע פלאַמען און דעם צעפלאָשעטן רויך וואָס האָט געדיכט געשטויסן, גע־

וואָרפן זיך אים אין פּנים אַריין, געביסן זיינע אויגן, איז ער, דער רויער לונג־און־לעבער, שוועב צוריק אַראָפּ אויפן הויף, ווידער פּאַרריסן דעם קאָפּ צום דאַך־פענצטערל. געזען, ס׳ווייזן זיך נישט מער אַרויס די בושע־ווענדיקע פייער־צונגען, האָט ער זיך ערשט פינצטער צעשאָלטן אויפן קול, גלייך עמעצער וואָלט אים געהערט אין דעם הויף, וואָס איז לויטער טויבע ווענט.

— כאָלעראַ!

— פּשיאַ קרעוו!

— נאַ האַלבקען ניי דאַיאַן!*) — שטינקען אַן און גייען אַוועק צו אַל די שוואַרצע יאָר! אָפּגעטראָגן זיך ערגעץ אַלע, לאָזן אַלץ אויף דעם בידנעם אַדאַם, פּשיאַ קרעוו! — ס׳האָט נאָכגעלאָזן אין דעם סטרוזש דער כעס און ווי אין מיטאַמאָליקער פאַרגעסנקייט האָט ער זיך נאָכגעוואָקלט דעם אויס־דריוולענדיקן געמורמל פון זיין געדאַנק. אין דער פינצטערער לערקייט פון דעם ראַגאָוון הויז וואָס איז נאָך דעם געזונקען אין אומהיימלעכן גליווער, האָט שטיל און לאַנג זיך נאָך געצויגן דאָס יאָמערלעכע קרעכצן פונעם צע־קנוידערטן, דאַרן בינטל נערוון, אַ געפּאַלנס אויפן ברודיקן הילצערנעם דיל פונעם אומבאַוווינטן פירהויז. אַרום האָט זיך געשפּרייט אַ געדיכטער, ביי־סיקער טשאַד פון פאַרדושעטן פייער אויף טראַנטעס און צוגעסמאַליעטן פלייש.

*

ווען מאיר איז אַהיים געקומען אַן אָפּגעהאָרעוועטער פון גאַנצן אומגע־געסענעם טאָג, האָט ער זיך צונויפגעטראָפן פּנים אל פּנים מיט דער אומ־היימלעכער געשעעניש.

...אויף דער מאַמען האָבן נאָך געטליעט די לעצטע פעדעם פון דער ספּודניצע; בלויז אַן אַרבל פון קאָפטל איז געבליבן אומגערירט פונעם פיי־ער, וואָס האָט אין דער פינצטער־סווישטשנדיקער לערקייט פון דער בוי־דעמשער פאַרלאָזנקייט פאַרשייט צעבראָטן דעם גוף פון דער אַלטער — —

— מאַמע, מיין מאַמע, — האָט ער פּלוצלינג אויסגעשריגן — זע מיין אומגליק!

*

---

*) אויף אַ פּלעשל בראָנפן גיבן זיי נישט.

דער טאָג פון דער לוויה איז אויסגעפאַלן אַ טריבער. אַ דין רעגנדל, אַ שפּיציקס, אַ שטעכיקס — גאָר נישט קיין זומערדיקס — האָט לאַנג גע־שפּרייעט און דורכגענעצט די כאַלאַטן פון די פיר באַיאָרטע זין נעבן דעם לאַנגן, שוואַרצן אָרון, וואָס האָט אויף אייזן־געקאָוועטע רעדער זיך געקיי־קלט איבער די ברוקשטיינער פון גאַסן. שווער האָט דער טרויער זיך געבוקט אונטער דער לאַסט פון אַבלדיקן, כמאַרנעם הימל.

— — — — — — — — — — — — — — — —

די הויט־רונצלדיקע שטילקייט אַרום דעם פריש־צעגראָבענעם קבר איז צעטרייסלט געוואָרן פונעם אומגעריכט אויפגעזונגענעם שאַרף נאַגנדיקן „יתגדל ויתקדש״; דאָס האַרץ־קאַרטשנדיקע ווידערקול האָט זיך געשפּאַרט צו די ווייטלויפנדיקע קברים־סטעזשקעס פון ריינעם פעלד און אַ פלוצלינג אָפּגעבראָכנס זיך פאַרלוירן צווישן געצוויג פוןביימער און קוסטעס.

פיר טונקעלע געשטאַלטן מיט געזונקענע קעפּ האָבן געגליווערט אַרום דעם פריש־אָנגעהויפטן בערגל פול גרודעס. ערגעץ אויבן, אונטערן רעגן־אָנגעשוואָלענעם הימל האָט זיך געבראָכן אַ צווייג נאָך אַ צווייג און אונטער די פיס פון די מלווים האָבן גליטשיק געשאָרכט צעטראָטענע בלעטער.

...פון בית־עולם זענען די פיר ברידער אַן אַ וואָרט רעדן, מיט ווייטיק אין די אויסגעטערטע העלדזער, פּאַוואָליע אַהיים געגאַנגען. זיי האָבן, אָפּ־געפרעמדטע, זיך געשלעפּט ווי נישט אויף אייגענע פיס און דעם גאַנצן לאַנגן וועג מיט פאַרקלערטע, מוטנע אויגן געגנישטערט איבער דער בלאָטי־קער ערד, ווו עס האָבן געבאָלבעט שווער־פאַלנדיקע רעגנטראָפּנס.

די אָבל־שטוב, וואָס ביי מאירן אויף די הויכע, געדרייטע שטיגן, איז געשטאַנען אַ ליידיקע מיט שרייאיקער שטילקייט, וואָס האָט געלעכערט דעם קאָפּ. אין פאָדערשטן אַלקער איז, ווי אַ זכר־לחורבן, אויף דער וואַנט אַנט־קעגן דעם פענצטער, געשטאַנען אַ לאַנגער, געדיכטער סאַזשע־פּאַס, וואָס האָט זיך פאַרריסן שוואַרץ געצויגן טיף אויפן פולאָפּ אַרויף. די נאַפט־מאַשינקע, אַן איבערגעקערטע אַזוי אַז מ׳האָט געזען נאָר צוויי פיסלעך אירע און אַ באַק פון איר פלאַטשיקן בעקן, האָט אַ פאַרקאָפּטשעטער געיעלהט אויף איר עלנט. צעוואָרפענע, פאַרשעמטע ווי אויסטערלישע, לאַנג־דורכגעווינטיקטע חור־בות, זענען די בעטן מיט ברודיק בעטגעוואַנט און העזהדיק־סטאַרטשנדיקע שפּיצן פון קישנס אין רויטן איינשיט געשטאַנען קעגן גראָען טאָג, וואָס

האָט אומדרייסט אַריינגעבלינצלט אין די קליינע הענגענדיקע פענצטער אַריין.

אַנטקעגן דעם־אָ מעמד האָט זיך אַוועקגעשטעלט דער שווערער טרויער פון די פלוצלונג־פאַריתומטע.

נישט צו האָבן ווו אַהינצוטאָן די הענט, נישט צו וויסן וואָס צו טאָן מיט זיך, זיצן די פיר ברידער, באַיאָרטע יידן, וועלכע האָבן אָקערשט באַגראָבן די לייבלעכע מאַמע און זיי דרייען זיך אומבאַקוועם אויף די פיסנבענקעלעך. יעדער האָט אויסגעמיטן דעם בליק פון צווייטן און איטלעכער פון זיי האָט אין משך פון די לאַנגע, איבלדיקע און טרויעריקע טעג פון שבעה דאָ אַ קרעכץ געטאָן אין חלל אַריין מיט אַ פרומען „אָ ווי, טאַטעליו דער באַרעמ־דיקער”, דאָ אַ נודנע גענעץ געגעבן. גאָר לעסטיק איז געווען וואָס אָט באַ־געגנט זיך אי מיט אַ ברוגזן, אי מיט אַ תחנונימדיקן בליק פון די אַרומזיצנ־דיקע אויף די נידעריקע געזעסן —

גלייך אַהרן־יאָסעלע, דער עלטסטער, וואָלט זיי אַלעמען שולדיק געווען אין דער בראָך;

גלייך דודל וואָלט געווען חייב דערין וואָס אַהרן־יאָסעלע איז פון אַלע ברידער אַרויסגעשפּרונגען אַ גביר אַ חזיר;

אַקוראָט מאירל, דער גראָבער פּאָנץ, וואָלט אומיסטן געברענגט ס׳אומ־גליק אויף דער כשרער מאַמען;

אַקוראָט לייבושל, דער קאַלטער לונג־און־לעבער, וואָלט געווען צו־פרידן וואָס מיט דער לוויה האָט ער שוין אָפּגעפּטרט אַן אייביקן עול...

די מאַמע! תמיד האָט אַ ברודער דעם אַנדערן אויסגעשטאָכן די אויגן, געלעכערט דעם קאָפּ מיט מאָנונג, מיט מוסר: „געדענקסט כאָטש? ס׳איז אויך דיין מאַמע! די מאַמע, די מאַמע, דיין מאַמע, מיין מאַמע. צו וואָס זאָרגן זיך אַז זי באַדאַרף האָבן אויפן לייב אַרויף אַ ניי שטיקל קאָפּטל, מ׳מוז דער מאַמען לאָזן אונטערנייען די ווינטערדיקע שיך? תמיד זאָל מע הערן אַן אָנזאָג: די אַלטע הוסט, מ׳דאַרף געבן צושטייער אויף אויסצוקויפן אַ רפואה. אַ דאָקטער! רפואות זענען צו טייערע זאַכן פאַר אָרעמע קעשע־נעס”. — מנע, נאָר צו מיר טשעפּעט מע זיך! — פלעגט לייבושל זיך אָפּ־שאָקלען. — נישט געטראָפן צו אַ גרעסערן נגיד, דו?... — האָט ער פאַר־צויגן די נאָז — וואָסי, דער בכור האָט אַ פּראָווע צו בלייבן שטענדיק אַ דבר־אַחר? טרעפסט נישט, מאיר, צו נ׳עים, כ׳בעט דיך. זאָל עס עים נישט

אָנקומען אַזוי לייכט, — האָט דער ייִנגסטער זיך געכעסט — ווער ׳עט עס דערלאָזן דערצו. אויב די מאַמע האָט׳ן נישט געלערנט קאַ׳ דרך־ארץ, ׳על׳ן מיר עים וואַזן וואָס ס׳קער זיך אָן מיט עים. צום בית־דין על׳עך ריפן אַזאַ גראָבן פליגל!

די בייזע בליקן, מיט וועלכע די באַיאָרטע יתומים האָבן זיך באַגעגנט אין די שבעה־טעג האָבן זיי טאָקע אויפגעקאָכט, אָבער אויך שטום געמאַכט.

אין נישט געלופטערטן פייכטן חלל איז אין די דאָזיקע לאַנגע טעג געשטאַנען די איינעסנדיקע שטומע פרעגעניש: „ווער איז שולדיק? וואָס האָסטו זיך אָנגעהאַנגען אין מיר?!״

האָט געצאַנקט דאָס נשמה־ליכט, מ׳האָט אינעם לייכטער געדאַרפט אָנ־טריפן אַ צווייטס, האָבן די ברידער חס־ושלום אויך קיין וואָרט נישט אַרויסגעבראַכט; בלויז מיט פרומען באָסט האָט עמעצער פון זיי נאָר אַ זיפץ געטאָן אין דער וועלט אַריין, כדי נישט מפסיק צו זיין פון דעם אָנ־געררויכערטן, זויערן שווייגן:

— „ני־ני־יוּ!״

עקשנען זיך דאָ איז נישט געווען קיין שכל. האָט מאירל איטלעך מאָל זיך אויפגעשטעלט פונעם איבערגעקערטן קעסטעלע און אָנגעצונדן אַ פריש ליכט.

„אָסור, צי ס׳איז דאָ אויף ווענען זיך אומצוקוקן״, איז אין אים גע־קראָכן אַ נישט־ניחאָדיק געדאַנקל.

אויף ביי נאַכט האָבן די פיר ברידער זיך אויסגעבעט פיר באַזונדערע נעבעך־געלעגערס, אויסגעסדרט זיי אין די סקריפנדיקע, הילצערנע בעטן און אויך אויפן טונקעלן דיל.

III

שרעק

די פלוצלינגע מהומה, וואָס איז געהאַט געקומען פון דער בוידעם־שטוב, האָט צעטרייסלט די פאַרלעגענע שטילקייט פונעם ראָגאָון הויז. דער מיטאָ־מאָליקער סכנה־רוף פון אייבערשטן גאָרן וואָס האָט זיך געריסן פון דער דאַך־

עפּענונג: „ראַטעוועט!" האָט די טונקלוואַטע קאָרידאָר־חללס פון דער מויער אָנגעלאָדן מיט אַ שווערער אומבאַשטימטקייט און זיך געדריוולט, גע־זונקען אין מידן פאַרנאַכט אַריין. דעם סטרוזשס פוילער ענטפער אַרויפצו, צום שטאַרק רייכערנדיקן דאַך־פענצטערל, זיין „פּשיאַקרעוו" פונעם קליי־נעם הויף, האָט אַ קנאַל געטאָן, זיך געהערט מיט אַ האַרבקייט ווי פון אויס־געשאָסענעם שוועבל. אין דושנעם דעמער האָט דער טומל זיך געבאָמבלט עלעהיי אויף שיכורע פיס און אַ וואַסערדיקן קאָפּ און אַזוי־אָ צוגעפּאַלן צו דער מאָך־פאַרוואָקסנקייט, וואָס אויף איר האָט זיך געהאַלטן פאַן סמאָלעקס געהייז.

איבערגעשראָקן פונעם געשריי, וואָס האָט זיך דערקייקלט צו אים, האָט דער באַלעבאָס זיך אַ וועק געטאָן פון זיין זיקנה־שוואַכקייט. ר׳ וויס שוין, ס׳איז זיינס אַ פּעקל. מיט שלעפּטריט זיך אַרויסגעשאַרט אַריבער דער שוועל פון זיין בכבודיקער דירה און ווי אין ענטפער אויף דער סכנה, וואָס זעצט מיט רויך פון דער הייך, האָט ער אויך גענומען שרייען:

— פּאָאָ־זשאַאַר! פּאַ־אָאָאָ־זשאַאַ־אַאַר!

— ראַ־אַ־טוי־וי־ויציע! עס ברע־עענט!

...ביי דער צעפּראַלטער נגידיש־גלאַנציקער טיר פון זיין שטילער דירה האָט זיך געהאַט צעליאַרעמט דער באַלעבאָס פונעם ראָגאָוון הויז וואָס אויף אַלשטאָט: — פּאַ־אַ־זשאַאַר!

געטריבן פון זיין גאָרער שרעק, מיטן גאַנצן ביסל כוח וואָס אין אים האָט געריסן דאָס מויל דער לאַנג־פּנימדיקער סענדער סמאָלעק מיטן געפּלעגטן, גראָלעכן בערדל. דאָס אייגענע געשריי האָט אים רגעוויז געשטיקט, די דין אויסגעגאַרבטע באַקן אָנגעגאָסן מיט אַ פּאַפּירענער רויטקייט. ער האָט זיך פאַרהוסט, דער חשובער באַלעבאָס פון דער יוסטער אַלטשטאָט און פון ס׳ניי, אין מער דערוועקטער סכנה, גערופן אויך היגטערווייַלעכטס, אין דער פלייצע אַריין פון ענג־איינגערינגלטן פאַר נאַכט וואָס איז געבליבן פּאַזע די ברייט־אָנגעפּאַלדעוועטע פענצטער־גאַרדינען; געשריגן אין באַנומענקייט, אומרואיק געקוקט צו די נאָענטע הילצערנע טרעפּן, אָבער קיינער האָט זיך נישט געוויזן. אויסגעפּגרט אַלע! — און צעביסן זיך די ליפּן. אַפילו יעטע איז ערגעץ אויסגערונען! סענדער סמאָלעק האָט זיך גאָר־גאָר איבערגע־שראָקן פאַרן געשעען האַרט איבער זיין וווינונג. „אַ שריפה! ס׳איז אַן אימה־דיקע זאַך! — האָט ער זיך שוין צעבורטשעט, גלייך עמעץ וואָלט געשטאַנען

דערבײַ. — מ׳קען אָפּגעווישט ווערן אין אַ מניה וביה״, און אויפגעציטערט דערפֿון: פֿײַער שפּריט זיך איבער זײַן קאָפּ, ס׳ברענט זײַן לײַב און לעבן! אַליין אַרויפצוהייבן זיך אין דער הייך אַרויף, איז ער נישט געווען בכוח און ס׳איז אים אויך נישט אָנגעשטאַנען, דעם אָנגעזעענעם באַלעבאָס פֿון דער מיסחרדיקער געגנט. קראַנטער זיך נישט צו ווייזן צווישן געמיינע לײַט; ר׳איז געוווינט אַרײַנגעפֿאַלן, מוז האָבן מחזקות מיט זיי, פּירן חשבונות, פֿון דירה־געלט, וואָס זיי טוען קוים קרימע־דקראַצן. ס׳גלײַכער צו שווײַגן זיך דעם כבוד — האָט ער מעדיטירט בשעת הדחק. — אַצינד צאָלט ער רעכט רבי־געלט. פֿון שמאַטאַזשעס זאָלסטו קיין זיידנצײַיג נישט דערוואַרטן, האָט ער זיך אָנגעזאָגט איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל. ער איז דאָך גבאי פֿון דער רײַ־כער אַלטשטעטישער שיל!

דערהערט לסוף פֿון אַדאַמען דעם סטרוזש אַז טאַקע אין דער הייך, אין זײַנע פּאַצעיאַטקעס איז עס געשען, אונטער די שיפּע בעלקע־סופּיטן בור־שעווען נאָך פּלאַמען, איז ער געוואָרן נערוועז, גענומען פֿיבערדיק מאַכן מיט די ליפּן, געוואָלט נאָך שטאַרקער שרײַען. אָבער ס׳געשריי האָט נאָר געזאָטן אין אים, ס׳האָט זיך כלל נישט אויסגעשריגן דער כוח וואָס האָט געשפּאַרט פֿון אים; ס׳איז געבליבן שטאַרן אין דער קעל און ממש געשטאָכן אין דער ברוסט. דערויף האָבן זיך זײַנע קליינע אויגן משונה צעפּינטלט אינעם צע־קאַרבטן פּנים: „נאָך דאָ פּלאַמען, זאָגסטו, אַדאַמיע?״ און זײַנע הענט האָבן זיך אַ צעפּלאָשע געטאָן ווי פֿליגל פֿון אַן איבערגעוועקטן פֿויגל, זענען צו־געפֿאַלן צום קאָפּ, געדריקט מיט זיי די שלייפֿן: אוי, אוי!

— אַ באַבע, אַן אַלטע ייִדישקע ביים פֿאַן מאַיאָרעק האָט זיך אָנגעצונדן ווי אַ שטשאַפּע קין, — האָט דער גוי זיך אַ וויג געגעבן פֿאַרן פּנים פֿונעם באַלעבאָס. אוממעגלעך צוצוגיין צו איר. וויפֿל וויאַדרעס וואַסער כ׳האָב אויסגעכליאָפּעט אויף דעם פֿײַער, אַפֿילו די פּאָמעניצע שוין אויס־געגאָסן, געוואָרפֿן פֿייכטע וואַשטיכער, און עס העלפֿט נישט. ס׳קלייד פֿלאַמט אויף דער אַלטער, די האָר שרפֿענען, טליען, און זי קרעכצט, וואַרפֿט זיך. אַרום זעצט, ס׳דישעט אַ רויך פֿון שמאַטעס, פֿון פּרוכנע. מ׳ווערט בלינד פֿון רויך, באַלעבאָס. לאָמיך נישט שטיין פּלאַפּלען, — האָט אַדאַם נאָך אַ מאָל זיך אַ וויג געטאָן אַקעגן אַלטן און ראַפּטעם זיך אַראָפּגעלאָזן צום ברייטן הילצערנעם טויער אויסטומלען די בהלה, וואָס דער פֿאַרלוירענער אָנבליק פֿון דעם פּאַן האָט ערשט רעכט אָנגעווינטיקט אויף אים. „ס׳קען אַלץ וואָס

דו זעסט, אַוועק מיט די פלאַמען. איך, דו, הערסט? אויב נישט איילן זיך, וועט מע ביי קיין שפענדל נישט בלייבן — — — דערבאַרעם זיך, אַדאַם!״

— און זיך שיער נישט צעווייַנט, דער פאַן.

— פאַלי שיען! ס׳בררררעע־עעענט! ס׳ברעעעע!

אַ נשתוממער איִבער זיך אַליין האָט דער סטרוזש זיך צעשריגן פון דער מהומה וואָס דער פאַן סמאָלעק האָט אין אים צעבלאָזן. ער האָט אַפילו גע־פרוווט אַ לויף טאָן אַרויס אויפן איינגעשטילטן מאַרק, אָבער באַלד זיך צו־ריק געצויגן, ווידער זיך אַוועקגעשטעלט ביים טויער און געשריגן מיט אַ טויב קול:

— אַ פייער! ס׳בררע־עעע־עעענט! — און פאַרקוועטשט די אויגן.

אַ מבולבלער האָט דער גוי אומגעלומפערט געוואָרפן מיט די הענט, גערופן אין גאַס אַריין, געלעקט זיך די פאַרטריקנטע ליפּן און נישט גע־ווּוסט וואָס מיט זיך צו טאָן ווייטער. ווער׳ט אים דאָ הערן אין אַזאַ שעה? מענטשן אויף אַלטשטאָט איז שוין נישט צו זען, סיידן דורכגייערס אָדער אַ מידער וואָס האָט זיך אָן כוחות אַראָפּגעזעצט אויף אַ טרעפּל פון אַ פאַר־מאַכטער קלייט. די סקלאַדעס פון אַלטשטאָט זענען שוין געווען פאַרשלאָסן אויף גרויסע אייזערנע פרענטן. אויך די בירשענק פינצטערט איין באַנאַנד מיטן האַנדל. ווייזט זיך נאָך אַ מענטש, איילט ער אַראָפּ פון אַ לעצטן שטיי־נערנעם טרעפּל וואָס היט אַ געשלאָסענעם מעלסקלאַד. עס רוען די קלייטן פון קאָלאָניאַל־סחורות, אָנגעפּאַקטע מיט פּיראַמידעס קעסטלעך געפּרעסטע פייגן, קאַסטנס ראָזשינקעס, שעפּטאַלן, בערג מיט זעק ניס און אָנגעטורעמ־טע בלעכערנע עמערס מיט מאַרמעלאַד, פּאָווידלעס, טונען סיראָפּ, האָניק; זיי וואַכן, די פאַרקאָוועטע טירן, די שטומע שטיגלעך אויך איבער די טיפע קילע קעלערס פולע מיט אימפּאָרטירטע גערייכערטע פישן, לאַקס, שפּראָטן, סאַרדינען. ערשט שטומט דער פאַרהאַוועטער מאַרק, דער שפּייזער פון דער גרויסשטאָט און פון די אַנדערע שטעט וואָס כאַפּן זיך אויף להוטע נאָך אַ פרעס, אַ נאַש. פאַלט צ׳ו די נאַכט, ווערט די אַלטשטאָט אַ געשרומפּן קליין מאַרקל מיט טייל גלימערנדיקע אייבערשטע פענצטער אין דרויסן אַרויס. דער עיקרשט גאַפּט דאָ אַ פאַרשטומטקייט פון פאַרשטשעמעטע ציין. טראָגט זיך דורך אַ ראַפּטעמדיקער גערויש, איז עס פון אַ טראַמוויי וואָס אין זיין גאַנג כריפּעט ער איבער אויסגעריבענע אייזערנע שינעס. די וויסטע מערכה פון דער אָרעמער יִדענע, וועלכע איז אַרומגעכאַפּט געוואָרן פון בייזן פלאַמ־

פּייער, האָט נעבעך געוואָלט אַז דאָס מאלעער זאָל געשען ווען אַלטשטאָט איז שוין געשטאַנען אַן אויסגעלאָשענע, אַ מידע נאָכן לאַנגן טאָג האָרעוואַ־ניע. בכלל האָט אַלטשטאָט נישט דאָס געמיט צו גיין „אויף בייזוווּנדער" און זי האָט נישט קיין צייט צו גאַפן אויף נייעסן וואָס טרעפן אָפּט אין אַ גרויס אָרט. די לייט „נעמט" עס ערשט דעמאָלט ווען זיי זעען, נישט געדאַכט זאָל עס זיין, אַן אומגליק, ס׳ווערט פאַרגאָסן מענטשלעך בלוט אָדער אַ נאָגלע טויט קומט חלילה אויף וועמענען. עס זאָל אַזוי נישט טרעפן, ווי ס׳טרעפט אין אַזאַ כרך, אָט ווי אָקערשט אַנומלט. אין סאַמע מיטן גיין אין אַ געוועלב אַריין פון וועגן אַן איינקויף פון סחורה, האָט זיך אָפּגעריסן ס׳האַרץ ביי אַ יידלטשינע מיט אַ ווויל פרום פּנים. מן הסתם פון אַ ווייטן מקום געקומען. מ׳האָט עס דערקענט אין זיינע יוכטאָווע שטיוול, פאַרשטויבטע פון די פּוי־לישע טראַקטן און ס׳איז געווען משער צו זיין פון זיין פאַרסאַרגעטער קאַ־פּאָטע. געגאַנגען און אַנידערגעפאַלן אין מיטן גאַס. מ׳בייגט זיך אַריבער צו אים, מ׳רעדט צו אים, מ׳רופט אים, אָבער ס׳איז באַלד נישט געווען מיט וועמען צו רעדן! אָ, דעמאָלט מאַכט זיך אַ צערודערונג אין די קלייטן ווו ס׳ברענען די לאָמפּן אויך אין מיטן טאָג און עולם נעמט אַרויסלויפן זען, אפשר וועט מע דערקענען דעם מענטש, וואָס האָט אַזוי טרויעריק אָפּגע־דאַנקט; און אפשר וועט מע נאָך קענען עפּעס העלפן? אין סאַמע ברען פון פּדיון, פון איינפּאַקן פּעק קאָלאָניאַל־סחורות, פון אָנלאָדענען אויף פורן זעק און קאַסטנס, נעמט מע זיך צייט צו לויפן ראַטעווען, העלפן אַ מענטש. אַלץ בלייבט שטיין און גיין און מ׳לאָזט פאַלן אַ זיפץ:

— איי, וואָס מ׳איז אין גאַנצן ווערט! דער מענטש האָט זיך אַ סך איינ־צורעדן, העי? גיי, רייס אין די וועלט!

דער אמת איז אַז אַלטשטאָט האָט נישט קיין צייט צו טראַכטן און פילן. עס איז דאָס מקום פון אייביק ברענענדיקן גרויס־מיסחר. ס׳איז די סטאָלי־צע, ווי מ׳זאָגט, פון עסנוואַרג און גאָט פון דער אכילה שלאָפט קיין מאָל נישט, טענהן געניטע מענשן. די געוועלבער פון אַלטשטאָט באַקלאָגן זיך נישט אַז מ׳זעט נישט אַריין קיין קונה, ווי עס טרעפט אין האַנדל. פאַר מעל, פאַר גרויפּן, פאַר צוקער ווי אויך פאַר געוועגדזלטע הערינג און פאַר זייף און כלאָרעק קאָכט שטענדיק ס׳לייזעכץ. אַלטשטאָט איז דער אָפּענער באַוויז פאַר די קלוגע וואָס טענהן ס׳זייעריקע, אַז דער מענטש גייט אַן אויפהער אין

שפּאַן פון זיינע אומגעשטילטע געלוסטן צו עסן, צו טרינקען, נאָכצוקומען די פאַרפּלאָנטערטע נאָגענישן פון די געדערעם. ס׳האַרץ, זאָגסטו, נאָגט? ס׳איז אַן איינרעדעניש פון די צעדרייטע אויפן מוח; אַלטשטאָט איז ס׳אמתע ברונעמל פון לעבן. האַלט זי טאַקע אָפן די טירן און מענטשן גייען צו זיי און קומען ווידער. דערפאַר האָט אַלטשטאָט אויך נישט קאַ׳ צאָאַט. אַכיבע אַ פּלוצלינג אומגליק, סיידן אַ שריפה וואָס שניידט זיך שוין אַריין אין די אויגן, עסט מיט האַרבקייט די נאָזלעכער, סיידן פלאַמען שטעקן אומגעריכט אַרויס די נעזער פון אַ פענצטער, ס׳פייער נעמט קריכן איבערן דאַך, איז זשעדנע נאָך קרבנות.

דאָס מאָל האָט אַ לעצטער קרעמער ערגעץ־ווו נאָך אַוועקגעאיילט אַ ביסל שפּעטלעכער און ס׳איז אים נישט איינגעפאַלן אומצוקוקן זיך אויפן פּלוצלינגן געשריי פון אַ גויעצל. מסתמא זיך אָנגעכלאָיעט, האָט ס׳ווייב אים אַרויסגעטריבן זיך אויסניכטערן אויפן ברוק, זינגט ער אַזוי, דער דבר־אַחר, גאָרגלט זיך — האָט געמיינט דער מענטש.

— „פּאָזשאַר! פּאָאָ־זשאַאַאַר!״ — וואָס אַ מאָל האָט אַדאָם שלאָבעריקער אַרויסגעבראַכט דעם באַגער צו זען אָנקומען אַ קאַראַוואַן מיט הילף, צו הערן דעם געליאַרעם פון מעכטיקן אייזן אויף אייליקע רעדער; ס׳פרייל‏עך מיט די פייערלעשערס אין שטאָלענע קאַסקעס, די לייט אין הויכע שטיוול מיט העקלעך אין די הענט, לאַנגע וואַסער־קישקעס און גרויסע לייטערס, וואָס שפּאַרן זיך צו די גיריקע פלאַמען ווי צו זינקנדיקע בליצן, צו צעדריבל־טע שטערן פון אַראָפּפאַלנדיקן הימל. גלייך ס׳וואָלט אים אָט־אָ געטומען אַ שלאָף, האָט אַדאָם סוף כל סוף וואַקלדיק זיך אַריינגערוקט אינעם געדיכטן פינצטער־נעפּל פון טויער וואָס פירט צום ענגן הויף מיט די פאַרשמאַלצעווע־טע שאָפּעס, וועלכע לענען זיך אָן אונטנאַרומעט אויף די גרויסע פּראָנטאָווע געוועלבער וואָס שטומען אָקערשט אַנטקעגן דעם אַלטן מאַרק, אַ געבענדיקטן פונעם בלינצנדיקן אויף דער נאַכט מיט די שוואַך־לייכטנדיקע הויכע לאַמ־טערנעס.

ר׳איז גיך אָפּגעשטאַנען פונעם שרייען אין פרי׳ען אָוונט אַריין, דער פאַרתמטער סטרוזש, אָבער סענדער סמאָלעק, דער באַיאָרטער באַלעבאָס, האָט זיך נישט געקענט איינרואיקן. אים האָט עס אויבן, אין זיין גרויסער דירה, געוואָרפן: ס׳ווערט פון אים אַ תל, ר׳גייט צו גרונט. באַנומען אַז סוף כל סוף הערט אים קיינער נישט, קיינער איילט זיך נישט אויף דער סכנה,

האָט זיין איינהערן זיך אין דער אייגענער שרעק אים אַ שאַרפן ברי געטאָן און ר׳האָט אַ פּלוצלינגן ריטשע געטאָן אין דער אָנגעיאָזשעטער שטילקייט אַריין:

— יעטע! יעטע־יעעטטעעע, ווו בי־ייייססס־טווו? יעעע — —

פאַרביסן, לאַנג האָט ער אויסגעצויגן ס׳געשריי, מיט אַ מאָל זיך אונטערגעגעבן דעם כעס אויפן ווייב, למאי ער גייט איר אָן גאָר ווינציק. ר׳האָט געהאַט חשק זי צו טאָרען ביי די אַקסלען, אַריינצוליאַרעמען אין אירע אויערן: — הערסט נישט! ווילסט נישט הערן, יעעע־טעעע?! דיך אַרט נישט וואָס ס׳טוט זיך! — עס זענען זיך צעלאָפן זיינע קליינע אויגן אין אַ הייסער ווייסקייט, זיי זענען שרעקיק גערונען אין די שפּעלטלעך אונטערן געמאַרשטשעטן שטערן.

זי איז פאָרט אָנגעלאָפן פון אַ וויטן צימער, פון באַלקאָן אַראָפּ, וואָס נאָגלט זי צו אַלע מאָל אין די קאַלעמוטנע פאַרנאַכטן:

— רופסט מיך, סענדער? וואָסי! ס׳טוט זיך, זאָגסטו. וואָס טוט זיך, סענדער? — האָט זי נישט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, געקוקט אויפן מאַן, געכאַפּט זיך, ער איז שטאַרק צעטראָגן און געפרעגט נאָך אַ מאָל: — ענטפער, סענדער! — די פרוי האָט ערשט זיך אַ דריי געטאָן אויף דער שוועל פונעם פירהויז, וואָס פלעקט זיך אין אַ פּאַס דערשטיקטן טאָגליכט, אָבער ער, זעט זי, קרימט אַלץ ס׳פּנים אין איינגעהאַלטענעם געליאַרעם, און זיין מינע איז פול טענה. דאָ איז זי שוין אַרויס מיט פאַראיבל אויפן אַלטנס אומגעריכטער אָנגעדראָדלטקייט: — שוין ווידער אַ פּרעטענזיע צו די לייט? איי, איי, סענדער! ס׳דיר נאָך אַלץ אַ נאָוועליע אַ געטומל אויף אַלטשטאָט? איך הער און ס׳וווּנדערט מיך שוין נישט. אַ בילע־וואָס צעשרייט זיך דאָס ביסל טאַלעלייסטווע. דאַרפסט זיין צוגעוווינט, מאַן מיינער.

— אַוודאי, דו קענסט זיך דרימלען! — האָט ער געוואָרפן אויף איר אַ תרעומותדיקן קוק. — ווילסט אַפילו נישט וויסן וואָס ס׳טוט זיך! מיינסט, סתם אַזוי זיך צעשריגן, דער אַלטער, דער פאַרפאַלענער נעבעך אויפן מוח, וואָ־אָאָס? — און פאַרעקשנט צוגעבייגט צו איר זיין בליק.

— הער אויף, כ׳בעט דיך, סענדער! מיך שרעקט אַזאַ קוקן. פאַר וואָס קומט עס מיר?

— דו מיינסט, — פאַרבייסט ער ס׳דינע מויל און פאַרענדיקט נישט דעם זאָג, וואָס געוואָלט.

— וואָס איז געשען אַזוינס, סענדער? — איז זי שוין געוואָרן אומרויִק.

— סקאָצל קום. דו ווייסט גאָאָר נישט! דאַרפסט נישט וויסן, ס׳לוינט דיר נישט, הע? ס׳ברענט איבער אונדזער קאָפּ און דו הערסט נישט, פילסט נישט אַפילו! האָסט נישט קאַ׳ אויגן, איז דיר פאַרשטאָפּט די נאָז אויכעט. שפּירסט נישט קאַ׳ סוואָנד? — און זיך צעצאַפּלט. — גיב נאָר אַ קוק אַרויף אויבן, — האָט ער אַ הייב געטאָן דעם שטערן צום סופיט, — וועסטו זען ס׳אומגליק וואָס באַקט זיך פאַר אונדזערטוועגן. וועסט נישט סטאַרטשן מיט די בעבעכעס דיינע וואָס דאָס וועט קאָסטן!

— וואָס דו זאָגסט, סענדער! — איז זי פּלוצלינג געוואָרן נאָכגיביקער

— אַז דו זאָגסט, וויסעך. אסור, צי כ׳האָב פאַרשטאַנען וואָס דו מיינסט. אַ שריפה? וויי ז׳מיר. גוואַאַלד, ווי אַזוי איז ׳עס געשען! נאָך דאָס האָט גע־פעלט! אָט לויף איך אַרויף. דו האַלט זיך נאָר, סענדערשי, כ׳בעט דיך. נאָר נישט פאַרלירן זיך. געדענק אין זיך, — גיט זי אים אַ גלעט איבערן פּנים — איך ׳על שוין אַליין. דערבאַרעם זיך, סענדערשי, ס׳האַרץ דיינס! נו, מ׳עט שמועסן שפּעטער. דו וואַרט אין שטוב, יאָ?

*

מיטן אומגעהאַרישן אומגליק פון פּלוצלינגן אָנווערן די אַלטע מאַמע, האָט די צרה זיך נאָך נישט פאַרענדיקט פאַרן יונגן אַלמן מאיר רויט. גע־שטאַנען פאַר זיין נייער בראָך, האָט דער צעבראָכענער מענטש נאָך געהאַט אַ ווייסט געטועכץ מיטן באַלעבאָס פונעם ראַגאָוון הויז, מיט דעם גראָען, געלאָסענעם סענדער סמאָליק, וואָס שפּילט אַ חולה־מסוכן און ער לערנט זיך אויף די עלטערע יאָרן צו פאַרשטעלן זיך פאַר אַן איידעלן, אַן אַלט־שטעטישן אַריסטאָקראַט. דער דלפון מאיר רויט האָט געקוקט אויפן ווירט מיט חשד און חוזק: ר׳ווייסט נישט מיט וואָס מ׳עסט אַזוינס, דער כליסט אין דער פּרעמדער שטייפקייט. ער פּלעגט לאַכן אין זיך ווען ר׳האָט געזען ווי דער „פּאַן“ פון הויז שפּאַנט אויף די שטיגן מיט אַ געהיט טריטעלע, ווי ער וואָלט מורא געהאַט אַ פעסטן טריט צו געבן. מאיר האָט׳ן נישט געגלייבט: „אַזוינס האָט אויך אַ האַרץ? ס׳הייבט זיך נישט אָן!“ און איז דער באַלעבאָס אַנטקעגן געקומען, האָט ער אים געגריסט מיט אַ האַלב מויל, אַ מאָל מיט אַ לייכטן קאָפּשאָקל. דער אַלטער סמאָלעק האָט עס געזען און אַוועקגעדרייט דעם בליק פון דעם פאַרשייטן. אַ צייט אַרויסגעקומען, —

האָט ער זיך געטראַכט — אַ ליאַדע גאָרנישט און האַלט זיך פֿאַר אַ גאַנצן קלוגן. קוקט אַרייַן אין אַ ביכל, געהערט אַוודאי צו אַ פֿאַראיין — — אויפֿן ערשטן שטאָק איז געווען אויסגעשפּרייט זייַן נגידישע דירה, דעם באַלעבאָס', האָט סענדער סמאָלעק, דיר צוריקגעצויגענער סוחר, מיט אַ מאָל געמוזט אין איין ציטערניש זיך צוהערן צום ראַפּטעמדיקן לויפֿן איבער די סקריפּנדיקע הילצערנע טרעפּן. דאָס הייבט מען זיך ערשט אַרויף אויפֿן אייבערשטן לעצטן גאָרן וואָס אונטערן משופּעדיקן דאַך. מ'הערט נישט אויף צו קלעטערן, האָרכסטו? ר'האָט ווי אין אַ קראַמף בייַנאַכטיק אַרייַנגערעדט אינעם ווייַב; ער האָט זיך נישט אויסגעטאָן. ר'איז געזעסן אין פֿאָטעל אַן אָנגעדראָלענער פֿון אייַנהערן זיך אין אַ מין ווייטן אומבאַוווסטן וואַרטן.

— יעטע, הערסט? — האָט ער אַלע מאָל זיך אַ וויג געטאָן אין דעם טיפֿן, ווייכן געזעס. — די שנאָרערס מאַכן מיך אומגליקלעך. ס'אַוודאי פּאָליציע. מ'שרייַבט פּראָטאָקאָלן, מ'חתמעט מיר אָן מי־יודע וואָס פֿאַר אַ צרות. ס'ווינציק דאָס וואָס אָנגעשאָדנט... יעטע, בדיל הדל 'עט דאָס מיך אויסשטעלן אויף די אַלטע פֿאָר יאָר! יעטע, ווייסט כאָטש ווי קליין ס'איז אונדזער פּייערקאַסע? געזשאַלעוועט אַרויסצוואַרפֿן אומזיסט געלט, איז האָסטו! ווער־ווייס וואָס עס געשעט ערשט — — זאָל עד אפשר אַרויפֿגיין, יעטע? יעטע, כ'האָב מורא אַז פּאָליציע זאָל זיך דאָ דרייען. הערסט, יעטע, ס'קען זיך חלילה עפּעס פֿאַרפּלאָנטערן. אפשר דאָך אַ רעד געבן מיט דעם, אויבן!

— צו וואָס, סענדערשי? אויבן, מייַנסטו, איז אַרייַנצוגיין אַצינד? לא עלינו, אַן אַלט מענטש געווען, איז ווער ווייס; דאָך געווען אַ שריפֿה און ס'האָט איר שטאַרק געשאַדט, האָב איך שוין געקנאַאַסט. טאָ צו וואָס! ס'גלייכער אַ ביסל געדולד צו האָבן.

— פֿאַר יענעם צו זאָרגן, און זיך נעמען פֿאַר אַ כּפּרה? כ'פֿאַרשטיי אסור נישט, יעטע, — האָבן דעם אַלטנס אויגן געברענט און זיי האָבן באַשיימפּערלעך אים געקוועלט, ווייל ער האָט געהאַלטן זיי אין איין רייבן מיט די קנאָכיקע פֿינגער.

*

יעטע האָט נישט געהאַט קיין ברירה: זי איז אַרויף צו מאַירן דעם זעקל־ייִד, געקרעכצט אַ ביסל, געמאַכט זויערע מינעס און טרויעריק, אָבער גיך זיך אַרויסגעשאַרט פֿון דער בוידעם־שטוב, וואָס איז געשטאַנען אין

דערדריקנדיקן טרויער פון טויט, וואָס יוירט ערשט, אָטעמט די לעבעדיקע אין פנים אַרייַן.

— סענדער, זיי רואיק. עס דרייט זיך נישט קיינער, — האָט זי גע־זאָגט. — דאַרפסט זיך נישט שרעקן.

דער אויפדערנאַכט האָט זיך שוין געהאַט יוסט אַריינגעקליבן אין דער אַלטער מויער, די שריפה האָט זיך נאָך געטליעט אין טויטן אַש פונעם אומ־גליק, אָבער דער דערשראָקענער באַלעבאָס פונעם געהייז האָט אַלץ נישט געקענט קומען צו זיך. ווער־ווייס מיט וואָס דאָס ׳עט זיך אויסלאָזן! מענטשן ווערן רייך פון אַ שריפה, איך ׳על אַרויסגיין אָן איין העמד. אַ קאַטאָוועס אַ שטיק אָפּגעפּרעסענער דאַך, אַ נאַרישקייט אַ פּראָטאָקאָל באשר דאָס איז נישט געווען, באשר דער קרומער איז נישט גלייך. ווערעם זוכן שוין אויס שפּאַרעס דורכצוקריכן, אָנצופרעסן זיך אויף יענעמס אומגליק! ביסט אויס, סענדער, אַ סוף! שוין מוז מען עפּעס טאָן, געפינען אַ מאַכער, לייגן ערגעץ אַ לאַטע, אַנישט קען אַזאַ לאָך מיך אין גאַנצן איינשלינגען. ווייסט נישט, אַ וויאַדרע אין קאָרידאָר געדאַרפט האַלטן, זאַמד אָנגעגרייט אויפן דאַך, אָנ־היטן די קאַמערן, זיי זאָלן נישט זיין אָן אָרט פאַר שמאַטעס. פייערלעשערס מויזן אויך אַרום, שראַאַבן מגילות, און פּאָליציע פון דער אַנדערער זייט. זיי וויקלען זיך שוין איין, אַבי דעם ייִד אָנצופינצטערן ס׳מזל. איך גיי, — און זיך גענומען רירן פון אָרט וואָס האָט אים געהאַט שוין אַ ביסל איינגעגלי־ווערט. די שריפה האָט אים ווידער אַ ריס געטאָן: — כ׳גיי, — און נע־בעכדיק אויפגעהויבן די בלוט־פאַרלאָפענע אויגן. די אַלטקייט האָט באַ־שיימפּערלעך אַ קלאָג געטאָן פון אים: — כ׳מוז! כ׳וויל אַליין זען ווי גרויס ס׳איז מיין אומגליק.

— סענדערשי, ׳עסט נישט גיין, — איז דאָס פּעטלעכע ווייב צוגעשטאָ־נען צו אים, געוויגט זיך אַ ווייל אויף די שטאַלטנע פיס און באַגערט אַרויס־צוּווייזן אים געטריישאַפט. — זאָג מיר, וואָס ס׳טו אויפטון! אויב ס׳געשען, איז פאַרפאַלן, נישט דו און נישט גאָט אַליין וועט עס קענען גאַנץ מאַכן, סיידן אַ מויערער, אַ בלעכער וואָס טוט אין פּאַפּע און סמאָלע. דערהרגע דיך נישט, סענדער. האַלט זיך ווי ס׳פּאַסט פאַר אַלעקסאַנדער סמאָלעקן, דעם אָביוואַטעל*) וואָס מ׳אַכט. די שטאָט שאַנעוועט דיך, וואָס וועסטו לויפן צו

*) געמיינט: אַ חשובער בירגער.

די שנאָרערס, גילדענער? ס׳עט שוין נישט ווערן אַנדערש. זיץ, איך וועל שוין זען וואָס צו טאָן. און מ׳עט ווידער אַ בליק געבן. געלאַסן, געלאַסן, סענדער. זאָלן זיי זיין דיין כפרה און אונדזער ביידנס כפרה, די שלעפּערס. נאָר צו אומגליקן קען דאָס דערברענגען. זעסטו שוין אַז ס׳גלייכער אַז די איבערשטע שטיבלעך זאָלן שטיין ליידיק, איידער צו לאָזן זיך צאַפּן ס׳בלוט פאַר די פּאָר נישטיקע זלאָטעס. נייטיק באַדאַרפט אַריינלאָזן אַזאַ טאַלעלייסטווע אין אַ בכבודיק הויז! שוין יאָרן ווי דאָס פּוילט אַזוי אויף אַן אָרט און רירט זיך נישט אַרויס, — האָט זי פאַרשנירלט ס׳מויל. — אָבער לאָמיר מער נישט אַריינקלערן דערין. מ׳דאַרף נאָר עפּעס טאָן עס זאָל זיך נישט פאַרפּלאָנטערן. יאָ, מ׳עט שוין, סענדער.

זי האָט קוים איינגעשטילט דעם מאַן, ווי אַ קינד אים געוווּנען: „דו האַלט פּאַסאָן. ביסט׳עך אַ מאַנצפּאַרשוין, סענדער. און ס׳אי׳ נישט פאַר דיר זיך צו דרייען פאַר זיי. היט ליבערשט דיין געזונט. וואָס ס׳וועט זאַן, ׳עט זאַן. מער ווי צו געלט קען עס דאָך נישט אויסגיין. האָסטו אַ דאגה! דיינע קינדער ׳עלן דיך נישט שמייסן דערפאַר, דיין ווייב אויכעט נישט“, — האָט זי געכאַפּט איינס אין אַנדערן אַריין, אַריינגעוואָרפן אַ שמייכעלע איינעם ערנסט וואָס איז געהאָנגען איבער דעם טריבן אויפדערנאַכט פון שטוב. „פאָלג מיך, ׳עט דיר גיט זאַן!“ זי האָט אים נאָך געבעטן מיטן בליק, מיט די אויסגעשטרעקטע הענט: פאַרלאָז זיך, סענדער. ער האָט געצאַפּלט פאַר דער סכנה וואָס איז געקומען אויף זיין פאַרמעגן און זי האָט גערעדט שטילשטיל, די היפּשלעך ייִנגערע פרוי, זיך געטראָגן איבער די גרויסע צימערן ווי אַ פּאַווע וואָס געדענקט רק איר שיינעם עק. ס׳איז דעליקאַט זיין האַרץ, טאָר ער נישט אַזוי, האָט זי זיך געטראַכט און אויף דער געשווינד זיך דערנענטערט צום שפּיגל, אַרויפגעלייגט אַ שטויבל שמעקעדיקן פּודער אויף איר נאָז, אויפן שטערן: אוי, ס׳אַר אַ היץ! קוים באַוויזן אים צוריק אַריינצוזעצן אין פאָטעל אַריין, מיט אַ קוש אין שטערן אויסגענייגט זיך צו זיין געהער: „ווּעסט האָרכן, סענדערשי? איך בין דיר דער בעסטער פריינד. איך ׳על שוין אַלץ“, און זיך אַרויסגעשאַרט פון שטוב. נאָר געדולד, האָט זי נאָך צוגעוווּנקען דעם מאַן. אַ צוגעקליבענע, אַ באַזאַכטע איז די פרוי אַריין צום שכן פאַן העגריק ווינאַווער, דעם אַפּטייקער. ער האָט פאַרנומען אויפן ערשטן שטאָק האַרט נעבן סמאָלעקן די איינציקע שכנותדיקע גרויסע דירה וואָס ס׳האָט געהאַט צו פאַרדינגען דער רייכער באַלעבאָס וואָס גרייסט זיך

אויפֿן ליאַרעמדיקן ראָג פֿון דריי גאַסן מיטן וויכטיקן געהייז פֿון אַ צאָל הורט־געוועלבער, שפּייכלערס וואָס שטאָפּן אָן אומאויפֿהערלעך דעם זשעדנעם מאָגן פֿון דער שטאָט, דער עגלה ערופֿה. אונטן, ביים סוף פֿון דער לאַנגער שורה געוועלבער איז אויך די איינציקע גרויסע אַפּטייק פֿון דער געגנט, וואָס איז אויסגעקאָכט אין היימישלעכער ייִדישקייט און דער פֿאַן ווינאַווער מיטן בלאָנדן קאָפּ גלייכע האָר האָט זיך דערפֿאַר צוגעוווינט צו אַן אָפּענעם פּוילישן ייִדיש: „וואָס ׳עט עץ זאָגן גיטס, פּאַניע יאַקובאָ־וויטש? אַזוי? בעסער, אַבי מיר נישט צו געבן צו לייזן״, שמייכלט בלאָנד דער קורצגעקליידטער צום ייִד אין חסידישן טראַכט און ליבלעך־וואַרעמע, לויפֿנדיקע אויגנמענטשעלעך. — „אַ נדבה, זאָגט עץ — נאָר דאָס? ייִדן דאַרפֿן זיין געזונט און שטאַרק און זאָל דער נויטבאַדערפֿטיקטער עפּעס־עפּעס געהאָלפֿן ווערן, ׳על איך נישט זשאַלעווען! און איר זייט מצליח וואַטער!״

עס איז אַ שכן פֿון דער געגנט, וואָס שטייט מיט אַ גרויס לעדער־געַ־שעפֿט, אָבער אַ צווייט „געשעפֿט״ זיינס איז מבקר־חולה צו זיין עלנטע און אַריינטראָגן מתן־בסתר אין געקוועלטע ייִדישע שטובן. ר׳ גדליה יאַקובאָ־וויטש איז אַזאַ מין פֿלייסיקע באַשיידענע חברה פֿון איין מענטש, פֿון אים אַליין. אויף אַלטשטאָט קען מען אים שוין זינט יאָרן. און דריקט חס ושלום עמעצן צו שטאַרק די נויט, דערוועגט זיך אַ נצרך, אַ מאַן צי אַ פֿרוי אָנצו־קלאַפּן ביי אים בשתיקה: ר׳ גדליה, ס׳מיר ווי וואָס כ׳מוז אָנקומען צו מענטשן. דער ייִד קען שוין נישט רוען און לויפֿט אַרום צונויפֿקלאַפּן אַ סומע כדי יענעם צו ראַטעווען. אומגעריכט פֿאַלט אַריין צום אַפּטייקער אויך אַזאַ „קונה״ און פֿאַן העניריק מאַכט אָפּ מיט אים אין דער שטיל. „ס׳גוט?״ — פֿרעגט ער יענעם. — זייט געהאָלפֿן אַז איר זאָלט האָבן כוח צו געבן. איר פֿאַרשטייט: כוח, האַרץ, מיין איך, ר׳ העניריק. און גייט דער אָפּ־געהיטענער מענטש אַוועק, בענטשט ער נאָך דעם ייִד וואָס אָן אַ באָרד:

— השם יתברך זאָל געבן אַז ייִדן זאָלן נישט דאַרפֿן אָנקומען צו קיי־נעמען, און געלאָזן זיך איבער די ווייטערדיקע געוועלבער. ביים גלות אין דער אַפּטייק איז געוועזן אַזאַ אָפּענע טיר. ר׳האָט קיין מאָל נישט געפֿרעגט, דער פֿאַן העניריק, פֿאַר וועמען. געקומען אַזאַ מקבל, האָט ער געגעבן און געפֿרעגט מער מיטן בליק ווי מיט די ליפּן:„ס׳גענוג, רב..? און האָט יענער זיך געקרעקט: „דאָס מאָל איז עס קנאַפּ. דער קאָפּ פֿון שטוב ליגט לא עלינו צו בעט, ערשט איז זיינס אַ מיידל אַוועקגעפֿאַלן. ס׳איז סכנות נפשות, פֿאַן

הענריק״, — איז יענער מסביר מיט אַזאַ רעדנדיקער אויגן־תנועה. געדונ־גען זיך, האָט דער אַפּטייקער זיך צוגעבויגן צום ווייב וואָס ביים טישקעסטל אין אַפּטייק:

— רעגינאַ דראָגאַ, מ׳מוז געבן אַ הוספה. פאַרשטייסט? מ׳מוז. דער שכן זאָגט. אַראָפּגעלאָזן די וו׳עס און זיך געטראַכט: „וואָס, כ׳האָב חלילה נישט דערלייגט צו אַלטשטאָט. זאָלן לייט נישט האָבן אויסצורעדן אויפן פולזשי־דעק״. רעגינע האָט נישט גערעדט קיין וואָרט און געלאָזן דעם מאַן אַריינ־שטעלן די האַנט אין צעעפנטן שיפלאַד — —

אַצינד האָט פאַן הענריק אין דער אָוונטלעך באַלויכטענער היים געהאַט דעם באַזוך פון פרוי סמאָלעק:

— וועמען מ׳זעט, — האָט דער אַפּטייקער היימישלעך באַגעגנט די באַ־לעבאָסטע — פּראָשען, פּראָשען.

— ס׳איז אַן אומגליק מיט די שלעפּערס, פאַניע ווינאַוער, — האָט די בכבודיקע באַלעבאָסטע באַלד נאָכן „גוטנאָוונט״ גענומען זיך באַקלאָגן פאַרן געלערנטן שכן. — דאָס האָט מיך טאַקע אַריינגעבערענגט צו אייך, פאַניע... כ׳על דאַרפן אייער טובה, חשובער פאַן הענריק. — אַנגעהויבן נישט דרייסט, אומגעקוקט זיך אַן אַ זייט פון טיש, ווו ס׳איז געזעסן די פאַני העלענאַ, דעם אַפּטייקערס שוואַרצחנעוודיקע ווייבל, וועלכע איז געווען נייגעריק אויפן אומגעריכטן אַריינקום פון דער ווערטן: — מיין אַלטער איז שוין אויס מענטש פון דעם געשעען היינט. כ׳מיין די שריפה אין דער הייך. איר ווייסט׳עך, פאַניע ווינאַוער. ס׳איז אונדז שווער ס׳געטועכץ מיט פּאָליציע. ווער? דער אַלטער? ער איז אַן כוחות און אַן גרויסער באַקאַנטשאַפט. שוין לאַנג אַרויס פון די אַלע זאַכן. אויך מיט די פייערלעשערס וועלן אַוודאי זיין סוביעקציעס. מינאַסטעמע ׳עט מען שראַאַבן, גראַזשלען פּאַפּירן, דאַרף מע זיכן פּראָטעקציע. דער פאַן ווינאַווער, ווייס׳עך, האָט קאַנטשאַפט מיט די אַלע לאַאַט, זיי קומען דאָך אַן צו נ׳עים. באַלד שטעקן זיי אַריין די נעז ווו מ׳דאַרף נישט. מ׳עט אפשר מיזן דערלאַנגען אין האַנט אַריין, בינ׳עך גרייט. פאַרפאַלן — פאַרן טייוול מוז זיין. טוט דאָס פאַר אונדז, אויב נייטיק. ווי מיינט עץ? דערפאַר וועל׳עך אַאַך שילדיק זאַן מער ווי אַ שיינעם דאַנק. וואָס זאָל מע טאָן, מ׳אי׳ דאָך נישט מער ווי אַ מענטש. איר וועט אונדז פשוט ראַטעווען. מאַן אַלטן קאָסט עס באַלד האַרץ. איר זאָגט מיר צו? ווויל, ווויל. פאַני העלענאַ, איהן בעט איך אויכעט. העלפן זי צו איהנס מאַן.

כ׳לעבן, נאָר פּיינע מענטשן זאָל מען האָבן פאַר שכנים. די שלעפּערס ברענ־
גען נאָר פאַרדראָסן, נאָך אַ מאָל אַ דזשענקויע פאַר די טובה.

— ס׳נישט צו דאַנקען, — האָבן יענע איר געענטפערט — ס׳מענטשלעך!

— וואָ׳דען, כ׳האָב דען נישט געוווסט אַז כ׳גיי צו מענטשן, אויף וועלכע מ׳קען זיך פאַרלאָזן? ווײַ, ווײַ, וואָס מ׳מוז זיך אַלץ אויסשטיין!

— נאַרישקייטן, אַלץ טרעפט, — האָט געזאָגט דער פאַן הענריק. אויך זי, די פיינע פּאַני העלענאַ איז געווען פריינדלעך. ס׳עט גוט זיין!

אויסגעהערט זי, די פרוי פון אַלטן באַלעבאָס, געשאָקלט אַ סך מיטן קאָפּ אויף יאָ, פאָרגעלייגט אַ פרישן טרונק, נאָך אַ מאָל געהייסן זיין רויק, ס׳עט זיין אַל דאָס גוטס און די אַלטע איז לסוף אַוועק מיטן ליבלעכן שמייכל פון די פיינע מענטשן:

— אַ גוטע נאַכט, פּאַני סמאָלעקאָוואַ, אַ גוט יאָר!

דער אַלטער סענדער האָט יענע נאַכט שווער זיך געראַנגלט מיטן אומ־רו וואָס האָט אים געטאָטשעט, געליטן קאָשמאַרן וואָס האָבן געשטויסן זיין האַרץ. אין שלאָפצימער האָט יעטע אויפגעהאַלטן די שיין פון אַ קליין נאַפטלעמפּל און זי איז אַן אומרואיקע אַלע מאָל צוגעגאַנגען צום מאַנס גע־לעגער, אָנגעטייגט ס׳געהער, געזוכט זיין אָטעם, ווייל ס׳איז געווען מוראדיק שטיל אין סענדערס ברוסט. אַ סכנהדיקע אָנגעלאָדנקייט האָט אויפגעטויכט פון דעם געלעגער. פון צייט צו צייט פלעגט זי אים אויך געלאָסן וועקן, באַ־פאַלן מיט אַ להוט פרעגן:

— סענדער, שלאָפסט? סענדערשי, — און זיך שיער צעהעשעט. — גיב אַ קוק, מאַך אויף די אויגן, סענדער! וואָס ווילסטו האָבן פון מיר! אַ ליאַדע ווינטל, קאָסט עס אים געזונט.

כריפּלע, מיט אַ טרוקענעם האַלדז האָט זי גערעדט צו זיך און צו דער נאַכט, אויף אַ ווייל געשלאָסן די אויגן אין מידקייט. און האָט זי זיי ווידער געעפנט, געכאַפּט זיך, אַז ער רופט זיך נישט אָן, האָט די פרוי אַ צאַפּל גע־טאָן, דערשפּירט אַן אויסטערלישע, אַ נייע אַליינקייט איז איר אָנגעחתמעט — זי שפּיזלט זיך אַריין אין איר, שטויסט מיט די פויסטן, שניידט זי העפּ־טיק מיט די נעגל. פון די־אַ יסורים האָט זי געוואָלט אַנטרונען, געראַנגלט זיך מיט זיי: — סענדערשי, סענדער!

דאָ איז דאָס אייגענע קול שוין געגאַנגען אויף איר אַ נאַכטישס, אַ סקעלעטישס; מיט טיפע פינצטערע אויגנלעכער איז דאָס קול וואָס אַ מאָל

מער אָנגעוואָקסן מיט שרעק, ס׳איז געקראָכן אַנטקעגן איר געשפּענסטעריש ווי פון אַן אומהיימלעכן וואַלד וואָס פאַרהוילט אַ דראָענדיק, פאַרצוקעריש לעבן.

אין דער געדעמפטער טונקל האָט אַן אויפהער געפלאַטערט אַ בייזע שרעק פאַרן באַדראָעטן חומר, און אויבן — אַריבער דעם צעשטורעמטן קאָפּ, אין דער חושכער היים פון אָרעמען אלמן האָט אויסגעצאַנקט דער לעצטער הויך פון דער גלאָווניע וואָס אָקערשט פריִער איז זי נאָך געווען אַ וויליקער, אַ לעכצנדיקער מענטשלעכער נפש; אָט־אָ פאַלט ער, פאַלט פינצטער ווי אַ גרודע קילע ערד, אַן אויפגעריסענע פון אַ טעמפּן אַקער. ער „זעט״ עס, זי פילט עס און זי מוז כסדר הויערן איבערן געשריי וואָס רייסט זיך פון אים: — דערבאַרעם זיך, סענדער!

*

ס׳געווען אַן אויסטערלישע שרעק מיט דער שריפה אין די פּאַציעאַטן פון די אָרעמע לייט, וואָס פאַן סענדער סמאָלעק האָט אַריינגעלאָזן צו זיך אין הויז.

IV

אַ כלה

נאָך דער שבעה איז מאיר רויט געבליבן אַן אויסגעהוילטער, אַן אָנמעכטיקער, נישט צו וויסן, וואָס מיט זיך צו טאָן. די שטוב מיטן פאָדערשטן אַלקער זענען געווען ליידיק און וויסט, ווי אַן אָפּגעשניטן פעלד. ס׳איז שוין נאָכן זומער — האָט ער זיך באַקלערט — דער האַרבסט שטעלט זיך און ערשט בין איך איינער אַליין און אַ קינד וויינט ערגעץ אין דער פרעמד.

אויף מאירן האָבן אָנגעפלייצט אַ סך טריבע מחשבות; אין די געהירן האָט זיך גערירט אַ מאָדנע שווערקייט און ער האָט זיך דערשראָקן פאַר דער אויסטערלישער ווייכקייט, וואָס איז פלוצלינג באַפאַלן זיין ברוסט. אויף

צו ראַטעווען זיך דערפון, האָט ער אויף דער גיך פאַרדרייט דעם שליסל פון דער לויערנדיקער טיר און האָט זיך ראַפּטעם אַראָפּגעלאָזט פון די שטיגן.

אַזוי געשווינד, ווי ער איז אַרויס אויפן טומלדיקן מאַרק, אַזוי גיך האָט ער זיך אָפּגעקילט. די שווערע טראַכטונגען זיינע האָבן זיך צעדריוולט, גלייך אַ נעפּל אונטערן בליאַסק פון דער אויפשיינענדיקער זון. מיט אַ מאָל האָט אין אים דערוואַכט דער ניכטערער מאיר:

„וואָס איז ס׳געאיילז... אויבן, אונטערן דאַך שטייט דיין שטוב אַ וויס־טי, אָן אָפּגעריסענע, אַז ס׳איז סטראַשנע אין איר אַריינצוקומען און דו ווייסט נישט, וואָס צו טאָן?...״

ער האָט זיך מיטן רוקן אויסגעדרייט צו דער צעיאַכמעטער גאַס, געהאַט פּאַר זיך דאָס טיף־גליווערנדיקע טויער מיט די טונקל־געדרייטע, הויכע שטיגן, אַ ווײַלע אַריינגעזשמורעט אַהין: „וואָס גולמסטו, מענטש! נו, זיי לויפן אַרויף־אַרויף, די שטיגן ביז צו דיין שטוב, ס׳מאירס שטוב. ריר זיך!״

פון ס׳ניי אַ כאַרכל פונעם פאַרזשאַווערטן שלאָס און שוין שטייט דער גרויסער, דיקער ייִד מיטן קמץ־בערדעלע, וואָס שאָקלט זיך איבערן אויס־געוואַקסענעם בויך, מיט פאַרקאַשערטע ווייסע העמד־אַרבל און פירט אַ בע־זעם מיט דער האַריקער האַנט. מאיר קערט דעם דיל, רייניקט די ווענט פון שפּינוועבס און לופטערט דאָס פאַרזויערטע, שווייסיקע בעטגעוואַנט. דורך צעפּראַלטע טיר און פענצטער גאָרגלען אַריין אין דער בוידעם־שטוב צוגווינטן, וואָס ברענגען סווישטשנדיקע גרוסן פון שוואַר־ באַלאָדענעם, גראָ־וואַסערדיקן הימל.

ער איז געווען אויג אויף אויג מיטן עלנט און ביסלעכווייז זיך צו־געוווינט צו אים.

*

...דאָך האָט מאיר זיך אַנטשלאָסן.

אין אָוונט איז צו אים אין בוידעם־שטיבל אַריין געקומען — אַ כלה. אַ פרוי פון אַ יאָר עטלעכע און דרייסיק מיט אַ פריש, רונדיק פּנים, אַ שטאַלט־נע מיט אויסגעפּולטע גלידער און אַ וויגנדיקן יונג פאַרקאַמטן קאָפּ האָר, כאָטש ווו־נישט־ווו דורכגעוועבט מיט איינצלנע זילבער־פעדעם, אַזאַ גראָ־קייט, וואָס באַהויכט מיט סובטעלער שיינקייט יעדע פרויען־געשטאַלט.

ער האָט גיריק, אַ ביסל פאַרשעריש אויפגעהויבן דעם בליק צו איר:

וואָס מיינט עס אַזוינס? אַ פרוי? אָבער ער האָט זיך גיך געכאַפּט: ר׳דער־מאָנט זיך שוין!

אַריינגעקומען מיט אַ ציכטיקן טראָט אין דער אלמנשער דירה, האָט די אומדרייסטע, שטילע פרוי זיך נישט געדאַרפט פאָרשטעלן, ווער זי איז. מאיר האָט זי שוין פריער געהאַט באַקענט אין איר אייגענער וווינונג אין סאָד־געסל. ער ווייסט אַפילו אויף געניי, ווי זי הייסט. אַז זי האָט זיך באַוויזן אויף זיין שוועל, האָט ער פון זיכערקייטס־וועגן, זי פאַרזיכטיק מקבל־פּנים געווען:

— אָ, רחל סאָלאָוויטש, האַ?... אַ גאַסט צו מיר, זייער אָנגענעם...

און אים איז מיט אַ מאָל געוואָרן אַנגסטלעך הייס, געפילט, ווי קיין מאָל נישט, אַז די וועלט איז אים ענג. ר׳קען מער קיין וואָרט נישט אויס־רעדן. עס שטיקט אים אין דער קעל, גלייך אַ דין ביינדל האָט זיך אים געשטעלט אין וישט און דאָס האַרץ וואַרפט זיך ווי אין קאָנוואָלסיע.

— יאָ, יאָ, טאַקיש די אייגענע — — — ר־ח־ל סאָ־לאָ — — — — האָט זי קוים אויסגעשטאַמלט און אָט־אָ די גאַנצע פרעמדע בוידעמשע שטוב איז איר היימישלעך ליב אַנטקעגן געלאָפן: אָט־אָ די קרומע שטוב איז אין איר אַריינגעזונקען מיט אַ מאָדנער וואַרעמקייט, וואָס נאָר פרויען קענען אַזוינס אויסחלומען. אַוודאי, זי האָט זיך שוין גענוג אויסגעקוועלט אין אַליינקייט. ס׳איז צעבענקט איר גאַנץ לייב און לעבן. דאָס באַגערטע אויפריכטעניש דרימלט אין איר געביין, דערפאַר די אַריינלייכטנדיקע וואַרעמקייט וואָס די־אָ נעסט האָט אָנגעווייעט אויף איר. צו מאָל אויסגעגלייכט די הויקער־דיקייט פון דער פענצטער־וואַנט. ס׳איז ביי איר דאָס געפיל, אַז נישט צו אַ כמעט אומבאַקאַנטן מאַן איז זי אָקערשט געקומען, נאָר צו אַן אייגענער באָבע האָט זי פאַרבלאָנדזשעט און יענע קוויקט זיך מיט איר, עסט זי מיט די גוטע אויגן, דריקט זי אין די אָרעמס אַזוי האַרציק.

אָט־די זיסע פאַרטראָגנקייט איז גיך צערונען. אַ דערשטוינטע פון איר מאָמענטאַלער פאַרגעסנקייט אין דער שטוב פון אַ פרעמדן מאַנסביל, האָט דאָס ווייבל אַ פּאָר סעקונדעס זיך געפונען אַ פאַרלוירענע. זי האָט זיך פלינק אויסגעטשוכעט, זיך אַרומגעקוקט מיט צעפּראַלטע, שיינענדיקע אויגן און נישט־ווילנדיק אַרויסגעגעבן פון זיך אַזאַ מין ליכטיק ציטערדיקן שמייכל, וואָס האָט פאַרשמעקט דעם אַרום מיט וואַכער ווייבלעכקייט: אַאַ!

...ביידע האָבן זיך דערנאָך אָוווּעקגעזיצט ביים גרויסן געדעקטן טיש.

איינער קעגנאיבער דעם אַנדערן און עס האָט זיך פאַרבונדן אַ שמועס, וואָס האָט זיך עפּעס נישט געקלעפּט.

— זע, נאָר, זע, ווי איך נעם אויף אַ גאַסט — כאַפּט זיך מאיר, אַז ביי־דע וועלן גיך בלייבן זיצן ווי געליימטע, נישט צו וויסן, וואָס צו רעדן צו אַן אַנדער און זיי וועלן אָדער זיך פונאַנדערלאַכן פון אייגענער צעקראָכנ־קייט אָדער וועלן איינשלאָפן מחמת לאַנגווייליקייט. — זע נאָר, מאיר תם — מאַכט ער אַן אויפגעלייגטע מינע, — אַז מ׳איז שוין אַ מאַנסביל אַליין, דאַרף מע שוין נישט וויסן, ווי אויפצונעמען אַן אָנגעלייגטן גאַסט? — און ער שטעלט זיך אויף.

— שוין איין מאָל אַן אָנגעלייגטער גאַסט, — חזרט זי איבער מאירס רייד און לאָזט אַראָפּ די שיינע אויגנדעקלעך איבער די גרויסע, בלאָע אויגן וואָס שטוינען באַשיידן ווי די קאָרנבלימלעך אין זוניקן פעלד.

— אַזוי ליב זאָל מיר זיין דאָס לעבן, ווי ליב עס איז מיר דער גאַסט.

— ווערט מאיר האָפערדיקער און נישט דרייסט באַרירנדיק דעם אַרבל פון רחלס האַנט, גייט ער גיך איר פאַרביי און לאָזט באַלד הערן פון פאָדערשטן צימערל זיין וואַרעמע שטים:

— איך וועל אייך מכבד זיין מיט קייזערלעכן טיי, אַ יאָ, רחלע סאָ־לאָוויטש?

— ככאַ־כאַ־כאַ... — צעקלינגט זיך איר פאַרלעגן דראָבנע געלעכ־טערל — וואָס הייסט „קייזערלעכער טיי“?

— באַלד, באַלד, — רופט ער זיך איבער מיטן עכאָ פון זיין קול און שטרעקט זיך קעגנטיק צום גאַסט.

און אָט זיצט שוין מאיר ווידער ביים טיש, קוקט זיך איין אַ ליכטיקער אין רחל סאָלאָוויטשס געזיכט און רעדט צו איר ווי אַ היימישער:

— וואָס איז דאָ נישט צו פאַרשטיין, רחלע? קייזערלעכן טיי טרינקט נאָר אַ קיסר. אמת, איך בין נישט קיין קיסר, נאָר אַ מלך האָף איך נאָך צו זיין.

— פאַרוואָס נישט? איר זענט דאָך נאָך יונג... — פאַלט אים רחלע אַריין אין די רייד מיט אַ חנעוודיקן צווישנרוף. — איר וועט זיין אַ סימ־פּאַטישער מלך. נאָר מיט אַ גוט געזונט. — ראַנגלט זי זיך שוין מיטן גע־דאַנק, וואָס שפּאַרט אויף איר.

— נאָר בטחון, הע, רחלע? — בייגט זיך מאיר אויס צו איר, גלעט

מיט צוגעלאָזנקייט איר די דלאָניע מיט זיין האַריקן האַנטלעפל. — און אַצינד, רחלע, אַ גלעזל קייזערלעכן, יאָ?

— וואָס קען עס קאַליע מאַכן? נאָר איין באַדינג: איך וועל איינגיסן פאַרביידן: פאַר אייך און פאַר מיר.

— חלילה, איר באַליידיקט מיך, רחלע — איז מאיר ערנסט — צו מיר קומט אַ גאַסט, וועט ער נאָך מיך מכבד זיין?!

— שאַדט נישט, שאַדט נישט, — מאַכט זי אַ הייטערע. — איך וויל זיין היימיש; איך וועל דערלאַנגען דעם טיי.

— גאַנץ גוט, רחלע, נאָר פּאַמאַלו, פּאַמאַלו, רחלע! — לייכט אויף מאיר און זיין שטים קלינגט אויס אין האַרכנדיקן חלל ווי אַ צעוויגטער וועקזייגער. ער הייבט זיך פון אָרט, מאיר, און ער זעצט זיך באַלד צוריק און קוקט און ער ווערט פול מיט איר.

מאיר פאַרגעסט זיך, זעט גאָרנישט אַרום זיך; אין פּנים שטייט אים רחלע, די שיינע און יונגע, וועלכע אָטעמט אויף אים שטומע געטריישאַפט און ער רעדט צו איר, ער וויל זיך עפּעס פאַרענטפערן. מאיר דערציילט פון זיך, פון זיינע פריילעכע יינגל־יאָרן, פון די ברידער און ער בייגט זיך מער אויס צו איר, פילט איר וואַרעמקייט אויף זיין גאַנצן לייב, עס ליכטיקט אים אין די געהירן און ער באַנעמט נישט זיין פּלוצלינגע באַרעדעוודיקייט. רחלע, מיט צעעפנטע בלאָע אויגן, הערט אים אויס אַן אויפמערקזאַמע און איר ברוסט באַוועגט זיך לייכט, גרינגער ווי פריִער, איידער מאיר האָט זיך צו איר צוגעזעצט אַזוי נאָענט. אַרום איז אַזוי געמיטלעך, זעט זי, מיט מאירן איז אַזוי היימלעך. אין פאָדערשטן אַלקער זינגט אויס דער טשייניק זיין פאַרעדיקן זמר און די טיי גיסט לסוף איין טאַקע דער גאַסט רחלע, וועלכע זאָגט:

— אָט אַזוי האָב איך ליב. האָסטו געזען אַן איינפאַל? אַ מאַנסביל זאָל מיר איינגיסן טיי.

— וואָס, וואָס?... כ'האָב נישט געהערט — מאַכט מאיר אַ צוגעלאָזענער.

— איינגיסן טיי, מיין איך — ענטפערט רחלע אַ צעשמייכלטע.

— אַנטשולדיקט... נישט קיין טיי, רחלע, נאָר קייזערלעכן, — בעסערט אויס מאיר, דער ליבלעכער גאַסטגעבער.

— מאירל — רופט זי זיך אָן שוין היימישלעך און צעלאַכט זיך אויפן

קול. — כאַ־כאַ־כאַ... כ׳פאַרשטיי דאָך נישט, פאַרוואָס הייסט עס ביי איך דווקא קייזערלעכע?

— ווייל מיר דאַכט זיך, — זאָגט מאיר און לאָזט זשעדנע אַראָפּ אין דער קעל אַ הייסן שלוק פון דעם טונקל־ברוינעם, ביטערלעכן געטראַנק, — אַז נאָר קיסרים טרינקען אַזאַ פיינעם טיי. יאָ, איר מעגט גלייבן.

און אין אַ ווײַלע אַרום:

— רחלע, הערט (גרעסערן זיך זיינע שוואַרצאַפּלען): ווען איך וואָלט געווען אַ קיסר, וואָלט איך צו יעדן גלאָז טיי פאַרבריט פרישן, שטאַרקן עסענץ און די פאַרבליבענע, נאָך גוטע טיי, וואָלט איך פאַרטיילט צווישן פאָלק. אוי, — וויצלט ער זיך, — ווען איך וואָלט געווען קיסר, — און האָפּערדיק זיך געריבן די הענט.

— אַ מלך וועט איר זיין, מאיר! — זאָגט זי, אַראָפּהענגענדיק די שע־מעוודיקע אויגן און אין האַלדז ווערט איר פול, פול.

— אַ מלך, זאָגסטו, רחלע? וועמענס מלך?... — שטעלט ער זיך אויף, ס׳דערנענטערט זיך מאיר צו איר און אים ציטערט די אייבערשטע ליפּ.

— מיין מלך... — זאָגט זי און צעכליפּעט זיך פּלוצלינג, וואַרעם.

— יאָ, יאָ, דיין מלך, רחלע — — — און ער בייגט צו זיינע ליפּן צו איר שיינעם קאָפּ, וואָס איז אָנגעשפּאַרט אָן טיש.

די נאַפטלאָמפּ, וואָס הענגט אויפן פאַרקרימטן טשוואָק פון דער סטע־ליע, האָט זיך אַ טוק־געטאָן.

V

די נייע לאַסט

אַז רחל סאָלאָוויטש, שוין דאָס צווייטע ווייב מאיר רויטס, האָט זיך אַריינ־געקליבן אין דער בוידעם־שטוב, וואָס אויף דער טומלדיקער אַלט־שטאָט, איז אין דער־אָ דירה אונטערן שיפּן פּאַפּע־דאַך, אַלץ געוואָרן פאַר־פולט. נישט בלויז, וואָס אין דער פוסטער וווינונג איז אַריינגעקומען נאָך אַ מענטש, דאָס פרישע ווייב מאירס; זי האָט מיטגעבראַכט איר נישט שיין

טעכטערל כאַוואַטשע (אַ צוועלף־יאָריקע, מיט גלייכע, שטייפע האָר און אַ לאַנגע שטאַרצנדיקע פלײשיקע נאָז אויפן בלאַסן פּנים), וועלכע איז, קענ־טיק, ענלעך צו איר פאַרשטאָרבענעם פאָטער, וואָרעם פון דער מאַמען האָט זי, משמעות, גאָרנישט געירשנט. און אין שטוב האָבן זיך שטאַרק פאַרמערט פעק בעטגעוואַנט, אָנגעהויפטע אויף די בעטן, וואָס האָבן מיט זייער אָנ־געשוואָלנקייט זיך דערנענטערט צו די בעלקעס פונעם נידעריקן פּולאַפּ. אויך די שאַנק איז פולער געוואָרן מיט קליידער, מיט שטויסן וועש, מיט סתם גראָכעווינעס און אין מיטן שטוב זענען ענג אָנגעשטעלט געוואָרן, אָנגעוואָרפן אַ סך אַלטע גראַטעס פון אַ נישט־דאָיִקער באַלעבאַטישקייט.

עס האָט געדויערט אַ היפּשע צייט ביז איטלעכע פרײש צוגעקומענע זאַך האָט אין שטוב געפונען איר אָרט. אין די אָוונטן איז מאיר לאַנג גע־ווען פאַרנומען ביים אַריינפּאַסן אַ בענקעלע אין אַ ווינקל פון שטוב, ביים אַוועקשטעלן רחלס ניימאַשין און ביים אַוועקרוימען הויזלעך געהילץ אין דער קאַמער אַריין, וואָס אין דעם לאַנגן טונקעלן דרויסנדיקן קאָרידאָר.

ערשט דערנאָך איז פאַר מאירן קלאָר געוואָרן, אַז פון דער שטוב דאַרף מען אַרויסרוימען די וויג. גלייך דאָס וואָלט געווען אַ נישט־היניקע זאַך און פון ערגעץ דאָרט — אָך, ווי ער האָט שוין פאַרגעסן אין דעם! — אַהיים ברענגען לאהלען, די עטוואָס אונטערגעוואַקסענע יתומהלע. און האָט ער פון ערגעץ אַריינגעטראָגן דאָס פאַרפּעקלטע נפשל, האָט ער עס צוגע־טראָגן איר:

— אָט האָסטו דיין קינד, רחלע.

צו דער קליינענקער בלאַסער לאהלען האָט ער, אַ פאַרלוירענער, בשעת־מעשה אַ קינדערישן שמיצל געטאָן מיט די גראָבע, פליישיקע ליפּן און איר געזאָגט, ווי אַ דערוואַקסענעם:

— זאָלסט האָרכן די מאַמעשי!

*

אין דער פאַמיליע פון מאיר רויט האָט זיך איינגעשטעלט אַ נייער סדר.

דאָס פרישע ווייב האָט אים אַריינגעבראַכט אַ קליינעם נדן, וואָס אָנ־געקליבן פון קמצנישער שפּאָרעוודיקייט זינט אַלע יאָרן פון איר אלמנה־שאַפט, ווען זי איז געזעסן איינגעבויגן איבער אַ ניימאַשין און שניידערירט;

צוגלייך מיט דעם איז זי אויסגעריסן געוואָרן אויפן האַדעוועץ דאָס פּיצל קינד. און די כאַוואַניע איז געווען אַ מוראדיק שווערע. דאָס כאַווטשעלע האָט מער געקרענקט ווי ס׳האָט געהאַט טעג און נעכט אויף דעם בלאָנד־צעשראָקענעם קעפּל. מסתמא דערפאַר איז ביי איר שוין געבליבן אין פּנים אַן ענלעכקייט צו אַ נישט־דערגאַנגענעם בלייך אַרבוזל מיט אַ פּאָר שטאַרע גראָע אויגן, אַן אויסוווקס אַזאַ וואָס איז אָנגעגאָסן מיט אַן אומבאַטעמט וואַסער שטאָט מיט דער רייפער זיסקייט פון אַ זאַפּטיקער פרי. אָבער ווער האָט געהאַט אַ קאָפּ זיך אומצוקוקן אויף אַזוינס, בפרט אַז ס׳איז נאָך אַ פּיצל! דער עיקר — דער קרן איז גוט. רחלע האָט אַ טעם און זי איז אַ באַלעבאָסטע, וואָס אָן אַזעלכער האָט די שטוב נישט קיין לעבן. אַיַ, ס׳איז דאָך נישט וואָס געוועזן? צום גורל קען מע זיך — ווייזט אויס — נישט טשעפּען. ס׳איז אַ פּעקל וואָס מ׳מוז שלעפּן און האַלטן ס׳פּיסק, — האָט מאיר געטענהט מיט זיך און געבויגן ס׳געניק. ס׳טאַקע פולער געוואָרן אַרום אים, די פוסטקייט האָט׳ן געדריקט, אָבער אויך אַצינד איז ער זיך נישט מקנא. ר׳האָט כסדר געהאַט פאַר זיך דאָס ביטערע מעמד זיינס. גע־ווען קומע און קאַ׳ כומע וועט מער נישט זיין! און ר׳האָט „געשלעפּט ס׳פּעקל״. צוזאַמען מיט די פּאָר טונקל־בלאָע און גרין־פּיאַלעט־רויטע באַנקנאָטן, וואָס רחלע האָט אים אַריינגעטראָגן, איז בפירוש דער געברויך אין שטוב מיט אַ מאָל גרעסער געוואָרן, אַזש אָנגעשוואָלן. מאיר האָט דערשפּירט (ווי קיין מאָל נישט ביי נחמהן) ווי אַ געשוויר די אָנגעוואַקסענע נייע, שווערע לאַסט. נאָר אָנשטאָט צו גרימען זיך, צו ליידן דערפון וואָס די דאגות זע־נען גרעסער, איז דער מוח אים ווי איינגעפרוירן. וואָס מיר גיין, וואָס מיר לויפן האַנדלען מיטן זאַק צוקערלעך אויף די פּלייצעס? ר׳וועט סיי ווי נישט באַווייזן פון דעם אַרויסצושלאָגן אַזוינע הוצאות! ער מוז בגוואַלד אויסוואַפּן אַן אַנדער קוואַל פון חיונה. אַ ז ו י נ ס האָט געקענט קלעקן נאָר ביי אַזאַ צדקית ווי כומעלע, — האָט ראַפּטעם זיך צעטרערט זיין האַרץ. בינו־לבינו האָט ער לאַנגע טעג זיך אַרומגעשלאָנדערט לײדיק איבער די גאַסן, דער גראָבער בויך זיינער האָט פרייכנדיק זיך געהויבן איבער די גאַסן און הויז־בריקלעך און, להבדיל, ווי אַ הונט אַרומגעניוכעט אין אַלע ווינקעלעך פון שטאָט. אומעטום האָט ער אַ פּאַרלוירענער געשנאַפּט, גע־נישטערט, כאָטש ער האָט אַליין נישט געוווסט געַנוי, וואָס ער זוכט. די

פּאַרלוירנקייט זיינע האָט מאירן געפּירט, געצויגן, אַנגעטומלט דעם מוח ביז —

ביז ער האָט זיך אויסגעפונען אַ פרישן מיסחר.

געגנוג די צוקערלעך, ר׳איז שוין זאַט מיטן זאַק אויף דער פּלייצע! ס׳איז געלעכערט געוואָרן דער דנאָ פון זיין קליינעם מזל —וועסט אים מער נישט פאַרלאָטען מיט... האָפענונג.

דער מענטש האָט זיך געקווענקלט מיט דער דעה, וואָס האָט אין אים אויסגעצייטיקט: ר׳מוז אָנהייבן אויף ס׳ניי, פּונקט ווי ר׳האָט אָנגעהויבן מיט איר, מיט רחלען, זי זאָל געזונט זיין.

טוט ער גוט? איז ער זיך נישט טועה? וועסטו, מאיר, נישט אויסגיסן ס׳וואַסער צוזאַמען מיטן קינד וואָס דו האָסט אויסגעטראָגן אין פּיין, מיט האַרצקלאַפּונג און אומבאַגרייפלעכער האָפענונג? אפשר נישט אָנהייבן, מאיר?

דער מענטש האָט נישט געקענט איבערשלאָפן די נעכט. ער האָט זיך געריבן דעם שטערן, געביסן די קורצע, האַרטע נעגל פון די פינגער; אין מוח האָט געגריזשעט אַ געדאַנקל וואָס האָט אים לסוף דערפירט צו אַזאַ „קל וחומר״:

ס׳פּראָסט און פּשוט. אַזוי ווי אויף אַלטשטאָט דרייען זיך אַרום אַ סך קאַניוכעס, וואָס האַנדלען מיט כשרע און געגנבעטע פערד, ברויכן זיי דאָך האָבן פערדישע ציימלעך, שטאַרקע שטריק, לייצעס און שטרייך־בייגעלעך, און אַזוינס — מאַמע־קרוין — איז אויף אַלטשטאָט לגמרי נישט צו קריגן, כאָטש זאָלסט וועלן צאָלן דערפאַר אין טאָג אַריין; נישטאָ און נישטאָ! — וועט קומען מאיר און דאָס שטופּן די קאַניוכעס אין פּנים אַריין: נאַ׳ט! מאיר רויט וועט עפענען אַזאַ־אָ קראָם. דאָס וועט, מיט גאָטס הילף, געבן אַ לייכטערן גראָשן פּרנסה ווי ער האָט פון די טרויעריקע צוקערלעך. פון זיי איז אים שוין ביטער און זויער אין די געדערעם.

— האָרכסט, — האָט ער אומגעריכט געוווּנען אַ ביסל געמיט, גע־רעדט האָפערדיק צום ווייב — מ׳דאַרף ריזיקירן, רחלע. ווי מיינסטו? — האָט ער איר געקוקט אין די אויגן אַריין — אַז ס׳אַלטע ברויט נעמט שימ־לען, ווערט עס ביטער, דאַרף מע זוכן פרישס. מ׳דאַרף זיך נעמען פאַר עפּעס נייס, רחלע. איך מיין אַזוי. קאַניוכעס לעבן אַ טאָג, ׳עט מאיר רויט ביי זיי זיך אויך פּאָזשיווען.

רחלע האָט געפּרוּווט אים אָפּרעדן דערפון: איי, מאירל. וואָס טוט זיך מיט דיר? אין אַ מקום ווו מ׳איז אַלע יאָרן געווינט צו קומען קויפן מעל, צוקער, גרויפּן און טערקישן פעפער, וועט מע נישט זוכן צו קויפן אַ שטריק זיך אויפצוהענגען. גיכער קומט מע דאָ געפינען אַ ביסל צימרינג פאַר אַ קוגל.

— און ריצנאַייל האָט זיך געשמדט, רחלע? — האָט ער אויף איר אויסגעשטעלט אַ פּאָר גרויס געוואָרענע אויגן — און אַ קאַנע איז פאַר אַ הונט? עלעהיי צווישן רעסטאָראַנען, פּרעסאַרניעס און שקאַרפּעטקע־קראָמען פּאַלט אַריין עמעצער מיט אַ בייזן בויך, מיט אַ ציינווייטיק אָדער אויערן־רייסעניש... ווי געשיקט זיך עס אַז אַזאַ משוגענע אַלטשטאָט זאָל נישט ברויכן אַ שטריק זיך צו ווערגן? אַזוי פיל קאָניוכעס וואָס דרייען זיך דאָ אין ראָג, זיצן אין שענק, איז נישט קיי און שפּיי! ווערסט זען, מאירס אַפּטייקל וועט מע נאָך זוכן און זיין סחורה וועט מע פאַרצוקערן.

אין גיכן איז מאיר געשטאַנען אויף ראָג אַלטשטאָט אין אַ טוכלען קעלער, אַ פול אָנגעוואָרפענעם מיט שטריקלעך און שנירלעך, וואָס האָבן ביי יעדן צוריר פאַרשפּרייט אַרום זיך אַ געדיכטן ווייסן שטויב ווי פון צעריבענעם קלייען. און אויך קונים האָבן זיך געיאַוועט. פויערן מיט געקאָשעטע רויטע מאָרדעס האָבן אויסגעדונגען שטריק צו זייערע אָרטשיקעס, לייצלעך צו קירעווען מיט די פערד, לינקעס מיט גראָב־פאַרקניפּטע אויערן צו פענטען חזירים; פערד־הענדלערס האָבן טוצנוויז געקויפט פאַרביקע שטרייקענע ציימלעך צו פירן פערד אויף די יאָרמערק און שטאָטישע ווייבער האָבן איינגעהאַנדלט גרויסע בייגל דינע שטריק אויפצוהענגען וועש אויף די בוידעמס. דער שטריק־סוחר אויפן ראָג איז מיט דער צייט געוואָרן אַ פירמע אויף אַלטשטאָט, נו, אַ יחיד פון דעם מין אין דער געגנט וואָס האָט געגרעשט פון גרויסן מיסחר מיט קאָלאָניאַל, מיט צוקער און זייף און טייטלען. מאיר איז געווען אַן איינציקער שטריקענער, וואָס האָט דערנאָך באַריירט דעם אויסוואַל אויך מיט באָדעמס גלאַנציק לייכטן פעך פאַר רימערעס און שוסטערס, מיט פאַקעלעס וכדומה פלאַקס־פעדעם פאַר פלומפּנמאַכערס, שלאָסערס.

עס איז אַוועק אַ האַנדל און מאיר האָט זיך מיט דער צייט דערפילט פולער, ווי אָנגעטרונקען מיט שאַרפן טיי וואָס ער האָט אַזוי געגרן. די פרנסה איז געוואָרן אַן אָן עין־הרעדיקע. די בוידעמשטוב האָט זיך דערלויבט אויף

אַ שמייכל. ביי רחלען אויפֿן פּנים האָט פֿאַוואָליע זיך באַוויזן אַן אויסגע־קלאַרעוועטקייט. ס׳מענטש האָט באַשיימפּערלעך געשיינט און אין מאירן איז אָנגעקוואָלן ס׳הארץ. אין אַ ליידיקער שעה האָט ער מיד זיך אַוועקגע־זעצט אין טונקעלן קעלער־שאָטן, וואָס האָט אָנגעזאָגט, אַז אין דרויסן איז נאָך היפּשלעך וואַרעם, דער שפּעטער זומער טאָפּיעט אויס זיין לעצטע היץ; די הויכע הימלען גייען אָפּ מיט שטראָמען זונגאָלד, מיט אַ שטילן פֿלייץ פֿון בלענדיקן ליכט. ער האָט מיט תּענוג איינגעעטעמט די קעלערדיקע קילקייט און כּדי מיטן בליק פֿול־פֿול אָנצוכאַפּן דעם פֿייכטלעכן אַרום ווו ס׳איז געווען אָנגעהויפֿט זיין גאַנצער פֿאַרמעג — קופּעס שטריק ווי גליטשיקע ווייסע ווער־רעם וואָס אויף פּעטע מיסטן — האָט ער פֿלינק געפּינטלט מיט די שוואַרצע אויגן: „פֿאַר וועמען דאָס איז נישט ווערט קאַ׳ שיבוש, קלאָמפּערשט נישט קאַ׳ סחורה, פֿאַר מיר... קאַ׳ בייז אויג זאָל נישט שולט זיין דערויף — —“ אין דער אמתן האָט אין קעלער פּריש פֿאַרשמעקט מיט פּוילנדיקע קאָנאָפּ־לעס, מיט פֿאַקעלעס און מיט געדיכטן פֿאַרשטיינערטן פּעך צו פֿאַרגיסן רערן פֿון קאַליעדיקע שטאָטישע פּלומפּן.

מאירן האָט טאָפּלט הנאה געטאָן: אויבן, אין דער דאַך־שטוב, האָט זיין רחלע געפֿירט ס׳באַלעבאַטישקייט — געטריי געהיטן דאָס הויז וואָס אַ מענטש בויט זיין גאַנץ לעבן לאַנג; ס׳אַ מחיה! זי קאָכט, באַקט, בראָט, אַלצדינג פֿאַרן געזונטס וועגן און אונטן, אין דער קראָם, ביים קלייענדיקן שטויב פֿון די פֿאַקעלעס האָט זיך פֿון אים, פֿון מאיר רויטן, געשניטן אַ נייער סוחר, אַ יחיד אויף דער גרויסער אַלטשטאָט וואָס געבוירט אַ געשמאַקן ביסן ברויט.

נייִן, ער וועט זיך נישט מער באַקלאָגן, מאיר, אויף די קזשיוודעס, וואָס דער גורל האָט אים באַשערט. מסתּמא האָט׳ס באַדאַרפֿט אַזוי זיין. איינס איז אים איצט קלאָר געוואָרן: ס׳זאָל חס ושלום נישט זיין ערגער! אַז ס׳קען זיין ערגער, דאָס דאַרף מע שוין מאירן נישט פֿרעגן. אוי, ווייסט ער, אוי, געדענקט זיך דאָס. און ס׳פֿלעגט נאָך אָנקומען אויף אים אַ זעל־טענע רגע ווען ער האָט זיך דערשפּירט ממש גליקלעך: זי איז אַ ווילע, אַ געטרייע, זיין ווייבל.

*

און רחלע האָט פֿאַוואָליע זיך צונויפֿגעלעבט מיט די קרומע ווענט און מיטן נידעריקן, ערטערוויז שיף־אַראָפּפֿאַלנדיקן סופֿיט פֿון איר נייער היים.

פּאַמעלעך איז זי אויך מיט שׂכל געוואָרן נעענטער צו מאירן, אין וועלכן זי האָט זיך ערשט געוואָרן נעענטער צו מאירן, אין וועלכן זי האָט זיך ערשט געזונען רעכט איינקוקן, אַקוראַט זי וואָלט ווי אַ גאַסט אַקערשט געקומען פון אַ ווייט אָרט צו אַ פרעמדלעכן קרוב און נישט צו איר מאַן.

אַוודאי, אין תּחילת האָט זי זיך באַוועגט אין דער דאַך־שטוב עפּעס אַ געשטרויכלטע, ווי נישט זיכער מיט זיך. די צייט האָט זי באַשיימפּערלעך אָפּגעניכטערט. ס'איז געווען אַ מין לאַנג דערוואַכן.

זי איז אַרומגעגאַנגען איבער דער שטוב אַזוי גלייך זי וואָלט זיך גופא נישט געגלייבט: האָסטו נישט פאַרבלאָנדזשעט, רחל? ביסטו כאָטש וואַך? די פרוי האָט אַליין נאָכגעשפּירט אירע טריט און איינצייטיק זיך געחידושט:

עפּעס איז דער מאיר אַזאַ מעכטיקער און דאָס לייב איז ביי אים אַ האַריקס. אַ מענטש זאָל זיין אַזוי באַוואַקסן! — האָט זי פּלוצלינג אַ געשריי געטאָן צו זיך אין שטוינונג און בפירושן ווידערווילן. אין גאַנצן איז ער באַ־דעקט מיט אַ געדיכטן שוואַרצן האָרפּאַנצער, פון קאָפּ ביז צו די פּיענטעס אַזוי באַוואַקסן! אַ שאַרף, קיל ווינטשטראָמל צעפּיבערט זי אויפן געדאַנק הלמאַי אָט־אָ־דער מענטש, אַזאַ באַלייבטער און שווערער, אַ ריזיקער און אַ האָריקער ווי ביי אַ פּירפּיסיקן האָט זיך דערשלאָגן דווקא צו איר, אַזוינס איז געוואָרן איר מאַן. אָ, רחלע סאָלאָוויטש האָט זיך אַנטשלאָסן איינצוגיין אויף אַזאַ שיפלות, זי הויזט שוין מיט אים אַזוי פיל טעג און נעכט. איז זי געוועכט לגבי זיך, האָט זי כאָטש גוט געטאָן פאַר איר אומגליקלעך קינד? די פרוי האָט זיך געבערענט אויפן שייטער פון קלערן, פון געוויסן־בייסעניש, אָפּט מאָל נישט געקענט קוקן מאירן אין פּנים אַריין: אפשר זאָל זי אַוועק פון אים? ס'איז טאַקע שפּעט, אָבער נאָך נישט אין גאַנצן פאַרשפּעטיקט. בעסער פריִער... לסוף האָט זי רעזיגנירט: נו, זי הויזט מיט מאיר רויטס גוטסקייט צו איר. ער מיינט זי אויף אַן אמת. ווען־זשע וועט זי גיין זוכן? אַרויסרייסן זיך פון אים, — האָט זי זיך ווידער אַ מאָל צעוואַקלט און אַ ביסל שפּעטער פון ס'ביי זיך געגריזשעט: „אָבער, אָבער... ר'איז דאָך אַ מאַן. און אַזעלכער רירט זיך צו צו איר! ווי שוואַך ס'איז איר שׂכל. זי איז נישט אין שטאַנד זיך צו באַדענקען.

און ווי וועט אויסזען דאָס קינד — האָט מיט אַ מאָל געגומען רינצ־לען רחלס געדאַנק — וואָס וועט קומען פון איר ניַיעם זיווג מיט אַזאַ מאיר רויט, וועלכן זי האָט פריִער נישט געזען אַזאַ גרויסן, מיט אַזוינע שווערע

פּיס?! היינט, ער קומט אַרויפצוקריכן פונעם קעלער־געוועלב, זעט זיך אַז אין חלל פון שטוב ווערט ענג פון זיינע ברייטע פּלייצעס, אַזוי דושנע ווערט עס. אָבער אַזאַ מיאוסער איז ער נישט, דער מאיר, — האָט זי זיך אומגע־ריכט צוריקגעכאַפּט. פון זיין באַוואַקסענעם פּנים קוקן אַרויס לעבעדיקע, שוואַרצע אויגן און פון דער האָריקייט אַרויס שמייכלען געזונטע רויטע בעק־לעך, גלייך זיי וואָלטן זיך גאָרנישט אָנגעהערט צו מאירן, נאָר צו אַ גע־וויקסיק גערעטן יינגעלע אויף לייכטע פיס.

ווידערווילן און חידוש צו דעם מאַן שטויסן זיך אינעם האַרץ פון דער פרוי, וואָס איז אָפּגעשראָקן פון איר לאַנגאָניקער איינזאַמקייט.

אַ סך קלערן לאָזט זיך נישט. עס קומען רחלעס באַקאַנטע און חבר־טאָרנס, וועלכע הערן נישט אויף איר צו ווינטשן מזל־טוב און וואַרפן איינ־צייטיק צו אַ וואָרט פון לויב פאַר איר מאַן, וואָס איז אַזאַ קלוגער און אַ פריילעכער.

קומט נאָר מאיר אין שטוב אַריין, קלינגען היימלעך די גרויסע שליס־לען פונעם קעלער־געוועלב און עס צעדזשינדזשעט זיך טאַקע באַלד דער בינט שליסעלעך פון די מערערע שטוביקע שיפלאָדן, וואָס אין דער שאַנק און אין טיש. אַ גרויסער באַלעבאָס דער מאיר. אַלצדינג האָט ער אונטערן שלאָס, כאָטש עס איז נישטאָ קיין מורא פאַר אַ גנבה. „בעסער נישט צו לאָזן קיין לאָך אין פּאַדלאָגע — האָט ער אויפגעקלערט דעם נײַעם ווייב — וועט נישט זיין קיין אָרט פאַר מייז... פאַרשטייסט, רחלע, אַ גנב וואַקסט אויס שוין קליינוויז. אַפילו אַ קינד דאַרף מע צוגעוויינען אַז אויב ס׳דאָ אַ שלאָס, דאַרף מען עס האָבן פאַרשלאָסן״, און אַ טיפן שנופּ געטאָן מיט דער נאָז. האַלט ער טאַקע אַלץ אונטערן שלאָס אין שטוב, מאיר רויט, און ר׳היט די שליסעלעך. און רחלע איז אַ ליכטיקע ווערטאַניס. אַ גאַנצן טאָג געפינט זיך פאַר איר אַרבעט אין שטוב און אין אָוונט זעצט זי זיך צו צו דער ניימאַשין אויסצולאַטען אַלטע גאַטקעס פאַר מאירן, אַריינשטעלן פרישע אַרבל אין צעריסענע העמדער, אויסנייען אירע נייע מאָנאַגראַמען אויפן בעטציַיג. באַ־וויזט זיך מאיר אין שטוב אַריין מיט די קלימפּערנדיקע שליסלען, פרעגט זי אים האַלב־שעמעוודיק כדי צו האָבן עפּעס צו רעדן:

— זע נאָר, מאיר, די פּוילישע „ר. ר.״ זענען שיין אויסגעהאָפטן?

— דיר געפעלן זיי, רחלע? — בלישטשען זיינע אויגן און די נאָז גיט זיך אַ צי איין. — אויב יאָ, געפעלן זיי מיר אויכעט. האָסט דען אַנדערש

געמיינט? — ווייל ער צו איר זיין ליבלעך, אָבער די בליקן פון די זייטיקע זענען אים לעסטיק. — אַ מענטש — זאָגט ער שוין צו די געסט, וואָס זיצן אַרום רחלען — קען זיך קיין מאָל נישט די דעה געבונגן טאָן. מ׳מוז האָבן יענעמס הסכמה, כאָטש מ׳ווייס אַליין. זי ווייסט דאָך — גיט ער אַ וויג מיטן קאָפּ אין דער זייט פונעם ווייב — אַז ס׳איז שיין דער מאָנאָגראַם, אָבער ס׳פרעגן טוט איר הנאה, ס׳וואָר? — ר׳שניידט אויס אין די מוילווינקלען אַ דין שמייכעלע און לאָזט זיך אַוועק ערגעץ אין דער שאָטנדיקייט פונעם פּראָנטאָוון אַלקערל, ווו ס׳דרימלט די ליימענע הרובע מיטן פאַרשמאַלצע־ווען קליינעם טישל דערנעבן.

...אין דער טונקעלער שטוב האָט רחלע פאַרלוירן דעם שליסל צו דער צייט פונעם טאָג און זי ווייסט נישט ווען עס פאַרגייט די זון — איז הייַנט בכלל אַרויס די זון? — און ווען ס׳פאַלט צו דער אָוונט. ווי אַלץ אין דער דאָזיקער שטוב, איז אויך דער וואַנטזייגער אַ פּגר. ער איז פויל, ער קריכט, דאַכט זיך, אויף אַלע פיר; ס׳זעט אויס אַז נישט אַ ציפערבלאַט קוקט אַרויס פון אונטערן בעליק, נאָענט צו דער סטעליע, נאָר אַ גרויסע שפּין האָט זיך ערגעץ דאָרט באַזעצט אין גליוועך פון אומאָפּטרעטלעכן שאָטן און כאָרכלט אַריין אין חלל איר אומהיימלעכן געכריפּ.

דערהערט זי פון דער פעדערשטער שטוב דעם פּלוצלינגן געקלימפּער פון מאירס בינטן שליסלען (ביים אַריינקומען האַלט ער זיי תמיד אין דער האַנט), ווייסט רחלע אַז אין דרויסן איז שוין צייטיקער אָוונט: אויף אַלט־שטאָט שפּאַצירן אום קילע ווינטלעך, די קראָמען זענען שוין לאַנג פאַר־מאַכט און איבער איר קעלער־געוועלב וואַכן שווערע אייזערנע פּרענטן, צונויפגעקניפּטע מיט שלעסער, וואָס הענגען אַראָפּ ווי גרויסע געוויכטער. מאיר האָט זיך לאַנג געגראַבלט ביים פאַרמאַכעכץ, ר׳האָט באַדאַכט גע־פּרווט יעדן אייזערנעם האָקן, באַטאַפּט די שלעסער און מיט חשד זיך אַרומגעקוקט איידער ר׳איז אַוועק פון דער פאַרשלאָסענער טיר: „ס׳איז קראַנטער צו זיין באַוואָרנט — איז זיין כלל — איידער צו דאַרפן באַדויערן שפּעטער. אסור, צי ס׳קען מיר שאַדטן, אויב כ׳וועל נאָך אַ מאָל אַ ריר טאָן ס׳שלאָס. מ׳שלאָגט דען דערפאַר, וואָס מ׳איז פאַרזיכטיק?״

רחלע ווייס שוין זיין איבערגעטריבענע באַרעכנטקייט אויף יעדן שריט און זי שמייכלט טייל מאָל אין זיך —

ס׳געפעלט׳ן אַזוי? זאָל עס אים ווויל באַקומען. מיך אַרט עס דען? גיט

עס אַ רוישביים אַריינגאַנג, וועקט זיך רחלע פון דעם נאַכטלעך געמיטלעכן טראַכטן:

„מאירן דאַרף מע שוין געבן וועטשערע". דער מוח טשוכעט זיך אין פאַרטועניקייט און אַן איילעווודיקע לויפט זי אַריין יונג־מיידלש אין אַלקער צו דער וואַרעמער קיך. — „אַז מ׳זיצט פאַרזיצט מע זיך".

— מיט די געסט — גיט זי אַ זאָג מיט אַ גרינגן שמייכל צו די חבר־טאַרנס, וועלכע האָבן ליב צו קומען צו רחלען באַטשקען — וועט זיך אַ ביסל פאַרנעמען מיין מאירל, איאָ? צ׳עט אַנטשולדיקן, טייערענקע.

מאיר איז פריינדלעך. ר׳איז אויך רירעוודיק און ר׳טוט אַזוי אַקוראַט ר׳וואָלט אָקערשט באַגערט אויסנעמען ביי רחלעס פריינדינעס. ער גיסט איין פריש־פאַרקאָכטע טיי און זעצט זיך פאַרברענגען מיט די געסט, מיט וועלכע עס זענען פול אַלע בענקלעך אַרום דעם גרויסן פירקאַנטיקן טיש.

רחלע פאָרעט זיך אויס דערוויל אין פעדערשטן שטיבל (דאָרט איז אַ שאָד צו ברענען אַן עקסטרע לאָמפּ; אַהין לייכט אַריין די שיין פון דעם גרויסן צימער) און זי דערלאַנגט ענדלעך דאָס נאַכטמאָל. אונטער דער סטע־ליע קלאַפּט אַן הילכיקער ווייבערישער געלעכטער פון מאירס וויצן, וועלכע ער שיט ווי פון אַ לעכערדיקן זאַק אַרויס. זי האָט גאַרנישט געוווסט, רחלע, אַז איר מאיר איז אַזאַ שפּאַס־מאַכער, אַ קאַטאָוועס־טרייבער און זי שמייכלט זיך פונאַנדער פון הנאה, וואָס איר מאַן נעמט אויס ביי די חברטאָרנס.

— אַ ווילער, דער מאיר, — ווינקען זיך איבער די פריינדינעס. אַנדערע קוועלן אַן פון רחלעס נייער היים און זייערע אויגן פינקלען: „כ׳פריי מיך, רחלע האָט גוט געטראָפן!" און אַ רוב פון זיי קלעפּט זיך צו דער דאָזיקער געמיטלעכקייט, איז געוואָרן אָפטע אָוונטלעכע איינגייערס אין דער אויפגעלעבטער בוידעם־שטוב.

דאָס טעכטערל רחלס, כאַוטשעלע, פלעגט אין האַרמידער אומבאַמערקט פאַר אַלעמען אַנידערפאַלן אויפן בעט און אַנטשלאָפן ווערן. זי לויפט אַרום אַ גאַנצן טאָג אין גאַס, אין פרעמדע שטובן, טומלט זיך אויס אויף אַלטשטאָט, וואַקסט אויס אין טייל קראָמען, נאַשט דאָ אַ טייטל, דאָרט אַ גאָרשקע ראָ־זשנקעס און קומט זי אַהיים, איז זי שטאַרק מיד, ממש אויסגעהאָרעוועט און פאַרשטויבט. מיט איר לאַנג פאַרגאַוערט פנימל האָט זי אונטער דער קרוי־מער ליכטשיין, וואָס פאַלט שאָטנהאַפטיק פון סופיט־בעליק, אָנגעוואָרפן דעם פחד וואָס איז אייגן נאָר די שטובן ווו עס ליגן מתים. דאָס בלאַסע

צורהלע פונעם שלאָפנדיקן מיידעלע האָט דערנאָך אויסגעזען ווי פון פאַר־שטיינטן גיפּס, אָן אָטעם פון לעבן. אויפן אָנבליק פון דער־אָ מאַסקע האָט די מאַמע טרויעריק געשטוינט און זיך דערשראָקן, דער שטיף־פאָטער האָט נישט־ניחאדיק אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ. ביידע האָבן אויסגעמיטן צו רעדן דערפון.

אַז מאַן און ווייב האָבן שפּעטער שוין באַנאַנד נאָך אַ מאָל אַ בליק געטאָן אויף דער שלאָפנדיקער כאַוועשעלע איז זי שוין אַנטגאַנגען די ליבע גע־מיטלעכקייט. איבער דער אָוונטלעכער שטוב האָט באַצייטנס זיך אַראָפּ־געלאָזן די לעסטיקייט פון אַ נאַכט וועלכע ברענגט שווערע, פּיינלעכע חלו־מות פון טויטע. איינציקווייז, איינער נאָכן אַנדערן הייבן זיי זיך אַרויס פון די קברים אין ווייסע פאַרבלאָטיקטע, פאַרפלעקטע סובות און ס׳האָט זיך נישט ווילנדיק דערמאָנט אָן אייגענע, וואָס זענען יונגערהייט פלוצלינג גע־רופן געוואָרן אויף יענער וועלט.

VI

קינדער

פון דעסטוועגן געדייעט די זריעה פון אייביקן לעבן. אַפילו אַ געשטוקעוועט פאָרפאָלק, כאָטש עס איז אָנגעשראָקן פונעם אומדערבאַרעמלעכן טויט, וויל נישט, קען נישט אַנטלויפן פון יענע רייצן וואָס האָבן טאַ־קע זיי צונויפגעבראַכט אונטערן תירוץ פון אָפּטאָן פון זיך נאָר דעם ביטערן עלנט. ווײ, ווי ס׳איז טרויעריק דעם מענטש ווען ער איז געשטראָפט צו בלייבן אַליין.

די צייט טוט אָבער דאָס איריקע, זי היילט מכות און זי פאַרציט ווונדן אָדער זי פאַרהוילט זיי, אַפילו די שווערסטע פון די ווונדן, היינטער אַ הייטל פון דינעם פאַרגעסן.

*

אויך דאָ איז געשען וואָס ס׳האָט געקענט געשען צווישן מאַן און ווייב, און מענטשן האָבן אויפגעריסן די אויגן: נו?

נישט אין רחלעס משפחה און נישט צווישן מאירס קרובים, וועלכע האָבן זיך געהאַלטן פון דער ווייטנס, האָט מע זיך געקענט ריכטן אַז אין דער בוידעם־שטוב וועט אַזוי גיך געבוירן ווערן אַ קינד. די וויסטע אַלמנה־יאָרן רחלס און מאירס באַשיימפּערלעך שטאַרקע ליבשאַפט צום פּריִערדיקן ווייב האָבן אַלעמען געלאָזט מיינען אַז דאָס פּאָרפּאָלק וועט זיך לאַנג שפּילן ביז ס׳וועט געשען אַזוינס... נאָר אַז ס׳איז שוין געשען — און געקומען איז עס צוויי יאָר נאָך זייער צונויפקומען זיך — איז געפּראַוועט געוואָרן אַ גאָר באַ־שיידענער ברית, גלייך מ׳וואָלט געוואָלט פאַרדעקן אַ חרפּה, אַ שטיל־באַ־גאַנגען פאַרברעכן. ביים קלוגן מאיר רויט און ביי דער שווער־פאַרטראַכ־טער רחלע סאָלאָוויטש, וועלכע האָט אייגנטלעך נישט פיינט געהאַט איר צווייטן מאַן, איז דאָס בשותפותדיקע קינד געקומען ווי אַ צינז פון זייער גוטפריינדלעכן בונד, וואָס זיי האָבן — אָפּגעבריטע פון גורל — געשלאָסן צווישן זיך. אין מענטשנס אויגן איז דאָס טאַקע נישט אַזוי איי־איי, פאַר אונדזער האַרץ אָבער איז עס ווויל — אמת, מאירל? און מאיר האָט פרייי־דיק געשטראַלט: גערעכט, רחלע. באַנעמסט מיין קלערן. דעריבער איז די שמחה געווען נישט אַזאַ אויגנרייסנדיקע, נאָר עפּעס אַ צוגעוואָרעמטע, כאָטש די פרייד מיט דער פּרוכט פון זייער באַהעפטונג האָט טיף אין זיי געריזלט, אַ פרייד אַזאַ, וואָס איז אויסגעמישט מיט אַ טונקעלן אומעט.

אַ ייִנגעלע מיט גרויסע, בלאָע אויגן, אין גאַנצן דער מאַמעס פּנים האָט, ווי אַ זון, אויפגעלויכטן אין דער טריבער שטוב. דער טאַטע און די מאַמע זענען אין קעלער־געוועלב ווי אין דער דאַך־דירה געווען פאַרנומען רק מיט דעם יאָשקעלע. אין כאַוואַטשען האָט מען שוין וויניקער געדענקט, און וויניציקער געדענקט פון איר, כאָטש איר זיין איז געווען אין שטוב אַ ווונד, וואָס אייטערט שטענדיק. „אַזאַ מיידל זאָל נישט האַרכן? נאָר עס לויפט, פּלאָנטערט זיך צווישן פרעמדע, האָט נישט אין זינען מ׳דאַרף עפּעס קענען. אַ שולע איז אַוודאי נישט פאַר כאַוואַטשען!״ — פלעגט ער מורמלען און גיך אויפגעהערט מוסרן דאָס ווייב, הלמאי זי האָט דערלאָזט צו אַזוינס. רחלע האָט מער ווי איין טרער פאַרגאָסן אויף דער דאָליע פון איר קינד, וואָס איז געוואַקסן אַ שטיפטאָכטער. מאיר האָט אויף איר קרום געקוקט. דאָס מיידל מיטן אויסגעצויגענעם, ליימענעם פּנים איז געוואַקסן הויך, צו־קוקנדיקערהייט אויפגעשאָסן צו אַ פריילין מיט אַ שמאָלן בוזעם. אירע האַרטע, ווי אָפּגעבליאַקירטע טונקעלע האָר, זענען ווי בייטשן אַראָפּגעהאַנ־

גען איבערן צוקנדיקן פּנים מיט דער באַמבלענדיקער אונטערשטער שוועד־
רער ליפּ. גיך געגומען אויף זיך לייב, אָבער אין קאָפּ האָבן איר נאָך אַרומ־
געפּויזעט קינדערישע רעיונות און אין מינוטן פון פרייד האָט זי געקווי־
טשעט מיט שפּיציקע קולות, אַז ס׳איז שווער געווען צו דערגיין, צי זי לאַכט
אָדער זי וויינט. דאָס בלייכע, לאַנגע פּנים האָט זיך כאַוואַטשען נאָך מער
אויסגעצויגן און די קעלביקע אויגן האָבן זיך פאַרקוועטשט. ווען אירע גלי־
דער האָבן גענומען ווייבלעך רייף־ווערן, פון אונטערן קליידל האָבן זיך
אָנגעהויבן אויסשיילן רונדיקע, פולע היפטן און אויפן בלוזקעלע האָבן זיך
געצייכנט די שטיפלעכע קעפּלעך פון די שפּיציק־שפּראָצנדיקע בריסט־
לעך, איז דאָס מיידל געוואָרן ווילד. זי איז אַרויס פון די האָלאָבליעס ווי אַ
צעבריקעוועטער לאָשעק, וואָס רייסט זיך אָפּ פונעם געשפּאַן. נישט די מאַ־
מע האָט זיך געקענט מיט איר אָפּיאָגן און נישט זי האָט זיך געשראָקן פאַר
מאירס געשרייען. אין גאַס האָט די פערצן־יאָריקע כאַוואַטשעלע אָפּגעפונען
חברטאָרנס, מיט וועלכע זי איז גאַנצע טעג אַרומגעלאָפן אַ צעיאַכמערטע,
אָפּגענאַרט זיך פון גיין אין שול אַריין. און אַז מ׳האָט זי בלית־ברירה אָפּ־
גענומען פון שול, כדי זי צו מאַכן קלאָמפּערשט פאַר אַ פאַרדינערין („זאָל
זי האָבן אַן עול פאַר אַ פרעמדן, וועט זי זיך פאָפּראַווען״, איז געווען דער
מאַמעס טענה), האָט געטראָפן, אַז זי איז פאַרשוווּנדן פון דער היים אויף
גאַנצע אויפדערנאַכטן. אין דער בכבודיקער שטילער שטוב האָבן זיך דע־
מאָלט געשטעלט פאַרביסענע מהומות און אָפענע קריגערייען. ביי מאירן איז
גערויבט געוואָרן די רו און די געלאַסענע רחל, אַ פאַרקרענקטע פון צרות,
איז מער געלעגן אויפן בעט, אַן אָנגעטוענע, ווי זי איז אַרומגעגאַנגען אויף
די פיס. די מויד מאַכט אַ תל פון אונדז! — האָט די פרוי גערעדט און ער,
דער מאַן, האָט זיך געשעמט. וואָס וועלן מענטשן טענהן, אַז זיי וועלן זיך
עס דערוויסן?

די כמאַרנע האַרבסט־טעג זענען געקומען אין שטוב אַריין מיט רחלס
זיפץ, וואָס דאָס לאהלע — אַ גאָרנישט קענטיקס אין דער אומעטיקער
דירה — האָט מיט אירע שוואַרצע, אומרואיקע אייגעלעך פאַרנומען מיט
שוויגנדיקער טעמפּקייט. אין יענע קריכנדיקע, לאַנגע טעג האָט דאָס יתו־
מהלע געקענט אָפּזיצן אין דער אָנגעשפּיצטער שטוב און נישט לאָזן זיך
הערן מיט קיין קלאַנג, סיידן איר לעפעלע האָט אַ מאָל אַ ראַץ געטאָן אין
טעלערל עסן, וואָס איז נעבן איר אַוועקגעשטעלט געוואָרן ווי פאַר אַ הינדל,

וואָס מ׳האַלט אין הויז. פאַרנאַכט־צייט איז דאָס ברוינהויטיקע דראַבנע מיידעלע אַ שטילינקס איינגעשלאָפן ביים טיש, ווי אַ דערוואַקסענער, וואָס כאַפּט אַ דזשים מחמת מידקייט.

די איבערדריסיקייט האָט געווירן אין דעם הויז.

אין דער געדיכט־ווערנדיקער פינצטערניש האָט די שטילקייט דאָ זיך אַראָפּגעלאָזט מיט סודותדיקע, הוילע קלעפּ, גלייך עמעצער האָט זיך פאַר־גנבעט אין די ווינקלען און געבראָכן און געריסן אַלצדינג, וואָס איז גע־בליבן ווי אַ געדעכעניש נאָך נחמהן, „זיין פרי׳ערדיק ווייב״. אַ קרעכצנדי־קע האָט די פרוי אין בעטגעוואַנט טייל מאָל פאַרנומען אַזוינס, גלייך עמעץ גייט אום אַ באָרוועסער אין פאָדערשטן אַלקער. ס׳איז דער גייסט פון יענער, האָט זי זיך איינגעשמועסט און תיכף געוואָלט פאַרטרייבן די שווערע אַנונג.

אָפּט וועקט זיך רחלע אין די מידע פאַרנאַכטיקע שעהען פון איר דרימל; מיט שרעק אין די ברייט צעעפנטע פוילע אויגן קוקט זי זיך אַרום איבער דער שטוב, זי קריגט מורא און איילט זיך אָנצוצינדן דאָס אומהיימ־לעכע נאַפּטלעמפּל.

VII

עס קומט דער ווינטער

מיר איז אין קעלער־געוועלב געווען פאַרטרונקען אין זיינע שטריקלעך און קאַנאַפּלעס, וואָס האָבן פון זיך געשאָטן אַ דינעם, ווייסן שטויב און ער האָט נישט געזען, ווי רחל איז אין דער בוידעם־שטוב מער נישט די אייגענע. אין מיטן טאָג דרייט זי זיך אין אָנטועכץ אויפן געלעגער, גלייך זי ראַנגלט זיך מיט יסורים, וועלכע זי שעמט זיך אויסצודערציילן. איר קיילעכיק פול פּנים מיט די בלאָע אויגן האָבן אויף זיך אַרויפגעצויגן אַ מאָדנע שאָטנדיקייט. עס איז שוין נישט די זעלביקע רחל פון פאַראַ־יאָרן און פאַר צוויי יאָר. זי איז אַריינגעקומען אין דער דאָזיקער שטוב אַ רירעוודיקע, אַ ליכטיקע, כאָטש שוין אַן אָנגעזעטיקטע פון איינגעגעסענעם טרויער מחמת דעם טויט פונעם ערשטן מאַן, וועלכער לעבט נאָך מסתמא

אין איר געדעכעניש. אָבער אַצינד? קלאָר: איר איז אַצינד אַ מורא צוצוגיין צום שפּיגל. ערגעץ טיף צאַפּלט אויף אין איר די שרעק פאַרן פּלינקן וועלקן, פאַרן פאַרגיין פון איר ווייבלעכקייט, און ווען זי האָט זיך שטענדיק געצירט; עפּעס פּילט זי דראָענדיקס. ווער איז שולדיק דערין? וואָס איז דער חיוב פון דער ראַפּטעמדיקער פאַרענדערונג? — האָט עס געמאַטערט דער פרוי.

און ווי אַן איבערגעשראָקענער שטיפערישער פויגל האָט כאַוטשע, מאירס שטיפטאָכטער, דעמאָלט זיך געטוליעט צו דער טריבקייט פון שטוב; ס׳האָט אויסגעזען ווי די קעלט אין דרויסן האָט שאַרף אָפּגעזענקט אירע פליגל. זי האָט אויך שוין באַוויזן „מיד צו ווערן" פון גיין אויף דער שטעלע, ווו מ׳האָט זי געהאַט אָנגעדינגען. אַן אויסגעצויגענע, אַ דינע, מיט גרינע אויגן געקוקט אין די פענצטערלעך אַריין און אין דמיון זיך דערנענטערט צו דער ליגנדיקער מאַמע, צו וועלכער זי איז געוואָרן צוגעבונדן מחמת דעם בורטשען און אויגנפינטלען פון „טאַטעשי", וועלכער האָט רעכט נישט געקוקט אין איר זייט. זיין רעדן צו איר האָט שטענדיק זיך אָנגעהויבן און פאַרענדיקט מיט די צוויי ווערטער, וואָס האָבן געקלונגען ווי אַ דראָונג, כאָטש שלאָגן איז נישט זיין טבע:

— יאָ, כאַוטשע!...

מער קיין רייד איז אים נישט כדאי געווען צו פאַרלירן פאַר אַזאַ אומגעהובלטער זאַך.

נאָך האָט עס געקענט הייסן: וועסטו זיך אָפּטראָגן פון דאַנען באַצייטנס? אַנישט הענג איך דיך אַרויס הינטערן פענצטער ביי די אויערן.

טייל מאָל האָט ער נאָך אַ צישע געטאָן:

— אייזל! פערדישער קאָפּ! — און אָפּגעהאַקט.

רחלען האָט מאירס פאַרביסן שווייגן געעקבערט דעם מוח, געגעסן דאָס האַרץ און אַ שווערע גרימאַסע האָט זיך איינגעשניטן אין איר קיילעכיקן, בלייך געוואָרענעם פּנים. זי פּלעגט אַרומגיין אַן איבערגעלאָדענע מיט מאָדנע טראַכטונגען: וואָס פון איר איז געוואָרן? ווי גיך זי עלטערט זיך דאָ און מי יודע, וואָס פאַר אַ קרענקען זי וועט זיך איינשאַפן אין דער־אָ מצידה. אַרטרעטיזם, ווייסט זי, איז אויך גאָטס אַ מתנה. די חולאת דרייט איר אויס די געלענקען, פאַרקראַמפּט אירע אָדערן און וואַרפט זי אָפט מאָל אַריין אין אַ האַרץ־פאַרקלעמענדיקן יאוש. אמת, מאיר איז נישט אַזאַ

שלעכטער. דאָס כאַוועשעלע איז אַן אומגליקלעכער גלגול, פון וואָס זי וועט מוזן ליידן, זי, די מאַמע. קיין נחת וועט זי דער מאַמען נישט ברענגען — — —

יאָשקעלע איז אין דער וויג געוואַקסן אַ שטילס ווי אַ טויב. עס האָבן זיך בולט ווייך געריסעוועט די פאַרמען פון זיין מילך־ווייס פּנימל, וואָס איז געווען באַלויכטן פון גרויסע בלאָע אויגן, רחלס שיינע אויגן, ווי די לעבעדיקע קאָרנבלימלעך, שווייגנדיקע און טראַכטנדיקע. זעלטן־ווען דאָס קינד האָט זיך אַ פאַרקרים געטאָן. כאַוועשע איז ניילעך געזעסן אין שטוב און קנאָפּ זיך געוויזן פאַר מאירן, ווען ער איז געווען אין דער היים. זי פלעגט אים נאָר אַראָפּטראָגן עסן אין קעלער אַריין, וווּ ער זיצט אַ גאַנצן טאָג. אָן צו זאָגן אַ וואָרט האָט דער „טאַטעשי״ ביי איר צוגענומען דאָס היפּשע, בייכיקע טעפּל מיטן הייסן, פאַרעדיקן געקעכטס און תיכף זי אַרויסגעשיקט פון קראָם:

„הערסט, כאַוועשע!״ אים איז געווען דערווידער יעדעס וואָרט פאַר איר. —אַהיים גייסטו!״ — האָט ער איר באַפוילן.

ווייל די מויד האָט תמיד פאַרגעסן, אַז זי איז געגאַנגען אין שליחות; זי האָט אויסגעשנאָבלט דאָס מויל, געצמאָקעט מיט דער צונג אָדער געפּירט אַ פינגער אין מויל אַריין און אַזוי געבליבן שטיין אַ פאַרטועטע אין קעלבישע געדאַנקען. די גרויסע, אַרויסשטאַרטשנדיקע גראָ־גרינע אויגן, געווענדטע צו דער גאָס, וואָס שטאָלפּערט אויבן, איבער דער שוועל, מיט שווערע און שוועבנדיקע טריט, האָבן נישט געזען דעם „טאַטעשיס״ כעס, הלמאי זי שטייט ווי אַ קלאָץ און אירע אויערן האָבן נישט געהערט זיין צאָרנדיק „אָפּפאַרטיק״־געלט״. מאיר האָט אָפּט געמוזט זי איבערוועקן פון דער צעַחושטקייט און אין קאָרק אַ שטויס געבן אַז זי זאָל אים נישט שטיין אין וועג.

— האָרכסט, שאָדנווינקל, אַ מענטש דאַרף דאָ אַריינגייען!

לאַהלע, ווידער, איז, ווי אַ דערוואַקסענע, גאַנצע טעג אַליין געזעסן ביים טיש, די שוואַרצע אויגן פאַרריסן צום מאַטן גלאַנץ פון דער אַלטער קליידער־שאַנק, צום שראַמיקן שטיי־שפּיגל, וואָס אין ווינקל; זעלטן־ווען האָט זי געלאָזן אין שאָטנדיקן חלל אָפּקלינגען איר דין קינדעריש קולכל. מחמת מידקייט פון קוקן אויף איינעם און דעם זעלביקן אָרט, פלעגט זי, דער קליינינקער מענטש, אָנשפּאַרן דעם קאָפּ אָנעם טיש. ווען דער טאָג האָט אין דרויסן אויסגעצאַנקט אויף די העט־ווייטע דעכער און אויפן קאָש־

טשיאַל־טורעם, וואָס קוקט אַריין אין דער בוידעם־שטוב, איז לאהלע אַנט־שלאָפן געוואָרן מיט דער פינצטערניש אונטער די וויַעס, כאָטש מ׳האָט באַלד אָנגעצונדן די נאַפטלאָמפּ.

...אין אָוונט ווערט די טויטלעכע שטוב אַ ביסל באַלעבט פון מאירס גערייד. פון גאַס ברענגט ער מיט זיך אַ פייכטלעכע פרישקייט פונעם יונגן ווינטער, וואָס שפּרייעט מיט עסיקע רעגנדלעך, פאַלנדיקע פון אייזיקן הימל. רחלען טרעפט ער ליגן אויפן בעט אין אָנטועכץ, אַ צונויפגעקנוילטע, גלייך זי וואָלט זיך פאַרנאַכט־צו, נאָכן שפּעטלעכן מיטאָג, צוגעלייגט. אין אמתן האָט זי ווי אַ שמאַטע זיך געוואַלגערט אַ גאַנצן טאָג אין פריקרע־קייט וואָס צוקט אין איר לייב גלייך אַ שטעכיקער ווינט. זי ליגט און איז שוואַך באַלויכטן פון דער קאַרגער ליכט־שיין, וואָס זשמורעט אַראָפּ פון קרוי־מען טשוואָק און דעקט אָפּ דעם טויאיקן בליאַסק פון דער ברוין־פּאָלירטער שאַנק און דעם געפלעקטן שטיי־שפּיגל, וואָס קוקט מרה־שחורהדיק אויפן אַרום.

— אין דרויסן גייט אַ מחיהדיקע קעלט — זאָגט ער. — גלייב מיר, רחלע, אונדזער ווירט וואָלט איך געוואָלט דערקוויקן מיט אַזאַ ביסל שטיי־עכץ אין קעלער. לייזט מען, איז נאָך יאַקאָש צו דערליידן, דוכנט מען אָבער... מ׳האָט נאָך נישט די ערשטע רעכטע פראָסט און שוין איז דער מיסחר איינגעפרוירן. העַ, ס׳ווויל צו טוליען זיך אין איבערבעט? נישקשה — מעגסט זיך עס פאַרגינען. ס׳אי׳ נישט קאָ׳ גערעאַס אין ערגעץ, אויך נישט אין שטוב. רו זיך אויס, רחלע! — זאָגט ער מיט גינציקייט.

דאָס ווייב טיקט אָפּ איר גליווערנדיקן, בלאָען בליק אונטער די וויַעס, עפנט זי פון ס׳ניַי די אויגן פאַרן קאַלעמוטנעם אויסבליק פון דער כמורנער באַלעבאַטישקייט אין דער קרומער שטוב, טראַכט זיך אויסטערלישע זאַכן. דעם מאַן הערט זי נישט געענוי. איר דאַכט זיך, אַז ער רעדט גאָר צו עמעצן, אָבער זיינע רייד קען זי נישט דערכאַפּן מחמת זייער ווייטקייט.

מאיר רעדט לאַנג, לאַנג. דערנאָך דרייט ער זיך אַרום איבער דער שטוב, וועלכע דאַכט זיך אים צו זיין נישט אַ ווינונג מיט בעטן, אַ ניי־מאַשין און אַנדערע הויזלעכע חפצים, נאָר אַ קנויל פון טונקל־ווייכע ווינק־לען, וואָס זענען אָן סימעטריע אָנגעוואָרפן איינס אויפן אַנדערן און צווישן אַלעם ליגן און זיצן זיינע היימישע. — ס׳איז ווויל וואָס ס׳איז באַשאַפן געוואָרן אויף דער וועלט אַ שטוב, בפרט אַז ס׳רעגנט, אַז ס׳נעמט אַ קריי־

רה — — — אָ, אָ, דאָס ווייב זעט ער אַזוי ווינציק און די קינדער ברויך ער נייטיק מיטן לעבן אַוועקגעבן צום דערציִען, מחמת די רחל איז עפּעס נישט געבוירן צו זיין אַ מאַמע, אַ ווייב איז זי, די רחל, אַ גוטע פרוי, אָבער צו די קינדער טויג זי זיך נישט אויס. און אים גיט אַ שטאָך: כאַווטשע.

לסוף זעצט ער זיך צו צו רחלען אויפן בעט, קוקט איר אין פּנים אַריין. אַ רגע זוכט ער אַ פאַרענטפערונג, פאַר וואָס זי שווייגט אַזוי האַרט און ער דערציילט איר וועגן זיין איינפאַל, וואָס איז אים געקומען אין קאָפּ אַריין:

— רחלע, איך מיין, אַז דו ביסט קראַנק. עפּעס ביסטו נישט קיין היי־ניקע. קענסט, חלילה, אויף אַן אמת קראַנק ווערן, אויב דו וועסט נישט אַראָפּקומען צו מיר אין געוועלב אַריין. די קרענק דיינע איז פון דעם אײ־בעריקן טראַכטן. רק דו קלערסט עפּעס אַריין, שווייגסט און טראַכסט. וואָס אַזוינס קלערסטו אַזוי פיל, רחלע? ווייסט, ס'איז גאָרנישט קיין געזונטע זאַך, דאָס קלערן. דאַרפסט זיך באַוועגן, פרישע לופט דאַרפסטו האָבן, זען די גאַס, אַרויסגיין פון שטוב, פאַרען זיך ווי אַ באַלעבאָסטע. די קינדער וועלן אַזויערנאָך זיך עפּעס אויסלערנען טאָן אין דער ווירטשאַפט.

— גיי שוין, גיי! — גיט זי אַ געצוווּנגענעם קילן שמייכל.

מאיר רעדט:

— איך וועל דיר באַשטעלן אַ פוטערל. וועסט עס אַרויפציִען אויף די שוואַכע ביינער, רחלע, וועסטו ערשט דערשפּירן אַז דו לעבסט. וועסט אָנ־טאָן אַ פּאָר פלאָקענע זאָקן, אַ וואַרעם קלייד און וועסט זיין נעבן מיר. די שטוב וועט מען אויסהייצן און דיר וועט שטענדיק זיין וואַרעם: סיי אין געוועלב, ווו דו וועסט מיר העלפן און סיי אין שטוב, ווען דו וועסט אַריינ־קומען מיט אויסגעפרוירענע באַקן. וועסט גיכער הנאה האָבן פון עסן. פאַר־ברענגען אַזעלכע טעג ווי דאָ־אָ, איז נישט געהויבן.

זי האָט נישט געזאָגט „ניין" און נישט „יאָ". זי האָט אויסגעזען מיד און דאָך שטאַרק צוגעלאָזן צו אים. ס'איז די פרוי וואָס האָט ענדלעך גע־פונען איר פּאָר. ער איז דער רעכטער מאַן וואָס איר איז באַשערט געוואָרן. אַזוי האָט ער איינגעזען, אַזוי האָט ער דערשפּירט הנאה. מאירן האָט עס געשמייכלט. דאָס ווייב איז אַזאַ מילדע, קיין הויך וואָרט האָט זי נאָך נישט אַרויסגערעדט; אַ גוטע נשמה, אין גאַנצן ענטפּערט זי זיך איבער צו אים און ער שאַצט זיך גליקלעך מיט רחלען, וואָס כאָטש זי איז אַ צווייטע ביי אים, איז זי נישט אַזאַ, ווי די אַלע צווייטע ווייבער: פאַלש און כיטרע.

דאָס גליק האָט געהויזט מיט מאירן און אַ גרינגער האָט ער אויפגע־נומען די האַרבע זאָרגן, גלייך עס וואָלטן נישט געגאַנגען קיין ביטערע צייטן פאַר זיין מיסחר אין דעם גאַסיקן קעלער, וווהין די זאַווייע און דער פראָסט האָבן אַ שטענדיק אָפענע טיר.

דער ווינטער האָט זיך אין גיכן געשטעלט אַ האַרטער, אַ צאָרנדיקער.

VIII

וואָס איז רחלען?

אַלטשטאָט מיט אירע נידעריקע מויערן און קראָמען, וואָס ליגן אַ גאַנצן זומער חוצפּהדיק פונאַנדערגעוואָרפענע, צעפּראַלטע אין דער גאַס אַריין, מיט זאַטע, שרייענדיקע טירן ווי שטשירענדיקע מיילער, האָט זיך צוזאַ־מענגעקאָרטשעט ווי אַן איינגעהאָרבעטע, גראָע קאַץ. טרעגער־ייִדן מיט דעפּאָרמירטע, פאַרקרומטע פּלייצעס פון שלעפּן שווערע זעק צוקער און קאַווע, פון סאָפּען אונטער גרויסע קאַסטנס זייף און ציקאָריע, האָבן אַצינד מיט זייערע מעכטיקע הענט, ווי מיט שוואַרצע פויגלשע פליגל אין ווייסן פרירנדיק אָנגענעפּלטן טאָג צעקלאַפּט די פאַרשטייפטע, געפרוירענע גלי־דער. די פון קעלט אויסגעצוויקטע, האַריקע פּנימער מיט די אייז־פאַרוואָק־סענע וואָנצעס, שניי־אויפגעשוואָלענע ברעמען האָבן זיך געצוונדן פון דער פרישער שפּירונג, וואָס ס'פאַרשמאַכטע לעבן אין זיי דערוועקט זיך מיט שטוינענדיקע אויגן.

דער הימל האָט זיך אויסגעליידיקט פון זיין טיפקייט, געשאָטן מיט דינע שנייאיקע פליטערלעך. דער פּראַסטיקער ווינט האָט צו דעם נידעריק צוגעסווישטשעט, געריסן זיך איבער די ווענט, דורכגעשלאָגן זיך די טעלע־גראַף־סלופּעס, געהילכט אין די עלעקטרישע דראָטן און מיט געבריל דורכגעריטן דעם ראָג גאַס, וואָס ביי איר צופוסנס האָט זיך געוואַלגערט דאָס פינצטערע קעלער־געוועלב פון שטריקהענדלער מאיר רויט.

אַן אָנגעפּעלצטער אין אַ לאַנגן שאָפּענעם טולופּ, ווי אַ פּויער וואָס קומט אין שטאָט אַריין אויף אַ ברעטערדיקן וואָגן, איז מאיר אין יענע

טעג געשטאַנען אין קעלער אַ ליידיקער, אַ געשרומפּענער, ביי די אָפענע טירן, אַז דער ווינט מיטן שניי האָבן צו אים פריי אַריינגעדרונגען. מיט גלעזערנעם בליק, מיט פאַרשטאַרטע אברים האָט ער טיף אין זיך פאַרנו־מען אַ דינעם ציטער, גלייך אַלץ אין אים וואָלט איינגעדרימלט, זיס אַנט־שלאָפן געוואָרן, אַקוראַט ווי עס איז געשען העט־לאַנג צוריק מיט זיין טאַטן ר׳ בערל קינסקער, ווען ער האָט ווינטערצייט געבלאָנדזשעט אין וואַלד און אַ מידער איינגעשלאָפן אויפן שניי, וואָס האָט אַזוי גוט געוואַרעמט און געלאַשטשעט. שטייענדיקערהייט האָט מאיר טאַקע אין קאַלטן קעלער גע־כאַפּט אַ דרימל (פון די נאָזלעכער האָבן געשפּאַרט קלעמבעס געדיכטע פּאַרע) און ערגעץ אין אַ וואַכן קעמערל פון מוח האָט אים אַ פאַרבאַהאַל־טענע הנאה געטאָן, וואָס קיינער איז גראָד נישט געקומען אין קראָם אַריין, וואָס דער אָוונט האָט זיך אויבן, איבערן טראָטואַר, שוין צעצונדן מיט די פראָסט־בלישטשנדיקע פייערלעך און ס׳נייגט זיך אָן צו אים די אויסגע־וואַרעמטע, היימלעך־אַנגעליכטיקטע שטוב. אין קעלער איז געווען שטאָק־פינצטער און מאיר האָט זיך לסוף געזען אַ פאַרלוירענער אין דער גרוב, ווו מ׳גליווערט פון איינזאַמקייט און קעלט. מיט פאַרפרוירענע פינגער האָט ער אָנגעצונדן אַ שוועבעלע און די קנויט פון דער נאַפטלאָמפּ האָט אַ שווינדזיכטיקן ציק־געטאָן מיט זיין שמאָלן בלעכערנעם גאָרגל.

*

ס׳איז אַ ברכה די היים, — האָט אין מאירן אויפגעטוקט אַ געדאַנק ווי אַ פּלעמל.

אין שטוב איז געווען וואַרעם. דער קאַכל־אויוון מיט זיין בריעדיקער וואַרעמקייט האָט געלאָבט מאירס פּלייצע, אַקוראַט זי וואָלט געווען אַ גע־שוויר, וואָס ווייטיקט און שטעכט אין דער קעלט. רחל האָט שוואַך געצויגן די ווערטער, וואָס האָבן זיך פון איר ליבלעך אַרויסגעבויגן, בלאָלעך געקוקט צום מאַן, וועלכער האָט נאָכן נאַכטמאָל מרה־שחורהדיק איבערגעקערט די לייוונטענע קעשענעס און מיט אָפּקומעניש איבערגעציילט דאָס קליינגעלט פונעם טאָג פדיון.

— ס׳אַ פּראָסט אין גאַס און אַ פּראָסט אין טאַש — האָט מאיר אונ־טערגעזיפצט און אומדרייסט געהויבן דעם בליק צום ווייב. דערפאַר האָט ער

שפּעטער מער זיך געקוויקט מיט דער פריש־פאַרבריטער טיי, צוגעכרופּעט שטיקלעך האַרטן צוקער מיט די געזונטע ווייסע ציין.

— וואָלטסטו מיר, רחלע, כאָטש ביי טאָג אַראָפּגעשיקט אַזאַ גוט גלעזל משקה, וואָלטסטו דיר געקויפטביידע וועלטן: די וועלט פאַר ראַטעווען אַ געשטראָפטע נשמה און יענע וועלט פאַר טוען גוטס פאַר אַן אייגענעם מאַן. אַ גאַנצן טאָג ווער איך געסטאַיעט פון גאַרנישט טאָן...

— מאירשי, דערבאַרעם זיך! קיין קינד קען איך נישט אַרויסלאָזן אין אַזעלכענע פרעסט. די טרעפּן זענען פאַרפרוירן און גליטשיק און איך אַליין ליג אַ גאַנצן טאָג באַנעזאַמעט. ס'איז נישט גוט מיט מיר...

— וואָס איז דיר ווידער, רחלע? — ווערט מאירן קאַלעמוטנע פונעם ווייבס געקלאָג, — כ'האָב געמיינט, אַז דיר איז קאַלט, דערפאַר שפּירסטו זיך נישט גוט. הייסט עס, אַז אַ פעלצל איז נישט אַזאַ וואַזשנע סגולה פאַר דיינעטוועגן. וועסט גיין צום דאָקטער, רחל. כ'בין צופיל אָרעמאַן צו האָבן אַ קראַנק ווייבל...

רחל האָט זיך אַפילו געקרימט. זי איז נישט געוווינט געווען צו גיין צו דאָקטוירים. ס'איז אַן עסק פאַר פאַרצויגענע שטרינעס וואָס האָבן נישט מער קיין דאגות ווי צו פּיעשטשען זיך. זי האָט זיך אויך פאַרלוירן ביי די לייט מיט די ווייס־געקראָכמאַליעטע שערצן, געשעמט זיך פאַר זיי, מחמת מ'מוז זיך אויסטאָן אַלע קליידלעך, אַנטבלויזן זיך ווי די מאַמע האָט דיך געבוירן. אָבער מאיר איז אַן עקשן. ער איז אַ באַרעכנטער מענטש, דער מאיר רויט. אַ קרענק — האָט ער געטענהט — קומט נישט מיט אַ מאָל. דאָס בויט זיך ווי אַ הויז. עס הייבט זיך אָן פון טיפן פונדאַמענט און ענ־דיקט זיך ביים דאַך. ס'איז אָך און וויי, אויב ס'האַלט שוין ביים „דאַך". דאָ מוז מע שוין אויסציִען די קאַפּיטעס... הײַדאַ, רחל, אויב דו וועסט נישט גיין צום דאָקטער, וועט מען דעם דאָקטער מוזן ברענגען צו דיר.

געקרימט זיך, אָפּגעלייגט דאָס גיין, אָבער די ברירה איז געווען מאירס. ער האָט כסדר געמאָנט: כ'בין צו שוואַך פאַר קרענקען. און אַ שטוב טריקנט איין פון יסורים. פאָלג, פאָלג, רחלע!

אַז זי איז צוריקגעקומען פון דאָקטער מיט אַ פאַרשריבן פּאַפּירל, האָט מאיר געוואָלט דערגיין, וואָס יענער האָט געזאָגט און וואָס פאַר אַ פּעולה דער רעצעפּט דאַרף ברענגען. זי האָט אָבער אויסגעמיטן צו געבן אַ תשובה, זי ווייסט נישט — האָט זי געזאָגט, — „וואָס, איך בין דען אַ דאָקטער?"

רחל איז פון דער רפואה נישט געהאָלפן געוואָרן. די מעדיצין איז נאָר צו באַרואיקן די נערוון, וואָס שפּילן אין איר, — האָט איר דער דאָק־טער דערקלערט, — אָבער דאָס איז אַ נעבן־זאַך. דער עיקר איז דער מאַן, אַ מאַן, געערטע פרוי, — האָט דער הער אין די ברילן און אין פאַרגאַרטלטן ווייסן מאַנטל דעקלאַמירט אין רחלס פּנים אַריין און זי האָט אַ שעמעוודי־קע זיך אָפּגעטראָגן פון דאָקטערישן קאַבינעט.

און אַז רחלען איז פאָרט נישט בעסער געוואָרן אויף אירע שטילע ווייטיקן, וואָס האָבן בלינד און טעמפּ געצערט איר קערנדיק לייב — „די קרענק האָט זיך געבויט" — און צום דאָקטער האָט זי מער נישט געוואָלט גיין, האָט מאיר זי געוואָלט טרייסטן:

— אפשר, רחלע, וועסטו ערגעץ אַוועקפאָרן? כ'ווייס, לופט. האָסט מסתמא צו טאָן מיט נערוון... דיר שאַדט אַוודאי דאָס שטענדיקע זיצן אַזוי אין שטוב, דו טראַכסט איבעריקע זאַכן.

— ווייס'ך, — זאָגט זי און ציט אויס דאָס וואָרט, — איך וואָלט אַהיים געפאָרן צו מיין משפּחה אין מיידאַן. מעגלעך, אַז אַן אַנדערע לופט וועט מיך שטאַרקן. ס'קאָן זיין, די יאָרנלאַנגע בענקעניש נאָך די היימישע דריקט אַזוי. דער מענטש אַליין איז דען אַ מבין אויף זיך? מ'דאַרף פּרוּוון. גלייב מיר, מאירשי, איך קען אַליין נישט פאַרשטיין, וואָס מיט מיר איז. איך בין שטענדיק געווען געזונט, ווי אַ נוס. מוידוויז בין איך אין די גרויסע פרעסט געגאַנגען באָרוועס אויפן שניי און כ'האָב זיך אַפילו נישט פאַרקרעקט.

— פאַר־זשע! וועסט זיך אָנטאָן וואַרעם און מאַכן זיך גרייט צו דער רייזע. קען זיין אַז די לופט וועט זיין אַ סגולה. כ'בעט דיך, ס'אי' דען אַ נפקא מינה וואָס ס'ברענגט צום גוטן? — האָט מאיר זיך צערעדט.

רחלע איז געווען צופרידן מיט דער אומגעריכטער נסיעה אין איר אַמאָליקער היים אַריין, אין דעם ווייטן מקום ווו די ערד איז פול מיט אויס־געגראָבענע קאָרטשעס, וואָס עטעמען מיטן אַלטן וואַלד און זשיוויצע, וועלכע גיבן די מענטשן שפע און געזונט.

— יאָ, זי וועט פאָרן.

און זי איז אַוועק, רחלע, אין איר היפּש אויסגעצייטיקטער בענקשאַפט אַריין וואָס אין מיידאַן.

IX

דער טומטום

עס זענען אַוועק טעג נאָך טעג און רחל איז נישט געווען.

ערגעץ האָט זי זיך געקייקלט אויף אומעטיקע איינשפּאַנערס, איבער פאַרלוירענע ווייטע וועגן, וואָס פירן איבער לאָמזשער טאָלן און בערגלעך אין דעם דראָבנעם שטעטעלע אַריין, וואָס מ׳רופט דלוגאָשאָדלע. פון דעם־אָ דלוגאָשאָדלע שלענגלען זיך העט־ווייטע סטעזשקעס, וועלכע פירן צום וואַלדיקן ישוב מיידאַן, וואָס מיט זיינע הייזקעס און שוואַרצע געבייען איז ער אָנגעוואָרפן צווישן ביימער־וואָרצלען, אויסגעקאָרטשעטע פון דער ערד פון זאָטן ברויט וועגן פאַר רחלס היימישע אין דעם פאַרלעגענעם אָרט.

אין דעם אַלטשטאָטישן קעלער האָט מאיר ערשט נאָך מער זיך געלאַנגווייליקט. קיין לייזונג איז נישט געווען. דער פּראָסט האָט זיך געשטאַרקט און לאהלע מיט יאָשקעלען האָבן אין בוידעם־שטוב זיך „געשפּילט". אַזוי האָט עס געהייסן ביי מאירן. אין אמתן איז ס׳בלייבע לאהלע ווי תמיד געזעסן אַ שטילע, אַ שוויַיגנדיקע, מיטן קעפּל פאַרוואָרפן אויפן טיש, ווי אַ געשאָכטן הינדל. יאָשקעלע איז געלעגן אין בעט איינגעפּעקלט אין בעטגעוואַנט, עס זאָל אים נישט זיין קאַלט און מיט די אויפגעריסענע בלאָע אויגן פאַרטראַכט געבלאָנדזשעט איבער דער פינצטערלעכער שטוב. אַז ער האָט, אַ פאַרבענקטער, פאַרקרימט דאָס פּנימל, אָט־אָט אויסצובריכן אין אַ געוויין, האָט כאַוויטשע ראָפּטעם זיך אויפגעכאַפּט פון ערגעץ, זיך אַוועקגעלייגט נעבן דעם קינד און מיט איר האַרט קול אים איינגעזונגען אַ לידל:

הער נאָר משה־בער,
קום נאָר דאָ אַהער,
כ׳על דיר עפּעס זאָגן,
וועסטו הנאה האָבן...

דאָס יינגעלע האָט מיט נייגיר עס געהערט מיט צעעפנטע אייגעלעך און אַזוי אַרום ווידער איינגעשלאָפן געוואָרן. ווידער שטיל, ווידער מרה־שחורה־

דיק. עס האָט געהייסן, אַז כאַוווטשע, דאָס „נאַרישע פּנים", ווי מאיר האָט זי גערופֿן, האָט אַכטונג געגעבן.

באַגינען. הינטער די פֿענצטער איז נאָך געהאָנגען געדיכטער נאַכט־חושך. ריכטיק ווי אַ שווערער קאַטאַר וואָלט געווען אַראָפּגעלאָזן איבערן דרויסן; ערגעץ אונטן האָט זיך שוין גערירט דער ווינטערדיקער פֿאַרטאָגס, אַ וויגנדיקער אויף נעפּלדיק־ברענענדיקע רויטע טראַמוויי־לאָמפּן. דעמאָלט האָט מאיר אין דער שטיל אַריינגעשטעלט זיינע גרויסע, האָריקע פֿיס אין די פּעלצענע, לעדערנע הויזן. קוים צו הערן האָט ער פֿאָרזיכטיק אויפֿגעדרייט דאָס שלאָס פֿון דער טיר און פּאַמעלעך אַראָפּגעגאַנגען איבער די געפֿרוירענע שטיגן, וואָס האָבן פֿינצטער־פֿאַרשלאָפֿן געסקריפּעט אונטער זיין משא. אין ראָג גאַס האָט ער אַ טאַפּ־געגעבן די גרויסע שלעסער אויף די קעלער־טירן און פֿון דער בעקעריי געבראַכט אין שטוב אַריין פֿריש־שמעקעדיקע זעמל און גריסקעלעך. די קינדער זענען נאָך געשלאָפֿן. יאָש־קעלע איז געלעגן אינעם צווייטן בעט, וואָס האָרט נעבן מאירס, דאָרט, ווו רחל שלאָפֿט שטענדיק. אים איז פֿאָרגעקומען, אַז נישט דאָס קינד ליגט דאָרט פֿאַרגראָבן אינעם בעטגעוואַנט, נאָר רחלע, ווי זי חלומט זיך אים אין די לעצטע נעכט. אַזעלכע רגעס פֿון געאָנטערווירקלעכקייט האָט ער שטענדיק אין די פֿינצטערע, קאַלטע פֿאַרטאָגן, ווען ער כאַפּט זיך אויף פֿון געלעגער נאָך אַ נאַכט מאָרדעוואַניע, פֿון חלומות, וואָס קומען צו אים, ווייל רחלע איז נישטאָ. זי פֿעלט אים, דאָס ווייב. ער וועט דאָס אויך פֿאַר איר נישט אָפּלייקענען. אָט ווי ער האָט זי ליב געקריגן...

געלאַסן, מיט דער משא פֿון זיין שווערן געפֿיל פֿון נייער אַליינקייט, האָט ער אין געוווינטשאַפֿט פּאַוואָליע זיך אַראָפּגעלאָזן אויף די קני און אונטערגעהייצט דעם אויוון און בשעת־מעשה זיך געהויכט אין די פֿאַרשטאַרטע הענט אַריין.

— הו־הו, גייט אַ קרירה.

מאיר האָט גערעדט צו זיך און געטראַכט וועגן וואַרעמער מילך פֿאַר די קינדער: „ווי זעט מע שוין דעם מילך־ייִדן?"

אַז דער טאָג האָט אָנגעהויבן זייטיק אַריינשיקלען דורך די טונקעלע שייבלעך און צעדריוולט די שטוביקע גראָקייט, האָט מאיר שוין ברייט זיך צעהויכט אין חלל אַריין און די פּאַרע, אַ ווייסע, ווי אַ שטיק פֿליִענדיק וואָלקנדל, האָט זיך געהויבן צום פּולאָפּ און זיך צעקראָכן צווישן די שווערע

בעלקעס. געזען, ס׳איז נאָך קאַלט אין שטוב, האָט ער מיט אַ ברום אַרייַנגעלייגט נאָך אַ גראָב שטיק קויל אין צעזשאַרעטן פּיסק פונעם אויוון, וואָס איז ווי אַ שפּלער זקן געשטאַנען פאַררוקט אין אַ ווינקל. כדי „זיך צו דערוואַרעמען", איז מאיר דערנאָך ווידער אַ מאָל סתם אַזוי אַ מאַסיווער באַזאַכט אַראָפּגעגאַנגען אויפן מאַרק, וואָס איז נאָך געשטאַנען צעחושט פון האַלבדרימל. די נידעריקע מויערן און דער שווערער הימל איבער זיי, זענען נאָך געווען פאַרזונקען אין אַ ווייטלעכער פאַרגעסנקייט, כאָטש אַלטשטאָט איז אין זיינע אינגעווייִדן שוין געווען מיט לייב און לעבן אַריינגעטאָן אין האַנדל. הינטער פאַרמאַכטע טיר־לאָדנס האָבן רירעוודיקע סוחרימלעך זיך געפּאָרעט, געעפנט קעסטלעך, געררוקט זעק, געגרייט זיך צום געשמאַקן מאָרגן־פּדיון. אונטער רייסנדיקן ליכט פון גרויסע עלעקטרע־פלאַמען האָבן וואַכע הענט אויסגעסדרט פון זעק און קאַסטנס אַלערהאַנט מינים ראַזשנקעס, שעפּטאַלן, געטריקנטע עפּל, פלוימען, שוואָמען, באָקסער, וואַנעליע, מאָן און פּושקעלעך שפּראָטן, סאַרדין, סלאָזיקלעך האָניק און עמערלעך פּאָווידלע. מיט זשעדנע אויגן, תמיד הונגעריקע נאָך אַ לעבעדיקן גראָשן לייזעכץ, האָבן די אַלטשטאָטישע הורטאָווניקעס איטלעך מאָל דורך אַ שפּאַרע פון פאַרמאַכטן געוועלב אַ בליק געטאָן צום שאַריענדיקן דרויסן, געמורמלט צו זיך:

— אַ נאַכט אַ יאָר. שעהען ציִען זיך ווי סמאָלע.

און אַז ס׳זענען צעעפנט געוואָרן די ערשטע געוועלב־טירן, איז מאיר רויט געשטאַנען אַ פאַרטראַכטער פאַרן טויער פון ראָגהויז, ווי אַן ערשטער האָן אויפן באַגינענדיקן הויף און אָפּגענומען שכנישע „גוט מאָרגנס"; ער האָט מיט דער נאָז געשנופּט די לופט, געוואָלט פריעראויס דערגיין, צי זי שמעקט פייכט, און אויב פייכט, וועט דער פראָסט ברעכן די קרענגעס, — האָט ער געוווסט.

רחל איז אַלץ נישט געקומען. מאיר האָט געפירט ס׳באַלעבאַטישקייט, פאַרשוואַרצט געוואָרן, אַליין אָפּגעוואָלן מילך אויף דער מאַשינקע, געפּאָרעט זיך ביים טעפּל יויך, וואָס ער האָט אין קעלער געקאָכט צום מיטאָג און דער קאָפּ איז אים געווען ביי די קינדער און ביים ווייב, וואָס זיצט ערגעץ ווייט אין אַ פרעמד פּיצינקע שטעטעלע.

לאַנג און פּיינלעך האָבן זיך געשלעפּט יעגע טעג, די וואָכן.

ענדלעך — רחלע איז דאָ, און מאיר האָט דערשפּירט, אַז זי האָט פון

דער אומבאַקאַנטער ווייטקייט מיטגעבראַכט אַ הון פרישע היימלעכקייט. די שטוב איז מיט אַ מאָל פול געוואָרן מיט דער נייקייט, וואָס האָט, ווי אַ קוואַל, געשטראָמט, געשוימט אַרום רחלען. אַ געקרעפטיקטע, מיט ראָזע בעקלעך, וואָס האָבן געשפילט אויף איר פנים, האָט אַלץ אונטער איר זיך באַוויגן, געביטן דעם שטאָרן אויסזען. אונטערן שיפן פולאָפ פון שטוב, ווו אַלץ איז דעם גאַנצן ביז איצטיקן ווינטער געווען גליווערנדיק־קאַלט, האָט עס באַלד וואַרעם זיך צעצאַפּלט. עס איז עפּעס אַ נייע רחל, אַ געענדערטע צום גוטן. אויך מאיר האָט זיך אָנגענומען מיט דער דאָזיקער פרישקייט, ווי מיט אַן אויפריכטעניש, וועלכע האָט זיך אַרויסגעבראָכן פון אונטער דער דיקער שאָל האָמעטנער גראָקייט, ריכטיק ווי אַ קוואַל רייסט זיך אַרויס פון אונ־טער דער ערדפּלאַך.

און נאָך אַ נייס: מיט רחלען איז מיטגעקומען אירס אַ ברודער, אַן על־טערער הויכער ייִד מיט אַ שיטערן קאָפּ האָר, גראָע ווי זיין ווייך, געפּאַל־דעוועט פנים, וואָס איז אָן סימנים פון אַ באָרד. אַראָפּגעלייגט די פּעקלעך, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט, איז דער עלטערער ייִד מיטן צעשוווּמענעם, אָנבאָרדיקן פנים געבליבן שטיין הינטער רחלען אַן אומבאַהאָלפענער, מיט אַ שטום מויל, מיט אַראָפּגעלאָזענע פרעמדע הענט, כאָטש נעם און צי פון אים אַראָפּ אַלע זיינע זאַכן. ער וועט שטיין און וויגן מיט קעפּל.

— מאירל, דאָס איז מיין ברודער... משה־יאַנקל...

די האַרטע, ברייטע, האַריקע האַנט מאירס האָט אין אירער דערשפּירט אַ צעקראָכן, ווייבעריש־ווייך הענטל, וואָס האָט זיך צו איר אויסגעשטרעקט פון אַ מאַנצבילשער קאַפּאָטע. מאיר האָט געקוקט צעטומלט און זיך געחי־דושט: „אַזאַ זאַך?... דאַכט זיך, אַן אויסגערונענע לבנה".

— גאַנץ פיין, — האָט מאיר פון יוצא וועגן אַ זאָג־געגעבן און ערשט באַטראַכט מיט אַ זייטיק בליקל דעם וואָס זעט אויס אַ טומטום. אַזוי־אַ איז ער אַראָפּגעפאַלן אים צו גאַסט.

פון זיין הויכער, רונדיקער פּלייצע האָט משה־יאַנקל באַלד אַראָפּגעע־וואָרפן די שווערע בגדים און מעשה־היימישער שוין גענומען באַטאַפּן דעם אויוון, אַריינגעקוקט אין זיין טירל; ר׳האָט נישט געפרעגט וואָס און ווו, אין אַ ווינקל אויסגעפונען דאָס אָרט פון די קוילן, פון וואַנען ער האָט פלייסיק צוגעוואָרפן שטיקער אין ברענענדיקן קאַכל־אויוון אַריין:

— קודם זאָל זיין וואַרעם. — אַזוי האָט דער גאַסט זיך געלאָזט הערן.

ער האָט געזופט די ווערטער ווי אַ פרומען שפרוך און מיט קורצזיכ־טיקע, בלאָלעך־גראָע אויגן אַלץ אַרומגעטאַפּט, אַרומגעשמעקט, גלייך ער וואָלט זיך געקליבן סטאַלע צו פירן ס׳באַלעבאַטישקייט אין דער־אַ שטוב, וואָס זיין שוועסטערקע האָט גליקלעך קונה־געווען מיט איר באַשערטקייט.

— רחטשע, — האָט דער טומטום דערויף פּאַוואָליע אויסגעקרעכצט מיט אַ משונהדיקן ניגון, — שוועסטערל מיינע, מעגסט מיר איצעט פאַרשטעלן דיין מאַיאָנטעק, די קינדערלעך דיינע, מיין איך.

די ליכטיק־וואַרעמע אייגעלעך פון יאָשקעלען און די שוואַרצע, שטי־לע טייכלעך, וואָס אונטער לאהלעס וו׳עס האָבן זיך מיט אַ מאָל צעשפּאַרט און לאַנג געקוקט אויף דעם נייעם מענטש, וואָס איז אָקערשט אַנגעקומען אין שטוב אַריין און שוין איז ער היימיש מיט דער מאַמעשי.

— נאַ, אָט האָסטו די יונגעלייט און די פריילינס... קינדערלעך! אַ פּע־טער, פּעטער משה־יאַנקל איז געקומען צו אייך!...

— יע, יע, — האָט דער טומטום מיט די טיף־אַריינגעשפּאַרטע אויגן גערעדט זיין לאָמזשער לשון, — אַ פּעטער, משה־יאַנקל איז דעטומען צו אייך, טינדערלעך.

און ער האָט זיך באַמיט מיט אונטערשטאַמלען צו געפעלן דעם קליינ־וואַרג. און יאָשעלע האָט אויפגעהויבן ס׳קעפּל: — אַ פּעטער?

כאַווטשע, די גרויסע מויד רחלס, איז געזעסן אין מיטן שטוב און אַ פאַרדראָסיקע זיך צוגעקוקט צו דער פרייד, וואָס מ׳פרייט זיך מיט יאָש־קעלען און לאהלען. איר ליימיק פּנים האָט זיך ברוגזדיק אויסגעצויגן ווי אין אַ גענעץ און די אַראָפּהענגענדיקע שווערע ליפּ האָט געגלאָנצט פון גאַנווער.

*

מיט משה־יאַנקלען, דעם שלאַבעריקן, שוואַך באַוועגלעכן מענטשל איז אין מאיר רויטס בוידעם־שטוב אַריינגעקומען סיי דאָס לעבן, וואָס איז ביז איצט ווי געשלאָפן מחוץ די גבולן פון אָט דעם הויז און סיי די באַהעפטונג מיט גאָט, מיט דעם ליבן גאָט וואָס גייט אַרום אין דער אַלטעגלעכקייט פון פּשוטן מענטש. דער טומטום, וועלכער האָט נישט געהאַט קיין שום אָנהאַלט איז עפּעס־וואָס (ווייל דאָס ווייב זיינס האָט שוין זיבנט יאָרן אים פאַרלאָזן, איז אַוועק אין דער וועלט אַריין זוכן אַ מאַן, וואָס זאָל איר עפענען די טראַכט), מחמת פאַר זיינעטוועגן איז נישט געווען קיינער, וואָס זאָל אים

מעורר־זיין צום לעבן, האָט ער — אַלץ נישט ווייסנדיק דערפון — אויס־באַהאַלטן אין זיך אַ סך פון יענעם שטאַרקן לעבנס־ציטער, וואָס איז אַקו־מולירט נאָר אין אַזעלכע אומגעלעבטע לעבנס. איבערענטפערן צו אַנדערע דאָס אומגעלאָשענע, אייגנטלעך דאָס נאָך נישט דערוועקטע חיות, איז דער טונקעלער באַגער פון די־אַ מענטשן. פאַר משה־יאַנקלען גופא האָט דאָס לעבן געגלימערט נאָר אויבנאויפיק, נישט געצונדן זיך מיטן כוח, וואָס פאַר־וואָרצלט דעם מענטש אין דורות. זיין וועלט איז געווען רק די שטוב, ווו ער האָט זיך איינגענעסטיקט, געהיט די קליינע דאגות פון אַ ווילנלאָז באַשע־פעניש, וואָס ווייסט, וואָס עס דאַרף צו טאָן, כדי דורכצוהאַלטן דעם פאַר־גענגלעכן טאָג און אויסצוהיטן זיך פון סכנות. גאָר לאַנגע יאָרן האָט ער אַזוי, אָן ווייב, זיך געפּלאָנטערט ביי משפחה־לייט אין די דריבנע שטעטלעך און אומעטום האָט ער געפונען אַ גוטע היים. די יאָרן זענען אים נישט גיך פאַרלאָפן, ווי עס טרעפט ביי מענטשן, וועלכע קלאָגן זיך, אַז ס׳איז נישט גוט, עפּעס דאָקוטשעט זיי טיף אין דער נשמה, אָדער אַ מיחוש מאַטערט זייער געביין. אין ערגעץ איז אים נישט שלעכט געווען, ווייל אומעטום האָט ער געפונען הויזלעכע אַרבעט; אַ גאַנצן טאָג דאָ און דאָרט זיך אַרומגעפּאָרעט, געעוסקט זיך ביי האַלץ האַקן, ברענגען וואַסער, צוהיטן אַ קינד און ביי אַ האַנטלאַנג. קיין מאָל איז דעם טומטום דאָס העמערל נישט אַרויסגעגאַנגען פון האַנט און שטענדיק האָט ער געדאַרפט אַריינצוקלאַפּן אַ טשוועקל אין וואַנט. אַזאַ מין שטוביקע, מילדע חיה, וואָס איז קיינעם נישט צו פיל אין די אויגן, ווערט נישט דערעסן. און אומעטום האָט ער מיט זיך מיטגענומען דעם רבונו־של־עולם. אָן דעם גראָבן סידור מיטן עברי־טייטש האָט ער זיך נישט געריהרט פון אָרט. יעדע פרייע מינוט האָט ער דערין אַריינגעקוקט, עפּעס אַרויסגעמורמלט דערפון און ווי נישט אומיסטן אַריינגעגראָבן אין סידור אַזאַ ווייכן, קוים־הערבאַרן קרעכץ.

אַזוי האָט דער טומטום אַ היפּשע צייט אויסגעלעבט אין דלוגאָשאָדלע ביי אַ פאַראיינזאַמטן שוועסטערקינד, וואָס איז פון שבת־צונאַכטס ביז פריי־טיק־צונאַכטס געווען פאַרהאָרעוועט, אַרומגעפּאָרן האַנדלען איבער שטעט־לעך און דערפער און מיט די קליינע קינדער האָט זיך פאַרנומען משה־יאַנקל. „פאַרלאָז זיך, נישקשה, מעגסט זיך פאַרלאָזן; די מאַמע זייערע מיט זיך סיי־ווי פאַר אירע ווערעם" — פלעגט ער באַרויקן דעם פאַרוויסטן אַלמן און משה־יאַנקל איז אויף אַ גאַנצער וואָך געוואָרן סיי דער טאַטע

און סיי די מאַמע פֿאַרן הויזגעזינד. אום שבת, ווען אין שטוב האָט קיינער נישט פֿאַרפּעלט, האָט משה־יאַנקל אויך געפֿירט טיש: געזונגען זמירות, צו־געפּאַטשט צום טאַקט מיט די ווייבע, ווייסע הענט און געזופּט טיי, דערציילט טשיקאַווע געשיכטעס, פֿון וועלכע מ׳האָט אַ סך געלאַכט און אויך גע־זיפֿצט פֿון רחמנות מיט די ליידנדיקע, פֿון וועלכע עס איז געקומען צו רייד אין די מעשיות. אויך אין וואַלדיקן מיידאַן, ביים ברודער, וועלכער האָט געפּראַצעוועט ביי די קאָרטשעס, געצויגן פֿון זיי גליטשיקע, שוואַרצע שמירעכצן און נאָז־פֿאַרדרייענדיקן, שטאַרקן טערפּענטין, האָט משה־יאַנקל געפֿונען זיין שפּייז. ווי דער וואָרעם, וואָס זוכט און געפֿינט זיין ברויט אין דער ערד, צווישן גראָז און זאַמדן, האָט דער טומטום זיך אַרומגעדרייט אויפֿן שטח פֿון ברודערס שטענדיק־טשאַדיקן ברענאַויוון און צונויפֿגע־קליבענע האָלצקוילן און אַנדערע נוצלעכע ברעקלעך. ווען אַלץ איז געווען אָפּגעטאָן, האָט ער אַרומגעזען דאָס קליינוואַרג: מיט איינס געלערנט אַ ביסל ייִדישקייט, ס׳אַנדערע אָפּגעווישט דאָס נעזל און, אַז ס׳האָט זיך גע־מאַכט, האָט ער מיט עפּעס אַרויסגעהאָלפֿן דעם ברודערס ווייב, קריינדלען.

אָבער אין ערגעץ האָט דער טומטום נישט געפֿונען קיין רעכטן תּיקון, כאָטש דאָס האָט אים ווייניק געאַרט. אומעטום איז אים נאָכגעגאַנגען אַ גע־פֿיל פֿון דערווייליקייט. און אים האָט זיך געחלומט באַשטענדיקייט, היים, וואָס מ׳קען אויסוואַרעמען. ערשט ביי מאירן אין דער קרומער שטוב האָט ער דערזען זיין אמתע היים. ווי באַלד ער איז אַריבער די שוועל פֿון מאירס דירה, איז אויסגעקומען, אַז קיינער — אַ חוץ אים — איז דאָרט נישטאָ. דער פֿאָדערשטער אַלקער און דאָס גרויסע צימער מיטן שיפֿן פּולאָפּ איז געוואָרן פֿול מיט דעם הויכן, שלאַבעריקן ייִד מיטן פֿאַמעלעכן גענגל, מיט דעם באַזאַכטן משה־יאַנקל, וועלכער רעדט שטיל צו זיך אַליין און זוכט תּמיד עפּעס צו טאָן.

אַז ער האָט אין דער פֿרי געהאַט אָפּגעטאָן אַלע הויזלעכע אַרבעטן, ווי אונטערהייצן דעם אויוון, ברענגען זעמל אין שטוב אַריין, אויסקערן דעם דיל און צוהיטן אַז רחלע זאָל נאָך אַ ביסל שלאָפֿן, זען צי מאיר האָט שוין געטרונקען זיין פֿרימאָרגנדיק קריגעלע טיי, האָט ער דעמאָלט פּאַוואָליע אַרויסגעשלייכט פֿון שטוב. פֿון דרויסן שטיל פֿאַרדרייט דעם שליסל און אַן איילעוודיקער, מיט גרינגע טריטלעך געלאָפֿן אין בית־מדרש אַריין אָפּ־כאַפּן ס׳דאַווענען. ער האָט עס גיך געמאַכט, משה־יאַנקל, וואָרעם כאָטש קיי־

נער האָט אים נישט געהייסן טאָן אַלע שטוב־זאַכן, האָט ער אָפּגעפּילט, אַז עס וואַרט אויף אים אַ הויז מיט לעבעדיקע מענטשן: אַלע דאַרפן פריש־טיקן, אַז זיי ברויכן אַ מענטשן, מיט אים אַ וואָרט אויסצורעדן און איז משה־יאַנקל נישטאָ — טאָ ווי וועלן זיי אויסקומען אָן אים?

צוריק געגאַנגען מיטן טלית־זאַק, האָט ער מיט לייכטע טריטלעך (ווי ער וואָלט מורא געהאַט, ר׳ וועט עפּעס צעטרעטן מיט זיין טראָט) זיך אַראָפּ־געלאָזט אין קעלער־געוועלב אַריין גוט־מאָרגן־ביטן דעם שוואָגער.

— מאירל, אַ גוטער אויפשטיין דיר, שוואָגערל. כבע־כבע... דאַכט זיך, איך האָב דיך היינט נאָך נישט געזען. זאָל־זשע זיין אויף דיר אַ גוטער מאָרגן!

— גוט מאָרגן, גוט יאָר, משה־יאַנקעלע, ווו ביסטו געווען, פעטערל?

— כבע־כבע־כבע... זעסט דען נישט, ווו איך בין געווען, שקאָץ איינער? כ׳בין דאָך אַ ייִדע, בין איך געווען זיך אויסשמועסן אַ ביסל מיטן רבונו־של־עולם.

ער איז נאָך אַ ווייל געשטאַנען אויף אַ טרעפּל, וואָס פירט טיפער אין קעלער אַריין; נישט געהאַט מער וואָס צו רעדן, האָט ער אַ באַוועג געטאָן מיט די גראָבע, בלאַסע ליפּן, אויסגעדרייט זיך, גענומען היפּן איבער די טרעפּלעך, זיך אונטערגעזונגען און פאַרשוווּנדן. אַוועק דער ליבער זקן און מאיר האָט אים פריִער שוין נישט געזען ווי האַלבן טאָג, ווען ער האָט אים געברענגט דאָס בכבודיקע טעפּל הייסע געקעכטס און פאַרנאַכט־צו האָט ער זיך פאַר אים באַוויזן מיט אַ קריגל טיי.

אַ גאַנצן טאָג האָט דער טומטום צוגעזען די שוועסטער, געשמועסט מיט איר וועגן אַלטע היימישע זאַכן, דערמאָנט פאַרגעסענע מענטשן פון די ווייטע מקומות, פאַרשוויגט זי פון שיילן קאַרטאָפל, וואָס ער האָט געקענט טאָן; ר׳האָט אויך אַכטונג געגעבן, אַז לאהלע זאָל נישט איבערלאָזן פונעם שיסע־לע עסן און אַז יאָשקעלע זאָל גיין שלאָפן אין צייט. ער איז דאָס גלייכן גוט געווען פאַר כאַוועשען, גערעדט מיט איר ווי אַ פאָטער, איר פאַרמיאוסט די חברטאָרינס, וואָס זענען וואַזשנע פייגעלעך, אַרומלויפערקעס און גאָרנישטן.

— דאַרפסט האָבן אַ בעסערן תכלית, חוהלע, — האָט ער מיט איר גע־קנעלט.

רחלע האָט זיך שוין ווייניקער באַקלאָגט אויף ווייטיקן, הגם ס׳געזונט האָט איר נישט איבעריק געדינט. עפּעס האָט איר געבראָכן דער רוקן, ווײ־

געטאָן אין בויך, נאָר זי איז צו דעם שוין געווען צוגעוווינט און דערפון נישט געֿרעדט. זי האָט זיך ביי טאָג ווינציקער געוואַלגערט אויפן געלעגער און איז אָפטער אַראָפּגעגאַנגען צו מאירן אין קראָם אַריין. משה־יאַנקל האָט אין שטוב שוין אַלץ צוגעזען.

דער ווינטער איז דערוויַיל אָפּגעגאַנגען אין קאַלוזשעס צעשמאָלצענעם, ברודיקן שניי. די זון איז העכער פאַרקראָכן אין הימל אַריין, אָבער ס׳האָט אָפט נאָך געשנייט און פרעסטלדיקער, נאַסער ווינט האָט אויסגעבייטשט דאָס פּנים. וואָס וואַרעמער עס איז געוואָרן, אַלץ מער האָט רחל זיך צוגעבונדן צום געוועלב. ס׳האָט געטראָפן, באַגינען האָט זי פּרזער זיך אויפגעהויבן פון בעט, פאַרשווינט מאירן. אַליין געעפנט דעם קעלער און געלייזט געלט, אויב ס׳האָט זיך געמאַכט אַ קונה. די פאַרגרינגערונג איז מאירן געפעלן און ער איז אָפטער אַוועק אין גאַס אַריין, „אַ נישטער געבן אין דער בראַנזשע״, ווי אַזוי לייט האַנדלען און וואָס זיי האַנדלען.

אַנומלט איז מאיר קראַנק געוואָרן, שטאַרק געהוסט, נישט געקענט דע־כען. די סוף־ווינטערדיקע, אומגעריכט וואַרעמלעכע און דערנאָך קאַלטע, עסיקע טעג האָבן אים פאַרקאַטערט; אַ שאַרפער צפון־דרומדיקער ווינט האָט אים דורכגענומען און צוגעקילט. ס׳האָט אים געגליט דער קאָפּ און אייב־צייטיק האָט עס אים געשווידערט פון קעלט. ער האָט געמוזט זיך לייגן אין בעט אַריין, זיך דורכשוויצן. איי, איי, האָט משה־יאַנקעלע זיך דעמאָלט גע־פּאַרקעט! ער איז אַרויפגעקראָכן אויף דער שאַנק, אויף איר דאַך אויסגעפו־נען אַ בוטל מאַלינע־סאַק, פאַרקאָכט טיי, אויסגעשמירט דעם חולה מיט נאַז־קיצלדיקן שאַרפן שמירעכץ, אַזש די שטוב איז מיט דעם פול געוואָרן און די קינדער האָבן הילכיק געלאַכט: ווי דער פעטער האָט זיך דערשוויצט! ווי דער פעטער האָט זיי פּלוצלינג געמאַכט וויינען!...

— מאיר, דו מוזסט געזונט זיין, ביסט אַ טאַטע פון אַ הויזגעזינד, — האָט דער טומטום געסאָפּעט און געקנאָטן מיט זיינע ווייכע הענט מאירס האָריקע פּלייצעס, — הערסט, מאיר? אַנישט וועסטו זיך ביי מיר אויסריכטן, שייגאַץ דו!

מאיר איז געלעגן אויף די קישנס אַ דעריאָכמעטער, גערייטלט זיך פון דער שמירעכץ, וואָס האָט אים צעפּייערט דעם רוקן, פונאַנדערגעטריבן ס׳בלוט איבערן לייב; ער האָט קיין וואָרט נישט אויסגערעדט, כאָטש ער איז נישט געשלאָפן, נאָר מיט שוואַרצע, הייסע אויגן אַרומגעבלאָנדזשעט איבערן

משופּעדיקן סופיט, און רחלע האָט אַן איבערגעשראָקענע פּאָר אַ דערנענ־טערנדיקער סכנה שווער זיך אַוועקגעזעצט נעבן אים, געגלעט די שיטערע האָר פון קאָפּ און שטיל געפרעגט:

— מאירשי, וואָס אי' דיר? וועסט זייך געזונט, יאָ?

מאיר האָט נישט געענטפערט; אַ לייכט צעטומלטער, ווי ער וואָלט אין גרויס היץ געזוכט אַן אָנשפּאַר נאָך אַ לאַנגן אַרומיאָגן זיך נאָך עפּעס, האָט ער מיטן בליק ווייטער געבלאָנדזשעט איבער דער שטוב און לסוף שוואַך אַנטשלאָפן געוואָרן. דאָס שנאָרכן זיינס האָט זיך צעוויגט איבער די קרומע ווענט.

יאָשקעלע איז נאָך אויפגעוועזן, כאָטש ס'איז שוין געווען שפּעט אויפ־דערנאַכט. געזעסן ביים טיש אַ קליינעקער, האָט ער מיט מאָט־ראָזע בעק־לעך, אַ פּאַרטראַכטער, מיט אַ פינגערל געדליביעט דאָס ברייטע, ווייסע נעזל.

ווען די מוטער האָט אים געגומען אויסטאָן צום לייגן שלאָפן, האָט דער קליינער זיך פונאַנדערגעלאַכט אויפן הויכן קול:

— אוי, ווי דער טאַטאַ שלאָפט! ער שנאָרכט ווי דער פעטער משה־יאַנקל דאַוונט אַן סידור... כאַ־כרו־כאַ...

דער טומטום איז געשטאַנען ביים בעלעק, וואָס נעבן פענצטער־ווינקל און שאָקלענדיק זיך, אַריינגעכאַפּט אַ פאַרשפּעטיקטן מעריב.

„ס'אַ חולה אין שטוב, האָט ער פרום געטראַכט, מ'באַדאַרף בעטן רחמים ביי זיין ליבן נאָמען". און דער שוועסטער דערמאָנט:

— געדענקסט, רחלע, אַז דער קאָפּ פון הויז איז געפאַלן צו בעט? ס'נישט קאַ' קלייניקייט, שוועסטערקע!

...אויף מאָרגן איז אין דער בוידעם־שטוב שוין געווען אַ דאָקטער.

מאירן איז נישט בעסער געוואָרן פון די מאַלינעס און פונעם אויסשמירן די פּלייצע. ביי אים זענען לייכט אָנגעגריפן געוואָרן די שפּיצלונגען — האָט דער דאָקטער געזאָגט. — דער קראַנקער וועט לאַנג מוזן זיך היטן. איצט, פאַר פּסח, זענען די וועטערס סכנהדיקע.

צוויי וואָכן דורכאַנאַנד איז מאיר געלעגן אין בעט אַ שטאַרק איינגע־דעקטער מיט אַ גרויסער פוכענער פּערענע. איטלעכן צווייטן טאָג האָט ער געמוזט האָבן באַנקעס. און צו דעם איז רחל אַ גרויסער מומחה. פון באַגינען אָן איז זי געשטאַנען אין דער קראָם, איינגעאַרבעט זיך אין מיסחר, געלייזט

געלט און אַז זי איז אין אָוונט געקומען אין שטוב אַריין, איז זי געוואָרן אַ קראַנקנשוועסטער.

— מאירשי, ווייז די פּלייצע. איצט בין איך פעלדשערן.

און מחמת זיין פּלייצע איז אַ שטאַרק באַוואַקסענע, מיט לאַנגע, שוואַרץ־געקרויזטע האָר, האָט רחל זיי יעדעס מאָל געמוזט איינזייפן, ווי אַ מאַנצבילש פּנים, און דערנאָך מיט אַ ראַזיר־מעסער אָפּגאָלן. אַזוי יעדן צווייטן אויפּ־דערנאַכט. נאָך דעם האָט זי אויף דער אויסגעגאָלטער ברייטער פּלייצע גע־שטעלט באַנקעס, וואָס האָבן אַריינגעצויגן אין זיך גראָבע, שוואַרץ־רויטלע־כע גוזעס, ווי מעכטיקע קנעפּ אונטער אויסגעהוילטע, רונדיק־הויכע גלעז־לעך.

— אַך, איז דאָס גוט, איז דאָס אַ רפואה. ווער מיר אַ שטיקל גוטס גינט, צו האָבן אַזעלכע גוטע באַנקעס. ס׳גאַנצע בלוט ווערט פונאַנדערגעטריבן אי־בערן לייב. ס׳איז אַקוראַט ווי אַ גוטע שוויץ... — קאָן דער טומטום אין זיין התלהבות נישט געננוג אויסלויבן די פּעולה פון באַנקעס און ער נעמט כלאַ־חר־יד אויסלענגערן זיינע שלעפּעריקע קאַצן־ביינער.

X

היימישע

צו משה־יאַנקלען אין בוידעם־שטוב אַריין פלעגן קומען מענטשן, וועלכע רחלע האָט נאָך קיין מאָל נישט געזען, נאָר זייערע נעמען האָבן אַמאָל, מיידלווייז, היימיש געקלונגען אין אירע אויערן, אַרויסגערופן אַ וואַרעמען ציטער אין דער ברוסט. מיט זייער באַווייזן זיך אין דער אַלטער גרויסשטאָ־טישער מויער אַריין, וואָס האָט אַ משופּעדיקן דאַך און נאָך אַנדערע בוידעם־שטובן מיט קרומע ווענט און הענגענדיקע פענצטער, האָט אין די טריבע צימערלעך פלוצלינג אַ ווייע געטאָן מיט פרישע עפּל, מיטן ריח פון זשומענ־דיקן טייכל; ס׳האָבן אַריינגעקוקט די ציכטיקע היימען פון שטעטל וואָס ערגעץ העט־העט. עס זענען געווען אָנגעלייגטע געסט, וויכטיקע פּאַרשוינען, זיידענע יונגעלייט, וואַזשנע מיוחסים, מיט וועלכע די צעצווייגטע משפּחות

פון די מיידאַנער יִדן האָבן זיך געגרויסט. אויך ווייבער מיט חשובן ערנסט אין פנים פלעגן לאַנגזאַם און מיט אַ פרומען קרעכצל קריכן אויף די הויכע, געדרייטע שטיגן אין מאירס שטוב אַריין. פאַר די־אָ מענטשעלעך האָט זיך ביי משה־יאַנקלען געעפנט אַ נײַ מקום פון עפטערן צונויפקומען זיך, פון שמועסן מכוח לאַנג־פאַרפלאָסענע צייטן, אָפּפרישן אין זכרון דערמאָנונגען פון ווילע און גאָטפאָרכטיקע לייט אין די ערטער, פון וואַנען מ׳איז, נעבעך, אויסגעוואָרפן געוואָרן. אונטער אַלט־אויסגעקראָכענע, גראָע ווינעס האָבן אָפּ־געבליאַקירטע אויגן אַ חדווהדיקן בליאַסק געטאָן פאַר זיסן צער און פון ס׳ניי געוואָרן פאַראומערט, פאַרצויגן זיך מיט אַ נעפּל ווי מיט אַ הייטל.

עלנט האָט צו בענקשאַפט זיך אַ טוליע געגעבן.

אין דער ווילדער פרעמד האָט זיך ערשט רעכט געוויגן די חשיבות פון איטלעכן מיידאַנער און ס׳האָט זיך אויך אָנגעזען דער יחוס פון אַזאַ משה־יאַנקל.

— מ׳עט׳ס דערלעבן, ׳עט מע זיך אַהיימכאַפּן אויף סוכות. דערווייל זאָל מע זוכה זיין צו קריגן כאָטש גוטע בריוו, — האָבן לייט זיך געשטאַרקט.

ס׳האָט געטראָפן, אַז משה־יאַנקל האָט אין מיטן שפּאַלטן אַ ליפּע האָלץ אָוועקגעלייגט דאָס העקל, אויפגעשטעלט זיך פון דער פּאָדלאָגע און אָנגע־קוקט דעם נאָר־וואָס אַריינגעקומענעם. נבהל ונשתומם פלעגט ער אויס־שטרעקן זיין ווייך הענטל:

— אַ־אַ, וועמען מ׳זעט! כ׳וואָלט געשווירן, דו ביסט שוין לאַנג דאָ און צו מיר קומסטו ערשט היינט. האַ, שמואל־גאָדל? פע, נישט שיין פון דיין זייט! דו ווייסט, מיר איז אַזוי מאַרקאָטנע, אַז כ׳קוויק זיך, מ׳זעט אַ היימיש פנים... האָסט מיר, כ׳לעבן, אַן עוולה געטאָן, וואָס דו ביסט נישט פריִער געקומען.

— ס׳הייסט?... ערשט נעכטן אויפדערנאַכט בין איך געקומען אַהערצוצו און כ׳בין שוין ביי דיר. אַלע האָבן מיר אָנגעזאָגט: למען־השם, זע זיך מיט משה־יאַנקלען, עס וועט אים הנאה טאָן. און דו האָסט אַ טענה! גיי שוין, משה־יאַנקל, ווערסט דאָך עפּעס לאַ־עלינודיק. נישט שיין אויסצושטעלן אונ־דזער מיידאַן אַזאַ פנים אין דעם־אָ מקום! מ׳זאָגט דיר, אָקערשט געקומען, זאָלסטו גלייבן אַ משלנו.

— נו־נו, איך גלייב דיר. זאָל־זשע זיין סקאָצל קומט, שמואל־גאָדל.

קום זשע ווייטער, זעץ זיך און דערצייל אַלע טשיקאַוועקייטן. האָט זיך חס ושלום גאָרנישט איבערגעקערט אין דער היים? איי, איי, שמואלעכל!

משה־יאַנקל זיצט אין אַלקער מיט אַ גאַסט, שמועסט מיט אים פון היי־מישע, ווער ס׳האָט שוין אויסגעגעבן די קינדער און וועגן די, וואָס זענען אָקערשט אַוועק פון עולם־השקר; בעת־מעשה זיצט רחלע מיט אירס אַ גאַסט, צי אַ משפחה־מענטש. זי גאָשטשעט עמעצן אין גרויסן צימער און שמועסט מכוח ווייבערישע זאַכן, אַ שטייגער ווי לאַנג כאַווטשע איז שוין אַ שטיקל פריילין, ווי אַלט עס איז „איר״ יאָשעלע און וואָס „ס׳וועט זיין״ מיט מאירס טאָכטער לאהלע, וועלכע וואַקסט אַזוי קנאַפּ; דערצו איז זי נאָך אַזוי דאַר און שוואַרץ, אַז ס׳איז אַ שרעק זי׳ אָנצוקוקן.

„אַ מיידל אַ קנאַכיקס האָט צו מאָל אַ שטער ביי אַ שידוך אַז מ׳דער־לעבט עס״, — האָט רחלען ווער צוגעוואָרפן מיט באַדויער.

— מ׳עטס דערלעבן, ׳עט מע זען, — האָט זי געטענהט.

צום מערסטן האָט זיך צו רחלען צוגעקלעפּט איר שוועסטערקינד רוי־זע, אויך איר אַמאָליקע חברטאָרין, די גראָבע מאַשע, וואָס האָט זי דאָ אָפּ־געזוכט.

מיט דער קוזינע איז די ליבשאַפט גיך געוואָרן זייער גרויס; איינע איז געלאָפן צו דער אַנדערער. טאָג ביי טאָג האָבן זיי זיך געזען. און אין דער אָפּגעשפּרישטער, צוגעוואָרעמטער משפּחה־ליבע האָט מען אַריינגעצויגן אויך מאירן, וועלכער זיצט תמיד אין קעלער, פּינטלט מיט די שוואַרצע אויגן אין גאַס אַריין: „אַ רעש אַזאַ אויף דער וועלט און מאיר בן פלעקל טרייסלט זיך אויף איר רוקן״.

די פריינדשאַפט־ליבע מיט מאירן האָט ביי די פרויען זיך אָנגעהויבן מיט אַזאַ גערייד:

— פאָלג מיך, רחלע, ווייז מיך פאַר דיין מאַן. זאָל ער מיך זען ווי אַ שטיקל אייגענע.

— ווייזן דיך? שעמסט זיך גאָרנישט, אַזאַ אַלטע קוואָקע ערשט פאַר־שטעלן פאַר אַ מאַנספאַרשוין? וועסט אַריינקומען שבת, וועסטו זיך שוין מיט אים באַקאַנט מאַכן. נישקשה, — איז זי בשעת־הדחק איבערגעגאַנגען אויף אַן אַנדער טאָן — נישטאָ זיך וואָס צו שעמען מיט מאירן.

— שעמען זיך? — זאָגט דאָס שוועסטערקינד מיט אַ פאַרחידושט פּנים.

— רעדסט נאַריש, זיי מוחל, רחלע. פיר מיך שוין צו אים אין געוועלב אַריין.

וועסט נישט האָבן וואָס צו באַדויערן. פאָלג מיך, גרויסע מויד וואָס דו ביסט. וועסט זען, איך וועל גיך היימיש ווערן מיט אים און קיין רעה וועסטו נישט האָבן דערפון.

רחל איז געשטאַנען אַ פאַרטראַכטע, די הענט אַראָפּגעלאָזט און נישט געוווסט וועמען פריִער צו פאָלגן: איר אייגענע דעה, אָדער לאָזן זיך צורעדן פון רויזען? עפּעס אין מיטן טאָג אַ נאַכטקראַץ! שבת, אין שטוב, דאָס פאַרשטיי איך נאָך, — האָט זי געקלערט.

— הכלל, רחלע, קלערסט נאָך? ווייסט נישט, ווו דער הונט האָט דעם פּופּיק?

— ניין, איצט גלוסט מיך נישט. עס איז נישט די צייט פאַר דעם. אַ צווייט מאָל, — קאָן רחל נישט פאַרטיק ווערן מיט זיך.

— פאַרדריי דיר דיין ראָגעווקע... נישט? — איז נישט. — האָט די קו־זינע אָפּגעהאַקט אַ ברוגזע.

לסוף האָט רחלע זיך מיישב געווען, אָנגעטאָן זיך דאָס פעלצל און די פלאָקענע זאָקן און מיטן שוועסטערקינד אַראָפּגעגאַנגען אין קראָם אַריין: „אַז זי שטייט צו, ׳על איך זיך עקשנען?״

— מאירל, ביסט שוין גוט געפרוירן, העי? נאַ דיר אַ גלעזל טיי, וועסט זיך דערוואַרעמען, האָט רחלע געגענט צו אים מיט אַ געמיט פול צערטלעכ־קייט, — און אָט, יִנגעשי, האָב איך דיר מיטגעבראַכט אַ גאַסט, מיין קוזינע רויזע. מיר׳ן זיךביידע דערווישט אין גאַס...

מאיר האָט מעשה פּאַצעט זיך אויפגעשטעלט פון זיין זיץ אויף אַ קאַסטן, לייכט אַ שאָקל געטאָן מיטן גרויסן, שוואַרצן קאָפּ און יענער דערלאַנגט זיין שווערע, האַריקע האַנט:

„זייער אָנגענעם״.

דער קנאַפּ־ריידעוודיקער מאיר רויט האָט אַ היפּשע ווײַלע געקוקט דאָ אויפן ווייב, דאָ אויף דער נייער קוזינע, געפינטלט מיט די אויגן און אַ זאָג געטאָן מיט אַ געמאַכטן שמייכל:

— ס׳אַ קרירה, פּאַניענקעס, וואָס שטייט עץ? רחלע, נעם דיין קוזינע און טייע זי אויף ביים אויוון. דאָ וועסטו געפינען אַ קנאַפּן תכלית פאַר אַזאַ אתרוגל. זעסט? זי כאַפּט שוין אַ ציטער!...

— אַבי דו זאָגסט, רחלע, אַז דו האָסט נישט קיין גוטן מאַן. ווער מיר איין שטיקל גוטס גינט, ס׳אַראַ מאַן דו האָסט, — איז די קרובה אַרויס

אַקעגן אים אַ דרייסטע, אַ האָפּערדיקע — נישט בלויז דיך האָט ער ליב, נאָר אויך דיין משפּחה... אַפילו איך, אַן אַלטע ייִדענע, בין אים אַ שאָד. לאָמיר אים טאַקע האָרכן און גיין זיך צוּוואַרעמען. אַ גוטן טאָג, קוזין, מ׳זאָל נאָר האָבן צו שפּאַסן, ראַכטיק?

זי האָט אויסגעשטרעקט די האַנט צו מאירן, דערפילט זיין וואַרעמען דריק און איז אַ הייטערע אַרויס פון קעלער אין דער שניידיקער לופט אַריין. עס האָט גראָד שוין געשמעקט מיט נאָכלאָזנדיקער פראָסט, מיט פייכט־קייט פון פריִע מערץ־ווינטן.

אין גיכן האָט די איינגעפרוירענע ערד זיך אַ ריר געטאָן. פון שטאַר־קער פראָסט איז שוין קיין צייכן נישט געווען. פון אַלע זייטן האָט עס גע־שורעוועט מיט אָפּגייענדיקן ווינטער, וואָס אַנטפּלעקט זיך אין אויפשמייכ־לענדיקן בלישטש פון אַ נייער זון, וועלכע שטייט אין מיטן פון אַ וואָלקן־צעשויבערטן, בלאָ־געפּלעקטן הימל.

אין מאירס בוידעם־שטוב האָט זיך דעמאָלט בולטער געהערט פון אויסגעוועפטן רויך, פון פּוילעניש; ס׳האָט געשמעקט טוכלע. דער דאַך אַרום די פענצטער האָט זיך געפּלעקט אין שוואַרץ און ווייס פונעם צע־גייענדיקן איינגעפרוירענעם שניי־פעלץ. נישט־ווו, נישט־ווען האָט אונטער די פענצטערלעך זיך נאָך אַ שאַרפן שאַר געטאָן אַ האַרטע שניי־פּלאַכטע, וואָס האָט מיט אַ גרילצנדיקן קלאַפּ זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן קויטיקן ברוק אַרויף.

אין קעלער־געוועלב ווייזן זיך אַריין שוין לאַנג נישט־געזעענע פּני־מער. פויערן האָבן מיטן זיפץ פונעם שווער דורכגעשלאָפענעם ווינטער אין זייערע רייד אויסגעהילכט די פריידיקע נייעס פונעם נאָענטן פרילינג, פון פול געוואָרענע ברונעמס און פון זיך וואַשנדיקע קעץ. מאיר איז געוואָרן זשוואַווע, ווייל ער האָט געשמאַק געלייזט געלט פאַר שטריק איינצושפּאַ־נען פערד אין אַקעראייזנס, אין דאָרפישע וועגענער; גויים מיט וואַרעמע, שאָפענע היטלען אויף די גרויסע קעפּ וואָל האָבן איינגעקויפט פּאַסמעס שניר צו פאַרריכטן די סיטשן פיש צו פאַנגען. פאַר אַדמיניסטראַטאָרן פון פּריצישע פאָלווארקן האָט מאיר אויסגעשריבן מיט גראָבע, שטייפע צי־פערן חשבונות אויף „פּאַרטשאַנקעס״, אויף לינקעס און קי־שטריק און ר׳האָט די שרהשע פאַרוואַלטערס אויסגעצאָלט דעם עודף פונעם ריכטיקן משווה־געוואָרענעם קויף. אין דעם קעלערדיקן לאָך, וואָס האָט מיט שרעק

און אומגלויבן אַרויסגעקוקט אין אַלטשטאָטישן מאַרק אַריין, האָט מען שעהענווייז געהערט אַ העפטיק פּאַטשן אין די הענט אַריין, ווי אויף ירידים ביים איינקויפן פערד און קי.

— ניעך בענדזשע נאַ שטשענשטשע...

ערשט האָט כאַוועשע אויך זיך שוין אַרויסגעוויזן פון שטוב, ווו זי האָט געגליווערט בעת די גרויסע קרירות, אַ סך אָנגעווירן פון איר געווינט-לעכער ווילדקייט. ווידער האָט זי פאַרן „טאַטעשי" געטראָגן דעם גרויסן טאָפּ וואַרעם געקעכטס אויף מיטאָג און משה-יאַנקל דער טומטום האָט מחמת דעם זיך מער צייט גענומען פאַרן רבונו-של-עולם: אַ חוץ צו שחרית האָט ער אָנגעהויבן צו גיין אין אַלט-שטאָטישן בית-מדרש אַריין צו מנחה.

אַז אין דרויסן האָט געדעמערט, פלעגט רחלע איינע אַליין בלייבן זיצן אין שטוב, איינגעהערט זיך אינעם שטילן שנאָרכן פון יאָשקעלען אין דער וויג. דער אָונט איז אַריינגעטראָטן מיט אַן אומגעזעענעם גע-פלאָטער פון צעשראָקענע פלעדערמייז, וואָס נעסטיקן זיך מסתמא אין די נאָענטע דאַך-שפּאַלטן. צוקוקנדיקערהייט איז די נאַכט צוגעפאַלן אַ שווע-רע, אַ שוואַרצע און איינגעהילט רחלען אין אַ נעץ פון וויגנדיקע חלומות וואָס האָבן זיך אָנגעשטאַפּלט אויף איר פרוילעכער וואָר.

XI

פּרילינג

זינט דעם טאָג, ווען די נייע זון האָט זיך געפלעקט אויף די קעגנאיבערדיקע דעכער און דער הויכער קאָשטשיאָל-טורעם האָט כסדר זיך געטובלט אין גינגאָלדענעם, וואַרעמען ליכט, — האָט דער טומטום גאַנצע מעת-לעתן זיך געפּאָרעט אין דער קאַמער, וואָס אין לאַנגן, אומבאַוווינטן פיר-הויז. ער האָט באַצייטנס בודק געווען דאָס פסחדיקע געשיר, צי עפּעס איז נישט צעשעדיקט געוואָרן (אָנעהאָרע וויפל מה נישתנהס עס האָט שוין געהערט, וויפל לשנה הבאהס איבער דעם איז שוין אַריבערגעגאַנ-גען!). ר'האָט באַטראַכט דאָס יום-טובדיקע אויסזאַלץ-ברעט און דעם ווייק-

צעבער צום פלייש. אַז די זון האָט ווי אויף טשיקאַווּעס געגומען אַרײַנ־בליקן אין דער דאַך־שטוב, האָט מען זיך ערשט אַרומגעזען, אַז יאָשעלע — קיין בייז אויג זאָל אים נישט פאַרשאַטן — איז היפּשלעך אונטערגעוואַקסן איבערן ווינטער. משה־יאַנקל האָט אָנגעהויבן מיט אים אַרויס־צוגיין שפּאַצירן אויף דער גאַס. דאָס יינגעלע האָט זיך צוגעבונדן צום אַלטן פעטער און דער מאַמען האָט עס הנאה־געטאָן, וואָס דער דאָזיקער ייִד איז איר ברודער. ער איז אַזאַ האַרציקער, אַז אַפילו מאיר געדענקט אים שטענדיק צו גוטן. אין מיטן טאָג, ווען רחלע כאַפּט זיך אַ מאָל אַריין אין קעלער־געוועלב, פאַרגעסט נישט מאיר זי צו פרעגן אויפן טומטום:

— וואָס טוט משה־יאַנקל? עס רוכעוועט זיך ביים פעטערל, הע? זאָל דיך נישט אַרן וואָס ער פאַרעט זיך. היינט, דאַכט זיך, דאַרף ער נישט איינהייצן דעם קאַכל־אויוון.

— לאָז געמאַך, יונג איינער! היינט הייצן, אַז יאָשעלע מיט לאהלען גייען שוין שפּאַצירן מיטן פעטער? — האָט רחלע אַ פּיעשטשענדיקע שוין באַגערט אַ שפּאַס מיטן מאַן, אים אַ גלעט־געטאָן איבערן באַוואַקסענעם פּנים און איז גיך, ווי אַ מיידעלע, אַרויסגעלאָפן פון דער קראָם.

וואָס אַ טאָג האָט זיך דער דרויסן געשטעלט זוניקער, העלער און אין בוידעם־שטוב איז געוואָרן עטוואָס ליכטיקער. אין די באַגינענס האָט מען אונטער מאירס דאַך־פענצטער שוין געהערט אַ צווישטשערן פון פייגל, אַזש רחל האָט נישט געקענט איינזיצן אין שטוב. דער שיפער פולאָפּ האָט איר קאָליע־געמאַכט דעם פרילינג־אָנקום, וועלכן זי האָט אין בוידעם־שטוב מער דערשפּירט, ווי געזען. פיינע לופטלעך, לייכטע ליכט־שטרייפן האָבן אַריינגעדרונגען צו איר. עפּעס איז איר דאָ ענג געוואָרן. אָן אָנגעטוענע אין פעלצל מיטן וואַרעמען קלייד, האָט זי זיך אַרומגעדרייט פאַרן קעלער־געוועלב, כלומרשט פאַרהאַלפן מאירן אין האַנדל און רק זי איז געלאָפן צו דער קוזינע, וואָס האָט געוווינט אין דער דערבייאיקער פוילישער גאַס. ביי דער קרובה האָט רחל אַ לעבעדיקע, אַ רירעוודיקע, זיך געפּאַרעט אין די ווינקעלעך, מעשה היימישע אַלץ אַרומגעשמעקט און זיך געסודעט מיט רויזען, כאָטש יענע איז געווען פאַרנומען מיט די קינדער. נאָך גאָר יונגע מיידלעך האָבן זיי געאַרבעט ביי מאַשינען, פון וועלכע זיי האָבן אַרויסגע־בראַכט די פּרנסה פאַר דער שטוב, וואָס איז געווען אָן אַ פאַרדינער. דער שוועסטערקינדס מאַן, אַ נידעריק ייִדל מיט אַ ברייט־צעקאַמט בערדל, אַ

שוואַרצס, אַ גלאַנציקס, ווי ס׳וואָלט געווען איינגעשמירט מיט בוימאייל, האָט דאָ, אין גרויסשטאָט, נישט געפונען קיין פּרנסה פון זיין סופרות. זעלטן ס׳האָט זיך אַריינגעוויזן עמעץ מיט אַ מזוזה אויף איבערצוקוקן און אַ מאָל האָט ער געקראָגן צו שרייבן פּרשהס פּאַר אַ פּאָר תפילין. „ס׳זאָל נישט זיין אויסגערעדט — ס׳נישט דאָס וואָס אין דער היים, די ייִדישקייט אין דעם כרך״, האָט דער איידעלער ייד געקרעכצט. מיטן געהויקערטן פּלייצעלע האָט ער זיך זייטיק דורכגעטראָגן איבער די לאַנגע, הודזשענ־דיקע גאַסן, געשלעפּט גרויסע פּעק וועש צום סוחר, פאַר וועלכן די טעכ־טער האָבן געניית. טאָג און נאַכט האָבן זיי געשטעפּט ווייסוואַרג, העמדער און גאַטקעס. אַז עס האָט זיך געלאָזט, האָט ער, דער קאָפּ פון שטוב, אויך זיך געפּאָרקעט ביי אַ שידוך, אַן ענין, צו וועלכן ער האָט אַרויס־געוויזן אַ תשוקה. ער האָט שטאַרק געהאַלטן פון מזווג־זווגים־זיין ווי פון אַ הייליקער זאַך. און אַז ער פלעגט אַ מאָל דורכפירן אַ שידוך, האָט ער מיטן געהויקערטן פּלייצעלע זיך אָוועקגעשטעלט פאַר ווייב און קינדער, געגרויסט זיך מיט די פאַרדינטע מטבעות:

— זעטס, קינדערלעך, כ׳בין ברוך־השם ביים איבערשטן נאָך עפּעס ווערט... מ׳האָפן אַז ס׳איז אַן אָנהייב. מהיום והלאה איז אָנגעצייכנט אַ שטיקל וועג פאַר נייעם ביטחון אין זיין ליבן נאָמען. נאָר נישט געזינדיקט, מאַאַן וואַאַב!

און ער האָט אומגעריכט גדלותדיק געשאָקלט מיטן קרומלעך אָנגעג־וואַרצלטן קאָפּ, אייגנטלעך אַ רויכיק שוואַרץ קעפּל גלייך אַזאַ שישקע וואָלט זיך מיט אַ מאָל ווינטיק צעטרייסלט אויף אַ נאַקעטער צווייג פון אַ האַרבסטיק־ נעבעכדיק סאָסנעלע. איבערן הויז האָט דעמאָלט אויף אַ ווײַלע זיך אויסגעצויגן אַ שטיק פרעמדער שאָטן.

...אין שטוב פון דער קוזינע האָט רחלע אויפגעלעבט. אַפילו ס׳לשון האָט זיך ביי איר געעפנט, מחמת אין דער היים ביי זיך האָט זי רעכט נישט געהאַט מיט וועמען זיך אויסצורעדן. דער מאַן? שטענדיק איז ער פאַרנומען. קומט ער אין שטוב אַריין איז ער מיד, מיט אַ פול מויל פרעגן און — איינצייטיק — מיט אַן איבערגעשוימטער ברוסט פון דאגות. ר׳איז אַזוינער, זעט זי ערשט איין, וואָס קען נישט אויסקומען אָן דאגות. אַז זיי זיינען נישטאָ, יאָגט ער זיך נאָך זיי און פירט זיי אין שטוב אַריין. ווידער משה־יאַנקל? זאָל ער זיין געזונט און שטאַרק, דאָס ברודערל. ער

איז ווי אַ טייערע שטוב־חיה. רק ער זוכט עפּעס צו טאָן און רק עס נאָגט אים ביים האַרץ. ר׳מוז נעבעך אַלע מאָל עפּעס קייען. אַ מענטש איז ער אַן איבערגעזייערטער, מיט אַ נעפּלדיקן געדעכעניש וואָס ברענגט אים נאָר פּאַרדראָס. האָט משה־יאַנקל עגמת־נפש שוויגט ער ווי אַ שטיין, מאַמ־ליעט מיט די ליפּן און שוויגט פינצטער. ס׳איז גלייכער נישט אָנצוהייבן צו רעדן מיט אים וועגן תכלית, מיינט רחלע. ר׳האָט נישט קיין חוש פאַר זאַכן וואָס דריקן אַזעלכע ווי זי; יאָ, שטאַרק אומקלאָרס דריקט רחלען.

ס׳האָט זעלטן געטראָפן אַז רויזע די קוזינע זאָל רחלען נישט אַנט־קעגן קומען מיט באַלערנדיקע ענטפערס אויף אירע סודותדיקע מעשיות, מיט וועלכע זי פלעגט אַריינפאַלן צו איר אַ פּאַרפּלאָמטע. הערסט, רויזע? וואָס ׳עסטו טענהן דערצו, האַרצעדיקע? — איז מאיר רויטס ווייב צוגע־שטאַנען צו דער קרובה. אַ געביפטע יידענע האָט דאָס שוועסטערקינד בשעת־מעשה נישט פאַרפעלט זי צו דערמאָנען אַז זי איז מאירן נישט דאָס ערשטע ווייב און אַז אַזאַ מוז תמיד עפּעס פאַרהוילן פאַרן מאַן. און בכלל, אַ סוד מאַכט אינטערעסאַנטער יעדע פרויענצימער. און אין דיין מערכה, רחלע קרוין, איז דער ענין סוד גאָר, גאָר עפּעס אַנדערש!

— אַ מאַן, — האָט זי געקנעלט מיט רחלען — דאַרף סתם קיין מאָל נישט וויסן וואָס דאָס ווייב טוט, וואָס זי האָט בדעה צו טאָן, בפרט... פאַר־שטייסט, ס׳איז דאָך אַן אָפּגעצויגענע מילעך. ביסט אַ קינד? די סמעטענע איז שוין ערגעץ־ווו אויסגערונען, לאַכטיקע. און דו ביסט אַ מאַמע, רחלע, ס׳דיין בלוט און פלייש, נישט ז יי ב ס . אַ ווייב, אַ צווייטס, ברויך געדענקען נאָר צו געפעלן דעם מאַן, ווייזן אַז זי איז גוט צו ב׳אים. אָבער דער עיקר — זיי נישט קאַ׳ יידענע, זאָלסט קוקן אויף זיך, זאָלסט חלילה נישט שלעכט אויסזען.

— מאיר איז נישט קיין שלעכטער, רויזעלע, — ווערט זיך רחלע, וועלכע פאַרשטייט נאָך נישט דער קוזינקעס דרך.

— טאַקע נישט קאַ׳ שלעכטער, ווערדליק איך זע, רחלע, אָבער דאָך אַ פרעמדער צו דיין כאַוטשען. דו פאַרגעסט, ווייבעלע, אַז אַ שטיפטאַטע איז נישט קאַ׳ טאַטע. גיט, גיט, נאָר ביז אַ באַשטימטן טאָג — —

רחלע גיט אַ זיפץ:

— אַ גוטער צי אַ שלעכטער, אַלץ איינס איז מיין לעבן פאַרפינצטערט. ווי די זון גייט אונטער, זיינען אין דר׳ערד אַראָן מאַנע גליקן. ברוך איז

געשטאָרבן איז אַלץ מיר אָפּגעשטאָרבן. מיינסט, כאַװטשע איז אַ קינד װי ס׳קער צו זאָגן. ס׳זאָל מיר נישט גערעכנט זאָאַן — נישט װעדליק מאַן גוסט, כאָטש כ׳בין אַ מאַמע. ס׳אַ גילגול פון אַ מיידל. ניע דאָ באָגאָ, ניע דאָ לודזשי. װאָלט דער פּאָטער נישט אַװעק, װאָלט מען עס אפשר גע־קענט פאַרדעקן... ס׳איז טרויעריק דער מאַמע װאָס מוז אַזוי רעדן. נישט זי איז קלוג און נישט זי לאָזט זיך לערנען. די גרעסטע צרות טיילט זי צו, דאָס כאַװטשעלע. הלוואי זאָל עס זיך אויסלאָזן צום גוטן, רויזעלע. אוי, װאָס פאַר אַ עצה גיט מע זיך! זאָגן דיר די נעװאָרעט? כ׳האָב נישט מיט װעמען צו רעדן װעגן דעם. מיט מאירן האַרצט מיך נישט צו רעדן פון איר. איך פיל, אַז קיין נחת װעל איך פון כאַװטשעלען נישט דערלעבן. מ׳זעט שוין קליינערהייט װאָס פון דעם קען װערן גרויסערהייט. אַן אַנדע־רע אויף איר אָרט, װאָלט מאיר נישט אַזוי שלעכט באַהאַנדלט. ר׳איז זיך שוין געגנוג אויסגעשטאַנען פון איר. גלייב, ער איז נישט דער ערגסטער, ר׳מאַכט נישט קיין אונטערשייד — מיינס, דיינס. ר׳איז אַ קלו־גער. זי, דאָס מיידל, איז אַ בייטש איבער מיין רוקן.

— בייס דיך אָפּ די צונג!... װי כ׳בין אַ ייִדיש קינד, מ׳טאָר נישט אַזוי רעדן. ביזסט עפּעס אַזוי מאָדנע. עס פּאַסט נישט, רחל, דו פאַרגעסט, אַז כאַװטשע האָט געהאַט אַ טאַטן; מאיר איז איר אַ װילד־פרעמדער. טראַכסטו נישט, מאַמע, װעגן דיין מעמד? זעסט נאָר שלעכטס ביי דיין קינד. ביסט נישט גערעכט. אַנדערש דאַרפסטו קוקן אויף די זאַכן... ס׳טוט מיר װיי, װאָס דו ביזסט נאָך אַזאַ קעלבל, מ׳ברויך דיר אַלץ אַרויסצולייגן אויפן טעלער... צום ערגסטן איז — הויבט דאָס שװעסטער־קינד אָן אַריבערגיין אין אַ תחינה־ניגון, — אַז גאָט ברוך־הוא שיקט אַראָפּ אין שטוב אַריין קינדער מיינע, דיינע און אונדזערע. זאָלסט מיר לעבן, רחל קרוין, װי פילסטו צו לאהלען, װעלכע איז נישט דיין קינד?

רחלעס ענטפער איז געװען אַ פּאָר צעעפנטע, שטוינענדיקע אויגן. קיין מאָל האָט זי זיך גופא נישט געשטעלט אַזאַ פראַגע, כאָטש טיף אין זיך פילט זי עפּעס, אַז לאהלעס בליק פון די שטילע, ברענענדיקע, שטענ־דיק־פרעגנדיקע אויגן װאַרעמט איר נישט אַזוי, װי דער גלעטנדיקער קוק פון יאָשקעלען. װאָס קען זי ענטפערן? אפשר איז זי טאַקע אַ גולם, באַנעמט װינציק.

— אַ קלוגע ייִדענע, די רויזעלע, — מאַכט זי אָפּ ביי זיך.

אַרויסלויפנדיק אויף דער גיך פון דער קוזינע, דערמאָנט זי זיך, אַז זי איז זיך שוין צו־לאַנג פאַרזעסן ביים מוטלען. אין ליכטיקן דרויסן אַנטפּלעקן זיך פאַר איר גלאַנציק־זאַפטיקע בוימער־קנאָספּן פונעם יונגן פרילינג. דער טאָג רייסט זיך מיט צעפּראַלטער זון און מיט אַ האָפערדיק ווינטל אויפן קויטיקן, טומלדיקן אַלטשטאָטישן מאַרק אַרויף. ממש דורכ־געריסן דאָ די שטראָמיקע ליכטיקייטן, קומט פאַר רחלען, אַז נישט איר און נישט דעם מאַרק איז היימלעך אין אַזאַ טאָג: טרויעריק זעט אויס איר פינצטער פּנים און ווי פאַרשעמט ס׳איז די גראָע אַלטשטאָט, די צעיוירע־נע מאַרק־ייִדענע וואָס וויל זיך פאַרבאַהאַלטן פאַר דער צו־גרויסער ליכטי־קייט! זי זעט עס אָקערשט.

אַ פלוצים־פאַראומערטע שפּאַנט זי שוין לאַנגזאַם אין דעם שטענדיק שאָטנדיקן טויער אַריין, וואָס פירט צו די הויכע, געדרייטע שטיגן.

גלייך זי וואָלט ערגעץ באַקומען אַ גיפטיקן ביס, האָט רחלע נישט קלאָר באַנומען פון וואַנען עס נעמט זיך איר דער נייער ווייטיק — סיי דער מאַן, סיי דאָס טעכטערל האָבן אַנגעשאָטנט איר געמיט.

XII

מאירס קאַרגשאַפט

אין דרויסן זענען געשטאַנען שוועבעדיק ליכטיקע טעג, איינער זוניקער פון־נעם אַנדערן. דער פרילינג האָט זיך גאָלדיק צעפּאָכעט, אַלץ מיט אַנאַנד אָנגעפּולט מיט אַזאַ שפע האָפענונג, מיט אַזוי פיל צעקוואָלן האַרץ, אַז רחלע, וועלכע איז געווען באַלאָדן מיט טריבע רעיונות, האָט מורא געקריגן, אַז זי וועט פּלוצלינג אָנהויבן זינגען. און פאַר דעם האָט זי זיך באמת דער־שראָקן, גלייך זי וואָלט קיין מאָל אין איר לעבן נאָך נישט געזונגען. אַקעגן דער פלייצנדיקער ליכטיקייט האָט איר פּנים זיך אָנגעגאָסן מיט בושה, און זי איז איבעראַנייס אַריינגעפאַלן אין טרויעריקע געדאַנקען. זי האָט נישט געוווסט געגוי פאַר וואָס, נאָר איר האָט זיך אַלץ אויסגעדאַכט, אַז אין דער־אַ שטוב וועט זי משוגע ווערן, כאָטש מאירן האָט זי נישט

געהאַט וואָס פאַרצוואָרפן. אינעם געמיט פון דער קרוב פערציק־יאָריקער רחל האָט זיך געריסן עפּעס אומקלאָרס פאַר זיך אַליין, מטושטעשס אַזוינס וואָס האָט געצופּט איר האַרץ, געצאַפּלט, טונקל געצאַפּלט אין איר מוח. ווי אַזוי דאָס אָנצורופן האָט זי נישט געוווּסט. רחלע האָט לחלוטין נישט פאַרשטאַנען, וואָס מיט איר קומט פאָר, פאַר וואָס עפּעס נעפּלהאַפּטיקס פייניקט זי און פאַר וואָס אַן אומבאַגריפענע שרעק צעפּאַסעוועט אירע נערוון, לויפט אַרום אין איר בלוט.

אין די־אָ שפּעדיקע טעג פון אויפגעלויכטענעם פרילינג האָט רחלע, מאיר רויטס ווייב, וועלכע האָט געדאַרפט זיך פילן גליקלעך מיט דעם טראַף, וואָס זי האָט גוט געטראָפן מיטן נייעם מאַן, — גראָד אין די הערלעכע טעג האָט די פרוי זיך געפייניקט אין דער אויבערשטער שטוב, וואָס אין אַלטן ראָג־הויז. דאָס מענטש האָט ערשט געליטן פון דעם לאַנג איבערגעלעבטן און פון די שווערע טראַכטונגען, וואָס האָבן אומגעוואָלט אין איר אויפגעשפּראָצט ווי אייטערנדיקע ווונדן.

— ווען עס פרייט דאָס ליכט, איר איז עס אַ ברענענדיקע בייטש! ס'האַרץ זאָגט איר אַן נישט קיין גוטס.

הפּנים, דער וויסטער גורל האָט זי נאָך נישט גענוג געשמיסן, רחלען. ווי אַ וויכער האָט זיך אָנגעטראָגן אויף איר פלוצלינגער אומעט.

לאַנגע טעג איז זי געזעסן אין דער סומנער טונקלקייט פון שטוב, נישט אַרויסגעוויזן זיך פאַר דער שוועל, גלייך זי וואָלט זיך געשעמט צו באַווייזן דאָס פּנים, וואָס איז אויסגעזויגן פון אַ קרענק, וואָס מאַטערט איר געביין.

„איי, איי, אַ מענטש גייט, לויפט, ער ווייסט דען וווהין ס'ציט אים?"

*

איין מאָל אין אַ שבת איז רויזע מיט איר מאַן געקומען צו גאַסט צום שוועסטערקינד רחלע. קוים זיך אַרויפגעדראַפּעט, האָט די ייִדענע געדע־כעט. ער, פאַרקערט, דער מאַן האָט געקייעט אַ באַרדיקן שמייכל. דער אַמאָ־ליקער סופר מיטן איינעם געהויקערטן אַקסל איז שוין געווען נאָכן מיטאָג־שלאָף און מאיר האָט צום וויפלטן מאָל געהאַט גראָד אַרויסגענומען צום לייענען פאַר רחלען דאָס איינציקע בוך, וואָס געפינט זיך אין שטוב: „דער ביילים־פּראָצעס". מעגסט הערן, וואָס פאַר אַ רשעים ס'געפינען זיך אויף

דער וועלט, — פלעגט ער איבערחזרן, איידער ר׳האָט זיך אַריינגעטאָן אין לייענעכץ. מיט אַ מאָל האָט ס׳ווייב אים איבערגעשלאָגן:

— זע נאָר, ווער ס׳איז דאָ! רויזעלע! — האָט רחל זיך אויפגעכאַפּט פון איר זיץ.

— אַ־אַ, סקאָצל קומט, ברוך הבא! — האָט מאיר אַ דערריידלטער צעעפנט דאָס מויל גרויסע געזונטע ציין.

רחלע האָט זיך געריכט אויף די געסט. אַנומלט האָט זי אַפילו געזאָגט מאירן, אַז זי האָט פאַרבעטן די קוזינע מיטן מאַן אויף אַ שבתדיק גלעזל טיי. ...מ׳קען דאָך נישט, מאיר לעבן, שטענדיק זיצן דזשאַד ז׳ באַבאָן. לאָמיר זען אַ מענטש, כאָטשע אַ היימישן". — ס׳אי׳ נישט אויסן וועג, ווייבעלע, — האָט ער מסכים געווען מיטן ווייבס געדאַנק: אַ מענטש מוז האָבן אַ מענטש. און מאיר האָט זיך געגרייט דערצו. נאָכן פרייטיקדיקן איינקויף איז רחלע געבליבן אַ ביסל זיצן אין קראָם, אַכטונג צו געבן ס׳זאָל חלילה נישט געשען קיין גנבה. ער וועט אַ גיכן גיי טאָן. דער מאַן האָט איר פאַרזיכערט:

— רחלע, קונים וועלן דיך איצט נישט באַאומרויקן. זיי ליגן איצט איינגעלייגט ווי די מאַלפּעס... ס׳איז שוין נאָכן טאָרג. זיצן זיי אין די קנייפּעס. אָקעוויט און ביר בורטשען זיי אין די בייכער, רייכערן זיך אָן די שאַרבנס, דערנאָך ׳עלן זיי זיך אויסגרעפּצן. שפּעטער, ווען זיי וועלן דאַרפן ביי מיר אָפּטרעטן נאָך אַ שטריק זיך צו וואַרגן, וועל איך שוין זיין צוריק.

אַליין איז מאיר דעמאָלט אַוועק אין שאָשע גרונדמאַנס שענק אַריין קויפן אַ פלעשל אָקעוויט (עלעהיי ס׳וועט זיין אויך אויף אַ רפואה אין שטוב. מ׳זאָל עס אַזוי נישט ברויכן, ווי ס׳קומט אַמאָל צונויף...) און האָט דערנאָך אויפן מאַרק לאַנג אַרומגעזוכט קליינע בראָנפן־גלעזלעך. ס׳וואָל־גערן זיך צווישן גלאָזוואַרג פאַרשטויבטע גלעזלעך, איז גלייכער זיי צו פאַרגעסן, — האָט מאיר איבערגעטראַכט. וואָס, שיכורן באַדאַרף מען ביי אים אין שטוב? ער גופא? ער קען זיך באַגיין. אַז ער האָט אַהיים געבראַכט די נייע, אין פּאַפּיר־געוויקלטע פּיצעלע גלעזעלעך, האָט רחל אים אָנגע־שריגן, הלמאַי ער איז אַזאַ אויסברענגער, צו וואָס ער האָט געקויפט גלעז־לעך, אַז אין שטוב זענען פאַראַן אַזוי פיל און זיי ווערן ווינציק געניצט.

— נאַרעלע, — לאַכט ביי מאירן דער גאַנצער קיילעכדיקער קאָפּ, — יענע גלעזלעך זענען אַ ירושה. מ׳דאַרף זיי אָפּהיטן ווי דאָס שוואַרצאַפּל

אין אויג, ס׳זאָל זיי חלילה קיין עוולה נישט געשען. געסט, זעסטו, מוז מען עקסטרע אויפנעמען. אַ גאַסט קאָן זיך, חס־ושלום, אָנשיכורן און דיר נאָך פאַרשאַפן צרות, אומאָנגענעמלעכקייטן. צו וואָס, רחלע, נישט טראַכטן, וואָס מען טוט? זעסט — ווייזט ער דעם ווייב אַ ניי גלעזעלע — אויף בראָנפן דאַרף „לויטן געזעץ" זיין אַזוינס, אַז ס׳זאָל דערין אַריין דער גראָבער פינגער ביזן ערשטן קנעכל. אַ גרעסערס איז שוין גויִש. עס פּאַסט נישט פאַר אָרנטלעכע יידן... נו, ווייסטו שוין וויסן?

— גיי שוין, גיי, דיינע וויצן.

ווען די געסט זענען אַריין אין גרויסן צימער, האָט מאיר אַוועקגעלייגט דאָס בוך „דער ביילים־פּראָצעס" און דערלאַנגט די האַנט דער קוזינעס מאַן. אָנשטאָט צו זאָגן עפּעס פּאַסיקס פאַר אַזאַ פאַל, האָט מאיר שטיל אַרויסגעמורמלט אַ „סקאַצל קומט". ער האָט זיך פאַרלוירן ווי ס׳וואָלט געוועזן אַן ערשטע באַגעגעניש פון אומבאַקאַנטע. דער קוזינע האָט מאיר געזאָגט: „מיר זיינען דאָך היימיש", און געבעטן זיצן.

— זיצט, — האָט ער געזאָגט אין אַ דינעם שמייכעלע — ס׳איז אַ שווער גיין צו, צו... די רויטס.

— הע־הע, באַלד געטראָפן, — האָט געענטפערט די קוזינע רויזע.

מ׳האָט זיך צוגעזעצט און באַלד געזוכט צו פאַררעדן דאָס אומבאַוווסטע וואָס שטייט צווישן די אַרומזיצנדיקע: דער מאיר האָט צו פולע באַקן, די שטוב קוקט אויס מאָדנע — — אָט דער, דער איז אַ בטלן און קען פירן קהל אין באָד אַריין, — האָט דער שטריקהענדלער געשאַצט זיין גאַסט, — די יידענע איז אַזוי־זיך... כּעלעם וועט זי נעמען אויף דער לער.

ביים טיש האָט זיך עפּעס זייטיק אַוועקגעזעצט אויך משה־יאַנקל, וועלכער האָט, ווי נישט ער איז דער עיקר, פאַר זיך אויסגעבאָמקעט אַ יידישלעך ניגונדל. אין גערייד, וואָס האָט זיך איינגעשטעלט צווישן מאירן מיט רויזעס מאַן און רחלען מיטן שוועסטערקינד, האָט דעם טומטומס ניגונדל דערמאָנט אין אַ גריל אונטערן אויוון. סתם אַזוי גרילצט זי אויס — פון היימלעכקייט וועגן — איר נאַגנדיק ליד. דער קוזינעס מאַן האָט מעשה־באַלעבאָס דערציילט וועגן נייעם בעל־תפילה אין דער אַלטשטאָטישער שיל און מאיר האָט לסוף געפרעגט, וואָס מ׳הערט מכוח פּרנסה. די ווייבער, גלייך זיי וואָלטן איינע אַלייך געווען אין שטוב, האָבן אָפּגעזונדערטע פון מאַנצבילישן גערייד זיך צעשמועסט וועגן עמעצענס שווערן

קינדלעך און דערנאָך פון דער באַגעגנטער חתונה זעלדעלעס, דער קוזינעס טאָכטער זאָל לעבן.

ס׳איז אָנגעגאַנגען אַ געשמאַקער שמועס צווישן אייגענע און דער טומטום האָט אַלץ נישט אויפגעהערט מיט זיין שטילן באַמקען אונטער דער נאָז. רחל האָט אָבער נישט פאַרגעסן אַז זי האָט פאַרבעטן געסט און איטלעך מאָל געוואָרפן אַ ברוגז־בליק צו מאירן, אים געגעבן אָנצוהערע־ניש מכח דעם כיבוד. מאיר איז כלומרשט געווען פאַרקאָכט אין שמועס און ער האָט פאַרגעסן צו דערלאַנגען עפּעס אין מויל אַריין. אין די דאָזי־קע זאַכן איז אין דער־אָ שטוב שוין געווען אַזאַ סדר, אַז גאַסט־געבער איז תמיד געווען דער באַלעבאָס און נישט די באַלעבאָסטע. רחל האָט געוווסט צו סאַרווירן נאָר פאַר די הויזיקע און פאַר געסט שטעלן נאָר אַ גלעזל טיי. אַז איר איז שוין געוואָרן פריקרע דאָס רעדן און שמועסן און דער כיבוד איז נאָך נישט געשטאַנען אויפן טיש, האָט זי מיט אַ היימיש־לעכן פאָרוווּרף אַ מאַך־געטאָן צו מאירן:

— מאַן מיינער, מעגסט מיך היינט פאַרטרעטן און מהנה זיין די געסט.

— אַוודאי, אַוודאי! ביסט כשר גערעכט, שוועסטערקע... שוין, שוין, איך גיי שוין!

אַרויסגעשפּרונגען איז גאָר משה־יאַנקל און נישט מאיר — גלייך ווי מ׳וואָלט זיך צו אים געוואָנדן. — דער טומטום האָט זיך אויפגעכאַפּט ווי פון דרימל. זיין צעשוווּמען פּנים האָט זיך געלבלעך־ווייס געהויבן איבערן טיש און ער איז אייליק אַוועק דערלאַנגען טיי.

— זיך אַזוי פאַרשמועסט און גאָר פאַרגעסן, אַז מ׳האָט געסט אין שטוב, אַזוי היימיש זיינען מיר שוין געוואָרן, אמת, קוזין ר׳...

מאיר האָט אַ קלימפּער־געטאָן מיט אַ בינט שליסלעך, זיך אַראָפּגע־לאָזט צו אַ נידעריקן שופלאָד, אַ ריטש־געגעבן דערמיט און בשעת־מעשה אין דער געדיכט־ווערנדיקער טונקלקייט שפּאַסיק געזאָגט:

— הערטס, מענטשן, איך האָב מיר אַן אָנזאָג פון אַ גוטן ייִד. עס קומען צו מיר געסט, פרעג איך, וואָס זיי האָבן מיטגעבראַכט... ברענגען זיי עפּעס מיט, בין איך דערפון אויך נהנה. אָבער עץ ווייסט דעך נישט דער־פון, מוז איך אייך מכבד זיין. זעסט רחטשע, ווי זיי לאַכן... הכלל, נישט באַלאַמוטשעט, ייִדן. געטרונקען זאָל ווערן!

מאיר האַלט אין דער האַנט דאָס פלעשל שפּירט, שטעלט אַוועק פאַרן

קוזין און פאַר זיין ווייב צו קליינע גלעזלעך, גיסט זיי אָן און דריקט ווייטער אין דער זשמעניע דאָס פלעשל משקה.

— און דער קוזין? און די קוזינקע? — הייבט אויף דעם בליק דער חסידישער גאַסט — אַליין טרינקען מיר נישט.

— חס־ושלום! דער דאָקטער האָט מיר פאַרזאָגט. מער ווי ברויט מיט פוטער און לאָקשן מיט יויך טאָר איך נישט עסן. רחלען איז אויך פאַרזאָגט געוואָרן...

ער שמייכלט פאַרלעגן, פינטלט מיט די אויגן, קוקט זיך איין אין דער פאַרלוירנקייט פון די געסט און פלאַצט לסוף אַריין אינעם אָנגעצויגענעם אָפּוואַרטנדיקן שווייגן:

— הכלל, לחיים זאָל זיין!

וואָס זאָלן זיי טאָן? אויב פאַרזאָגט צו נעמען אַ קאָפּ, טאָר מע נישט פאַרשעמען.

די געסט טרינקען אויס, פאַרבייסן מיט אַ קיכל און מאיר פרעגט שטייענדיקערהייט מיטן פלעשל אין האַנט: „אפשר נאָך איינס?"

אַז זיי ענטפערן: „ניין, אַ שיינעם דאַנק!" — בעט זיך נישט מאיר. אַז מענטשן זאָלן שיכורן, וועט ער נישט צושטיין. ווידער לאָזט ער זיך אַראָפּ צום שענקל, פאַרשליסט דעם בראָנפן און אויפן טיש באַווייזן זיך אַ פּאָר עפּעלעך, בלאַס־גרינע מיט אַ סך שוואַרצע פלעקלעך, ווי בראָדעווקעס.

— עסט'ס, עסט'ס, שעמט'ס ענק נישט, — וואַרפט מאיר צו זיין וואָרט, פינטלט מיט די אויגן, וואָס בלאָנדזשען צווישן די שאָטנס, וואָס לייגן זיך לעסטיק איבער דער שטוב.

דעם טומטום פילט מע שוין נישט ביים טיש. ער זיצט שוין ערגעץ אין פאָדערשטן שטיבל און באָמקעט אַ ניי מאָנאָטאָן ניגונדל.

רחל איז געווען צופרידן, וואָס עס רוקט אָן דער אָוונט, עלעהיי די חרפּה אויף איר פּנים קען זיך אויסברענען אין דער פינצטער.

איר האָט וויי־געטאָן מאירס קמצנות.

*

פון יענעם שבת אָן איז רחלס געגנגל צו דער קוזינע, וואָס אין דער פוילישער גאַס, שוין נישט געווען אַ גיין אויפן שפּרונג, אין געהיים, ווי ביז איצט. זי איז אָפּט אַוועק צו רויזען — מיטן מאַנס וויסן. ס'האָט געהייסן:

זי גייט כאַפּן אַ שמועס, עפּעס אַ פּרעג־טאָן, זען, צי רויזע איז שוין געזונט און בשתיקה איר אָוועקגעטראָגן צו באַהאַלטן אַ פּאָר גילדן, וואָס זי האָט „געמאַכט" אין געוועלב. מאיר פלעגט זי טייל מאָל איבערלאָזן איינע אַליין. וועסט אַ בליק געבן, רחטשע? און איטלעך מאָל איז ביי איר געבליבן אַ ביסל מינץ. פון אַ ביסל און אַ ביסל ווערט אַ פולע שיסל, האָט דאָס שוועסטערקינד זי געמוטיקט.

— אָט אַזוי, רחטשע. אַנדערש וועסטו דיין קינד נישט פאַרזאָרגן, — האָט דאָס שוועסטערקינד מיטן פרום־אַראָפּגערוקטן פאַרוק געלויבט די קרובה און פאַרשטופּט דאָס געלט אין אַ שפּאַרע פון אַן איינגעפאַלענער שאַפע.

דאָס־אַ גיין און דאָס־אַ אַראָפּשוימען פון לייזעכץ איז געוואָרן אַ רגילות.

דער טומטום האָט אין שטוב געטריי פאַרזען ס׳באַלעבאַטישקייט, געקאָכט ס׳מיטאָג, געלערנט יידישקייט דעם בלאָסן, שוואַרצן לאהלע, ער האָט אַליין געקוואָלן ווען ס׳ווייסהאָריקע יינגעלע מיטן ברייטן נעזל האָט הילכיק גע־לאַכט. אין דער לידיקער צייט איז דער פעטער מיט די קינדער אַראָפּגע־גאַנגען אויף דער גאָס כאַפּן לופט. כאַווטשען האָט משה־יאַנקל פאַטערלעך געמוסרט, געגעבן איר אַ סידורל אין האַנט אַריין: מעגסט זיך צוגעוויינען אַריינקוקן אין דעם, זי געסטראַשעט מיט זיין געל פויסטל:

— כ׳וועל דיך צעדורסן, אויב דו וועסט נישט האָרכן און נעמען אַ ביכל אין האַנט אַריין. אַ חצופה וועסטו אויסוואַקסן...

אַנומלט האָט ער די מויד אַזוי אויסגעשייגעצט, אַז זי איז לאַנג גע־בליבן זיצן אין שטוב אַ געפּלעפטע. ווען דער אַלטער איז שפּעטער אַראָפּ־געגאַנגען מיטן קליינוואַרג אויף שפּאַציר, האָט ער פּלוצטאַלבן זיך צוריק־געקערט פון די קרומע, געדרייטע טרעפּן און געזאָגט צו יאַשקעלען מיט פולן ערנסט, ווי צו אַ גרויסן:

— אוי־וואַ, כ׳האָב פאַרגעסן מנחה צו דאַוונען, יונגערמאַן! האָרכסט? נישט קיין יידישקע און נישט קיין גויקע וועט זי אויסוואַקסן, די כאַווטשע, די צרה... אַלץ איבער איר! זי פאַרהאַקט מיר דעם מוח. נו, אָן דאַוונען גייט עס נישט, בראַטאַק! קום, קום צוריק!

אַז יאַשעלע איז פונעם פעטער פון מיטן וועג צוריקגעבראַכט געוואָרן אין דער דעמערנדיקער שטוב אַריין און דאָרט געטראָפן כאַווטשען אַ וויינענדיקע, האָט דעם קליינינקן אַפּנים אויך פאַרקוועטשט ביים הערצעלע.

ער האָט געגומען כליפּען אָן אַ פּאַר וואָס. לאהלע האָט, ווי איר שטייגער, ווי אַ דערוואַקסענער מענטש, זיך אַוועקגעזעצט ביים שאַטנדיקן טיש און אויסגעשוויגן אַ ניי אומבאַוווסט טראַכטן.

ווען רחל איז געקומען אין שטוב אַריין, האָט יאַשעלע, שוין אַ הייטע־רער, מיט נאָך פּאַרוויינטע, רויטע אויגעלעך, נאָכגעשפּעט דעם טומטום:

„או־וואַ, כ'האָב פאַרגעסן מנחה צו דאַווענען"...

משה־יאַנקל האָט אַ פאַרדראָסיקער אַראָפּגעלאָזט די אויגן און אויס־געזייפצט אַ זאָג:

— יאָ, יאָ, איבער דער ווילדער מויד האָב איך אין שטוב געמוזט אָנפּושערן אַ מנחה. אַז אַ גאַנצן טאָג רייס איך מיר ביי איר דאָס האַרץ.

רחל האָט לייכט זיך צעשמייכלט: „ווידער אַ מעשה! פון כאַוועשען וויל ער עפּעס גוטס דערלעבן".

און אין מוח איז איר געשטאַנען אַ קאַלטער, שאַרפער חשבון פון דעם געלט, וואָס זי האָט שוין ביי רויזען אָנגעזאַמלט פאַר דער טאָכטער, וועל־כע וואַקסט אַן אומגעראָטענע.

XIII

וועלוול

קורץ נאָך פּסח, ווען אין דרויסן האָבן זיך נאָך געטראָגן קילע ווינטלעך, דער הימל האָט זיך געוועלבט העכער, טיפער און בלאָער, איז צו מאירן אין קעלער־געוועלב אומגעריכט אַריין ווי אַ שוואַלב, מיט אַ היפּן, זיין ברו־דער־זון וועלוול, לייבושלס זעכצן־יאָריקער בכור. אַ שמאָלער, אַ בלאַסער אין אַ קורץ רעקל און אין אַ ווײלעריש וועליסאָפּעדן־היטל איבערן שיינעם שטערן, האָט וועלוול געטראָגן אונטערן אָרעם אַ קליין פּעקעלע מיט אַ פּאַר העמדער און גאַטקעס.

— אָ, ווער ס'איז דאָ! וועלוול, דו ביסט עס? איך האָב דיך גאָרנישט דערקענט. נאָר עפּעס ביסטו ענלעך צו זיך... וואָס הערט מען אין דער היים? וואָס טוט דער טאַטע? און די מאַמע שעלט נאָך?

ס׳גאַנצע קלאַפּערגעצייג פון דעם ברודער לייבושלס הויזגעזינד האָט זיך אָקערשט אויסגעמאָלן פאַרן שטריק־הענדלער, וועמען די משפחה האָט געהאַלטן פאַרן ווייי־חכם.

„מאיר, דער טאַטלעס־קאָפּ? ער פאַרקויפט ענק אַלע פאַר אַ פאַרפוילטן רעטעך!״ — פלעגט זאָגן וועלוולס מאַמע וועלכע האָט געהאַט אַ שווער האַרץ אויפן שוואָגער.

מאיר האָט דאָס נישט־דרייסטע יינגל פאַרשאַטן מיט אַ פרעגעניש, פון וועלכן וועלוול האָט זיך אַרויסגעדרייט מיט אַזאַ שטאַמלען:

— וואָס זאָל מען הערן? אַלדאָס גוטס. אַלץ איז ווי געווען. דער טאַטע איז נאָך נישט געוואָרן קיין גביר און די מאַמע האָט קיין מאָל נישט גע־שאָלטן. זי שרייט נאָר, אויב מ׳דריקט זי צו...

אָפּגעענטפערט און דערשפּירט אַ דערלייכטערונג: ר׳האָט צוריקגעג־שטויסן אַ באַשיימפּערלעכן אָנגריף, דער וועלוול.

דאָס ברודערן־יינגל איז אַנטשוויגן געוואָרן. מאיר האָט פינטלענדיק מיט די אויגן, לאַנג און שטאַר געקוקט אויפן בחורל.

— איז, הייסט עס, נישט שלעכט, העז? געלויבט איז דער אייבערשטער, — האָט מאיר דערנאָך גערעדט אַ ביסל ביטערלעך און די רייד האָבן דאָס איידעלע יינגל פונעם קליינעם שטעטל אַזש דורכגעשטאָכן. — און דו ביסט אַהערגעקומען געשעפטלעך, העז, וועלוול?

— זאָל זיין געשעפטלעך. הם... שווינדלען בין איך נישט געקומען, פעטערשי! אַרבעטן בין איך געקומען קיין לאָדזש! — האָט דעם יינגל פאַר־קוועטשט דעם שוואַרצן יידס חוזק־רייד. — דער פעטער מיינט, — האָט וועלוול זיך דערשפּירט געפאַלן און פון דעסטוועגן נישט געוואָלט „זיך לאָזן״ — אַז אין קליינעם אָרט קאָן מען אַזוי גיך מאַכן געשעפטן, ווי אין דער גרויסער שטאָט? שאַט נישט, מיין טאַטע האָט אַלץ באַגראָבן, אָבער ר׳וועט זיך אויך אַרויסדראַפּען. ער האָט זיך געלאָזט בשעת הונגער אין אַ העק אַריין זוכן וואָלוול ברויט און דאָרט טאָפּיעט ער אין זומפּ, קען זיך אַלץ נישט אַרויסשלאָגן. אָבער מ׳דאַרף האָפן, פעטער.

— געשעפטן אין דער גרויסער שטאָט, מ׳שטיינס געזאָגט. — ווערט מאיר ערנסט פון דעם בחורלס סטאַטעטשנע רייד. — דיין טאַטע מיינט אוודאי, אַז איך בין שוין דאָ גליקלעך געוואָרן. אַדרבא, זאָל ער דאָ אַהער־

קומען, וועט ער האָבן די אייגענע גליקן. וועסט דאָ זיין, וועסטו זען ווי מ׳מוטשעט זיך.

— פּעטער! — בלעזלט אין דעם יינגל אַ כעס, וואָס ער דערשטיקט אין זיך, — אַז קיינער האָט צו קיינעם נישט קיין טענה, טאָ צו וואָס ס׳גערע־דעכץ? נישט דער טאַטע און נישט איך גייען זיך אָפּחשבונען. איך בין דאָ דערווייל אַ גאַסט און דער פּעטער נעמט זיך מיט מיר קריגן. פאַר מיינסדאַלבן קאָן דער פּעטער זיין גליקלעך. איך פאַרגין עס פון גאַנצן האַרצן. און מיין טאַטע האָט נאָך קיינעם גאָר נישט צוגענומען. איך בין געקומען אַרבעטן. פון פּעטער וויל איך גאָרנישט. אויב איך וועל באַקומען נאָר אַ געלעגער, וועל איך זיין דאַנקבאַר. אלא נישט, וועל איך מיר אויך אַן עצה געבן... — האָט וועלוול געפּרוווט מיט אַ שטאָך צו שטאַרקן זיין אַנזען.

— זעסטו לייבושלען ווי ער רעדט! — פאַרדריסט שוין מאירן דעם יינגלס שאַרפקייט. — איך האָב דען דיך באַליידיקט, דיין טאַטן חלילה אָנ־גערירט? זייטס מיר אַלע געזונט און שטאַרק... ביסט אַ באַלמעלאָכע, בין איך צופרידן. וועסטו דיר שוין העלפן. מלאכה איז מלוכה — האָט געזאָגט דיין באָבע. איז, אדרבא, געפין דיר אַרבעט און ביי מיר וועסטו האָבן אַ געלעגער.

— אַ שיינעם דאַנק, פּעטער. איצט גיי איך זוכן מיין זאַך. ערשט וויל איך איבערלאָזן ס׳פּעקל. פאַר נאַכט וועל איך צוריקקומען און דער פּעטער וועט מיר אָנווייזן מיין געלעגער.

— ווי רעדסטו, יונגטשיסקע! אָנווייזן דיר ס׳געלעגער? ווי מיינסטו, דיין פּעטער איז אַזאַ שלעכטער, אַז ער וועט דיך חלילה אַוועקלייגן אין אַ קאַמער אָדער צווישן שמאַטעס אין דעם־אַ קעלער?... וועסט גיין אין שטוב אַריין און די מומע וועט דיר געבן אַ געלעגער. רעדסט צום פּעטער ווי צו אַ פרעמדן. נישט שיין פון דיין זייט, וועלוול! — האָט מאיר זיך געוויזן באַליידיקט פון יונגן גאַסט.

*

מיט זיין קומען פון קליינשטעטל האָט וועלוול גראָד געטראָפן צום ברען פון דער אַרבעט. ס׳האָט געזאָטן אין די וואַרקשטעלן און אין די גע־שעפטן האָט מען די סחורה געריסן פון די הענט. ער האָט באַלד געפונען

אַ שטעלע, אָבער אַ בעל־מלאכה איז ער נישט געווען. אין דער היים האָט ער שטילערהייט זיך אַרויסגעכאַפּט צו אַ שניידער, בשתיקה זיך געלערנט די מלאכה און ווי ער וואָלט געטאָן אַ גנבה, האָט ער זיך אַרויסגעקריגן פון קליינעם אָרט מיטן פּעקעלע וועש אונטערן אָרעם. אין דער היים — האָט ער איינגעזען — וועט ער אויסצאַנקען צוזאַמען מיטן איבעריקן הויז־געזינד. דעם טאַטנס פּלאַן צו מאַכן זיין עלטסטן זון פאַר אַ דאָקטער, פאַר אַן אַדוואָקאַט, האָט שוין לאַנג פאַרבליט. עס זיינען אויסגעטריקנט געוואָרן אַ סך חלומות לייבושל רויטס און צוזאַמען מיט דעם אויך וועלוולס גאָל־דענע צוקונפט. דער טאַטע, לייבושל קינסקער, טריקנט זיך איצט אויף דער זון. רימעריי גייט אונטער, דאָס זעט אַפילו אַ בלינדער. ווייל אַנשטאָט פערד, שפּאַנט מען די וואָגנס אין מאָטאָרן — אויטאָס זיינען אַריין אין דער מאָדע און לייבושל רימער קרעכצט צוגלייך מיט די באַלעגאָלעס. „מ׳באַ־ראַבעוועט אונדז פונעם ביסן ברויט. איבער נאַכט מאַכט מע פון שטעט — בית־עלמינס. די מערק שטאַרבן אויס צוקוקנדיקערהייט" — —

אין גרויסשטאָט האָט זיך פאַר וועלוולען אָנגעהויבן אַ לעבן פון גע־כּפלטן הונגער און עלנט. אין דער שניידער־מלאכה האָט ער אונטערגע־הינקט, ר׳האָט אָבער געהאָפט מער זיך אויסצולערנען און דערווייל נישט פאַרדינט אויף זיין אויסקומעניש.

די טעג האָבן זיך וועלוולען געשטעלט מאָוימדיקע, פול מיט שוואַרצער שרעק פאַר דעם, צי ער וועט דורכהאַלטן. און דווקא האָבן די טעג זיך גע־צויגן לאַנגע אָן אַ סוף. מיט פאַרביסענע ליפּן האָט ער דורכגעטראָגן די הונגער־יסורים אַבי נישט דאַרפן צוריקפאָרן אין דער אָרעמער היים. די אומזיכערקייט מיט זיך האָט אים אַנידערגעלייגט, אויסגעזויגן דאָס חיות. טייל טעג האָט ער זיך פון געלעגער אויפגעהויבן אַ פאַרטויבטער פון אַ העפטיק בילן, וואָס איז אים נאָכגעגאַנגען אַ גאַנצע נאַכט, אַ זאַטע פון קאָשמאַרנע וויזיעס. אים האָט אָפט זיך געחלומט פון טויטע, פון מענטשן וואָס זענען געשטאָרבן אויף זיינע הענט. דאָס האָט אים צעטרייסלט, דורכ־געפיבערט מיט דער שרעק פאַר גרוילן, וואָס גייען אויף זיין היים, וועלכע באָדט זיך אין בלוט פון חרפּהדיקן דלות. „הינט זיינען נישט קיין גוטער סימן" — האָט עס שטענדיק געהילכט אין וועלוולס מוח.

באַגינען האָט ער זיך אויפגעהויבן פון שעניק אַ צעבראָכענער. אים איז פאָרגעקומען, אַז נישט ער שטייט אויף פון געלעגער, נאָר ער קלויבט

צונויף די צעלאָמיעטע ביינער, וואָס זיינען פונאַנדערגעוואָרפן איבער דער פּאָדלאָגע, אויסגעמאַרכטע, אויסגעזויגענע. אַ צעוואַקלטער, גלייך ווי ער וואָלט זיך געטראָגן אין אומבאַוווּסטזיין, צוואָגט ער אָפּ זיין מיד פאַרשלאָפן פּנים אין דער פּאַרטאָגיקער פרישקייט ווי אין אַ טייך, און ער גייט אַזוי צו דער אַרבעט. אָבער דאָס איז נישט קיין אַרבעט, נאָר איבונגען אין פּיין, וואָס אַמאָל גרעסערע. צוערשט ווייזט זיך צו אים דער האַרץ־פּאַרקאָרטשנ־דיקער הונגער, וועלכער דרייט זיך מיט רוישיקע שווינדל־רעדער פאַר די אויגן און מיט קאַלטע אַנגסטן אויפן לייב. אַז דער הונגער־קראַמף פאַרגייט לסוף, ווערט בלייבט אַן אויסגעליידיקטער, אַ שוואַכער, ווי פון קראַנקנ־בעט אָקערשט אַראָפּגעקראָכן — דעם מאַשין־טרעטער טרייבט ער נישט מיט זיין כח — קומען אים ערשט קאַפּויער די גראָבע רייד פון די גזעלן די ראַסלערס, וואָס אונטער זייערע הענט ווערט פאַרצוקט, ווי פון אַ שלונג, יעדער שטיקל געוואַנט צו וועלכן זיי שטרעקן זיך אַן אויפהער. די אַרבעטאָ־רערס קוויקן זיך אָפּט מאָל מיט דער רויקייט פון שאַרסטקע ווערטער ווי מיט קלעפּ, מיט וועלכע זיי וואָלטן קענטיק גערן מהנה־געווען דעם מייסטער, וועלכער קוקט אין זייער זייט מיט שפּיזיקע, כיטרע אויגעלעך, וואָס יאָגן און האַווקען אַקוראַט ווי אַ פּאַסטעך־הונט.

— מאַמע־קרויז, — טראַכט וועלוול אַ פאַרצרהטער, — פאַר וואָס פּייניקט מען מיך מיט אַזאַ גיהנום? שיק מיר צו אַן אַנדערן באַלעבאָס מיט בעסערע געזעלן, נישט אַזעלכע רויע לייט. כ׳וויל זיך צולערנען, כ׳וויל אָרנטלעך אַרבעטן.

דאָס תמימותדיקע שניידער־ייִנגל האָט אָבער געמוזט דורכגיין דאָס פּרווו־פייער פון דער גרויסשטאָטישער ווערקשטעל, וועלכע איז פון דורות־דיקער רגילות באַלאָדן מיט אַ ים איילעניש און ביטערניש, וואָס ברעכט אויס אין זלזולים און אין האַרבע, גראָבע רייד, וואָס דאָקוטשען אומבאַרירטע יונגע נשמות. נישט די דאָזיקע ווערקשטעל און נישט אַ שפּעטערדיקע האָבן געברענגט געוויסנג פאַר זיין „קרענק״, וועלכע האָט נישט סובל־געווען די שאַרפקייט פון רייד; וואָרעם אויף רויע מעשים קעגן אים האָט ער זיך נאָך ווינציקער דערקענט. אַ געזעלן האָט אים געשיקט צום „מייסטער״ נאָך אַ פּאָרעם פון אָרעם־לאָך, און ער איז צוריקגעקומען אַ פאַרשעמטער. אַן אַנדערער האָט אים געוואָרפן אַ נאַסע שמאַטע אין פּנים אַריין. און ער

האָט נאָך באַדאַרפט קרימען אַ שמייכל אויף די „געלעכטערס״ וואָס די גראָבע לייט האָבן געמאַכט קעגן זיין תמימות.

— אַזוי וועסטו זאָגן אַ לאַאַט, וועלוול. וועסט זיך דורכרייכערן, בחורעץ!

...אַז עס איז נישט שיין צו ווייזן, אַז מ׳הונגערט, האָט וועלוול געפילט מיט אַלע זיינע חושים. אינעם טומל פונעם נייעם לעבן, וואָס האָט אים געבראַכט שטענדיקן קאָפּ־ווייטיק און אַ טויב הילכן אין די געהירן, האָט ער נישט געקענט קומען צו קיין טאָלק מיט זיינע געדאַנקען, וועלכע האָבן אים רק געפּייניקט מיט פראַגן צו זיך אַליין. אין מוח האָבן זיך אים גע־ווימלט קנוילן פון געדאַנקען־שפּליטערס, וואָס האָבן אָט אַ מיניע־געטאָן פאַר די אויגן אָט אים אָנגעפינצטערט דעם בליק. מחמת דעם איז ער נישט געווען מסוגל צו טראַכטן וועגן דעם, ווו ער האָט זיך. ער האָט נאָר אינסטינקטיוו אָפּגעפילט נויטווענדיקייטן, וואָס האָבן געלענקט מיט זיינע טואונגען. אין האַלבן טאָג, ווען די געזעלן זענען זיך פונאַנדערגעגאַנגען מיטאָגן, האָט אויך וועלוול אָנגעטאָן זיין רעקל און איז צוגלייך מיט די אַנדערע אַוועק אָפּעסן. אָבער געמיטאָגט האָט ער נישט, מחמת ער האָט נישט געהאַט מיט וואָס צו באַצאָלן דעם קרעמער, אין דער טיי־האַלע. פון גיין אין אַ ביליקער רעסטאָראַציע, איז אַוודאי נישט געווען קיין רייד. וועלוול האָט צו ווינציק פאַרדינט אויף צו קענען עסן ברויט צו דער זעט. אַלע זענען אַוועק פון ווערקשטעל, איז ער אויך געגאַנגען. אין זיין קעשע־נע האָבן זיך געוואַלגערט גראָשנס, פאַר וועלכע ער האָט געקויפט אַ פונטל ברויט, וואָס ער האָט אויפגעגעסן ערגעץ אין אַ טויער, פונקט ווי עס טוען שיכורים, וואָס זשלאָקען אויס אַ פלעשל בראָנפן הינטער אַ פלויט. אַז וועלוול האָט דורכגעהאַלטן און מיטן אויפעסן דאָס רעפטל ברויט געקענט אָפּוואַרטן ביז מיטאָג־צייט, איז די גאַנצע וועלט געווען זיינע: ער איז דעמאָלט געווען גליקלעך. ער איז געוואָרן אַ בעל־חשבון, דער יונגער שניי־דערוק וועלוול. ער האָט אויסגערעכנט, אַז אַזוי ווי ער האָט נישט מער ווי אויף איין פונט ברויט אַ טאָג, און ער וועט דאָס, ווי ער קאָן, אויפשניפּן באַלד אין דער פרי — אויף אָנבייסן — וועט ער אַ גאַנצן טאָג זיצן ביי דער אַרבעט מיט אַ ליידיקן בויך און בורטשנדיקע קישקעס. אויב ער וועט דאָס שטיק ברויט עסן אין דער מיטאָג־שעה, וועט ער אין איינוועגס זיך איינבערענגען סיי אַן אָנבייסן און סיי אַ נאַכטמאָל. האָט ער טאַקע געפירט אַ העפטיקן געראַנגל מיטן רייץ צום ברויט. אַן אויסגעשוואַכטער האָט זיין

גאַנצער מהות אויסגעזונגען אַ בענטשונג צו דער מיטאָג־שעה, וועלכע זעטיקט אָן דעם מאָגן מיט ברויט, וואָס ווערט פאַרטרונקען מיט פריש וואַסער פון דער פלומפּ!

אין אָוונט, ווען וועלוול האָט אַ שוואַכער, ווי מיט אונטערגעהאַקטע פיס, זיך אַרויפגעשלעפּט צום פעטער מאיר איבער די סטראַשנע, געדרייטע שטיגן, האָט ער די בוידעם־שטוב געפונען אַ שוויגנדיקע, ווי מיט פאַר־האַקטע ציינער. אמת, די נייע מומע האָט ער נאָך נישט דערקענט פאַר אַ גוטע אָדער פאַר אַ שלעכטע; אין איר שטומען קוקן אויף אים און אויך אין די ווינקלען פון דעם צימער מיט דער שיפּער סטעליע האָט ער איינ־געפונען, אַז זי איז אַ געקרענקטע, אַ טיף־באַליידיקטע פון עפּעס וואָס זיין נאָמען רופט נישט אָן דאָס האַרטע שווייגעניש. דעם פעטער האָט ער אָפּט געטראָפן טרינקען טיי און דער טומטום משה־יאַנקל פלעגט דרימלען ביים קליינעם טישל, וואָס נעבן דעם שראַמיקן שטייששפּיגל.

וואָלקנס הענגען איבער דער דאָזיקער שטוב — האָט וועלוול אָפּגע־מאַכט ביי זיך. זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן האָט ער רק געזען די קינ־דער ליגן אין אָנטועכץ אויףביידע גרויסע בעטן, וואָס נעבן אייניאַנדער און דאָס פאַרפאַלק איז זיך פרעמד ביז פאַרדראָסיקייט. ווי קומט ער דאָ אַריין אין מיטן־דערינען? כאַווטשע, די גרויסע מויד מיטן פוסטן, גרינעם פּנים שטייט אָן אָנגעגליווערטע אין די פינצטערע פענצטער־שויבן, קוקט ווי אַ געשלאָגענע (כאָטש אין שטוב, אַ חוץ דער מאַמע, איז נישטאָ דער מענטש, וואָס זאָל אויף איר אַרויפלייגן אַ האַנט). דאָס שניידער־יינגל האָט דער־פילט אין זיך אַ מורא פאַר דער מהומה, וואָס איז מסתמא אָקערשט דאָ איינגעשטילט געוואָרן. דעם „גוטן אָוונט“, וואָס אויסגעברומט, האָט ער כמעט אַראָפּגעשלונגען. וואָרעם קיינער האָט כמעט נישט באַמערקט זיין אַריינקומען. אַ פאַרלוירענער האָט ער זיך פּאַוואָליע דערנעענטערט צום דרימלענדיקן טומטום, אים אַ לייכטן צופּ־געטאָן ביים אַרבל:

— משה־יאַנקל, מ׳עט מאַכן ס׳געלעגער?

— וואָס? שוין ווילסטו גיין שלאָפן? — האָט דער אַלטער מיט זיין פאַרשלאָפן קול מיד דורכגעזעגט די שטילקייט.

— וואָס דען! ס׳אי׳ דען נישט צייט? אַלע זענען שוין שלעפעריק. כ׳פאַל אויפן פּנים, פעטערל.

דער הויכער יי׳ד מיט דער רונדיקער פּלייצע האָט זיך פויל אויפגעע־

שטעלט און געזאָגט מיט אַ כריפּענדיק ביי־קול: „אוי, אוי, ווי דושנע“... געזען רחלען ליגן אָנגעשפּאַרט אויפן בעט מיט אָפענע אויגן, האָט ער אַ שווערער, מיט פונאַנדערגעשפּיליעטע פלודערן זיך אַריינגעטראָגן אינעם פינצטערן אַלקער, ווו ער האָט אויף דער פּאָדלאָגע אויסגעשפּרייט אַ שטרוי־זאַק, געדעקט אים מיט אַ פּלאַכטע, געלייגט אויף איר אַ קישן, נאָך אַ שטיקל ליילעך. וועלוול האָט מיט וויטיקלעכער הנאה באַלד זיך אַנידערגעוואָרפן אַ מידער, אַן אָפּגעמאַטערטער פון הונגער און פון חמימה, וואָס בראָט אים אַ גאַנצן טאָג.

אין דער סאַמעטענער טונקלקייט פון פרילינגדיקן אויפדערנאַכט האָט דער טומטום שפּעטער געלאַסן אויסגעפּרעפּלט אייניקע פּסוקים פון קריאת־שמע־לייענען און אַ פולער פון יאָרן, אַ זאַטער פון ווייבערישער פוילקייט וואָס אין זיין לייב, אויך זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן שטרוי־געלעגער. זיך אַנידערגעלייגט האָט ער מיט די פינגער באַלד געטאַפּט וועלוולס אויגן, צו וויסן, צי זיין ביישלעפער שלאָפט שוין. דערווישט, אַז יענער בלאָנדזשעט נאָך מיט וואַכע אויגן איבער דער סטעליע, האָט משה־יאַנקל זיך צו אים נאָענט צוגערוקט, געטוליעט זיך אינעם בחורל ווי אַ קינד צו זיין מוטער. ער האָט מיט די גרויסע ווייכע הענט אַרומגענישטערט אויפן יינגלס לייב און די טומטומישע, שלאַבעריקע, גרויסע שענקלען זיינע און דער בויך האָבן נאָך מער גענענט צו וועלוולען, אים אין פּנים אַריינגעהויכט אַ זויער־איבלדיקן ריח פון אויסגעפוילטע ציין מיט איבערגעשטאַנענעם מאָגן. געדריקט זיך צום יינגל האָט דער טומטום אים דורכגעבערענט מיטן אויפגעציטערטן הוילן צאַפּל פון זיין אוממאַכטיקן מהות.

— משה־יאַנקל, רוקט זיך אַ ביסל אָפּ, — האָט וועלוול זיך געבעטן אין פּאַראיבל — איר בריט דאָך מיך אַדורך...

— גיי שוין, שקאָץ איינער! דו ביסט אַזאַ לאָשעקל, איך האָב ליב אַזוינס, — האָט ער געסאָפּעט — לאָמיר זיך שפּילן אַ ביסל. גוט, לאָבוזל? איך קאָן נישט שלאָפן. ס'איז אַזאַ דושנעקייט.

דער אַלטער האָט אין אים אַריינגעשושקעט זיין אומהיימלעך בעטעניש און מיט געשטייגערטער היץ פון זיין עקרדיקן, אויסגעבערענטן גוף מיט שלאַבעריקן אימפּעט זיך צוגעדריקט צום מיד־מאַטן יינגל. ער האָט זיך געוואָרפן פון דער נישט־ניחאדיקער נאָענטקייט דעם טומטומס מיטן ווייכן

בויך און צעוירענע שענקלען, וועלכע ער שפּירט אַזוי טייגיק, ווי אָן מוסקלען.

— הע־הע־הע־העעע, — האָט דער טומטום אין דער שטיל דערשטיקט דעם תאווהדיקן תענוג וואָס זיינע אַ געאָנטע באַהעפטונג האָט געבוירן אין דער נאַכט־פינצטערניש ביי דער באַרירונג מיטן ייִנגל אויפן שטרויזאַק. וועלוולען איז רגעוויז פאָרגעקומען אַז אַ קאַזע ליגט נעבן אים, זי זוכט זיינע לאַסקעס וואָס זי מעקעט אַריין אין אים און ער האָט מורא נישט צו קריגן פון איר אַ שטויס מיט די הערנער.

אומגעלומפּערט, גרויס און שווער איז משה־יאַנקל שווייסיק געקראָכן אויף אים, גלייך ער וואָלט זיך פאַרמאָסטן אים בייצוקומען אין אַ קאַמף פון גבורה אַנטקעגן פאַרצווייפלטער חולשות. ער האָט זיך געהויבן, דער טומטום, אומגעריכט גיך זיך באַוועגט, הייס אַריינגעסאָפּעט אים אין פּנים אַריין. וועלוול האָט זיך שטום געריסן פון אים, דערוויטערט זיך; אַוועק־גערוקט זיך פונעם ביישלעפער וואָס איז מיאוס צודרינגלעך, האָט ער זיך שוין אין גאַנצן אַראָפּגעגליטשט פונעם שטרויזאַק. ער פילט שוין די היל־צערנע זאַמדיקע פאָדלאָגע אונטער זיך און דער אַלטער הערט אַלץ נישט אויף מיט זיין מעקען: — הע־הע־העעע... אַזאַ דראַבנע, טרוקן מעקען ווי פון אַ מגושמדיקן בעל־חי אַז וועלוול האָט מאָמענטנוויז פאַרגעסן אָן דעם אָנבליק פון זיין מענטשישן ביישלעפער.

סוף־כל־סוף איז ער אַנטשלאָפן געוואָרן אין מידקייט פונעם געראַנגל מיטן טומטום, פון וועלכן עס שלאָגט אַזאַ אָפּשטויסנדיקער, קלעפּיקער איבל.

*

...ערשט קען ער זיך נישט אָפּגעבן קיין חשבון, וועלוול, ווי אַזוי עס איז געשען וואָס ער איז געוואָרן נאָענט מיט דער מומע רחלע. זי האָט גענומען אָפּט אויסמורמלען איר צוגעלאָזנקייט צו נ׳אים: „אָט, אָט ייִנגלשי, נעמסט און לויפסט! וועמער יאָגט דיך, — האָבן אים מיט אַ מאָל אַ גלעט געטאָן אירע בלאָע אויגן און ער האָט דערזען אַז זיי זיינען שיין— ביסט דען אין דער פרעמד? ניו, ניו, ייִנגלשי, נישט רעכט אַזוי צו פירן זיך!“

געהערט זי, דערזען זי און ר׳האָט דערשפּירט אַן אינעווייניקסטן ציטער וואָס האָט׳ן פון ס׳ניי אַ טרייב געטאָן פון דעם פּעטערס שטוב, כאָטש ס׳האָט אים גיך צוריקגעטריבן.

מוז זיין, דאָס שלאַבעריקע מענטשל משה־יאַנקל האָט ביידן צונויפגע־
פירט מיט זיינע זיסע רייד, וואָס ער האָט פאַרזייעט אינעם טונקעלן חלל
פון דער בוידעם־שטוב:

— האָרכסט, שוועסטערקע. ס'אַ גוטענקער דער שקאָץ. כ'האָב'ס גאָר־
נישט געוווּסט. און ער האָט אַ וויל קעפּל, דאָס וועלוועלע.

— אַזשוי, ברודערל מיינער? — האָט רחלע מיט נייגיר און מיט דאַנק־
שאַפט ליבלעך פאַרשטשירעט אירע ווייסע, חנעוודיקע ציין צום טומטום. —
נאָר גוטע בשורות זאָל מע דיר אָנזאָגן. אוודאי איז ער אַ טייער בחורל,
אונדזער וועלוול, — און בשעת־מעשה דעם יינגל אַ גלעט געטאָן איבערן
פּנים מיט ביידע, וואַרעמע הענט: — אַ גגור־וט, גגו־ו־וטינקער יינגל,
ס'וואָ־אָאָר. אין צולאָג האָט זי וועלוולען דעמאָלט נאָך געשאָנקען אַ ברייטן,
ליכטיקן שמייכל.

הפּנים, דערפון האָט זיך עס אָנגעהויבן, די גרויסע פאַרענדערונג אין
וועלוולס פרעמדקייט אין פּעטער מאירס קאַלעמוטנער שטוב.

ס'האָט אַ מאָל געטראָפן אַז וועלוול איז פריִער פריי געוואָרן פון דער
ווערקשטעל. ער האָט זיך דעמאָלט מער נישט אַרומגעדרייט הינטער די
ווענט, ווי אַנומלט, נאָר איז באַצייטנס געקומען אין שטוב אַריין. פּאַוואָליע
איז עס אים געוואָרן ה יי ם . דער פּעטער איז נאָך געזעסן אין קראָם,
האָט וועלוול געשמועסט מיט דער מומע. מאָדנע, ווי עס האָבן זיך גע־
עפנט קוואַלן און שטראָמען פון געדאַנקען און געפילן, וואָס האָבן געפירט
זייערע שמועסן! געזעסן מיט איר פּנים אל פּנים, האָבן זיי גערעדט צווישן
זיך משפּחהדיק־וואַרעם, גלייך זיי וואָלטן שוין גאָר לאַנג־לאַנג געווען
היימיש. זי האָט אים מניה וביה מכבד־געווען מיט טיי, מיט קיכלעך, אַליין
אים אָפּגעשיילט אַ גוטן עפּל און געפרעגט, פּאַר וואָס עס קומט נישט
אַמאָל זיין טאַטע און די מאַמע... זי וויל גערן באַקאַנט ווערן מיט מאירס
משפּחה. וועלוול האָט פון דער נאָענט זיך איינגעקוקט אין דער פרוי. וועל־
כע איז צופעליק זיין מומע. אָבער־אַמאָל האָט ער אויסגעפונען, אַז זי איז
אַ באַחנטע, אַ שיינע. אירע באַקן האָבן אַזעלכע לאָקנדיקע גריבלעך און
דער קאָפּ איז אַזאַ געטאָקטער, אַ צירלעכער, וואָס אַזעלכע זעט מען נאָר
אויף פּרעכטיקע געמעלן אין רייכע גאָלדענע ראַמען.

אין אַן אָוונט, ווען מאיר האָט געטראָפן זיצן דאָס ווייב מיטן ברודערן־
יינגל, האָט רחלע זיך אָנגערופן צום מאַן:

— מאיר, וואָס האָסטו מיר גאָרנישט געזאָגט, אַז דיין ברודער האָט אַזאַ ווילן זון?

— קינד, דאָס באַדאַרף איך ערשט זאָגן? ווער ווייסט דען נישט, אַז פון די רויטס קומט אַרויס נאָר עפּעס גוטס... אַז מיין מאַמע עליה־השלום איז געקומען אין חדר אַריין מיט אַ פלעצל פאַר אונדזערס אַ קינד, האָט דער מלמד זי געפרעגט: וועמען זוכט איר, ייִדענע? — דאָס שענסטע און געראָטנסטע קינד איז מיינס. איך האָב פאַר אים געבראַכט עסן. — פלעגט די מאַמע ענטפערן דעם מלמד און זי האָט געוווסט, וואָס זי רעדט.

זינט דעמאָלט פלעגט די מומע רחלע איטלעך מאָל פאַרבעטן וועלוולען צו נאַכטעסן און גאַנץ אָפט אויך אויף שבתים. זאָלסט קומען, הערסט, יונגאַטש? — איז זי צוגעשטאַנען. — וועסט אונדז נישט קיין עוולה טאָן. אין אַ הויזגעזינד מאַכט דען אויס נאָך אַ טעלער? וועלוול, אַ בושת־פּנים, האָט זיך אַרויסגעמאַכט דערפון און, ווי מעגלעך נאָר, אויסגעמיטן בייצוזיין אַ מאָלצייט אין פעטערס שטוב. אויב יאָ קומען, האָט ער גיכער זיך אַראָפּ־געלאָזן צום פעטער אין קראָם אַריין. אָבער מיטן פעטער האָט ער געהאַט ווינציקער וואָס צו רעדן. פאַר די מאָלצייטן ביי זיין טיש, האָט דאָס בחורל זיך אויסגעהיט, כאָטש די מומע האָט אים שוין געצויגן. די מומע האָט מיט אים גערעדט אויך וועגן דער שניידעריי. זי האָט אים טייל מאָל גע־פרעגט, צי אירע קליידלעך געפעלן אים, צי זי דאַרף זיך שוין נייען אַ ניי קלייד, און וואָס פאַראַ׳ס.

אויסטערליש, ווי די מומע האָט אים געעפנט די אויגן אויף נייסן, וואָס זענען אים אַנטקעגן געשווומען!

— כ׳זע דו ביסט אַ מבין אויף ווייבערישע זאַכן, האָט אַ גוסט... — האָט זי אים היימישלעך געחנפעט.

וועלוול האָט אין דער אמתן קיין מאָל ביז איצט זיך נישט פאַרשטאַנען אויף אַזוינס, וואָס עס הייסט אַ שיין קלייד. ער האָט אַפילו זיך נישט פאַר־קוקט אויף דעם, פשוט קיין שכל נישט געהאַט דערצו. ערשט די מומע, מיט אירע פולע, רייפע גלידער, מיט איר חנעוודיק־געפורעמטן קאָפּ און שיקלעכן גאַנג האָט אין אים געוועקט דעם מבין אויף אַזוינס. וואָס מער ער האָט זיך איינגעקוקט אין דער דאָזיקער פרוי, וועלכע איז דעם פעטער מאירס פריש ווייב, אַלץ מער איז צעשווומען, ווי אַ רויך, די מחוצה, וואָס ליגט געוויינטלעך צווישן אַ מומע און איר יונגיטשקן פלימעניק. נישט וועלוול

האָט אין איר געזען אַ לייבלעכע קרובה, וועלכע דאַרף אים, וואָס איז אָן אַ היים, מכבד זיין מיט אַ באַטעמטן געקעכטס און מיט אַ גלעזל טיי, און נישט רחל האָט אין אים געפונען אַ משפחה־מענטש, לגבי וועלכן מ׳דאַרף זיך האַלטן אין דער מדרגה פון קרובהשער היימישקייט און שוין. נאָך מער: רחל די פרוי האָט אין וועלוולען דערזען נישט בלויז דאָס יונגע ייִנגל, נאָר אַ סטאַטנעם מאַנסביל, אַ געניטן פאַרשוין, מיט וועלכן מ׳קאָן זיך רעכענען. און באמת: גלייך ער וואָלט נישט געווען דער אייגענער, האָט וועלוול אין דער מומע נישט באַגעגנט אַזאַ, ווי זי קער זיך אים אָן, נאָר אַ פרוי, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן אַקוראַט פאַר זיין געפיל און פאַר חברשאַפט, כאָטש זיי זענען נישט פון דעם זעלביקן מין. אַ פרוי? וואָס מאַכט דאָס אויס? וועלוול האָט צו מאָל נישט געקלערט דערפון.

אָבער וועלוולען האָט זיך דער קאָפּ פאַרדרייט. אין אים האָט זיך ראַפּטעם אויסגעשיילט דער זכר; די בלוטן האָבן זיך אין אים געצונדן. ווען ער איז געקומען צו דער מומע, האָט ער איטלעך מאָל אין איר אַנטדעקט אַן אַנדערע שאָנקייט: אָט אירע הערלעכע, גרויסע אויגן, וועלכע זענען עפּעס אַזוי אויסטערליש גראָ און טיף הימלבלאָ, אַז איינגעקוקט זיך אין זיי, פאַרכלינעט ער זיך ווי מיט אַ שטאַרקן ווייַן; דאָ אַנטפּלעקט ער אַזעלכע פולע, רייפע אָרעמס, וואָס טריפן מיט זאַפט, ווי צייטיקע טרויבן און אָט דערווישט ער אירע צאַרטע, רונדיקע היפטן, וואָס וויגן זיך אויף געטאָקטע פיס, ווי שוואַנען אויף אַ זאַנפט־שלומערנדיקן יעזשער.

רחלע האָט וועלוולען אין גאַנצן פאַרשלונגען. אַזוי פּלוצלינג איז עס געשען, אַז ביי דער אַרבעט איז ער געזעסן אַ נישט־דאָ־קער, אַ פאַרשיכורטער פון אַן אָנגערונענער שטאַרקייט, וואָס האָט אים צערווישט. אין דער אַ פאַרגעסנקייט האָט ער זיך אַרומגעדרייט די ליידיקע אויפדערנאַכטן. ער האָט מורא געהאַט אַרויפצוגיין אין דער בוידעם־שטוב. ר׳האָט אין זיך דערשפּירט אַ ווילדן, טונקעלן כוח, וואָס האָט אים צעשפּאַרט די ברוסט. ס׳איז אים געוואָרן מאָדנע קלאָר אין דער שיכרות, אַז ער וועט נישט אויסהאַלטן און אָט־אָט אַרויפפאַלן אויף דער מומע, ר׳וועט זי צעבייסן און צעקושן. אייגנטלעך איז זי דאָך זיינע אַ קרובה, אַן עלטערע פון אים — ווי מעג ער אַזוי טראַכטן? — האָט עס אין אים אויפגעבליצט און דערשפּירט אַנגסטן אויפן גאַנצן לייב. אים איז פאָרגעקומען, ווי צווישן אים און דער מומע געשעט טאַקע עפּעס אַזוינס. ר׳קושט זי, זייגט זיך איין מיט כוח אין

איר האַלדז, אין די באַקן, זוכט די שלאַנגדיקע וואַרעמקייט פון אירע גע־טאַקטע גלידער. — אויב ס׳געשעט, וואָס טענהט זי? ווי וואָלט זי זיך אין אמתן פאַרקוקט אויף אַזאַ זאַך? און ער האָט זיך פאַרגעשטעלט: זי וואָלט אים אויסגעזידלט, אפשר פאַרטריבן פון שטוב און דערצו נאָך דערציילט דעם פעטער מאיר. און אפשר: זי וואָלט נישט דערציילט דערפון, נאָר מיט אַ מאָל, מיט פאַרביסענע ליפּן, אים דערווייטערט פון זיך: גע־גאַנ־געו! זי וואָלט זיך צעשריגן, אים פאַרשטויסן. יאָ, מעגלעך, דער פעטער וואָלט זיך אַליין דערוווסט דערפון און צווישן מאַן און ווייב וואָלט געקומען צו קריגערייען, צו אַ ווייטיקלעכן אויפטרייסל. ניין, ס׳עט זיין מער ווי האַרצ־ווייטיק. ניין, ער טאָר עס נישט, אָבער ווי קען ער אַנדערש? נו, ער וועט זיך באַצייטנס דערווייטערן, אַליין זיך דערווייטערן — באַשליסט ער און ר׳דערפילט באַלד אַז ס׳איז אוממעגלעך פאַר אים, ער וועט עס נישט דורכ־פירן מיט זיין אייגענעם כוח.

אַן אָנמאַכטיקער פון דעם מאָדנעם שגעון, וועגן וועלכן ער האָט נישט געוווּסט, צי דאָס איז ליבשאַפט, צי אַ ייִנגלשע אויסגליטשונג — אָדער, חלילה, אַזאַ קרענק — האָט וועלוול זיך אַרומגעדרייט אַ פאַרצוויִיפלטער, אין פינצטערן יאוש פאַרגעסן אינעם הונגער, וואָס האָט אים געטאַטשעט. דערצו איז ער ביי נאַכט געפּייניקט געוואָרן פון שלאָפלאָזיקייט, כאָטש אַלע אברים זיינע האָבן אים געצויגן צום תהום פון שלאָף. די נערוון, ווי אָנגע־צויגענע שטריק, זענען ערגעץ אין די פאַרהוילנקייטן פון זיין וועזן, אים צעריסן געוואָרן און גערויבט דעם שלאָף פון זיינע אַפּלען.

אַז דאָס זעלביקע געפיל, אַ געצאַמטס, אַ ווייטיקלעך דערשטיקטס, האָט צעברויזט אויך רחלען, האָט וועלוול אָפּט מאָל דערשפּירט, ווען ער איז אומגעריכט אַריינגעקומען אין דער שטוב, ווו די מומע האָט איינע אַליין זיך אַרומגעדרייט אונטער דער שיפער סטעליע. אירע אויגן האָבן וואַנזי־ניק אַ בליץ־געגעבן, דאָס מויל מיט די פולע, דיקע רויטע ליפּן האָט זיך פלוצלינג צעעפנט, נאָר דאָס קול, רחלעס ווייכע, דינע קול איז, ווי אַ נס, געווען דאָס זעלביקע, וואָס שטענדיק — וואַרעם און צערטלעך, כאָטש דאָס פנים אירס האָט אָנגעזאָגט שאַרפקייט, אינעווייניקסטע צעריסנקייט.

— נו, לאָבוזל, — האָט זי זיך געלאָזט הערן, — שייגאָץ איינער, ווו פאַרעסטו זיך אַרום, ווען דו האָסט נישט קיין אַרבעט? האַ, דיר לוינט זיך

נישט צו זיצן נעבן דער מומען. זוכסט אַוודאי פּאַניענקעס? זאָג מיר נאָר, יינגלשי, האָסט שוין כאָטש אַ שטיקל חפץ?

וועלוול האָט זיך געררויטלט, דערפילט אויף זיך אַ ליידנשאַפטלעכן, וואַרעמען דריק, אַזאַ מין ליבן קניפּ פון דער מומען אויף זיין אָרעם.

זי האָט ליידנשאַפטלעך, שטאַרק אָנגעשטעלט אויף אים איר בליק, להוט צעעפנט די ליפּן:

— הערשסט, זאָלשסט קומען צו לויפן צו דער מומען, ווען דו וועסט האָבן צייט. זי איז אַ גוטע, — האָט זי זיך קינדעריש און ווייבלעך געפּיעשטשעט פאַרן יינגל. זי האָט גענומען זיין האַנט אין אירער אַריין, געקנעטן זיינע פינגער, געגלעט די דינע הויט פון זיין האַנטלעפּל און מיט צוזאַמענגעדריקטע ציין אַרויסגעזיפּט:

— נו, שייגאַץ, וועסט שוין קומען? אַנישט וועסטו קריגן געשלאָגן... ס׳האָט דען אַ שכל דאָס אַרומשלאָנדערן זיך סתם? מ׳ווערט מיד און מאַט.

— אַז כ׳וועל צייט האָבן, מומע, וועל איך קומען, — האָט ער זיך פאַרלוירן, נישט געקענט איר קוקן אין רונדיקן, ציטערנדיקן פּנים אַריין און אין די שליפן האָט אים געקלאַפּט ווי מיט פויסטן.

— זאָלסט דיר צייט נעמען, — האָט זי ווידער אַ זאָג געגעבן מיט בולטער גינציקייט און כלומרשט אַ פאַרנומענע פון פריִער, גיך פון זיך אַראָפּגעוואָרפן דעם שלאָפראָק און געדראָעט וועלוולען מיט אַ פינגער: „לאָבוז, זאָלסט נישט קוקן“.

באַלד געשטאַנען אין הוילע, נעט־אָנגעצויגענע מייטקעס, אין אַן ענגפאַרשנורעוועטן גאָרסעט, האָט זי אויף זיך אַרויפגעצויגן אַ טונקל זיידן קלייד אין בלימלעך, שימערירנדיקע מיט גרין, אַליוו און פּאָנס־רויט וואָס האָט געגלימערט אין דער שטוב־טונקלקייט; אויסגעגלעט עס אויפן לייב, פאַרקנעפּלט און געדרעדט און אויסגעשטעלט זיך צום אָנקוקן, אויסצונעמען:

— ווי געפעלט דיר דאָס קלייד, וועלוועלע? איך האָב עס ערשט אויפגענייט. ס׳אַ נייעס!

דאָס יינגל וואָס האָט זיך געהאַט צניעותדיק אַוועקגעזעצט אַן אַ זייט, שטעלט זיך אויף, נעמט זיך אָן מיט דרייסטקייט, כאַפּט אָן די מומע ביים פלײשיקן, זאַפטיקן אָרעם, — איבערן חוט־השדרה גייט אים אַדורך אַ דינער, שטעכיקער ציטער ווי אַן עלעקטרישער שטראָם. ער וואַרפט אַריבער זיין האַנט אויף איר אויסגערונדיקטער, פולער פּלייצע, דרייט זי אויס ווי אַ

מיידל זיינס גלייכן און קוקט איר אין די ליכטיקע אויגן: „וויל, האָ־האָ!״ דערנאָך פאַרקוקט ער זיך אין איר סובטעל־געפורעמטן, שיינעם פּנים אַריין. זיין בליק פאַלט אויף איר האַסטיק זיך באַוועגנדיקן בוזעם און ער זאָגט מיט אַ פאַרשטיקט קול:

— שיין... אַ נחת פון אַ קליידל. צו קושן דאָס נייעכץ...

און ער בייגט זיך צו צו דער פרוי, הייבט זיך אויף צו די פיין־פאַרקאַמטע האָר און גיט איר אַן אייליקן, ברענענדיקן קוש אין שטערן אַריין.

— מעג מען, לאָבוז, קושן אַ פרעמדע פרוי? — זי האָט עס אַרויסגעשטאַמלט און אויפגעפלאַקערט מיט די אויגן.

— אַ פרעמדע פרוי טאָר מע נישט, — האָט ער אַ צעפלאַמטער זיך געכוחט צו האַלטן זיך אויף די פיס, וואָס זענען געוואָרן שיכור, אַ ליאַדע רגע זיך איינצוברעכן, — אָבער אַ מומע מעג מען — — —

אין חלל איז געבליבן שטעקן וועלוולס פאַרשטיקטער, קוים אַרויסגעבעבעטער פרעג:

— אמת?

— שייגעצל, מ׳טאָר נישט אַזוי רעדן... מ׳מעג, מ׳מעג אַ מומענקע.

זי האָט וועלוולען ליבלעך אַ פּעטשל געטאָן איבער אַ באַק און אים צוגעפירט צום טיש, ביי וועלכן זי אַליין האָט זיך אַוועקגעזעצט מיט אַן עטוואָס צעוואַקלטן גוף.

XIV

בלוט און וואַסער

די זון־געוועבטע טעג האָבן, צעיאַכמעטע, זיך געשפּרייט אין דרויסן, אָנגעפּוישט אַ הייסן, אָנגעליכטיקן זומער, אָבער צום הונגער־צעטאָרקלטן שניידער־געהילף וועלוול רויט איז די דאָזיקע שיינקייט נישט דערגאַנגען. ער איז געוואָרן תהומיק בלינד מחמת זיין מצב; אָט האָט עס אים געטראָגן און אָט האָט ער זיך געשפּירט אַן אויפגערודערטער. דער קאָפּ איז אים געווען עפּעס אויפגעדראָלן, צו מאָל ווי אַ פרעמדע זאַך אויפן געקנופּ פון זיינע

שפּירונגען. אָבער פון דעם גאַנצענעם טשאַד, וואָס האָט פאַרנעפּלט זיין באַ־וווסטזיין האָט וועלוול דייטלעך געפילט פון ס׳צעפּיבערט אים די בענק־שאַפט צום פּעטערס ווייב רחלע. אין דער בלענדנדיקער שיינקייט, וועל־כע דער זיבעצניאָריקער האָט אַנטפּלעקט ביי דער עטלעכע און דריי־סיק־יאָריקער פרוי, וואָס אין דער צעהויקערטער שטוב אויף אַלטשטאָט, איזביים יינגל צעשטויבט געוואָרן דער כוח צו זיצן ביי דער שניידער־מאַשין. ביי דער קלענסטער געלעגנהייט האָט ער געוואָרפן די נאָדל, מפקיר געווען דאָס הונגעריקע שטיקל ברויט און רק געזוכט תירוצים אין מיטן טאָג אַהיים צו גיין, צו טרעפן די מומע, איר צו דערציילן וועגן זאַכן, וואָס געהערן זיך לגמרי נישט אָן נישט מיט אירע ווייבלעכע אינטערעסן און נישט מיט זייער נישט־דערעדטער, שטום־צאַפּלענדיקער, פאַרהוילענער ליבשאַפט. ביי איר בייזיין איז וועלוול מיט אַ מאָל געוואָרן סטאַטעטשנע ווי אַ גאַנצער מאַנצ־ביל. רחלע האָט צו אים ווינציק גערעדט, נאָר אָנגעשטעלט צערטלעכע מי־נעס מיט די ליפּן: טיו־טיו, שקאָצל, אָפט אים געגלעט מיט אירע פּוכינקע הענט. זי האָט מיט אירע פינגער גלייכגעקאַמט זיינע פאַליענדיקע האָר, וואָס האָבן אים פאַרשטעלט דעם שטערן; זי האָט דערזען ביי אים אַ שפּרענקעלע אויף אַ צאָן און אין מיטן דערינען, גלייך זי וואָלט זיך אויפגעכאַפּט פון פאַרגעסנקייט, האָט זי זיך צו אים געוואָנדן מיט אַ פּיעשטשנדיקן שטימעלע:

— גיי שוין, שקאָץ! ווילסט באַלאַמוטשען די מומע? כ׳מוז דאָך אַראָפּ־גיין זוכן די קינדער. גלייב מיר, זיי האָבן פאַרשלעפּט משה־יאַנקלען... קום, ׳עסט מיטגיין?

— וואָס וועט די מומע פאַרשפּעטיקן? — האָט ער געטאָמלט נאָך צו זיצן און קוקן שווייגנדיק אויף דער מומען. — די קינדער שפּילן זיך ערשט מיטן אַלטן פּעטער. צו וואָס זיי שטערן? איצט איז צייט אַז די מומע זאָל זיך אויספּוצן, איבערטאָן ס׳נייע קליידל.

— אַזוי? כ׳בין דען נישט אַזוי אויך שיין, וועלוועלע? ווילסטו, וואַרט צו. כ׳גיי זיך שוין איבערטאָן...

— נייך, מומעשי, נישט איצט. כ׳האָב נישט אַזוי פיל צייט. גאָר פאַר־געסן, ווי כ׳האַלט אין דער וועלט. איך מוז אַרויספאָרן אויף אַ שעה־צוויי. עפּעס וויכטיקס פון דער היים דאַרף איך געוואָר ווערן. מיר דאַכט — כ׳וועל היינט נישט אַהיים קומען. לאָמיר זיך געזעגענען.

— אַנטלויפסטו שוין ווידער, יונגאַטש! זיי דאָ ביי דער מומען. וואָס,

ווילסט נישט? אַ מיאוסע מויד די מומע, ס'וואָר? און נישט קיין גוטע די מומע, אמת? טאָ לויף און קום גיך צוריק.

— יאָ, איך מוז שוין לויפן.

— זיי זשע געזונט...

זי דערלאַנגט אים די האַנט און שטרעקט אויס אירע דיקע, רויטע ליפן: „גיב אַהער דאָס פּיסקל”.

וועלוולען פאַרדרייט דער קאָפּ פון דער זיסקייט, וואָס טריפט פון דער מומעס זאַפטיקן קוש.

פון די שטיגן איז ער שוין נישט אַראָפּגעגאַנגען, נאָר געלאָפן, גלייך מ'וואָלט אים נאָכגעיאָגט מיט בייטשן. אַזאַ משונהדיק־שאַרף געפיל האָט אין אים זיך צעפּראַלט אין דער רגע, ווען די מומע האָט צו אים אויסגעצויגן איר וואַרעם, פליישיק מויל. ער איז דעמאָלט געווען גרייט זיך אַרויפצווואַרפן אויף איר מיט וועלפּישן כוח און זי פאַרשלינגען. דערפאַר האָט ער זיך גע־ראַטעוועט, איז אַרויס פון דער בוידעם־שטוב מיט אַ נישט־געוואָלטן זעץ אין דער טיר. ס'איז געווען קאָפּ־מישנדיק דער ייִנגלשער געלאַף איבער די היל־צערנע שטאַפּלען, אַז עס האָט לאַנג אָפּגעהילכט זיין משוגענער, הוילער עכאָ פונעם לויפן.

אַבער די מומע רחלע איז פול געווען אין אים; זי איז אָן אויפהער בײַ־געווען זיין יעדן קער און ווענד. און אָפט איז זי אים אַנטקעגן געקומען אויף אויף דער וואָר.

אַנומלט, פאַרנאַכט־צייט ווען מאיר איז געווען אַוועק אין גאַס אַריין — די קראָם, אַ פאַרשלאָסענע, האָט מיט אירע שווערע טירן אויף ראָג אַלט־שטאָט גולמדיק געזשמורעט סיי אויפן מאַרק אַרויף און סיי אויף די אָנ־לויפנדיקע עק גאַסן (און דער טומטום מיט די קינדער איז געווען אויף שפּאַציר) האָט רחלע, בפירוש אַ להוטע אויפן פאַרהוילענעם הונגער וואָס אָפּגעפּילט פון ייִנגלס גראָבנדיקן קוקן, זיין שווייגן, אָנגעפּאַקט ווענדוולען און אים נישט אַוועקגעלאָזן:

— נאָ, נאָ, לויפסט שוין ווידער? ייִנגאַטש, דערצייל ליבערשט עפּעס, רעד צו דער מומען, — און אויסגעשנאָבלט צו אים אַ צערטלעך, זשעדנע מויל, אָבער ער האָט זיך געריסן אַוועקצוגיין.

— בלייב דאָ, ייִנגל. דיין מומע איז אומעטיק צו זיצן איינע אַליין. אַלע לויפן אַוועק פון דער מומע, זיי דו כאָטש בעסער, שקאָצל איינער!

ס׳האָט אים געשטויסן צו אַנטרינען אָט־אָ־שוין און ס׳האָט אים קראַמ־האַפטיק געצויגן צו דער. און זי האָט געפועלט ביי אים; פון דעסטוועגן האָט זיין שעמעוודיקייט זיך נאָך געהאַלטן אַנטקעגן דער מומען.

ס׳איז געווען ברומעדיקע, סודותדיקע טונקל־שעה. אויך אויף אויג מיט וועלוולען האָט רחלע פלוצלינג זיך דערפילט אַנטקעגן דעם יינגל ווי אַ גליי־כע מיט אַ גלייכן. זי האָט׳ן אָוועקגעזעצט האַרט נעבן זיך און, כדי אים אָב־צוהאַלטן, האָט זי גענומען סתם אַזוי עפּעס דערציילן:

— וועלוול, ביסט דאָך אַ ווילער בחור, מ׳קאָן מיט דיר רעדן. ביסט אַ באַלעזענער... וויל איך דיר דערציילן פון אַ זאַך, וואָס איז נישט אַזוי פּאַסיק צו רעדן דערפון הויך, נאָר אויב אַזוינס טרעפט מיט אַ מענטש, מעג מען עס ברענגען איבערן מויל. איך קרעמפּיר זיך אַפילו, אָבער כ׳מוז עס דיר זאָגן. ביסט דאָך אַ קלוג יינגל, וויל איך דו זאָלסט עס הערן און זאָגן וואָס דאָס באַטייט.

— מ׳עט הערן, מומע. אפשר וועל איך וויסן און אפשר נישט?

די מומע, אַ שיין צוגעקליבענע, האָט זיך מיט איר בענקל צוגערוקט צו וועלוולען אַזוי, אַז איר ליטקע האָט באַרירט זיינע קני. אויף צו וויסן צי ער הערט זי (אין שטוב איז שוין געהאַנגען אַ געדיכטע וואַרעמע פינצטערניש), האָט רחלע געפונען זיינע אַ האַנט און געצופּט אירע פינגער.

— הערסט, יונגאַטש?

— כ׳הער, כ׳הער, — און ער האָט געשפּירט ווי עס פאַרכאַפּט אים דער אָטעם.

— ...דו ווייסט דאָך שוין, כ׳האָב דיר געהאַט דערציילט פון דער גראָבער מאַשע, וועלכע קומט צו אונדז אַריין. זי איז געווען אַן עלטער מיידל צו דער חתונה, האָט זי, פאַרשטייסטו מיך, גענומען אַ מאַן וואָס איז נישט געווען אין איר גוסט. ער אַ גרויש, זי אַ פריילן. ס׳וואָלט באַדאַרפט זיין גוט, אָבער זי האָט גרויסע צרות פון דעם מאַן. שוין צוועלף יאָר ווי זי וווינט מיט אים און זי קען נישט ברענגען קיין קינד אויף דער וועלט. און נאָך אַ קינד טאַמלט זי. פאַר אַ געזונטער פרוי איז דאָס אַן אומגליק. אַ פרוי מוז זיין אַ מוטער, אויב נישט, האָט זי נישט קיין ווערט ביי קיינעם. אומבאַוווסטזיניק, אָן אַ געניעון פאַר וואָס, מוז זי זיך איבערענט־פערן צו אַ יורש, וואָס דאַרף פאַרזעצן דאָס לעבן, וואָס די מאַמע האָט אָפּגעלעבט. האָסט געהערט פון דעם ביכל „דער אייביקער מענטש?“ דער

מענטש לעבט אייביק. ער ענדיקט זיך קיין מאָל נישט. שטאַרבט די מאַמע, שטאַרבט דער טאַטע, לעבן זייערע קינדער ,וועלכע געבוירן אַנדע־רע דורות. פאַרשטייסט, ס׳איז אַ נאַטור־זאַך, דאָס האָבן קינדער, כאָטש יונגע מענטשן שעמען זיך דערמיט. זיי האָבן נישט דעם פולן זין פאַר דער אייביקייט וואָס כפּלט דאָס לעבן אונדזערס אָן אַ סוף. אָבער מיט מאַשען איז אַן אומגליק. אויב דער מאַן איז געזונט און די פרוי איז געזונט, קומען פון זיי אַרויס קינדער. איר מאַן, זאָגן די דאָקטוירים, איז אויך געזונט, און דאָך שפּראָצט נישט פון זיי קיין דור. די קרעפּטיקע מאַשע קאָן דאָס נישט דורכהאַלטן. זי איז עפּעס חושד און זי איז אָפּגעשראָקן. דאָקטוירים זאָגן איר, אַז זיי זענען נישט קיין פּאָר. זיין בלוט איז שאַרפער פון איר בלוט און פון דער באַהעפטונג פון גאַנץ שאַרפן בלוט מיטן לעבלעכן בלוט, וואָס פליסט אין מאַשעס אָדערן, ווערט — וואָסער... וואָסער בלעזלט זיך, וואָסער שוימט זיך, וואָסער פרירט, עס קאָן אויך אויפגעקאָכט ווערן, אָבער פון זיך אַליין קאָן עס קיין היץ נישט אָנהאַלטן... בלוט, פאַרקערט, איז יוסט; לעבעדיק בלוט זידט שטענדיק ביי אַ יינגערן שטאַרקער, הייסער, ביי אַן עלטערן ווינציקער, אָבער וואַרעם איז עס שטענדיק. מאַשע איז נאָך גענוג יונג, זי איז אין מיין עלטער, מאַשע; איר בלוט איז וואַרעם, נישט הייס, ווי זיינס. דער מאַן צעשטערט איר אַזוי דאָס לעבן. וואָס זאָל זי טאָן, די אָרע־מע מאַשע, ועלוול? דער געדאַנק לעכערט איר דעם קאָפּ. זי קלאָגט אַריין אין זיך, זי וויינט אַריין אין מיר — זי צעברעכט צולעצט איר לעבן! זי קומט דאָ אין שטוב אַריין, פאַרטרויט זיך פאַר מיר, סודעט זיך, פייניקט מיך, פרעגט עצות:

— וועל איך שוין שטאַרבן אַזאַ אומגליקלעכע?...

— האָסט שוין געזען, אַז אַ קינד זאָל געבוירן ווערן פון וואָסער? פון הייס און לעבלעכס געריינט ס׳בלוט און ס׳ווערט וואַסער, אַ מוטנע צעשלאָגן וואָסער. ס׳איז ווי אַ געדונער אין די חמימות — ס׳פּלייש ווערט קאַליע, די מילעך ווערט איבערגעפירט.

— אפשר זיך גטן, רחלע?

אַלע מאָל באַפאַלט זי מיך מיט אַליאַרעם, די מאַשע. זי האָט מורא אַז זי וועט פאַרפושן איר לעבן.

וועלוועלען שלאָגט אַ היץ אין די געהירן אַריין פון די אַלע אומגעריכ־טע, אויסטערלישע רייד וואָס קומען מיט דער שטילער פינצטערניש פון דער

מומעס הויך. אים דאַכט זיך אויס אַז דאָס שיינע, וואָס איז ביז איצט גע־וועזן באַוואָרט אין זיין דמיון ווי אַ נישט־ערדישער מהות, זינקט ערשט אין בלאָטע אַריין. אַ מכשפה מיט אַ פּנים פול בראָדעווקעס און מיט אַ קאַנטיק מויל שיט גיהנומדיקע רייד וואָס שווידערן אויף און קערן זיך איבער ווי הייסע שטיינער אין זיין אינגעווייד.

דאָס בחורל געפינט זיך נישט קיין אָרט; עפּעס טומלט אים אין די שלייפן. אים קומט פאָר ווי ער וואָלט זיצנדיקערהייט אַנטדרימלט גע־וואָרן און אין שלאָף הערט ער רעדן, נאָר די רייד דערגייען נישט צו אים. ער שטרענגט זיך אָן, בייגט צו די אויערן און הערט פאָרט נישט — — עס ווערט אים איבלדיק ווייךביים לעפעלע, אָט־אָט פאַלט ער אין אָנמאַכט. אַ גליק, וואָס מ׳האָט אים אַריינגעכאַפּט אין אַ וואַרעמען בעט אַריין, באַ־שפּריצט מיט פריש וואַסער. אָ, ווי גוט! אַ מערכה וואָס עמעצער האָט דערזען אַז ער חלשט, אַנישט וואָלט ער געבליבן זיצן אַ טויטער. געענדיקט מיט דעם אָנסופקן געראַנגל וואָס האָט זיך גערופן וועלוול, וועלוול רויט.

...וועלוול ווייסט נישט צי עס האָט אים אַזאַ מיש געטאָן אין קאָפּ, צי ער איז אין אמתן אַנטדרימלט געוואָרן און ר׳האָט נישט געהערט, אַז מ׳רופט אים, אָדער אים האָט זיך אויסגעוויזן אַזאַ עמעץ רעדט פון דער פינצטער אַרויס. אויפגעריסן די אויגן האָט ער אין נייגיר געוואָלט מיטן יונגן בליק דורכשפּיזן די געדיכטקייט פונעם צוגעפּאַלענעם אָוונט. אין אויער האָבן אים דערווידערדיק אָנגעקלאַפּט דער מומעס פאַרלעגענע רייד:

„צו איר אומגליק איז מאַשע טאָפּלט געשטראָפט: אַז זי קומט זיך צונויף מיטן מאַן, צערטלט ער זי נישט, קושט זי נישט און האַלזט נישט, נאָר פּאַטשט איר איבערן לייב, שלאָגט זי ביז ווייטיק. אַנדערש קאָן זי אים נישט, דעם מאַן, די אָרעמע מאַשע, אויפן ביינאַכטיקן געלעגער. זי באַ־קומט סיניאַקעס און זי טאָר נישט וויינען. פאַרשטייסט, ער פּייניקט זי פון ליבשאַפט!... אָך, סאַראַ טרויעריקע ליבע. ערשט ווען זי פאַלט אַן אָנמעכ־טיקע פון זיינע פּעטש איבערן נאַקעטן לייב, קומט די באַהעפטונג צווישן מאַן און ווייב.

„ווי זאָל מען אַזוינס אָנרופן, וועלוול, באַלעזענער יונג מיינער? איז אויף דער משוגענער וועלט פאַראַן אויך אַזאַ ליבע?“

פאַרלוירן, שעמעוודיק, ווי מ׳וואָלט אָקערשט אים אָנגעקלאַגט אין עפּעס שלעכטס, האָט ער געענטפערט מיט דערשטיקטע רייד:

— ווייס איך?... אפשר איז פאַראַן אַזאַ ליבע אויכעט.

— אוכ־אוככהה — — האָט רחלע טיף זיפצנדיק אָפּגעאָטעמט אויפן קול און צוגעלייגט אַ ברענענדיק שוועבעלע צו דער לאָמפּ, וואָס אויפן פאַרקרימטן טשוואָק אין דער סטעליע.

XV

שווערע טעג

אין דער בוידעם־שטוב גייען די טעג אַזוי פּאַמעלעכקע, אַז עס דאַכט זיך:

— זיי קריכן אויף אַלע פיר, ווי פוילע קעץ.

— זיי זענען אַזוי ווערעמדיק, לאַנגווייליק, די טעג, זיי פויזען אַזוי, ביז זיי ווערן — דאַכט זיך רחלען — אַנטדרימלט ווערן צוזאַמען מיטן מעבל און מיטן בעטגעוואַנט, מיט וועלכן ס׳איז פול די שאָטנדיקע היים. און צוזאַמען מיט אַלעם וועט אויך רחלע איינשלאָפן. ווייל קיינער, אַ חוץ איר, זיצט נישט אין שטוב, כאָטש אין דרויסן כמאַרען זיך די הימלען אָפטער, מחמת די דויערנדיקע היצן. די זון פאַרבאַהאַלט זיך אונטער די ווייסע, פּוכיקע וואָלקנס; ס׳זעט אויס, אַ ליאַדע מינוט וועט אַראָפּפאַלן אַ שטאַרקער רעגן באַגלייט פון דונערס און בליצן. אַ ראיה: די פליגן קלעפּן זיך צום פּולאָפּ, צו די ווענט, זיי זשוזשען אויף די שויבן און פאַלן ווי שכורע. אָבער — עס רעגנט נישט. און די אויגן איז נישט אויפצומאַכן, ווען זי שטעקט אַרויס דעם קאָפּ צום דרויסן. עס שטעכט אַזוי דער בליק, גלייך מ׳וואָלט איר אומיסטן אַריינגעלויכטן אין די אויגן אַריין און דאָס שטאַרקע ליכט איז פון דעסטוועגן נישט צו זען.

די זון האָט זיך אויסבאַהאַלטן פאַר איר, — ווערט רחלע סענטימענטאַל — פּונקט ווי דאָס אמתע גליק איז אַנטרונען פון איר.

ווי ס׳איז זיין שטייגער זיצט מאיר תמיד אין קעלער, נעמט זיך אָן מיט קעלערשער פינצטערקייט און איז אַנגעכמורעט, אַז זעלטן רחלע הערט שוין פון אים אַ ליבלעך וואָרט. אָט־אָ דער ייִד מיטן גרויסן, שוואַרצ־

האָריקן גוף, דער אויגנפּינטלער, וואָס האָט איר געגעבן אַ קינד, איז עפּעס נישט קיין שלעכטער און נישט קיין גוטער. ער איז אַזאַ, דער מאיר, וואָס איז מסתמא גוט געווען פאַר דער פריִערדיקער; ר׳איז געווען איר ריכטי־קער זיווג. ס׳איז אַן אומגליק, איז איר שוין אויסגעקומען, אויב אַזוינס קריכט שוין אין קאָפּ אַריין.

גערן־אומגערן נעמען רעיונות קריכן איר אין מוח אַריין. נישט ווילנ־דיק זעט זי דאָס וואָס ביז איצט האָט זי נישט דערזען: מאיר, איר גאַנצע־נער מעמד:

פּאַר רחטשען, דער מיידאַנער געקעכלטער טאָכטער, איז ער ערשט נישט דער... מאיר איז אַזאַ מין געשרומפּן ראָזשינקעלע, וואָס מוז לאַנג ווייקן, אַז מ׳זאָל דערפון אַרויסבאַקומען לאַקריץ־זיסן קידוש־ווייַן, ווי די מאַמע עליה השלום פלעגט מאַכן.

ס׳אַזאַ ראָזשינקע, וואָס איז זיס, ווען מ׳צעמאָלט עס מיט די ציין.

ווער ווייסט, — זיפצט זי אויף מיט אַ מאָל פון דער טיפער ברוסט, — צי זי וועט אים אַ מאָל צעקייען.

ניין, מאַמעניו, ס׳איז נישט יאָשע, דער, וואָס פוילט יונגערהייט אויף די טרויעריקע מלחמה־פעלדער אין ראָסיי. ווו איז זיין האַרציקייט, זיין היילנדיקע וואַרעמקייט?

מאיר איז איר אָט־אַ אַזאַ טרוקענער, אַזאַ קנאַפּ רעדנדיקער. אַ רענדל אַ וואָרט איז ביי אים! רק ער פינטלט מיט די אויגן, דער זכר, רק ר׳זוכט איר געלעגער, דער האַריקער!

און ווו איז די ייִדישקייט ביי אים, האַרצעדיקע? נישט ער גייט דאַווע־נען אין שיל אַריין און נישט ער דאַוונט אין דער היים, נאָך גוט, וואָס זי צינדט שבת־ליכט, אַנישט וואָלט ס׳קינד יאָשעלע זיך געכאָוועט ווי אין אַ גוייִש הויז.

— אַ נס, כ׳לעבן, וואָס משה־יאַנקל איז איר צוגעשיקט געוואָרן, אַנישט וואָלט די שטוב אין גאַנצן פאַרגרעבט געוואָרן.

זי זיצט איינע אַליין אין טונקעלן צימער אין אַזעלכע סוף־זומערדיקע, מאַטע טעג, ווימלט איר קאָפּ מיט אַ סך טריבע געדאַנקען. פון דער שכחה טויכן אויף ווי גליִ־ווערעמלעך, אַ סך איבערגעלעבטס, נישט דערטראַכטס און ס׳טוט איר מאָדנע באַנג נאָך די אַלע ליבע און פריקרע קלייניקייטן פון אַמאָל. איר שמייכלט דערביי, וואָס זי איז נישט די גראָבע מאַשע, וואָס

האָט שוין ביי איר איצטיקער יונגקייט אַזאַ טעמפּן, אַלטווייבעריש צעגאָ־סענעם אויסזען.

...יאָ, די כאַוטשע איז איר בראָך. נאָר גאָט צו דאַנקען, וועגן איר איז זי שוין אַ ביסל ווייניקער פאַרזאָרגט. ס׳קלייבט זיך אַ גילדן צו אַ גילדן.

רויזע האָט אַן אייזערנעם קאָפּ; מיט איר סוחרישן חוש וועט זי אויפן פייער נישט פאַרברענט ווערן. האָט זי אַ דאגה, וואָס דער מאַן אירער איז אַ שמויגער? הלוואי וואָלט איר מאיר געווען אַ טשוטשעלע, אָבער נישט אַזעלכער...

„קנאַפּע צוויי טויזנט גילדן — זינגט זי שוין אין זיך אַ האָפּערדיקע — איז אַ שטיקל טרייסט פאַר אַ זעכצניאָריקער יתומה".

רחל גיט זיך פלוצלינג אַ טשוכע אויס פון איר טראַכטן:

— ס׳מוז שוין זיין שפּעט (דער בלעכענער זייגער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דער פרימאָרגנדיקער זיבן) און ס׳מיטאָג איז מאירן נאָך נישט אַראָפּגע־טראָגן געוואָרן. טיף פּילט זי אַ באַדערפעניש זיך צו איילן, צו דערלאַנגען דאָס פאַרזאַמטע; זי וויל זיך שוין אויפשטעלן פונעם בענקל, נאָר זי בלייבט זיצן. אין מוח פּויזען אַרום ברעקלעך, צויטן פון געדאַנקען, ווי גליטשיקע שלימאַקעס. עס טראַכט זיך איר:

אַ הויז איז אַ וועלט אַ גאַנצע, וואָס ס׳איז נישט שייך זי אַרומצוזען פון ברעג צו ברעג. אַ מאַן איז אַ טייל פונעם הויז וואָס איז טייל מאָל נישט קיין וועלט, נייערט אַ וויכער וואָס רייסט אַראָפּ דעכער, צעברעכטביימער — —

זי ווייסט נישט, רחל, פאַר וואָס מ׳זעט נישט משה־יאַנקלען מיט די קינדער. ווי לאַנג איז דער שיעור אַרומצוגיין מיטן קליינוואַרג אין אַזעלכע אומזיכערע וועטערס?

— אָר־וואַ־אַ, וועל איך כאַפּן אַ חלק, — רעדט זי שוין צו זיך אויפן קול, גלייך עמעצער וואָלט געשטאַנען נעבן איר. אין מיטן דערינען נעמט זי זיך חנדלען מיט איר געגעל, פּיעשטשעט זיך מיטן אויסגעשנירלטן מיילכל און לאָזט אַרויס אומפאַרשטענדלעכע קלאַנגען. פּלוצלינג דערשרעקט זי זיך פאַר איר אייגענער שטים, גלייך זי וואָלט דערהערט אַ פאַרשפּע־טיקטע, אַ באַדויערנדיקע.

אַקוראַט זי וואָלט זיך געכאַפּט, ווי זי געפינט זיך אין דער אמתן, האָט רחל געשווינד אַ מיש־געטאָן אין דעם זידנדיקן טעפּל, וואָס איז גע־

שטאַנען אַ פרייענדיקס אויף דער אייזערנער, שוואַרצער פּליטע. אין קאָפּ גיט זיך איר בשעת־מעשה אַ גליטש אַדורך אַ בליציק געדאַנקל פול מיט זעלבסטצופרידנקייט און פאַרבאָרגענער, שעמעוודיקער נקמה:

— אַ נס דער קעלער... ווי גוט, וואָס איך בין אויבן און ער — אונטן. „נאָר נישט יעקעלע קעגנאיבער".

דאָס האָט זי געוואָלט להכעיסדיק אַרויסרעדן צו דעם, וואָס שטייט, ווי רחלען דאַכט זיך, נעבן איר. נאָר די ווערטער זענען איר געבליבן שטעקן ערגעץ אין דער ברוסט מיט אַ פאַרשטיקט געלעכטערל:

„איך דאָ, ער דאָרט"...

מיט דעם האָט עס געקלונגען אין אַלע ווינקעלעך פון שטוב, וואָס האָט געהויערט אין גרויסער שטילקייט.

אין דמיון קומט ווידער קאַפּויער כאַוואַטשע און דאָס געהער ווערט איר מאָדנע אָנגעשפּיצט:

— דאַכט זיך: מ'גייט.

— אַ?... משה־יאַנקל דרעפּטשעט אויף די טרעפּ? ס'אַ צו רירעוודיק גיין פאַר זיינעטוועגן. ס'איז אַוודאי וועלוול — —

*

מאָדנע גיך האָט דער הימל זיך אַראָפּגעלאָזט איבער דער מידער אַלטשטאָט און עס האָבן געגומען טריפן דראָבנע, שפּיציקע, קאַלטע רעגנדלעך. עס האָט געטריפט און געטראָפּט פון גרויסן הימל־בעקן, פון די מעלאַנכאָלישע דעכער און שוואַרצע טורעמלעך, פון די שרייענדיקע בלעכערנע רינעס און פון די טויט־פאַרגליווערטע, געשרומפּענע קוימען־פענדלעך, וואָס ווייסן, נעבעך, נישט, ווען זיי וועלן ווידער געשפּייזט ווערן פון חבר ווינט. טאָג און נאַכט טראָגט זיך דעמאָלט דער מרה־שחורהדיקער קאַדריל פון ביי־ערדיקע, קורץ־עטעמדיקע האַרבסטיקע ווינטלעך און עס לויערט דער געטריף פונעם ווייגענדיקן הימל. אָבער נישט אַציגד. איצטער טראָפּט עס און יאָמערט מיט נעציקייט.

ביי רחלען רינצלט די הויט פון דעם טריבן דרויסן.

מענטשן וואָס לעבן אַ גאַנץ יאָר פון גאַס, פאַררוקן זיך אין די טויערן, אין די אָפענע געוועלב־טירן אַריין, שטעקן אַרויס זשעדנע רויטע נעזער, זוכן פאַרכטיק מיט די אויגן, גלייך זיי וואָלטן דערשפּירט אַ לויערנדיקע

סכנה; עמעץ וויל זיי צונעמען די מאָלצייט, וואָס זיי האַלטן אין מיטן עסן אויפֿן באַיאָפּטן מאַרק.

עס איז געוואָרן פּריקרע און אַלץ אַזוי פּלוצטאַלבן.

עס דאַכט: מ׳האָט נאָך רעכט נישט געזען קיין אמתדיק־וויניקע באַר־נע — דער שפּעט־זומער האָט זיך נאָך נישט געעקט מיט די גאָלדענע, זוניק־טרוימערישע שלייערן, און שוין רוקט אָן דער אָסיען.

מאיר קאָרטשעט זיך אין קעלער.

— ס׳אַן אומגליק מיט דעם קעלער — טראַכט ער — נישטאָ דאָ ווו אָוועקצושטעלן אַן אויוועלע צום אונטערהייצן. ס׳אַ בראָך, וואָס ס׳לייזונג שטעלט זיך אָפּ.

אויפדערנאַכט, ער קומט אין שטוב אַריין, ווערט ער נאָך טרויעריקער. ער טרעפט רחלען אָן אויפגעלייגטע און אַרום איר דאָס שוועסטערקינד רויזע, די גראָבע מאַשע, משה־יאַנקלען און די קינדער. דאָס גרויסע צימער איז אַזוי פול מיט זיי, און אַלע זעען נישט, אַז ער קומט אַריין אין שטוב אָן אויסגעהוילטער פון גליווערנדיקער קעלט, וואָס בלאָזט אים נאָך אין די ביינער.

„וואָס גייט איר אָן מיין פיין?״ — גיט אים פּלוצלינג אַ שטאָך אין האַרצן.

מאיר זעט:

מיט אָנגעשפּאַרנטע ברילן אויף דער שפּיץ נאָז זיצט רחל אויבנאָן ביים טיש און נעבן איר ברייט־צעלייגטע, ווי באַלעבאָסטעס פּאַרטוענע אין וואַזשנע טועכצן, בייגן זיך אַלע איבער טעוועלעך. אָ, זיי שפּילן אין טער־ניטשקעס. ס׳איז וואַרעם אין זיין היים און איבערן היימלעך־באַלויכטענעם טיש זעט זיך אָן די גראָבע מאַשע מיטן גרויסן, פעטן קאָפּ, וואָס איז ווי ביי אַ חזיר, אָן אַ האַלדז, צוגעוואַקסן צו די אַקסלען; מ׳זיצט און אַלע טראָגן זיי ברילן.

אַ זקנים־הויז, אַ ווייבער־שול? — פאַלט איין מאירן, וועלכער זעט גיכער די ברילן אויף אַלעמענס נעזער, ווי די ברייט־פונאַנדערגעזעצטע לייט אַזוי אַז עס איז נישטאָ קיין אָרט פאַר אים, מאירן.

ער פאַרזשמורעט די אויגן, קוקט זיך איין פון דער ווייטנס אויפן געזעמל און הערט רחלען:

— פיר און זעכציק.

— כ׳האָב איינס, צוויי, דריי מאָל.

— וואַרט, וואַרט, אַן אַמבע.

— און איך האָב שוין אַ קוואַטר!

רחל גיט איטלעך מאָל אַ פאַררוק די האַנט אין טאָרבעלע הילצערנע נומערלעך, אַ פאַרגראָב אין זיי דעם באַגלאָזטן בליק און רופט אויס די ציפערן, רופט און דער ווייבערישער מנין טומלט.

— לאָטערייקע צו מיין שווער געמיט! — רעדט מאיר צו זיך.

ער שטייט אַ ווײַלע, קוקט אויף די ווייבער, באַטראַכט פון דער זייט ז יי ב ע און ער פילט אַז די נכפּה וועט אים נעמען, אויב ער וועט אָט שוין זיך נישט אָפּבייזערן אויפן ווייב. אָבער אַרויסגעקומען איז עפּעס אַנדערש:

— וואָס הערט מען וועגן אַ גלעזל וואַרעמס? — און די ווערטער האָבן אים געקוועלט אין האַלדז.

— אַאַ, ווער ס׳איז דאָ! — איז רחל טאַמעוואַטע פאַרחידושט, אַקוראַט זי וואָלט באמת נישט געהערט, אַז עמעץ איז אַריין אין שטוב, אַז מאירס בינטן שליסלען האָבן אויף זייער שטייגער אַ קלימפּער־געגעבן בעת זיין שווערן אַריבערטרעטן די הויכע שוועל. — ס׳איז שוין אַזוי שפּעט, מאַן מיינער? כ׳בין אַזוי פאַרהאַרעוועט מיט די שקאַצעוואַטע נומערלעך, אַז כ׳ווייס נישט אַז דער זייגער גייט. שוין, שוין קריגסטו טיי.

...מאיר האָט דערנאָך האַסטיק געטרונקען די הייסע טיי, געזופּט מיט גרויסע שפּרייז, גלייך ער וואָלט זיך געאיילט וואָס גיכער צו דערוואַרעמען זיך. אין אמתן האָט אים געבריט דער באַסט, הלמאי די שטוב איז איבערגע־דרייט געוואָרן מיט די פיס אַרויף; וואָס אַזוי פיל פרעמדע מענטשן מאַכן פול דאָס הויז, ווען ער דאַרף רוען; וואָס רחל איז נישט די זעלביקע, וואָס געווען. מאיר האָט אין זיך אַריינגעטרונקען דעם כעס, וועלכער האָט זיך אין אים געשוימט, אים אין גאַנצן צערודערט. אים איז נישט געפעלן די היימלעכקייט, וואָס רחלע פאַרשאַפט זיך גאָר ניילעך.

פאַרקאָכטקייט איז נישט מאירס טבע. דערפאַר האָט עס אים אַזוי געוואָרפן, דעם ייִדן, למאי רחל איז נישט די וואָס אַנומלט, פאַר וואָס ביי איר האָט זיך אַזוי גיך אָפּגעריבן די איידלקייט, מיט וועלכער זי האָט ביי אים אויסגענומען, ממש אים געפאַנגען. אינעווייניק אין זיך טוט אים ווי דער בליץ פון אומגעריכטן טראַכטן פאַר וואָס רחלע איז נישט נחמה, מיט

גאָר נישט ענלעך צו נחמהן. קענטיק אַ פרעמדע די רחל, וועלכער עס גייט נישט אָן דער מאַן, וואָס פרירט, וואָס גייט אויס נאָך אַ ליבלעך מיטפילנ־דיק וואָרט (עך, ווי מיין מאַן קומט אָן מיט אַנגסטן דער גראָשן אין שטוב אַריין!). זי קאָן גאָר ביי זיך פועלן אַ גאַנצן טאָג זיך נישט צו ווייזן פאַר אים.

„דער פאַלעי, דער טוכלער בוידעם, איז איר צום הויקער" — מורמלט ער צו זיך און שיער ברעכט ער אויס מיט אַ טומל.

אָבער מאיר האָט דעם כעס דערשטיקט אין זיך, געזוכט פאַרענטפערניש פאַרן ווייב, געטראַכט, אַז ס'איז איר נישט וואָס מקנא צו זיין, שטענדיק צו מוזן זיצן אין דעם פינצטערלעכן בוידעם נעבן די בלאַסע קינדער מיטן זויערן טומטום.

נו, דאָס כאַוטשעלע איז אַ באַזונדערע מתנה פאַר אַ מאַמען.

„נישטאָ וואָס מקנא צו זיין רחלען" — האָט ער נישט אויפגעהערט זיך צו באַרויקן.

XVI

נסיונות

אין אַ ברייטן כאַקי־כאַלאַט (אַרויפגעצויגן אויף אַן אונטערשטן מלבוש) און אין אַ היטל, וואָס נאָר גוי׳ים טראָגן אַזעלכע, האָט מאיר, וועלכער האָט ליב נישט צו קווען זיינע פיס, זיינע אַקסלען, אין זיינע גרויסע שיך זיך געטראָגן איבער גאַסן, איבער פרעמדע הויפן און געזוכט אַ מענטש — אַ שטריק־מאַכער, וועמענס אַדרעס ער האָט געהאַט פאַרגעסן. צוגעפינטלט מיט די אויגן האָט ער זיך נאָכגעפרעגט אויפן נעמלעכן און — אין איינ־וועגס זיך געטראַכט:

— ווי אַזוי די רחל האָט זיך איבערגעדרייט... ווי דאָס מענטש האָט זיך געענדערט.

נאָר זי האָט זיך שטענדיק צו סודען מיט דער קוזינע רויזע.

צי פון כאַוטשען וואָלט נישט געווען אַ גלייכער זיווג מיט וועלוולען.

יאָשקעלע איז אַ ווויל קינד. אַ שאָד, וואָס ס'שטייט אין אין נישט ריכטיקע הענט...

מיט לאַהלעס ירושה־פּלאַץ אין טשעמנע געסל וועט שוין נייטיק זיין זיך צו פאַרנעמען איין מאָל פאַר אַלע מאָל... אַוודאי, ס'איז אַ שפּאָרער פּלאַץ, אַ שטיקל מאַיאָנטעק: עלעהיי אַ נדן, אַז מ'עטס' דערלעבן.

איילנבויגנס האַקן אים אָפּ די זייטן, פּנימער קריכן אים אין די אויגן אַריין, נאָר מאיר זעט זיי נישט גענוי. ס'שווימען פאַרביי נאָר פאַרווישטע מאַסקעס, ווי שאָטנהאַפטע געפּילמטע פּנימער. ער האָט נישט קיין פאַריבל אויף די איילנדיקע. מענטשן זענען שטענדיק פאַרנומען, רק זיי יאָגן זיך נאָך עפּעס און ווערן אויף שריט און טריט אויסגעריסן פון ערמה, וואָס טשאָטעוועט זיי אַריינצוקריגן.

און אָט האָט מאיר געטראָפן צו פּנחס שטריקמאַכער. אויך אַ קעלער־ייִד, אַ שנויפּלדיקער מיט אַ צעקודלט בערדעלע, וואָס איז נישט שוואַרץ און נישט בלאָנד, נאָר אַ ביסל ענלעך צו קאָנאָפּלעס, וועלכע ער שפּינט אויף אַ גרויס ראָד, מאַכט פון זיי שטריק. פון דער פאַרבלאָזער באָרד, וואָס איז פון דעסטוועגן שטאַרק אָנזעעוודיק אויף דעם קליינעם ייִדל אינעם באַטאַגיק עלעקטרע־באַלויכטענעם קעלער, רייסן זיך דורך גראָע פעדעם, וואָס שרייען אַרויס פון דער אָרעמער האַריקייט, אַקוראַט די כשרע ייִדישע גראָע האָר־פּאַסמעס וואָלטן זיך געוואָלט אַרויסראַטעווען פון דער עלנטער באָרד ווי פון שעטנז.

— גוטמאָרגן, ר' פּנחס! — רייסט מאיר איבער בעל כרחו דעם געדאַנ־קען־פּלאָנטער, אין וועלכן ער האָט דעם גאַנצן וועג נישט געקענט אַרייג־ברענגען אַ סדר, — ווי האַלט איר מיט מיינע פּאַקעלעס?

— איטנוער! — שנויפּלט יענער אָפּ דעם „גוט יאָר" און קוקט אָן מיט תרעומות דעם אַריינגעקומענעם.

— ני, וואָס זאָגט איר, ר' פּנחס? וואָס איז מיט מיין סחורה?

— מאַאַן שכוירע... — שנויפּלט דאָס ייִדל מיט אַראָפּגעלאָזענע אויגן און שאָקלט מיטן קאָפּ אין דער ברייט:

— נאָך נישט פאַרטיק...

בייזערט זיך מאיר רויט:

— אָנגעלייגט אַזאַ מהלך וועג, די סחורה איז מיר נויטיק און איר מאַכט זיך גאָר נישט דערפון! איר זענט אַ גאַל־דריקער, אַ לעבער־

נעמער... ס׳געלאַכטער קאָנט איר מאַכן פון זעך אַליין און נישט פון אַן אַנדערן! — איז ער שוין אויף אַן אמת אין כעס.

דער שטריקמאַכער פילט זיך שולדיק, פאַרענטפערט זיך, אָבער דער מענטש אין ברייטן, גרינעם כאַלאַט און גוייִשן היטל הערט אים נישט. ער רעדט צו זיך: „פאַנפעט דער קוליאַס און מאַכט מיך אומגליקלעך". צו זייַנע אויערן דערגייט נישט די מעשה וועגן שטריקמאַכערס שיינער טאָכטער, פאַר וועלכער עס רייסן זיך פאַר אַ מאָל עטלעכע חתנים און די מויד האָט, נעבעך, נישט קיין שכל. ער, דער אָרעמער טאַטע, ווייסט נישט וועמען אויסצוקלייבן צווישן די אַלע יונגעלייט, אויף וואָס פאַראַ אופן משפּיע צו זיין אויף דער טאָכטערס געלוסטן...

— עפּשער ט׳איער אַן אייטשע? — פרעגט ער דעם אָנגעכמורעטן, בייזן סוחר פון אַלטשטאָט. — איך ווער אויסגערישן צוליב דער מויד. — קלאָגט זיך דער ייִד מיטן קאַנאָפּלע־בערדל וואָס האָט גראָע שטרייפן און ער גיט אַ הינק־אונטער אויפן אָרט.

מאיר איז נאָך אַלץ אין כעס; ער דרייט זיך אויס מיט דער פּלייצע צום שטריקמאַכער:

— האַקט אַ ספּאָדעק, דער שטאַמלאָק! ס׳וואָלט געפּאַסט, אַז קיינער האָט נישט קיין קאָפּדרייעניש...

אַהיימצווועגס איז ער שוין נישט געגאַנגען. ער איז אַריין אין טראַמוויי, נאָך דער מענטשן־פולער וואָגן איז אים געגאַנגען צו פּאַמעלעך. דער קאָפּ האָט מאירן געטומלט פון אַ דרענגעניש, פון שרייענדיקע געדאַנקען, וואָס האָבן אים שיער־נישט דעם מוח צעשפּאָלטן: וואָס טוט זיך אין געוועלב; גיט זיך רחל אַן עצה, אַז ס׳קומען קונים; אויב ס׳וואָלט זיך געלייזט, וואָלט אים שוין נישט געאַרט דאָס באַגנבענען רחלס. ווער ווייסט, צי רויזע איז שוין אויף דער געשווינד נישט געקומען צו רחלען אָפּנעמען ביי איר דאָס ביסל „סאָבעק", וואָס זי מאַכט... וואָס ׳עט ער טאָן — וואָס איז געוואָרן פון מאירן?

— ?... צווייפל האָט אים געגעסן, געברענט זיין געדאַנק, ווי פלאַם אויפגעצערט זיין כוח.

פיינלעך איז דאָס איבערטראַכטן, ווען מ׳גייט אַרויס פון דער היים, אויב מ׳האָט נישט אַן אייגענעם מענטש איבערצולאָזן. נאָר אויף רחלען לאָזט זיך פון דעסטוועגן נישט טראַכטן קיין אויסטערלישס. זי ווייסט, אַז

די פּרנסה קומט אָן שווער. אַז מ׳רירט אין שטוב, רירט מען אָן ס׳מזל. ער האָט נישט פֿאַר וואָס זי חושד צו זיין. אַי, די טאָכטער פֿון ערשטן מאַן? דאָס, נאַר איינער — טענהט ער אין מיט זיך — איז גאָר נישט שבגאָר־נישט. אַז זי וועט אויסוואַקסן, ווערן אַ מענטש, וועט זיך אָפּזוכן אַ משוגע־נער, וואָס וועט מיט איר חתונה האָבן. דער עיקר, זי זאָל ווערן אַ מענטש. דערוויילע ווייזט זיך גאָר נישט אויף קיין גוטס. וואָס אָפּטער פֿאַרשווינדט זי פֿון שטוב. עס העלפֿט נישט, נישט קיין שרייען, קיין זידלען.

מאיר דערמאָנט זיך ערשט (ווי אַן אויער־וואָרעם עקבערן אַזעלכע זאַכן):

פֿאַראַיאָרן ווינטער. אַ פֿראָסט געווען אין דרויסן, עס איז שוין עלף אויפֿדערנאַכט. אין שטוב איז לאַנג נאָך וועטשערע, נאָך דעם דאָמינאָ־שפּיל, נאָך דעם טומטומס הויכן קריאת־שמע־לייענען מיט לאַהלען און יאָשעלען, און כאַוועשע איז נאָך אַלץ נישטאָ אין דער היים. ער קוקט אָן דאָס ווייב, זי לאָזט אַראָפּ די אויגן, שעמט זיך די שאַנד צו האָבן אַ טאָכ־טער אַן אויסוואָרפֿלינג. אין שטוב בלייבט הענגען אַ האַרט שווייגן. מאיר לעשט אויס פּלוצלינג די לאָמפּ, פֿאַרדרייט דעם שליסל אינעם שלאָס און מיטן שליסל־געקלימפּער, ווי עס איז זיין שטייגער, קריכט ער אין דער פֿינצטער אין בעט אַריין.

אָבער ער קען נישט שלאָפֿן און אויך רחל שלאָפֿט נישט. אַ מאַמע, ליגט זי און זיפֿצט, רעדט, דאַכט זיך, צו זיך אין דער שטיל. לסוף ווערט זי שוין ביטער אַנטשוויגן און קוקט אין דער בלינדער נאַכט אַריין.

מאיר — אין אַנדערן בעט, וואָס האַרט דערנעבן — איז פֿאַרעקשנט וואַך. ער פֿינטלט מיט די אויגן צום סופֿיט. שניפּט מיט דער נאָז און טראַכט, משמעות, דאָס טראַכטן פֿון רחלען:

— כאַוועשע! אַ מויד וואָס ׳עט זי טרייבן אין גרוב אַריין.

— וווּ שלעפּט זי זיך אַרום איצטער?

— ווער ווייסט, צי זי וועט די נאַכט אַהיים קומען?

פֿון אַלקער טראָגט זיך דאָס אומרעגלמעסיקע שנאָרכען פֿונעם טומ־טום, וועלכער איז איינגעשלאָפֿן אַ שווערער, אַ מידער פֿון די עגמת־נפֿשן פֿון אַ גאַנצן טאָג רעדן מיט דער שוועסטער, הלמאַי מען נוצט נישט אויס די טרוקענע טעג אויף צו ברענגען אַ פֿור קוילן, הלמאַי זי לאָזט דער מויד איר ווידל, הלמאַי זי האָט נישט קיין גוט וואָרט פֿאַר מאירן, ווי אַ מאַן פֿאַרדינט זיך. וועלוול ליגט נעבן אים אַ צונויפֿגעדרייטער, אַקוראַט ער

וואָלט זיך געשראָקן פאַר דער קעלט, וואָס רייסט זיך שוין מיט קולי־קולות איבערן משופּעדיקן דאַך, פּייפט אַריין אין שטוב האַרבסטיק דורך די פאַר־הוילענע שפּאַרעס און דורכן שליסל־לאָך.

מאירן צוקאָפּנס, נעבן שיפן פּולאָפ, וויגט זיך דער בלעכערנער וואַנט־זייגער. ער כריפּעט אויס די שעהן ווי אַ גוסס און די שפּינאַרטיקע ווייזערס אויפן געלבלעך־ווייסן ציפערבלאַט שטעכן דורך די פינצטערניש, דערמאָ־נען, אַז די צייט איז פאַרגענגלעך. יאָרן לויפן, דער מענטש ווערט עלטער און די כוחות ווערן אויסגעצאַפּט אויף גאָרנישט און ווידער נישט.

מאיר שלאָפט נישט; אינעווייניק, אין זיין האַרץ־געפּעס זידט דער כעס:

— ער וואָלט איר אַ ביין איבערגעבראָכן, אַזאַ מויד זאָל׳ן דאָס פּנים פאַרשוואַרצן!

עס האָט נאָך לאַנג געדויערט, ביז עס האָט זיך דערהערט אַן אומ־דרייסט־איינגעהאַלטן גיין אויף די ביינאַכטיק־פאַרשלאָפענע טרעפּן. זיי האָבן געסקריפּעט פאַרחידושט, פאַר וואָס מ׳האָט זיי אין מיטן דערינען איבער־געשראָקן. דערנאָך האָט אַ טעמפּן קלינג־געטאָן די קליאַמקע, וועלכע האָט פאַרשעמט, באַזאַכט זיך צוריק אַראָפּגעלאָזט אויף איר אייזערן־פאַרזשאַ־ווערט געלעגער און איז וואַרטנדיק אַנטשוויגן געוואָרן. ווידער אַ דריק אויף דער קליאַמקע, אַ ריציקן קלונג און ווידער שאַ־שטיל.

מאיר איז געלעגן אַ רויקער, אויפגעהערט צו שניפּן מיט דער נאָז, וויניקער געפינטלט מיט די אויגן אין נאַכט־חושך אַריין. אַ פאַרטראַכטער אין זיך — אַן איינגעשטילטער שטורעם — האָט אים ביטער הנאה־געטאָן דער מוידס מפּלה, וואָס זי מוז אין פראָסט שטיין הינטער דער טיר. ער האָט אַפילו זיך פונאַנדערגעלאַכט אין זיך:

— אַ שיינע, ריינע כפּרה...

אַז ער האָט פון אַנדערן בעט פאַרנומען רחלס אומרויִקע דרייען זיך אויפן געלעגער, האָט עס אים פאַרדראָסן. ער האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט: אויב זי וועט אַראָפּגיין עפענען די טיר, וועט ער זיך מיט איר שטאַרק צעקריגן, זאָגן איר, אַז זי ברויך זיך שעמען מיט אַ טאָכטער, וואָס איז אַן אַרומלויף.

און צוריקגעשמועסט, — האָט אים געוואָרעמט זיין קלוגער איינפאַל, — זאָל זי גיין עפענען, אַז די שליסלען ליגן ביי אים צוקאָפּנס, אונטערן קישן.

„אַדרבא, זאָל זי זיך מיט אים שלאָגן איבער דער געראָטענער טאָכ־טער. ער וועט זי נישט אַריינלאָזן — זאָל זי האָבן רבי־געלט“...

אָבער רחלע איז נישט אַראָפּ פון בעט. זי האָט געהערט, אַז מאיר שלאָפט נישט, ער ליגט אַ וואַכער, ווי ער וואָלט געלויערט אויפן מיידל. ר׳האָט נקמה גענומען אין איר מיט דער קרירה וואָס בראָט אָקערשט ביי־נאַכטיק. אַ דענערווירטע פון דעם מאַנס קאַלטקייט צו איר שטילער פּיין, האָט רחלע זיך צעכליפּעט און דאָס העשען דערשטיקט אין קישן. מאירן האָט דאָס געאַרט, אַפילו וויי־געטאָן; נאָר ער האָט זיך כלומרשט נישט גע־מאַכט דערפון און מיט פאַרקרייצטע הענט אונטערגעשפּאַרט דעם קאָפּ, גע־קוקט אויפן שוואַרצן פּולאָפּ, געהערט, ווי די מויד פּאַרעט זיך אויף יענער זייט טיר, אַקוראַט זי וואָלט, מעשה־גנב, אין געהיים געעקבערט דאָס שלאָס.

ווען מאירן האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דאָס ווייב איז לסוף איינגע־שלאָפן, — עס איז שוין געווען ווייטע, מידע נאַכט־שעה; הענער האָבן שוין געגעבן דעם פאַרבאַגינענדיקן קריי — האָט ער געעפנט די טיר און אַריינ־געלאָזט כאַווטשען. מיט טעמפּן שוויגן, אַן אָנגעדראָדלטע, אָט־אָט אויסצור־שיסן אין אַ וויסט געשריי, ווייל אויף וויינען איז זי שוין צו גרויס, האָט זי אין אַנטועכץ זיך אַראָפּגעלאָזט צופוסנס אויפן טומטומס געלעגער.

אַן אַנדערש מאָל, נאָך אַ שפּעטן נאַכט־אַהיימקער, האָט מאיר אין די איינע גאַטקעס איר געעפנט די טיר און זי באַגעגנט מיט אַ פּאָר שמיר איבערן רוקן מיט זיין גראָבן הויזן־רימען.

— האָב דיר אַכציק שוואַרצע יאָר, פאַרכעוואַטער קאָפּ, — האָט דער ייִד זיך געקאָכט אין דער פינצטער.

— אַ באָסע ועסטו אויסוואַקסן, דו פערד איינער!

רחל האָט זיך געקאָרטשעט אין פלוצלינגע ווייטיקן. זי האָט אַריבער־געצויגן די פּערענע איבערן קאָפּ, גלייך זי וואָלט נישט געוואָלט הערן, וואָס עס טוט זיך אין שטוב.

איצט, אַז מאיר איז צוריקגעקומען פון גאַס, האָט ער רחלען געטראָפן אין קעלער אַ פאַרדרימלטע, מיט אַ צוגעלעגענער רויטער באַק. זי האָט זיך דורכגעשלאָפן — האָט זי געזאָגט מיט אַן אַנגעוואָלקנטער שטים און איז אַרויס פון דער קראָם אַזוי גלייך מאיר וואָלט געווען אַ פרעמדער און אַ פרעמדן האָט זי געטאָן אַ טובה, וואָס זי איז אַ פּאָר שעה געזעסן אומזיסט צו היטן זיין פאַרמעג.

אין אָוונט האָט מאיר געקרעכצט (כלומרשט נישט פאַרן ווייב גע־

קרעכצט, נאָר סתם אין דער וועלט אַריין זיך אויסגעקלאָגט), אַז אַזאַ שוואַכן פדיון האָט ער אין די טעג פון האַרבסט־פּאַרזיי נאָך נישט געהאַט.

— לייזט מען נישט פאַר לייצלעך, פאַר פערד־שטריק, קויפט מען אַ סך „פּאַרטשאַנקעס" און סיטש־שניר, וואָרעם די פערד־מערק זענען היינט פול מיט קונים און פויערן האָבן איצט דעם אמתן פיש־פאַנג אין די סטאַוון. פאַרריכט מען טאַקע די נעצן. ערשט זענען די סטאַוון פול מיט פיש.

מאיר האָט אין דער סחורה דערווישט רחלס חטא. עס פעלט אַ סך פערד־שטריק, „לענקאַ"־שפּאַגאַט און ציימלעך. ס'איז באַשיימפּערלעך שפּאַר אַראָפּגעשמאַנט געוואָרן.

ער זעט „לעכער" אין דער סחורה.

איצט האָט ער קלאָר געוווּסט:

רחל האָט צו רויזען היינט אָוועקגעטראָגן אַ נייעם צושטייער צום נדן פאַר כאַוטשעס וועגן. זי גזלט ביי לאהלען, ביי יאָשקעלען און שטאָפּט־אָן דעם גאָרגל אָן אויסוואַרפלינג.

געלייזט האָט זי דווקא יאָ. זי האָט בפירוש געלייקנט.

און ס'האָט מאירן באַנג־געטאָן — דאָס ערשטע מאָל זינט די זעקס יאָר, זיין צווייטע חתונה.

XVII

אין תהום

אין דרויסן האָט זיך ראַפּטעם געשטאַרקט די קעלט. דער ווינטער איז אָנגעשטאַנען מיט כוח, מיט שאַרפע פרעסטלעך און מיט ביינאַכטיק־אויספאַלענעם שניי. אין מאיר רויטס דירה אונטערן שיפּן דאַך איז דאָס מאָל געווען אומעטיקער, טריבער, ווי אין די פאַרגאַנגענע יאָרן.

רחל האָט זיך געמוטשעט, געקנייטשט דעם שטערן, געקלערט, וואָס ס'איז געוואָרן פון מאירן, הגם ביי זיך איז זי געווען פּאַרטיק מיטן חשבון:

כאַוטשעלע. ס'איז דער געשוויר וואָס רייסט ערשט אָן.

דעם נאָמען פון דער טאָכטער האָט זי אַרויסגערעדט מיט אַזוי פיל

ביטערניש, אַז אין נאָכקלאַנג האָט זיך געהערט האַס, מחמת דעם פאַר־מיאוסטן לעבן אירס.

— ווייל דאָס מיידל, — לויט די יאָרן אַ ראָצערן, — וואָס איז קער־פּערלעך געוואַקסן הויך, געוואָרן ווייבלעך פול אין די גלידער, איז אין שכל געבליבן אַ קינד, נאַריש און טעמפּ. די מוטער האָט אין כאַוּוטשען געזען די אייגנטלעכע סיבה פון איר בייזן מזל אין מאַנס אויגן. ער האָט אויפגעהערט רחלען שטאַרק צו קוקן אין די אויגן אַריין, באַגיין זיך מיט איר צערטלעך. מאיר האָט זיך מער נישט געבעטן, דאָס ווייב זאָל צו אים אַראָפּקומען אין געוועלב אַריין. אין אָוונט, ווען ער איז אַרויפגעקומען פון דער קראָם, האָט ער אין דער שטיל, ווי קיין מאָל נישט ביז איצט, גע־פרעגט דער הויזיקער טויב, לאהלען, צי איר איז געגוג וואַרעם, צי זי וויל נייע שיכלעך און צי דער פעטער משה־יאַנקל שפּילט זיך מיט איר —

אַ פרעגעניש, וואָס האָט געשטאָכן דעם ווייב, וועלכע האָט פון איר זייט זיך שטאַרק צוגעהערט דערצו.

רחל האָט אָנגעהויבן פילן, אַז מאיר ווייכט פון איר, מיידט אויס מיט איר צו רעדן און ער לאָזט זי מער נישט איבער אײנע אַליין אין געוועלב.

צו כאַוּוטשען איז ער געוואָרן דער ריכטיקער שטיפפאָטער: ער קוקט נישט אין איר זייט, מיט פרעמדע רעדט ער אָפּט בקול רם וועגן אַ פאַר־זעעניש, וואָס פלאָגט אַ שטוב מיט צרות. דאָס פאַרזעעניש — איז רחל גע־ווען זיכער — מיינט ער כאַוּוטשען.

מער שמעלקע, פריינדלעך נאָענט איז מאיר געוואָרן מיטן הויכן, עט־וואָס געהויקערטן טומטום. אין די אָוונטן גיסט ער אַליין איין טיי פאַרן שוואָגער און פנים אל פנים, ווי קיין שום אַנדערער וואָלט פאַר אים נישט עקסיסטירט, רעדט ער מיט משה־יאַנקלען זייער אַ סך. מאיר וויל דערגיין ביים טומטום, וואָס מ׳דערציילט אין בית המדרש וועגן די סאָוויעטן און וואָס מ׳טענהט צו היטלערן, וועלכער רייסט זיך אויף די ציינער און ער טוט די ייִדן אָן דין.ביידע זופּן זיי בנעימותדיק דעם טיי און קוקן זיך אײנאַנדער אין די פּנימער אַריין.

— אַ ריכטיקע זאַך די פרעטענזיע פון כינע צום יאַפּאַנטשיק, הע, מאיר? — פרעגט דער טומטום דעם שוואָגער און פאָסמאָקעוועט זיך מיט די הויכע ווערטער פון דער פּאָליטיקע, וואָס ער האָט אָקערשט אַרויסגע־בראַכט פאַרן מיטשמועסער.

מאיר האַלט זיך אויך אונטער מיט וועלוולען, וועלכער קומט אַהיים אויף דער נאַכט אַן אָפּגעהאָרעוועטער מיט שטויב אונטער דער נאָז און צווישן די אויגנווינקלען. רחלען לאָזט ער זיצן ביי איר געניייעכץ און געפינט זעלטן אַ וואָרט פאַר אירעטוועגן.

מחמת מאירס אָנגעכמורעטקייט שטייט אין שטוב שטענדיק אַ שאַרפע קעלט, גלייך דער גאַסיקער ווינט וואָלט אַרומגעריטן אין טונקעלן חלל, כאָטש דער קאַכל־אויוון ווערט גוט אונטערגעהייצט. רחלען וואַרפט זיך נאָך עפּעס אין די אויגן אַריין: שוין גאַנצע וואָכן ווי די קוזינע רויזע און די גראָבע מאַשע קומען מער נישט צו איר אין שטוב אַריין. זי טראַכט: מאיר פאַרטרייבט אַלע; ער וועט די גאַנצע שטוב חרוב מאַכן. ער איז אין אמתן אַ „דזשיק", וואָס זי האָט פריִער נישט געזען.

נאָך מער ווייטיקט איר דאָס האַרץ, וואָס מאיר האָט איר טאָכטער, כאַוּוטשען, דערווייטערט פון גרויסן צימער.

— משה־יאַנקל, — האָט ער אַנומלט געזאָגט צום טומטום, — פאַר דעם־אָ פערד וועסטו מאַכן אַ געלעגער אין אַלקער. זי האָט שוין לאַנג באַדאַרפט קריגן אַ לויפּפּאַס. איך וויל זי מער נישט האָבן אין די אויגן.

רחל האָט זיך דאָס נישט געמאַכט הערן. אין דער ברוסט האָט איר תיכף אַ שטאָך־געטאָן די באַליידיקונג פאַר דער טאָכטער, כאָטש זי איז נישט קיין לייט; דעם אָנזאָג האָט זי געהערט מיט אַלע אירע אברים. זי האָט זיך מיט גאָרנישט אָפּגערופן, הגם דער טומטום האָט אין מיטן דערינען אָפּגעשטעלט זיין שלאַבעריק געגנגל, געקוקט אין דער שוועסטערס זייט, ווי ער וואָלט געזאָגט: וואָס טענהסטו צו דעם, רחלע?

— טו, טו אַזוי, יאַנקעלע. ס'עט איר קיין אָכעניש נישט צוקומען דער־פון, — האָט מאיר דערמאָנט דעם טומטום זיין אָנזאָג. רחלע האָט געשוויגן ווי אַ שטיין.

דער טומטום האָט דעמאָלט צונויפגעקליבן אַ פעקל שמאַטעס, פאַטשיי־לעס, געשלעפּט פון ערגעץ אַ קינדער־קישן (פון רחלס בעט האָט מאיר גאָר נישט געלאָזט אַרויסנעמען) און „פאַר דער מויד" אויסגעבעט אַ געלע־גער נעבן זיין, משה־יאַנקלס, שטרויזאַק.

ביי נאַכט, ווען די קעלט האָט איבערן רוענדיקן מענטש אַ שטאַרקע שליטה, קאָרטשעט זיך כאַוּוטשע אויפן געלעגער; זי דרייט זיך איין, קנוילט זיך, האַלט די רונדע קני נאָענט צום מויל, וואָס איז אָפן און האָט אַ גראָבע

אונטערשטע ליפּ, אַ שטענדיק פּייכטע, אַ באַגאַוועוועטע. אָפּט קומט אויס, אַז דרייענדיק זיך פון קעלט, רוקט כאַווטשע זיך אַראָפּ פון געלעגער און בלייבט ליגן צופוסנס משה־יאַנקלען און וועלוולען.

נאָך טרעפט: פאַרן איינשלאָפן, ווען דער טומטום איז גוט אויפגעלייגט, „שפּילט״ ער זיך מיט וועלוולען, הירזשעט אין אים אַריין מיט זיינע קאָזעציין. ווי באַלד זיי לאָזן זיך אַראָפּ אויפן געלעגער, קיצלט ער אים, דער טומטום, און דריקט זיך צו צום וואַרעמען ייִנגלשן לייב, וואָס צאַפּלט זיך ווי קוועקזילבער. דעמאָלט כאַפּט זיך אויך כאַווטשע אַריין אין דער אומשולדיקער שפּילעריי. זי קיצלט דעם פּעטער די פּיענטעס, קניפּט וועלוולען די ליטקעס, זוכט אים צו גראַבלען אין די האַנט לעפל, ווו עס איז דינע, שטאַרק שפּירעוודיקע הויט. דער אַלטער פאַרלירט זיך כהרף־עין, פאַרגעסט זיין באַיאָרטקייט, ווערט אָן דעם איינגעבוירענעם ערנסט און וואַרפט זיך אויפן יונגוואַרג, וואָס נעבן אים: ער כאַפּט אַרום וועלוולען, זוכט מיט די פינגער־קליסקעס דעם ייִנגלס בויך. דער שניידער־געהילף קאָרטשעט זיך פון געלעכטער און ווערט זיך; דער טומטום וואַרפט זיך אויך אויף כאַווטשען, פּאַקט אָן אירע שטייפע בריסטלעך, גיט זיי אַ דריק און ווי אַן אָפּגעבריטער נעמט ער גיך אַוועק פון מיידלשן בוזעם זיינע ווייכע, ווייבערישע הענט. ווען די וואָיוועריי שטעלט זיך איין, ליגט די מויד אַן אָפּגעמאַטערטע, זי סאַפּעט פון אַרויסגעשלאָגענער היץ און אין קאָפּ טלי֗עט אויף אין איר אַ באַגער: ווידער צו טשעפּען וועלוולען. זי הייבט זיך לייכט אויף, ציט אויס אַ האַנט און אונטער דער שכנותדיקער פּערענע זוכט זי פון ס׳ביי וועלוולס האַנטלעפל, קיצלט אים דאָס דינע, פילבאַרע אָרט. געכאַפּט זיך, אַז ס׳איז נישט דעם טומטומס באַריר, נאָר כאַווטשעס, ציט זיך וועלוול נייגיריק צום מיידל, רוקט זיך אַראָפּ פונעם קישן, זוכט אירע שענקלען, אירע אָרעמס, גלעט איר דעם נאַקעט, די וואַרעמע הענט, געפינט די האַרט־אָנגעוואַקסענע בריסטלעך און עס צינדן זיך ביי אים די געבליטן, אַזש ס׳שטעכט אים אין די שפּיצפינגער, עס קאָרטשען זיך די מוסקלען פון די פיס.

כאַווטשע בלייבט אַ פאַרשמאַכטע אונטער וועלוולס באַרירונג. דאָס מויל מיט דער אונטערשטער גראָבער ליפּ איז אָפן און זי פּרייכט פון היץ, וואָס שלאָגט פון איר ווי פון אַ קעסל.

וועלוול שפּירט זיך אָנמאַכטיק, אויסגעהוילט, דערפילט — ווי קיין מאָל

נישט — אַז ער ליגט אויף האַרטן שטרוי, אַז ער איז נישט ביכולת מער זיך צו באַוועגן, אַקוראַט ער וואָלט געליימט געוואָרן.

און דער שלאָף נעמט נישט. שמאַך ציקט אויף די שפּיצן פון די נערוון.

...שפּעט ביינאַכט, אַלצדינג און אַלע שלאָפן אַ טיפן, וויטן שלאָף, רוקט זיך דאָס מיידל אַראָפּ פון איר געלעגער, דרייט זיך געלאַסן, זשעדנע אַרונטער אונטער דעם טומטומס און וועלוולס אויבערדעק. זי זוכט מיט די הענט, מיט די פיס און מיט אירע שענקלען צו זיין נאָענט צום משפּחה־יינגל, וועמען זי קאָן אַזוי ווינציק און האָט מיט אים רעכט קיין מגע־ומשא נישט געהאַט. וועלוול? די מאַמע זינגט אויס זיין נאָמען, דער שטיפפאָטע שמועסט מיט אים פון וואַזשנע זאַכן. זי׳ט זיך מיט אים פאַרחברן, וועט איר זיין בעסער אין שטוב — — אַ פאַרטייעטע, אַן אויפגעשווידערטע אין דער שפּי־רונג פונעם צעפיבערטן בלוט זוכט זי להוט ביי וועלוולען די באַהאַלטנסטע ערטער פון זיין לייב, באַרירט זיי לייכט־לייכט, בגנבה. זי שפּילט זיך מיט זיינע גלידער, דערפילט מיט טונקעלער הנאה אין זייערע צאַרטע געוועבן שלאָגן זודיק בלוט און — זי דערוועקט אים פונעם שוואַכן שלאָף, אין וועלכן ע ר האָט גרייזלעך אָנגעהויבן צו זינקען ווי אין שניי. אַ צעפּלאָמטער, אַנגסט־לעך־פאַרשמאַכט פון אומבאַוווסטע, זיסע כוחות, וואָס שפּאַרן פון אים, האָט ער זיך אַרומגעזען, אַז כאַווטשע איז נעבן אים. או, אווו, — האָט ער טיף אָפּגעעטעמט און ער איז אינערלעך צעטרייסלט געוואָרן ביזן ביין.

...ער דערמאָנט זיך נישט ווי אַזוי, אָבער ער שפּירט עס נאָך, אַקוראַט דאָס וואָלט מיט אים געטראָפן העט לאַנג צוריק און נישט דווקא איצט, אין דער טיפער נאַכט:

אין שלאָף פילט ער נעבן זיך כאַווטשען און ער גיסט זיך מיט איר צונויף אין איין פייערדיק־פאַרשמאַכטנדיקער שפּירונג, וואָס איז אַזוי שטאַרק, תענוגדיק, און עס טראָגט אים אַרויף העט־העט אויף אָדלערישע פליגל, און דער קאָפּ וויגט זיך אַזוי שכרותדיק־באַרוישט אין צעשמייכלטן הימל־רוים — — —

ניין, עס איז נישט געווען קיין חלום.

אין דער פרי האָט כאַווטשע צו אים אַזוי קוואַל־לויטער געשמייכלט מיט די אויגן, וואָס זענען אַזוי ווי די מומע רחלס — בלאָע קאָרנבלימלעך און עפּעס נישט אַזוי ווי זיי, נאָר מיניענדיק גראָ און גרין.

ווען ער איז אַוועק צו דער אַרבעט, האָט אים אין קאָפּ געגליווערט אַ נייע מחשבה: כאַווטשע.

XVIII

אַ שמועס צווישן מאַן און ווייב

דער ווינטער האָט זיך געלאָזט שפּירן אין מאיר רויטס הויזגעזינד. עס איז געווען באַשיימפּערלעך, אַז די סיבה איז געווען נישט דער שוואַכער פּדיון אין ראַגאָווע קעלער, נאָר די נישט־ניחאדיקייט, וואָס האָט זיך קלאָפּטערווייז צעלייגט איבער דער בוידעם־שטוב פון מאיר שטריקהענדלער.

רחל איז אַרומגעגאַנגען אַ נישט־היגע, אַ קרעכצנדיקע. זי איז מער געלעגן ווי אַרומגעגאַנגען — איר אַלטער שטייגער; און זי האָט אַ סך געשוויגן. דער טומטום איז געווען געפּלעפּט, געמיינט, אַז ער אַליין איז שולדיק אין דער כמורנעקייט וואָס האָט זיך געשטעלט אין הויז; ער איז דאָ איבעריק... אַ מענטש פּלאָנטערט זיך אַרום, אַזאַ מין שטרויכלקלאָץ ביי די פּיס. און חוץ מזה זענען די קינדער אָן אַ וואָך אויג איבער זיך. „זיי כאָווען זיך אַליין״, ווי מאיר האָט אַנומלט אַ זאָג געטאָן וועגן יאָשקעלעס פאַרשייטקייט.

ענדערונגען שפּיציקע, האַרבע, שאַרפע זענען אַרומגעגאַנגען איבער דער שטוב.

אַז דאָס שוועסטערקינד רויזע איז אַרויפגעקומען צו רחלען, איז זי גיך אַנטלאָפן:

— מיך סטראַשעט אַרויס פון דאַנען — האָט זי אַריינגעזאָגט רחלען און נישט רחלען. — דאַכט זיך, דער אויווןְ איז געהייצט ביי דיר, טאָ וואָס איז דאָ אַזאַ קעלט? נאָר הינט אַרומצוטרייבן אין אַזאַ באַשטאַנד ווי ס׳איז געוואָרן אין דער שטוב. זיי נישט ברוגז, אָבער עפּעס פּילט זיך היינט, ווי דיין היים וואָלט אַוועקגעטריבן געוואָרן אין דער פרעמד אַריין. איך דערקען דאָ גאָר נישט. כ׳מיין, קיין הונגער ליידט מע נישט הינע, חס ושלום —

פאַר וואָס זשע זעט דאָ אַלץ אויס אַזוי וויסט! גוואַלד געשריגן, אַלץ איז דאָ לא־עלינו איבערגעקערט מיט די פיס אַרויף. וואָס איז דער מער מיט דיר?
— האָט זי זיך לסוף אָפּגעשטעלט אַקעגן רחלען מיט געפּרעג און מיט מוסר איר געקוקט אין פּנים אַריין וואָס האָט געקריגן אַ גראָע מראה.

— וואָס זאָל זיין? גאָרנישט איז מיר.

— הער נאָר, — גיט זי מיט אַ מאָל אַ דריי צו איר אַ פּאָר אויגן ווי זיי וואָלטן אָקערשט אויפגעקומען פון אַ זאַטן שלאָף — מיר מעגסטו זיך פאַר־טרויען: אפשר, אפשר... ביסט דאָך מיט אַ מאַן. דו מעגסט עס, רחלע! ס׳איז נישטאָ וואָס צו שעמען זיך דערמיט. אפשר דאַרפסטו ווידער ווערן אַ מאַמע?

— נאָך דאָס פעלט מיר ביי מיין מאַן, — האָט זיך מיט אַ מאָל גע־קלאָגט דאָס ווייבל. —— פאַר דעם זאָל איך שוין באַהיט ווערן. פון מאירן אַ קינד, נאָך?

— אויב נישט דאָס, איז פון עפּעס אַנדערש אַזוי סטראַשנע דאָ! — איז די קוזינקע שוין צוגעשטאַנען צו רחלען, געמאָנט ביי איר חשבון. — איך וועל דאָך נישט גיין פרעגן מאירן וואָס ס׳איז געשען ביי ענק. צו דיר האָב איך מער דרייסטקייט, וויל איך וויסן — אַנישט קען אַ מענטש מיינען באשר ער איז שולדיק, ר׳דאַרף מער נישט אַריינקומען אַהער. ר׳שטערט. אַ קשיא אויף אַ מעשה!

מאירס ווייב איז געווען שווער צו ענטפערן אויף די תרעומותן וואָס מ׳האָט צו איר, בעת ערגעץ טיף אין איר ליגט אַ שטיין. איר ענטפער איז געווען ס׳צוקן פון אירע באַקן. זי איז געשטאַנען אַקעגן רויזען און רק גע־שלונגען טרערן.

זי ווייס נישט אַקוראַט פאַר וואָס, נאָר עס וויינט זיך איר.

ווען די יידענע גייט אַוועק, בלייבט אַלע מאָל אין שטוב הענגען עפּעס דראָענדיקס און רחלען ווערט שווערער אויפן געמיט. זי וואַרפט זיך אַנידער אויף די קישנס און שלאָפט איין מיט אַ קאָפּווייטיק אַזש עס וואַסערט איר דערפון אין האַרצגריבל.

דאָס מיטיק גרייט־צו דער טומטום.

*

...צוזאַמען מיטן אויסלייטערן זיך פון די הימלען, האָט אויך ביי רחלען פון ס׳ניי זיך צעבליט דאָס געמיט.

אַ גאַנצן ווינטער האָט דאָס שווערע, לעסטיקע טראַכטן זי עפּעס אויס־געלערנט:

דעם מאַן מוז מען געפעלן,
דעם מאַן מוז מע קענען אונטערקומען.
דעם מאַן מוז מע געגאַרן, נאָר שיין געגאַרן, מיט אַ חנדל...

און ס'איז נאָך צוגעקומען אַן אַלט ווערטל, וואָס איז אומגעגאַנגען אין איר משפּחה:

— „מיט אַ מאַן ווינען איז שווערער, ווי צו לערנען אַ בלאַט גמרא".

אין דרויסן האָט זיך אויפגעהויבן אַ לינדער ווינט; דער טאָג האָט זיך געשטעלט אַ ניי־דערוואַכטער, אַ זון־צעהעלטער. דעמאָלט האָט רחל זינט אַ לאַנגער צייט צום ערשטן מאָל זיך אַראָפּגעלאָזט צו מאירן אין קעלער־געוועלב אַריין:

אַריין צו אים און מאירן האָט אַ מיניע געטאָן פּאַרן אויג: ס'איז רחל, צי נישט רחל? יאָ, ס'איז זי, נאָר עפּעס נישט די; ס'איז אַן אַנדער רחל. דאָס פּנים איז אויסגעגלעט, פריש און עס ווייעט פון איר דער דרויסן, וואָס לאָקט פרילינגדיק, זאָגט־צו.

— וואָס 'עסטו זאָגן, רחלע? — פרעגט מאיר, ווען ער זעט זי שטיין אַ שווייגנדיקע.

— אַ גוטן מאָרגן דיר, זאָג איך. — ענטפערט זי און פאַר מאירן אַנט־פּלעקט זיך אויף איר אַ נעט קליידל, וואָס כאָטש ס'איז אַ פּאַראַיאָריקס, זעט עס אויס ניי.

— און שוין? — פרעגט ער ווידער. — ברויכסט עפּעס געלט?

— איך האָב געלט... איך וויל מיט דיר עפּעס רעדן, מאיר, — הייבט זי אָן נישט דרייסט.

— עפּעס דאָ? — פאַרגעסט נישט מאיר צו זיין אַ ביסל שטרענג־גע־שעפּטלעך.

— איצטער האָב איך אַ ביסל צייט און ביי דיר איז נישט אַזאַ געריס. קיינער איז נישטאָ, מעג עס זיין הינע — האַלט זי זיך ביי דאָס איריקע.

— נו, יאָ... — מאַכט ער אַזאַ מינע, ווי ער וואָלט שוין געוועזן גרייט צו הערן, וואָס זי וויל.

— הער, מאיר, — זאָגט זי מיט אַראָפּגעלאָזענע אויגן, ווי זי וואָלט עפּעס געזוכט אויף דער ערדענער פּאָדלאָגע פון קעלער־געוועלב, — הער:

מיר האָבן געהאַט אַ ביטערן ווינטער. איך האָב געקרענקט, די קינדער זע־נען אַרומגעגאַנגען געשאָכטענע. אויך דו ביסט נישט געווען דער זעלביקער, וואָס פריִער... פאַר וואָס איז דאָס אַזוי? עפּעס ביסטו נישט דער אייגענער מאיר רויט. בייזערסט זיך נישט און ביסט נישט צוגעלאָזן. עפּעס דערשלאָגט דעם מענטש און עפּעס איז אים נישט ניחא, כאָטש ער באַנעמט נישט פאַר וואָס דאָ ס איז אַזוי. זעסט, ס'איז נישטאָ ווער עס זאָל אָפּלויבן דיין הימלעכ־קייט, ווי אין תחילת, ווען איך בין דאָ אַריינגעקומען. עפּעס איז אַוועקגע־קומען פון אונדזער שטוב אַרויס. איך ווייס נישט וואָס, עס פעלט אַ שטיק האַרץ, וואָס עמעץ האָט אַרויסגעריסן ביי דיר צי מיר. ס'איז טרויעריק, קיי־נער וויל מער נישט אַריינשמעקן צו אונדז... גייסט אַרום מיט אַ נאָז, ווי די גאַנצע וועלט וואָלט דיר אַן עוולה געטאָן. ווער איז שולדיק אין דעם? שאַט נישט, דו מעגסט מיר זאָגן. אפשר בין איך דיר אין וועג... זי האָט זיך אומגעריכט געקוועלט מיטן וואָרט. מאיר האָט געזען באַשיימפּערלעך: טרערן דריקן איר אין דער קעל. זי האָט זיך אַ ווײַלע אויס־גערייט, בייגעקומען דעם טרערן־אַטאַק, וואָס איז געגאַנגען אויף איר. — אפשר, — האָט רחל פון ס'ביי זיך אומגעקערט צום מאַן, געוויזן אים דאָס פּנים אַ פאַררייטלטס אַרום די אויגן. — אפשר האָסטו זיך ערשט איצט אַרומגעזען? אַ מענטש קען אַ מאָל ווערן איבעריק. מ'קאָן זיך טועה זיין אין אַ מענטש. ווייס איך וואָס? אין שטוב האָט זיך אַלץ איבערגעקערט: אַלץ איז קאַפּויער ווי ס'באַדאַרף צו זיין: אַ טאַטע, נישט אַ טאַטע, אַ מאַן — נישט אַ מאַן... איך, זע איך, בין נישט קיין היניקע. מעגסט מיט מיר רעדן אָפן, אָן אונטערשיסעלעך. ס'איז גלייכער איין מאָל אַ שאַרפן שניט, איידער אָפּטע שטעך. שאַט נישט, מע מעג זיך אַ מאָל אויסשמועסן.

מאיר שווייגט. אויף אים פליצט אַן אַ שטראָם געדאַנקען און ער ווייסט נישט ווו אָנצוהויבן, וואָס צו ענטפערן דעם ווייב. רעדן מיט איר האַרבע רייד איז אים נישט דאָס געמיט און, שנית, אַצינד איז נישט די צייט אויף דעם.

רחל קוקט אויפן מאַן, קוקט אַרויס צו דער גאַס, וואָס שפּרייט זיך אויבן, איבערן געוועלב; זי טונקט ווידער אָפּ דעם בליק אינעם גרוביקן קרעמל און פרעגט מאירן:

— וואָס ווערסטו זאָגן?... שווייגסט, ווי ס'וואָלט נישט כדאי געווען מיר צו שענקען אַ וואָרט.

— רחל, האָסט עפּעס צו מיר? אויסגעזוכט אַ צייט אויף שמועסן! גיי, זע ליבערשט, אַז די קינדער זאָלן אַרויסגיין פון שטוב. וואָס טוט משה־יאַנקל?

געמישטע געפילן פון אומזיכערקייט מיט זיך און פון מאירס פּאַטערלע־כע שטראָפרייד האָבן אין איר דערוועקט דאָס ווייב מיט איר איינגעבוירע־נעם געלוסט צו זיין באַהערשט.

— מאיר, — האָט זיך פון איר געטראָגן פלוצלינגע ווייכקייט, — אויב דו ווילסט זיין אַ גוטער טאַטע — האָב איך דיר עפּעס צו זאָגן: איצט גייען ווארעמע טעג, וואָס אַ מאָל שענערע און זוניקע. מעגסט, פונקט ווי אַלע ייִדן טוען, דינגען אַ זומער־וווינונג. לאָמיר אויף אַ פּאָר חדשים אַרויס פון דער טויטנדיקער שטוב — אפשר וועט אונדז זיין בעסער, אויפן האַרצן וועט ווערן ליכטיקער. אַ יאָ, מאיר? ביסט מסכּים?

ווי לאַנג ער לעבט, איז מאיר רויט נאָך נישט געווען אויף אַ זומער־וווינונג. נישט זיין טאַטע, נישט זיין מאַמע, נישט דער זיידע און עלטער־זיידע זענען געפאָרן אויף פרישער לופט. ער ווייסט: עס איז אַן ענין פאַר רייכע, אַקוראַט ווי קרענקען איז פאַר זייערטוועגן אַן עסק פון פּיעשטשען זיך פאַר זיך גופא און פאַרן אַרום. די נגידים, זיי קענען זיך אַלץ דערלויבן: איז אַן עושר געזונט ווי אַ נוס, זוכט ער אויס ביי זיך אַ קרענק, אַבי ער זאָל קענען פאָרן אין די בעדער אַריין, ער זאָל זיך ברויכן דאָקטערן און אַ טובה־טאָן דער וועלט, וואָס ער גיט אַ לייטזעליק קרעכצל.

און האָט מאיר געשוויגן, געטראַכט: ווי אַזוי עסט מען דאָס? — האָט רחל מוסיף געווען:

— פאַרשטייסט, וועסט זיך אויך אַ ביסל אָפּפרישן אין אַ ניי אָרט, אַרויס פון דער דושנער היץ, פון דער דעמפּיקייט, וועסטו אויך ווערן אַן אַנ־דערער מענטש...

— מ'דאַרף קלערן, רחלע, — האָט ער ביי זיך קוים אויסגעפּועלט אַן ענטפער אויפן ווייבס המצאה.

אַז רחל איז אַוועק, האָט ער לאַנג געמאַלעגיירעט אירע רייד: פרישע לופט... אַרויס פון דער טויטנדיקער שטוב... אויפן האַרצן וועט ווערן ליכ־טיקער... אַ יאָ, מאיר?

— אַ יאָ, מאיר? — האָט ער מיט נייגיר זיך איינגעהערט אין דעם פרעג.

פון וואַנען זאָל מאיר זיך פאַרשטיין אויף אַזעלכע זאַכן, אַז זיין גאַנץ לעבן, פון די ייִנגל־יאָרן אָן, איז ער געגאַנגען אויפן גלייכן, פּראָסטן וועג

פון האָרעוועץ אויפן ביסן ברויט. ער געדענקט: דער טאַטע בערל רימער האָט אין קינסק געהאַלטן אַ גרויסע ווערקשטעל, טאָג און נאַכט געשטאָפּט כאָמע־טעס און געניייט שלייקעס, געפּאָרן מיט זיי אויף יאַרידן און צוזאַמען מיט די געזעלן און לערניונגען ווינטער און זומער, אין גרויסע פרעסט און אין ברענענדיקע חמימות געפּראַצעוועט אין שוויס, געגעסן שטיקער קאָרנברויט, שיסלען באָרשט מיט קאַרטאָפל און געוועזן געזונט אַן זומער־ווינונג.

— אַן איינפאַל פון אַ ייִדענע, — טראַכט דער ייִד און ער ווייסט נישט, ווי אַזוי אויסצוקומען מיט דעם ווייב, וואָס האָט אַזאַ איידעלע „כאָוואַניע״, זי קרימט זיך פאַר אים כסדר. קראַנק איז זי, זאָגט זי. אפשר וועט די פרישע לופט טאַקע איר העלפן? ער איז דען אַ מבין אויף אַזוינס?

אין דעם מידן קאָפּ קריכן מגושמדיק־שווער די געדאַנקען, אַז אים דאַכט זיך: ער וועט דאָ אַ פּאָדעם מיט אַ פּאָדעם נישט צונויפקניפּן. ער מוז זיך פאַרלאָזן אויף איר. מ׳קען זיך דאָך נישט אַרומרייסן. זי איז פאָרט אַן איידעלע, שרייבט גוט, אַנגעלייענט זיך אַ וועלט. מסתמא איז עס ריכטיק... און אַז זי זאָגט אים: אַ סך קינדלען איז נישט געזונט פאַר אַ פרוי. איינס, צוויי איז די־והותר. אי, די מאַמע, עליה־השלום, האָט געהאַט צוועלף־דרייצן? קאָן איך עפּעס אויפטאָן? מסתמא דערפאַר איז זי קראַנק... דער נאַרישער מוח פאַרשטייט נישט, אַז אַ בוים — ווי לאַנג ער איז יונג און געזונט — מוז ער טראָגן פּירות. אַ בוים, וואָס ברענגט נישט קיין פּירות, דאַרט איין, סוכ־ניעט.

— ווייס איך וואָס? — פאַרטרייבט ער די רעיונות, וואָס טומלען אים שוין אין קאָפּ ווי צעוויגטע גלאָקן, — זאָל זיין אַזוי!

און ער האָט ערגעץ הינטער דער שטאָט, אין אַ דאָרפישער כאַלופּע געדונגען אַ פּויערים־שטוב מיט גראָז אוןביימער און בהמות אַרום.

„נאַדיר דעם סידור, גיי דו אין חדר אַריין, — האָט מאיר בשעת־מעשה געטראַכט. — מ׳עט זען, וואָס דו וועסט אויספירן. מיין טאַטע־מאַמע האָבן אַנדערש אויסגעפירט די וועלט״.

*

נעכטן אָוונט האָט מען אין בוידעם־שטוב אָנגעמאַכט אַ חורבן: צע־עפּנט די שענק, דעם קרעדענס, די וואַסער־באַנק, אויסגעקליבן דאָס נייטיק־סטע פון וועש, פון מלבושים, פון שיכווארג, פון געשיר, געפּאַקט פּעק און

פּעקלעך, אָנגעוואָרפן אין מיטן שטוב כּלערליי טעפּלעך, שאָכטלען, בענק־לעך. דערוואָרעמט זיך, געלאָפן הין און צוריק אויף די געדרייטע שטיגן נאָך קלייניקייטן, וואָס וועלן נאָך נייטיק זיין אויפן דאָרף. געשלאָפן איז מען אין דער דאָזיקער נאַכט ווי נאָך אַ שוויצבאָד, געשמאַק און גיך, ווי אויף דער־וויל, מיט אַ גרויסן עול.

— מ'עט קומען וועקן. אַ פּויער וועט צופאָרן מיט אַ לייטערוואָגן. מאיר האָט נאָך אָנגעזאָגט:

— לאָזטס ענק נישט ווילגיין... דער פּויער קומט פיר פאַרטאָגס!

איז מען טאַקע נישט געשלאָפן, נאָר צוגעלענט זיך. משה־יאַנקל האָט זיך אַנידערגעלייגט אין אָנטועכץ, מיטן פּנים אַרויף און מיט אויסגעצויגענע פיס. ער האָט די גאַנצע נאַכט זיך נישט אַ ריר געטאָן — גאָר נישט ווי זיין טבע, ווען ער לייגט זיך נעבן ווערלוולען. איטלעכע נאַכט קאָן ער אַ רגע נישט איינליגן רויק. רק ער פאַרעט זיך אין שלאָף, לייגט זיך און הייבט זיך ווידער, אַז אין גרויסן צימער האַלט מען אין איין איינשטילן דעם פאַרנטיקן אַלקער:

— ששש... ששש...

גלייך מ'וואָלט איינגערויקט אַ קינד, וואָס האָט אַ ווילדן שלאָף, וועקט זיך אין דער וויג, יאָפּט.

אַז דער איילוקער פאַרטאָגס איז באַצייטנס אַריין דורך די אויסגעבויגן הענגענדיקע פענצטערלעך, האָט די בוידעם־שטוב אויסגעזען גאָר נישט קיין דאָיקע. עס איז געווען אַ קנויל אָנגעוואָלגערטע גליווערנדיקע שאָטנס, אָב־געהויפּטע אין אַ נישט־גלייכן חלל. מאיר איז געלעגן אויף אַ הוילן שטרוי־זאַק אָן ליילעך, און צוקאָפּנס פון זיין בעט האָט זיך, אָנשטאָט אַ קישן, גע־וואַלגערט אַ ווינטער־פּאַלטן; רחל איז אַן אויסגעטועטע, אין בלויזן העמד געווען פונאַנדערגעלייגט מיטן ברייט אָטעמדיקן לייב אויף צוויי קישנס, אָן צודעק, און אירע הויך־אָפּגעדעקטע פולע פיס, זענען לאַנגע, בלייכע, טויט־לעך־אויסגעצויגענע געשטאַנען אינעם דערנעבנדיקן שטיי־שפּיגל, וואָס האָט שראַמיק געפינצטערט אין ווינקל.

אין אַלקער איז דער באַגינען אַריין אַן אַדורכגעריסענער, אַ פּריצייטיק־מידער און ער האָט אויף דער ערד אַנטפּלעקט משה־יאַנקלען, אַ גלייך־אויס־געשטרעקטן ווי אַ מת מיט אַ גראָ־פאַרצעליין, אומבאַוועגלעך פּנים. זיינע לאַנגע פיס מיט די שיך־שפּיצן אַרויף צו דער סטעליע האָבן אויסגעזען,

גלייך דער טומטום וואָלט זיך געגרייט די שטוביקע אָפּצוטאָן אַ שפּיצל: זיי איבערצושרעקן מיט זיין אומגעריכטן „טויט" און אַזוי אַרום זיי צוריקהאַלטן פון אַרויספאָרן פון דער שטוב.

וועלוול האָט אַ שווער אַנידערגעזונקענער געהאַט אַוועקגעלייגט דעם קאָפּ אויף כאַוטשעס געלעגער און דעם רוקן אַנגעשפּאַרט אויף אַ פּאַק וועש און קינדער־זאַכן, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט דערנעבן. די פּיס, ווי נישט זיינע, האָבן אין שטויביקע שיך עלנט געדרימלט אויף די גאָלע האַרטע ברעטער פון דיל.

אונטן, אין הויף, האָט די פריע זון זיך געראַנגלט מיט שווערע, גראָע ווינקלען פון פאַרשלאָפענע מויערן, געמאַכט זיך אַ שמאָלן וועג אויף די ווענט און קלעטערנדיק זיך צוגעגליטשט צו אַ ווינקל פענצטער, וואָס קוקט אַרויס ווי אַ פּנים פון מאירס בוידעם־שטוב. דעם ערשטן זון־שפּליטער האָט באַקומען דער טומטום אין אויג אַריין. דעמאָלט האָט ער זיך נאָך מער אויס־געצויגן אויפן געלעגער, ר'איז געוואָרן לענגער און האָט פּלוצלינג, מיט אַ כריפּ, אַ הויכן רעד געטאָן צו זיך:

— העי, קינדער, אין וועג אַריין! געגוג געפּאָפן, ר' משה־יאַנקל!...

און באַלד האָט ער זיך אַרומגעפּאָרעט איבער דער שלאָפנדיקער שטוב; זיינע פּיס האָבן דאָס מאָל הילכיק געטופּעט איבער דער פּאָדלאָגע. ער האָט איטלעכן געקוקט אין די אויגן אַריין, צו אַלעמען גערעדט הויך, מיט אַ שאַרף, שלעפעריק קול, ווי ער וואָלט אויף זיך גענומען דעם חוב אַלעמען צו מאַכן וואַכעדיק:

— גענוג, נישט געפּאָפן זאָל ווערן!

און ער האָט ביי איטלעכנס געלעגער אָנגערופן די נעמען:

— מאירל, גרויסער יונג, שטיי אויף, שבת וועסטו דערשלאָפן ס'איבע־ריקע...

— רחטשע, מאַמעשי, אַ סוף, אַ סוף, אין דאָרף וועסטו דרימלען.

— כאַוטשע, ס'שוין גענוג האָבן אויף היינט... זע נאָר, מ'האָט דאָך שוין אַלע פּלעצלעך אויפגעגעסן. געזען אַ פּאָפן מיט צעקראַטשעטע פּיס! אַזוי־אַ אַ גרויסע מויד!

וועלוולען האָט מע נישט געדאַרפט וועקן. ער האָט אויפגעריסן די אויגן און באַלד געשטאַנען אויף די פּיס, גרייט צו גיין.

ווען דער פויער איז מיט דאָרפישן געסקריפּ פאַרפאָרן אין שטאָטישן

הויף אַריין מיט זיין ברעטערדיקן וואָגן, האָט דער טומטום שוין געהאַט גע־קאָכט טיי און „אָנגעפּאָיעט ס'געזינדל".

— נאָר נישט אין ניכטערן אַרויספאָרן פון שטוב, — האָט משה־יאַנקל זיך געגרויסט מיט זיין אויפטו און געגומען לויפן איבער די הויכע, געדריי־טע שטיגן, אַראָפּגעטראָגן פּעקלעך און מיט קליינע, גיכע טריטלעך גע־איילט זיך נאָך אַנדערע פּעקלעך, בינטלעך, קיישלעך.

דאָס לעצטע פּעקל, וואָס ער האָט אַראָפּגעטראָגן אויף בײדע הענט, איז געווען יאָשקעלע מיט לאהלען, וועלכע ער האָט איבערגעגעבן כאַוטשען און איר אָנגעזאָגט:

— פריילין, גיב אַכטונג אויף די קינדער, זיי זאָלן זיך נישט פאַרבלאָנ־דזשען, אַנישט וועט מען דיך צוגנבענען...

די מויד מיטן ליימיקן פּנים האָט געגאַפּיעט, נישט פאַרשטאַנען דעם פּעטערס חוזק און איז נישט אָפּגעטרעטן פון די קינדער. בײדע זענען זיי דערשטוינטע געשטאַנען אָפּגעוואַשענע, פריש־אָנגעטוענע, גרייטע צום פאָרן.

און מ'איז באַלד געפאָרן. די שטוב איז געוואָרן פאַרשלאָסן. אינעווייניק זענען געבליבן נאָר די צווײ גרויסע נאַקעטע בעטן, האַלב־ליידיקע שענק, אַ גרויסער קופערט, קוישן, און אַ קופּע אַלט פּאַפּיר אין מיטן דיל. די גע־דערעם פון דער אויסגעהוילטער באַלעבאַטישקייט האָבן, אַלטע, נעבעכדיקע, אונטער דער זון זיך געהוידעט אויפן דאָרפישן וואָגן. פאָרנט, האַרט נעבן פערדישן עק, ביים פויער מיט דער בייטש אין האַנט, איז געזעסן רחל מיט לאהלען און יאָשקעלען האָט זי געהאַלטן אויף דער שויס. אין דער מיט, אויפן געהויפטן שפּיץ פון וואָגן, צווישן איבערגעקערטע פיס פון בענקלעך און פאַרבונדענעם בעטגעוואַנט איז געזעסן כאַוטשע מיט וועלוולען. הינטן — כדי אויסצוהיטן פון אַ גנבה — האָט זיך דער טומטום געטרייסלט אויף די אַקסן. אַ גרינלעכער פון טיפער בלאַסקייט האָט ער אין מידן אָפּשיין פון זיינע אויגן, ביים אַרויפזעצן זיך אויפן „טילעק" פון וואָגן, געטרייסט דעם שוואָגער, וועלכער איז איינער אַליין געבליבן אין דער היים:

— מאירל, מעגסט זיך פאַרלאָזן אויף אייזיק ר' יעקעלעס. אַלץ וועט זיין ווי פּאַזשאָנדקו... דער עיקר — דו פאַרליר זיך נישט.

די פור האָט לאַנג זיך געקייקלט אויף די אייזערנע רעדער, צו מאָל געקרעכצט, געטרייסלט זיך מיטן פאָרנדיקן געזינדל איבערן שטאָטישן ברוק, טייל מאָל אָפּגעשפּרונגען פון אַ שפּיציקן פעלד־שטיין; פאַר זיך און

הינטער זיך געהאַט דעם געבראַזג פון סאָפּנדיקן און לויפנדיקן כרך, וועלכער קאַטשעט זיך אַראָפּ פון זיין געלעגער מחמת גרימצאָרן, הלמאי די זון, אַזאַ נישטיקייט פון גאָטס באַשאַף, האָט געוואַגט אים צו באַפאַלן. אוככהאַאַ־ככאַאַ! אַזאַ ווערעמל זאָל זיך פאַרמעסטן אויף מיר, אַ לייב!

רחלע, פאַר וועלכער די שטאָט איז אָקערשט אַנטלאָפן, האָט געשטוינט הלמאי מענטשן טומלען אַזוי, פאַר וואָס זיי איילן זיך: קאָן מען נישט טאָן אַלץ פּאַמעלעך? פונעם סאָפּענדיקן שליאַך זענען איר אַנטקעגן געקומען ניי־גיריקע ביימלעך און צווישן זיי שטילע הייזקעס מיט קוימענדלעך ווי פון אַ קינדער־מעשהלע אַרויס. נישט־ווו, נישט־ווען האָט אַ הונט אַ האַווקע גע־געבן און אויף אַ וויילע אַנטשוויגן געוואָרן. אַלץ אַרום האָט זיך ריטמיש גע־וויגט ווי אויף פאַרהוילענע ספּרוזשינעס און דער מוח איז איר זיס אַנט־שלאָפן געוואָרן, כאָטש זי האָט נעבן זיך געפילט די קינדער, משה־יאַנקלען, כאַוטשען און וועלוולען.

ערשט ווען דער וואָגן האָט זיך ראַפּטעם אָפּגעשטעלט און אַ וואָרטשע געטאָן מיט די אויסגעטריקנטע אַקסן, האָט רחלע זיך אויפגעכאַפּט פון איר זיסן דרימל.

XIX

אויפן דאָרף

עס איז געווען נאָך האַלבן טאָג, ווען דער פויער מיט די לאַנגע קעצישע וואָנ־צעס האָט רחלען אַריינגעפירט אין דער נידעריקער הילצערנער הייזקע מיט די פענצטער אין דאָרפישן סעדל אַריין. פאַר איר — אַ ברייט־צעעפנטע טיר פון אַ ליידיקער גרויסער שטוב, פון וועלכער עס האָט זיך געטראָגן דער ריח פון קאַלך און פון פריש־פאַרמישטן ליים. אין מיטן דעם רייך־ אויסגע־וואַשענעם דיל איז געזעסן אַ פעטע, ווייסע קאַץ, וואָס האָט חידושלעך גע־גאַפט אויפן נייעם מענטש, וואָס האָט זיך באַוויזן אין הויז. אַז רחלע האָט גערופן די קאַץ: „קיזשאַ, קיזשאַ", כדי זי אַרויסצוגאַרן פון שטוב און דאָס חיהלע האָט זיך נישט גערירט, איז די פרוי אַרויס אויפן פויערישן הויף

רופֿן משה־יאַנקלען: „זע, ברודערקע, אַ באַשעפֿעניש האָט זיך צוגעטשעפּעט. ס׳געפֿעלט מיר נישט. אַ קאַץ איז אַ פֿאַלשקייט. מ׳באַדאַרף זי אַרויסטרייבן!״ דעם טומטום זענען דער שוועסטערס רייד נישט אַריין אין קאָפּ. ער האָט גאָר מיט פֿאַרווונדערונג באַטראַכט אין דרויסן די פֿויערישע באַלעבאַטיש־קייט:

— וואָס פֿאַר אַ מנוחה דאָס האָט! אַזאַ גבורה איז זיי באַשערט! — האָט פֿון אים גערעדט די התפּעלות.

— וואָס דוכנסטו, משה־יאַנקעלע? — האָט רחלע זיך איינגעקלאַמערט אין דעם ברודערס האַנט, אים געפֿירט ווי אַ פֿאַרבלאָנדזשעט קינד, געצויגן נאָך זיך און אים געבראַכט אין דער פּוסטער דאָרפֿישער שטוב אַריין.

— קיזשאַ־קעצעלע, מאַררש! — האָט ער אַ פֿאַרמעקעטער אין זיינע געדאַנקעכצן באַלד אַ טופּע געטאָן מיט אַ פֿוס. די אויסגעפּאַשעטע קאַץ, אַן אָנגעבלאָזענע, האָט פֿויל זיך אַרויסגעטראָגן אין פֿירהויז אַריין און געבליבן שטיין אַ צונויפֿגעהויקערטע אַקעגן דעם פֿויערישן באַק־אויוון, פֿון וועלכן עס האָט גראָד געזעצט אַ ווייסע פּאַרע.

— אַזוי, אַזוי, — האָט דער טומטום געביסן אַ שפּיץ פֿינגער, ווי ער וואָלט אָנגעכאַפּט אַ נייעם האַרבן געדאַנק און אָוועקגעשטעלט זיך אין מיטן שטוב צווישן די צוויי נידעריק־ליגנדיקע פֿענצטער, גערעדט צו זיך: דאָ, — איז ער מיט אַ נאָגל אַרויף אויף דער אונטערשטער ליפּ און זיך נישט אומגעקוקט אויף דער שוועסטער, וועלכע האָט אויסגעוואַרט זיין דעה וואָס שייך דעם ווערטשאַפֿט — דאָ וועט מע שטעלן דאָס בעט, דאָרט — דאָס בעטעניו פֿאַרן קינד, דאָ־אָ — ס׳מקום פֿאַרן טיש, אָט־אָ — דעם קויש מיט וועש, אין ווינקל — ס׳וואַסערבענקל און ס׳קעסטל מיטן געפֿעס ביים „לייי־מענעם גולם״, דעם אָנגעקאַלעכטן ציגלנעם קעכל.

גערעדט צו זיך און דער טומטום האָט אַזוי אַרום אויסגעפּלאַנט די איינ־אָרדענונג פֿון דער שוועסטערס זומער־וווינונג. „אָט־אָ־דאָ, אָט־אָ־דאָרט״ איז זיין שטים זיך פֿאַרגאַנגען וואָס אַ מאָל העכער, געציקלטער און האָט אויס־געלאָזט מיט אַ דבקותדיקן וואָלעכל ווי אַ רעפֿריין:

„און ס׳קעסטל געפֿעס ביים ליימענעם גולם״.

צו יעדן אָנגעמערקטן אָרט איז ער צוגעגאַנגען נאָענט, כמעט עס באַ־טאַפּט; זיין אויג האָט אַלץ אויסגעמאָסטן. דערנאָך איז ער ווידער אַרויס אויפֿן הויף און גענומען אַריינטראָגן די חפצים.

אין דרויסן איז דער פול־אָנגעלאָדענער וואָגן, אַן אויסגעשפּאַנטער, געשטאַנען אַליין מיטן נעבעכדיקן באַלעבאַטישקייט, גלייך ער וואָלט איבערגעגעלאָזן געוואָרן אין מיטן וועג, מחמת עס איז אומגעריכט אויסגעבראָכן אַ שטורעם מיט דונערס און בליצן. פון וואָגן האָבן געשפּאַרט פּיסלעך פון שטולן און בעטן מיט צעקנוידערט בעטגעוואַנט, וואָס האָט פאַרשעמט געטייטלט, געבליקט אין די בלאָע הימלען אַריין. אַרום האָבן גערדיכט געקוואַקעט הינער מיט כּאַפּטעס פריש־אויסגעפּיקטע הינדעלעך און קאַטשקעלעך. ביים קי־שטאַל האָט פון דער קייט זיך געריסן אַ בכבודיקער הונט, אַ שוואַרץ־קודלאַטער מיט אַ ברייטער, פייכטער מאָרדע.

כּאַוטשע האָט שוין דערוּוישט דאָס טירל פונעם נידעריק־שטאַכעטענעם פּאַרקאַן, וואָס פירט אין סאָד אַריין. זי האָט אַהינצוצו אַריינגעפירט יאָשקעלען מיט לאהלען, זיי געוויזן דעם וויסן צווייט אויף די בלי׳ענדיקע ביימער:

— זעסט, סאַראַ שיינע בלימלעך?

— אויף אַזאַ הויכן בוים קאָן איך קריכן...

— אָט, וואָסער טייבעלע דאָרט גייט!

ס׳קליינוואַרג האָט געגאַפט, מיט דאָרשטיקע אייגעלעך באַטראַכט דעם נייעם אַרום און מקנא געווען כּאַוטשען, וואָס זי איז אַזאַ גרויסע; זיי האָבן דערשפּירט דרך־ארץ צום פעטער משה־יאַנקל, וועלכער איז אַזאַ ווי דער טאַטע; ר׳שלעפּט גרויסע פּעק, שטעלט אַלץ פונאַנדער און די מאַמע האָרכט אים ווי אירן אַ טאַטן.

ביזן שפּעטן פאַרנאַכט אַריין האָט געדויערט דאָס פונאַנדערשטעלן די זאַכן אין דער דאָרפישער שטוב. נאָך איידער דער הימל האָט זיך גענומען לעשן, האָט משה־יאַנקל מיט וועלוולען — אַ הויכער אַלטער טאַטע מיט אַ געבויגענעם רוקן און נעבן אים אַ יינגל, אַ שלאַנק געוואַקסנס מיט אַ צעכוואַליעטער טשופּרינע — זיך געלאָזן צופוס צו דער נאָענטער באַנסטאַנציע וואָס ליגט פאַזע דעם קליינעם דאָרף קראַשין, ווו עס שטייט די אָפּגעדונגענע רחבותדיקע אַוועקגעזעצטע זומערהיים פון מאיר רויטס הויזגעזינד. „אָפּגעטאָן ס׳שטיקל אַרבעט, איז היידאַ, צוריק אין דאָאָן רי אַראָן!״ — האָט שטיל ווי אַ הון אויף דער גזשענדע מיט וויכטיקייט אַריינגערעדט אין זיך דער טומטום און פון מאָל צו מאָל אונטערגעיאָגט דאָס יינגל:

— הע, דרימלסט, יונגערמאַנטשיק? וואָאַז נאָר מיר ווי מ׳הייבט אַ פּיס!

מאירל וועט שוין איבערקלערן — מ׳זעט נישט די חברה! איינגעשניטן ערגעץ דער משה־יאַנקל. איי, איי, מ׳קען זיך פאַרלאָזן אויף אַזוינע!

— שוואָגערל, — חזרט זיך איין בשעת־מעשה דער טומטום דעם גרוס, וואָס ער וועט אָפּגעבן פון דאָרף, — נישט אַ דאַטשע איז עס, נייערט אַ גן־עדן, אַ וואָרער גן־עדן! ווו האָסטו געזען אַזאַ שטילקייט, אַזוי פיל אָרט פאַר דער זון און פאַר דער פרישער לופט? די לייט וועלן ערשט אָפּלעבן, וועסט זען. הינטערן פענצטער אַ טייערער גאָרטן. אויבסט וועלן די קינדער נישט זיין להוט. אַז עפּל און באַרנעס און קאַרשן וועלן זיי פאַלן גלייך אין מויל אַריין! און דער גוי מיט דער גויע זענען אַזעלכע גוטע. כ׳וואָלט געשווירן, זיי שטאַמען פון ס׳אונדזעריקע... מן הסתם פאַרבלאָנדזשעטע ייִדישע נשמות. יאָ, יאָ, פאַראַן אַזעלכענע, מאירל. געדענקסט פון דער היסטאָריע אַז מ׳האָט מער געהאַט אַ גירוש שפּאַניע? אונדזערע עלטער־זיידעס האָבן זיך אַ ביסל אָנגעליטן פאַרן ייִדישקייט ! אַנדערע, וואָס זענען נעבעך נכשול געוואָרן, נישט אויסגעהאַלטן די געברענטע צרות וואָס די טומאה האָט געברענגט אויף זיי, האָבן דאָך געלאָזן שליאַדן אין בלוט פון די ווייטערע דורות. דאָס ייִדישע אָדער רופט זיך אָפּ. מוז זיין, אַז דיין פויער איז פון די... ער ווייסט עס נישט, ר׳האָט אַ פאַרשטאָפּטן קאָפּ, אָבער ס׳האַרץ צערעדט זיך אַליין. האָסט וויל צ̣ריינגעטראָפן, פאַניע מאיר. והשנית האָסטו כ׳לעבן גוט געטאָן וואָס דו האָסט דיין קאַוואַלעריע אַרויסגעשיקט פון שטאָט. אָן זיי וועט מען אויך אויסקומען. אַז ס׳דאָרף איז אַרויס אין פעלד, מוז די שטאָט גיין שלאָפן. שוין אַזאַ איינפיר מקדמונים. ס׳הייסט, מעג דער סוחר אויסגעפינען דאָס תהילימל און זען וואָס פאַר אַ חכם ס׳איז געווען אונדזער מלך שלמה! היינט וויפל איז ווערט דער שבת, אַז מ׳קען אים באַגעגענען אין גרויסן, שיינעם דרויסן? אוי, שבת־קודש וועט זיין פאַר מאירלען, אויך פאַר דיר בראַטאָק אַן אמתער עונג. וועסט זיך אַרויספאָרן צו דיין ווייב מיט די קינדערלעך און ס׳וועט זיין חי־געלעבט. איך מיט וועלוולען וועלן זיך דאָ אָפּלעבן אַ וועלט. אַז גאָט און לייט וועלן זיך פרייען. מיר, די פריילײדיקע, זענען מענטשן פון גאָר אַן אַנדער שניט — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — —

אָוונט. שטיל. טיף האָט זיך דאָ אויסגעבעט די שטילקייט, אַן אָנגעלענטע אין די אָרומיקע אַלטע פאַפּע־דעכער, אין די קרומלעכע ליים־געקלעפּטע

קוימענס. די נאַפטלאָמפּ טוקט זיך, שאָטנט אָן אויפן באַלויכטענעם טיש גייענדיקע ●וואָליעס שיין ווי באַוועגטע וואַסער־פלעקן.

מאיר האָט געזופּט פריש־פּאַרבריטע, שמעקעדיקע טיי, געביסן האַרטן צוקער און הנאה געהאַט, וואָס דורכן פענצטער שפּאַרט אַריין אַ קיל ווינטל.

וועלוול האָט זיך דערפילט אומעטיק. דער פאַרגאַנגענער טאָג האָט אים איבערגעלאָזט מיד, ווי נאָך אַ פיבער, גאָר־גאָר אויסגעמאַרכט; אין דעם פלינקן, יינגלשן קאָפּ האָט זיך קיין איין געדאַנק נישט באַוויגן. די גלידער זענען אים געווען אָנגעגאָסן ווי מיט שרויט. ערגעץ טיף אין זיך האָט ער דער־שפּירט אַ ווייטיקלעך נאָגן וואָס האָט ווי אַמאָניאַק געוועקט די פאַרחלשטע חושים, די אַנטדרימלטע בלוטן.

ביי נאַכט, ווען דער טומטום האָט זיך צו אים געדריקט, האָט וועלוולען שווער געמישט דער קאָפּ. ס׳האָט זיך אים געדאַכט: כאַוועטשע האָט זיך צו אים צוגערירט, זי שפּילט זיך מיט אים, לאַשטשעט זיינע פאַרהוילנסטע גלידער און מיט אַ שטאַרקן, זיסן ציטער איבערן חוט־השדרה איז ער גע־בליבן ליגן אַן אָנמאַכטיקער.

ווייט אין דער נאַכט איז ער שוואַך אַנטשלאָפן געוואָרן. אין זיין חלום, וואָס אים האָט זיך געחלומט, האָט שוין פאַרשמעקט מיט דער מומע רחלע, מיט אירע ריחות, מיט די אויסטערליש־ליכטיקע, בלאָע אויגן, וואָס רופן אים צו זיך און זי האַלט אים אין אירע פולע, רייפע אָרעמס, וואָס טריפן אין אים אַריין אַזאַ שטאַרקן פאַרשיכורנדיקן זאַפט.

*

די ערשטע נאַכט אויפן דאָרף האָט רחלע זיך געפילט אומהיימלעך. עפּעס איז איר אַלץ דאָ אַזוי פרעמד; דאָס קישן אונטערן קאָפּ איז נישט קיין היניגס; דער פולאָפּ איבערן קאָפּ איז נישט דער אייגענער און די קאָלדרע אויפן לייב איז נישט אירע. די דאָזיקע פרעמדקייט שרעקט. די אויגן קלעפּן זיך, נאָר דער שלאָף נעמט נישט. ס׳איז פאַרוואָרפן געוואָרן איר לייב און ס׳איז פאַרוואָגלט איר מנוחה. זי פילט: אירע אברים זענען מיד, מיד פון היץ, פון דעם וואָס איר נשמה איז אַוועקגעשלעפּט געוואָרן אויף אַ דאָרפישן וואָגן און דערפון וואָס זי מוז איינשטעלן אַ נייע באַלעבאַטישקייט.

אין אמתן איז איר נישט ס׳געמיט דערפאַר. זי איז געפאָרן אַהער, אָבער ס׳האָט איר נישט געהאַרצט דערצו. מאיר האָט געזאָגט: „די קינדער, דו״,

האָב איך נישט געהאַט קיין כוח זיך קעגנצושטעלן. אין אמתן איז אומווילן דער באַלעבאָס איבער מיר — האָט פון דער פרוי אומגעריכט אַ רעד געטאָן אַ רעזיגנאַציע, וועלכע האָט קענטיק ערשט דאָ זיך דערגראָבן צו איר טיף.

פאַר דער שטוב האָט געקוקט דער שוואַרצער, קודלאַטער הונט און אים ענטפערן אָפּ אין כאָר אַ גאַנצע סטייע כלבים. ס׳דאַרף — הייסט עס — שלאָפט נישט, דער מענטש מוז נאָר רוען, דער מענטש איז אַ שוואַכע בריאה, קלערט רחלע און אַ לענגערע ווייל שרעקט זי זיך פאַר דער פינצטערניש וואָס איז העט וויט אויסגעשפּרייט אַרום. הינטערן פענצטער שאָרכען די ביימער און אין איר שרימפּט דאָס האַרץ: שלייכן זיך נישט קיין גנבים? נישט ווייט פון דאַנען שוואַרצט זיך דער געדיכטער סאָסנע־וואַלד. סאָסנעס און יאָדלעס שמעקן מיט געזונט, זיי רוישן אָבער אויך מיט רציחה. דאָרט באַהאַלטן זיך אויס מסתמא גזלנים, מערדערס. די קינדער שלאָפן געשמאַק. ווי גוט עס איז צו זיין אַ קינד, נישט געפּלאָגט צו זיין פון שווערע הוריות, נישט צו ליידן פון אַ מאַן וואָס גאָט האָט שוין צוגענומען און צו ליידן פון אַ מאיר, וועלכער דערעסט נישקשה מיט זיין גראָבקייט, מיט זיין קאַרג־שאַפט — — — אין דרויסן איז דער גאָרטן אַזאַ שיינער. ס׳איז איר נאָר אַ וווּנדער, ווי זי קאָן איינליגן אין בעט און נישט אַרויסגיין שפּאַצירן צווישן די אויבסט־ביימער, הערן פון נאַכטיש־סודותדיקן מויל דאָס לעכצן פון די עפּל ווי זיי רייסן זיך געבוירן צו ווערן, איינהאָרכן זיך ווי די ביימער שמו־עסן צווישן זיך אין געשאָרך פון בלעטערוואַרג. ס׳גרויס דער חידוש, ווי אַזוי פון מיניעדיקן ראָזן און ווייסן בלי־עכץ וואָס וואַרפט זיך צניעותדיק אין די אויגן, שפּראָצן אַרויס זאַפטיקע, באַטעמטע פרוכטן!

אַ שטערן ווינקט אַריין אין פענצטער און ער רויבט רחלען דעם שלאָף. איר מזל ציטערט אַזוי... אַ מענטש טוט! האָט זי באַדאַרפט זיך פאַרבינדן מיט אַזאַ ווי דער?... ר׳איז נישט קיין שלעכטער, מאיר, אָבער נישט דאָס וואָס איר האַרץ האָט דערוואַרט — — — אַך, ווי ווויל עס איז צו זיין אייגע אַליין, נישט צו האָבן אַ בייזע נאָז איבער זיך. ס׳עט נעמען טאָגן, וועט זי אין גאָרטן אַריין אַרויסטראָגן אַן אויסלייג־בעטל און ערשט געשמאַק איינ־שלאָפן. די קינדער זאָלן זי נאָר נישט איבערוועקן!

פּאַוואָליע האָט רחלע געגומען שפּינען דעם טרוים פון זאַטער רו.

*

אין אָנהייב זענען רחלען די טעג און נעכט אויף דער זומער־ווױנונג אין קראַשין אַוועק גיך, צו גיך פאַרפלויגן. ווי אַ מאַמע, איז זי געווען פאַר־נומען מיט די קינדער, מיט געטריישאַפט צוגעהיטן אַז לאהלען זאָל שמעקן דאָס עסן, יאַשקעלע זאָל גוט אויסזען. אויך כאַווטשע דאַרף קומען צו די כוחות. אפשר וועט דאָס העלפן איר ווערן אַ מענטש. קינדוויז איז זי, מלחמה־צייט, צופיל אויסגעשוואַכט געוואָרן און דערפון איר קאַליעדיקער קאָפּ, דער קנאַפּער שכל.

אַז די קינדער זענען אין מיטן טאָג געווען אין גאָרטן, אָדער זענען אַוועק אין וואַלד אַריין, מיט פרייד געבערענגט צו שלעפן אַ צווייג, — „מאַ־מע, ווערסט האָבן פייער צו מאַכן" — איז רחל געווען צופרידן פון דער רו־איקייט, וואָס האָט געהויערט אין דער העל־געקאַלכטער דאָרפישער שטוב. מיט טיפער ברוסט האָט זי אַרייַנגעאָטעמט דאָס דאָרפישע גרינס, וואָס האָט זיך געריסן אין די צעפּראַלטע פענצטער אַריין, ווינטיק אָנגעבלאָזן, געהוי־דעט מיט די פאַרהענגלעך. מיטן צורוימען און אָפּקאָכן ס'מאַלצייט איז רחלע אַזוי גיך פאַרטיק געוואָרן, אַז זי האָט אָפט מאָל פאַרגעסן אַז זי פילט זיך קרענקלעך, כאָטש זי ווייסט נישט גענוי, וואָס איר טוט וויי; זי דערמאָנט זיך נאָר: דער דאָקטער האָט איר אַנומלט געזאָגט, אַז זי איז נערוועז צערו־דערט און אויסהיילן קען זי דער מאַן, אַ מאַן — האָט דער דאָקטער איר מאָדנע אַרייַנגעזונגען אין פנים. איצט, אַרום איז רויק און איר געמיט איז שטיל ווי אַ דאָרפיש טייכל אין אַ זוניקן טאָג, טראַכט זי ערשט אַריין אין די דאָזיקע ווערטער, וויל זיי דורכבייסן, פאַרדייען: מיינט אפשר דער דאָק־טער, אַז זי דאַרף האָבן אַ קינד? ווער ווייסט, צי דער דאָקטער אַליין איז נישט אַ צעלאָזענער, ווי עס טרעפט צווישן די פאַרשווינדלעך וואָס באַהאַנד־לען פרויען. אפשר איז ער אַזוינס אויסן געווען. ס'הערט זיך אויך פון אַזוינע כיטרע.

רחל האָט געהאַט צייט צו טראַכטן, אַרייַנקוקן אין זיך און אויסצוגע־פינען וואָס איר איז, וואָס איר פעלט. זי איז געזונט — פילט זי. די שטאָ־טישע שטוב, דער מאַן, די נישט־ניחאדיקייט פון דעם אַרויפּגעצוווּנגענעם, די סטאַטעטשנע אָרנטלעכקייט פון זיין אַ בכבודיק ווייב — דאָס איז דער תוך פון דעם וואָס פייניקט זי, מאַכט איר נמאס דאָס לעבן. אַוודאי, יעדן טאָג דאָס זעלביקע: אויפשטיין און לייגן זיך מיט דעם זעלביקן. אַזוי, אין זינד געדעדט, זענען שוין פאַרפלויגן אירע שענסטע יאָרן, פערציק יאָר...

און אפשר אַ קינד? נייִן, מאירס אַ קינד וואָלט זי שוין נישט געוואָלט. ער איז אַ גוט, אַ אָרנטלעך, אָבער נישט דער מענטש וואָס איז נאָך איר גע־שמאַק. אַוודאי, זי האָט נישט געהאַט קיין אַנדערע ברירה. אַ פרוי איינע אַליין איז מער ווי אַן אומגליק פאַר זיך. ס'איז די טראַגעדיע סיי פון איר גוף און סיי פון איר געמיט וואָס ווערט געפּלאָגט פונעם אַרום. אַזאַ האַלטן די מענטשן אויף זייערע פוילע ציין. ערשט באַפאַלט איר אַן איינגעגעסענער איבל וואָס זי האָט דערשפּירט אין תחילת, ווען זי איז געוואָרן נאָענט מיט מאירן. ער איז אַזאַ האַריקער, אַ געדיכט־באַוואַקסענער ווי אַ פיר־פיסיקע חיה. צו פעסטע, ברייטע אַקסלען האָט דער מענטש, אומגעכאַכלטע, פליי־שיקע הענט און אַזוינע גרויסע, שווערע פיס. דער סאַמע הויך פון זיין מעכטיקן גוף שטיקט זי, פאַרשפּאַרט איר דעם דעך. זי ווערט זיך נישט איינרעדן — זי האָט אים נישט ליב, דעם מאַן.

יאָ, מאיר רויט איז אַ קלוגער, אַ מיושבער, נאָר אַ קאַרגער, אַ מיאוסער קמצן. זי ווייסט נישט ווי אַזוי זי וועט ווייטער מיט אים אויסקומען. אַז ער וועט קומען אַהערצו — פאַלט איר איין אַ ווילדלעכע המצאה — וועט זי מיט אים רעדן וועגן האַלטן זי אַ גאַנץ יאָר אויפן דאָרף; דאָ פילט זי זיך בעסער; די שטאָט מאַכט זי קראַנק... עלעהיי אַ דרינגלעכע רפואה, וואָס אַ דאָקטער פאַרשרייבט פאַר אַ שווער־קראַנקן, וועט זי אים זאָגן, מאירן; און דאָס וואָס זי וועט אים נישט זאָגן, נאָר ס'עקבערט איר אין מוח, עס ברענט אָקערשט אויף אין איר, איז דער זין פון איר ווילן זיך מקריב צו זיין אַפילו פאַר דער דאָזיקער לאַנגווייליקייט —

עלעהיי זי וועט פאַר אַ צייט נישט שפּירן דעם האַרבן טאַבאַק־ריח פון זיינע אַניצעס, וועלכע לאָזן זיך הערן פון דער ווייטנס.

— אַ יאָר זאָל ער פּרוּוון, וועט זי זיך אָנשטרענגען אויסצונעמען ביי אים: „אמת, דו ווילסט האָבן אַ געזונט ווייב, מאיר?"

ווייבערישע פאָרטלען האָבן זיך געשפּונען אין איר דערוועקטער פאַר־ביסנקייט. נאָר ששאַ!

נאָכמיטיק, ווען די חמימה פאַרעט זיך, הויערט אויף די אַרומיקע פעל־דער און לאָנקעס, זיצט רחל איינע אַליין אין דאָרפישן גאָרטן. זי רוט אין ווייכן שאָטן פון אַ קודלאַטן קאַרשנבוים און וועבט אירע קילע טראַכטונ־גען פון פולן פּרויאישן האַרץ. פון ערגעץ לאָזט זיך הערן אַ דראָבנע וואָר־קען פון טויבן און אין הויף שפּאַלט עמעצער אַן אונטערגעזעגטן בוים.

פֿון דער ווייטלעכער באַנסטאַנציע שניידט זיך דורך אַ הוילער געפּייף פֿון אַ שווער־עטעמדיקן לאָקאָמאָטיוול. רחלס נשמה איז אָקערשט דאָרט, אין הילצערנעם וואָקזאַלעכל, וווהין עס קומען אַלע מאָל פֿרישע מענטשן וואָס איילן זיך אין די שכנותדיקע דערפֿער אַריין צו זייערע פֿאַמיליעס. זומער־לעב שפּרייט אויס גאָר די וועלט איבער די פֿעלדער; ס׳איז ענג דער וועלט אין דער שטאָט מיט די מויערן, מיט די געראַמע דירות — ביי יעדן פֿייף וואָס קומט פֿון דעם אָפּגעלעגענעם וואָקזאַלעכל גיט רחלען אַ צופּ דאָס האַרץ; עס זאָגט איר אונטער אַז אָט־אָט קומט עמעץ צו איר און מיטן ביייזיין וועט ער זי דערקוויקן אין איר פֿאַרקרענקטער עלנטקייט.

אָבער קיינער איז נישט געקומען לינדערן רחלעס בענקשאַפֿט.

וואָרעם לעצטנס איז רחלען שטאַרק לאַנגווייליק; זי וואָלט זיך גערן אַ ביסל דורכגעגאַנגען מיט אַ נאָענטן מענטש, אים אויסדערציילט אירע גע־פֿילן, אירע טראַכטעניש און אַזוי אַרום זיך אין גאַנצן אויפֿלייזן. נאָר אַזוי וועלן אירע ווייטיקן זיך צעשווימען אין דעם אומבאַקאַנטן העק וואָס לאָקט אַזוי מיט זיין טונקעלן וואַלד און מיט די ליכטיק־וואָקסנדיקע ברויט־פֿעל־דער וואָס גאָלדיקן זיך אונטער די אומענדלעכע, טיפֿע הימל־געצעלטן.

*

הויל, נאָגנדיק זשומט דער לאַנגוויל און קיינער ווייזט זיך נישט צו רחלען. נאָר איינער קומט ערשט סוף וואָך (אומגעהייער לאַנג ציט זיך די וואָך!) — מאיר קומט. דער מאַן.

איטלעכן פֿרייטיק פֿאַר נאַכט, ווען די זון גיסט זיך פֿונאַנדער אין אַ פֿייערדיקן טייך, קומט מאיר אין דאָרף אַריין. ער איז באַלאָדן מיט פּעקלעך און מיט בייטעלעך זיסקייטן. די קינדער וואַרטן אים אָפּ מיט פֿרייד.

— דער טאַטאַ... דער טאַטאַ איז דאָ!

זעלטן אַז רחל גייט אים אַנטקעגן. זי שיקט נאָר אַרויס די קינדער:

— גייטס, ברעגנגטס דעם טאַטן! — און גיט זיך אַ דריי אַרום דער קיך. קלאָמפּערשט איז זי פֿאַרנומען. אַ טעפּל קען אויסלויפֿן, דער פּוטערקוכן וועט אונטערברענען.

אַליין דרייט זי זיך דערנאָך אַרום דעם גאָרטן, קוקט אַרויס צום טראַקט, זוכט צווישן דיביימער די לבנה וואָס פֿאַרבאַהאַלט זיך אַ מין פֿאַרשולדיק־

טע אין דער אָנהאַלטנדיקער בלאָקייט. שפּעטער צעזינגט זי זיך פול בענק־שאַפט:

יעדן אָוונט, די זון ווערט בלאַסער,
קומט מיין ליבער שעפן וואַסער...

יאָשקעלע רייט אויף אויפן טאַטן מיט אַ גדולה, ווי באַלד ער דערזעט אים צווישן די אָנקומערס אויפן דאַרפישן וועג אַרויף און לאהלע שפּרינגט אונטער אויף די פּיסלעך, ציט זיך אַרויף צום פּאָטער, ווען ער נעמט שפּאַ־נען מיט זיי קיין קראַשין. „קינדערלעך, ס'גוט דאָ?" — האָט ער, אַ צעוואַ־רעמטער, געקוואָלן פון זייער זוניקער אָפּגעפרישטקייט און להוט געצויגן אין כאַטע אַריין.

— מאַמאַ! מאַמעשי! — זאָגן אָן די קינדער פון דער ווייטנס אַז זיי האָבן ענדלעך געבראַכט דעם פּאָטער.

רחלע טראָגט אַנטקעגן דעם מאַן אַ הייטער פּנים, קוקט אים אין די אויגן אַריין:

— הע, אָפּגעמאַטערט זיך אַ וואָך? אסור צי ס'באַקומט מיר דאָס, מאיר. פאַר די קינדער איז גוט, מיר מאַכט עס וויל, אָבער דו?

— ס'עט שוין, מ'עט שוין, — ענטפערט ער.

און אין אָוונט:

— ...גוט, ביסט שוין דאָ, מאיר. ס'קליינוואַרג האַלט אין איין פרעגן: וווּ איז דער טאַטע, ווען קומט דער טאַטע? יאָ, און ווי טויג זיך אויס משה־יאַנקעלע ביים קאָכן, ביים איינקויפן אין שטוב אַריין? ר'איז אַ ווילער, ס'וואַר?

אַלץ מיט אַ מאָל וויל זי וויסן, אַלץ וויל ער הערן.

שפּעטער, ביים טיש, האַלט מאיר יאָשעלען אויף דער שויס, לאהלע זיצט נעבן אים.

ערשט דערציילט רחל וועגן די קינדערס אַפּעטיט, זי לויבט זייער גע־האָרכזאַמקייט און וואַרפט אַריין בינו לבינו אַז ער, מאיר, מעג זיך אויך פאַרגינען אַ מאָל אַרויסצוקומען אויף אַ וואָך צייט. זי וועט אים פאַרטרעטן אין קראָם. זי, רחל פילט זיך דאָ אַ סך בעסער, ווי אין שטאָט, כאָטש —

— אין אמתן בענקט זי שוין אין שטאָט אַריין. דאָ איז קיינעהאָרע לאַנגווייליק.

נאָך נאַכטעסן גייט ס'פּאָרפאָלק אַרויס אין גאָרטן אַריין; אין דער

סאָדישער טונקלקייט שפּאַצירט מאיר מיטן ווייב געאָרעמט און פון צווישן דיביימער רייסט זיך אַדורך די ווייסקייט פון זיינע העמדאַרבל.

— דו שפּירסט די ריחות, רחלע?

— אַ־אַאַאַ, — ענטפערט זי.

— לייט וויסן וואָס גוט איז, האַ, רחלע?

— מענטשן זענען קלוג, אָבער נישט אַלע קענען גרייכן דערצו, — ענטפערט זי. — ווי ווויל!

תענוגדיק שפּרייט זיך פאַר זיי די קילקייט.

שפּעטלעך, די קינדער שלאָפן שוין לאַנג, שלייכן מאַן און ווייב אין שטוב אַריין, טראָגן איבער דאָס שלאָפנדיקע קליינוואַרג, ווי זויג־קעלבלעך, אויף איין געלעגער אַרויף און מאיר שפּרייזט אין איינציקן בעט אַריין. רחלס אויסטאָן זיך געדויערט לאַנג; זי בינדט כלומרשט אויף אַ סך בענד־לעך, קנעפּלט זיך פונאַנדער. זי שטייט אַ שפּאַרע צייט אין דער פינצטער, גאַפט, באַוועגט זיך. זי רעכנט: מאיר שלאָפט שוין; זי פאַרנעמט זיין רעגל־מעסיק אָטעמען און קלערט, ווי אַזוי זיך צוצולייגן צו אַ קינד און ווי־עס־איז דורכשלאָפן די נאַכט. אָבער מאיר שלאָפט נישט. ער שניפּט נאָך מיט דער נאָז און רעדט איינגעהאַלטן אין פינצטערן חלל אַריין:

— שוין, רחלע?

— באַלד, באַלד — ענטפערט זי מיט סבלנות, כאָטש נישט־ניחאדיק.

אין אַ ווײַלע אַרום קריכט זי אין בעט אַריין. מאיר מאַכט איר אַן אָרט נעבן זיך.

צומאָרגנס אויפדערנאַכט לייגט זיך רחל פריִער שלאָפן און נעבן זיך לייגט זי כאַוטשען, אַ גרויסע, אַ מידע, אַן אָנגעפּרעסענע יאַלעווקע, נישט צו רירן זי פון אָרט. מאיר בעט זיך אויס אויף דער ערד, אויף אַ שטרוייזאַק.

פאַרטאָגס, ווען דאָס הויזגעזינד איז נאָך פאַרזונקען אין טיפן שלאָף, ווערט מאיר נישט. ער לויפט גיך צום קליינעם וואָקזאַלכל. דעם ווייב מיט די האַלב־פאַרקלעפטע אויגן בלייבט אויף די ליפּן אַן אומבאַטעמטער גע־רוך פון זיין האַריקן קוש.

XX

אַ גאַסט פון שטאָט

ס'האָט געטראָפן: מאיר איז אַוועקגעפאָרן פון דאָרף און רחלען נישט איבערגעלאָזט קיין געלט אויף דער וואָך פּרנסה. ס'איז געווען קנאַפּ דאָס לייזעכץ אין די הייסע וואָכן פונעם שניט. אויף צונויפצושטעלן די פּאָר זלאָטעס האָט ער אין שטאָט זיך אויסגעשוואַכט דעם קאָפּ און צו איר אַרויסגעשיקט וועלוועלען מיטן געלט.

און גראָד אין די זומער־וואָכן, ס'האָט זיך געמאַכט „סעזאָן" אויף שניידעריי, האָבן די געזעלן פאַרשטרייקט און דער שניידער־געזעלן וועלוול רויט איז אַרומגעגאַנגען ליידיק. ער פלעגט זיך אַ סך דרייען פאַרן פעטערס קעלער, געלייענט צייטונגען און מיטן גערודלד פון ביטער געפּרוווטע אָרעמע לייט אויסגעשמאַכט זיין עלנט אויף סתם שפּרייזן איבער די אָנסופיקע גאַסן פון דער גרויסשטאָט.

אַז דער פעטער האָט אים אַרויסגעשיקט אין דאָרף אַריין צו דער מומע רחלע, האָט ער אים נאָך געעצהט:

— אַז דו ווילסט, — האָט מאיר אים געזאָגט — קענסטו אין דרויסן נעכטיקן אין שייער און בלייבן דאָרט אַ צוויי־דריי טעג. די געשעפטן וועלן דיר דאָ נישט אַנטלויפן, מיין איך.

אַ פאַרטראַכטער, גלייך עס וואָלט אים געווען אַלץ איינס ווו ער וועט הויזן מיט זיין פיין, האָט וועלוול פון דעסטוועגן זיך נישט געכאַפּט אַז מיט דעם ווערט ער געשטעלט פאַר אַ לעסטיקן נסיון. געהייסן, איז ער געפאָרן אין שליחות פונעם פעטער, ניין, ר'איז נישט געפאָרן צו דער מומע, נאָר ווען ר'האָט זיך דערנענטערט צו קראַשין האָט ער זיך דערמאָנט אַז אייגנטלעך פאָרט ער צו דער מומע און ר'ווייס נישט ווי אַזוי זי צו באַגעגענען: אויפגעלייגט, ווי עס איז אים אויפן האַרץ ווען ער קומט אַרויסשטאָט, צי מיט אומעט אין פנים, ווי ער פילט ווען ער געגעענט צו איר. אוודאי, ס'אַ חיות צו זען די מומע רחלען.

ער איז אַריין אין דער דאָרפישער שטוב — געטראָפן די מומע באַנאַנד

מיט די קליינע קינדער — און מיט אַ ניכטערנעם „גוטנאָוונט" איר אַ קוש געטאָן אין האַנט אַריין.

— געברענגט קלינגערס, מומע, און אַן אוצר גרוסן, די בעסטע גרוסן — האָט ער געזאָגט.

רחלע האָט אויפגעשיינט, באַלעבט צוגעכאַפּט זיך צו וועלוולען, אים געקוקט אין די אויגן אַריין, געהאַלטן זיין קאָפּ אין אירע ביידע האַנטפלאַכן, ווי קינדער האַלטן אַ באַלעם:

— וואָס איז מיט דיר, שקאָצל? זעסט דאָך אויס אַזוי שלעכט. משה־יאַנקל קאָרמעט שלעכט? וואָס, באַקומען פון דער היים אַ נישט גוטע נייס?... דערציילט. דער מומען מעגסטו דערציילן, יינגלשי.

ביי וועלוולען איז אָפּגענומען געוואָרן דאָס לשון. די מומע רחל איז שענער געוואָרן. איר פּנים איז גלאַטיקער, פולער, אָן יענעם שאָטן פון טרויער, ווי אין שטאָט און אירע אָרעמס זענען אַזוי ברוין־אָפּגעברענט. פון דער פרוי האָט זיך געטראָגן אַ הייסער ווינט, וואָס האָט אָפּגעקאָכט דאָס יינגל, זיינע אויגן זענען געוואָרן פול, פול, איבערגעגאַנגען ווי לאָג־לען וויין.

— וואָסי? דו וויינסט, אַז דו זעסט די מומע, יינגעלע? אַנשטאָט זיך צו פרייען, וויינסטו גאָר!... גענוג, ווין נישט. וועסט עפּעס אָפּעסן און מירן אַרויסגייך אין וואַלד אַריין.

וועלוול האָט נישט געוויינט. אין דער ברוסט האָט סתּם אַלץ אָנגע־קוואָלן; אַז די מומע האָט זיך צו אים דערנענטערט, האָט עס אין אים אומ־געריכט אויפגעשטורעמט. אַ באָך טרערן האָט געשטיקט אין זיין האַלדז און די אויגן איבערגעפּולט. אָבער ער האָט נישט געוויינט. פאַרקערט, אים האָט געפרייט דער מומעס גוטסקייט צו נ'אים און ער האָט זיך באַרוי׳קט. געגעסן האָט ער נישט גערן. די קעל איז געווען פאַרשלאָסן, נישט געקענט אַראָפּ־נעמען אַ ביסן. ער האָט זיך נאָר פלייסיק איינגעוואַשן, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די מאַרנאַרקע און איז מיט דער מומע אַוועק אין וואַלד.

— כ׳זאָל אַזוי לעבן, ווי כ׳בין נאָך נישט געווען אין דעם וואַלד, — האָט זי געזאָגט צום יינגל, וועמען זי האָט געפירט אונטערן אָרעם, ווי אַ כלה — אַ חתן.

צום וואַלד האָט געפירט דאָס ליכט פון הימל און פעלד.

זיי זענען געגאַנגען מיט אַ שמאָלער סטעזשקע צווישן תבואה־פעלדער.

דאָס קאָרן האָט זיך געוויגט אויף הויכע זאַנגען און געוויספּערט אַ בלחש־דיקע תּפֿילה צו די גוטע, די מענטשן, וועלכע פֿאַרזאָרגן מיט ברויט די הונגעריקע, די נויטליידנדיקע.

וועלוול האָט געשטעלט טריט ווי אויף ספּרוזשינעס און אויף זיך גע־פֿילט דעם אײדעלן אָטעם פֿון דער פֿרוי, צו וועלכער עס בענקט שטענדיק זײַן ציטערדיק האַרץ מיט פֿלאַמיקן גלוסט: „ר׳איז ערשט אַן אַנדערער ווי ביז איצט", הערט ער אין זיך אַ קול, טאַקע דאָס געשריי פֿון מין. ער האָט געקוקט אויף איר, געזוכט דאָס לאָקנדיקע פֿלעמל אין אירע אויגן וואָס טונקלען זיך אַצינד אין אָנבליק פֿונעם וואַלד, וועלכער דערנענטערט זיך צו זיי מיטן בלאָלעכן קאַרק פֿון זײַן אַלטער מיושבֿדיקייט.

אונטער זייערע טריט האָט געקנאַקט מיט פֿאַרטריקנטע צווייגלעך, מיט פֿאַראַיאָריקע אויסגעבליאַקירטע נאָדלען, צעקנייטשטע דעמבע־בלעטער. און אָט — די ערד האָט ווען־נישט־ווען אָפּגעהילכט מיט אַ טעמפּן קלאַפּ, ס׳זענען אַראָפּגעפֿאַלן אומצייטיקע גרינע שישקעס. עפּעס אומבאַמערקט זענען זיי אַרײַן אין דער טיף פֿונעם וואַלד, אַרײַנגעשניטן זיך אין זאַטער גרינקייט. ס׳האָט פֿאַרשמעקט מיט זשיוויצע, מיט יאַגדעס און נאָך נישט־אָנזעעוודיקע האָזן־ניס. יעדע ווײַלע האָבן ביידע זיך אומגעקוקט, צו זען צי זיי האָבן נאָך נישט פֿאַרלוירן דעם ראַנד וואַלד, האָבן מורא געהאַט צו פֿאַרבלאָנדזשען. בינו לבינו איז זיי אַנטקעגנגעקומען אַ שיידוועג — עטלע־כע וואַלד־סטעזשקעס זענען מיט אַ מאָל זיך פֿונאַנדערגעלאָפֿן אין פֿאַר־שיידענע זײַטן. דאָ האָט רחלע אויף אַן אמת זיך געשראָקן ווײַטער צו גיין. זי האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו וועלוולען, אים אַ צי געטאָן צו זיך און האָט אַראָפּגעלאָזן איר באַלייבטן גוף אויף אַ פּיען, אַן אַרומ־געוואַקסענעם מיט ווייכע בזשאָזע־צווייגלעך.

— איך בין שוין אַ ביסל מיד, פֿאַצעט מײַנער, — האָט זי געזאָגט צו וועלוולען, וועלכער האָט זיך אויך אַנידערגעזעצט, אָבער אויף דער ערד, האַרט נעבן איר.

— אָ, ווי מחיהדיק, — האָט ער אויסגעצויגן ס׳וואָרט.

— ס׳ווייל, האַ, יינגל? — גיט זי זיך אַ צי צו אים מיטן גאַנצן קער־פּער. — איצטער רעד עפּעס, זאָג, מײַן וועלפּל, — ווערט די מומע צערט־לעך און גלעט אים די באַק.

ער ענטפערט נישט. װעלװול שװײַגט און גראָבט אײַן זײַן קאָפּ אין דער מומעס שױס.

— װילסט שלאָפן, ייִנגעלע? — לײגט זי אַרױף אירע בײדע הענט אױף זײַן קאָפּ.

— נײן, כ׳װיל נישט שלאָפן, — כאַפּט ער אָפּ דעם אָטעם.

— פאַרװאָס רעדסטו גאָרנישט צו מיר? נישט אינטערעסאַנט צו זײַן אין װאַלד מיט אַ מומע, העי?...

װעלװול שטומט. ער פאַרגראָבט נאָך מער דעם קאָפּ אין איר שױס און עטעמט טיף, האַסטיק.

אױך רחל קען מער נישט רעדן. זי איז אױך נישט מסוגל אַ קלער צו געבן. איר שאַרבן קילט, פּונקט װי קאַלטע, װײַסע פלאַמען װאָלטן אים אַרומגעכאַפּט. זי געדענקט נישט, װי שטענדיק, די האַרטקײט פון דעם דורות־אַלטן אָנזאָג, אַז זי דאַרף זיך האַלטן פון װעלװולען אױף אַ מרחק, װי אַ מומע דאַרף זיך פירן. ערגעץ טיף װעקט זיך בײַ איר בליציק אַן אינ־סטינקט, אַזאַ טונקעלער און צוצי׳ענדיקער. ער צעװאַקלט אירע בלוטן: האָסט אַ דאַגה... האָסט אַ דאַגה! ס׳איז גוט אַזױ דער הפקר... שאַרפע כוחות האָבן אין איר געשפּאַרט, געהערשט איבער איר פּונקט װי אַ מאַגנעס איבער טױטן אײַזן. זי האָט נישט געפילט, װי זי נעמט װעלװולס יונגע האַנט און לײגט זי אַרונטער אונטער איר צעװאַרעמטן אָרעם, דריקט זי צו דער נאַקעטער ברוסט, װאָס באַװעגט זיך שטאַרק, אימפּעטיק; זי כאַפּט גיך צוריק אַרױס זײַן האַנט פון איר אױפגעצאַפּלטן לײַב און קושט זי, באַפאַלט זי מיט הײסע, זשעדנע קושן און רעדט מיט אַ ציטערדיקער שטים:

— װעלװול, האָסט נישט ליב די מומע?

שטיל.

— װעלװועלע, פאַרװאָס קושסטו נישט די מומע? אַ מיאוסע די מומע רחלע?

דעם ייִנגל שרומפּט אײַן דאָס האַרץ, עס גליװערט פון אַן אומבאַקאַנטן, נײַעם געפיל. ער פאַרלירט די מאַכט אין זײַנע הענט, ער באַװעגט זיך קױם אױף דער ערד, צופוסנס דער מומע רחלע, און קושט לײַכט איר אַנט־בלױזטע, נאַקעטע קני, װאָס שמעקט מיט קװאַליק װאַסער און מיט דער ליכטיקײט פון דער סמאַליענדיקער זון, װעלכע מאַכט אַזױ שײן די פרױען, די, װעלכע מ׳האָט ליב.

רחל האָט מיט להוטקייט, מיט פייכטן הויך אויף איר מויל, אויפגע־הויבן צו איר ברוסט דעם יינגלשן קאָפּ, צוגעטוליעט דעם טונקעלן האָר־קענדזשער צום בוזעם, וואָס האָט אַ פרישער, אַן אַנטבלויזטער זיך געריסן פונעם שטייף־פאַרשנורעוועטן דיק־זיידענעם סטענדל. וועלוול האָט באַזאַכט געצערטלט די בריסטן (פונקט אַזוי האָט ער ליב געהאַט צו לאַשטשען הינטלשע קעפּלעך), פאַרטשעפּעט זיך מיט די פינגער אין דעם רייצנדיקן נאַקעט פונעם אינסטינקטיוו־באַגערטן פרויאישן אַקסל און אין אים אָנגע־שפּאַרט דעם פאַרשמאַכטן קאָפּ, וואָס האָט אַ באַרוישטער זיך אָוועקגע־טראָגן העט־העט — —

וועלוול איז מסתמא לאַנג געלעגן אין דער שטאַרקער אומאָרעמונג פון רחלען; ווען ער האָט דערוואַכט פון פאַרשלעפּערנדיקן רויש, האָט דער וואַלד אַ שיכורער שוין געטונקלט. צי די לאַנקעס זענען אויך שוין געלעגן אין פינצטערניש, האָט ער נישט געזען. די מומע האָט אים צוריקגעפירט אין דער דאָרפישער שטוב אַריין דורך הויכע קאָרנפעלדער און דעם גאַנצן וועג האָט זי אים געקושט אין די אויגן, געגלעט זיין קאָפּ. ער געדענקט נאָר: אונטער די וויעס האָט אים געגאָלדיקט, ווי די זון וואָלט אים אַריין אין די „מענטשעלעך". די מומע האָט אים געגעבן איר פּולן, זאַפטיקן אָרעם, וועלכן ער האָט וואַרעם און דרייסט געדריקט צו זיך. אין דער שטוב איז שוין געווען אָנגעצונדן ליכט.

אין שטוב האָט רחלע געזאָגט צו דער טאָכטער:

— כאַווטשע, ווייסט, ווען מיר האָבן פאַר אַ גאַסט?... וועלוול איז געקומען צו אונדז!

און דעם באַלעבאָס פון הויז האָט זי דערנאָך פאָרגעשטעלט וועלוולען: „מיין קוזין".

און פון זיינעטוועגן איז איין וועגס אויסגעפּועלט ביים פויער אַ גע־לעגער אין שייער, אויפן פרישן היי.

ווען רחלע האָט אויפדערנאַכט אַריינגעטראָגן דאָס לעצטע קישן אין שייער אַריין, האָט זי אים ווייבעריש־פאַרשייט אַ ווילדן קוש־געטאָן, מיט אַ זאָג:

— יינגעלע, איצט וועסטו זיך דאָ איבערשלאָפן. ס'אַ מחיה אַזאַ גע־לעגער. ביי נאַכט, ווען די קינדער וועלן סעקן, וועל איך קומען צו דיר... גוט, יינגעלע? וועסט צונעמען די מומע?...

װעלװל האָט נישט געענטפערט; ער האָט דערװישט אין זיך נייעם װילדן כוח, אַרומגענומען די מומע, זי אַ פעסטן, מענלעכן דריק־געטאָן צו זיך און איר אַ שטאַרקן קוש־געגעבן אין מויל אַריין:

„קום! קום!״

ער האָט דאָס געװאָלט זאָגן דער מומען אין פינצטערן שייער, נאָר ר׳האָט זיך געשטיקט מיט דעם תּאװה־דוש, װאָס איז אים אומגעריכט באַפאַלן. אַ טיף־געריירטער איז ער אַראָפּגעזינקען אויפן הויכן היי־געלעגער און פאַרלוירן זיך אין נעפּל פון אַ צוקנדיקן טראַכטן, װעלכן ער האָט סוף־כל־סוף נישט געקענט דערגרייכן מיט גאָר זיין מהות. דורך די ברייטע שפּאַרעס האָבן אין שייער אַריינגעבלענדט װאַרעמע שטערן פון דער יונגער זומער־נאַכט.

די דערנעבנדיקע כאַטע האָט אין װייכער פינצטערניש זיך פאַרקאָר־טשעט אויף איר זיץ, געפּויזעט אויף דער ערד װי אַ קרעט און בלינד ביז איבערן בויך זיך פאַרגראָבן אַקעגן דעם שלוהדיקן הימל.

*

נעכטן איז רחלע װי תמיד, אַרומגעגאַנגען אין אַ גלאַטן עטאַמינענעם, פראָסט־געגייטן שלאַפראָק; היינט האָט זי זיך אָנגעטאָן אין אַ נעט־געשניטן זיידן קליידל און זי האָט אויסגעמיטן צו זיצן אין שטוב, צו פאָרען זיך ביי די טעפּלעך. די קינדער האָט זי געגעבן יאַגדעס מיט סמעטענע, מילך און װייכע אייער, אַבי פון דער האַנט אַװעק. ס׳האָט זיך געזען — אַלץ טוט זי צוליב װעלװלען דעם גאַסט.

אין דער פרי, װען װעלװל איז אַרויסגעקראָכן פון שייער, האָט ער לאַנג זיך געפּאָרעט ביים ברונעם מיטן האַנטעך אויפן אַקסל, איבערגע־טראַכט װאָס עס איז ביי נאַכט געשען, װי אַזוי רחלע איז אין פינצטערניש אַרויס פון דער סטאָדאָלע. ער האָט זיך געשעמט איר צו קוקן אין פּנים אַריין, כאָטש קיין בייזס — איז ער געװען זיכער — האָט ער איר נישט געטאָן. װאָס עס איז געשען, איז עס געװען מיט איר אייגענעם װילן. ער איז אין דעם גאָר נישט שולדיק.

ער האָט זיך באַרויִקט און געטריבן פון זיך די שטים פון באַרויִקונג. „ער איז דען געגאַנגען קעגן עמעצנס רצון? פאַרקערט״.

ר׳האָט נישט געוווּסט פאַר וואָס — וועלוול האָט געזוכט פאַרענטפערונג נישט פאַר זיך, נאָר פאַר עמעצן, וואָס האָט געשריגן אין אים.

ער איז אַ היפּשע צייט געשטאַנען ביים ברונעם, — אַלץ זיך נישט געוואַשן. געפילט זיך עפּעס פאַרלוירן. דערנאָך האָט ער זיך אויסגעלענגערט. אין אים האָט זיך פונאַנדערגעקוואָלן — פון ס׳ניי — די זיס־נאָגנדיקע שפּירונג, וואָס ער האָט געהאַט אין מיטן נאַכט, ווען די מומע איז געקומען אויפן היי־געלעגער און מיט אים אַזוי צוגעלאָזן, ווי מיט אַ געליבטן, פאַרבראַכט זעלטענע מינוטן — —

אַז ער איז נאָך דעם אַריין אין שטוב, איז די מומע אים אַקעגנגעגאַנגען אַן אויפגעלייגטע, מיט אַן אָפן פּנים, און אים געפרעגט:

— ווי איז זיך דיר געשלאָפן, וועלוול? ס׳שמעקט אין שייער!

— נישקשה...

זיך אַרומגעקוקט, געזען, אַז די קינדער זענען אַרויס אויפן הויף, האָט זי אים אַ קוש־געגעבן אין קאָפּ אַריין:

— ס׳איז גוט מיט דער מומען, אַ? — איז זי אים געקראָכן מיטן פּנים אין די שעמעוודיקע אויגן אַריין.

וועלוולען האָט פאַרפעלט אָטעם, ר׳האָט נישט געקענט ענטפערן. ער האָט אויף זיך דערפילט דער פרויס הייסן הויך און אַ פאַרשמאַכטקייט האָט אים צעזוממען די גלידער. רחל האָט פאַרשטאַנען, וואָס מיטן בחורל קומט פאָר; זי האָט אים אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול, געגלעט זיינע באַקן, דעם קאָפּ האָר:

— זיי רויִק... די מומע האָט דיר איצט פאַרשמעקט, יינגעלע? שעמסט זיך? ס׳רעכט אַזוי. איצט מוז מען זיין רויִק, אָרנטלעך. ביי נאַכט וועל איך זיין מיט דיר. ווער עפּעס עסן? אַ יונגערמאַן מוז האָבן כוח. ביסט אַזאַ שוואַבער, אַ בלאַסער.

אַ גאַנצן טאָג האָט וועלוול זיך נישט געקענט קיין אָרט געפינען. די מומע האָט זיך כסדר געפּוצט פאַר אים, באַמיט זיך אים צו געפעלן. עטלעכע מאָל האָט זי זיך איבערגעטאָן אין אַנדערע קליידלעך. איטלעך מאָל זיך גענורעוועט דעם ביוסט, אַנגעצויגן אויף די פולבלעכע, געטאָקטע פיס הויכע זאָקן, זיידענע, ווי איר הויט, אַנטפּלעקט פאַר וועלוולען שטיקלעך נאַקעטן גוף און אין אים געוועקט דעם מאַנסביל, צעזאָטן אים דאָס בלוט. אַז כאָוטשע, אַן אָנגעשרפּעטע פון דער זון, אַ פאַרשטויבטע, מיט שמוציקע

באָרוועסע פּיס, איז געקומען אין גאָרטן אַריין, געוואָלט מיט אים רעדן, האָט ער זיך אַרויסגעמאַכט פון איר, געזאָגט, אַז ער האָט קאָפּ־ווייטיק. די מויד מיטן נאַרישן פּנים האָט זיך ווידער אַוועקגעלאָזן אויף דער לאָנקע צו אירקע דער פאַסטעכקע העלפן איר פאַשען די קי.

אין וואַלד אַריין איז ער געגאַנגען מיט דער מומען ליבלעך געאָרעמט, די פויערטעס אין פעלד געזאָגט „גאָט העלף״. די פאַרהאַרעוועטע פויערן־ווייבער האָבן, ענטפערנדיק, זיי נאָכגעקוקט און געשמועסט צווישן זיך:

— לאַדנאַ מאַטקאַ אי לאַדני סין.

אויפדערנאַכט האָט רחל פריִער אָפּגעפּטרט די קינדער מיטן נאַכט־עסן און זיי געלייגט שלאָפן. אַז ס׳פויערישע פאָרפאָלק איז נאָר אַריין אין שטוב נאָכן טאָג אַרבעט, איז רחלע געבליבן זיצן אין גאָרטן אַ שווייגנדיקע, נישט געזונגען, ווי תמיד, ווען זי בלייבט איינע אַליין אין אָוונט. שפּעטער־צו האָט זי אַריינגעשלייכט אין שייער אַריין, צו וועלוולען — אַ קוק טאָן: „שלאָפסט שוין?״

...דאָס יִינגל האָט זי פאַרציקט, די פערציק־יאָריקע.

ער האָט דאָס מאָל פון איר געריסן דאָס שיינע, נעטע קליידל. מיט פיבערנדיקע הענט צעקנעפּלט אירע סטענדלעך, מיט טעמפן כוח געפליקט די בענדלעך און ווי אַ סנאָפּ די פרוי אַנידערגעלייגט נעבן זיך, באַדעקט זי מיט ברענענדיקע קושן, איינגעזויגן זיך אין אירע בריסטן, געביסן די פליישיקע ליפּן. מיטן גאַנצן וועזן האָט ער געשפּירט אויף זיך, אַרום זיך אירע וואַרעמע, שטאַרקע אָרעמס, די מעכטיקע היפּטן און דעם מוסקולירטן, שווער־עטעמדיקן בויך, וואָס האָט זיך געהויבן און אַראָפּגעלאָזן ווי אַ בלאָז־זאַק און באַדעקט אים, וועלוולען, מיט אַ געדיכטן, פאַרענדיקן שוויס, וואָס קלעפּט.

— ס׳איז גוט ביי דער מומען, יִינגעלע? — האָט זי אָך אָטעם געדעכעט.

— ווי גוט, ווי גוט! — האָט דאָס יִינגל זי געשלונגען. — איך פלי... כ׳פלי... איך בין שוין נישטאָ... איך נעם דיך מיט. אָט, ווי גוט... כ׳וועל שטענדיק זיין מיט דיר, איך וועל דיך צעגריזשען, אַריינבנעמען דיך אין זיך, קיינער זאָל דיך נישט האָבן — — —

שטיל. אַ שווער דעכען. אַ שוואַכער, לאַנגער קוש. דאָס היי האָט אַ טרוקענעם שאָרך־געגעבן.

— דו ביסט מיין זון, וועלוועלע. דיין מאַמע גיט דיר איצט איר בלוט.

זויג, זויג. דו זייגסט אין זיך אַריין איר ליבשאַפט. איך וועל דיך שטענדיק האַלטן אין די אָרעמס, זונעשי... מאיר איז נישט אַזאַ גוטער, ווי דו... דו ביזסט אַזאַ יונגיטשקער, אַ שטאַרקער! דו נעמסט מיך אין גאַנצן אין איין האַנט אַריין. ביסט אַזוי מעכטיק... אוך, ווי טייער דו ביסט. נעם מיך מיט. איך וועל אויסגיין ביי דיר. דיין זיסקייט איז נישט צו באַצאָלן... ווער איז צו מיר געגליכן?... אוכהה... אוכהה... שטאַרקער נעם מיך אַרום. נאָך שטאַרקער, ככההה...

וועלוול האָט אַרום זיך נישט געפילט קיין שום ממשותדיקס; ער האָט זיין גאַנץ לייב און לעבן נישט געפילט. ער האָט זיך געטראָגן אין דער לופטן אַזאַ פולער, אַ שטאַרקער, און אין דער קראַפט וואָס האָט אים אַוועקגעטראָגן ערגעץ ווייט-ווייט, האָט ער זיך אויפגעלעזט, ר׳איז געוואָרן אויס, ער איז געוואָרן — רחלע, די גוטע רחלע. געוואָרן איינס מיט איר.

אוכ־אוכהה... ווי גוט עס איז, ווי גוט — — —

אינעם טונקל פון זיינע יונגע, צעברויזטע געבליטן האָט עס געשוימט פון תענוג.

ער איז איינגעשלאָפן אַ פאַרגעסענער, אַן אָנמעכטיקער און ר׳האָט נישט געשפירט, ווי רחל גליטשט זיך אַרויס פון זיינע אָרעמס. זי שלייכט דורכן פינצטערן פויערישן הויף אין שטוב אַריין, צו די שלאָפנדיקע קינדער.

*

די זון איבער דער שטאָט האָט זיך געהויבן הויך אין הימל, וואָס אַ טאָג שטאַרקער געבאַקן, געבראָטן הויז און שטיין און אויף לאַנגע וואָכן אָפּגעשטעלט דעם מסחר.

מאיר רויט זיצט לאַנגע טעג אין טונקעלן קעלער, קוויקט זיך מיט דער גרוביקער קילקייט און קוקט זיך אויס די אויגן נאָך אַ גראָשן לייזונג. און קיין קונים ווייזן זיך נישט. לאַנגע וואָכן דורכאַנאַנד קוועלט זיך דער ייִד אָן געלט, טראַכט איבער, צי רחל פּייניקט זיך נישט אין דאַרף אָן אַ פּרוטה. ווי ער קאָן קרימע־ד׳קראַצן, שיקט ער אַ פּאָר גילדן אַז איר מיט די קינדער זאָל גאָרנישט געפעלט זיין.

פרייטיק פאַר נאַכט לויפט ער צו איר אַרויס מיט דער באַן, זוכט עמעצן פון די היימישע אויפן קליינעם וואָקזאַלעכל — ער מיינט אָפּט מאָל: ס׳וויב איז געקומען אים אָפּוואַרטן. איר האָט זיך פאַרבענקט נאָכן מאַן. און לסוף

קומט ער איינער אַליין אין אָוונטיק באַלויכטענעם דאָרפישן שטיבל אַריין, ווו די קינדער פרייען זיך מיט אים. רחל דרייט זיך אַרום אַ נעכטיקע, ווי זי וואָלט אויף עפּעס געליטן, כאָטש אויסזען זעט זי אויס גוט.

— וואָס שווייגסטו אַזוי, רחלע? ביסט ווידער נישט אין אָרדענונג? אויך די פרישע לופט האָט דיך אָפּגענאַרט? דאַכט זיך: זעסט נישט שלעכט אויס, ביסט שיין אָפּגעברענט. דאָס, זאָגט מען, איז אַ גוטער סימן. די קינדער האָבן זיך „פּאָפּראַוועט". וואָס איז דער מער מיט דיר?

— ווייס'ך?... כ'פיל זיך גאַנץ גוט, נאָר עפּעס גרובלט מיך אַ פּאַר־באָרגענע קרענק. אַנישט וואָלט איך נישט געוועזן אַזוי אומעטיק.

אַ לאַנג, שרייִק שווייגן.

— ווי גייט עס אין שטאָט? לייזסט עפּעס? משה־יאַנקלס מיטאָגן שמעקן דיר אַוודאי נישט. און פון וועלוולען האָסטו אַמאָל אַ ניצן?

מאיר איז נישט קיין גרויסער ריידער; ער שנופּט פאַרטראַכט מיט דער נאָז, פינטלט מיט די אויגן, ווי ער וואָלט שטענדיק געהאַלטן אין מיטן דער־טראַכטן אַ וויכטיקן געדאַנק. ער ענטפערט:

— פרעג שוין נישט. ס'איז אַלדאָס גוטס — ביי די גבירים...

דעם אָוונט שפּאַצירט נישט דאָס פאַרפאָלק אין גאָרטן. מ'זיצט נאָר פאַר דער כאָטע, מ'שווייגט מער ווי מ'רעדט. מאיר פרעגט:

— וואָס איז מיט יאָשעלען? ער עסט מער ווי אין דער היים?

— נישקשה, — ענטפערט זי.

— און לאהלע קלאָגט זיך נישט אויף עפּעס?

— חלילה.

— וואָס וועט זיין מיט כאָוועשען? ווי לאַנג וועט זי זיך אַזוי אַרומ־דרייען אָן אַ תכלית?

— כ'וועל אין דערהיים זי לערנען שניידעריי. עלעהיי איך וועל זיך אויך דערמאָנען דאָס פאַך, דיר אַרויסהעלפן אין דער פרנסה... — זי מאַכט זיך האַרץ, אַבי נישט צו זיצן נעבן מאַן ווי אַ טולע.

דער אַרום פאַרשווייגט מיט טיפן שווייגן. בלויז די ביימער רופן זיך אָפּ מיט אַן אָפּגעהאַקטן בלעטער־געררייד. ערגעץ נאָענט פאַלט אַ ווערעמדיקע פּירה און די טרוקענע ערד פון סאָד גיט אַ הוילן הילך.

XXI

אין שפּיגל

וואָס איז אַ ווייב?
— אַ ווייב איז אַ שפּיגל. אַז דו קוקסט אַריין דערין, זעסטו זיך... זעסט, ווי דו אַליין זעסט אויס.

מאיר האָט נישט געקענט זיין אייגענע דעה געבונגן־טאָן: וואָס איז מיט רחלען געוואָרן? צי האָט זי אים פיינט געקריגן, אָדער זי שפּירט זיך אַזוי קראַנק. עפּעס מיידט זי אויס זיין נאָענטקייט. זי רעדט אַזוי ווינציק. אויך אירע רייד זענען פון אַן אַנדער מין, ווי ביז איצט: זי וועט זיך נעמען צום אַמאַליקן שניידעריי אירן, כדי אים צוצוהעלפן אין דער פּרנסה... איז זי בעסער געוואָרן צו נ׳אים, איבערגעלייגט זיך ס׳בלעטל? ס׳איז די זעל־ביקע רחל, צי אַן אַנדערע? מיט אַ מאָל האָט זי אויפגעהערט רעדן וועגן אירע לאַנגאַניקע ווייטיקן, וואָס פּלאָגן זי, נאָר טראַכט פון תכלית... יאָ, מאיר, פאַרענטפער מיר נאָך איין שאלה: פאַרוואָס איז זי אומעטיק, ווען דער מאַן קומט צו איר און וועלוול זאָגט, אַז זי איז היימלעך, זי זינגט גאָר!

— ס׳אַ פאַרנעפּלטער שפּיגל, מאיר. זעסט גאָרנישט אין דעם. בלאָנ־דזשעסט מן הסתם... אַז אַ ייִדענע זעט גוט אויס און ביים מאַן איז זי אומעטיק, איז עס אַ גוטער סימן?

גאַנצע טעג זיצט ער אַזוי, מאיר, אין דער שאָטנדיקער קראָם, וואָס אין קעלער אויף ראָג אַלטשטאָט און פּילאָסאָפירט, גריבלט זיך אין אייגע־נעם האַרץ, וויל עפּעס אויסנישטערן. פאַלט צו אים אַריין דאָס ברודערן־ייִנגל, פרעגט ער אים, ווען ר׳איז געקומען פון קראַשין, ווי עס פילט זיך די מומע רחטשע מיט די קינדער. כאַטש ער האָט וועלוולען געזען ערשט נעכטן און אייערנעכטן, קאָן ער נישט פועלן ביי זיך, ער זאָל אים נישט פרעגן וועגן ווייב. זי בויערט אים דאָס האַרץ, דעם מוח טאָג און נאַכט. ער איז נישט דרייסט אים אויסצופרעגן פּאַדראָבנע, ווי רחל פירט זיך דאָרט, וואָס זי טוט אַ גאַנצן טאָג, מיט וועמען זי זיצט און ווי זי באַ־האַנדלט די קינדער. אַז מיט לאהלען קאָן ער גאָרנישט אויפטאָן! ס׳אַ קינד,

וואָס שווייגט שטענדיק. גיי עפּן דאָס מיילכל ביי אַזוינס, וואָס האָט נישט ליב צו רעדן.

מאיר ווייסט נישט געגוי פאַרוואָס, נאָר אין מוח האָט זיך אים ווי אַ בין פאַרפלאָנטערט אַזאַ משונהדיקער איינפאַל:

— אויף איין שבת וועט ער נישט אַרויספאָרן צו איר...

און ס׳האַרץ האָט אים אונטערגעזאָגט:

— טאָקע אַזוי! כדאַי זי אויסצופרווון!

מאיר האָט זיך צוגעהאָרכט צום גערייד פון זיין האַרץ: ער וועט כאָליען אין דער היים, גלייך ער וואָלט זיך נוקם געווען אין אַן אַנדערן מאיר, וואָס זיצט הינטער אים.

ער האָט זיך אַפילו געראַנגלט מיט זיך, נישט געקענטביישטיין דעם נסיון פרייטיק פאַר נאַכט נישט אַרויסצופאָרן אויפן דאָרף, זען זיך מיט די קינדער און טאָקע מיט רחלען אויך. און ר׳איז נישט געפאָרן.

פרייטיק צונאַכטס איז ער יענץ מאָל געזעסן ביי אַ וואָכעדיקן טיש, כאָטש עס זענען געווען געצונדן ליכט. דער טומטום, וועלכער פירט די באַלעבאַטישקייט, האָט אויסגעשפּרייט אַ ווייס טישטעך, אָנגעטריפט צוויי ליכטלעך אויף איבערגעקערטע קאַווע-טעסלעך און העלער אַרויפגעדרייט דעם פלאַם פון דער נאַפט-לאָמפּ. נאָר מאיר האָט זיך געשפּירט אויסטערליש וואָכעדיק. די וואָכעדיקייט, אַ שרייַיקע האָט אים געשטאָכן אין האַרץ, גלייך ער וואָלט בעל-כרחו אַראָפּגעשלונגען אַ פּאַקזשיווע. אים האָט זיך אויסגעדאַכט: מאיר איז פאַרשיקט געוואָרן ערגעץ ווייט. ר׳מוז אַרומוואָגלען פאַר אַ שווערער זינד. טיף אין זיך האָט ער געפילט, ווי עפּעס ווייִנט אין אים אַזוי דין, אַזוי שניידיק. די שוואַרצע, פינטלענדיקע אויגן זיינע האָבן זיך פאַרצויגן מיט אַ פייכטן נעפל, וואָס האָט׳ן פאַרשטעלט דעם בליק. ניין, ער האָט נישט געוויינט, דער מגושמדיקער ייד מאיר רויט. ער האָט נאָר געשפּירט אין זיך אַ ברענענדיקן ווייטיק. זיינע פיר צענדליק יאָרן ברענען הינטער אים ווי דער סנה, וועלכן ער גדעדענקט נאָך פונעם חומש-לערנען. עס נאָגט אים אַ ציטערדיקע בענקעניש, אַקוראַט ער וואָלט אָקערשט געווען אַ קליין יינגל און טאַטע-מאַמע זענען אים פּלוצלינג אָפּ-געשטאָרבן. איינער אַליין געבליבן אויף דער פרעמדער וועלט, ווייִנט ער אַזוי פון איבערגעפולטן האַרץ.

דער באַלייבטער, גרויס-אויגיקער ייד האָט אין דער דושנער דאַך-שטוב

דערשפּירט אַ פּלוצלינגע קעלט אין די ביינער, כאָטש אין דרויסן איז געשטאַנען אַ הייסער זומער־אָוונט. אויסגעמיטן דעם עקבערנדיקן בליק פונעם שוואָגער, וועלכער האָט דאָס מאָל נישט תופס געווען רחלעס מאַן, האָט ער זיך פאַרגראָבן אין בעטגעוואַנט. מאיר האָט זיך געכוחט אַנטשלאָפן צו ווערן; געקוועטשט די אויגן, געטריבן פון זיך די פלאָגנדיקע מחשבות און לאַנג נישט געקענט גובר זיין די שלאָפלאָזיקייט, וואָס האָט אים געטאָטשעט מיט צודרינגלעכע ברענענדיקע פינגער.

פון לאַנגווייל און דערעסענעם שווייגן האָט דער טומטום, זיצנדיק איינער אַליין, לאַנג געבאָמקעט אַ מאָנאָטאָנעם ניגון.

ווען אין שטוב איז געוואָרן פינצטער, — די לאָמפּ האָט אויסגעסרחהט זיין לעצטן נאָפט־הויך — האָט אַ שמאָלער הימלפּאַס אַריינגעפּאַכעט אין צעעפנטן פענצטער, ווי מיט אַ נאַכטיש־בלאָער פאָן פול שטערנדלעך. דער טומטום האָט מורא געהאַט פאַר קעץ, אַרומבלאָנדזשענדיקע אויפן דאַך, וואָס האָרט אונטער דעם אַלקער, האָט ער פאַרקייטלט דאָס פענצטער. אין ענגן חלל האָט דעמאָלט זיך געוואָרגן אַ ווינטל. אין דער שטוביקער פאַרנעקייט האָט דאָס אָפּגעגעבן ס׳חיות ווי אַ פייגעלע, וואָס ווערט דערשטיקט אין רויך.

*

שבת איז שבת, אָבער נישט מער ווי סתם אַ יום־טוב־טאָג ביי מאירן דעם פראָסטן שטריקהענדלער פון אַלטשטאָט. ער גייט קיין מאָל נישט אין בית־המדרש אַריין, דאַוונט אויך נישט אין דער היים. ער איז ווייט פון יידישקייט, מחמת די געירשנטע דערהויבנקייט וואָס וואַרעמט די פּשוטע יידן פון פאָלק, איז אים פרעמד, ווייט. וואָס מיר גיין הערן אַ געשמאַק שטיקל חזנות, פון וואָס לייט רעדן מיט התפעלות, וועט מיר זוכן אַ טעם אין שבת־נאָכמיטיקדיקן פּרק! מאיר איז אַן אומגעהובלטער קלאָץ פון וואַלד, און אפשר אַ גליבע שוואַרצערד. אַזעלכן האָט דער טאַטע אים געבראַכט פון קינסק, אַזוינער איז ער געבליבן זינט די צענדלינגער יאָרן אין דער צעהודזשעטער שטאָט, ווו ס׳זענען פאַראַן כלערליי יידן ווי ס׳וואַרפן זיך דורך פאַרשיידענע פיש אין אַ גרויסן טייך. דער רבונו־של־עולם איז מאירן נישט שטאַרק נאָענט צום האַרצן. אַגב איז דאָס נישט־אָפּהיטן ס׳יידישקייט אַ סך באַקוועמער. אָבער שבת איז ביי אים אַ יום־טוב, אַ טאָג פון רוען, מחמת געווינטשאַפט. דער קעלער איז פאַרמאַכט. ער זיצט אין שטוב, האָט

אַ תענוג פון זעטיוודיקן מאָלצייט, דערנאָך גאַפּט ער אין די קליינע, הענ־גענדיקע פענצטערלעך אַריין, פלאָנטערט זיך אין אַ קנוידער געדאַנקען וואָס אַרן אים שוין לאַנג. בינו לבינו באַפאַלט אים אַ דרימל און ער איז פון אים נהנה מיט אַזאַ פאַרגעניגן, אַזש ר׳כאַפּט זיך אויף פון אים מיט סלינע־פאַרקלעפטע ליפּן. שפּעטער טוט ער אָן דאָס היטל מיט די גלייכע ראַנדן, באַטאַפּט זיך דאָס קמצל אויף דער גאָמבע און גייט פּאַוואָליע אַראָפּ פון די שטיגן, גלייך ער וואָלט מיט הנאה געציילט יעדן שטאַפּל. מיט די הענט פאַרלייגט אויף הינטן בלייבט ער שטיין פאַרן טויער, קוקט זיך אַרום אויפן אַלטשטאָטישן מאַרק, אַקוראַט ער וואָלט דאָ געווען אַ גאַסט; דעמאָלט כאַפּט ער זיך ערשט, ס׳אַראַ בייזע לענג ס׳האָט די זגערזשער גאַס און ר׳באַנעמט פון ס׳ניי די מעכטיקייט פון דער שטאָט.

— אַ וואַזשנע שטעטל דאָס לאָדזש, העז?

ער רעדט צו זיך. ר׳האָט נישט געמרן זיך אָפּצושטעלן מיט באַקאַנטע און אַזוי־אָ, ווידער מיט פאַרלייגטע הענט אויפן הינטן גייט ער פּוסטריט העט אַרויף צו דער נייער שטאָט. ווייטער ווי ביז צום קאָשטשושקאָ־דענקמאָל גייט ער נישט. ער פאַרקירעוועט צוריק אַהיים, פינטלט מיט די גרויסע, שוואַרצע אויגן.

אַזוי פירט ער זיך יעדן שבת, אַלע יאָרן פון זיין לעבן. ווינטער, זומער. זיך דורכגיין איז אַ געזונטע זאַך — גלייבט ער.

דער היינטיקער שבת איז אים אַדורך ווי אַ קרענק. ער איז געלעגן אין בעט, אַ סך געטראַכט, וואָס נישט געוואָלט און יאָ געוואָלט. ר׳האָט זיך פּשוט נישט געקענט אָפּיאָגן פון די קלעפּיקע געדאַנקען, ווי פון זלידנע פליגן; ער איז געלעגן אין בעט, ווייל ר׳האָט געהאַט צופיל צייט, פּשוט נישט געוווסט וואָס צו טאָן מיט זיך.

אויף מאָרגן, זונטיק, האָט ער אויך צייט געהאַט, מאיר רויט. די קראָם איז אויך זונטיק געשלאָסן, נישט ווייל עס איז אַ יום־טוב ביי אים, נאָר אַ מוז. מאיר רויט איז אַ בירגער פון פּוילן און אַ בירגער טאָר נישט זיין ווידערשפּעניק. איבערן קעלער זענען געהאָנגען גרויסע שלעסער, ווי שווערע געוויכטער און זיצן אין שטוב מיט זיך אַליין האָט ער נישט גע־קענט. עס האָט אים אַ טרייב געטאָן אַ פּלוצלינגער אומרו און ס׳האָט אים פאַרדראָסן דער נעכטיקער טאָג, וואָס ר׳איז געלעגן אין בעט ווי אַ חלוש. אַ כעס האָט אויפגעזאָטן אין אים: ר ח ל. וואָס זי האָט פון אים געמאַכט!

מאירן האָט געוואָרפן די נכפּה. נישט אין דער היים און נישט אין גאַס האָט ער זיך געקענט געפינען אַן אָרט. דער שאַרבן האָט זיך אים אונטער־געהויבן פון דעם קלערן, וואָס ער קלערט אַלץ אַריין און קען נישט קומען צו אַ טאָלק מיט די געדאַנקען: וואָס טוט ער, מאיר? עפּעס איז נישט גלאַט. ער ווערט דאָך משוגע! יאָ, ד׳א שטעכלקע די רחל אין זיין האַרץ.

און ער איז אַרויסגעפאָרן צום ווייב.

רחל איז געזעסן אין פויערישן סעדל אויף אַ לענשטול. פאַרוואָרפן דעם קאָפּ הינטער זיך, האָט זי אין דער זון געפּרעגלט דאָס פּנים, אַן אָנגעשמירטס מיט וואַזעלין, וואָס האָט זיך געפּרייעט אין דער היץ, דין זיך געבלעזלט אויפן שטערן און גאָמבע, ווי אינערס אויפן פייער. די קינדער זענען נישט געווען נעבן איר. יאַשקעלע איז געלאָפן צו כאַוואַטשען, וועלכע האָט זיך געחברט מיט אירקע דער פאַסטעכקע. לאהלע האָט איינזאַם, ווי אַ דערוואַקסענע וואָס זוכט אַליינקייט, געבלאָנדזשעט אויף אַ פעלד־סטעזש־קע, אַראָפּגעבויגן זיך צו די בלאָע כאַבּרעס, וואָס צווישן קאָרן, געציילט די בלעטלעך און האָט נאָכגעקוקט די יונגע הינדעלעך, וואָס גייען באַנאַנד, כאָפּטעסווייז.

רחל האָט דערהערט שווערע טריט נעבן זיך, האָט אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ פונעם שטול־אָנלען, געריסן די טיף־פאַרזשמורעטע אויגן און זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ סקאַצל־קומט, ווי מיט אַ געשריי:

— דו, מאיר?! פאַרוואָס ערשט היינט?

זי האָט נאָך נישט באַוויזן אים צו קוקן אין פּנים אַריין, זי׳ט געוואָלט אַרויסברענגען איר ברוגז. און אפשר האָט זי אין זיין אויסזען געפונען אַ פאַר־ענטפערניש, פאַרוואָס ער איז שבת נישט געקומען, — אָבער דאָך אויס־געלאָדן איר בייזקייט:

— דאָס קאָן זיך דערלויבן נאָר אַ מאַנספּאַרשוין! אַ פרוי וואָלט זיך אַזאַ פאַרגעניגן נישט פאַרגינען, נישט צו קומען זען די לייבלעכע קינדער, כאָטש איין מאָל אין וואָך?

מאיר האָט האַרט געשוויגן, געזוכט אין אירע רייד רחלען, יענע, וועלכע ער האָט געזען אַנומלט, ווען ר׳האָט איר אַלץ געגלייבט.

ער האָט שווער געקוקט אויף איר און געשוויגן.

— די גרויסע געשעפטן האָבן דיך אַוודאי נישט אַוועקגעלאָזט, העי?

נאָר אַזוינער קען זיך דאָס דערלויבן — האָט זי אַלץ געשפּריצט מיט פייער.

— שוין? — האָט ער גערעדט געלאַסן, שטייענדיק אַנטקעגן רחלען, וועלכע איז נאָך אַלץ געזעסן באַקוועם אין דער לענשטול אַן אָפּגעסמאַ־ליעטע ווי אַ פריש־געקאָכט אייל־טייגל. — שוין זיך אויסגעזאָטן? האָסט אפשר נאָך עפּעס צו זאָגן? ס׳האַלט שוין דערביי — שיס!...

ער האָט אַ ווײַלע זיך אויסגעדרייט, אומגעקוקט זיך אין גאָרטן. ר׳האָט געוואָלט אויסמיידן מענטשנס אויערן.

— שטעל דיר פאָר, — האָט ער אָנגעהויבן טענהן מיט איר, — דיין מאַן איז קראַנק געוואָרן אין דער היים. האָט ער געמעגט ליגן אין בעט? און אַז דיין מאַן וואָלט געקומען צו קבורה אין משך פון דער וואָך, וואָס דו זעסט אים נישט, וואָלט דאָס דיך אַ סך געאַרט? דאָס ווייסעך...

רחל פאַרשטעלט זיך די אויערן, שפּייט אויס:

— טפו, טפו! איך וויל נישט הערן! געוואַלד, וועל איך שרייען!... — און זי האָט פאַרשטשעמעט די ליפּן.

— ווילסט נישט הערן קיין קללות. דיין איידעלע „כאָוואַניע״ דער־לויבט דיר נישט צו הערן ברעך און כאָלערעס, אָבער דעם אָקס, וואָס גייט פאַר דיר אין יאָך, קענסטו זען אויסגיין אונטער דיין נאָז.

— ביסט חסר־דעה, צי וואָס?... געוואַ־אַלד וועל איך שרייען, — כאַפּט זי זיך אָן ביי די באַקן, רייסט אויף דאָס מויל און הויבט אַריין אין גאָרטן אַ דערשטיקטן בהלה געשריי. — ביסט געקומען זיך קריגן מיט מיר . עפּעס פלוצטאַלבן?

— חלילה. צו וואָס קריגן זיך? כ׳האָב פיינט מחלוקת. כ׳וויל זיך נאָר אויסשמועסן מיט דיר.

— שמועס נישט אַזויפיל!

אַ ברוגזע דרייט זי אַוועק דעם קאָפּ אין אַ זייט.

מאיר גייט אַליין אין שטוב אַריין. ער טוט אויס דעם מאַנטל, די מאַרנאַרקע און בלייבט זיצן אַ שווערער אין די העמדאַרבל. רחל שלאָנדערט זיך דערנאָך אַריין אַ באָרוועסע, שעמט זיך די אויגן אויפצוהויבן. זי זוכט אויף כלומרשט עפּעס אין די ווינקלען. פאַרשטייט זיך, זי געפינט גאָרנישט און זעצט זיך אויך אַנידער.

ביידע זיצן זיי איינס קעגן ס׳אַנדערע און קוקן זיך נישט אין די פּנימער אַריין.

דאָס לעסטיקע שווייגן פון מאַן און ווייב רייסט איבער מאיר.

— וווּ זענען די קינדער?

— לאהלע קריכט ערגעץ אַרום אויפן פעלד. יאָשעלע איז מיטגע־גאַנגען מיט כאַוועטשען. זי לויפט אַרום מיט דער פאַסטעכקע.

שפּעטער:

— ווּעסט עפּעס עסן, מאיר?

— אַ דאַנק, כ׳בין זאַט. — האַקט ער אָפּ טרוקן.

— פון נעכטן, צי פון יענער וואָך? — פרעגט זי מיט פּאַראיבל.

— דאגה נישט אַזוי פיל פאַר מיינעטוועגן. איך האָב שוין היינט געגעסן, אויב דו ווילסט וויסן.

— זעסט דאָך אַזוי שלעכט אויס. — ווערט זי צו אים וואַרעמער.

— ווייל דו ביסט מיין ווייב, — איז ער נאָך אַלץ שאַרף.

— וואָס, כ׳בין שלעכט צו דיר? יענע איז געווען בעסער... אַז איך וועל שטאַרבן, וועל איך אויך זיין בעסער, אמת, מאירשי?

— פאַרוואָס זאָלסטו שטאַרבן? ביסט אַ נאַר. איך רעד פון עפּעס אַנדערש און דו קריכסט אויפן דאַך.

— אוי, אוי, איז רחל א מבין! ביסט פרעמד צו מיר, מאיר! דערפאַר קוקסטו אויף מיר אַ ז ו י!

— אפשר ווייסטו, וואָס דו רעדסט. איך ווייס, אַז כ׳האָב פאַר דיר ס׳לעבן געשטערעקט. כ׳האָב מיך געשפּיגלט אין דיר.

— און איצט איז אַלץ קאַליע געוואָרן, ווילסטו זאָגן. זאָג, זאָג, מאיר!

— איך האָב ב׳אַנהייב זיך געפילט גליקלעך. איצט זע איך דיך נישט אין גאַנצן קלאָר... פאַרשטייסט, אויב אַ ווייב איז פאַרן מאַן אַ שפּיגל. אַז ער קוקט אַריין אין איר, זעט ער זיך אַליין. איצט האָב איך זיך פאַרלוירן אין דיר. ס׳איז ערשט אַ מאַטערניש פאַר מיר, אַז איך וויל זיך איצט אויס־געפינען. דער קאָפּ פּלאַצט מיר ערשט פון אַריינטראַכטן, וואָס פון דיר איז געוואָרן...

— וואָס פון מיר איז געוואָרן, ווייס איך נישט. נאָר ווּעדליק דיין רעדן, דערקען איך ד י ך נישט, מאיר. יאָ, וואָס דו הערסט!

— ס׳גרעסטע אומגליק איז, אַז ביידע דערקענען מיר זיך נישט.

אָקערשט זע, ס׳אַראַ ווייב דו ביסט: דו ביסט אויף פֿאַרגעניגן אין דאָרף, איך גיי אויס אין שטאָט פֿון בענקשאַפֿט צו דיר און צו די קינדער; כ׳וועל אויסגעריסן ביז כ׳שטעל צוזאַמען אַ פּאָר גילדן פֿאַר דיר, און דיך אַרט נישט, אַז דיין מאַן איז אין מיטן דערינען פֿאַרשטעקט געוואָרן אין אַ טיפֿן זומפּ. ווייל אויב נישט, וואָלט ער נישט געבליבן דאָרט. אַפֿילו אויף אַ שבת קומט ער נישט אַ היים. איך זיץ זיך רויק אויפֿן דאָרף און דו, אין שטאָט, שטאַרב און פֿאַרדאַרב... וואָלטסט כאָטש וועגן מיר געזאָרגט ווי פֿאַר אַ פֿערד, וואָס שלעפּט די לאַסט: אַ גוטער באַלעבאָס גיט שטענדיק אַכטונג, אַז ס׳פֿערד זאָל אים נישט פֿאַלן, ס׳איז פֿון זיין טובה וועגן.

— האָסטו מיך געוואָלט אויספּרוּוון? אַזוי! כ׳בין נישט געלאָפֿן צו דיר...

— טאַקע אויספּרוּוון. זאָג, פֿאַרוואָס נישט? אַז מ׳פּרוּווט נאָך גאָלד! צו וואָס דאָס שייד־וואַסער? מיין גרויסע פּיין פֿאַר דעם איינאייניציקן אויסגע־בענקטן טאָג פֿון פֿרייד מיט דער פֿאַמיליע, האָט מיר אַצינד אויסגעלייטערט דעם בליק.

— זעסט זיך ערשט אַרום, העי?

מאיר פֿאַרשטומט. ער האָט נישט ליב זיך צו קאָכן, מאַכן ס׳גיהנום אין שטוב. ער איז געזעסן מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט, שווער ווי די פֿרענטן פֿון זיין קעלער. אין קאָפּ האָט אים פֿיבערדיק געקלאַפּט: ס׳אַ מלחמה... די פֿאַמיליע פֿאָדערט מסירת־נפש און בלינדקייט. ס׳איז אַן אייז־הייטל אויף אַ שטורעמדיקן טייך. ער, מאיר, קען נישט אויסדויערן אין אַזאַ פֿינצטערניש. ער איז שוואַך אויף צו פּרוּוון פֿון דאָס ניי.

פֿון הויף איז אַנגעקומען לאהלע. ער האָט זי איצט געזען אַן אונטער־געוואַקסענע. ער חשבונט: זי ענדיקט באַלד זיבן יאָר. ר׳נעמט זי אויף דער שויס, קושט איר דאָס קעפּל, גלעט דאָס העלדזל און פֿרעגט, צי זי בענקט נישט נאָכן טאַטאַ. דאָס קינד צעפֿראַלט נאָר די גלייך־שוואַרצע, פֿרעגנ־דיקע אויגן. זי קוקט פֿאַרשעמט אויפֿן פֿאָטער און ענטפֿערט נישט.

— ווו איז יאָשעלע? — פֿרעגט ער לאהלען.

— כ׳ווייס נישט. ער איז אַ לאָבוז, ער שלאָגט מיך.

— ביסט ברוגז מיטן ברודערל?

ס׳מיידעלע שווייגט.

מאיר רעדט דערנאָך אין שטוב אַריין:

— ס׳איז דאָ עפּעס צו טרינקען?

— צו נ׳ערשט עסט מען, דערנאָך טרינקט מען, — האָט רחל ברוגז אָפּגעענטפערט אויף איין שטוב אַריין.

— לאָז שוין זיין עפּעס צו עסן.

רחל איז געגאַנגען אין גאָרטן אַריין גרייטן צום טיש. מאיר האָט נישט געוואָלט אַזוי:

— כ׳גיי דאָך נישט עסן סעודת־פּורים. כ׳על נאָר עפּעס אַ כאַפּ־געבן.

— מילא, — האָט זי אַ קנאַק געגעבן מיט דער צונג אָן גומען — איז נישט. זאָל זיין ווי דו ווילסט.

אָפּגעגעסן אויף דער גיך אַן אָרעם־מאָלצייט פון ברויט מיט זויער־מילך (געפּרעגלטע אייער און קאַקאַאָ האָט ער נישט געוואָלט), האָט ער אַריינגעשטעקט די הענט אין די אַרבל פון רעקל, געזאָגט אין שטוב אַריין „אַ גוטע נאַכט" און איז געגאַנגען צום דאָרפישן וואָקזאַלעכל.

דער טאָג האָט זיך גענייגט צום פאַרגיין. אויף לאהלען, וועלכע האָט באַגלייט דעם פאָטער ביז אַרויס־פעלד, האָט זיך געגליטשט אַ קופּערנער אָפּגלאַנץ פון דער לעשנדיקער זון.

מאיר האָט איר נאָך אַמאָל אַ גלעט־געטאָן איבער די האָר, געקושט אין אַ בעקל אַריין און איז גיך אַוועק. גלייך ער וואָלט זיך בגוואַלד אָוועקגעריסן פונעם קינד, וואָס האָט מיט אומגעזעענע פעדעם אים געבונדן צו זיך.

XXII

אַ פּרוי קאָן נישט זיין איינזאַם

מאיר רויט האָט געהאַט ביטערע נעכט. ר׳האָט געליטן פון קאָשמאַרנע זעונגען, וואָס האָבן אים געשטיקט, אַריינגעלייגט אין שוואַרצע אַרונות, אַנגעטאָן אין סובות. צום מילדסטן זענען שוין געווען די נעכט, ווען רוצחים האָבן אים אַרויסגעשלעפּט פון שטוב, געבונדן מיט שטריק הענט און פיס און געקאַטעוועט מיט אייזנס און דרענגער, ביז ער איז געפאַלן אין חלשות. אַן אָפּגעגאָסענער פון אַנגסטן האָט ער מיט די לעצטע כוחות זיך אַרויס־

גערֹאַטעוועט פון די פײַנלעכע חלומות. אין דער פרי האָט ער זיך אויפגע־כאַפּט מיט אַ טשאַד אין קאָפּ. אין די אויערן האָט אים נאָך געהילכט אַ בילעריי פון הינט, וואָס האָבן אים פאַרפאָלגט אויך בייטאָג, געביסן פון אים שטיקער לייב, דורכגעריסן ס׳האַרץ, וואָס האָט געבלוטיקט, אָן אויפ־הער געטריפט מיט בלוט.

ער האָט דערין געזען שלעכטע סימנים, צייכנס, אַז גרוילן גייען נאָך אויף אים. די נשמה האָט אין אים געשרומפּן, שוואַרץ געוואָרן ווי דער פּעך, וואָס ליגט האַרט, פאַרשטויבט אין זיין קראָם. דער קאָפּ האָט אים כסדר געברוישט, געדאַנקען האָבן זיך איבער אים געקנוילט און ער האָט אַ פּאָדעם מיט אַ פּאָדעם נישט געקענט צוזאַמענבינדן. ס׳פּנים האָט אים געפלאַמט פון חרפּה פאַר זיך אַליין, וואָס ער איז געוואָרן אַ צעקראָכענע ייִדענע מיט אַ האַרץ ווי פון פּוטער. ר׳קאָן צו מאָל שוין נישט דערטראַכטן זיך, וואָס ער האָט צו טאָן. מוז זיין די פּאַקעלעס האָבן אים פאַרשטאָפּט די געהירן, — האָט ער זיך אַריינגעזאָגט.

גאַנצע טעג איז ער אין קעלער געזעסן ווי אַ שטיין, צו קיינעם נישט גערעדט. קונים האָבן זיך נישט אַריינגעוויזן. דער טומטום האָט געבערענגט ס׳מיטאָג און איז גיך אַוועק. וועלוול האָט אַפילו געפּרוווט אים פאַראינ־טערעסירן מיט דער גרויסער וועלט, געוויזן אים די צייטונג ווו מ׳שרייבט וועגן יאַפּאַנס חוצפּה אויפן ווייטן מזרח. מאירן איז עס אָבער נישט גע־קראָכן אין קאָפּ אַריין. ער האָט געהערט דעם פּעטערס מרוקעוואַטן ענט־פער:

— אַ דאגה, זאָל זיין מלחמה... מיר האָבן אַ קליינע דעה אין די זאַכן.

ערשט אַז ס׳איז געקומען דער דייטש גריזעל פון דאָרף קראַשין, ווו עס וווינט מאירס הויזגעזינד, האָט ביים שטריקהענדלער זיך צעעפנט דאָס מויל.

— גוט מויגן, הער ראָט! — האָט דער פויער מיט די קעצישע וואָנ־צעס אַ זאָג־געטאָן און אוועקגעלייגט די בייטש אויף אַ קופּע קלייען־קאָ־לירטע פּאַקעלעס, אויסגעמישטע מיט פּאַבריק־אָפּפאַל פון שנירלעך.

— מוי, מוי! — האָט מאיר דערלאַנגט דעם גוי אַ גרויסע האַריקע האַנט.

ביים ייִד האָבן אויפגעלויכטן די אויגן מיט אַ קינדישן גלאַנץ, גלייך דער גריזעל וואָלט אים דאָ אַהערגעבראַכט דאָס שלוהדיקע דאָרף מיטן בני־בית, פאַר וועלכן ער פילט אַזאַ האַרציקן צאַפּל.

— וואָס ווען זי ערצעלען, — האָט מאיר גערעדט דאָטש און האָט אָנגעשטעלט ס׳פּנים מיט נייגיר וואָס דער מענטש האָט אים צו זאָגן. — וואָס מאַכן מיינע לויטע?

— זער גוט. זי פּיטערן זיך אויסגעצייכנט...

— זאָו? איסט דאָך גוט!

— געוויס, עס איסט דאָך די געטלעכע נאַטור, — זאָגט דער יעקע. — דאַצו, הער ראָט, האָט אינע שענע פראַו ערפאָלג... איינע יונגערמאַן קאָמט אימער צו איר, זיצטע מיט איר יעדן אָבענד...

— זאָו... זאָו... איסט דאָך פיין... איינע פראַו, — לייגט דער ייד אַוועק ווערטער ווי די פויסטן, — איינע פראַו קאַן שטעטס ניכט איינזאַם זיין...

מאיר פּרוּווט פאַרענטפערן רחלען פאַרן יעקע, וועלכער רעדט מיט אַזאַ ערנסט פּנים. דער דייטש איז אָבער נקמה־דאָרשטיק. ער וויל, קענטיק, דעם ייד פון קעלער דערשטיקן מיט זיין צווייזדייטיקן כיטרע ווונק, מיט אַ שוש־קעדיקן צולאָג:

— יאָ, הער ראָט, דאָס איסט נאָך ניכטס דאָס שלימסטע. עס פּאַסירט, ליידער, עטוואָס שלימערס...

און דער רכילותדיקער גוי האָט דעם יודכיען אָפּגעלאָזן אַ סוד:

— מ׳האָט זיין ווייב, דעם הער ראָטס, געפּאַקט אין שייער מיט אַ פרעמדן. טאַקע מיט דעם זעלביקן, וועלכער קומט זי פאַרוויילן מיט שמועסן, מיט שפּאַצירן.

דער ערל האָט זיך געצלמט, אַז ס׳איז וואָר. ס׳האַרץ האָט אים נישט געלאָזט רוען, זאָגט ער, ביז ער ווּעט אים, דעם „פיינעם יודע", דערציילן, וואָס פאַר אַ ווייב ער האָט, — האָט ער אים דערלאַנגט אַ טאָרע ביים פאַר־חלשטן האַרץ מיט נאָך אַ פאַרסמטער פּיל.

— זי האָבען איין אירטום, פּאַן גריזעל. ס׳ניכט מיינע פראַו.

מאיר האָט זיך געכוחט אָנצוהאַלטן קאַלטקייט, גלייך ס׳וואָלט אים גע־ווען אַלץ איינס, וואָס ס׳ווייב זיינס ווערט באַשלאָפן פון אַן אַנדערן. אויפן פּנים האָט אים געגליווערט אַ געמאַכט שמייכעלע, פּונקט ווי עס וואָלט גע־קומען צו רייד וועגן עפּעס אַ ווייטלעכן, פרעמדן ענין. די אויגן, מאירס, האָבן טיף אַריינגעקוקט אין דעם פויער, געזוכט אין זיין מינע אַ באַשטעטי־קונג פון די ווערטער, וועלכע האָבן אים געבריט ווי קוילן, אַריינגעשאָסענע אין זיינע געדערעם אַריין.

— יאָ, יאָ, — האָט מאיר אָנגעשטעלט אַ גלייכגילטיקן טאָן, — זי האָבען איין אירטום. אַבער אַלגעמיינס זינט זאָו די פראַועןּ. איך האָב זי ני־מאָלס געגלאַובט...

די פויערישע צונג האָט נאָך אַ סך גערעדט, איבערגעפרעסן זיך מיט דעם יידנס ברענענדיקע ווייטיקן, נאָר צו מאירס אויערן זענען די רייד שוין נישט דערגאַנגען. די אויגן זענען אים אריינגעזונקען טיף אין די לעכער אַריין, זיין קערפּער איז געוואָרן שווער, ווי ער וואָלט פאַרשיכורט געוואָרן פון אַ זייער שטאַרקן טיי, וועגן וועלכן ער האָט תמיד געחלומט. ער האָט מורא געהאַט, מאיר רויט, ער זאָל נישט אומפאַלן פון דער שטאַרקער היץ, וואָס האָט אים אינערלעך באַשלאָגן: ר'האָט זיך אָבער געשטאַרקט, אַליין זיך געקניפּט, כדי צו דערוועקן די איינשלאָפנדיקע אברים. ס'איז אין אים גע־ווען וואָך דאָס באַוווּסטזיין אַז ס'איז אַ גליק, וואָס ר'האַלט זיך אויף די פיס, ער זעט דרייסט דעם דייטש גריזעל. זיינע אויערן האָבן נאָך פאַרנומען יע־נעמס אויסטערלישע ווערטער:

— די אַוסגעלאַסענע פראַו לעגט זיך מיט איינען קריפּעל אין זומפּף אַריין. גראַדע ווי איינע גאַסנפראַו...

ער האָט נאָך געזען דעם פויער אויפהייבן דעם בייטש־שטעקן פון די פּאַקעלעס און מאירס מויל האָט געמאַלעגיירעט אויף דאַטש:

— יאָ, יאָ, די פראַועןּ.

דערנאָך האָט ער שוין גאָרנישט מער געזען און געהערט. זיינע ערשטע ווייטיקן פון דעם גויס גרוס האָבן זיך אויפגעלייזט אין אַן אָנמעכטיקן דרימל, ווי אין אַ לאַנגן חלשות־פאַל.

*

נאָך דעם פויערס אַוועקגיין איז מאיר געוואָרן אַן איבערגעאַנדערשטער, נישט צו דערקענען. זיין שטיף שווייגן, דאָס האַמעטענע פּאַרגליווערטע זיצן אינעם שטריק־קרעמל איז פאַרביטן געוואָרן אויף אַ מאָדנער, אומהיימלעכער רירעוודיקייט. דער ייד איז באַוויגן געוואָרן פון זיינע נערוון, וועלכע האָבן אין אים קראַמפּהאַפט זיך צוזאַמענגעקנוילט ווי אין יסורים, וואָס לאָזן נישט איינזיצן און נישט איינליגן אויף אַן אָרט. אין דעם ענגן, פינצטערן קעלער, וואָס איז אין אמתן נאָר אַ גרוב מיט אַ טיר אין דעם רוישיקן ראָג אַריין, האָט ער, אַ גרויסער, אַ מעכטיקער, זיך געדרייט אַהין און צוריק ווי אַ הונגע־ריקער לייב אין דער קליאַטקע.

אין דעם מידן קאָפּ האָט זיך באַוויזן אַ געדאַנק, וועלכער האָט פון אים אַרויסגערעוועט מיט אַ פריש־דערוועקטער קראַפט:

— אַ סוף! אַ סוף וועט עס נעמען! מיך פירן ביי דער נאָז?

אויפן געלעגער האָט ער אַ גאַנצע נאַכט נישט צוגעמאַכט אַן אויג, בשום אופן נישט געקענט איינשלאָפן. ער האָט געקלערט וועגן רחלען און וועגן דעם, מיט וועלכן מ'האָט זי געפונען אין סטאָדאָלע. ווער קען עס זיין? וועמען האָט זי זיך אָפּגעקליבן, וועמען? ווי אַזאַלכענע האָט זיך דערטראַכט צו אַזוינס, און מסתם איז עס נישט פון היינט. אַזוינס טוט זיך נישט פלוצטאָלבן, ס'וואַקסט אויפן בוים פון די פרזערדיקע געמיינקייטן. אוי, אוי, זיין בלינדקייט!

XXIII

„דער טויט פון באַלעבאָס"

גלייך ווי נאָך אַ קרענק, האָט מאיר מיט פאַרנעפּלטע אויגן זיך אַרומגעקוקט איבערן קעלער. אויפן בליק אָפּגעשאַצט זיין פאַרמעגן און מיט אַ בליי־פענדל געשטעלט אותיות און ציפערן אויף אַ שטיקל טיטן־פּאַפּיר.

ער האָט עס געטאָן מיט אַ נערוועזיטעט, געשנופּט מיט דער נאָז, לאַנג נישט געקענט איינשטיין אויף אַן אָרט, אָבער ר'האָט עס געטאָן — אַלץ אויפגעשריבן, געמיספּרט, צוזאַמענגערעכנט.

„ס'בעסער מ'ציילט נישט, — פלעגט זאָגן די מאַמע עליה השלום — ס'קומט אָבער אַ צייט ווען דער מענטש מוז מאַכן אַ חשבון, — האָט עס ווי אַ טונקעלער ווינט זיך דורכגעטראָגן איבער זיין מוח — וואָס אַ מענטש איז אַלץ אונטערגעוואָרפן! גיי, ווייס אַז דיר וועט אַזוינס צוהאַנדן קומען, אוי־אוי! ערשט איז די צייט, מאיר, אַז דו זאָלסט מאַכן אַ שאַרפן שניט, אַפילו עס זאָל שטאַרק וויי טאָן. משטיינס געזאָגט: אויף וואָס די גאַנצע קאָקעמייקע האַלט זיך? אָט הייסט עס געלעבט און אָט־אָ ליגט די גאַנצע געביידע אַן איינגעפאַלענע, אין צעבראָכענע שפענער!"

דעם מענטש איז געוואָרן סכנהדיק ענג אין דעם טיפן, קאַלעמוטנעם

חלל; ס׳האָט אים אַרומגעכאַפּט אַן אַנגסטיקייט וואָס איז געווען אָן אַ נאָמען אין זיין צערודערטן זינען. וואָס טוט זיך מיט דיר, מאיר; ווהין ווערסטו זיך קערן, מאיר רויט, ווי אַזוי וועסטו זיך פֿאַרענטפערן פֿאַר לייט, ווען זיי וועלן דיך פֿרעגן?! ווי אַזוי קען אַ מענטש זיין אַזוי בלינד, שטאָק בלינד, יאָ, בלינד, נישט אַנדערש! — און דער גרויסער קעלער האָט אים געדריקט מיט זיינע שווערע ווענט, מיט די שפּיציק געהויקערטע קאַנטן פֿונעם סופֿיט. אויך דאָס ליכט פֿונעם עלעקטרע־פֿלאַם האָט אים געאַרט, זיך געשטויסן אויף אים. אַ לענגערע ווילע האָט ער געמוזט זיך אַראָפּלאָזן אויף אַ זאַק קאָנאָפּ־לעס, האַלטן זיך דעם שטערן אין אַן אונטערגעשפּאַרטער דלאָניע. דערנאָך האָט זיך פֿון אים נאָך אַרויסגעריסן אַ ברענענדיקער פֿאַראיבל אויף זיך:

— מיט וואָס מ׳קען אַלץ געפּרווט ווערן! נאָך נישט גענוג געגאַנגען אין חדר אַריין! אַצינד ווייסטו שוין, מאיר, וואָס דו ביסט ווערט? וועסט געדענקען, חמור־קאָפּ, ווי טייער ס׳קאָרן גילט. אַז די מאַמע האָט געזאָגט, דער טאַטע האָט געפּירט, איז געווען אַ שכל דערין... — שווער איז אים אָנגעקומען ס׳אויפֿהייבן זיך פֿון זיין אַנגעבויגנקייט און ר׳האָט געשפּירט די ליפּן טרוקן ווי אַ לעדער.

ווי קיין מאָל נישט זינט ער איז שטריקהענדלער, האָט מאיר רויט דער־נאָך זיך אַוועקגעשטעלט פֿאַרן געוועלב. מיט חידושדיקע אויגן געבליפּט אויף אַלץ אַרום זיך, ווי אין אַ פּריש־אָנטפּלעקטער שיין דערזען דעם ליכ־טיקן זומערדיקן טאָג און מיט אַ מאָדנע אָפּגעטויכט געמיט באַצייטנס פֿאַר־שלאָסן די קראָם.

— אַ סוף, אַ סוף זאָל עס נעמען! — האָט עס געזאָגט אין אים מיט אַ האַסטיק זידעניש און אין די אויגן געביסן. — גענוג מיטן גענאַרעניש, איכ׳ל נישט אַריינעסן אין זיך קיין סם. אָפּגעשניטן און אַ סוף. נאָר נישט קיין גע־טומל, קיין געשרייען. געענדיקט די אָפּעראַציע און פֿאַרנעם זיך אַהיים מיט דער ווונד און מיטן ווייטיק. ווער דאַרף וויסן דיין צרה, ווען גייסטו אַן, אָפּילו ווען דיך איז באַפֿאַלן אַ וויסטע קרענק נישט אויסצוהיילן!

אין שטוב האָט ער אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך די קלעפּיקע מלבושים, וואָס ער טראָגט אין קעלער צווישן פֿעד און פּאַקעלעס, אָנגעטאָן דעם יומטובדיקן סאַק מיטן היטל מיט די גלייכע ראַנדן און איז אַוועק אין גאַס אַריין. ס׳איז נאָך העלער טאָג, ווען ער נאָך באַוויזן, — האָט ער זיך געמינטערט. מאיר רויט האָט זיך געדרייט צווישן בראָנזשיסטן, מענטשן וואָס זענען מיט לייב

און לעבן אַריינגעטאָן אין שטריק־מיסחר, אין בייטשן־שטעקנס, קאַנאַפּלע־געדרייטע לייצן און פּעך; אומעטום געטאַפּט דעם דופק ווי עס האַלט מיטן מקח פון כלערליי אַרטיקלען. אַצינד ווייס ער שוין וואָס ער האָט. זיכער, ס'אַ שלעכט געשעפט, אויב מ'מוז אין מיטן דערינען אַוועקגיין דערפון, אַוודאי, מאיר רויט קען נישט אַנדערש. פאַרפאַלן, — האָט ער ווידער גע־חשבונט. מ'מוז אָפּשניידן. דערנאָך איז ער אַרויסגעפאָרן אין דאָרף אַריין. ר'וועט זיך אפשר אַ ביסל אויסווינטלען דעם קאָפּ. אָסור, ר'עט זיך נישט אָפּעסן ס'האַרץ. מיט „איר" האָט ער פאַרענדיקט. ווייטער זאָל אויף אַלץ קומען אַ מהומה. פאַרשפּילט אַ יאַרמאַרק — האָט אים פון דעסטוועגן געריסן דער אומרו.

און ר'איז טאַקע געפאָרן.

רחל האָט זיך געחידושט:

— האַ, מאיר? וואָס איז געשען. עפּעס מיט אַ מאָל. חלילה נישט עפּעס אויסטערלישס? דערצייל מיר, — איז זי צו אים צוגעשטאַנען.

— ס'אי' גאָרנישט... וואָס, דער גאַסט איז דיר נישט ליב? ער וועט סיי ווי דיר נישט אָפּעסן די ביינער.

— שטעכעלירסט מיך, מאיר? איך האָב דיך שוין אַזוי אויסגעהונגערט אַז...

זי האָט נישט פאַרענדיקט, נישט געוואָלט באַליידיקן דעם מאַן, וועל־כער איז מן־הסתם אהער געקומען צוליב אַ וויכטיקער זאַך. זי 'עט שוין הערן. אַז אַ מענטש רייסט זיך אָפּ פון דער פּרנסה אין מיטן־דערינען, קומט אומיסטן אין דאָרף אַריין אין אַ פּראָסטן מיטוואָך, מוז עפּעס זיין! — האָט ס'ווייב געפּרוווט טרעפן די סיבה פון אָט־דער אומגעריכטקייט מאירלס.

— דערצייל־זשע וואָס ס'איז געשען אַזוינס. ציסט מיר אויס ס'האַרץ.

— איז איר שוין געוועזן ניחא ס'בעטן זיך ביי אים.

ער האָט אָנגעהויבן פּינטלען מיט די אויגן. אומגערן געקוקט איר אין פּנים אַריין, געזען זי נעמט אויף זיך זון, פרישקייט און מסתמא פּודן גע־זונט (האָט עס אין אים אַ צישע געטאָן, אָבער ר'האָט פאַרביסן אין זיך דעם געדאַנק), אָבער רעדן האָט זיך אים נישט געוואָלט. זאָל זי וואַרטן! נאָר אַז זי איז נישט אָפּגעטראָטן, האָט ער געענטפערט:

— ס'איז גאָרנישט געשען, רחל. כ'בין געוואָרן שטאַרק אומרואיק אי־בער לאהלען. ווייסט'עד, דער חלום איז אַ נאַר, פּירט ער אַ מאָל. שוין אַ

פּאָר נעכט ווי כ׳קען נישט שלאָפן. רק ס׳חלומט מיר אַז ס׳קינד איז קראַנק, ס׳קינד איז אַוועקגעפאַלן — נישט געשען זאָל עס! — און מ׳וואָרנט מיך, איך זאָל זי תיכף נעמען היילן. כ׳האָב שוין בלאָע פלעקן אויפן לייב פון די קנייפּן וואָס איך קריג אין חלום.

— יענע קומט דיר צו חלום? — איז רחל פּלוצלינג געוואָרן גיפטיק מיט איר געלאָסן צינגל.

— נישט דיין עסק! — האָט ער אָפּגעשניטן און זיך אַוועקגעדרייט פון איר.

— אַז ס׳איז כומע, קענסטו זאָגן. כ׳בין נישט אייפערזיכטיק. כ׳על נישט האָבן קיין טענה צו אַ טויטער, — איז זי נישט אָפּגעשטאַנען.

— האַלט ס׳פּיסק! שט׳דיין עסק!

רחל איז געווען באַליידיקט. ס׳ערשטע מאָל זינט זי איז מיט מאירן, איז ער אַצינד איר גראָב פאַרגעקומען. ר׳איז געקומען אַן אָנגעדראָדלטער, לאָזט ער אויס צו מיר, — האָט זי אַ בורטשע געטאָן, זיך אַנידערגעזעצט אָן אַ זייט און זיך צעהעשעט.

אַנטוואָפנט פון דעם ווייבס געוויין, וואָס האָט אים ווי געטאָן מחמת ער איז די סיבה פון די טרערן, איז מאיר אַ היפּשע ווילע געשטאַנען מבולבל און לחלוטין נישט באַנומען דעם אַרום. צו וואָס אייגנטלעך האָבן זיי זיך אַרויסגעלייגט אין דאָרף אַריין, — האָט עס אין אים אַ שטורעם געטאָן — קליין צו זיצן אַלע אין שטאָט ווי זיין טאַטע און דעם טאַטנס טאַטע זענען געזעסן אין דער היים און נישט גיין זיך זוכן תענוגים. מיט אַ מאָל שוואַך געוואָרן אין דער היץ, די איידעלע לייט. יענע, הייסט עס, די מאַמע, די מו־מעס, די פעטערס און די געשוועסטער־קינדער זענען געווען גראָב און איי־זנשטאַרק, האָבן נישט באַדאַרפט קיין פרישע לופט. אַ פאַרפאַלעניש ז׳גע־קומען אויף מיין קאָפּ. בייטיק מיטן לעבן באַדאַרפט לויפן ברעכן הענט און פיס אויף צו געבן פאַרגעניגנס אַזאַ געמיין שטיק. כומעלע איז זיך נעבעך אויסגעשטאַנען יסורים און פון קאַ׳ פרישע לופט אַפילו נישט איבערגערעדט. אַצינד האָסטו דיר! — — — מאיר האָט אין גאַנצן אויפגעצאַפּלט אין אַ דינעם קאַלטן ציטער. אַצינד ווײנט זי אויף זיין קאָפּ! אין די געהירן האָט׳ן גערוישט, געהילכט, גלייך אַן אומגעזעענער כוח וואָלט מיט אים געוועל־טיקט, אַרויסגעטרייסלט פון אים די וואָר. ווען ער האָט זיך אויסגעטשוכעט

פון דער אָנמאַכט, וואָס איז אים באַפאַלן אומגעריכט, האָט ער געזאָגט אין אין שטוב אַריין ווי ער וואָלט זיך פאַרענטפערט פאַר זיך אַליין:

— איך בין דאָך געקומען נאָך לאהלען. מ׳האָט טענות צו מיר. טאַקע, וואָס שטיי איך דאָ?

דער מענטש האָט זיך באַוועגט לעפיש, געטראָטן מיט שווערע גרויסע טריט, געקוקט און ווי נישט געזען רחלען. ענדלעך האָט ער זיך דערקליבן צו לאהלען, זיך אָנגעבויגן צו איר, גענומען זי אויף דער האַנט, זיך איינגע־קוקט אין פנימל:

— וועסט גיין מיטן טאַטן, מיידעלע? — האָט ער גערעדט צום קינד — ס׳טוט עפּעס ווי, לאהשי? דער טאַטע איז אַ שלעכטער, ר׳נעמט זיך נישט קאָ׳ צאַאָט אויסצושמועסן מיטן טעכטערל. נישט שיין, ס׳וואָר? זאָג, זאָג, לאהלע.

ער האָט זיך געמאַכט אַ לב, כלומרשט נישט געוואָלט געדענקען אינעם אויפברויז וואָס האָט־אָ אויסגעשאָסן דאָ ווי אַ פלאַם. רק זיך איינגעקוקט אינעם קליינעם מיידעלע, געצערטלט עס. „זי״ האָט ער נישט געזען, גאָר־נישט מער געפרעגט. פּאַמעלעך געשפּאַנט איבער דער פריש געוואַשענער, ווייס געהובלטער פּאָדלאָגע און געבליקט אויף די ווענט, אויף די שטובזאַכן. שפּעטער, אַז האָט ער אַרויסגעפירט דאָס טעכטערל פון דער דאָרפישער שטוב, האָט ער צוגעוואָרפן דער וואָס איז געשטאַנען און געקוקט און גע־שטומט:

— אַז מ׳מוז האָבן אַ דאָקטער, העלפט גאָרנישט. מ׳טאָר נישט פאַר־וואָרלאָזן אַ קינד. אַ קרענק בויט זיך ווי אַ הויז — — —

ר׳איז אַוועק און דעם ווייב צו מאָל נישט געזאָגט אַ גוטן טאָג.

אויפן וועג צום קליינעם דאָרפישן וואָקזאַלעכל האָט ער לאהלען גע־טראָגן אויף דער האַנט, ווי אַ פיצל קינד. דערנאָך האָט ער זי גענומען „קאָ־פּעטשעלע״. אויף דער באַן האָט ער זי געגלעט, גלייך ער וואָלט מיטן צערט־לעכן האַנט־באַריר געוואָלט אָפּווישן דעם קינדס ווייטיקן וואָס האָבן פאַררע־טעריש אויפגעטויכט אויף איר פנימל. ער האָט גערעדט צו זיך מיט אַ גע־דעמפּט קול: „ווי בלאַס דאָס איז! אַ וואַזשנער טאַטע בין איך״. דער מענטש האָט דערויף אַריינגעווײנט אין זיך, באַלד שטיל און טיף אַריינגעשלוקערצט אין זיך אַן אומגעריכטע פרייד מתוך געוויין, אַקוראַט ר׳וואָלט ערשט אָפּגע־טאָן אַ לעבנס־זאַך. עס האָט זיך אין אים שאַרף דורכגעגריבלט אַן אומקלאָר

הייס טראַכטן, וואָס שטרויכלט זיך אָן עפּעס גורלדיקס. אין דער קליינער לאַהלען האָט ער בשעת־מעשה נישט אויפגעהערט אַריינצושושקען, אַריינצו־רעדן ווי אין אַזוינס וואָס איז אַ נאַס', אָן אויף טויט איבערגעשראָקנס אָט־אָט אַרויסגעראַטעוועט געוואָרן פון אַ טייך, ווו ס'האָט זיך געטרונקען. אין דעם זיבניאָריקן מיידעלע האָט דער מגושמדיקער ייִד אַריינגערעדט מיט פריידיקע אויגן ווי אין אַ געליבטער, וועלכע מ'גנבעט אַרויס ביי נאַכט פון איינגעעקשנטע טאַטע־מאַמע, און מ'אַנטלויפט מיט איר צו אַן אויסגעחלומטן ווינקל.

...דער טומטום האָט זיך דערשראָקן, ווען ר'האָט פלוצלינג געזען לאַה־לען אין דער בוידעמדיקער היים מיט די שווער־אָפּעטעמענדיקע בעלקעס. לאַהלע אין שטאָט? ווי קומט עס — אין אַזעלכע חמימות! מאיר האָט אים מיט אַ פינגער אויפן מויל געגעבן אָנצוהערן ער זאָל שווייגן.

— משה־יאַנקל, רעד גאָרנישט, — האָט ער דערנאָך אים צוגעוואָרפן — ס'קינד איז אין דאָרף איבערגעשראָקן געוואָרן פון עפּעס...

אויפן אויער האָט ער נאָך איינגערוימט דעם ווייבערישן שוואָגער:

— כ'האָב זי געבראַכט צום דאָקטער. מ'זאָל'ס דערלעבן אין דער פרי 'עט מע דאַרפן גיין זיך פרעגן. אין פוסטן פעלד איז טאַקיש אַ שרעק, משה־יאַנקל, — און אין פאַרטראַכטקייט געפינטלט מיט די שוואַרצע גליאיקע אויגן.

מאיר האָט באַציטנס געלייגט ס'טעכטערל שלאָפן נעבן זיך. בכלל האָט די דאָזיקע נאַכט זיך געשטעלט פרי אונטער דעם קרומען פולאָפּ. אַ גאַנצע נאַכט האָט דער טאַטע אַריינגעוויספּערט אין דעם שלאָפנדיקן מיידעלע:

— מיין אָרעמס, מיין גאָלדענער קאָפּ, ביסט נעבעך אָן אַ מאַמע... דער טאַטע האָט דיך געלאָזט אויף הפקר. ער וועט שוין אויף דיר מער אַכטונג געבן, לאַהשי.

אין דער פינצטערניש האָט אים דורכגעשטאָכן דעם קינדס קראַנקהאָפּ־טיקע בלאַסקייט, וואָס האָט געלויכטן ווי פּאַפּיר אונטער ווינטערדיקער לבנה־שיין.

מאיר האָט נישט צוגעטאָן קיין אויג, זיך צוגעהערט צום מיידעלעס שוואַכן, קורצן עטעמען. ער האָט געציילט די שעהען וואָס דער זייגער ביים שיפּן פולאָפּ כריפּעט אויס אין דער טשאַטעוועדיקער שטילקייט, וועלכע

הויערט נאַכטיש אונטערן פענצטער ווי אַ צוק־חיה, זשעדנע נאָך לעבעדיק בלוט.

— נישט לאַנג — נאָך אַ שעה, נאָך אַ שעה און ס׳עט נעמען טאָגן, — האָט דער מוח געוואַכט איבער מאירס שטיל־אויפגעשטורעמטער מחשבה. — ווי לאַנג קען דען אַ מענטש זיך האַלטן איבער אַ קופּע מיסט, איבער אַ פוי־לעכץ וואָס יערט, ווערגט? — —

*

אין שטוינענדיקן באַגינען איז פאַרן קעלער־געוועלב פון אַלטשטאָטישן שטריק־הענדלער צוגעפאָרן אַ וואָגן, אויף וועלכן ס׳זענען אַרויפגעוואָרפן געוואָרן די גאָרע אינגעווייד פון מאיר רויטס געשעפט. אין פאַרבונדענע זעק וואָס האָבן מחמת זייער געפּאַקטקייט אויסגעזעהן ווי בלאָטיק־אויסגענורעטע חזירים, און טאַקע מיט אַרויסשטאַרטשנדיקע אויערן, האָט מאירס סחורה געפונען אַ תיקון אין סקלאַד פון איינעם וואָס קוקט אויס אויף אַזעלכענע וואָס דער קאָפּ טוט זיי וויי.

ער האָט זיך געאײַלט צו פאַרקויפן, צו פטרן אַלצדינג, וואָס קען אים צובינדן צום ביז־איצטיקן, דעם מאירן פונעם שטריק־קעלער — „אַבי נעלם צו ווערן פון זיך״. ער האָט דערפון כסדר געטראַכט אין נערוועזקייט, גע־ביסן זיך די ליפּן, געכעסט זיך אויף זיין בלינדקייט. „געמיינט ס׳אַ מלאך, דערווייל איז עס אַ פאַרשלומפּערטער, אַ קוויטיקער גלח, טפוי!״ — און אין שיכרות פון אַ פרייד וואָס האָט אים פאַרקוועטשט ס׳האַרץ האָט ער זיך צוגעקוקט ווי מ׳רוימט אויס ביזן לעצטן דעם קעלער אין וועלכן ער האָט טייל מאָל זיך געפילט ווי אַן אַריינגעוואַקסענער אין אים, גליקלעך אַריינ־געוואַקסן פון וועגן דעם ביסל מנוחה צו וועלכער דער מענטש שפּאַרט זיך.

ווען דער וואָגן האָט מיט אַ גרילץ זיך אָוועקגעקאָלערט אין דער פאַר־טאָגיקער שטילקייט אַריין, איז מאיר רויט איינער אַליין געבליבן שטיין אין קעלער — אַן אויסגעליידיקטער. ס׳איז געווען אַזאַ מין געליימטקייט פון וועלכער ער האָט זיך קוים־קוים אַרויסגעהויבן.

— אַזוי האָט עס זיך אָנגעהויבן — איז אַ מחשבה אים געקראַכן אין קאָפּ ווי אַ מילב, — און אַזוי ענדיקט עס זיך. דער קעלער איז געווען ליידיק און ער איז געבליבן אויסגעלערט. מיט מאיר בן מינדל איז עס אָבער קאַ־פּויער: דער מענטש איז אַריינגעקומען אַהער מיט אַ האַרץ פול גלויבן, אַצינד איז ער — — — ס׳איז געשען אַ בראָך, זאָל עס בלוטיקן, אָבער די צוקו־

קערס זאָלן נישט וויסן פון זייערע הענט־און־פיס. נישטאָאָאָ! אָט שוין לויפן, פאַרשווינדן אָן אַ צייכן, אָן אַ שפור. סוחרים מעגן באַנקראָטירן, קען אַ מענטש זיך אויך איינברעכן. מאיר רויט האָט פאַרשפּילט, פאַרלוירן. זאָל סענדער סמאָלעק זוכן אָן אַנדערן בעלן פאַר דער גרוב, אין וועלכער איי־נער איז שוין באַגראָבן געוואָרן. פאַן סמאָלעק האָט כוח, ער קען...

מאירן האָט אַ דושע געטאָן אַ ספּאַזם. ער האָט אַראָפּגעלאָזן די הענט, נישט געוווּסט אין דער רגע דורך וואַנען אַרויסצוגיין פון קעלער, פון וואַנען אים וואָלט זיך וועלן אַנטלויפן ווי פון אַ שריפה. אָט שוין נעלם ווערן, אָן אַ סימן, אָן אַ שליאַד.

אָבער אַנטקעגן אים, אויפן לאַנגן קאַסטן וואָס האָט געדינט פאַרן קראָמ־טיש האָט, אַ געהאָרבעטע, אָן אויסטערליש דערשטוינטע זיך אַוועקגעשטעלט די איבערגעוועקטע, שוואַרץ־געפלעקטע קאַץ, וועלכע האָט זיך אַלע יאָרן גע־האָדעוועט ביי מאירן אין קעלער. מיט פרעגנדיקע שטאַר־גרינע אויגן, ווי אומצייטיקע אַגרעס, האָט דאָס באַשעפעניש פויל געקוקט אויפן באַלעבאָס. דער באַלעבאָס האָט צוריקגעקוקט אויף דער קאַץ און ר׳האָט נישט באַנומען וואָס צו טאָן מיט זיך און וואָס צו טאָן מיט דער קאַץ: אַ ירושה עמעצן לאָזן פונעם סוחר אויפן דאַג אָדער זי אַרויסטרייבן, אָדער... או, ס׳איז אַ מיאוסער פגר. ס׳וואָלט רעכט געווען צו נעמען זי אַזוי־אָ און לאָזן זי ווי אַ לערנונג פאַר די וואָס וועלן זי דאָ געפינען. — עס האָט זיך צעשטורעמט אין אים דער געדאַנק, די ווילדע המצאה: לאָזן זי דאָ ווי אַן אויסלייזונג פאַר מיר, פאַר לאהלען, אַנישט וואָלט איך באַדאַרפט אַזוי... ניין, ער באַשטייט נישט דערויף, מאיר, — די שלייפן האָבן אים געהאַקט ווי אַ לאָדן אין שאַרפן ווינט, געהאַקט און אָנגעפינצטערט זיינע אויגן, אָבער באַלד האָט ער זיך צעקווענקלט: נישט רעכט פון דיר, מאיר — וועסט זי אַרויסלאָזן אויף הפקר, וועסט זי מוזן טרייבן. זעסט׳עך, זי׳ט נישט גיין, די נאַרישע חיה. איז לאָזן זי אַזוי, אַ פאַרשלאָסענע, זי זאָל מיט אַ גוואַלדגעשריי אַליאַרמירן די גאַס? עך, צו וואָס זאָלן מענטשן אויפרייסן די אויגן: דאָ וווינט דאָך דער שטריק־הענדלער! ווו איז אַהין געקומען דער שטריק־הענדלער, דער ייִד מיטן שוואַרצן קמצל אויף דער גאָמבע? מ׳עט׳ן גיין זוכן, ר׳עט זיין אין מענטשנס מיילער. ס׳איז גלייכער מ׳זאָל אים פאַרגעסן!

אין דעם האָט ער זיך דערמאָנט, מאיר: דאָס באַשעפעניש פלעגט אים

טייל מאָל אויסלעקן די וואָנצעס און שטערן אינעם דרימל, וואָס איז אים באַפאַלן אין קראָם, ווען ס׳האָט זיך נישט געוויזן קיין לייזונג.

— האַ, מיאַו, וואָס וועט אַצינד זיין מיט אונדז? — האָט ער מיט אַ מאָל זיך דערנענטערט צום אויסגעפּאַשעטן באַשעפעניש, מיט וועלכן ער האָט געהויזט יאָרן־לאַנג. — מיאַו, ביסט אַ גוט קעצל. כ׳בין דיר מוחל אַ סך בייזס וואָס דו האָסט מיך פאַרשאַפט. אמת, דו האָסט מיר נישט איין מאָל אַן עוולה געטאָן, געקראָכן מיט דער מאָרדע גלייך מיר צום מויל, איבערגעוועקט פון אַ זיסן דרימל. —

זיינע ברעמען האָבן נערוועז געציטערט, די הענט האָבן געציטערט אין פּלוצלינגער שרעק.

„ס׳עט דיר גאָרנישט געשען, קעצל. ס׳עט דיר וויל זיין", — האָט דער געדאַנק זיך געגליטשט אין באַוווסטזיין, אומגעריכט אַ פאַרנעפּלטער. מאיר האָט זיך אָבער גיך אַרויסגעריסן פון דער־אַ מטושטשער שפּירונג און ר׳איז געוואָרן אין כעס אויף זיך, הלמאי ער איז אַזוי נאַריש. אַ קאַץ, — האָט ער זיך אויסגעמוסרט — איז אים אויך אַ דאגה! ערשט האָט אים ווי געטאָן הלמאי ער לאָזט צו זיך צו אַ יאוש:

— ס׳איז נישטאָ ווער ס׳זאָל דיך פאַרשטיין צו מאָל! ביסט אַ לעקיש!

און זיך אויסגעצויגן ווי ער וואָלט זיך פאַרענטפערט פאַר זיך אַליין.

און ער האָט געגומען גלעטן די קאַץ, גלייך ר׳וואָלט זיך געשלאָגן מיט דער דעה ווי אַזוי ער זאָל זיך צעשיידן מיט הויז אויף ראָג אַלטשטאָט, ווי אַזוי זיך געזעגענען מיט דעם באַשעפעניש. מיט רחמנות און מיט אַ געפיל פון עקל צו דער קאַץ, וועלכע איז בטבע אַ פאַלשע, האָט ער זי שוין האָס־טיקער געגלעט, געמאַכט צו איר מיט די ליפּן, ווי ר׳וואָלט צו איר גערעדט, איבערגעבעטן זי פאַרן בייז וואָס ס׳האָט אין דער רגע געצייטיקט אין אים דווקא קעגן איר און — — — ר׳האָט געוואָלט אַרויפוואַרפן איר אויפן האַלדז אַ שטריק, אַ באַמבלדיקע אין אַ פעטליע אויפן נידעריקן סופיט. ס׳זענען ווילד געוואָרן מאירס אויגן אין אָט־דער רגע — ר׳עט ענטפּערן מיט רשעות אויפן רשעות פון די מענטשן, וואָס קענען עפּעס נישט זיין ער־לעך, בשום אופן נישט ערלעך. — האָט עס געגעשט אין אים; די הענט האָבן זיך אים צעציטערט, די ציין אין מויל זיך צעקלונגען און — ר׳האָט דאָס באַשעפעניש, אַ צונויפגעקאָרטשעטס פון אָפּגעפילטער סכנה, אַ שטויס גע־טאָן מיטן פוס; אָנגעפּאַקט עס מיט פאַרקראַמפּטע פינגער ביים קאַרק, די

פעל האָט זיך געוואָרפן, געשטאָכן זיין הויט און — מיט רוגזה עס אַרויס־געוואָרפן אין דרויסן, אין גאַס אַריין, דורך אַ קליינער טיר־שפּאַרע אַרויסגע־שליידערט: — גיי! און ס׳האַרץ האָט זיך צעפּויקט, אַזש די אויגן זענען אים פאַרלאָפן מיט אַ הייסער, בייסיקער פּאַרע.

ער האָט נישט געוווסט אַז ר׳האָט זיך אַראָפּגעזעצט אויפן שטיינערנעם טרעפּל פון קעלער וואָס אין דורכויסיקער, דושנער פינצטערניש. אויפגע־וואַכט דערנאָך פון דער פיינלעכער פאַרגעסעניש, האָט ער געשפּירט אַזוי גלייך מ׳וואָלט אים געשמיסן מיט גליאיקע ריטער: „מאיר! מאיר!״ דערויף איז ער געשווינד אַרויסגעלאָפן פונעם קעלער און מיט צעפּיבערטע פינגער אָנגעלייגט אַ שלאָס אויף די גרין־געפּאַרבטע טירן. פאַרשלאָסן און אוועקגע־איילט. „זאָל מע מיך נישט זוכן. זאָל מע מיינען אַ מענטש איז משוגע געוואָרן! זאָל מע טראַכטן מי־יודע וואָס״.

— — — — — — — — — — — — — —

שפּעטער, ווען מענטשן זענען פאַרבייגעגאַנגען דעם קעלער פונעם שטריק־הענדלער מאיר רויט, האָבן זיי אויף די פאַרמאַכטע טירן געפונען אַ פרישׂ אויפגעקלעפּט צעטעלע מיט אַן אויפשריפט:

„צוליבן טויט פון באַלעבאָס איז דאָס געשעפט געשלאָסן״.

דער טומטום האָט מיט חידושות איבערגעלייענט דאָס ווייסע בלעטל אויף דער קראָמטיר, וואָס שטייט אין מיטן העלן טאָג אַ פאַרמאַכטע, ווי מיט אַן ארויסגעשטעקטער צונג צו די קונים וואָס קומען אייליק זוכן אַ ציימל, אַ שטריק, אַ פּאַווראָזלע פאַר אַ קו. „לייט איילן זיך, — האָט דער טומטום געלעקט די פאַרטריקנטע געזאַלצענע ליפּן — און מיין סוחר האָט צייט זיך אַרומצושליאָנדערן!״ אַ צעטומלטער, פול שטרויכלונג אין זיין טראַכטן און אין טראָט האָט משה־יאַנקל שווער זיך צוריק געדרייט אינעם שאָטנדיקן טויער אַריין. אויף די שטיגן האָט ער אַ פּאָר מאָל איבערגעחזרט:

— ס׳אַר אַ שפּיצל מ׳האָט׳ן אָפּגעטאָן, דעם מאירן. גרינגע קעפּ אין שטאָט!... טפוי זאָלן זיי ווערן פאַר אַזעלכע שקאָצערייען.

אָבער ער האָט אין איין וועגס איבערגעקלערט, משה־יאַנקל, הלמאַי דער מענטש „פּאַזוואָליעט״ זיך אַזוי לאַנג צו זיצן מיט לאהלען ביים דאָק־טער און צו האַלטן פאַרשלאָסן אַ געשעפט אין אַ פּראָסטן וואָכעדיקן טאָג. איי, איי, ר׳האָט דען נישט געקענט אויסשיקעווען אַנדערש? און רחלע זאָל

געזונט זייַן וואָלט עס דעם געטאָן אַרגער? נישקשה, ר׳וואָלט זיך געמעגט מער פאַרלאָזן אויף זיין ווייב!

...אינעווייניק, אין פוסטן קעלער האָט דאָס פאַרבליבענע לעצטע מיאָונ־טשען פון דער געפלעקטער שוואַרצער קאַץ נאָך לאַנג זיך געבאָמבלט אין חלל. אין דער קילער פינצטערניש פון דעם אונטערערדישן אויסהויל, האָט מאיר רויט ראַפּטעם, ממש מיט אַ להכעיס קעגן זיך אַליין, איבערגעריסן זיין וועג צו דער ה יי ם, וועלכע ער האָט געבויט נאָך זיין נחמהס טויט.

XXIV

אַ מענטש ווערט נעלם

אַז מאיר איז דערנאָך צוריק געקומען אין דער בוידעם־שטוב אַריין, אָן לאהלען געקומען, האָט ער געטראָפן משה־יאַנקלען אַ מאָטן, אין זומער־דיקער שפעט־טאָגיקער דעריאַכמערטקייט וואָס גליט מיט קלעפּיקע, שוואַר־צע רונצלען אויפן סמאָלע־דאַך און דעכעט שטויביק אויף פון די זון־אָנ־געהיצטע ציגלווענט. ער איז געזעסן, דער אַלטער, אין שטומקייט, און גע־קייעט די צונג. דערזען דעם שוואָגער, האָט דער טומטום זיך איבערגעוועקט פון שמאָך:

— יאָ, יונגערמאַן! ביסט אויף אָן אמת פאַרפאַלן געוואָרן, זע איך. אַזאַ לאַנגער טאָג! פששש, אַ גרויז־ויסע שטאָט דאָאָן שטאָט. מאָדנע, און אויף אַ גאַנצענעם טאָג געהאַלטן פאַרשלאָסן ס׳געוועלב. — דער טומטום האָט פויל געשאָקלט מיטן שיטער־באַוואַקסענעם קאָפּ, פאַמעלעך זיך אויסגע־טשוכעט פון דער פאַרשמאַכטקייט. דערנאָך האָט ער זיך פאַוואָליע אויפגע־שטעלט פונעם נידעריקן בענקל און ס׳האָט זיך מיטגעוויגט זיין ברייט־אַראָפּהענגענדיקער אַרבע־כנפות. דאָס צעיוירענע פנים האָט זיך זקניש גע־שאָטנט און דער שריט געוואַקלט. — באַדאַרפסט זיין גוט הונגעריק פאַר אַזאַ טאָג, האַ, שוואָגערל? — און שוואַכזיכטיק געקוקט צו מאירן. ס׳ווערט אַ תל פונעם מענטש אין אַזאַ טאָג, אויב ר׳דאַרף זיך אַרומשלייען אין

דרויסן. אָקערשט וועלן מיר צוגרייטן עפּעס אין מויל אַריין, מאירל. וועסט זיך ס'האַרץ דערקוויקן. אין אַזאַ לאַנג־אַנגן טאָג אַנטגייט ס'האַרץ מערערע מאָל, כ'האָב געטראָפן? — נייגעריק געקוקט אויף אים, געקוועטשט מיט די אויגן וואָס אָן קאָליר, אָן לעבן, נייערט ווי פאַרשרומפּענע שאָלן פון אויסגערונענע טרויבן קוקן זיי. מאיר האָט נישט פאַרטראָגן דעם־אָ בליק און אַוועקגעדרייט זיך פון אים.

— זיי זיך נישט מטריח, משה־יאַנקל. מע דאַרף נישט.

— וואָס איז געשען, יונגערמאַן? — האָט דער אַלטער זיך שוין געכאַפּט אויפן שוואָגערס נישט־ניחאדיקייט. — כ'האָב באַלד דערשפּירט עפּעס דאָסיקס. דערצייל, בחורל, — און זיך דערנענטערט צו אים. — יאָ, און לאהלען ווו האָסטו געלאָזן? ווער'ט אויף איר אַכטונג געבן? סיידן דו ביסט שוין געווען אין דרויסן, אין קראַשין. דערצייל, כ'גיי אויס צו וויסן וואָס פאַר אַ טאָג דו האָסט היינט געהאַט. — זיינע רייד האָבן אָפּגעציטערט און די הענט האָבן זיך באַוועגט אין בפירושער אוממאַכטיקייט — חלילה עפּעס נישט פריילעכס, מאירל? באַהאַלט נישט. זאָג דעם אמת. כ'בין דיר אַן אייגענער.

— וואָס דיר זאָגן, משה־יאַנקל? נישטאָ וואָס צו זאָגן, — און מאיר האָט שווער זיך אַראָפּגעלאָזן אויף אַ שטול נעבן טיש, אַראָפּגעהאָנגען דעם בליק צו דער פּוסטקייט וואָס האָט אָט־אָ זיך געשפּרייט אַרום אים.

מאיר האָט דערנאָך האַרט געשוויגן.

איבער דער שטוב האָט דעמאָלט זיך אַראָפּגעזעצט אַ נישט געדאַכטע כמאַרנעקייט וואָס האָט געדריקט ווי אַ פּויסט אויפן גאָרגל, זיך געלייגט איבער דער ברוסט.

אַז ס'איז געוואָרן גוט טונקל, האָט מאיר אומגעריכט זיך געוואָרפן אויף די איינגעוואַלגערטע מעבלשטיקער; מיט האַסטיקייט האָט ער גענומען רירן פון אָרט אַ שאַפּע וואָס איז יאָרן־לאַנג געשטאַנען אויף אַן אָרט ווי אָנגעמויערט, צעלייגט אַ בעט אויף טיילן, טויטע זאַכן געמאַכט פון אַלץ וואָס האָט פון דער שטוב געמאַכט אַ לעבעדיקע היים. אויך אַ קינדער־בעטל האָט ער אָפּגערוקט פון אָרט, אַ קלענערן טיש צוגערוקט נאָענט צו דער טיר, געגראַבלט זיך אין דער וועש, אַרויסגעוואָרפן גאַנצע שטויסן צונויפגעלייגטע, געפּרעסטע שטיקלעך ווייסוואַרג, אין אַ ציך עס אַריינגעוואָרפן;

אין אַ ליילעך איינגעבונדן אַ ביסל בעטגעוואַנט, געקלונגען אויף צווישן די טעפּ, צווישן די טעלערס.

אַ דערוועקטער ווי פון אַ ווייטיקלעכן אָנפאַל, איז דער טומטום גע־שטאַנען איבער דעם־אָ צעפּענטעטן שטורעם און נישט דערוועגט זיך צו פרעגן:

— אַ, מאיר, יונגערמאַן?

אמת, די אַלטע בלאַסע ליפּן האָבן זיך אים קלעפּיק, שטום באַוועגט.

אָבער אויך מאיר האָט זיך נישט אַנטדרייסט אויפצוהייבן דעם בליק.

רק זיינע הענט האָבן געברויזט, געוואָרפן זיך אין העפטיקע תנועות:

„גענוג, אַ סוף! צו לאַנג געווען בלינד!"

זיין פאַרביסענע שטומקייט האָט ממש געשריגן.

*

באַגינען האָט אַ פור אַוועקגעפירט פון אַלטשטאָט מאירן מיטן ביסל זאַכן.

אין גליוּוער, מיט גלאָזיקן בליק, האָט דער טומטום נאָכגעקוקט דעם מאירן ווי ער באַהייבט זיך אין סאַמע קאַיאָר אונטער די שווערע שטיקער מעבל, ווי ער שלעפּט די גרויסע פּעק איבער די געדרייטע, טונקל־סקריי־פּענדיקע הילצערנע טרעפּן. און האָט ער זיך שפּעטער אויסגעטשוכעט פון דעם אומהיימלעכן געשעען, האָט ער זיך דערזען איינער אַליין אין אַ האַלב אויסגעליידיקטער, אָנגעהויקערטער שטוב. פון דער קעל האָט דעמאָלט אים זיך אַרויסגעריסן אַ שווערער קרעכץ:

— באַדאַרפט פרעגן: היתּכן, ווי טוט עס אַ ייִד? איך זע שוין צו וואָס עס גייט.

אָבער ער האָט מאירן נישט געפרעגט. שפּעטער האָט ער אַ רעד געטאָן נאָר צום אייגענעם געהער:

— אַ מענטש נעמט און מאַכט אַ תל פון אַלצדינג — פון אַ שיינער פּרנסה, פון ווייב און קינד — — נישט שייך אַז אַזאַ שטאָט זאָל נישט משוגע מאַכן. ר'איז נעבעך חרוב, דער מאיר!

XXV

אַרויסשטאָט

אַרויסשטאָט האָט זיך אַוועקגעקליבן אויף איינזאַמקייט דער ייִד מאיר רויט און מיט אים זיין זיבניאָריק טעכטערל. אין אַ פאַרוואָרפן דאָרפיש געסל, אַ שטילס, אַ שמאָלס האָט זיך באַזעצט דער מענטש. ווי אַ דינער, שאַרפער איינשניט איז דאָס פאַרלוירן זאַמדיקע געסל אינעם לאַנגן ברוי־קירטן טראַקט וואָס לויפט באַרג־אַרויף צום אַלטן שטעטל זגערזש, לויפט מיט אַ שווער הודזשנדיקן טראַמוויי און מיט הויך געלאָדענע משא־וועגענער.

עס איז שוין אָפּגעגאָלט מאירס שוואַרצע קמץ־בערדל וואָס פלעגט זיך שטענדיק נערוועז טרייסלען איבער זיין אויסגעוואַקסענעם גוף. אין דעם גויִשן היטל וואָס איז ניילעך געזעסן אויף זיין גרויסן קיילעכדיקן קאָפּ, האָט דאָס אויסגעגאָלטע פּנים אויסגעזען טריב, גלייך אַ וואָלקנדל וואָלט זיך באַזעצט אונטערן דאַשעק. אַ נס, וואָס זיינע אויגן, לייכטנדיקע מיט אַ מאַטן גלאַנץ, האָבן צוגעגעבן אַ ביסל לעבן דעם אַשיקן פּנים וואָס האָט זעלטן־ווען אַ צוק געגעבן, זיך אַ באַוועג געטאָן. בכלל האָט ער זיך דאָ ווינציק באַוועגט. די פּוסטלעכע געגנט פון שיטערע נידעריקע הילצערנע שטובן האָט געפּענטעט דעם מענטשנס כוחות און די גראָע שטילקייט פונעם אָרום האָט געלאָשן יעטוועדן מעגלעכן אימפּעט. דאָ און דאָרט אַן עלנט ביימל, וואָס האָט געוויינט אין ווינט, געשטוינט אַנטקעגן דעם בלייכן הימל און געצויגן זיך שאָטנהאַפטיק צו א נאָענטלעכן אָרעמען דאַך. ער האָט געהאַט דאָ קנאַפּ צו טאָן דער ייִד אין דעם נישט־ייִדישן קאַנט פון דורכויסיקער רו אינעם אומרו, וואָס איז געוועזן אַט־אָ פונאַנדערגעשפּרייט. מוז זיין אַז אַ נישט־אַרויסגעבראַכטע שרעק איז געוועזן אין בליק פון דעם מענטש וואָס האָט זיך באַזעצט אין דעם אָרט און דאָס איז עס געוועזן די סאָפּנדיקע שטילקייט, וועלכע האָט געצוימט דעם תמיד פאַרטועגעם מאיר רויט. האָט ער זיך אויפגעהויבן עפּעס צו טאָן, פאַרזאָרגן די באַלעבאַטישקייט, איז עס געוועזן יענער מ ו ז וואָס באַוועלטיקט דעם מענטשן ווען ער זעט אײַן אַז ער איז אויסגעשטעלט רק אויף זיך אַליין. אַזוי לפּחות האָט מאיר גע־

לעבט אין תחילת פון זיין אַנטרינען ווערן. אַ טונקעלע אָנונג האָט אים גע־שטויסן צו אַלץ, וואָס ר׳האָט געטאָן, אַנישט וואָלט מע געקענט מיינען אַז דער מענטש איז אייגנטלעך טויט, נאָר ער ווערט באַוויגן פון אַן אינעווייניקדיקן מעכאַניזם וועלכער טרייבט זיינע פיס, הייבט זיינע הענט און לענקט שטענדיק מיט זיינע טאָוונגען, וואָס זענען תמיד די זעלביקע.

דער מענטש איז אַרומגעגאַנגען אַ שווייגנדיקער, מיט אַ פּאַרהאַקט מויל, פּונקט ווי די שטילקייט וואָלט זיך אין אים איינגעגעסן. ער האָט נאָר געזוכט עפּעס צו טאָן, אַקוראַט ווי ער וואָלט געזוכט מיט אַרבעט צו פאַר־טרייבן ווייטיקן, וואָס עסן אים און מאַטערן.

אים האָט זיך אין די נעכט געחלומט: רחל איז משוגענערווייז אַרומגע־לאָפן איבער דער שטאָט, געזוכט די שפּורן פונעם מאַן, אים נישט געפונען, איז זי אַריינגעפאַלן אין מרה־שחורה, פאַרנאַכלעסיקט די שטוב, וואָס אונ־טערן שיפן פולאָפּ. מייז האָבן איר די אויגן אויסגעגעסן און כאַווטשע איז אויסגעוואָקסן הויך, ווילד ווי קראָפּיווע; זיך פאַר קיינעם נישט געשעמט, מיט גאָרנישט זיך געשעמט, מענטשן די אויגן אויסגעדראַפּעט, דער מאַמען אַהיים געבראַכט אַ ממזר — —

אויף דער וואָר האָט זיך מאירן געחלומט: רחל האָט אים אויסגעזוכט אין טשעמנע געסל. נאָך אַ לאַנגן, קויטיקן ווינטער זיך דערשלאָגן צו זיין באַהעלטעניש. זי איז געשרומפּן ווי אַ שוואָם, זי איז צאָרנדיק, זידלט:

— שלאָגנדערסט זיך דאָ אַרום מיט די „יעניקעס”!... גראָבער פליגל וואָס דו ביסט. זאָגסט גאָרנישט, פרעגסט נישט, נאָר אַנטלויפסט! ס׳עט דיר גרינג נישט אָנקומען, אויסוואָרפלינג! מיך וואַרפסטו, אָבער וואָס האָסטו צו דיין קינד, כאַם! לעבסט מיט דער טאָכטער?... כומעס געדערעם לאָקן דיך...

ער האָט נישט געענטפערט. ר׳האָט אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ אין דער זייט, מיט פרעגנדיקע אויגן זיך געווענדט צום שטוינענדיקן מיידעלע:

— וואָס וויל זי, די ייִדענע?... ווער איז זי? אַ פרעמד מענטש און טשע־פּעט זיך! זאָל זי גיין.

דאָס געסל איז אַ שטילס, מער פוסט אָרט, ווי הויז: ט ש ע מ נ ע ג ע ס ל אין ראַדאָגאָשטש, וואָס זיינע הייזער זענען בעת דער מלחמה־זאַ־ווערוכע חרובֿ געוואָרן פון פיינדלעכע שראַפּנעלן און הונגעריקע מענטשישע הענט. צעשמעטערטע פון הודזשענדיקן פייער־שטורעם, זענען די הייזער — כמעט לויטער האָלץ — מיט גיריקייט פונאַנדערגעטראָגן געוואָרן. מיט די

קראָקוועס און בעלקעס האָט מען אויסגעהייצט די וויסטע היימען, געוואַ־רעמט די געשרומפּענע נשמות, די פּאַרקילטע געמיטער; און אפשר אויך גע־שטילט אַזויערנאָך די נויט וואָס האָט זיך צערעוועט אין שגעון?

דעם זעלביקן גורל האָט אויך געטיילט דאָס הויז פון לאהלעס זיידן. אונטערן געדונער פונעם פלייצנדיקן פייער פון דער דייטשער אַרטילעריע וואָס האָט זיך געהאַט צערעדט פאַזע דער שטאָט, איז דער אַלטער שומאַק אַנטלאָפן פון דער היים נאָר מיט אַ פּערענע און אַ קישן אויף דער געהויקערטער פּלייצע. צוריק געקומען איז ער שוין צום תוהו־ובוהו. וויסטעניש און קעלט האָבן אַקעגנגעבלאָזן זיין אַלייניקער שווערער זיקנה. אין דעם־אָ ווייטיקלעכן עלנט האָט דער אַלטער שוין נישט דורכגעהאַלטן. אין אַ ווינ־טער־נאַכט (ווען ער האָט געבלאָנדזשעט אין ראַדאָגאָשטשער העק, געזוכט מיט די קורצזיכטיקע אויגן דעם וועג צו זיין בת־יחידה כומע, וואָס אין דעם ווייטן אַלטשטאָט), האָט אַ שניי־ווירבל אים אַ הייב געטאָן אין דער לופטן, מיט בייזן כוח אַנידערגעשליידערט אויף דער ערד. דעמאָלט האָט ער גע־קושט די ערד אויף אייביק, דער אַלטער, וואָס האָט זיך געטראָגן אין לעבן ווי אַן אויסגעסוכניעטער צעוואַקסענער קזשאַק.

די־אָ לערקייט איז געבליבן הויערן נאָך די אַנטנומענע פון לאהלעס שטאָם: דיין זיידע, דיין מאַמע, — פלעגט דער פאָטער אַ מאָל דערמאָנען דעם מיידעלע — אָרנטלעכע נשמות געווען. זיי זאָלסטו נאָכגעראָטן!

לאהלעס ירושה־פּלאַץ איז לאַנגע יאָרן געלעגן פאַרוואָרלאָזט. קופּעס מיסט, אָנגעטראָגענע דורך ווינטן, זענען געווען אָנגעהויפט אויף דעם פוסטן ערד־שטח; צווישן ציגל־ברעקלעך, שפּליטערס פון פאַרזשאַווערטן אייזן און צעבראָזגעטע גלאָז, וואָס האָבן זיך דאָ געוואַלגערט פון פאַרגעסענע צייטן; דאָ און דאָרט זענען אויף דעם שטח שוין קאָפּויער געקומען גרעזער און וויל־דע, שטעכעדיקע דערנער.

מאירס הענט, דאַרשטיקע נאָך אַרבעט און פאַרגעסונג, האָבן פון דעם פוסטן שטיק ערד פאַמעלעך אַראָפּגעווישט די וויסטקייט. מיט אַ טאַטשקע האָט ער אַרויסגעפירט דאָס לאַנגאָניקע מיסט, אַרויסגערוימט די ברעקלעך ציגל, דאָס אַלטע אייזן־אָפּפאַל, געדולדיק אָפּגעקליבן די שטיינער און ר׳האָט אַרום דעם אויסגעבויט אַ צוים פון ברעטער.

לאהלען האָט ער אַהין אַריינגעפירט דורך דער פאָרטקע און געזאָגט:

— טאַכטערשי, דאָס איז דיינס. ס׳אַ פּלאַץ, הע? אָבער אויף דעם פּלאַץ

קען מען אויפשטעלן אַ שטוב, — און אַ שנופּ געטאָן מיט דער נאָז. — האָט מע כוח קען מען אַפילו אויסבויען אַ פּאַלעי.

דאָס מיידעלע האָט חידושדיק געקוקט אויפן פאָטער, עפּעס ווינציק באַנומען זיינע רייד.

— ס׳איז אַ שטיקל מאַיאָנטעק, פאַר דיינעטוועגן, לאהשי, — האָט ער נאָך מסביר געווען, — מ׳דאַרף נאָר זיין געזונט.

אַז ער האָט מיט אַ לאָפּעטע דערנאָך איבערגעקערט די אייבערשטע שיכטן פון דער אויפגעבראָכענער האַרטער ערד, איז לאהלע אים נאָכגעגאַנגען און מיט אַ קליינער שויפל צעשטאָכן די שוואַרצע גרודעס, וואָס האָבן זיך געפּאַרעט אין דער קילבלעכער, שיטערער לופט.

פרילינג, ווען די זון האָט אַ גינגאָלדענע זיך געהויבן איבער די אָרעמע, ענגע געסלעך אַרויסשטאָט, האָט ער נאָך אַ מאָל איבערגעדרייט די ווייך־געוואָרענע ערד פון לאהלעס ירושה־פּלאַץ, געזייעט מייערלעך, בורעקעס, אַרבעס, געפלאַנצט אַ פּאָר ביימלעך. לאהלע האָט אים נאָכגעשפּאַנט פוסטריט, צוגעקוקט זיך צו דער מי פונעם פאָטער, און ער האָט צו איר גערעדט:

— זעסט, טאָכטערשי, אַ גאָרטן פלאַנץ איך דיר... פאַר דיינעטוועגן, קינד. זאָלסט אים היטן. אַז ס׳וועט שטיין אַ הייסע זון, זאָלסטו אים באַגיסן. נישט אין מיטן טאָג, חלילה, נאָר פאַרטאָגס און פאַר נאַכט. יאָ, נאָר דעמאָלט. די מייערלעך און אַרבעס און בורעקלעך וועלן וואַקסן זאַפטיקע און זיסע. די ביימלעך וועלן דיר געבן עפּל און באַרנעס. אייגענע עפּל און באַרנעס זענען גאָר, גאָר געשמאַק, קינדלעב.

געוווינט האָבן זיי נישט ווייט פון דעם געירשנטן גאָרטן־שטח וואָס איז זיך שטיל אויפגעגאַנגען אין דער עפּעס שווער באַלאָדענער שטילקייט. גאַנצע טעג איז מאיר געזעסן אין דעם קליינעם הייזל און זיך געהודעט אויף אַ לאַנגער באַנק פון אַ וועבשטול. אַ לעבעדיקער מענטש מוז עפּעס טאָן. אַ מענטש קען זיך בשום אופן נישט אויסטאָן פונעם עול, — האָט מאיר אָפּגעמאַכט מיט זיך. אויב נישט מיסחרן, גראַמט זיך מלאכה גאַנץ גוט מיט ברויט און קאַרטאָפל. קאָפּטיכלעך, אַקסלטיכלעך פאַר פויערטעס, אויך פאַר ייִדישע ווייבער איז דאָ אַ גאַנגבאַרע זאַך; וועט נאָך עמעץ זיך אַריינדרייען דערין — און געפלייסט זיך דערביי פון באַגינען ביז דער צופאַלנדיקער פינצטערניש. לאהלע, זיין יונגע טאָכטער, איז געזעסן נעבן אים ביי דער ווערקשטעל און מיטגעוויגט זיך אינעם ריטעם פון דעם טאַטנס באַוועגונגען

וואָס זענען געווען גלייכמאָסיק און געלאַסן. פּונקט ווי ביים טאָטן איז ביים מיידעלע געוואַקסן דאָס האַרץ ווען דערזען אַז ס'ברייטערט זיך אויס אויפן וועב־געלענדער אַ דורכפּליסנדיק פּילקאָלירי̇ק געוואַנט פון גרין, אָליוו, רויט און ווייס; דורכגעשאָסן דעם פאָדעם און יענעם אין דער ברייט פון ווערק־שטעל, ס'איז אָנגעשפּאַנט דאָס געוואַנט וואָס וויקלט זיך אַראָפּ אין דער לענג און קעסטעלעך און שטרייפן וואַקסן אָן ווי שיינע לאָקנדיקע פלאַמען און שטראַלן וואָס זענען אַ לאַבונג פאַרן געמיט. פונקט ווי דער פאָטער האָט לאהלע זיך איינגעגעסן אין דער אַרומיקער רואיקייט, וואָס האָט האַרבסט־צייט זיך צעוואָיעט אין ווינטן וואָס האָבן זיך אויפגעכאַפּט האַסטיקע, מיט געכליפּ פון בייטשנדיקע רעגנס און זיי הערן זיך טאָג און נאַכט. ווינטער, ווען אין דרויסן האָט געפייפט מיט פראָסטיקן געוויטער און אַ שניי־ווירבל האָט מיט רוגזה אויפגעהויבן מטושטשע אוזאָרן, זיי געדרייט פאַרן פּנים פון טעג און אויפדערנאַכטן, איז מאיר געזעסן מיט דער קליינער טאָכטער ביי דער איינגעהייצטער הרובע. וועבערס פּוסטע־פאַסטעווען בעת די קרירות — ער האָט טיף געשוויגן, פון צייט צו צייט צוגעוואָרפן צום פייער אַ קליין האָלץ, אַ שטיק שטיינקויל און מחמת לאַנגווייל פלוצלינג אויסגעברומט אַ לידל:

„...לאַנג וועט דויערן נאָך דער ווינטער,
זומער איז נאָך ווײַ־ײַ־ײַט״ — — —

און ווידער אָפּגעשוויגן. טייל מאָל האָט מאיר זיך פריילעך געמאַכט: געלייגט אויף די צעזשאַרעטע קוילן אַ זילבער־געלן הערינג, געבראָטן אים אין פאַרטראַכטקייט און דערנאָך זיך הויך אויף אַ קול געקוויקט מיט אים („ס'גוט, לאהלע? דער טאַטאַ וועט דיר שטענדיק געבן גוטע זאַכן!״), פאַר־ביסן מיט פריש געביי̇טלט ברויט, צוגעטרונקען געזיסטן טיי און אָנגעטאָן אַ חשק אויף דעם מיידעלע: „עס, עס, קינד, וועסט זיך דערכאַפּן די פּיס־לעך!״ אַן אַנדערש מאָל פאַר נאַכט, ווען די פינצטערניש האָט אַ שווערע, אַ קנוילנדיקע זיך אַריינפאַרקליבן אין הינטערשטאָטישן שטיבל, האָט מאיר זיך אַוועקגעזעצט מיטן טעכטערל ביי דער אָנגעצונדענער לאָמפּ וואָס אויפן טיש און זי געלערנט יידיש לייענען און שרייבן.

אָרעם איז געווען מאיר רויטס שטיבל אין ביכלעך. אַ צייטונג האָט זיך גיכער פאַרוואַלגערט אויפן קעסטל וואָס איז געווען סיי די קליידער־שאַנק און סיי דער וועש־קופערט. האָט מאיר זיך געשטרעקט צו די צייטונגס־

בלעטער, זיי פונאַנדערגעוואָרפן אויפן טיש, צוגערוקט צו לאהלען די גרויסע אותיות, וועלכע דאָס מיידעלע האָט אויפן קול שטיל סילאַביזירט:

„אור־טייל אין פראַ־צעס קע־גן די אַנ־טייל־נע־מערס אין מי־מיש־לע־ביצער מאַארש.

„ט־טטראַ־גי־שעע דע־ערר־קלע־־ע־רונ־געען פו־ון כאַא־אַס־קע־לעע־וויטשן.

„ססיַ־יַים אי־ינ־טעע־ער־פעע־לאַ־ציע־עע ווע־עעגן ח־רו־בעע ששטע־עעט־לעע־עך" — — —

ס'איז שווער אָנגעקומען לאהלען דאָס לייענען די אויסטערלישע ווער־טער פון די גרויסע פּאַפּיר־פּלאַכטעס. דערנאָך האָט דאָס מיידעלע נאָכגע־שריבן מיט טינט און פעדער אַ סך ווערטער פון דער צייטונג:

..."ערגעץ אַנדערש האָט זיך דורכגעריסן אַ שטראָם פון פונאַנדערגע־גאָסענעם אַלקאָהאָל, וואָס האָט אָפּגעשוואָנקען די שטיינער פון גאָס. אויף אַן אַנדער אָרט האָבן זיך דערפילט ריחות פון פּאַרפום און אויף געוויסע ערטער האָט זיך פונאַנדערגעטראָגן אַ געדיכטער שטויב פון פודער. מיט גראַמאַפאָן־פּליטן האָט זיך פּאַרדעקט אַ טראָטואַר. אויף דער קאָברינער גאַס האָט מען ביי דער אָרעמקייט צוגענומען אַפילו די טעפּלעך. אַ הילצערן הייזל, אין וועלכן עס האָבן געוווינט עטלעכע אָרעמע יידישע משפחות, איז אין משך פון פופצן מינוט צענומען געוואָרן ביזן פונדאַמענט. מע האָט צע־האַקט קראָמען און סקלאַדעס איינס נאָכן צווייטן, אָן איבעריקער איילעניש, אָן שום מורא"...

— לייען, לייען, פּאַמעלעך, לאהשי: וועסט זיך אויסלערנען פּאַרשטיין ס'געלייענטע, — האָט דער טאַטע געמינטערט ס'טעכטערל.

„ טשענסטאָכאָווער גע־שעע־ע־בי־ישן... פזשי — — —"

— גוט, גוט, קינדלעב, לייענסט ריכטיק: פזשי־טיק! — העלפט ער איר אַרויס.

„פזשי־טיק" — לייענט לאהלע און די גרויסע אייגעלעך אירע בליש־טשען מיט געפרעג: — „וואָס מיינט עס, טאַטעשי?"

— פרעג שוין נישט, קינד, וואָס דאָס איז. ס'אַ שטאָט, האָט זיך דאָרט אָפּגעטוען, נעבעך אַ יידיש שטעטל. עס האָט באַצאָלט מיט יונגע לעבנס. מאַטשעק איז געוואָרן ווילד, גייט ער מיטן מעסער.

— ווער, זאָגסטו, טאַטעשי?

— בעסער זאָלסט נישט וויסן פון אַזוינס. האָסט צייט, מיין מיידעלע!
אַ מידער איז מאיר דערנאָך אַנטדרימלט געוואָרן נעבן טיש. לאהלע האָט שפּעטער אַליין לאַנג אַרויסגעשריבן פון בלאַט, געלערנט זיך ציקלען די אותיות, געשטעלט זיי קיילעכדיקע, אָפּגערונדיקט קאַפּעלעך פון כאָוון, גלייך ווי אַ ווירע אַראָפּגעצויגן לאַנגע נונען, אַרויפגעשאָסן לאַמעדן ווי שטייענדיקע בייטשן.
אין דרויסן, אונטערן אייזיקן הימל, האָט זיך אין שניי־ווילעקעס גע־באַבלט דער גאָרטן, וואָס האָט אום פרילינג געבליט און אום זומער גע־צייטיקט. איצטער־אָ האָט דער גאָרטן זיך געקאָרטשעט ווי אין ווייען.

*

אין דער ציגל־מויער, וואָס הויערט אַ קנ׳ענדיקע אויפן ראָג אַלט־שטאָט, פּוסטעוועט דאָס קעלער־געוועלב פון שטריק־הענדלער מאיר רויט. טאַקע פאַרמאַכט! מענטשן, וואָס ווילן דינגען אַ קראָם אויף אַלטשטאָט, אַנט־לויפן פון דעם־אָ קעלער, ווי פון אַן אייביק אָפּשרעקעניש:
— טייוואָלים רוחן דאָ אַרום... דער שטריק־סוחר האָט זיך דאָ אויפ־געהאָנגען, — שמועסט מען. — באַהיט מיך פון אַזאַ געשעפט. טפוי!

לאָדזש, 1937.